STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04635

YAM UN HIML

Note Lurye

Permanent preservation of this book was made possible
by Wilton & Elin Danien
in memory of
Morris J. Danien

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



נאָטע לוריע

יאָם און הימל

ראָמאַן,
דערציילונגען
און
פאַרצייכענונגען

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע. 1978

С(Евр)2
Л 86

נאָטע לוריעס ערשטע דערציילונג „באַנאַכט אף פּאַשע“, מיט וועלכער ער האָט דעביוטירט מיט פופציק יאָר צוריק, האָט דער לייענער און די קריטיק אופגענומען ווי א ווערק פון א קרעפטיקן פילצוזאָגנדיקן טאַלאַנט.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, נאָכן דערשײַנען פונעם ראָמאַן „דער סטעפּ רופט“, האָט נאָטע לוריע שוין פאַרנומען אן אָנגעזעען אָרט צווישן די גרעסטע שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. „דער סטעפּ רופט“ איז איבערגעזעצט אף א סאַך שפּראַכן, אים זײַנען געווידמעט פיל קריטישע אַרטיקלען, אין וועלכע דער ראָמאַן ווערט אָפּגעשאַצט ווי א באַדײַטנדיקע ליטעראַרישע דערשײַנונג.

די פּראָזע פון נאָטע לוריע טיילט זיך אויס מיט איר אַקטועלקײַט, מיט איר קלאָרער טיפער אידייִשקײַט, מיט דער זויבערקײַט און בילדערישקײַט פון דער שפּראַך. די געשטאַלטן פון זײַנע ווערק זײַנען רעאַליסטיש, פולבלוטיק, די נאַטור־בילדער — פּאָעטיש רײַך.

די דאָזיקע אייגנאַרטיקײַט פון נאָטע לוריעס פּראָזע האָט זיך אויך פאַרהיט אין די ראָמאַנען „הימל און ערד“, „די געשיכטע פון א ליבע“, אין די דערציילונגען און נאָוועלן, וועלכע דער אווטאָר האָט געשאַפן פאַר די לעצטע יאָרן.

אויסער דעם ראָמאַן „די געשיכטע פון א ליבע“, וואָס איז געווידמעט אונדזער הײַנט און איז דורכגעדרונגען מיט יוגנטלעכער ראָמאַנטיק און פּאָעטישקײַט, זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם בוך „יאַם און הימל“ אויך פיל דערציילונגען, נאָוועלן און פאַרצייכענונגען, וועלכע נאָטע לוריע האָט געשאַפן אין פאַרשיידענע צײַטן און וואָס גיבן דעם לייענער א מעגלעכקײַט זיך נאָך ברייטער באַקאַנען מיט דער שאַפונג פונעם באַוווּסטן און באַדײַטנדיקן וואָרט־מײַסטער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

© Издательство «Советский писатель», 1978 г.
Л $\frac{70303-220}{083(02)-78}$ 238—78

פון

איך ווייס ניט, ווי אנדערע, נאָר ווען איך קלײַב זיך אין א רײַזע, ווילט זיך מיר שוין באם קויפן דעם בילעט וויסן, וואָס פארא שכיינים וועל איך האָבן אין קופע. זעלבסטפארשטענדלעך, אז עס וואָלט זיך וועלן, ס׳זאָלן זײַן ניט קיין אָנגעכמורעטע שווײַגערס, ס׳זאָל זײַן מיט וועמען אויסריידן א וואָרט. און ווו און ווען באקאנט מען זיך נאָך אזוי לײַכט, באפרײַנדעט מען זיך אזוי גיך, ווי דעמלט, ווען מע פאָרט אין איין קופע, ביפראט נאָך א לענגערע צײַט.

פרווט א פרעג טאָן אין גאס גלאט אזוי בא אן אומבאקאנטן מענטשן: „פונוואנען גייט איר?", „וווּהין גייט איר?", צי „וואָס איז אײַער טועכץ?", „ווו ארבעט איר?", וועט מען אף אײַך א קוק טאָן ווי אף א צעמישטן און גלײַך פארשנעלערן די טריט, קעדיי וואָס גיכער זיך אָפּטשעפּען. אָבער אין וואגאָן?..

באלד ווי דער צוג האָט זיך גערירט, און צומאָל נאָך פריִער, ווייסט איר שוין, פונוואנען און וווּהין אײַערע שכיינים פאָרן, וואָס פארא פראָפעסיע איז בא יעדן איינעם, ווו זיי ארבעטן. צווישן די מיטפאָרער טרעפן זיך באזונדערס בארײדעוודיקע פארשוינען, וועלכע לייגן פאר אײַך ארויס אלץ מיטאנאנדער, דערציילן מיט אלע איינצלהײַטן אזוינס, וואָס אין אנדערע אומשטענדן וואָלטן זיי עפשער עס קיינמאָל ניט דערציילט. גאנץ אָפט זײַנען עס ביז גאָר רירנדיקע לעבנס־געשיכטעס, וואָס אין קיין שום ראָמאן וועט איר זיי ניט אויסלייענען.

יעדעס מאָל, ווען איך קלײַב זיך אין וועג, פיל איך זיך אזוי, ווי עס זאָל מיך דערוואַרטן א וויכטיקע אנטדעקונג, און איך קוק שוין ארויס אף דער מינוט, ווען איך וועל זיך באגעגענען אין וואגאָן מיט די נײַע פאר מיר, ביז איצט נאָך אומבאקאנטע מענטשן.

באזונדערס בין איך געווען נײַגעריק צו וויסן, ווער עס וועט פאָרן מיט מיר אין איין קופע, ווען איך האָב דאָ ניט לאנג אין א כמורנעם אָקטיאָבער־טאָג גענומען א בילעט מאָסקווע — ביראָבידזשאן.

א בילעט איז אויסגעקומען צו נעמען אין א צווישנפעלקערלעכן וואגאָן. קיין אנדערע בילעטן זײַנען ניט געווען. און אין אזא וואגאָן, ווי באוווסט, איז יעדע קופע אויסגעשטאט בלויז פאר צוויי פאסאזשירן. וועט מיר אויסקומען, הייסט עס, פאָרן זיבן טעג און זיבן נעכט זאלבעצווייט אין איין קופע. וואָס זשע פאר א מיטפאָרער אָדער מיטפאָרערן וועט דער גורל מיר צושיקן אף אָט די זיבן מעסלעס?

צום צוג בין איך געקומען באצײַטנס, האלטנדיק זיך באם קלאל: גלײַכער קומען מיט א האלבער שאָ פריִער, איידער מיט א האלבער מינוט

שפּעטער. אין דער געמיטלעכער קופּע איז נאָך קיינער ניט געווען. איך האָב
פאַרנומען מײַן אָרט — פון רעכטס, אויפן ווייכן דיוואַן, און פון אָט דער מי־
נוט האָב איך מיט נײַגער שוין אַרויסגעקוקט דורך דער עטוואָס אָפענער
טיר אױף דער פּערזאָן, וואָס דאַרף אָט־אָט פאַרנעמען דאָס אָרט אויפן דיוואַן
פון לינקס.

אין א צען־פופצן מינוט ארום האָבן אינעם לאַנגן וואַגאָן־קאָרידאָר זיך
באַוויזן אופגעלעבטע טרעגער מיט גרויסע אויסטערלישע טשעמאָדאַנעס
און שווערע סאַקוואָיאַזשן, און באַלד נאָך זיי גאַנץ אימפּאָזאַנטע פּאַסאַ־
זשירן. פאַרבײַ דער טיר פון מײַן קופּע איז מיט ווייכע, געלאַסענע טריט
דורך א יונגע, זייער שיינע פרוי און באַנאַנד מיט איר א הויכער מיטליאָ־
ריקער גענעראַל. זיי האָבן פאַרנומען די שכייניעסדיקע קופּע. אין א ווײַלע
ארום האָב איך באַמערקט, ווי עס זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען א יאַפּאָנער מיט
א יאַפּאָנערן, ביידע געקליידט פון קאָפּ ביז די פיס אין שוואַרצן. ריידנדיק
הויך אױף אַן אומפאַרשטענדלעכער פּאַר מיר שפּראַך, האָבן דורכגעשפּאַנט
צוויי עלעגאַנט געקליידטע יונגעלײַט אין אלצייגע גרויסע שפּאַקולן. נאָכ־
דעם א פּאָרפּאָלק. ער, קאָנטיק א מאָנגאָל, א יאַם־קאַפּיטאַן. זי — א בלאָנדע
מאַדאָנע מיט א פּיצל קינד אױף די הענט. שווײַגנדיק, מיט גרויסע בײַכיקע
פּאָרטפעלן, זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען א פּאָדפּאָלקאָווניק און א מאַיאָר־גרע־
נעצלער. און ווי אלס קאָנטראַסט צו זיי האָבן, פּלאַפּלענדיק הויך און קײַכנ־
דיק פון געלעכטער, זיך דורכגעטראָגן צוויי האָפּערדיקע ברונעטקעס.

לויט מײַן כעזשבן, זײַנען אלע ערטער אין די שכייניעסדיקע קופּע
פון אונדזער וואַגאָן שוין געווען פאַרנומען. ביזן אָפּגיין פונעם שנעלצוג
איז פאַרבליבן עטלעכע מינוט, און דאָס צווייטע אָרט בא מיר אין קופּע איז
נאָך אלץ געווען פרײַ. צי דען וועט שוין קיינער ניט קומען און איך
וועל בלײַבן איינער אליין, אָן א מיטפּאָרער? איך האָב געקוקט אויפן זייגער.
אָן צוויי מינוט פינף. אָן איין מינוט. פּינקטלעך פינף. אויס! דער צוג האָט
זיך שטיל גערירט, און אין דער זעלבער רעגע, שוין לאַכלוטן אומדער־
וואַרט, האָט אין דער גאַנצער ברייט האַסטיק זיך אָן עפן געטאָן די טיר
און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין קופּע א מיטל־
וווּקסיקער באַיאָרטער מאַנצבל מיט א קלײַנעם אָפּגעריבענעם טשעמאָדאַן
אין דער האַנט. גאָרנישט ניט געזאָגט, געגעבן בלויז א קוים מערקבאַרן
שאָקל מיט דער צעפּאַטלטער טשופּרינע, האָט ער פאַרלוירן זיך אַרומגע־
קוקט, ווי ער וואָלט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אוועקגעשטעלט דעם טשע־
מאָדאַן אויפן טעפּיך, וואָס האָט פאַרדעקט דעם דיל, באַלד אים צוריק גענו־
מען, אוועקגעלייגט אױף דער פּאָליצע. ניט אויסטוענדיק דעם פּײַכטן קורצן
געקעסטלטן מאַנטל, האָט דער אַרײַנגעקומענער א צעבראָכן־מידער זיך צו־
געזעצט אויפן דיוואַן אַנטקעגן, באַם סאַמע טישל, צונויפגעקרייצט די דאַרע
לאַנגע פינגער פון ביידע הענט, אַראָפּגעלאָזט אױף זיי דעם צעפּאַטלטן גראָוון
קאָפּ און געבליבן אַזוי זיצן.

ס'איז צו זען געווען, אז דער מענטש איז שטאַרק צערודערט. מיר האָט
זיך זייער געוואָלט מיט עפּעס אים צעשטרייען. נאָר איך האָב באַשטימט
ניט באַאומרויִקן אים, לאָזן אים קומען צו־זיך. דערווײַל, ביז וואָס־ווען, האָב
איך שטיל, אָן טומל אַרויסגענומען פון מײַן אָנגעפּאַקטן טשעמאָדאַן די

עטלעכע פּרישע צײַטונגען, וועלכע איך האָב נאָך ניט באוויזן דורכקוקן, די פּיזשאמע, די שטעקשיך. א צופרידענער, וואָס כ'האָב געפונען מיט וואָס זיך צו פארנעמען, האָב איך ניט געײַלט זיך איבערגעטאָן און נאָכדעם, צורוקנדיק זיך נעענטער צום פענצטער, ארײַנגעקוקט אין א צײַטונג.

לייענענדיק, האָב איך פון מאָל צו מאָל געכאפּט א קוק אף מײַן מיטפאָרער. ער איז אלץ אזוי געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ אף די צונויפגעקרייצטע פינגער, אָנגעשפּארט מיט די עלנבויגנס אין טישל.

דער צוג האָט זיך האסטיק געטראָגן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך די מיט וועלדלעך באזוימטע שטילע הינטערמאָסקווער דאטשע־ערטער. אינעם פארנאכטיקן דרויסן האָט אלץ העפטיקער זיך פארנומען א שפּעט־הארבסטיקער רעגן, מיט דריבנע אומעטיקע טראָפּנס געשמיסן אין פענצטער. פון מינוט צו מינוט איז אין קופּע געוואָרן טונקעלער. לייענען איז שוין געווען שווער. כ'האָב אוועקגעלייגט אין א זײַט די צײַטונג און ניט אָנגעהויבן וויסן, וואָס מע טוט ווײַטער. איך וואָלט אָנגעצונדן פײַער. נאָר עפּשער וועט אים שטערן? בין איך ארויס אין קאָרידאָר. דאָ, אין העל־באלויכטענעם קאָרידאָר, האָט געהערשט א פײַערלעכע ציכטיקײַט. אף די ברייטלעכע וואָגאָן־פענצטער — קלאָר־ווײַסע פאָרהענגלעך, צווישן די פענצטער — פּייזאזש־בילדער, אין דער גאנצער לענג פונעם דיל — א ווייכער גרינער טעפּיך. און — קיין איין מענטש. די גלאנציק־פּאָלירטע טירן פון אלע אכט קופּע — פארמאכט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערטראָגן דאָס פון רעכטס, דאָס פון לינקס אן עטוואָס צוגעטויבטער געלעכטער, פרויען־ און מענערשטימען, פריילעכע אויסרופן. יעדע קופּע האָט זיך געלעבט מיט איר באזונדער לעבן. מע זיצט זיך אף די דיוואנען און מע פארברענגט געמיטלעך. און וווהין זאָל איך זיך אהינטאָן? וויפל קאָן איך שטיין אין קאָרידאָר אָט דאָ איינער אליין באם פארעגנטן פענצטער און קוקן אין דער אָוונטיקער כאשכעס? און דאָך בין איך געשטאנען. לאנג. אומקערן זיך אין קופּע, ווו ס'איז פארבליבן זיצן אין דער פינצטער דער מאָרעשכוירעדיקער פארשוין, האָט זיך מיר ניט געוואָלט. נאָר קיין אנדער ברירע האָב איך ניט געהאט. געעפנט פאָרזיכטיק די טיר, האָב איך בא דער שײַן, וואָס איז ארײַנגעדרונגען פונעם העל־באלויכטענעם קאָרידאָר, באמערקט, אז דער פארשוין איז באם טישל שוין ניטאָ. ער ליגט אפן אויסגעבעטן דיוואן מיטן פּאָנעם צו דער וואנט. שלאָפט שוין, קאָנטיק. און עפּשער ניט. דאכט זיך, אז ניט.

הינטערן פענצטער האָט אלץ געמאראקעט דער רעגן. פון צײַט צו צײַט איז ער אוועק האסטיקער, בייזלעך געשמיסן אין דער טונקעלער שויב. איך האָב זיך צוגעלייגט, צוגעמאכט די אויגן, געוואָלט אנשלאָפן ווערן, נאָר ניט געקענט. כ'האָב געפילט, אז מײַן שאָכן שלאָפט אויך ניט. ווער איז ער? פארוואָס איז ער אזוי צערודערט? עפּשער פּרווון א רעד טאָן מיט אים? נאָר איך האָב ניט געוואגט.

אנשלאָפן געוואָרן בין איך שפּעט. אופגעכאפּט זיך, ווי שטענדיק, גאנץ פרי, האָב איך געטראָפן דעם שאָכן מײַנעם שוין זיצן אָנגעבויגן איבערן טישל. מיט אימפּעט האָט ער געשריבן עפּעס אף בלעטלעך פּאָסט־פּאפּיר, וועלכע זײַנען געלעגן אָן א סיידער לעבן אים. פון צײַט צו צײַט האָט ער פארהויבן דעם צעפּאטלטן גראָוולעכן קאָפּ, א רײַב געטאָן מיט די דינע

לאנגע פינגער דעם הויכן שטערן און זיך ווידער גענומען האסטיק שרײַבן.

— א גוטמאָרגן, — האָב איך זיך אָנגערופן צו אים, צוזעצנדיק זיך אפֿן דיוואַן.

ער האָט האסטיק א קער געטאָן צו מיר דעם קאָפּ, צעשטרייט מיך אָנגעקוקט.

— אנטשולדיקט... איר האָט עפּעס געזאָגט? — זײַנע ברייט־צעעפֿנטע שווארצע סמאָראָדינע־אויגן האָבן אויסגעזען זייער פֿארזאָרגט.

— א גוטמאָרגן, — האָב איך העכער, עפּשער אפּילע א ביסל צו הויך, איבערגעכאַזערט.

— א גוטמאָרגן... א דאנק, — האָט ער פֿארטויבט אָפּגעענטפֿערט, א שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ, זיך אויסגעדרייט צוריק צום טישל און ווידער זיך גענומען שרײַבן. ער האָט געשריבן גיך, גיך, געמעקט, צעריסן איין בלעטל נאָכן אנדערן, זיך פֿארטראכט, געביסן די ליפּן און ווידער גע־שריבן.

פֿארפֿירן איצט מיט אים א געשפּרעך איז ניט שײַעך געווען. מיט זײַן גאנצן וועזן איז ער אַרײַנגעטאָן געווען אינעם שרײַבן. שטיל, רויִק, קעדיי אים ניט שטערן, האָב איך זיך איבערגעטאָן, און כאָטש איך בין געווינט צו פֿרישטיקן א סאך שפּעטער, בין איך אוועק אין וואגאָן־רעסטאָראַן. דאָרט איז נאָך קימאט קיינער ניט געווען. איך האָב פֿאר־נומען א פֿרײַ טישל און בעקיוון זיך פֿארהאלטן וואָס לענגער. אויסער מיר איז פֿון אונדזער וואגאָן דאָ מער קיינער ניט געווען. זיי האָט מען, ווי איך האָב שפּעטער באמערקט, געטראָגן דאָס עסן אין קופּע אַרײַן.

אומקערנדיק זיך צו זיך, האָב איך מײַן שאָכן שוין געטראָפֿן ליגן אפֿן פֿארבעטן דיוואַן. איך האָב זיך צוגעזעצט אנטקעגן אים, געוואַרט, עפּשער וועט ער עפּעס זאָגן, פֿרעגן. נאָר אומזיסט. ער איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן, געקוקט פֿארטראכט אין איין פּינטל און געשוויגן. איך האָב זיך דערפֿילט אזוי, ווי איך זאָל זײַן דאָ אָן איבעריקער. בין איך ארויס אין קאָרידאָר, זיך צוגעשפּארט דאָרט באם אנטקעגנדיקן וואגאָן־פֿענצטער, געקוקט אפֿן הימל, וועלכער איז באדעקט געווען מיט כמארעס... שטיין לאנג איינער אליין אין קאָרידאָר איז געווען ניט איבעריקס באקוועם.

ניט וויסנדיק שוין וווהין זיך אהינצוטאָן, בין איך צוריק אַרײַן צו זיך אין קופּע. דער שאָכן איז אַלץ געלעגן אין דער זעלבער פֿארגליווער־טער פּאָזע אף זײַן דיוואַן. איך האָב זיך אויך צוגעלייגט, גענומען א צײַטונג, לאנג זי געהאלטן פֿאר זיך, נאָר לייענען ניט געקאָנט. דעם שאָכנס שווײַגן האָט מיך אַלץ מער און מער געדריקט. ווען ער טוט עפּעס, זיצט באם טישל און שרײַבט, אָדער ווען ער לייענט, צי ווען ער איז פֿארנומען מיט עפּעס אנדערש־וואָס, וואָלט זײַן שווײַגן מיך אזוי ניט גע־קימערט. אָבער דאָס, וואָס ער ליגט דאָ דערבײַ, בישכיינעס, מיט אָפֿענע אויגן און רעדט ניט אויס קיין וואָרט, — איז פֿאר מיר געווען אומדער־טרעגלעך. דאָס זײַן מיט אים אין איין קופּע איז פֿאר מיר געוואָרן אן עמעסע אָפּקומעניש. אים האָב איך זיך געסטארעט, פֿארשטייט זיך, ניט ארויסווײַזן דאָס. יעדן אינדערפֿרי האָב איך אים געזאָגט „א גוטמאָרגן".

ער פלעגט אַמאָל ענטפערן, אַמאָל ניט. מעגלעך, אַז ער האָט ניט געהערט, געווען דורכויס פאַרטראָגן מיט זײַנע געדאַנקען. עפּעס האָט אים געמאַטערט. מע האָט עס געזען לויט זײַן טיף־פאַרזאָרגטן פּאָנעם.

אַזוי זײַנען אַדורך זייער לאַנגע און שווערע פינף מעסלעס. איך האָב זיך ניט געקענט מויכל זײַן, וואָס כ'האָב גענומען אַ בילעט אין אַ צווישנפעלקערלעכן וואַגאָן, וווּ די פּאַסאַזשירן זיצן באַ זיך אין די קאָמפּאַרטאַמענטן, באַ זיך אין די קאָמפּאַרטאַבעלע קופּע, ווי אין פעסטונגען, און ס'איז ניט שײַעך מיט עמעצן פון זיי זיך צו באַקענען, אויסריידן אַ וואָרט.

פאָרן איז מיר פאַרבליבן נאָך צוויי מעסלעס, דאָך האָב איך אַרויסגענומען פונעם טשעמאָדאַן אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, און מיט אַ טאָלק איבערגעלייגט צוריק אַזוי, אַז די זאַכן, וועלכע איך וועל דאַרפן האָבן באַלד, ווי איך וועל קומען אָפן אָרט, זאָלן ליגן אויבנויף. די ביכער, וועלכע מײַן מאָסקווער גוטערברודער האָט געבעטן איבערגעבן זײַן זון, — ער וועט מיך באַגעגענען אין ביראָבידזשאַן באַם וואַגאָן, — האָב איך אין טשעמאָדאַן שוין ניט אַרײַנגעלייגט, איבערגעלאָזט אָפן טיש. דאָס זײַנען געווען ביכער וועגן פאַרשיידענע פראַגן פון יוריספּרודענץ. אייניקע פון זיי, ווי „די יעסוידעס פון דער סאָוועטישער געזעצגעבונג" און „דאָס יורידישע האַנטבוך", האָבן מיך פאַרינטערעסירט, און איך האָב אין זיי אַרײַנגעקוקט.

פון אינדערפרי אָן האָט הינטערן פענצטער געשאָטן אַ שניי. אַ שטילער, אַ געדיכטער, אָן אָנגעקוואָלענער שניי. דער שאָכן האָט קימאַט אַ גאַנצן טאָג געשריבן, געמעקט און געשריבן, און איך האָב פון לאַנגווײַל ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל געבלעטערט „דאָס יורידישע האַנטבוך". ווען ס'האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, איז, ווי יעדן אָוונט ביז אַהער, אַרײַן די וואַגאָן־באַגלייטערן — אַ פולבלעכע פרוי מיט אַ הויכן ווײַסן קאָלפּאַק אָפן קאָפּ און אין אַ ראָזלעכן פאַרטעך. זי האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פאָרצעלײַענעם טשײַניק מיט פריש־פאַרקאָכטער טיי, אַ טעצל מיט געבעקס, אַוועקגעשטעלט עס אָפן טישל און, אַוועקגייענדיק, שוין באַ דער אָפענער בלאַנקענדיק־פּאָלירטער קופּע־טיר, זיך פאַרהאַלטן.

— וואָס זאָגט איר, האַ, אָפן אומגליק, וואָס איז געשען? — האָט זי פאַרזאָרגט זיך אָנגערופן.

— וואָס פאַר אַן אומגליק? — האָב איך זי אָנגעקוקט, ניט אָנהייבנדיק צו וויסן, וועגן וואָס זי רעדט.

— איר האָט דען גאָרנישט ניט געהערט? — האָט זי פאַרוווּנדערט אויסגערופן. — אַ שרעקלעכער אומגליק האָט דאָך געטראָפן אין שכיינעסדיקן וואַגאָן. מיט צוויי שאָ צוריק, האַלב פיר באַטאָג, האָט אַ ייִנגערער לייטענאַנט אומגעבראַכט שווער פאַרווונדעט זײַן קאַלע. אַ וווּנדערלעך שיין מיידל. מאָרגן האָבן זיי געזאָלט פראַווען זייער כאַסענע אין טשיטאַ, באַ אירע עלטערן. זיי וואַרטן שוין דאָרט, און דאָ האָט געדאַרפט טרעפן אַזאַ אומגליק. שפּאַסנדיק מיט איר, האָט ער אין גוטן מוט אַ דראָע געטאָן מיטן פיסטאָלעט, זיכער געווען, אַז בעשאַס ער האָט אים געריייניקט, האָט ער אַרויסגענומען פון דאָרט אַלע קוילן... דער פיסטאָלעט האָט אומגעריכט אויסגעשאָסן, און די קויל האָט איר געטראָפן גלײַך אין ברוסט. אָף דער

סטאַנציע האָבן מיר דעריבער זיך פאַרהאַלטן אַף איבעריקע פופצן מינוט. דאָס מיידל, — זי איז שוין געווען אָן באַוווּסטזײַן, — האָט צוגענומען די גיכע הילף, און אים, אינגאַנצן אַ דערשיטערטן, אַ ראַכמאָנעס געווען צו קוקן אַף אים, האָט מען פאַרהאַלטן. ווער ווייסט, צי די קאַלע וועט בלײַבן לעבן. און ער... אים וועט מען מישפּעטן, ווי אַ פאַרברעכער. ער האָט דאָך ניט געוואָלט. ניט געוווּסט, אַז איין פּאַטראָן איז דאָרט פאַרבליבן. ער איז דאָך, אייגנטלעך, אינגאַנצן אומשולדיק. אָן אומשולדיקער פאַרברעכער, — האָט זי באַדויערנדיק אַ זיפץ געטאָן.

ווען די וואַגאָן־באַגלייטערן איז אַרויס, האָט דער שאָכן מײַנער אוועק־געלייגט אין אַ זײַט דעם גראָבן קאָנווערט, אין וועלכן ער האָט אַרײַנגעג־פּאַקט די היפּשע צאָל אָנגעשריבענע בלעטלעך פּאָסט־פּאַפּיר, זיך אופגע־הויבן, צעטראָגן געמאַכט עטלעכע שפּאַן הין און צוריק איבער דער קופּע און באַלד זיך צוריק אוועקגעזעצט.

— אַן אומשולדיקער פאַרברעכער, האָט זי געזאָגט, — האָט ער מיטאַ־מאָל זיך אָנגערופן צו מיר, — אַנטשולדיקט... עפּשער... איך שטער אײַך ניט?

— ניין, ניין, ביטע, אַדעראַבע, — איך האָב גערן זיך איבערגעזעצט עטוואָס נעענטער צו אים, זײַענדיק בעעמעס צופרידן, וואָס איך האָב סאָפ־קאָלסאָף דערהערט פון אים אַ לעבעדיק וואָרט.

— אַנטשולדיקט מיך, איך בעט אײַך. פינף מעסלעס אין איין קופּע און ניט באַקאַנט. האָט קיין פאַריבל ניט. שווערע, זייער שווערע טעג בא מיר. אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, זײַנט איר אַ יוריסט, — האָט ער מיט אָפּשײַ געזאָגט, וואָרפנדיק אַ בליק אַף די ביכער, וואָס זײַנען געלעגן אַפן טישל, — אײַך איז געוויס אויסגעקומען זיך צו באַקאַנען מיט פאַרשיידענע לעבנס־דראַמעס, פאַמיליען־טראַגעדיעס, קאַלערליי פאַרברעכנס, באַזיניקטע און ניט באַזיניקטע, בייזוויליקע און אַזויגערופענע אומשולדיקע, ווי די וואַגאָן־באַגלייטערן האָט זיך אויסגעדריקט. איך פערזענלעך בין בא דער מיינונג, אַז קיין אומשולדיקע פאַרברעכער זײַנען ניטאָ. דאָס האָט, אַגעוו, אַ די־רעקטע שײַכעס אויך צו מיר. זינט איך לעב, איר מעגט מיר גלייבן, האָב איך בייזוויליק קיין שום שלעכטס קיינעם קיינמאָל ניט געטאָן. זייער פיל מענטשן קענען מיך. מע האַלט מיך פאַר אַן אָרנטלעכן, אָנשטענדיקן מענטשן. און איך בין, שטעלט אײַך פאָר, אַ פאַרברעכער. יאָ, יאָ. איך האָב עס, צום באַדויערן, אַליין לאַנג ניט געוווּסט. ניט פאַרשטאַנען, ניט אָפּגעגעבן זיך קיין דין־וועכעזשבן אין דעם... ערשט איצט, אינעם טאָג פון מײַן אַפּפאָר, איז עס פאַר מיר קלאָר געוואָרן. ערשט איצט איז עס צו מיר דערגאַנגען. ערשט איצט האָב איך עס באַנומען... מײַן פאַרברעכן איז, עמעס, אין קאָדעקס ניט פאָרויסגעזען. מע וועט מיך צום געריכט ניט איבערגעבן, ניט מישפּעטן. נאָר איך זעלבסט... איך וועל זיך קיינמאָל ניט מויכל זײַן...

ס'איז צו זען געווען, אַז עס איז אָנגעקומען דער מאָמענט, ווען אים האָט זיך פאַרוואָלט ריידן, זיך טיילן מיט דעם, וואָס דריקט אים, וואָס מאַטערט אים. איך האָב דעריבער געפונען פאַר מעגלעך ניט אָפּלייקענען איצט זײַן האַשאָרע, אַז איך בין אַ יוריסט, און זיך אָנגערופן:

— וויבאלד איך קאָדעקס, זאָגט איר, איז ניט פּאָרויסגעזען, איז אין וואָס באַשטייט, אייגנטלעך, דאָס פאַרברעכן איַיערס?..

— אין וואָס?—האָט ער איבערגעפרעגט, אָנקוקנדיק מיך מיט זיַינע גרויסע אומעטיקע אויגן.—ס'איז לאַנג צו דערציילן. קימאַט א גאַנצע לעבנס־געשיכטע. אין צוויי ווערטער איז אומעגלעך...

— פאַרוואָס אין צוויי ווערטער? דערציילט, ווי איר געפינט פאַר נייטיק.

ער האָט זיך א וויַילע פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געהאַט א יישעווער־האַדאַס מיט זיך, א נעם געטאָן אין האַנט דעם גראָבן אָנגעפּאַקטן קאָנ־ווערט, צוריק אים אוועקגעלייגט עטוואָס אין א זיַיט אפן טישל, און מיטאַמאָל, אונטערגעבנדיק זיך, קאָנטיק, דעם פאַרלאַנג, דער באַדערפעניש זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אויב איַיך אינטערעסירט, איר האָט כיישעק, איר ווילט הערן... ס'איז, ווי איך האָב שוין געזאָגט, קימאַט א גאַנצע לעבנס־געשיכטע. אויב דערציילן, איז דאַרף איך פון סאַמע אָנהייב. איַיך איז נאָך לאַנג צו פּאָרן? איך האָב אים געזאָגט.

— איך שטיַיג אַראָפּ א סאַך פריִער. אין טשיטאַ. דער צוג קומט אָן אַהין האַלב צוויי באַנאַכט.

ער האָט אָנגעגאָסן פונעם טשיַינִיק איין גלאָז טיי מיר, די צווייטע זיך, א זופּ געטאָן א פּאָר מאָל און אָנגעהויבן:

— איך בין דאָן אַלט געווען זיבעצן. יאָ, זיבעצן יאָר. בין שוין געווען א סטודענט פון ערשטן קורס. אין א מוזיקאַלן טעכניקום. אין מינסק. געוווינט דאָרט אין א צוזאַמענוווינונג. עטלעכע און צוואַנציק יאַטן אין איין צימער. וויָאלאָנטשעליסטן, פידלער, פּליטיסטן, אָרעם, אָבער פריי־לעך, לעבעדיק. מע האָט דיסקוטירט, פאַנטאַזירט. א טיַיערע, א ראָמאַנ־טישע ציַיט געווען. אין די יאָמטויווים—דעמאָנסטראַציעס. אין אויסגעע־ריבענע הויזן, אין צעפּאָרענע שיך, נאָר איבער דער גאַנצער שטאָט האָט געהילכט אונדזער געזאַנג „מיר זיַינען די יונגע גוואַרדיע”. נעפּמאַנעס, קליינבירגער האָבן געקוקט אף אונדז קרום. נאָר מיר זיַינען געגאַנגען מיט פאַרהויבענע קעפּ, געוווסט, געגלייבט: אונדז געהערט די צוקונפט. געלעבט האָבן מיר, ווי עס פּאַסט פאַר קאָמונאַרן,—אַלע אין אַלציַינע באַדינגונגען. קיין געלט האָט קיינער באַ זיך ניט געהאַט. קיין פּריווילעגירטע זיַינען ניט געווען. דערגערט זיך האָבן מיר אַלע פון איין קעסל. אין אונדזער סטודענטישער גאָרקיך. אויב עמעץ האָט באַקומען א פּעקל שפּיַיז פון דער היים, האָט ער עס גליַיך אָפּגעגעבן אין גאָרקיך. פאַר אַלעמען. פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו. האָט עמעץ עפּעס פאַרדינט, האָט ער עס אַריַינגעטראָגן אין דער אַלגעמיינער סטודענטישער קאַסע. מיר האָבן זיך געטיילט איינער מיטן אַנדערן. פאַראַכטעט די נידעריקע געפילן פון קליינבירגער. געטרוימט וועגן א וועלט־רעוואָליוציע. איז אָט, אין טויזנט ניַין הונדערט פיר־און־צוואַנציקסטן, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די זומער־קאַניקולן, האָט מיך אַרויסגערופן דער סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל און געפרעגט, וווּ און וויאַזוי קליַיב איך זיך פאַרברענגען די אָפּרו־כאַדאָשים. איך האָב נאָך אַליין ניט געוווסט. דער גרעסטער טייל סטודענטן און סטודענטקעס איז געפאָרן צו די עלטערן, צו קרויווים. איך האָב אין ערגעץ זיך ניט

געקליבן. ניט געהאַט וווהין. די עלטערן מײַנע, די גאַנצע מישפּאָכע איז אומגעקומען בעשאַס א גרויסער סרייפע. מיר איז דעמלט געווען דרײַ יאָר. מיך דעם איינציקן האָט מען געראַטעוועט. אָפּגעגעבן אין א יעסוימים־הויז. נאָכדעם שוין, בא דער סאָוועטנמאַכט — אין א קינדערהיים. אויך דאָרט, אין מינסק.

דעם סעקרעטאַר האָב איך געזאָגט, אַז איך וואָלט וועלן די פּאָר כאַדאָשים ערגעץ אַרבעטן.

— גוט, — האָט ער געענטפערט, — וועסט פאָרן אין שטעטל, איבער וועלכן מיר האָבן געגומען שעפטום. העלפן דאָרט דעם קאָמיוגישן קעמערל דורכפירן די קולטור־אַרבעט. די בוכהאַלטעריע וועט דיר אַרויסגעבן די סטיפּענדיע פאַר צוויי כאַדאָשים. דאָרט, אין שטעטל, וועט עס דיר קלעקן. א ליטער, אַן אומזיסטיקן, האָט מען דיר שוין אויסגעשריבן. פאָרסט מיטן קוידענאָווער צוג ביז דער לעצטער סטאַנציע, נעגאָרעלאָיע. פון דאָרט איז א צען ווערסט ביזן שטעטל קאַרעליץ. דאָס שטעטל געפינט זיך בא דער סאַמע פוילישער גרענעץ. וואָס דאָס באַטײַט, דאַרף איך דיר איבעריקס ניט דערקלערן. אַרבעט וועט דיר דאָרט קלעקן...

אַף מאָרגן, פאָרנדיק פון דער גרענעץ־סטאַנציע צום שטעטל, האָב איך באַם באַלעגאָלע זיך דערוווּסט, אַז אין קאַרעליץ זײַנען פאַראַן בא אָנדער־האַלבן צענדליק קאָמיוגיסטן. סעקרעטאַר פונעם קעמערל איז דער פאָרזיצער פונעם שטעטלדיקן ראַט פּיניע שוואַלב. א לײַטישער יאַט. איינער פון די ערשטע קאָמיוגיסטן אין ראַיאָן.

דער סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל פּיניע שוואַלב האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר. וויבאַלד איך בין פונעם מוזיקאַלן טעכניקום און קען דערצו נאָך א ביסל מאָלן, וועל איך גוט צוניץ קומען. ער האָט מיך אײַנגעאָרדנט אַף דירע מיט קעסט בא אַן עלטערער פרוי, ניט ווײַט פונעם קלוב, וואָס האָט זיך געפונען אַפן צווייטן שטאָק פון דעם איין־און־איינציקן געמויערטן הויז, וואָס האָט פריִער געהערט דעם גרעסטן שטעטלדיקן גוויר.

מיט פּיניע שוואַלב האָב איך זיך גלײַך באַפרײַנדעט. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר. א שטאַלטנער. א העל־בלאָנדער. א גוט־מוטיקער. אַן אָפנהאַרציקער. מיר האָבן צוזאַמען צונויפגעשטעלט א פּלאַן פון קולטור־אַרבעט. באַהאַנדלט אים אַף דער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג. אין א פּאָר טעג אַרום האָב איך אָנגעהויבן רעפּעטירן מיטן קאָמיוגישן אָרקעסטער. אין איינעם אַן אָוונט, נאָך דער רעפּעטיציע, איז פּיניע שוואַלב אַרויס פון קלוב צוזאַמען מיט מיר. פאַרגעלייגט זיך דורכגיין א ביסל, און פאַר מיר, ווי פאַר א נאָענטן באַגלייבטן כאַווער, צעעפנט דאָס האַרץ, דערציילט וועגן זײַנע איבערלעבונגען. ער איז פאַרליבט. שוין עטלעכע יאָר. נאָך פון דעמלט, ווען זיי האָבן זיך געלערנט אין איין שול. ס'איז א וווּנדערלעך מיידל, א שיינע, א פײַנע, זייער א פייִקע. צו זעכצן יאָר האָט זי געלענצנד פאַרענדיקט די שול. איצט איז איר זיבעצן, און זי איז שוין א סטודענטקע פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט. מיט עטלעכע טעג צוריק איז זי געקומען צו פאָרן אין שטעטל. ער גייט אויס נאָך איר. און הייבט ניט אָן וויסן, וויאַזוי זיך פירן. ער איז סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן

קעמערל, פאַרזיצער פון שטעטלדיקן סאָוועט, מיטגליד פון ראַיאָנעם קאָמיטעט פון קאָמיוג, און זי... זי שטאַמט ניט פון פּראָלעטאַרישן ייִכעס, איר טאַטע איז א גאַבע אין בעסמעדרעש, קוקט קרום אף קאָמיוגיסטן. זי איז, עמעס, ניט שולדיק אין דעם. אָבער דאָך... פיניע האָט געפּרוווט דערשטיקן זײַן געפיל צו איר, ניט טראַכטן, פאַרגעסן. נאָר ער קען זיך ניט בײַקומען. געבעטן האָט ער מיך, אז שאַבעס פאַרנאַכט, ווען די גאַנצע שטעטלדיקע יוגנט גייט אַרויס אפן שפּאַציר, זאָל איך זיך דורכגיין מיט אים. זי וועט דאָרט אויך געוויס זײַן מיט אירע כאַווערטעס. ער האָט זייער געוואָלט, איך זאָל זי זען, אָנקוקן כאָטש פונדערווײַטן און זאָגן מײַן מיינונג, אייצען אים, וואָס ער זאָל טאָן.

שאַבעס נאָך האַלבן טאָג איז פיניע שוואַלב, א פריש אַרומגעראַזירטער, אין א לופטיק ווײַס העמדל איבער די גאַליפע־הויזן, אין גלאַנציק אויסגעפּוצטע שטיוול, געקומען אין קלוב, ווו איך האָב געבראַכט אין אָרדענונג דאָס ביבליאָטעקל, און מיר זײַנען אַרויס אפן שפּאַציר. אף דער הויפּט־גאַס איז שוין געווען א היפּשער אוילעם. דעריקער יוגנטלעכע. מע האָט שפּאַצירט פּאָרלעכווײַז. גרופּעסווײַז. זי איז ניט געווען. פיניע האָט זיך געעגערט, איבערגעלעבט, געוואָלט שוין אַוועקגיין. מיטאַמאָל האָבן צווישן די שפּאַצירנדיקע זיך באַוויזן דרײַ פײַנע מיידלעך. זיי זײַנען געגאַנגען עטוואָס אין א זײַט, געאַרעמט און זייער אופגעלעבט גערעדט וועגן עפּעס צווישן זיך.

— קוק, אָט איז זי, יויכעוועד, די מיטלסטע, מיט די גינגאָלדענע האָר. אין בלוילעכן סאַראַפאַן מיט די ווײַסינקע פּאַסיקלעך,— האָט פיניע מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם א זאָג געטאָן, פאַרלאַנגזאַמענדיק די טריט. ווען ער זאָגט ניט, וואָלט איך אַליין זי אויך גלײַך באַמערקט. זי איזווירקלעך געווען זייער שיין, זיך אויסגעטיילט מיט איר שלאַנקן וווקס, מיט איר גאַנג, מיט איר האַלטן זיך, מיט איר ליכטיקן פּאָנעם.

ווען זיי זײַנען שוין פאַרבײַגעגאַנגען, האָט פיניע מיט נײַגער געפרעגט, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָט זי געמאַכט אף מיר. איך האָב אים געזאָגט, ווי דער עמעס איז, אז זי איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. זי איז טאַקע א וווּנדערלעך שיינע, א מילדע. פון דעם, וואָס איך האָב זי געלויבט, איז ער פּאָשעט גליקלעך געווען און האָט ווידער אָנגעהויבן איבערעכענען אירע מײַלעס. זי איז א קלוגע און א באַשיידענע. פאַרבט זיך ניט. טשעפּעט ניט אָן קיין אויסינגלעך. קיין קאַרעלן. זי איז אַן ערנסטע. א גוט דערצויגענע. שוין פון דעם אַליין, וואָס ער האָט גערעדט וועגן איר, פונעם אָנרופן איר נאָמען, האָב איך געפילט, האָט ער געהאַט פאַרגעניגן.

יויכעוועד מיט אירע כאַווערטעס זײַנען אַוועק אַרוף־גאַס. מיר האָבן זיך פאַרנומען אַראָפּ, פאַרבײַ דעם מאַרק־פּלאַץ מיט די צוגעשלאָסענע קלייטן און קלייטלעך, פאַרבײַ די עטלעכע קליינינקע אַרטעלן, און אַרויס אויסערן שטעטל, צום טײַך, וואָס איז שטיל געפלאָסן צווישן די געדיכטבאַגרינטע ברעגן, אָפּטיילנדיק מיט זיך צוויי באַזונדערע וועלטן. דער מיזרעכדיקער ברעג איז געווען אונדזערער, א סאָוועטישער. דער אַנטקעגנדיקער, דער מײַרעוודיקער ברעג האָט געהערט צו פּילסודסקיס פּוילן. בלויז א שמאָלע בלוילעכע ליניע האָט אָפּגעטיילט יענעם ברעג פון אונדזערן,

און דאָרט איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער לעבן. אײַנגאַנצן א פּרעמדס פאר אונדז. פון יענער זײַט האָט דעמלט געדראָעט א געפאר. ס׳איז געווען פונקט דאַן, ווען אין ענגלאנד האָט מען פארשפּרייט א קלוימערשטן בריוו פון קאָמינטערן. קערזאָן און באָלדווין האָבן געקערט וועלטן, געהעצט פּוילן קעגן דער יונגער סאָוועטן־מעלוכע. יעדער קאָמיוגיסט אינעם שטעטל האָט אין יענע טעג זיך געזעכנט פאר א גרענעצלער. איך בין שוין אויך געשטאַנען אין איינער א נאכט, צוזאמען מיט פּיניען, אַף דער וואך בא דער גרענעץ. שפּאנענדיק מיט אים לענגויס דעם טײַך, וואָס איז אײַנגעהילט געווען אין געהיימניספולער טונקלקײַט, האָבן מיר געטרוימט וועגן יענער צײַט, ווען דאָס פאָלק וועט אויך דאָרט, אַף יענער זײַט, נעמען די מאכט.

איצט זײַנען פּיניעס געדאנקען געווען פארנומען דעריקער מיט איר, מיט יויכעוועדן. ער האָט געהאלטן אין איין ריידן וועגן איר, דערציילט וועגן איר מאמען, וועגן איר טאטן דעם „לישענעץ“, ווײַל ער איז א גאבע אין בעסמעדרעש. דאָס האָט אים אָפּגעצאָלט דער פארברענטער אפּיקוירעס זוזיע סורקיס, כאָטש דער טאטע אירער איז ביכלאל אַן אָרנטלעכער מענטש, געווען אַן אָנגעשטעלטער בא א וואלד־הענדלער. איצט לעבט ער שוין לאנג אָפּן אויסהאלט פון די אויסגעגעבענע קינדער. די עלטערע דרײַ טעכטער, אלע מיט הויכער בילדונג, לעבן זייער שיין אין פארשיידענע שטעט. דער מאַן פון דער צווייטער טאָכטער, א פּראָפעסאָר, פארנעמט א גרויסע שטעלע אין לענינגראד, און זינט פאָריקן יאָר, ווען יויכעוועד איז אָנגענומען געוואָרן דאָרט אין אוניווערסיטעט, וווינט זי בא זיי.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט, האָט דער אוילעם נאָך שפּאצירט. נאָר יויכעוועד מיט אירע כאווערטעס זײַנען שוין ניט געווען. ס׳האָט מיר זייער באנק געטאָן. מיר האָט זיך געוואָלט כאָטש נאָכאמאָל א קוק טאָן אַף איר.

אין אָט דעם אָוונט האָב איך זיך נאָך מער באפרײַנדעט מיט פּיניען, זיך נאָך מער צוגעבונדן צו אים. ער איז מיר געווען זייער צום הארצן מיט זײַן אופריכטיקײַט, ערלעכקײַט, גוטסקײַט. מיט אלץ. ווען מיר האָבן שוין שפּעט אין אָוונט זיך געזעגנט, האָט פּיניע מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל מאָרגן, אינעם אָפּרו־טאָג, צו צוויי אזייגער אומבאדינגט קומען צו אים אהיים. די שוועסטערלעך זײַנע גרייטן א יאָמטעוודיקן מיטיק.

אַף מאָרגן בין איך גאַנצפרי שוין געווען אין קלוב, פארענדיקט אָנמאָלן דאָס קעפּל צו דער קאָמיוגישער וואנטצײַטונג, עטלעכע שאַרזשן אַף די אָרטיקעל בעפלײַט, זיך אָפּגעראזירט, און געלאָזט זיך גיין צו פּיניען. ער האָט געוווינט ווײַטלעך, אין א שמאָל קרום געסל, אין א נידעריק שטיבל. ער האָט געלעבט מיט זײַן קראנקער מאמען און מיט די צוויי יינגערע שוועסטער. דער טאטע זײַנער, א קאָוואל, איז אין די ערשטע טעג פון דער סאָוועטנמאכט פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי און איז אומגעקומען אין שלאכט מיט די ווײַספּאָליאקן. איין שוועסטער האָט געארבעט אין זאָקן־ארטעל, די אנדערע אין שנײַדער־ארטעל. ביידע ניט איבעריקס שיינע, נאָר ווילע מיידלעך. קאָמיוגיסטקעס.

ארויסגייענדיק פון קלוב, האָב איך ניט געפילט, אז עס קלײַבט זיך אַף א רעגן. נאָר אינגיכן האָט זיך אופגעהויבן א ווינט, אָנגעיאָגט שווערע

כמארעס, און עס האָט גענומען קאַפּען. איך בין אוועק גיכער. פון מינוט צו מינוט איז דער רעגן געוואָרן שטאַרקער. באַמערקט, אַז עמעץ איז אַרופגעלאָפן אויפן גאַנעקל פונעם הילצערנעם פיַיערלעשער־טורעם, וואָס אויפן סאַמע ראָג, האָב איך זיך אויך געלאָזט אַהין. אין אָט דער באַהעלטעניש האָב איך מיטאַמאָל דערזען יויכעוועדן. זי איז געשטאַנען אונטערן דעכל איינעם זעלבן בלוילעכן סאַראַפאַן מיט די וויַיסע פּאָסיקלעך, אין וועלכן זי איז נעכטן געווען אויפן שפּאַציר, און מיט די פּאַרברוינט־ראָזלעכע הענט פאַרשאַרט אויף הינטן די ווייכע גינגאָלדענע האָר. איך האָב זיך פאַרלוירן, געמאַכט אַ טראָט אויף צוריק, זיך אויסגעגליטשט, שיר ניט אומגעפאַלן. זי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, אַ ציִ געטאָן צו זיך און זיך צעשמייכלט. יויכעוועד האָט איצט אויסגעזען נאָך שענער, ווי אויפן שפּאַציר. כ'האָב ערשט איצט דערזען, סאַראַ קלוגע הימל־בלויע אויגן זי פאַרמאָגט, סאַראַ מעכטיַיעדיקע עטוואָס אונטערשמייכלענדיקע ליפּן, סאַראַ אויסערגעוויינלעך שטאַלטנע פיגור.

אין אַ וויַילע אַרום זיַינען מיר שוין געווען באַקאַנט. זי האָט מיך באַמערקט, לאָזט זיך אויס, נעכטן אויפן שפּאַציר און פון די כאָווערטעס זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ סטודענט פון אַ מוזיקאַלן טעכניקום. זי האָט זייער ליב מוזיק. פאַרפעלט ניט אין לענינגראַד קיין איין וויכטיקן קאָנצערט, שפּילט אַליין אַ ביסל אויף אַ פאָרטעפּיאַנע.

דער רעגן האָט געפּליוכעט אַלץ שטאַרקער. פון מאָל צו מאָל האָט דער ווינט אַ שאַרפן שמיַיס געטאָן מיט די קילבלעכע שווערע טראָפּנס איבערן גאַנעקל, דערנענטערנדיק אונדז אַזויאַרום אַלץ מער איינס צום אַנדערן.

זי איז געווען פול מיט פרייד און באַגיַיסטערונג פונעם שלאַקסרעגן, וואָס האָט הילכיק געקלאַפּט, געפּויקט איבערן דעכל, און פון די שוימיקע שטראָמען רעגן־וואַסער, וואָס האָבן מיט אַ ראַש און געפּילדער זיך געטראָגן אַראָפּ־גאַס.

אין דרויסן האָט מען קיין לעבעדיקן נפש ניט געזען. נאָר מיר זאָלבעצוויַיט זיַינען געשטאַנען אין אונדזער באַהעלטעניש און זיך געפרייט מיט דער צעבושעוועטער נאַטור.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום, ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, זיַינען מיר שוין געווען באַפריַינדעט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז מאָרגן פאַרנאַכט וועט זי זיַין מיט איר כאַווערטע בא דער פּאָטשט. אויב איך וויל, וועט זי דאָרט וואַרטן אויף מיר.

— עפּשער קומען מיט מיַין כאַווער, — האָב איך אַ פרעג געטאָן, — מיט פיניע שוואַלב?

— ניין, ניין, — האָט זי מיך איבערגעשלאָגן. — קום אַליין. גוט? איך וועל וואַרטן, — געזאָגט און אַנטלאָפן.

פון יענער מינוט האָבן זיך אָנגעהויבן מיַין גליק און מיַינעליידן.

צו פיניען בין איך שוין ניט געגאַנגען. איך האָב איצט שוין ניט געקענט גיין צו אים, כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז ער, די מאַמע זיַינע מיט די שוועסטערלעך וואַרטן אויף מיר מיטן יאָמטעוודיקן מיטיק. זיַין בא אים און ניט דערציילן וועגן מיַין באַגעגעניש מיט דער, וועלכע ער האָט ליב,

וואָלט געווען ניט גוט פון מײַן זײַט. און איצט גלײַך אפן אָרט דערציילן האָב איך אויך ניט געקענט. איך האָב באַשטימט אָפּלייגן ביז מאָרגן. מאָרגן, ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען, וועל איך אים אַלץ דערציילן.

אף מאָרגן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פּיניע האָט באַקומען אַ דריבגענדיקן אַרויסרוף און איז אַוועקגעפאָרן נאָך גאַנצפרי אין ראַיאָן אף אַ סעמינאַר פון סעקרעטאַרן פון שטעטלשע און דאָרפישע קאָמיוגישע קעמערלעך.

א גאַנצן טאָג האָב איך זיך קיין אָרט ניט געפונען. גענומען זיך פאַר איין אַרבעט, פאַר אַ צווייטער. געפּרוּווט אָנוואַרפן אַן עסקיז פאַר אַ פּלאַקאַט, וועלכער האָט געדאַרפט, ווי מיר געדענקט זיך, שילדערן, ווי אַ קאָמיוגיסט אַ גרענעצלער שטייט אף דער וואַך בײַ דער גרענעץ מיט פּוילן, ניט פאַרענדיקט און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַ שמועס מיט די מיטגלידער פון נײַע ניט לאַנג אָרגאַניזירטן בײַשטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו וועגן פּאָנקאַרעס נאָטע צום סאָוועטנפאַרבאַנד, אָפּגעלייגט עס און זיך גענומען צונויפשטעלן אַ קאַטאַלאָג פון די נײַ־אָנגעקומענע בראָשורן. און וואָס איך האָב ניט געטאָן, מיט וואָס איך בין ניט געווען פאַרנומען, איז יויכעוועד געשטאַנען די גאַנצע צײַט מיר פאַר די אויגן. איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן איר, וועגן דעם, אַז זי וועט פאַרנאַכט זײַן בײַ דער פּאָטשט און וועט דאָרט וואַרטן אף מיר. מיר האָט זיך געוואָלט, אַז עס זאָל שוין וואָס גיכער דורכלויפן דער טאָג און ס׳זאָל שוין אָנקומען דער געגאַרטער פאַרנאַכט. און אין דער זעלבער צײַט האָט מיך אָנגעהויבן שטיל טאָטשען אַ ניט־אָנגענעמער געדאַנק — צי וועל איך ניט באַגיין קיין אוולע בענעגייע מײַן כאַווער, בענעגייע פּיניען, מיט דעם, וואָס איך וועל גיין זיך באַגעגענען מיט יויכעוועדן, אין וועמען ער איז פאַרליבט און ער האָפט, אַז זי וועט אים ענטפערן מיטן זעלבן ליבע־געפיל. עמעס, איך האָב שוין געוווּסט פון איר אַליין, אַז פּיניען וויל זי ניט זען. ווען איך האָב, שטייענדיק אפן גאַנעקל, אָנגעהויבן מיט איר ריידן וועגן אים, לויבן אים, האָט זי אַפילע הערן ניט געוואָלט. ער איז איר אינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען. ניט מײַן שולד איז געווען אין דעם. און דאָך האָט אָט דער ניט־אָנגענעמער געדאַנק מיך שוין ניט אָפּגעלאָזט, געמאַטערט, און איך האָב אָנגעהויבן אַלץ מער זיך שלאָגן אין דער דייע, צי זאָל איך גיין זיך באַגעגענען מיט איר בײַ דער פּאָטשט, צי עפּשער ניט גיין. איך האָב געכאַלעשט זיך זען מיט איר, הערן זי, קוקן אף איר, שפּיגלען זיך אין איר. „גיי, — האָט זיך געבעטן דאָס האַרץ, — האָסט דאָך צוגעזאָגט, זי וועט דאָך שטיין דאָרט, וואַרטן. ווי זשע קאָנסטו ניט גיין? גיי, אומבאַדינגט גיי”. און אַ צווייטע שטים האָט אײַנגעשפּאַרט געטײַנעט: „גיי ניט. וויבאַלד פּיניע, דײַן נאָענטער כאַווער, איז פאַרליבט אין איר, טאָרסטו ניט גיין. טאָרסט אַפילע ניט טראַכטן וועגן איר...”. איך האָב ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. און סאָפּקאָלסאָף, כאָטש ס׳איז מיר זייער ניט גרינג געווען, האָב איך געפּויעלט בײַ זיך: ניט גיין. דערווײַל ניט באַגעגענען זיך מיט איר, ביז איך וועל זיך ניט זען מיט פּיניען. קעדיי איך זאָל ניט כאַראָטע האָבן, ניט איבערטראַכטן, האָב איך צונויפגערופן אף פאַרנאַכט דעם קאָמיוגישן אָרקעסטער אף אַ רעפּעטיציע.

כעוורע קאָמיוגיסטן, די שטעטלשע האָרעפּאשנע יוגנט — שוסטערס, נייטערנס, קירזשנער, בלעכער, זאָקנמאכערנס, פון די ארטעלן און גלאט קוסטארן, און אויך עטלעכע יאטן און מיידלעך פונעם ביישטעטלדיקן לאנדווירטשאפטלעכן קאָלעקטיוו האָבן פארנאכט פארפולט מיט א פריילעכן טומל די ענגע קלוב־בינע. זיי האָבן זיך געוויצלט, זאָרגלאָז געלאכט. איך בין זיי בעעמעס מעקאנע געווען. בא מיר איז דאָס הארץ ניט געווען אפן אָרט. איך האָב רעפּעטירט מיטן אָרקעסטער און געטראכט וועגן איר, זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי שטייט דאָרט בא דער פּאָטשט, קוקט ארויס, ווארט אף מיר.

בעשאס א קורצינקן איבערייס האָב איך געכאפּט א קוק אין דערבייִקן פענצטער און מיטאמאָל דערזען זי מיט אירע כאווערטעס. זיי האָבן זייער געלאסן, ניט געיילט שפּאצירט פונקט אנטקעגן קלוב. זיך אומגעקערט, קאָנטיק, פון דער פּאָטשט. איך האָב פאנאנדערגעעפנטביידע פענצטער און פאָרגעזעצט רעפּעטירן מיט אזא אימפּעט, ווי נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל ניט. דער בודיאָני־מארש האָט מיט זיין רופנדיקער קראפט פארפולט דעם קלוב און הילכיק זיך צעטראָגן דורך די צעעפנטע פענצטער איבער דער פארנאכטיקער גאס.

די רעפּעטיציע האָט זיך פארצויגן מער, ווי געוויינלעך. איך בין ארויס פון קלוב דער לעצטער און איינער אליין לאנג שפּאצירט הין און צוריק איבער דער פּוסטער און זייער שטילער טונקעלער גאס.

אינדערפרי האָבן לעבן קלוב שוין געווארט אף מיר די יאָמטעוודיק־פארפּוצטע פּיאָנערן — אלע אין רויטע האלדזטיכער. בא אונדז איז געווען אָנגעמערקט א שפּאציר הינטערן שטעטל, צו דער גרינער לאָנקע, וואָס לעבן טייך. איך דערצייל שוין צו געניי?

— ס׳מאכט ניט אויס. ביטע. מיר האָבן גענוג צייט.

— איך וואונדער מיך אליין, ווי גענוי מיר האָט זיך עס אלץ פארגעדענקט. ס׳איז דאָך דורך אזויפיל יאָר. מיט דער רויטער פאָן פאָרויס האָט דער פּיאָנערן־אָטריאד אוועקגעמארשירט אין שטרענגע געמאָסטענע רייען איבער דער שוין באלעבטער הויפּט־גאס, פארביי דעם שטעטלדיקן ראט, פארביי דעם בעסמעדרעש, דעם מארק, די ארטעלן און שוין אראָפּ־בערגל, אויסערן שטעטל זיך פארנומען מיט דער ברייט אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וועלכע האָט זיך געשלענגלט צווישן די יונגע שלאנקע בערעזעס און געפירט צו דער גרינער לאָנקע. באלד ווי מיר האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם קילבלעכן שאָטן פון דעם קלייניכקן בערעזע־וועלדל, האָב איך דערזען גיין אנטקעגן עטלעכע לייכט אָנגעטאָנענע מיידלעך, וועלכע האָבן, קאָנטיק, זיך שוין אומגעקערט נאָכן אינדערפרייִקן באָדן זיך אין טייך. צווישן די מיידלעך האָב איך דערזען יויכעוועדן. זי איז געווען אין א ראָז כאלאטל, אפן האלדז א ווייסינקע קאָסינקע, די גינגאָלדענע האָר פאנאנדערגעלאָזט. ס׳איז מיר געווען א ביזאָיען זיך איצט באגעגענען מיט איר, איך האָב זיך געפילט שולדיק, וואָס איך האָב ניט געהאלטן וואָרט. צוזאמען מיטן אָטריאד האָב איך פארגיכערט די טריט, אָפּגעקערט דעם קאָפּ אין א זייט, געמאכט זיך, אז איך זע זי ניט. יויכעוועד האָט איבערגעלאָזט די כאווערטעס און אן אופגעלעבטע, א לופטיקע, צוגעלאָפן צו מיר.

פון אירע האָר, פון אירע אנטבלויזטע הענט, פון איר אינגאנצן האָט געטראָגן מיט פרישקײַט, מיט זוניקײַט. א שמייכלענדיקע האָט זי זיך באַגריסט, געזאָגט, אז זי האָט נעכטן פארנאכט, שפּאצירנדיק פארבײַ דעם קלוב, געהערט שפּילן דעם אָרקעסטער און פארשטאנען, אז איך האָב ניט געקענט ארויס צו איר. מאָרגן וועט זי זײַן אָן די כאַווערטעס, אליין, אכט אזייגער אין אָוונט לעבן פײַערלעשער־טורעם, בא דעם גאנעקל, ווו מיר האָבן בעשאס דעם שלאקסרעגן זיך באגעגנט. געזאָגט און אוועקגעלאָפן דעריאָגן די מיידלעך. שפּאנענדיק מיטן פּיאָנערן־אָטריאַד, האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזען זי שוין גיין אין דער מיט צווישן אירע כאַווערטעס. דאָס פרישע וויִנטל, וואָס האָט געצויגן פונעם באגרינטן טײַך־ברעג, האָט זיך געשפּילט מיט איר דינינקן ראָזעוון כאלאטל, לײַכט געפאלדעוועט אים, אויסטיילנדיק בוילעט איר שלאנקן יונג־מיידלשן קערפּער. ווען איך האָב אין עטלעכע מינוט ארום זיך ווידער אומגעקוקט, האָט זי און די איבעריקע מיידלעך מיט א געלעכטער זיך געלאָזט לויפן ארוף־בערגל און זײַנען באלד פארשוווּנדן אינעם בערעזע־וועלדל.

דער טאָג איז געווען א זעלטן שיינער, א זוניקער. אפן הארצן איז געווען ליכטיק און גוט. די פּיאָנערן האָבן זיך אויסגעזעצט אף דער גרינער לאָנקע אין א האלב־קרײַז מיטן פּאָנעם צום טײַך, צו דער גרענעץ. אף יענער זײַט האָט מען געזען שפּאנען הין און צוריק א פּוילישן זעלנער אין א קאָנפעדעראטקע. אף אונדזער זײַט — א רויטארמייער. די פּיאָנערן האָבן פארצויגן „דעם העלן טאָג אנטקעגן, כאַוויירים, קומט אין שטרײַט”. פונעם יִישעוו, וואָס האָט זיך געפונען אף יענעם ברעג, אפן פּוילישן, האָבן זיך אָנגעהויבן באווײַזן קינדער און דערוואקסענע. זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום טײַך. ווען א היפּשער עולעם האָט זיך צונויפגעקליבן דאָרט, אף יענער זײַט, האָבן די פּיאָנערן מיט אלץ מער אימפּעט געזונגען איין ליד נאָך דער אנדערער. נאָכדעם האָבן די יִינגלעך און מיידלעך מיט רויטע פענדעלעך אין די הענט אויסגעפילט קאָלערליי פיזקולטור־איבונגען און פארענדיקט מיט א שיינער פּיראמידע, אף וועלכער ס'האָט זיך אופגעהויבן א פּיאָנערקע מיט א רויטינק פענדעלע אין האנט.

דער פּוילישער גרענעצלער, וואָס איז געבליבן שטיין אין א זײַט, האָט אויך געקוקט. געקוקט און געשוויגן.

צופרידענע, שפּאנענדיק אין טאקט מיט די פײַקלענדיקע פײַקלעך, האָבן מיר צו מיטיק זיך אומגעקערט אין שטעטל. לעבן קלוב האָב איך פאנאנדערגעלאָזט די כעוורע און בין אוועק זיך דערוויסן, צי פּיניע איז שוין געקומען. איך האָב איצט געמוזט זיך זען מיט אים. נאָר ער איז נאָך ניט געווען. שפּעטער, אין אָוונט שוין, האָב איך זיך דערוווּסט, אז דער סעמינאר וועט דויערן פופצן טעג און פּיניע וועט זיך אומקערן ערשט אין צוויי וואָכן ארום.

די נאכט בין איך שוין ניט געשלאָפן. געלעגן אין דעם פינצטערן צימערל אף דער שמאָלער הילצערנער קאנאפּע און געהאלטן אין איין טראכטן וועגן יויכעוועדן, וועגן פּיניען, און ווידער וועגן יויכעוועדן. זיך דערמאָנט, אופגעשטעלט אין זיקאָרן יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט מיר געזאָגט, איר בליק, איר שמייכל. איך האָב ניט אָנגעהויבן פארשטיין, מיט

וואָס בין איך איר געפעלן געוואָרן. עמעס, איך האָב דעמלט אויסגעזען א ביסל אנדערש. פארמאָגט א געדיכטע קוטשמע פעכיק־שווארצע האָר, געווען ענערגיש. געשפילט אף א פידל, אף א טרומייט, אף פאָרטעפיאַנע, פארפאסט מעלאָדיעס, געזונגען, געמאָלט, געווען אן אקטיווער קאָמיוגיסט, א טשאַנאָוועץ, און גלײַכצײַטיק א טרוימער, א ראָמאַנטיקער. זי האָט עס שוין געוווסט. עפשער דערפאר בין איך איר געפעלן געוואָרן. און מעגלעך, צוליב עפעס אנדערש...

איך האָב באשטימט אָנשרײַבן פיניען, דערציילן אים אלץ אזוי ווי ס'איז. אָפן. ערלעך. אלץ.

נאָך האלבן טאָג האָב איך זיך פארשפארט אין קלוב. עטלעכע שאָ געזעסן איבערן בריוו, ביז איך האָב אים אָנגעשריבן, נאָכדעם האָב איך אים איבערגעשריבן, און ערשט דעמלט, איבערלייענענדיק די געדיכט־פארשריבענע זײַטלעך, האָב איך זיך באטראכט, אז דער בריוו וועט פיניען נאָר פאטערן די שטימונג, און באשלאָסן ניט אָפשיקן. פיניע וועט קומען, דעמלט וועל איך אים ווײַזן דעם בריוו.

ווען אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צופאלן דער אָוונט, האָב איך מיט אן אומרויק הארץ זיך געלאָזט גיין צום פײַערלעשער־טורעם. יויכעווער איז שוין געווען דאָרט. א צופרידענע, האָט זי מיר פאָרגעלייגט זיך דורכגיין א ביסל. מיר זײַנען אוועק ניט מיט דער גאס, ווו אלע האָבן שפאצירט, נאָר מיט א זײַטיק שטיל געסל. לאנגזאם האָבן מיר געשפאנט איבער דעם שוואך באלויכטענעם, זיך אונטערוויגנדיקן הילצערנעם טראָטוארל. מיר האָט זיך זייער געוואָלט אָנעמען זי בא דער האנט, נאָר איך האָב ניט געוואגט. ס'איז מיר שוין געווען גענוג גוט פון דעם, וואָס זי גייט לעבן מיר, וואָס איך פיל זי נאָענט לעבן זיך, וואָס איך הער זי. אן אופגעלעבטע, קימאט ווי מיט קינדערשער היספײַלעס, האָט זי דערציילט וועגן דער שיינקײַט פון לענינגראד, וועגן די פרעכטיקע דענקמעלער, וועגן דעם אוניווערסיטעט, ווו זי לערנט. פון צײַט צו צײַט האָב איך אויך ארײַנגעשטעלט א וואָרט, דערציילט עפעס וועגן מינסק. מיר האָבן זיך אזוי פארעדט, אז אומבאמערקט האָבן מיר איבערגעלאָזט הינטער זיך די שמאָלע געדרייטע געסלעך און זײַנען ארויס צו די פעלדער פונעם בײַשטעטלדיקן לאנדווירטשאפטלעכן קאָלעקטיוו. דאָ איז דער הימל געווען פיל גרעסער, העכער, בלויער. מיר האָבן זיך פארנומען מיט דעם גוט אויסגעפאָרענעם וועג, וואָס איז באלויכטן געווען פון דער לעוואָנע. ווי קאָן מען פארגעסן אזא נאכט! פון איין זײַט האָבן שטיל זיך אונטערגעוויגט מיט די צעבליטע קעפ הויכע זונרויזן, פון דער צווייטער זײַט האָט זיך געזילבערט א פעלד מיט געדיכטער קוקורוזע. נאָכדעם האָבן זיך אוועקגעצויגן פעלדער מיט לײַן, מיט בלײַענדיקן קלעווער און א באשטאן מיט רײַפנדיקע דיניעס און קאווענעס. מיר האָבן לאנג שפאצירט צווישן די פעלדער, פארשיקערטע פון דער שטילער זומערדיקער נאכט, פון די דינסטע גערוכן, וועלכע די ערד און די געוויקסן, אָנגעווארעמטע פון דער באטאָגיקער הייסער זון, האָבן פון זיך ארויסגעאָטעמט.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט, איז קיין שײַן אין די פענצטער פון די שטעטלדיקע שטיבער שוין ניט געווען. איך האָב זי באגלייט אהיים,

צו דער שטוב פון אירע עלטערן. מע איז שוין דאָרט געשלאָפן. זי איז מיט שטילע טריט אַרויף אויפן גאַנעקל, זיך צוגעזעצט אין סאַמע ווינקל און צו מיר אַ ווונק געטאָן. איך בין פאַרזיכטיק אַרויף און זיך צוגעזעצט לעבן איר. באַ ביידע זײַטן גאַנעקל האָבן געשורשעט מיט די בלעטער עטלעכע קליאָ־נען, צודעקנדיק אונדז מיט זייער וואַרעמען שאָטן. מיר זײַנען געזעסן נאָענט איינס לעבן אַנדערן און שטיל, זייער שטיל גערעדט. און וויפל מיר האָבן ניט גערעדט, האָבן מיר זיך ניט געקענט אָנריידן. ס'האָט שוין אָנגעהויבן שאַרײַען אויף טאָג. ס'האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן זיך, נאָר מע האָט געמוזט.

— סאַליאַ, איך וויל דיר עפּעס זאָגן, — האָט זי, געזעגענענדיק זיך מיט מיר, אַ שעפּטשע געטאָן, ווי פאַרטרויענדיק אַ סאָד, — דו ביסט זייער געפעלן מײַנע כאַווערטעס. זיי זײַנען אַלע, אַלע פאַרליבט אין דיר... — באַ די ווערטער האָט זי זיך צוגערירט מיט אירע הייסע ליפּן צו מײַנע, אַ קוש געטאָן און באַלד פאַרשוווּנדן הינטער דער שטיל צוגעמאַכטער טיר.

אַ גליקלעך־איבעראַשטער בין איך אַוועק, און איבער דער קילבלעכער פאַרטאָגיקער גאַס האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן דער פרייִלעכער אָפּקלאַנג פון מײַנע הילכיקע טריט. מיר האָט זיך געוואָלט גיין און גיין. דאָס שטעטל האָט מיר איצט אויסגעזען זייער ליב. עס זײַנען מיר נאָענט געוואָרן צום האַרצן די געסלעך מיט די איינשטאָקיקע הײַזער, די גאַנעקלעך, די היל־צערנע טראָטואַרן, אַלץ, אַלץ, און באַזונדערס די שטוב, ווו ס'האָט זיך איצט געפונען די, וועלכע איך האָב ליב געקראָגן. הייס. מיטן גאַנצן האַרצן, אַזוי ווי עס קאָן נאָר ליב האָבן אַ זיבעצניאָריקער ראָמאַנטיקער צום ערשטן מאָל אין לעבן.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אָפטער באַגעגענען. ס'איז געווען ניט לײַכט. איך בין קימאַט יעדן אָוונט געווען פאַרנומען. רעפּעטירט מיט די קאָמיר־גיסטן אָדער מיט די פּיאָנערן. געגרייט אַ קאָנצערט. און כאָטש די רעפּעטיציעס האָבן פאַרשאַפט פאַרגעניגן, בין איך דאָך שטיל אין האַרצן מעקאַנע געווען יענע יוגנטלעכע, וועלכע פלעגן אָנהייב אָוונט אַרויסגיין אויפן שפּאַציר אויף דער שטעטלדיקער הויפּט־גאַס, ווו זי, יויכעווּעד, מיט אירע כאַווערטעס זײַנען שוין אויך געווען. זיי און נאָך עטלעכע סטור־דענטקעס און סטודענטן, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין פאַרשיידענע שטעט און געקומען אין די קאַניקול־כאַדאָשים אין שטעטל צו די עלטערן, האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. באַזונדער האָבן זיך אויך געקליבן די קאָמיוגיסטן, זיי האָבן געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף דער „אינטעליגענציע" — אויף די גרויסשטאָטיש אויסגעפּוצטע טעכטערלעך און זינדלעך פון געווע־זענע באַלעבאַטים, איצטיקע יאַרדים. די האַרעפּאַשנע כעווריע פלעגן זיך צעגיין פריִער, די אָנגעפּאָרענע פלעגן געוויינלעך שפּאַצירן ביז שפּעט אין אָוונט.

רעפּעטירנדיק, פלעג איך זען דורך די פענצטער, ווי די סטודענטקעס, און זי, יויכעווּעד, צווישן זיי, שפּאַצירן הין און צוריק פאַרבײַ דעם קלוב, פאַרהאַלטן זיך פון מאָל צו מאָל אויף אַ ווײַלע און גייען ווײַטער. ס'האָט מיך געצויגן אַהין, און גלײַכצײַטיק האָט מיר האַנאָע געטאָן, וואָס איך טו עפּעס נייטיקס, בין פאַרנומען, און זי פאַרשטייט עס, קוקט אַרויס, וואַרט

אָף מיר. דאָך האָב איך זיך געסטארעט ניט פארציִען די רעפּעטיציעס צו שפּעט, און ווי נאָר די רעפּעטיציע האָט זיך פארענדיקט, פלעג איך ארויס צו דער „האָפּ־קאָמפּאניע”, ווי זיי אליין האָבן זיך אָנגערופן. א פּאָר מאָל, — איך בין דאָך אויך געווען א סטודענט, — פלעגן מיר זיך דורכגיין אלע צוזאמען ארויף־ און אראָפּ־גאס, נאָכדעם פלעג איך און יויכעוועד צוביסלעך אָפּשטיין, פארקערעווען אומבאמערקט פון זיי אין א זײַט און צופרידענע, וואָס מיר זײַנען געבליבן אליין, אוועקגיין מיט די טונקעלע געסלעך צו איר אפן גאנעקל. דאָרט האָט אונדז קיינער ניט געשטערט. מיר פלעגן זיצן צוגעטוליעט אײנס צום אנדערן און ריידן, ריידן, ריידן. וועגן וואָס זי האָט ניט גערעדט, איז געווען א פארגעניגן זי הערן. פון איר האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט וועגן א ראקעטע, וועלכע ציִאָלקאָווסקי האָט געטרוימט ארויסצושיקן אין קאָסמאָס. מיר האָט עס דעמלט אויסגעזען בלויז ווי א שיינע פאנטאזיע. און זי איז געווען זיכער, אז ציִאָלקאָווסקיס טרוים וועט נאָך פאר אונדזער לעבן פארווירקלעכט ווערן, מענטשן וועלן פליִען צו דער לעוואָנע, זײַן אפן מארס, אָף אנדערע פּלאנעטעס.

געוויינלעך פלעגט נאָך האלבער נאכט ווערן קילבלעך. פלעגט זי אראָפּנעמען פון זיך דאָס געשטריקטע קאָפּטעלע און ארופלייגן צו מיר אָף די אקסל, אָף דעם דינינקן העמדל. פלעג איך דאָס קאָפּטל אראָפּנעמען פון זיך און צודעקן זי, פלעגט זי ווידער אראָפּנעמען פון זיך. אָט אזוי איז געגאנגען די שפּיל, ביז מיר פלעגן זיך צוטוליען נאָך מער אײנס צום אנדערן, און דאָס קאָפּטעלע, וואָס האָט געשמעקט מיט בליִענדיקער אקאַ־ציע, האָט צוגעדעקט אונדז ביידן. דעמלט פלעגן מיר שוין ניט ריידן. מיר פלעגן אזוי זיצן און קוקן זיך אײנס דעם אנדערן אין די אויגן. ארום איז שטיל, אזוי שטיל, אז איך האָב געהערט דאָס קלאפּן פון אונדזערע הערצער. מיט אירע צארטע פינגער האָט זי געקעמט מיר די טשופּרינע, געגלעט דעם האלדז, דעם שטערן. אין אירע אויגן האָבן אופגעבליצט פינקלענדיקע שטערנדלעך, און די פרישע זאפטיקע ליפּן האָבן זיך גע־צויגן צו מיר. מיר האָבן זיך געקושט. לאנג. הייס. אין אָט די מינוטן, ווען מיר זײַנען פארשיקערט געווען אײנס פונעם אנדערן, פלעגט זיך מיר זייער וועלן פרעגן בא איר, וויִאזוי זי פארברענגט די פרײַע צײַט אין לענינגראד. צי זי באגעגנט זיך דאָרט מיט עמעצן. איך בין זיכער געווען, אז אלע סטודענטן פונעם פיזמאט־פאקולטעט, אָף וועלכן זי לערנט זיך, זײַנען פארליבט אין איר, און ניט נאָר פון דעם פאקולטעט, — פונעם גאנצן אוניווערסיטעט. נאָר איך האָב גאָרנישט ניט געפרעגט.

נאָך אײנער אזא קישעפדיקער נאכט בא איר אפן גאנעקל האָבן מיר זיך צעשיידט, ווען דער ראנד הימל איז שוין באגאָסן געווען מיט א ראָזקײַט פון דער אופגייענדיקער זון. א גליקלעכער, ווי קײנער אָף דער גאָרער וועלט, בין איך אוועק איבער דער פארטאָגיקער גאס, געגאנגען מיט פאמעלעכע שטילע טריט, קעדיי ניט צעווייען דאָס מעכײַעדיקע גערוך, וואָס האָט זיך נאָך פארהיט פון אירע הענט, פון אירע האָר, פון אירע ליפּן. און געטראכט האָב איך וועגן דעם, אז ווען איך בין מיט פּיִען געווען מיט צוויי וואָכן צוריק אפן שאבעס־פארנאכטיקן שפּאציר און

צום ערשטן מאָל געזען זי, יויכעווידן, איז מיר אפן זינען ניט געקומען, אז אזא וווּנדערלעך מיידל קאָן זיך פארליבן אין מיר.

שוין לעבן מײַן באלעבאָסטעס שטיבל האָט מיט א הילכיקן געקלאנג זיך אָנגעטראָגן און אויסגעגלײַכט זיך מיט מיר א לײַכטע בעדארקע. אפן אונטערגעשפרייטן היי איז דאָרט געזעסן דער סעקרעטאר פון ראַיקאָמיוג יאנקאָ מאקאיאָנעק און לעבן אים, מיט די לייצעס אין די הענט, פּיניע שוואלב. דערזען מיך, האָט פּיניע זיך שטארק דערפרייט.

— סאָליאַ! פונוואנען אזוי פרי? — האָט ער אופגעלעבט אויסגערופן, אָנציִענדיק די לייצעס. — פונוואנען גייסטו עס?

איך האָב זיך פארלוירן.

— מיסטאמע פון א שיין מיידל, — האָט דער סעקרעטאר פון דער זײַט א ווונק געטאָן צו מיר.

— מיט א שיין מיידל פארברענגען איז קיין אוולע ניט, — האָט פּיניע גוטמוטיק באמערקט, ווי ער וואָלט מיר ווען ארויסהעלפן.

— זע אָקאָרשט, אז ער זאָל זי בא דיר ניט אָפשלאָגן, — האָט דער סעקרעטאר זיך א וויצל געטאָן.

— אף אן אנדערן עפשער ניט, נאָר אף אים פארלאָז איך זיך. צוליב וואָס דארף ער אונדזערע, גענוג שיינע מיידלעך זײַנען פאראן בא אים אין טעכניקום. ער וועט ניט אָפשלאָגן. הא, סאָליאַ? — האָט פּיניע פריילעך געזאָגט און א צי געטאָן די לייצעס.

דער בולאנער איז אוועק גיכער.

— צוויי אזייגער באטאָג איז בא אונדז א פארמאכטע קאָמיוגישע פאר־זאמלונג, — האָט פּיניע, אויסדרייענדיק צו מיר דעם קאָפּ, אויסגעשריִען, — אן ערנסטע פראגע. קום פריִער, וועלן מיר כאפּן א שמועס. איך האָב זיך שטארק פארבענקט נאָך דיר...

איך האָב געמאכט נאָך עטלעכע טריט, געוואָלט אים כאָטש עפּעס זאָגן, נאָר ניט אימשטאנד געווען ארויסברענגען א וואָרט. מיט א צעקאלעמוטעט הארץ האָב איך נאָכגעקוקט נאָך דער בעדארקע, ביז זי האָט פארקערעוועט אין געסל, ווו פּיניע האָט געוווינט, און איז פארלוירן געגאנגען פון מײַנע אויגן. איך האָב לאנג נאָכדעם זיך ארומגעדרייט איבער דער נאָך פוסטער גאס, ניט וויסנדיק ווו זיך אהינצוטאָן. ניט געקענט זיך מויכל זײַן, וואָס איך האָב פּיניען, ווען ער האָט געפרעגט, פונוואנען איך גיי, ניט געזאָגט גלײַך אפן אָרט, אזוי ווי ס'איז, אז איך גיי פון יויכעווידן, אז ס'איז שוין צוויי וואָכן, ווי מיר באגעגענען זיך, אז מיר האָבן זיך ליב. וואָלט ער דעמלט כאָטש ניט געזאָגט, אז ער פארלאָזט זיך אף מיר. פון אָט די ווערטער זײַנע האָט בא מיר געפלאמט דאָס פּאָנעם. בעסער שוין וואָלט ער מיך געזידלט. געשטערט האָט מיר אים זאָגן עס אין דער אָנוועזנהײַט פון א דריטן, פונעם סעקרעטאר פון ראַיקאָמיוג. האָב איך געדארפט אים אָפּרופן אף א ווײַלע אין א זײַט, דערקלערן, וויִאזוי ס'איז געשען, וואָלט ער פארשטאנען און זיך איבערצײַגט, אז איך בין אין גאָרנישט ניט שול־דיק, מײַן געוויסן איז ריין, אז איך בין קיין מינדסטע אוולע ניט באגאנגען קעגן אים. ניט דערטראכט זיך עס טאָן. דאָס האָט מיך זייער געקימערט. ניט גוט וועט זײַן, אויב פּיניע וועט זיך דערוויסן וועגן מײַנע באגעגענישן

מיט יויכצוועדן, ביז איך וועל זיך זען מיט אים אף דער קאָמיוגישער פאַר־זאַמלונג. אין א קליין שטעטל זײַנען קיין סוידעס ניטאָ. גענוג, אז עמעץ זאָל עפּעס באַמערקן, רעדט שוין דאָס גאַנצע שטעטל וועגן דעם. אויב ער וועט זיך דערוויסן פון עמעצן און ניט פון מיר, איז ווי וועל איך דעמלט אויסזען אין זײַנע אויגן? וואָס וועט ער דעמלט טראַכטן וועגן מיר? ער וועט שוין מיר גאָרנישט ניט גלייבן. און קעדיי ער זאָל זיך איבער־צײַגן, אַז איך האָב זיך ניט געקליבן עפּעס וואָס אויסבאַהאַלטן פון אים, האָב איך גענומען מיט זיך דעם בריוו, וועלכן איך האָב געהאַט אָנגעשריבן אף גאַנצע אַכט זײַטלעך באַלד נאָכדעם, ווי איך האָב צום ערשטן מאָל באַם פײַערלעשער־טורעם זיך צופעליק באַגעגנט מיט יויכצוועדן.

מיט א ניט גרינג געמיט בין איך אַוועק אין קלוב, ווו ס'האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן די פאַרזאַמלונג. אופהייבנדיק זיך אף די אָפּגעריבענע הילצערנע טרעפּ, האָב איך באַשלאָסן, אַז כ'וועל גלײַך אָפּגעבן פיניען דעם בריוו, זאָל ער אים איבערלייענען און זען, אַז ס'איז געשריבן געוואָרן נאָך מיט צען טעג צוריק. דעמלט וועט מיר זײַן לײַכטער צו ריידן מיט אים.

אין קלוב זײַנען שוין געווען קימאַט אַלע קאָמיוגיסטן. אייניקע האָבן באַם פּרעזידיום־טיש, וואָס איז געשטאַנען איבערגעדעקט מיט א רויטן לײַוונט אף דער בינע, געשפּילט אין דאַמקעס, א טייל אין דאָמינאָ. עטלעכע קאָמיוגיסטן זײַנען געזעסן אין זײַטיקן קליינעם צימערל, ווו ס'איז גע־שטאַנען א ניט־אָנגעגלאָזטע שאַפע מיט אַלטע ביכער און פרישע בראָשורן, און אַרײַנגעקוקט אין די צײַטונגען, וואָס זײַנען געלעגן אפן פאַניער־טישל. פיניע איז נאָך ניט געווען. דאָס האָט מיך געוווּנדערט. ער האָט דאָך גע־זאָגט, אז ער וועט זײַן פריִער. און איצט איז שוין צוויי אזייגער. מע האָט שוין געדאַרפט אָנהייבן די פאַרזאַמלונג. אין עטלעכע מינוט אַרום איז מיט א טומל אַרײַנגעקומען זוזיע סורקיס, דער באַפולמעכטיקטער פון ראַי־פינאָפּטייל. ער האָט פאַנאַנדערגעשפּיליעט די לעדערנע קורטקע, וועלכע ער האָט אפילע אין די היצן ניט אויסגעטאָן, זיך אומגעקוקט מיט די באַלע־בעוואַטע אייגעלעך, צי עס זײַנען ניטאָ קיין זײַטיקע, און מיט זײַן הייזעריקלעכער שטים געמאָלדן, אז פיניע מיטן סעקרעטאַר פון ראַיקאָמיוג זײַנען אַוועקגעפאָרן צוליב א זייער א דרינגענדן איניען און געהייסן וואַרטן. ניט פאַנאַנדערגיין זיך. וווּהין זיי זײַנען דרינגענד אַוועקגעפאָרן און צוליב וואָס פאַר אן איניען, האָט ער ניט געזאָגט. דאָס איז געווען א סאָד. מעגלעך, אז ער האָט אויך ניט געוווּסט. נאָר ביכלאַל איז ער שטענדיק געווען פול מיט סוידעס.

פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט אים, איז ער מיר דערווידער געוואָרן אי מיט זײַנע אומרויִק־לויפנדיקע אייגעלעך, מיט די רויטע בעקעלעך אפן קײַלעכיקן פּענעמל, מיט זײַן אויסערגעוויינ־לעכער „רעוואָליוציאָנערישקײַט”. אף יעדער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג איז ער אַרויסגעטראָטן דער ערשטער, וועגן געוויינלעכע זאַכן גערעדט מיט היץ, באַנוצנדיק זיך מיט הויכע ווערטער, וועלכע קיינער האָט ניט פאַר־שטאַנען. צו יעדער פראַגע האָט ער געהאַט א גרייטע האַרבע רעזאָליוציע: געבן א שטרענגן אויסרייד די קאָמיוגיסטן פונעם בײַשטעטלדיקן לאַנד־ווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו דערפאַר, וואָס זיי האָבן בעשאַס דעם רעגן

פאַרשפּעטיקט אַף עטלעכע מינוט צום פּאָליט־שמועס, געפּאָדערט אויס־שליסן פון קאָמיוג די אופראַמערן אין באָד לייקע דעם באַלעגאָלעס דער־פאַר, וואָס זי איז בעשאַס דער לעווײַע פון איר עלטערבאָבען געשטאַנען באַם קייווער, ווען דער ראָוו האָט געזונגען אייל מאָלע ראַכמים, און ניט פּראָטעסטירט. דאָס באַווײַזט, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם קלאַסן־באַוווסט־זײַן, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון די קלעריקאַלן און פּאַראַטן די אידייען פון דער רעוואָליוציע. בעשאַס זוזיע סוריקס האָט זיך געהיצט, האָבן די נאָזלעכער באַ אים זיך ברייט פאַנאַנדערגעבלאָזן און פון די דינע בלוילעכע ליפּן האָט געשפּריצט מיט סלינע. די באַלעבאָסטע האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז פּאַראַיאָרן יאָמקיפּער, בעשאַס פּיניע איז געווען אין מיליטער, האָט זוזיע אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע פון קינדער, וועל־כע האָט, בעראָש מיט אים, עטלעכע מאָל דורכגעמאַרשירט פאַרבײַ דעם בעסמעדרעש מיט דער ליד „דאָלאָי ראַווינאָוו אי פּאָפּאָוו”. און ווען די מיספּאַלעלים זײַנען אין די טאַלייסים אַרויס אַפן טומל, האָט ער און נאָך אייניקע זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן פּאָנעם און געשמירט די ליפּן מיט שטיקער כאַזער־שמאַלץ. מע האָט אויך גערעדט וועגן דעם, אַז ער שיקט בישטיקע מעסירע־בריוו אין די אינסטיטוטן, ווו עס לערנען זיך די טעכ־טער און זין פון געוועזענע באַלעבאַטים, מע זאָל באַ דער ריינִיקונג, וואָס דאַרף פּאָרקומען, זיי אויסשליסן, ווי פרעמדע עלעמענטן. אַליין האָט ער געשטאַמט, ווי מע האָט צווישן זיך גערעדט, פון הענדלער, נאָר אין דער אַנקעטע באַ אים איז געווען אָנגעוויזן, אַז זײַן טאַטע איז געווען אַ קוסטאַר. אַף וויפל ער איז געווען ניט קיין היגער, נאָר אַ צוגעשיקטער פון אַן אַנדער ראַיאָן, האָט מען געגנוי זײַן ייִכעס ניט געוווּסט. מע האָט זיך געהאַלטן פון אים פונדערווײַטן. איך אויך. ער האָט מיך עטלעכע מאָל געפּאַקט אין גאַס, ווען איך בין געווען אַליין, געפּרווּוט פאַרפירן מיט מיר אַ רייד, זיך אינטערעסירט מיט מײַן ביִאָגראַפּיע, געוואָלט וויסן די פאַמי־ליע פונעם סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל באַ מיר אין טעכניקום. ניט וועלנדיק טרעפן זיך מיט אים איצט אין קלוב, בין איך אַרויס אין גאַס און באַשטימט אָפּוואַרטן דאָרט פּיניען.

אין אַ שאָ אַרום איז צום קלוב צוגעפאָרן אַ מיליטערישע טאַטשאַנקע. פון איר זײַנען אַראָפּ דער שעף פון דער גרענעץ־זאַסטאַווע, דער סעקרע־טאַר פון ראַיקאָמיוג און פּיניע. פאַרבײַגייענדיק, האָט פּיניע מיר געגעבן די האַנט, נאָר קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. איך האָב אים פאַרהאַלטן אַף אַ רעגע, דערלאַנגט דעם בריוו, געבעטן איבערלייענען.

— צוליב וואָס? — האָט ער זיך אַ קנייטש געטאָן און אומגעקערט מיר דעם בריוו צוריק. — דאַרפסט זיך פאַר מיר ניט פאַרענטפערן. איך פאַרשטיי אַליין. זע נאָר, באַליידיק זי ניט...

מיר זײַנען אַרײַן אין קלוב. פּיניע איז מיט גיכע טריט אַרוף אַף דער בינע, ווו באַם פּרעזידיום־טיש זײַנען שוין געזעסן ביידע כאַווײרים, מיט וועלכע ער איז געקומען צו פאָרן אַף דער טאַטשאַנקע.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָמיוג האָט געמאַכט אַ קורצן פּאָרטראָג וועגן דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע, גערעדט וועגן קערזאָנס נאָטע, וועגן

דער קאָנפֿערענץ פֿון דער אַנטאַנטע, וועגן די אימפּעריאַליסטישע פּראָוואָקאַציעס קעגן דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד און וועגן דער ראָליע, וואָס עס שפּילט אין דעם דאָס שליאַכטישע פּוילן. דערציילט, אַז עס זײַנען ווידער געווען דיווערסיע־אַקטן. אין מינסק האָט מען אונטערגעצונדן דעם לעדער־זאַוואָד, אין אָרשע דעם עלעוואַטאָר, אין מאָזיר די נײַ־פֿאַבריק. עטלעכע דיווערסאַנטן, וואָס זײַנען אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון פּוילן אויף אונדזער טעריטאָריע, האָט מען פֿאַרהאַלטן. אויפֿן פֿאַרהער האָבן די דיווערסאַנטן דערציילט, אַז מע קלײַבט זיך הײַנט צוויי אַזייגער באַנאַכט אַריבערוואַרפֿן איבער אונדזער גרענעץ נאָך אַ גרופּע. פֿאַראַן אַ פֿאָרשלאָג. אַלע קאָמיוניסטן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען אַ מיליטערישע צוגרייטונג אין „טשאָן”, מאָביליזירן זיך אויף מיטהעלפֿן די גרענעצלער אויספֿילן די פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבע צו פֿאַרהאַלטן די באַנדע דיווערסאַנטן. דער פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. דעבאַטירן איז ניט געווען וואָס. דאָך האָט זוזיע סורקיס געבעטן אַ וואָרט. מיט האַסטיקע טריט איז ער אַרויף אויף דער בינע און, ווענדנדיק זיך צום פּרעזידיום, אויסגעדריקט פֿון אַלעמענס נאָמען, — כאָטש גראָד אים האָט דאָס קיינער ניט באַפּולמעכטיקט, — אַ הייסן, פֿלאַמיקן קאָמיוגישן דאַנק פֿאַרן צוטרוי און פֿאַרזיכערט, אַז יעדער איינער און אַלע צוזאַמען וועלן, ניט שאַנעווענדיק זיך, אויספֿילן דעם הייליקן כּיוו, אַרויסווײַזן דרייסטקײַט, שרעקלאָזיקײַט, מעסירעסנעפֿעש, ווי עס האָבן עס אַרויסגעוויזן די העלדישע קעמפֿער בײַס דער רעוואָליוציע.

צום סאָף פֿון דער פֿאַרזאַמלונג האָט פּיניע געמאָלדן, אַז אין צוויי שאָ אַרום, פּינקטלעך זעקס אַזייגער, דאַרפֿן אַלע קאָמיוגיסטן־טשאָנאָווצעס זײַן לעבן בערעזע־וועלדל. סורקיס האָט פֿאָרגעלייגט, ער זאָל אָנרופֿן די פֿאַמיליעס פֿון יענע, וועמען עס ווערט פֿאַרטרויט אויסצופֿילן אָט די ביז גאָר פֿאַראַנטוואָרטלעכע אָפּעראַציע. פּיניע האָט איבערגעלייענט דאָס צעטל. מײַן פֿאַמיליע איז דאָרט ניט געווען. איך האָב זיך דערפֿילט אַזוי, ווי מע וואָלט מיך בעקיוון באַליידיקט. ווענדנדיק זיך צו פּיניען, האָב איך געפֿרעגט, פֿאַרוואָס בין איך ניטאָ אין צעטל. איך בין דאָך אויך אַ טשאָנאָוועץ, אויך דורכגעגאַנגען אַ מיליטערישע צוגרייטונג. צי עפּשער בין איך ניט קיין באַגלייבטע פּערזאָן? פּיניע האָט געענטפֿערט זייער רויִק, אַז ניט אײַנגעשלאָסן האָט מען מיך דערפֿאַר, ווײַל די אָפּעראַציע איז ניט קיין לײַכטע, מעגלעך אַפֿילו אַ געפֿערלעכע, און איך בין ניט אויפֿן באַשטענדיקן דיסקאָנט בײַ זיי אין קעמערל. און אַנדערשמאָל וואָלט איך עפּשער זיך אַזוי ניט אײַנגעשפּאַרט, נאָר דעמלט האָב איך געפֿילט אַ באַדערפֿעניש גיין צוזאַמען מיט אַלעמען, און דעריקער מיט אים, מיט פּיניען, זאָל זײַן אויף דער סאַמע געפֿערלעכער אָפּעראַציע. און איך האָב זיך עס דערשלאָגן. מע האָט מיך אײַנגעשלאָסן אין צעטל. איך בין געווען דער דרײַצנטער.

אויף דער פֿאַרזאַמלונג זײַנען די געדאַנקען מײַנע געווען דורכויס פֿאַרנומען מיט דעם, וועגן וואָס עס האָט זיך דאָרט גערעדט. נאָר באַלד ווי די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאַרענדיקט, מע איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען און איך בין פֿאַרבליבן אַליין מיט זיך, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז צען אין

אָוונט, ווי מיר האָבן זיך געהאַט צונויפגערעדט, וועט יויכעוועד וואַרטן אויף מיר בײַ זיך אויפן גאַנעקל. איך האָב זי פאַרזיכערט, אַז צו צען אַזייגער וועל איך קומען. נאָר טאָמער פאַרהאַלט איך זיך עטוואָס, זאָל זי וואַרטן, ניט אַוועקגיין. איצט האָב איך געהאַט די זאָרג: ווי אַזוי גיט מען איר צו וויסן, אַז איך וועל ניט קאָנען קומען, זי זאָל ניט זיצן דאָרט אײנע אַליין אין דער פינצטער און וואַרטן אומזיסט. צוגיין צו איר אַהיים האָב איך ניט געוואַגט צוליב אירע עלטערן. איבערגעבן מיט עמעצן? מיט וועמען? ווי אַזוי? אײן האָפענונג איז פאַרבליבן: עפשער וועל איך זי דערזען ערגעץ. איך האָב זיך אַרומגעדרייט הין־און־הער איבער דער גאַס, דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל פאַרבײַ איר געסל, נאָר ניט געזען זי. דער זייגער איז שוין געווען באַלד זעקס. מער פאַרהאַלטן זיך האָב איך ניט געקאָנט, און מיט אַ פאַרדראָס אויף זיך אַליין, וואָס איך האָב איר ניט צו וויסן געגעבן, בין איך אַוועק צום זאַמל־פּונקט.

לעבן בערעזע־וועלדל זײַנען שוין געווען אַלע קאָמיוגיסטן־טשאַנאַוור־צעס, אויסער זוזיע סורקיסן. ער איז מיט אַ שאָ פריער, לאָזט זיך אויס, אַוועקגעפאָרן אויף אַן עקסטרע באַראַטונג אין ראַיפּינאָפּטייל. „ער האָט דאָך זײַן הייליקן כּיוון שוין אויסגעפילט מיט דעם פלאַמיקן וואָרט אויף דער פאַרזאַמלונג”, — האָט זיך אַ וויצל געטאָן דער שטענדיק שווײַגנדיקער בערל באַרבאַראַש, דער קאָניוך פונעם בײַשטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו. עמעצער האָט נאָך עפּעס צוגעגעבן, און עס האָט זיך פאַנאַנ־דערגעטראָגן אַ געלעכטער. בעשאַס כעוורע האָט זיך געוויצלט, איז פּיניע צוגעגאַנגען צו מיר און ווידער געפּרוווט מיך אָפּריידן, פאַרגעלייגט זיך אומקערן, דורכפירן די פאַרפּלאַנירטע רעפּעטיציעס מיט די פּיאָנערישע רינגען. „אויף דער זאַסטאַווע וועלן מיר זיך באַגיין אָן דיר, — האָט ער מיך פאַרזיכערט, — און די רעפּעטיציעס וועט אָן דיר קײנער ניט דורכפירן”. איך האָב געפילט, אַז אים ווילט זיך זייער ניט, איך זאָל זיך באַטייליקן אין דער באַנאַכטיקער אָפּעראַציע. איך האָב זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן.

מיר זײַנען אַוועק. ביז דער גרענעץ־זאַסטאַווע איז געווען אַ פיר קי־לאָמעטער. געגאַנגען זײַנען מיר מיט אַ זײַטיקער סטעזשקע, וועלכע האָט זיך געשלענגלט צווישן הויכן בודזיאַק, קראָפּעווע און פּאָלין. אַ שטיקל וועג איז מיר אויסגעקומען גיין זײַט־בײַ־זײַט מיט פּיניען. ער האָט גע־שוויגן. איך האָב אויך געשוויגן.

געקומען זײַנען מיר אויף דער זאַסטאַווע, וועלכע האָט זיך געפונען באַם אַרײַנגאַנג אין סאָסנע־וואַלד, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן און זי האָט באַגאָסן די קרוינען פון די ביימער און די בלעכענע דעכער פון די עטלעכע זאַסטאַווע־געבײַדעס מיט גינגאָלד. נאָך אַ קורצן אָפּרו האָט דער שעף אונדז פאָרגעשטעלט דעם קאָמאַנדיר פונעם אָפּטייל, וועלכער איז באַאופטראָגט געווען אָנצופירן מיט די אָפּעראַציעס פון אונדזער גרופּע. דער קאָמאַנדיר, ער שטייט מיר ביז איצט פאַר די אויגן, — אַ גוטמוטיקער יאַקוט מיט שמאָלע זייער לעבעדיקע אויגן, האָט אונדז געענוי דערקלערט די שלאַכט־אויפגאַבע, אָנגעהאָדעוועט אונדז אין זייער סטאָלאָווקע, אַרויסגעגעבן געווער און געמאָלדן, אַז אַ פּאָר שאָ, ביז עלף אין אָוונט, קאָנען מיר רוען.

מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אפן גרינעם שמעקנדיקן גראָז באם ראנד
פונעם וואלד. ארום־און־ארום איז שוין געווען טונקל. איך בין געלעגן, זיך
צוגעהערט צום שטילן גערויש פונעם וואלד און זיך פאַרגעשטעלט, ווי יוי־
כעווער זיצט שוין דאָרט איינע אליין אין דער פינצטער אפן גאנעקל
אוןווארט. דאָס הארץ האָט מיר געגאָגט. איך האָב זיך געפילט שולדיק.
עמעץ האָט דערנעבן אָנגעצונדן א שוועבעלע, פאַרייכערט. דאָס איז געווען
פיניע. איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן אים. א ווײַלע זײַנען מיר געזעסן
שווײַגנדיק. נאָכדעם האָט ער זיך שטארק פארצויגן און געזאָגט, אז ער
קלײַבט זיך אין א פאָר וואָכן ארום אוועקצופאָרן. אף לאנג. עפשער אף
שטענדיק. ער האָט הײַנט נאָך דער פארזאמלונג זיך צונויפגערעדט וועגן
דעם מיטן סעקרעטאר פון ראיקאָמיוג. דער סעקרעטאר האָט צוגעזאָגט שיקן
אים אין א מיליטער־שול.

ס׳האָט זיך באוויזן דער קאָמאנדיר. ער האָט אונדז אויסגעשטעלט אין
איין ריי און שטיל אוועקגעפירט טיפער אין וואלד. דאָרט האָט יעדער פון
אונדז, לויט זײַנע אָנווײַזונגען, פארנומען אן אָרט אין דער קייט צווישן
די סאָסנעס. רעכטס פון מיר איז געלעגן מיט אן אָנגעלאָדענער ביקס בערל
בארבאראש, לינקס — פיניע. עס האָט זיך געהערט, ווי אף ביידע פלאנגען
האָבן פארנומען זייערע ערטער אנדערע באוואָפנטע גרופעס. נאָכדעם איז
געוואָרן זייער שטיל. די ביימער האָבן אפילע אופגעהערט שורשען מיט
די צווײַגן, ווי זיי וואָלטן ניט וועלן שטערן אונדז אופצוכאפן דעם פאר־
טײַעטן אָפהילך פון פרעמדע טריט. די צײַט האָט זיך זייער געצויגן. לאנג.
זייער לאנג. און אָט האָט מיטאמאָל א הילך געטאָן אין וואלד איין שאָס
נאָכן אנדערן. עס האָט זיך דערהערט א טופען פון פיס. מע איז געלאָפן, ווי
מיר האָבן דערוואַרט, אין אונדזער ריכטונג. דער קאָמאנדיר האָט באפוילן
צולאָזן די באנדע נעענטער. דער וועג אף צוריק איז זיי שוין געווען אָפ־
געשניטן. דאָס זעלבע אף ביידע פלאנגען. די דיווערסאנטן זײַנען געווען
שוין גאָר נאָענט. דעמלט האָבן מיר געגעבן א געמיינזאמען זאלפ אינדער־
לופטן. אין א ווײַלע ארום זײַנען זיי ארומגערינגלט געוואָרן פון אלע זײַטן.
פינף פון זיי האָבן אופגעהויבן די הענט, איינער האָט זיך דורכגעריסן. דער
קאָמאנדיר, עטלעכע גרענעצלער און פיניע האָבן זיך אוועקגעיאָגט נאָך
אים. גלײַך ווי דאָס הארץ וואָלט מיר געזאָגט, אז מיט פיניען קאָן עפעס
טרעפן, האָב איך זיך געלאָזט באנאנד מיט אים, ווי איך וואָלט שוין מיט
דעם פארהיט אים פון א געפאר. מיר האָבן ניט געשאָסן. געוואָלט נעמען
דעם באנדיט א לעבעדיקן. פלוצלינג האָט ער זיך אויסגעדרייט און אויס־
געשאָסן. עטלעכע מאָל נאָכאנאנד. אין דער זעלבער רעגע האָט דער קאָ־
מאנדיר מיט איין קויל אים אוועקגעלייגט. לויט דער אינערציע איז פיניע
אָפגעלאָפן נאָך עטלעכע טריט און מיטאמאָל, ווי ער וואָלט זיך אָן עפעס
אָנגעשטויסן, אומגעפאלן מיטן פּאָנעם אף צוריק, זיך אויסגעצויגן צווישן
די ביימער. מיר האָבן זיך גלײַך געלאָזט צו אים. ער איז געלעגן אן אָנמעכ־
טיקער, שווער געאָטעמט. דאָס כאקי־העמדל מיט די ווײַסע קנעפלעך איז
דורכגעווייקט געווען אין בלוט. דער קאָמאנדיר האָט פלינק איבערגעבונדן
אים די ברוסט. מיר האָבן אים געבראכט אף די הענט אין דער זאסטאווע.

מע האָט אים באלד אוועקגעפירט אף דער טאטשאנקע אין ראיצענטער, אין שפיטאָל.

קיין איינעם פון די דיוועדסאנטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן דורכשמוגלען זיך. די אָפעראציע איז דורך געלונגען. אָבער דער שווערער איבערפאל מיט פיניען האָט געפאטערט די שטימונג.

אינדערפרי, אומקערנדיק זיך פון דער זאסטאווע, האָבן די כעווריע דערזען פארטריקנט בלוט בא מיר אפן העמדל. איך האָב געטראכט, אז באַפלעקט האָט זיך דאָס העמדל, בעשאס איך האָב געהאָלפן ארויסטראָגן פיניען פון וואלד. נאָר ווען איך האָב דאָס העמדל אויסגעטאָן, קעדיי אויסשווענקען עס אין טײַך, האָב איך באמערקט, אז דער לינקער ארבל איז דורכגעשאָסן און אף דער האנט בא מיר, העכער דעם עלנבויגן, איז א היפשער בלוטיקער שראם. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אז יויכעוועד זאָל עס וויסן. נאָר איצט איז ניט געווען די פאסיקע צײַט צו טראכטן וועגן דעם. ס׳האָט מיך זייער באומרויִקט פיניעס צושטאנד. ניט ארײַנגייענדיק אין ערגעץ, בין איך, צוזאמען מיט כעמען, דעם פאָרזיצער פונעם בלעכער־ארטעל, וועלכער האָט געהאט פארביטן פיניען, בעשאס יענער איז געווען אפן סעמינאר, און מיט בערל בארבאראשן, אוועק אין בײַשטעטלדיקן לאנדווירטשאפטלעכן קאָלעקטיוו, און אף זייער פערד־און־וואָגן זאלבעדריט אוועקגעפאָרן אין ראיצענטער, דערוויסן זיך אין שפיטאָל, וויאזוי עס פילט זיך פיניע.

צו פיניען האָט מען אונדז ניט צוגעלאָזט. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז ער איז פארוואונדעט אין לונג. די קויל האָט מען ארויסגענומען. נאָר די טעמפעראטור איז בא אים דערווײַל א הויכע. דער דאָקטער רעכנט, אז די נאָענטסטע טעג וועט אים ווערן לײַכטער.

מיר זײַנען שווײַגנדיקע ארויס פונעם דאָקטערס קאבינעטל. בערל בארבאראש און כעמע שאליט האָבן זיך געזעצט אפן וואָגן. איך האָב זיך אומגעקערט, א פרעג צו טאָן, ווען מע קאָן קומען נאָכאמאָל, קעדיי זיך זען מיט אונדזער כאווער. דער דאָקטער האָט געייצעט קומען ניט פריִער ווי אין א וואָך ארום. און, דערמאָנענדיק זיך אין עפעס, האָט ער א פרעג געטאָן בא מיר, צי איך ווייס ניט, ווער עס איז יויכעוועד און ווער זי קער זיך אָן מיט פיניען. בא א הויכער טעמפעראטור האָט דער פארוואונדעטער עטלעכע מאָל ארויסגעשעפטשעט אָט דעם מיידלשן נאָמען.

די כעווריע האָב איך וועגן דעם גאָרנישט ניט געזאָגט. נאָר יויכעוועדן האָב איך זיך געקליבן עס דערציילן. עפשער וועט זי צופאָרן מיט מיר צו אים. איין גוט וואָרט אירס קאָן פארלײַכטערן זײַנע ווייטעקן. און עפשער פארקערט. עפשער וועט אים פון דעם ווערן ערגער. און כ׳האָב שוין ניט געוווסט — זאָגן איר, צי ניט.

פון שפיטאָל האָבן מיר זיך אומגעקערט נאָך האלבן טאָג. בערל בארבאראש איז פארבליבן מיט פערד־און־וואָגן אין בײַשטעטלדיקן לאנדווירטשאפטלעכן קאָלעקטיוו, כעמע שאליט האָט אוועקגעײַלט אין בלעכער־ארטעל, איך — צו זיך אף דער קווארטיר, זיך ווײַזן דער באלעבאָסטע. אין שטעטל האָט שוין עמעצער געהאט פארשפרייט א קלאנג, אז איך בין אויך פארוואונדעט, געפערלעכער פון פיניען.

ווען איך בין אריין אינעם ענגן הייפל, האָט אנטקעגן זיך געעפנט מיט א סקריפּ די נידעריקע דרויסן־טיר. פון מיין באלעבאָסטעס שטיבל איז אומדערוואַרט פאַר מיר ארויס יויכעווּעד. זי איז געווען זייער פאַרזאָרגט. דערזען מיך, איז זי א רגע געבליבן שטיין, ווי איבערראַשט, און באלד אָן אופּגעלעבטע, א שיינענדיקע, זיך געלאָזט לויפן מיר אנטקעגן.

איר זייט נאָך ניט מידז?

— ניין, ניין, פארקערט, ביטע, זעצט פאַר.

— עס זיינען אדורך עטלעכע וואָכן. א פּאָר מאָל בין איך געווען אין שפּיטאָל, זיך געזען מיט פּיניען. ער האָט זיך געפילט בעסער. זיך פאַנאַנ־דערגעפרעגט, ווי עס גייען די רעפּעטיציעס, אינטערעסירט זיך, צי וועל איך באַווייזן צום יאָרטאָג, זינט עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס קאַמיר־גישע קעמערל, צוגרייטן דעם קאָנצערט. די פּראָגראַם איז געווען א רייכע. רעפּעטירט האָב איך אי באַטאָג, אי אין די אָוונטן. באַטאָג מיט די פּיאַנערן. אין די אָוונטן מיט די קאַמיוגיסטן, מיט דער האָרעפּאַשנער יוגנט. אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ. דאָך פלעג איך קימאַט יעדן אָוונט, שוין נאָך די רעפּעטיציעס, זיך באַגעגענען מיט יויכעווּעדן. אפן שפּאַציר פלעגט זי שוין זעלטן ארויסגיין. זי פלעגט וואַרטן אף מיר אין דער באַשטימטער צייט בא זיך אפן גאַנעקל. אין שטעטל האָט מען געוווּסט, גערעדט וועגן דעם. די סטודענטלעך האָבן אָנגעהויבן קוקן אף מיר מיט אָנגעכמורעטע אויגן, נאָר מיר איז עס ניט אָנגעגאַנגען, פּונקט ווי ס'זיינען מיר ניט אָנגעגאַנגען די ליבע־בריוו, וועלכע איך האָב באַקומען פון די אָנגעפאָרענע יונגע סטודענט־קעס. פאַראַן א שורע אין א ליד פון מיין באַליבטן דיכטער בוזי אָליעווסקי: „צווישן טויזנט דאַרף איך איינע". די איינע, די איין־איינציקע אף גאָר דער וועלט איז פאַר מיר געווען יויכעווּעד. נאָר זי, מער קיינער.

די צייט איז גיך געלאָפן. ס'איז שוין געווען אינמיטן אווגוסט. צוויי טעג זיינען פאַרבליבן ביזן קאָנצערט. ווען איך האָב פאַרענדיקט די פאַרלעצטע רעפּעטיציע און בין ארויס פון קלוב, איז אין דרויסן שוין געווען שטאָק־פינצטער. דעם הימל האָבן באַלאָדן שווערע דראָענדיקע וואָלקנס. מיט גיכע טריט בין איך אוועק אראָפּ־גאַס, צו איר. א שטאַרקער ווינט האָט געשמיסן אין פּלייצע. פאַר די אויגן האָט דורכגעשווינדלט א פיַיערדיקער בליץ. איבער די וואָלקנס האָט מיט א טראַכקעריי זיך דורכגעקייקלט א דונער. ס'האָט אָנגעהויבן קאַפּען א שיטערער קאַלטער רעגן. איך בין געווען אין איין העמדל. כ'האָב זיך געלאָזט לויפן. דער ווינט האָט זיך נאָך שטאַרקער צעבושעוועט. ס'האָט אָן אופהער געבליצט, געדונערט. אָט־אָט, האָט זיך גע־פילט, וועט א שמיץ טאָן א שלאַקסרעגן. געטראַכט האָב איך שוין, אז איך איַיל זיך אומזיסט. אין אזא וועטער וועט זי ניט אריבערטרעטן די שוועל, זי וועט אין אזא שטורעם ניט ארויס אפן גאַנעקל, זי וועט איצט ניט וואַרטן אף מיר. און דאָך בין איך מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם געלאָפן. איך בין שוין געווען גאָר נאָענט. א שאַרפער בליץ האָט אָנגעצונדן א שטיק הימל, באַ־לויכטן איר גאַנעקל. און איך האָב זי דערזען. א באַשיינטע פּונעם בליץ, איז זי געשטאַנען א פאַרקוטעטע אין א געקעסטלטער שאַל. איינע אליין. איך בין ארופגעלאָפן צו איר. איבערן סאַמע קאָפּ האָט געפּלאַצט א דונער. ס'האָט א פליוכע געטאָן א שטאַרקער גוסרעגן. זי האָט מיך ארומגעכאַפּט,

זיך צוגעדריקט מיט איר שטײַפן וואַרעמען קערפּער. מיר האָבן זיך צוגעטוליעט צום סאַמע ווינקל, וווּהין די רעגן־טראָפּנס האָבן ניט דערגרייכט און ס'האָט ניט אַזוי געבלאָזן. זיך אײַנגעקוטעט ביידע אין דער ווייכער שאַל.

— איך האָב מוירע געהאַט, אַז דו וועסט אין אַזאַ וועטער שוין ניט קומען, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן מיר אָפּן אויער.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין ניט אַרויס, וועסט ניט וואַרטן, — האָב איך שטיל געזאָגט.

— ווען דו קומסט ניט באַלד, וואָלט איך סײַ־ווי געוואַרט. איך וואָלט ניט אַוועק, ביז באַגינען וואָלט איך דאָ געזעסן און געוואַרט, — האָט זי מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געזאָגט, אַרומגענומען מיך באַם האַלדז, צוגעדריקט איר פאַרפלאַמט פּאָנעם צו מײַנעם. אונדזערע דאָרשטיקע ליפּן האָבן זיך באַהעפט.

דער ווינט האָט געהוליעט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פאַנאַנדערגעוויגט די הויך־צעוואַקסענע קליאָנען, געררוישט מיט די צווײַגן, געברומט, געפּײַפט. דער רעגן האָט געקלאַפּט מיט שווערע טראָפּנס איבער דעם בלעכענעם דעכל פונעם גאַנעקל, איבער די שורשענדיקע בלעטער פון די בעזקוסטעס, איבער דעם הילצערנעם טראָטואַרל, איבער די האַסטיק פליצנדיקע ריוּוטשאַקעס. פלאַמיקע בליצן האָבן געצונדן דעם נידעריק פאַרוואָלקנטן הימל, די אַנטקעגנדיקע שינדל־דעכער, די שויבן פון די דערבײַיִקע פענצטער. די שויבן האָבן געקלונגען, געציטערט פון די דונערן. און אונדז איז געווען גוט. זייער גוט.

נאָך האַלבער נאַכט האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט, אויסגעשטערנט. ס'איז געוואָרן שטיל. די קליאָנען, אויסגעצוואָגענע פונעם רעגן, זײַנען געשטאַנען פון ביידע זײַטן גאַנעקל, ווי פאַרקישעפטע, ניט אַ ריר טוענדיק מיט אַ בלעטל.

ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריִען אָף טאָג, האָב איך זיך אויפגעהויבן אָף אַוועקצוגיין.

— זײַ נאָך אַ ווײַלע, — האָט יויכעוועד געבעטן, ניט אַרויסלאָזנדיק מײַן האַנט פון אירער, — זע, סאַראַ זון־אויפגאַנג, סאַראַ שיינקײַט...

מיר האָט זיך אויך ניט געוואָלט צעשיידן זיך מיט איר, נאָר עס האָט זיך שוין געלאָזט הערן אַ טראַכקען פון וועגענער, וועלכע האָבן, קאָנטיק, געײַלט צום זונטיקדיקן מאַרק.

באַגלייטנדיק מיך, האָט יויכעוועד אָף די גאַנעק־טרעפּלעך זיך דערמאָנט, אַז הײַנט, זונטיק, וועט זײַן דער פאָטאָגראַף פון ראַיאָן. איר האָט זיך זייער געוואָלט פאָטאָגראַפירן זיך מיט מיר בא דעם פײַערלעשערטורעם, ווו מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל זיך באַגעגנט.

— צוויי אַזייגער באַטאָג וועל איך דאָרטן זײַן. איך וועל וואַרטן אָף דיר. זאָלסט אומבאַדינגט קומען. פּונקט צוויי אַזייגער. גוט? — האָט זי, אָנבייגנדיק זיך צו מיר, אַ זאָג געטאָן, און אירע לויטערע אויגן האָבן געלויכטן מיט ליבשאַפט.

ביז צוויי אַזייגער האָב איך באַוויזן אי כאַפּן אַ שלאָף, אי העלפן דער אַלטיטשקער באַלעבאָסטע צוראַמען בא מיר אין צימערל, אי אָנמאָלן אַ

פֿלאקאט. אין דער באשטימטער צײַט בין איך מיט א ליכטיק געפֿיל אוועק צום פֿײַערלעשער־טורעם. נאָר יויכעוועד איז דאָרט נאָך ניט געווען. איך האָב א היפּשע צײַט זיך ארומגעדרייט איבערן שמאָלן הילצערנעם טראָטואַרל, אומגעקוקט זיך אין אלע זײַטן. אלע ווײַלע האָט זיך מיר געדוכט, אז זי גייט. איך האָב געווארט און געווארט, און זי איז ניט געקומען. זאָל זײַן, אז איך האָב זי ניט ריכטיק פֿארשטאנען? זי האָט עפּשער געמיינט זאָגן, איך זאָל קומען אפֿן ראָג גאס, לעבן דער פֿאבריקמאכערײַ, ווו אין די זונטיק־טעג געפֿינט זיך געוויינלעך מיט זײַן אפּאראט דער פֿאָטאָגראַף פֿון ראיאָן? איך בין אוועק אהין. זי איז דאָרט אויך ניט געווען. ניט אנדערש, מיר האָבן זיך אויסגעמיטן. איך בין זיך דורכגעגאנגען איבער דער גאס, געווען בא דער פֿאָטשט, לעבן די קלייטן, אפֿן מארק. עפּשער וועל איך זי דאָרט טרעפֿן. אפֿן מארק איז נאָך געווען א היפּשער אוילעם. עס איז געשטאנען א טומל, א געפּילדער, ווי געוויינלעך אף א שטעטלדיקן מארק. עס האָבן געקרייעט הענער, געהאָלדערט אינדיקעס, געקראקעט קאטשקעס. פֿון די וועגענער, וועלכע זײַנען אָנגעפֿאָרן אהער פֿון די נאָענטע דערפֿלעך און כוטאָרן, האָט געדיכט געשמעקט מיט רײַפֿע עפּל, מיט אוקראָפּ, דיניעס, צוגעטריקנטן היי און דזעגעכץ. אף די טישלעך איז אויסגעשטעלט געווען די פּראָדוקציע פֿון די אָרטיקע ארטעלן און פֿון קוסטארן־יעכידים: היטלען מיט הארטע גלאנציקע דאשעקעס, לאפּטיעס, יוכטאָווע שטיוול, עמערס, טעפּ, בערשטלעך. צווישן אוילעם האָב איך דאָרט געזען אירע כאווערטעס. יויכעוועד איז צווישן זיי ניט געווען.

אין אָוונט, באלד ווי מיר האָבן פֿארענדיקט די גענעראלע רעפּעטיציע, בין איך אוועק צו איר. אין אָט דער צײַט פֿלעגט זי געוויינלעך שוין ווארטן אף מיר בא זיך אפֿן גאנעקל. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי מיר וועלן זיך באלד דערפֿרייען, אויסקלאָרנדיק די מיספֿארשטייעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען. זי האָט געוויס געווארט אף מיר אין איין אָרט, און איך האָב געווארט אף איר אין א צווייטן.

פֿארקערעווענדיק צו איר געסל, האָב איך באמערקט, ווי פֿאסן שײַן ציִען זיך פֿון איר שטוב. איך בין געבליבן שטיין אין פֿארלעגנהײַט. די דרײַ פֿענצטער, וואָס האָבן ארויסגעקוקט צו דער גאס, זײַנען געווען ברייט צעעפֿנט. פֿונעם העל־באלויכטענעם צימער האָט דורך די גארדינען זיך געטראָגן א פֿריילעכער טומל. עמעצער האָט געשפּילט אף א פּיאנע. עמעצער האָט געזונגען. מע האָט הויך געלאכט. דאָרט זײַנען, קאָנטיק, געווען געסט. מיר האָט זיך געוואָלט כאָטש מיט איין אויג א קוק טאָן, זען, ווער זינגט עס, ווער שפּילט עס אף דער פּיאנע. איך בין אוועק אין א זײַט, זיך צוגעשפּארט צו א בוים און געבליבן ווארטן, ביז זי וועט זיך באווײַזן אפֿן גאנעקל. לאנג געווארט. זי איז ניט ארויס.

אף מאָרגן האָב איך זיך דערוווסט, אז זי איז מיטן פֿארטאָגיקן צוג אוועקגעפֿאָרן. איך בין געווען דערשטוינט, ניט געקאָנט באנעמען, וואָס איז געשען. פֿארוואָס איז זי פּלוצלינג, ניט זאָגנדיק מיר גאָרניט, ניט געזעגענענדיק זיך אפֿילע, אוועקגעפֿאָרן. און גראָד אין דעם טאָג, ווען עס דארף פֿאָרקומען דער קאָנצערט, אף וועלכן איך האָב אוועקגעלייגט אזויפֿיל קויכעס. איך האָב זיך געפֿילט באאוולט, מיר האָט זיך אין ערגעץ

ניט געוואָלט גיין, קיינעם האָב איך ניט געוואָלט זען, איך בין געלעגן בא זיך אפן בעטל און געהאלטן אין איין טראכטן: וואָס האָט געקאָנט געשען?

מע איז געקומען נאָך מיר. צײַט געווען אָנהייבן דעם קאָנצערט. ער איז געווען א געצאָלטער, לעטויוועס מאָפר. אלע בילעטן זײַנען אויספאַר־קויפט. דער קלוב — געפּאַקט. אירע כאַווערטעס זײַנען אויך געווען. יעדע ארויסטרעטונג איז אופגענומען געוואָרן מיט אפּלאָדיסמענטן. בא די אָנ־טיילנעמער איז געווען א יאָמטעוודיקע שטימונג. בא מיר איז דער יאָמ־טעוו, וועלכן איך האָב געגרייט און בין געווען זיכער, אז זי וועט אויך זײַן אף אים, געווען פארשטערט.

נאָך איר אוועקפאָרן האָט דאָס שטעטל מיר אָנגעהויבן אויסזען אנ־דערש. דאַכט זיך, די זעלבע געסלעך, די זעלבע הײַזער, דער זעלבער הימל, דאַכט זיך, אלץ, ווי געווען, און דאָך עפּעס אנדערש. אין אָוונט האָבן נאָך אייניקע סטודענטקעס און סטודענטן שפּאצירט. אירע כאַווערטעס אויך. נאָר דער שפּאציר האָט שוין קיין טאַם ניט געהאַט. עס האָט גע־פעלט זי...

דאָס הארץ האָט בא מיר געגאָגט, אויסגעגאנגען פון בענקשאַפט. איך האָב זיך קיין אָרט ניט געפונען. דערוווּסט זיך, אז פון בײַשטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו גייט א פור אין ראַיצענטער, בין איך אוועק אהין און צוגעפאָרן אין שפּיטאָל, צו פיניען. איך האָב געפּילט איצט א באַזונדער באַדערפעניש זיך זען מיט אים. שוין פונעם גערדאַנק אליין, אז איך וועל זײַן מיט אים, איז מיר לינדער געוואָרן אף דער נעשאָמע. נאָר פונקט אין דעם טאָג איז אין שפּיטאָל געמאָלדן געוואָרן קאַראַנטין און מע האָט מיך צו פיניען ניט ארײַנגעלאָזט.

מיט א נאָך שווערערן געמיט האָב איך זיך זיך אומגעקערט, אָנגענומען זיך מיט מוט און אָנגעשריבן א לאנגן בריוו. איך האָב אין אים ארײַנגעלייגט דאָס גאנצע הארץ, מײַן ליבע און פארדראָס, מײַן בענקשאַפט און ווייטעק. איך האָב געשריבן, אז איך וואָלט זייער און זייער וועלן וויסן, אויב ס'איז ניט קיין סאָד, וואָס עס איז געשען, פארוואָס איז זי פלוצלינג אוועקגע־פאָרן, און ווי דאַרף איך פארשטיין דאָס, וואָס זי האָט זיך אפילע ניט גע־זעגנט מיט מיר. געבעטן, אויב זי וועט געפינען פאר נייטיק מיר ענטפערן, שרײַבן אפן אדרעס פונעם מוזיקאַלן טעכניקום, קיין מינסק. ווײַל דאָ, אין שטעטל, ווו ס'איז מיר באַשערט געווען זיך באַגעגענען מיט איר, בין איך דעם לעצטן טאָג. מאָרגן פאָר איך אוועק.

אין אָוונט האָב איך זיך געזעגנט מיט די ווױלע יאַטן און מיידלעך פונעם קאָמיוגישן קעמערל. אלע צוזאַמען האָבן מיר זיך דורכגעשפּאצירט עטלעכע מאָל איבער דער הויפּט־גאַס און הויך, אפן גאנצן קאָל, ווי אַפּ־צולאָכעס עמעצן, געזונגען די ליד, וועלכע מיר האָבן אליין פארפאסט צום קאָנצערט:

ס'איז הײַנט א נײַע צײַט:
קאָמיוגיסטן, ראַטנמאַכט.
אוועק די פינצטערע יאָרן,
מיר זײַנען פרײַ געוואָרן.
שער און אײַזן, סערפּ און האמער
זײַנען לײַט געוואָרן...

יויכעוועדס כאווערטעס זײַנען אין דעם אָוונט אפֿן שפּאַציר ניט געווען.

פֿאַרטאָג האָב איך מיט האַרצקלעמעניש פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל.

קומענדיק קיין מינסק, האָב איך גלײַך, דעם זעלבן טאָג, אוועקגעשיקט דעם בריוו קיין לענינגראַד אפֿן אַדרעס פֿון יויכעוועדס עלטערער שוועסטער — דעם אָנגעזעענעם פֿיזיקער, באַ וועמען יויכעוועד האָט געוווינט. און פֿון דער מינוט אָן האָב איך אָנגעהויבן וואַרטן אױף אַן ענטפֿער. עס האָבן זיך שוין געגומען אומקערן די סטודענטן פֿון די קאַניקולן. אין צוזאַמענוווינונג איז געוואָרן לעבעדיק. אין אַ וואָך אַרום האָבן אין טעכניקום זיך אָנגעהויבן די לימודים. מיט אַן אומרויִק געמיט האָב איך אַרויסגעקוקט אױף דער פּאָטשט. ס'איז אַדורך אַ וואָך, צוויי וואָכן, דרײַ. קיין ענטפֿער איז ניט געווען. ערשט אין אַ כוידעש אַרום האָב איך באַקומען אַ קורץ בריוול פֿון איר. זי האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי ענטפֿערט מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג. זי איז זייער איבערגעלאָדן מיט די לימודים און וועט אױף ווײַטער וואַרשײַנלעך אויך ניט האָבן די מעגלעכקײַט צו זײַן אַקוראַט. אַ טרוקן, זייער אַ טרוקן בריוול. איך האָב געזוכט צווישן די שורעס איין וואָרעם וואָרט, כאָטש אַ מינדסטע אָנדײַטונג אױף דעם, און ניט געפֿונען. ניט זי בענקט, ניט זי בעט מיך שרײַבן, פֿרעגט זיך אַפֿילע ניט נאָך, ווי עס גייען באַ מיר די לימודים. איך האָב בעשום־אויפֿן ניט געקאָנט באַנעמען, וויאַזוי איז עס מעגלעך, וויאַזוי עס האָט געקענט אַזוי גיך באַ איר זיך ענדערן די באַציִונג צו מיר. דאָס האָט מיך דערצאָרנט. און דאָך איז איר בריוועלע מיר געווען טײַער שוין דערפֿאַר, ווײַל יעדער אָס איז דאָרט אָנגעשריבן געווען מיט איר האַנט. איך האָב עס געלייענט און איבערגעלייענט און געקומען צום אויספֿיר, אַז שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט מיר אַזוי טרוקן געענטפֿערט, בין איך אַליין, מײַן בריוו, וועלכער איז אָנגעשריבן געווען מיט פֿאַרדראָס. ריכטיקער מיט סאַרקאַזם, ווי יויכעוועד האָט אין איר ענטפֿער זיך אויסגעדריקט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז איך האָב זי באַליידיקט, און באַשטימט אַנטשולדיקן זיך פֿאַר איר. כ'האָב אָנגעשריבן איר אַ האַרציקן בריוו, אָן קיין סימען פֿון באַליידיקונג, אָן קיינע שום פֿאַריבלען און פֿאַרדראָסן, געבעטן נאָר, ווען זי וועט האָבן אַ שטימונג, אָנשרײַבן מיר כאָטש עטלעכע ווערטער וועגן זיך — ווי גייען די לימודים, וואָס לייענט זי, וויאַזוי פֿאַרברענגט זי די צײַט, און צי בלײַבט איר כאָטש ווען־עס־איז אַ פֿרײַע מינוט אױף דערמאָנען זיך אָן יענע טעג און אָוונטן, ווען זי איז געווען אין שטעטל.

מיט האַרצפּלאַטער האָב איך געוואַרט אױף אַן ענטפֿער. טאָג־אויס, טאָג־אײַן. קיין בריוו פֿון איר איז ניט געווען. איך האָב אָבער ניט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זי האָט ניט געענטפֿערט. לײַכטער איז מיר געווען צו טראַכטן, אַז איר בריוו איז, מעגלעך, פֿאַרלוירן געגאַנגען, און עפּשער האָט זי גאָר מײַן בריוו ניט באַקומען. מע האָט איר ניט אָפּגעגעבן. מאַלע וואָס עס קאָן טרעפֿן. איך האָב געבענקט, פֿאַרגעזעצט איר שרײַבן לאַנגע הייסע בריוו. נאָר ניט אָפּגעשיקט זיי. באַשלאָסן אין די ווינטער־קאַניקולן, וועלכע וועלן זיך אָנהייבן אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום, צופֿאָרן כאָטש אױף עטלעכע טעג אין שטעטל. זי וועט דאָך געוויס קומען, דאָרט וועל איך זיך זען מיט איר. און איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דעם. געקראָגן די

ווערק, וועגן וועלכע זי האָט גערעדט מיט מיר: „די וואָך" לעבעדינסקיס, „טאַשקענט די ברויט־שטאָט" נעוועראָווס, „ווירינייע" סייפולינעס, יעסענינס לידער. קיינמאָל האָב איך אזויפיל ניט געלייענט, ווי אין יענע טעג. אין די פרײַע שאָען פון די לימודים האָב איך זיך פארנומען מיט פיזקולטור, באזוכט לעקציעס וועגן ציאָלקאָווסקין, וועגן אסטראָנאָמיע, שטודירט אפילע מאטעמאטיק און פיזיק. איך האָב זיך געגרייט צו דער באגעגעניש מיט איר, ווי צו אן ערנסטן עקזאמען.

און אָט, אין א שטילן ווינטערדיקן פארנאכט בין איך מיט א טיאָכקענדיק הארץ ווידער געקומען אין שטעטל. אפן וועג האָב איך בא אָשערל באלעגאָלע זיך דערוווסט, אז פיניע איז איצט אין שטעטל ניטאָ. מע האָט אים נאָכן שפּיטאָל געשיקט אין א סאנאטאָריע קיין קרים; בערל בארבאראש איז אויך ניטאָ, ער איז אף לאנדווירטשאפטלעכע קורסן ערגעץ הינטער אָרשע; זוזיע סורקיס האָט צעטרענצלט א גרויסע סומע מעלוכיש געלט און געפינט זיך איצט אין דער ראיאָנער קוטוזקע. פון די היגע סטודענטקעס און סטודענטן איז דאָס מאָל קיינער ניט געקומען, אויסער ייִצכאָק פּעווזנערס טאָכטער, יויכעוועד. זי איז דאָ. שוין באלד א וואָך.

אָפּגעשטעלט האָב איך זיך בא דער אלטיטשקער באלעבאָסטע, וועלכע האָט זיך שטארק דערפרייט מיט מיר, און בין באלד ארויס אף דער אָוונטיקער הויפּט־גאַס מיט דער האָפענונג עפשער נאָך הײַנט זי באגעגענען. די גאַס איז געווען ניט צו דערקענען. די הײַזער, די גאנעקעס, די טראָטוארן, די ביימער, די פּארקנדלעך זײַנען ארום־און־ארום פארווייעט געווען מיט שניי. ס'האָט געבלאָזן א קאלטער ווינט. מע האָט קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען. איך בין זיך דורכגעגאנגען עטלעכע מאָל ארויף־ און אראָפּ־גאַס, געווען בא דער פּאָטשט, בא דעם צוגעשלאָסענעם קלוב, בא דעם פײַערלעשער־טורעם, און נאָכדעם, ניט זײַענדיק אימשטאנד זיך באהערשן, האָב איך פארקערעוועט צו איר געסל. מיט פּאמעלעכע, ניט זיכערע טריט זיך דערנעענטערט צו דער באקאנטער שטוב.

דורך די מיט שניי פארפּאָרעשעטע פענצטער האָט פון שטוב קוים ארויסגעלויכטן א בלאסע שײַן און ס'האָבן זיך דערטראָגן פון דאָרט צארטע קלאנגען פון דער פּיאנע. זי האָט געשפּילט. דאָס הארץ איז בא מיר פארשטאָרבן געוואָרן. איך האָב ניט געקענט זיך רירן פון אָרט. דער ווינט האָט געדרייט, געפײַפט, אונטערגעברומט, געשמיסן מיטן שניי איבער דער דרויסן־טיר, איבער „אונדזער גאנעקל", ווי מיר — איך און יויכעוועד — האָבן עס דעמלט גערופן, איבער די פארפרוירענע פענצטער, געשמיסן מיר אין פּאָנעם, אין די אויגן, און איך בין געשטאנען. זיך צוגעהערט צו די רירנדיקע קלאנגען, וועלכע זײַנען דורך דעם שניי־געווירבל דערגאנגען צו מיר, געשטאנען לאנג, א פארקאָלייעטער, פון קאָפּ ביז די פיס א פארפּאָראָשעטער מיט שניי, ביז זי האָט ניט אופגעהערט שפּילן און ס'האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ביסל שײַן אין די פענצטער.

די וויוגע האָט לאנג ניט געבושעוועט, דער ווינט האָט זיך צוביסלעך אײַנגעשטילט. עס האָבן זיך געשטעלט שיינע ווינטערדיקע טעג, וווּנדערלעך־שטילע ליכטיקע אָוונטן. אלע פארנאכט האָט די יוגנט פארפולט די הויפּט־גאַס. מע האָט זיך געגליטשט, זיך געוואָרפן מיט שניי־גאָמלקעס.

יויכעווערן האָב איך ניט דאַ, ניט ערגעץ אנדערש־ווו ניט באַגעגנט. ערשט אין א וואָך ארום, ווען איך האָב שוין קימאַט פאַרלוירן די האָפענונג זיך צו טרעפן מיט איר, האָב איך, שפּאַנענדיק אין אָוונט איינער אליין פאַרבײַ איר געסל, מיטאַמאָל זי דערזען.

— יויכעווערן! — האָב איך פאַר פריידן קימאַט ווי אויסגעשריִען. זי איז געבליבן שטיין פאַרלוירן.

— סאַליאַ? ווי קומסטו אהער? — האָט זי מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— איך בין דאָ שוין העכער א וואָך... געוואָלט דיך זען... און דו... דו ווײַזט זיך גאָר ניט, — האָב איך צעטומלט אויסגעשטאַמלט.

— איך בין טאַקע זעלטן ווען ארויס. געלייענט, — האָט זי זיך פאַרענטפערט.

— לאָמיר זיך איצט דורכגיין א ביסל, — האָב איך פאָרגעלייגט.

— איך קען איצט ניט. מע וואַרט אַף מיר אין דער היים, — האָט זי שטיל, ווי אנטשולדיקנדיק זיך, געענטפערט.

— און מאָרגן?

— מאָרגן? — האָט זי איבערגעפרעגט, פאַריכטנדיק מיט די פינגער די פּאַסמעס גינגאָלדענע האָר, וואָס האָבן זיך ארויסגעשלאָגן פון אונטער דעם ווײַסן וואָלענעם טיכל. — מאָרגן פאָר איך אוועק.

— שוין? מאָרגן?! — איך בין געבליבן דערשטוינט. — מיט וועלכן צוג?

— מיטן פאַרנאַכטיקן. שוין צונויפגערעדט זיך מיט אַשערל באַלעגאָלע. דאָס גיי איך פון אים.

— אויב אזוי, פאָר איך אויך מאָרגן. האָסט ניט קעגן? — האָב איך א זאָג געטאָן האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט.

— זייער גוט. וועלן מיר פאָרן צוזאַמען, — האָט זי א שמייכל געטאָן, דערלאַנגענדיק מיר די פאַרפרוירענע פינגער.

— וואַרט נאָך צו א ווײַל, יויכעווערן, איך האָב דיך דאָך אזויפיל צײַט ניט געזען. שטיי נאָך א ביסל, — האָב איך זי געבעטן.

— איך קאָן ניט, — האָט זי מיט האַרץ געזאָגט, א קוק געבנדיק מיר גלײַך אין די אויגן, — מאָרגן... מאָרגן וועלן מיר זיך זען...

זי איז אוועק. איך בין געבליבן שטיין מיט א צעבויטעטע האַרץ, נאָכגעקוקט איר, ביז זי איז פאַרשוווּנדן בא זיך אין געסל. דעמלט האָב איך זיך גלײַך געלאָזט גיין צו אַשערל באַלעגאָלע, צו וויסן געגעבן אים, אז מאָרגן פאָר איך אויך צום פאַרנאַכטיקן באַן. צונויפגערעדט האָבן מיר זיך, אז ער וועט פריִער פאָרפאָרן מיטן שליטן צו יויכעווערן, נעמען זי, און נאָכדעם צו מיר.

די נאַכט האָב איך שוין מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, זיך פאָרגעשטעלט, ווי איך זיץ שוין מיט איר, מיט יויכעווערן, נאָענט, זייער נאָענט, איינס לעבן אנדערן אין שליטן, נאָכדעם אין וואַגאָן, האַלט זי בא דער האַנט, זע איר ליכטיקן שמייכל, איר צאַרטן בליק, רייד מיט איר. איך האָב דאָך מיט איר אזויפיל צו ריידן, אזויפיל צו דערציילן, און נאָך פיל מער דאַרף איך זיך דאָך דערוויסן בא איר, זייער, זייער פיל זיך דערוויסן...

צו דער באַשטימטער צײַט איז אַשערל באַלעגאַלע צוגעפֿאָרן צו מײַן באַלעבאָסטעס שטיבל. יויכעוועד איז, צו מײַן גרויס באַוווּנדערן, אין שליטן ניט געווען. שמורכענדיק מיט דער נאָז, האָט אַשערל געזאָגט, אַז זי פֿאָרט ניט מיט אים. דער טאַטע אירער, רעב יִיצכאָק פּעוווזנער, האָט איבערגע־טראַכט, זיך צונױפֿגערעדט מיט אַן אַנדער באַלעגאָלע, מיט סימכע דעם רויטן. רעב יִיצכאָק פּעוווזנער פֿאָרט אויך צום וואָקזאַל, באַגלייטן זײַן מי־זינקע. און אים, דעם גאַבע, שטייט, קאַנטיק, ניט אָן זיך זעצן אין איין שליטן מיט אַ קאַמסאָמאָליעץ.

פֿון דער נײַס איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אַפֿן האַרצן. איך האָב אָבער שוין גאָרנישט ניט געקאָנט ענדערן; ס׳איז מיר געבליבן זיך טרייסטן מיט דעם, אַז דערפֿאַר וועלן מיר אין צוג שוין פֿאָרן צוזאַמען.

אומגעפֿער אַף העלפֿט וועג, שוין נאָענט פֿון דעם מיט שניי באַדעקטן סאָסנע־וועלדל, האָט פֿון הינטער אונדז זיך דערטראָגן דאָס האַסטיקע קלאַפּן פֿון פֿערדישע טלאָען.

— דאָס פֿאָרן זיי, — האָט אַשערל געזאָגט, באַלייגנדיק מיט אַ קלאָלע סימכע דעם רויטן, וועלכער רײַסט באַ אים אַרויס דעם ביסן ברויט פֿון מויל.

איך האָב געכאַפּט אַ קוק, דערזען אינעם אָניאָגנדיקן שליטן יויכעוועדן און לעבן איר אַן עלטערן מענטשן מיט אַ שיינער גראָוועער באָרד. ס׳איז געווען איר טאַטע. אופֿהייבנדיק אַ שניי־געווירבל, האָט דער שליטן האַסטיק זיך דורכגעטראָגן, אַריבערגעיאָגט אונדז, אין אַ ווײַלע אַרום זיך אַרײַנגעשניטן אין וועלדל און פֿאַרשוווּנדן.

מיר זײַנען געקומען היפּש שפּעטער פֿון זיי. ווען איך בין אַרײַן אין דעם קליינינקן גוט אָנגעהייצטן וואָקזאַלכל, האָב איך דאָרט ניט געטראָפֿן ניט זי, ניט איר טאַטן. יויכעוועד האָט שוין, קאַנטיק, געהאַט גענומען אַ בילעט און זיי זײַנען ערגעץ אַוועק. געמיינט האָב איך נעמען אַ בילעט צוזאַמען מיט איר, נאָר ווײַבאַלד עס האָט זיך ניט באַקומען, האָב איך גע־בעטן אַ בילעט אין אַ באַליביקן וואַגאָן, — אַלע זעקס וואַגאָנעס אין דעם צוג, וואָס איז געגאַנגען בלויז ביז מינסק, זײַנען דעמלט געווען ניט קיין פּלאַצקאַרטנע.

אין דושנעם וואָקזאַלכל איז אויסער מיר קיינער ניט געווען. ס׳האָט מיך געצויגן אין פּאַרנאַכטיקן פֿרישן דרויסן. נאָר איך בין ניט אַרויס. ס׳זאָל ניט מאַכן קיין אײַנדרוק, אַז איך זוך זי. איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן דעם וואָקזאַל־פֿענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אַף דער פּלאַטפֿאָרמע. באַ־שטימט צוואַרטן דאָ, ביז מע וועט דערלאַנגען דעם צוג. פֿונדאַנען וועל איך זען, אין וועלכן וואַגאָן זי וועט זיך זעצן.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן שיטן אַ לײַכטער שניי, אַ ציכטיק קלאָרער, ווי דאָס ערשטע געפֿיל. כ׳האָב דורכן פֿענצטער געזוכט מיט די אויגן יוי־כעוועדן און אין אַ ווײַלע אַרום דערזען זי שפּאַצירן מיטן טאַטן אַף דער פּלאַטפֿאָרמע. זיי זײַנען ניט געײַלט געגאַנגען הין און צוריק אונטער דעם שטיל־שיטנדיקן שניי, ניט דערנעענטערנדיק זיך צום וואָקזאַלכל. ער האָט, קאַנטיק, ניט געוואָלט, אַז זי זאָל מיך זען, אַז זי זאָל זיך באַגעגענען מיט מיר. „שפּאַצירט זיך, שפּאַצירט געזונטערהייט, — האָב איך זיך געטראַכט, —

אַט באלד וועט איר זיך געזעגענען, יויכעווועד וועט ארײַן אין וואגאָן, און ווי נאָר דער צוג וועט זיך רירן, וועל איך גלײַך אריבערגיין צו איר״.

מיט א שטילן סאָפּען איז אָנגעקומען דער צוג צו דער פארשנייטער פלאטפאָרמע. די פאסאזשירן האָבן זיך אָנגעהויבן ארײַנזעצן אין די וואגאָנעס. איך האָב געזען, ווי יויכעווועד, אינעם ווײַסן פוטערל און אין א פוכיק ווײַס היטעלע, איז לײַכט ארויף אַף די טרעפּלעך און ארײַן אין דריטן וואגאָן. דער טאטע אירער, וועלכער האָט זי באגלייט מיטן טשעמאָדאן אין האנט, איז ארײַן נאָך איר. איך האָב גלײַך אוועקגעאײַלט צו מײַן פינפטן וואגאָן. אינווייניק בין איך ניט ארײַן, געבליבן שטיין אין טאמבור, ארויסגעקוקט פון דאָרט, געווארט, אז דער טאטע אירער זאָל שוין ארויסגיין.

דער דעזשורנער האָט געגעבן דעם ערשטן קלונג אין גלאָק, וואָס איז געהאנגען בא דער וואָקזאל־טיר, אין א ווײַלע ארום — דעם צווייטן, נאָכדעם דעם לעצטן, דעם דריטן. עס האָט זיך דערטראָגן א הייזעריקער פײַף פונעם לאָקאָמאָטיוו, א גרילצנדיקער ליאזג פון די בופערס, און דער צוג איז אוועק. איר טאטע איז ניט ארויס. אַף אזוינס האָב איך זיך שוין לאכלוטן ניט געריכט. איך בין געוועזן אויסער־זיך און ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס צו טאָן. מיך האָט אָפּגעטיילט פון איר בלויז איין וואגאָן, נאָר ארײַנגיין צו איר איצט, ווען דער טאטע איז דאָרטן, איז ניט שײַעך געווען. פארבליבן איז איין האָפענונג: עפשער וועט ער אראָפּשטײַגן אַף איינער פון די קומענדיקע סטאנציעס. איך האָב געהערט, אז זיי האָבן דאָ ערגעץ געהאט נאָענטע קרויווים. איך בין געשטאנען אינעם קאלטן טונקעלן טאמבור. יעדעס מאָל, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך ארויסגעקוקט, געווארט, אז אָט־אָט וועט יויכעווועדס טאטע זיך ווײַזן אַף די טרעפּלעך. ער האָט זיך ניט געוויזן.

קיין מינסק איז דער צוג אָנגעקומען שוין שפּעט אין אָוונט. ארום־און־ארום דעם וואָקזאל איז געווען ליכטיק פונעם שניי, פון דער פולער לעוואָנע און פון די לאמטערנס. איך האָב געזען, ווי יויכעווועד איז ארויס פון וואגאָן, געבליבן שטיין, זיך אומגעקוקט, ווי זי וואָלט געזוכט עמעצן, און באלד אוועקגעאײַלט נאָכן טאטן צו דעם לענינגראדער צוג, וועלכער איז געשטאנען אַף דער צווייטער פלאטפאָרמע. איך האָב געוואָלט כאָטש נאָך א ווײַלע, זאָל זײַן אפילו פונדערווײַטן זען זי, און בין אויך אריבער אַף דער דערבײַיקער פלאטפאָרמע. דער צוג האָט שוין געהאלטן באם אָפּגיין. עס האָט אָפּגעהילכט דער דריטער קלונג. זי האָט זיך געזעגנט מיטן טאטן, ארויף מיטן טשעמאָדאן אַף די טרעפּלעך, און דער צוג האָט זיך גערירט. שטייענדיק בא דער אָפענער טיר, האָט זי, דוכט זיך, מיך דערזען, א פאָכע געטאָן מיט דער האנט און פארשוווּנדן אין וואגאָן.

איך בין א ווײַלע נאָכגעגאנגען דעם זיך דערווײַטערנדיקן צוג, און נאָכדעם, שוין אומקערנדיק זיך, האָב איך דערזען איר טאטן. א מידער, א שטארק פארזאָרגטער, איז ער מיט פאמעלעכע טריט ארײַן אין וואָקזאל, אפּאָנעם, קעדיי אָפּווארטן דאָרט אפן פארטאָגיקן צוג, מיט וועלכן ער וועט זיך קאָנען אומקערן אהיים אין דער ווינטערדיקער פארשנייטער שטוב. איך בין מיט שווערע טריט אוועק מיט דער שטילער קארל־מארקס־גאס צו זיך

אין צוזאמענווינונג, א באהערשטער פון א הייסן פארלאנג צו אריבערפירן זיך קיין לענינגראד, זײַן מיט איר כאָטש אין איין שטאָט.

צום נײַעם לערניאָר איז מײַן פארלאנג פארווירקלעכט געוואָרן. אָנגעקומען איז עס ניט גרינג. איך האָב זיך געגרייט טאָג און נאכט, אָפּגעגעבן אלע עקזאמענעס און בין אָנגענומען געוואָרן אלס סטודענט פון דער לענינגראדער קאָנסערוואטאָריע, אפן אָרקעסטער־פאקולטעט, קלאס וויאָלאָנטשעל. איצט האָב איך געווינט אין איין שטאָט מיט איר.

די צוזאמענווינונג אונדזערע האָט זיך געפונען אף באַלשאָי פּראָספּעקט, ניט ווײַט פונעם אוניווערסיטעט, וווּ זי, יויכעוועד, האָט זיך געלערנט. פונעם געדאנק, אַז זי איז נאָענט, אינגאנצן דרײַ קוואַרטאַלן פון מיר, איז מיר שוין געווען גוט אפן הארצן. ווען עס האָט זיך געמאכט א שטיקל פרײַע צײַט, בין איך געגאנגען אין ערמיטאַזש, אין פּושקין־מוזיי, אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, אין סמאָלני. און ווו איך בין ניט געווען, וווהין איך בין ניט געגאנגען, האָב איך געהאלטן אין איין ארומקוקן זיך, עפּשער וועל איך באגעגענען יויכעוועדן. איך בין בעקיוון אָפּט געגאנגען פארבײַ דעם אוניווערסיטעט, ארײַן אפילע אינווייניק. דאָרט איז געווען פול מיט סטודענטן און סטודענטקעס, נאָר יויכעוועדן האָב איך צווישן זיי ניט געזען. אזוי זײַנען אדורך עטלעכע כאָדאָשים. וואָרטן אף א צופעליקער באגעגעניש מיט איר בין איך שוין מער ניט אימשטאנד געווען. איך האָב זיך דערוווּסט דעם נומער פון איר שוועסטערס טעלעפאָן און אָנגעקלונגען. דאָס טרײַבל האָט געגומען, קאָנטיק, די שטוב־ארבעטערן. זי האָט געזאָגט, אַז יויכעוועד ווױנט שוין ניט בא זיי, זי האָט זיך געדונגען א צימערל בא א באַלעבאָסטע אף דער אכצעטער ליניע, און האָט מיר געגעבן יויכעוועדס נײַעם אדרעס. פון טאָג צו טאָג האָב איך זיך געקליבן צוגיין צו איר און אָפּגעלייגט. ענדלעך, אין א שטילן שנייִקן פארנאכט האָב איך אָנגעטאָן מײַן נײַעם אָנצוג, דעם איבערגעניצעוועטן מאנטל און אוועק אף דער אכצעטער ליניע. מיט אן אומרויִק הארץ האָב איך אָפּגעזוכט דאָס הויז, וואָס האָט זיך געפונען טיף אין א גרויסן הויף, זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק, איבערגעכאפּט דעם אָטעם און אָנגעקלונגען. געוואָלט האָט זיך מיר אין דער מינוט איין זאך: איך זאָל זי טרעפן איינע אליין. געעפנט האָט ניט זי, — די באַלעבאָסטע, זי האָט מיך דורכגעפירט דורך א געדרייטן שוואך־באַלויכטענעם קאָרידאָר און אָנגעוויזן אף א זײַטיקער שמאָלער טיר.

איך האָב שטיל אָנגעקלאפּט.

— ביטע, — האָט פון יענער זײַט טיר זיך דערטראָגן איר, יויכעוועדס, שטים.

מיט א פלאַטערדיק הארץ האָב איך געעפנט די טיר, דערזען זי, געמאכט א ניט זיכערן טראָט און געבליבן שטיין. יויכעוועד, וועלכע איז געזעסן בא א טישל, ארומגעלייגט מיט ביכער, האָט עטוואָס א קער געטאָן דעם ליכטיקן קאָפּ מיט די גינגאָלדענע לאָקנס, מיך אָנגעקוקט אזוי, ווי זי וואָלט ניט פארשטאנען, ווער דאָס איז, און מיטאמאָל, אופהייבנדיק זיך, פארוווּנדערט, אָן איבעריקער פרייד, א פרעג געטאָן:

— סאָליאַ?.. דו?..

איך בין געשטאַנען און פאַרלוירן געקוקט אויף איר.

מיט לײַכטע טריט איז זי צוגעגאַנגען נעענטער צו מיר, דערלאַנגט די קילבלעכע האַנט און עטוואָס פאַרטראַכט צי פאַרזאָרגט געפרעגט, ווי קום איך צו זײַן אין לענינגראַד און פונוואַנען ווייס איך איר איצטיקן אַדרעס. איך האָב איר געזאָגט, אַז דעם אַדרעס האָט מיר געגעבן דורכן טעלעפאָן איר שוועסטערס שטוב־אַרבעטערן, און אַז איך בין שוין העכער דרײַ כאַדאָשים דאָ, אין לענינגראַד, כ'האָב אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס, לערן זיך אין קאָנסערוואַטאָריע און וווין אין אַ צוזאַמענוווינונג אויף באַלשאָי פּראָספּעקט, זייער נאָענט פונדאַנען.

— גאָר אַזוי? — האָט זי אַ זאָג געטאָן, און ס'איז צו זען געווען, אַז דאָס, וואָס איך האָב איר דערציילט, איז איר ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. ענדלעך האָט זי זיך דערמאָנט צו פאַרלייגן מיר זיך זעצן, ווײַזנדיק אויפן געפלאָכטענעם בענקל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל באַם קײַלעכיקן קליינעם טישל. זי האָט אַרויסגענומען פון אַלמערל און אוועקגעשטעלט אויפן קלאָר־ווײַסן טישטעכל אַ טעלער מיט קיכעלעך, צוגעשיקטע, זעט אויס, פון דער היים, און עטלעכע אַנטאָנאָווער עפּל, אַ מעסער. בעשאַסמײַסע אַ פרעג געגעבן, אויף וועלכן פאַקולטעט איך בין אָנגענומען געוואָרן, אויף וואָס פאַר אַן אינסטרומענט שפּיל איך, ווער עס איז מײַן פּעדאַגאָג. באַלד נאָך דעם האָט זי, אומקוקנדיק זיך צו איר טישל, געזאָגט, אַז זי גרייט זיך צו אַ וויסנשאַפטלעכער סעסיע, אויף וועלכער זי איז באַאויפטראָגט צו לייענען אַ פאָרטראָג. דעריבער זאָל איך זי אַנטשולדיקן, זי קאָן מיר פאַרלייגן אַ פרישן נומער פונעם זשורנאַל „סמענאַ”, דאָרט איז אָפּגעדרוקט אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל וועגן יאָסיף אוטקינס פּאָעמע „דער גילער מאָטעלע”. אויב איך וויל, ביטע, קען איך עס דאָ איבערלייענען.

און זי האָט מיר דערלאַנגט דעם זשורנאַל.

מיר איז שוין קלאָר געווען, אַז איך גיי איר איצט ניט אָן און איך מעג זיך אופהייבן און אוועקגיין. נאָר אוועקגיין אָט אַזוי, שוין, גלײַך, האָט ניט געפּאַסט. ס'וואָלט געהייסן, אַז איך האָב זיך באַליידיקט. און אויסזען אין אירע אויגן, ווי אַ באַליידיקטער, — דאָס האָב איך ניט געוואָלט. האָב איך זיך געמאַכט האַרץ און אפילו מיט צופרידנקײַט געזאָגט, אַז דאָס אַרטיקל וועגן דעם „גילן מאָטעלע” אינטערעסירט מיך בעפּיירעש און איך וועל מיט פאַרגעניגן זיך באַנוצן מיט דער מעגלעכקײַט איבער־צולייענען עס טאַקע באַלד.

זי האָט זיך געזעצט צוריק צום טישל מיט די ביכער, זיך גלײַך פאַר־טיפט אין זיי, און איך האָב אַ בלעטער געטאָן דעם פרישן נומער „סמענאַ”, געפונען דאָס אַרטיקל, נאָר אפילו קיין איינציקע שורע ניט אימשטאַנד געווען איבערצולייענען. איך האָב לעפאָנעם וועגן געהאַלטן דעם זשורנאַל אין די הענט און געקוקט אויף איר, אויף מײַן גליקלעך־אומגליקלעכער ליבע. זי איז געווען ווונדערלעך שיין, פונקט ווי דעמאָלט, ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל שאַבעס פאַרנאַכט דערזען אויפן שפּאַציר אין דעם גרענעץ־שטעטל, פונקט אַזוי, ווי איך האָב זי געזען אויך דאָס לעצטע מאָל. אָנגע־טאָן איז זי געווען באַשיידן, מיט געשמאַק. אין אַ דין בלוזקעלע און אין

א בלאָוו־געקעסטלט קלײדל. דאָס קלײנע ציכטיקע צימערל איז מעבלירט געװען אויך באַשײדן. אין װינקל — א שמאָל הילצערן בעטל, באַדעקט מיט א בלאַנקענדיקער קאָפּע. דאָס אײנציקע פענצטער, װאָס האָט ארויסגעקוקט אין הויף, — פאַרהאַנגען ביז העלפט מיט א קלאָר־װײַסן פאָרהענגל. די עטאַזשערקע לעבן איר טישל — אָנגעשטאָפּט מיט ביכער און זשורנאַלן, און איבער דעם — א קלײן קײַלעכדיק שפּיגעלע און צװײ פּאָרטרעטן: ציאָלקאָװסקי און יעסענין. און גאָר. דאָס צימערל און אַלץ, װאָס האָט זיך געפונען אין דעם, איז מיר געװען ליב. און זי, יוּיכעװעד, נאָך פיל ליבער, װי פריִער. נאָר זי האָט אף מיר זיך ניט אומגעקוקט. געװען אײַנגאַנצן ארײַנגעטאָן אין די ביכער. מיט קײן האַלב װאָרט צו מיר זיך ניט געװענדט, גאָרנישט ניט געפרעגט, גאָרנישט ניט געזאָגט, װי איך װאָלט דאָ ניט געװען, װי איך װאָלט ניט געזעסן דערבײַ, אָנדערהאַלבן טריט פון איר. איך בין געװען פון דעם דערשטױנט, פאַרלױרן, ניט געקאָנט פאַרשטײן, באַנעמען, באַגרײַפן, װי איז עס מעגלעך אַזױ זיך ענדערן, אַזױ פאַרפרעמדט װערן. צי דען האָט זי לאַכלוטן אַלץ פאַרגעסן, פאַרגעסן יענע װוּנדערלעכע טעג און קישעפדיקע אָװנטן, װען מיר, פאַרליבטע, האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט די זומער־קאַניקולן אין דעם אויסטערלישן שטעטל? צי דען איז בא איר גאָרנישט ניט פאַרבליבן אין האַרצן פון אונדזער ערשטער אומגעריכטער און פרײדיקער באַגעגעניש בעשאַס דעם שלאַקס־רעגן אפן גאַנעקל פונעם הילצערנעם פײַערלעשער־טורעם, פון אונדזער שפּאַציר איבער די באַזילבערטע פון דער לעװאָנע־שײַן רײַפװערנדיקע פעלדער, איבער דער גרינענדיקער לאָנקע באַם טײַך, איבער דער אופגעלעבטער שטעטלדיקער הויפּט־גאַס? צי דען האָט זיך איר אפילע ניט פאַרגעדענקט יענע שטורמישע נאַכט, װען פײַערדיקע בליצן האָבן געצונדן דעם שװאַרץ־פאַרכמאַרעטן הימל, דעם גאַנצן ארום, װען איבערן קאָפּ האָט אָן אופהער געדונערט, און מיר בײדע, צוגעטוליעטע אײנס צום אַנדערן, ארומגערינגלטע פון די רױשנדיקע קליאָנעס, זײַנען געזעסן בא איר אפן גאַנעקל און זיך געקושט, געקושט, ביז עס האָט אָנגעהױבן גרויען אף טאָג? צי דען האָט זיך אָט דאָס אַלעס, אָט די־אָ װוּנדערלעכע שײנקײַט, די דינסטע, אײדלסטע געפילן, װאָס האָבן פאַרפולט אונדזערע װעזנס, — צי דען האָט אויך דאָס זיך לאַכלוטן אויסגעװעפּט פון איר האַרצן? װי קאָן עס זײַן? ס'איז דאָך אומעגלעך אַזױנס פאַרגעסן, ניט נאָר אין א יאָר צי אין אָנדערהאַלבן יאָר ארום, — דאָס גאַנצע לעבן! פאַר מיר האָבן זיך יענע טעג פאַרהיט מיט אַלע פאַרבן, מיט אַלע קלאַנגען, מיט אַלע גערוכן. איך געדענק ביז איצט יעדעס װאָרט אירס, איר בליק, איר שמײכל, איר שטעל, איר גאַנג, איר רויִקע באַדאַכטקײַט און אופגעפלאַמטע אומרויִקײַט. יעדע מינדסטע קלײניקײַט אפילע, װאָס איז געװען פאַרבונדן מיט איר, װאָס האָט געהאַט א שײַכעס צו איר, האָב איך פאַרהיט אין מײַן זיקאָרן, איז פאַרבליבן אין מיר אף שטענדיק, אף אײביק, װי אַן אומגעהײַער רײַכער, אומטײלבאַרער פאַרמעגן, װאָס געהערט נאָר מיר, מיר אײנעם אף דער גאַנצער װעלט.

לאַנג, זײער לאַנג האָב איך געטרוימט, געװאַרט אף אָט דעם טאָג, װען איך װעל זיך סאָפּקאָלסאָף באַגעגענען מיט איר. האָב געהאַט איר

אזויפיל צו זאָגן, צו דערציילן און געוואָלט זיך אזויפיל דערוויסן וועגן איר — אי וועגן איצט, אי וועגן דעמלט. וואָס איז געשען? פארוואָס איז זי אזוי פלוצלינג, אפילו ניט געזעגענענדיק זיך מיט מיר, אוועקגעפאָרן? פארוואָס האָט זי מיר ניט געענטפערט אף מײַן בריוו? איך האָב איצט שוין גאָרנישט ניט פארלאנגט פון איר, איך האָב געוואָלט זי נאָר פאר־שטיין, וויסן די סיבע פון דעם אלעם. נאָר מיט יעדער מינוט האָב איך זיך אלץ מער איבערצײַגט, אז איך האָב ניט וואָס צו האָפן, אז איך זאָל זיך איצט כאָטש עטוואָס דורכריידן מיט איר. זי איז געווען אינגאנצן פארטאָן אין די ביכער און האָט, מעגלעך, אפילו פארגעסן, אז איך זיץ דאָ בא איר אין צימער. דאָס האָט מיך אָנגעהויבן א ביסל באליידיקן. איך האָב אוועקגעלייגט דעם זשורנאל און, א רוק געבנדיק דאָס בענקל אזוי, אז זי זאָל דערהערן, זיך אופגעהויבן.

— גייסט אוועק? — האָט זי, אומקוקנדיק זיך, מיט א מאָדנער גלײַכ־גילטיקײַט א פרעג געטאָן.

— איך מוז, צום באדויערן, שוין גיין. איך דארף זיך דאָך אויך גרייטן צו די לימודים, — האָב איך, אָן א סימען פון פאריבל, זייער רויִק געענט־פערט.

— און דאָס ארטיקל איז אינטערעסאנט, איאָ? — האָט זי מיט נײַגער, ווי דאָס וואָלט איר זייער אָנגעגאנגען, א פרעג געטאָן, אופהייבנדיק זיך פון טישל.

— דאָס ארטיקל האָב איך אפילו ניט אָנגעהויבן לייענען, — בין איך זיך מודיע געווען.

זי האָט פארוווּנדערט א קוק געטאָן אף מיר:

— אויב דו ווילסט, קענסטו נעמען דעם זשורנאל מיט זיך. לייען פונ־דעסטוועגן איבער. ס'איז קעדײַ.

איך האָב זי באדאנקט.

— קענסט האלטן דעם זשורנאל וויפל דו וועסט וועלן. איך האָב אים שוין דורכגעלייענט, — האָט זי געזאָגט, ארויסבאגלייטנדיק מיך דורך דעם האלב־טונקעלן קאָרידאָר.

אין דעם אָוונט האָב איך שוין צו די לימודים זיך ניט געגרייט. איך האָב זיך ארומגעדרייט איבער די פארשנייטע שטאָטישע גאסן. א פאר־קאָלייעטער, מיט א ביטער געפיל, אז איך האָב אין מעשעך פון די אָנ־דערהאלבן יאָר, זינט איך האָב זי באגעגנט, זיך אליין גענארט, און ווילנ־דיק — ניט־ווילנדיק, בין איך געקומען צום אויספיר, אז איך דארף זי פארגעסן, ניט גיין מער צו איר, ניט דערנידעריקן זיך.

„נו גוט, איך וועל ניט גיין, — האָב איך אין א רעגע ארום אײַנגעטײַ־נעט מיט זיך, — אָבער דעם זשורנאל דארף איך דאָך איר אומקערן. איך וועל ארײַן נאָך איין מאָל, איין־איינציק מאָל. אף עטלעכע מינוט. ניט מער. און גאָר".

אין צוזאמענוווינונג האָב איך זיך אומגעקערט שפּעט באנאכט, באלד איבערגעלייענט דאָס ארטיקל. דעם זשורנאל האָב איך באשטימט דערווײַל, קאָלזמאן זי גרייט זיך צו דער סעסיע, ניט אָפּטראָגן.

ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום, נאָך דעם, ווי איך האָב גערעדט אויסגעפּילט אָפּן וויאַלאַנטשעל מענדעלסאָנס „סאָנאַטע רע מאַזשאָר" און באַקומען אומגעריכט גאָר אַ הויכע אָפּשאַצונג פֿונעם פּראָפֿעסאָר, האָב איך, אַ דערמוטיקטער, זיך געלאָזט גיין אויף דער אַכצעטער ליניע. געפֿינענדיק זיך שוין לעבן הויז, וווּ זי האָט געוווינט, האָב איך אָנגעהויבן סאָפּעקן, צי זאָל איך אַרײַנגיין, צי ניט אַרײַנגיין. עפּשער גאָר אָפּשיקן דעם זשורנאַל מיט דער פּאָטשט? ווײַבאַלד איך גיי איר ניט אָן, זאָל זי זען, אַז זי גייט מיר אויך ניט אָן. זי איז מיר אָבער אָנגעגאַנגען. זייער אָנגעגאַנגען. און איך האָב, סטאַרענדיק זיך צוימען די אומרויִקײַט, וואָס האָט מיך באַהערשט, זיך אויפֿגעהויבן צו איר אָפּן דריטן שטאָק.

— האָסט געבראַכט דעם זשורנאַל? — האָט זי פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט, ווען איך בין אַרײַן. — געקענט אים איבערלאָזן בײַ זיך. איך האָב אים דאָך שוין איבערגעלייענט. — און צופֿריפֿלייגנדיק די ביכער אָפּן טישל, פֿאַרגעלייגט, אויב איך אײַל זיך ניט, צוזעצן זיך אויף אַ ווײַלע. זי האָט איצט פֿרײַ אַ פּופֿצן מינוט און איז גערן אויך אַ ביסל אָפּרוען.

— ס'איז מיר עפּעס קילבלעך, — האָט זי אַ זאָג געטאָן און אָנגעטאָן אויף דער דינער בלוזקע אַ בלאָווע קאָפֿטע. איך האָב די קאָפֿטע גלײַך דערקענט. ס'איז געווען די זעלבע, מיט וועלכער זי פֿלעגט מיר צודעקן די אַקסלען, בעשאַס מיר זײַנען געזעסן אין די קילע פֿאַרטאָגן בײַ איר אָפּן גאַנעקל. פֿאַרשפּיליענדיק די קנעפּלעך אויף דער קאָפֿטע, האָט זי מיט אַ זעלטענער רויִקײַט, ווי פּאָשעט בײַ אַ געוויינלעכן באַקאַנטן, זיך גענומען פֿאַנאַנדערפֿרעגן, ווי געפֿעלט מיר לענינגראַד, אין וועלכע מוזייען בין איך שוין געווען, אויף וועלכע אויסשטעלונגען, וואָס פֿאַרא אינטערעסאַנטע ווערק האָב איך געלייענט די לעצטע צײַט, געײַצעט מיר איבערלייענען מיכאַיל סוועטלאָווס נײַע לידער און דאָווּיד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען". זי האָט די ביכער, זי קען זיי מיר געבן. געזאָגט, אַז איר טרוים איז איצט זען בולגאַקאָווס „דני טורבינײַך". נאָר זי איז שוין לאַנג ניט געווען ניט בלויז אין טעאַטער, נאָר אַפֿילו אין דער פֿילהאַרמאָניע אויף די סימפֿאָנישע קאָנצערטן, אָן וועלכע זי קאָן פּאָשעט ניט לעבן. ניטאָ קיין פֿרײַע מינוט. ניט לאַנג צוריק געגרייט זיך צו איין וויסנשאַפֿטלעכער סעסיע, איצט גרייט זי זיך צו אַ צווייטער, נאָך אַ מער פֿאַראַנטוואָרטלעכער, — וועגן די גרונטפּרינציפּן פֿון אַלבערט איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. עס נעמען בײַ איר צו צײַט אויך די שטונדן פֿון העכערער מאַטעמאַטיק, וועלכע זי גיט דער באַלעבאָסטעס טעכטערל און נאָך עטלעכע יונגע סטודענטקעס. קיין סטיפּענדיע באַקומט זי דאָך ניט, און זיצן אויף דער שוועסטערס קעסט וויל זי ניט. זי דאַרף ניט קיין סך. דער קנאַפּער פֿאַרדינסט קלעקט איר אויף דורכלעבן זיך, און זי שפּאָרט נאָך עפּעס אָפּ אויף שיקן די עלטערן. איך האָב מיט באַוווּנדערונג געקוקט אויף איר, זיך געשפּיגלט אין איר, מיט פֿאַרגעניגן געהערט זי. מיר איז געווען גוט שוין דערפֿון, וואָס זי דערציילט מיר כאָטש עפּעס־וואָס וועגן זיך, וואָס זי זיצט אַזוי נאָענט אַנטקעגן מיר, רעדט מיט מיר. און זי, אָן אויפֿגעלעבטע, האָט גערעדט וועגן פֿאַרשיידנס און קיין איין מאָל אַפֿילו ניט דערמאָנט דאָס שטעטל, יענע זומערדיקע באַדאָשים, ווען זי און איך זײַנען געווען דאָרט, יענעם ווינטערדיקן פֿאַר־

נאכט, ווען מיר זײַנען אַף באַזונדערע שליטנס געפאָרן צו דער סטאַנציע און נאָכדעם אין פאַרשיידענע וואַגאָנעס ביז מינסק... מיט קיין איין וואָרט ניט. גאָרניט, ווי דאָס אַלץ איז גאָר קיינמאָל ניט געווען. איך האָב עס ניט געקאָנט באַנעמען, פאַרשטיין. נאָר איך האָב איר גאָרנישט ניט געזאָגט. גאָרנישט ניט געפרעגט.

אינגיכן האָט זיך צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. עס זײַנען געקומען אירע שוין דערוואַקסענע שילערנס. איך האָב אײַליק זיך געזעגנט און בין גלײַך אוועק, פאַרגעסנדיק נעמען סוועטלאָווס לידער און בערגעל־סאָנס „נאָך אַלעמען”, וועלכע זי האָט צוגעזאָגט מיר געבן. ס'איז מיר געווען אַ שאָד, מיך האָט אָבער געפרייט שוין דאָס אַליין, וואָס זי האָט מיר פאָרגעלייגט נעמען בא איר אָט די ביכער. ווען זי וואָלט ניט וועלן, איך זאָל קומען צו איר, וואָלט זי דאָך עס מיר ניט פאָרגעלייגט. און איך פלעג פון צײַט צו צײַט, ניט איבעריקס אָפט, קעדיי איר ניט דער׳עסן, — איין מאָל אין צוויי אָדער אין דרײַ וואָכן, — ווידער אַרײַנגיין צו איר. פאַרנאַכט, געוויינלעך, נאָך די לימודים אין קאָנסערוואַטאָריע. טרעפן פלעג איך זי שטענדיק איינע אַליין באַם טיש אַרומגערינגלט מיט קאָ־לערליי לערנביכער פון אַזעלכע קעגנשטאַנדן, אין וועלכע איך האָב קימאַט קיין אַנונג ניט געהאַט. שטענדיק איז זי געווען אָנגעטאָן אין דעם ציכטיקן ווײַסינקן דיגינקן בלוזקעלע און אין בלאָוו־געקעסטלטן קליידל, אַן אַקוראַט פּאַרקעמטע, עטוואָס אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרזאָרגטע. זי פלעגט אַף איין און דעם זעלבן אויפן פאָרלייגן, אויב איך אײַל זיך ניט, צוזעצן זיך אַף אַ ווײַלע, געגעבן עטלעכע לעצטע זשורנאַלן, צוגעזאָגט מיר ניט שטערן, געבעטן אַנטשולדיקן און זיך ווידער פאַרטיפט אין די לערנביכער. עס פלעגט דורכגיין אַמאָל אַ שאָ און אַמאָל מער, און זי האָט זיך אַף מיר ניט אומגעקוקט, קיין איין וואָרט מיט מיר ניט אויסגערעדט. זי איז געווען אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אינעם לערנען. איך האָב זיך געסטאַרעט מיט גאָר־נישט ניט שטערן. געזעסן שטיל, געקוקט אַף איר און געהאַלטן אין איין טראַכטן: צי דען איז דאָס יענע יויכעווער, וועלכע פלעגט יעדן אָוונט וואַרטן אַף מיר, מיט אַזויפיל צאַרטקײַט זיך געטוליעט צו מיר, זיך גע־קושט מיט מיר, געהאַט אַזויפיל צו ריידן מיט מיר, אַז עס האָבן אַף דעם נישט געקלעקט ניט די אָוונטן, ניט די נעכט? איך האָב אַלץ ניט געקענט באַגרײַפן, ווי קאָן מען זיך גאָר אַזוי ענדערן, אַזוי פאַרפרעמדט ווערן, אַזוי זיך דערווײַטערן. דאָס האָט מיך ניט אויפגעהערט צו מאַטערן, ס'האָט מיך גענאָגט, געוויײַטעקט. און גלײַכצײַטיק בין איך געווען גליקלעך, וואָס איך זיץ בא איר אין צימערל, וואָס איך זע זי, קוק אַף איר, וואָס איך עטעם איין לופט מיט איר. יעדע מינוט, וואָס איך בין געווען בא איר, איז מיר געווען ליב און טײַער, איך וואָלט געזעסן און געזעסן, ווען איך ווייס, אַז איך שטער איר ניט, אַז זי האָט ניט קעגן. מיר פלעגט זיך זייער ניט וועלן אַוועקגיין, דאָך האָב איך זיך געסטאַרעט איבעריקס ניט פאַר־האַלטן זיך בא איר.

פון מאָל צו מאָל האָט זי מיך אויפגענומען גלײַכגילטיקער, קעלטער. גאָרנישט ניט געפרעגט. גאָרנישט ניט געזאָגט. כ'האָב דערפילט, אַז איך גיי איר לאַכלוטן ניט אָן. האָב איך באַשלאָסן מער ניט גיין צו איר. אויס.

א סאָף. געגוג. ס'איז דאָס לעצטע מאָל. מער קום איך ניט. באַלד אָבער, ווי נאָר איך בין ארויס פון איר, האָב איך מיט אומרויִקן אומגעדולד שוין אָנגעהויבן וואַרטן אויף דעם טאָג, ווען איך וועל קענען צו איר ווידער אַרײַן. דאָס האַרץ האָט גענאָגט, ניט געלאָזט רוען. ס'האָט מיך געצויגן, אָן אויפהער געצויגן צו איר. איך האָב זיך געראַנגלט מיט זיך, געזאָגט זיך: „טראַכט ניט וועגן איר, גיב זיך בעסער מער אָפּ דײַן ווײַאָלאָנטשעל". איך האָב געשפּילט. באַטאָג און באַנאַכט, א באַהויכטער פון די שטורמישע נעשאַמע־געפילן, געשפּילט מיט אימפּעט, מיט ווייטעק, מיט פרייד, מיט פאַרדראָס, מיט צאָרן — און מיט ליבע. שפּילנדיק, האָב איך געזען זי פאַר זיך, גערעדט צו איר, זיך אויסגעטײַנעט מיט איר, דאָס גאַנצע האַרץ, אַלע מײַנע געפילן אין דעם אַרײַנגעלייגט.

דער פּעדאַגאָג מײַנער האָט מיך געלויבט. די קאַוואַלירים האָבן געקוקט אויף מיר, ווי אויף דעם גליקלעכסטן. און איך האָב מיט גאָרנישט ניט געקענט זיך באַרויִקן. איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר. איר אומרוּונג האָט נאָך מער צעפּלאַקערט אין מיר דעם פאַרלאַנג צו באַנעמען זי, פאַרשטיין, באַזיניקן, וואָס איז געשען. „פאַרוואָס זאָל איך בײַ איר פאַרסט און פּאַשעט ניט פרעגן? גלאַט אַזוי. טשיקאַווע, וואָס וועט זי אויף דעם ענטפערן?". — „פאַרשטיי אײנמאָל פאַר אַלעמאָל, — האָב איך זיך אליין איבערגעשלאָגן, — אַז דאָס, וואָס איז געווען, איז שוין פון לאַנג אַוועק. האָסט מער ניט וואָס צו גיין צו איר".

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף ניט גיין. און דאָך בין איך אַוועק.

ווען איך בין אַרײַן, האָט זי מיך אפילו ניט געבעטן זיצן. געזאָגט, אַז זי גייט שוין אַוועק. זי אײַלט זיך. שטייענדיק אַנטקעגן דעם קײַלע־כיקן שפּיגעלע, האָט זי אײַנדערגיך פאַרקעמט די האָר, אָנגעטאָן דאָס פּוכיק־ווײַסע היטעלע, דאָס לײַכטע פוטערל, אין וועלכן איך האָב זי געזען דעם פאַריקן ווינטער, ווען זי האָט, וואַרטנדיק אויפן צוג, געשפּאַצירט מיטן טאַטן איבער דער פּלאַטפאָרמע פון דער קלײנינקער גרענעץ־סטאַנציע...

מיר זײַנען אַרויס צוזאַמען. אין דרויסן האָט געבלאָזן א קאַלטער ווינט. ס'איז געווען זייער גליטשיק. א שניי האָט געשמיסן גלײַך אין פּנים אַרײַן. איך האָב איר פאַרגעלייגט באַגלייטן.

— צוליב וואָס? נייין, מע דאַרף ניט, — האָט זי טרוקן א זאָג געטאָן, איבערגעלאָזט מיך אויפן ראָג און מיט לײַכטע טריט אַוועקגעאײַלט אַרויף־גאַס צום אָפּשטעל פון די אויטאָבוסן. איך האָב געזען, ווי זי האָט באַלד זיך געזעצט און אַוועקגעפאָרן.

מער בין איך צו איר ניט געגאַנגען. איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט לײַב און לעבן דעם ווײַאָלאָנטשעל, אים אײנעם פאַרטרויט אַלע מײַנע איבער־לעבונגען. איך האָב געשפּילט, געשפּילט און געשפּילט. אומדערמידלעך, געאַרבעט איבער יעדער נאָטע, איבער יעדער פראַזע, איבערגעכאַזערט אָן א סאָף אײנע און די זעלבע פּאַסאַזשן. געשפּילט אויך פּיעסן, וועלכע זײַנען נאָך ניט געווען אין דער פּראָגראַם, פיל קאָמפּליצירטערע, אייניקע בעטהאָווענס סאָנאַטן און באַכס סויִטעס. עס האָט זיך אין מיר דערוועקט,

געיוירט, געבושעוועט א געבענטשטע שעפערישע קראפט, וועלכע האָט זיך פרוכטבאר דערנערט פון מײַנע טיפסטע נעשאָמע־ליידן.

אין די סטודענטישע אאודיטאָריעס האָט מען דעמלט העפטיק באהאנדלט פאנטעליימאָן ראָמאנאָווס דערציילונג „אָן טשעריאָמוכע” און מאלאשקינס „די לעוואָנע פון דער רעכטער זײַט, אָדער אן אויסערגעוויינלעכע ליבע”, אין וועלכע עס זײַנען באַרירט געוועז פראָבלעמען פון די דעמלטיקע באַציִונגען צווישן דער יוגנט. מע האָט הייס דיסקוסירט וועגן מאָראַלישע, עטישע און שטייגערישע פראגן, צווישן וועלכע ס'איז געווען אויך אזא: „וואָס איז בעסער — זײַן געליבט, צי ליב האָבן?” זייער גוט, האָב איך געענטפערט, ווען עס פאלן זיך צונויף ביידע זאכן, נאָר אויב אויסקלײַבן איינס פון די ביידע, איז בעסער „ליב האָבן”. בא דער זעלבער מיינונג בין איך אויך איצט. דאָס האָט א שײַכעס צו אלעמען, און באזונדערס צו יענע, וועלכע ווידמען זיך דער קונסט. בלויז אזא, וואָס האָט ליב, איז פײִק צו שאפן. וואָס הייסער די ליבע, אלץ שטארקער דער אימפולס. אויב די ליבע איז ניט קיין גליקלעכע, א ווייטעקדיקע, זײַנען דעמלט די לײַדנשאפטן נאָך גרעסערע, שארפערע און דער אימפולס שטארקער.

אף דעם סטודענטישן קאָנקורס פון מוזיקאנטן־אויספילער האָב איך אומדערוואַרט פאר זיך באקומען די ערשטע פרעמיע. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אז וויסן וועגן דעם זאָל זי, טאקע דעריקער זי, די איין־איינציקע עפשער, וועמען איך האָב געהאט אמערסטן צו פארדאנקען. און נאָך אן אינערלעכער ראנגלעניש האָב איך געפויעלט בא זיך ארײַנגיין צו איר. אדעראבע, זאָל זי זען, אז איך בין אפילע קיין קאפ ניט באליידיקט. נאָר ניט פארהאלטן זיך בא איר צו לאנג, אפילע אויב זי וועט בעטן. ארײַנגיין אף עטלעכע מינוט, ניט מער.

און אף מאָרגן צי איבערמאָרגן, נאָך דעם, ווי איך האָב באקומען די פרעמיע, בין איך אוועק צו איר אף דער אכצעטער ליניע, זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק, ווו איך בין שוין לאנג ניט געווען, אָנגעקלונגען, נאָר זי ניט געטראָפן. פון דער אנטקעגנדיקער דירע האָט ארויסגעקוקט אן אויסגעפוצט יונג מיידל, מיט נײַגער באטראכט מיך, א שמייכל געטאָן. איך האָב איר ניט געענטפערט, איך בין איר בלויז מעקאנע געווען, וואָס זי וווינט אין איין הויז בישכיינעס מיט יויכעוועדן, וואָס זי זעט יויכעוועדן, מעגלעך, יעדן טאָג.

איך האָב יויכעוועדן לאנג ניט געזען. ערשט אין עטלעכע כאדאָשים ארום האָב איך דורכן פענצטער פון מײַן צימער, וואָס האָט זיך געפונען אפן צווייטן שטאָק אין אונדזער סטודענטישער צוזאמענוווינונג, צופעליק באמערקט זי. אינעם פוכיק־ווײַסן היטעלע און לײַכטן פוטערל איז זי מיט געלאסענע טריט געגאנגען אף דער אנטקעגנדיקער זײַט פון גרויסן בולוואר, אין דער ריכטונג צום אוניווערסיטעט. ביז דעם האָב איך, לאָזט זיך אויס, ניט געוווסט, אז יעדן אינדערפרי, האלב נײַן, גייט זי מיט אָט דעם וועג. די לימודים פלעגן בא מיר זיך אָנהייבן פרײִער, אויסער פרײַטיק. פלעג איך יעדן פרײַטיק האלב נײַן שוין שטיין באם פענצטער, ארויסקוקן, ווארטן, ביז זי וועט זיך ווײַזן אפן אנטקעגנדיקן טראָטואר. אָפטמאָל פלעג איך זען, ווי יונגעלײַט, באָכערים קוקן זיך אום מיט באַ־

וווּנדערונג אויף איר. זי האָט ניט געלייגט קיין אכט אויף זיי, געגאַנגען זיך רויִק, אויף קיינעם זיך ניט אומגעקוקט, און דערין אויך קיין איין מאָל ניט אויף דער צוזאַמענוווינונג, ווו איך האָב געוווינט. און איך בין געשטאַ־נען, ניט אַרויסלאָזנדיק זי אויף קיין רגע פון אויג, ביז זי האָט פאַר־קערעוועט אויפן נעווסקער פּראָספּעקט. ס'איז בא מיר שוין געווען די גרעס־טע פרייד, וואָס איך זע זי, זאָל זײַן כאָטש פונדערווײַטן. איך בין געווען גליקלעך, וואָס זי איז דאָ, וואָס זי לעבט אויף דער וועלט.

ס'איז דורך א יאָר, און צוויי, און מער. איך האָב פאַר דער צײַט עט־לעכע מאָל פונדערווײַטן געזען זי אויך לעבן אוניווערסיטעט און אויפן נעווסקער פּראָספּעקט לעבן דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין א קאָמפּאַניע פון טומלדיקע, פריילעכע סטודענטן און סטודענטקעס. און איינמאָל אין א הייסן זונטיק־טאָג, באָדנדיק זיך אין נעווא, האָב איך פּלוצלינג דער־הערט איר שטים, זיך האַסטיק אומגעקוקט און דערזען זי גאָר נאָענט לעבן זיך. א לאַכנדיקע איז זי גיך געשווומען, אַריבעריאָגנדיק איר כאַווערטע. אין וואַסער האָט איר האַנט באַם שווימען זיך אָנגערירט אין מײַנער. נאָר זי האָט מיך ניט באַמערקט.

עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די לימודים בא מיר אין קאָנסערוואַ־טאָריע און בא איר אין אוניווערסיטעט, און איך פלעג ווידער פון צײַט צו צײַט שטיין באַם פענצטער, וואַרטן, אַרויסקוקן, ביז זי וועט זיך ווײַזן, און נאָכדעם נאָכקוקן, ביז זי איז ניט פאַרשוווּנדן פון מײַנע אויגן. אינ־מיטן ווינטער האָב איך זי אופגעהערט זען. ס'איז אדורך א וואָך, צוויי, דרײַ. זי איז מיט דעם וועג מער ניט געגאַנגען. האַלב נײַן אינדערפרי, ווען זי פלעגט געוויינלעך גיין אין אוניווערסיטעט, בין איך עטלעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבער דער אכצעטער ליניע, געקוקט אין אלע זײַטן, נאָר אויך דאָרט האָט זי זיך ניט געוויזן. דאָס האָט מיך שוין אָנגעהויבן באומרויִקן, און איך האָב באַשטימט אַרײַנגיין דערוויסן זיך, וואָס איז מיט איר.

ס'איז געווען א שטילער, פּראָסטיקער טאָג. לעבן דעם פירשטאָקיקן הויז, ווו זי האָט געוווינט, האָב איך באַגעגנט איר באַלעבאָסטע מיט א גרינג שליטעלע, אין וועלכן ס'איז געלעגן אײַנגעקוטעט א פּיצל קינד. איר באַלעבאָסטע האָט מיך דערקענט, געפרעגט, וווּהין איך גיי. איך האָב איר געזאָגט.

— וואָסי, איר ווייסט דען ניט? — האָט זי פאַרווּנדערט מיך אָנגעע־קוקט. — זי וווינט דאָך שוין ניט בא מיר. זי האָט דאָך כאַסענע געהאַט. אָך, סאַראַ מאַן! שיין, הויך, שלאַנק. עפּשער אויף צוויי אָדער דרײַ יאָר עלטער פון איר. נאָך גאָר א יונגער און איז שוין א מיליטער־אינזשעניער, פאַרנעמט א הויכע שטעלע. זײַן טאַטע, אן אַקאַדעמיקער, האָט זיי איבער־געלאָזט א זעלבשטענדיקע פּרעכטיקע דירע אויף דער בראָדסקי־גאַס לעבן דער פילהאַרמאָניע. די טעג האָב איך זי באַגעגנט מיט אים אין אָפּערע־טעאַטער. זי זעט אויס שענער, ווי געווען. שײַנט פון גליק.

איך בין אוועק א צערודערטער און גלײַכצײַטיק מיט א פרייד־געפיל. עס האָט מיר ווי געטאָן, וואָס איך האָב זי פאַרלוירן אויף שטענדיק, אפילו

ווען־עס־איז ווען איך זי איצט ניט קאָנען זען, און געפרייט האָט מיך, וואָס איר איז גוט, זי לעבט גליקלעך.

אינגיכן האָב איך פארענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע. מע האָט מיר פאַר־געלייגט בלײַבן אין לענינגראַד, אין דעם באַוווסטן סימפאָנישן אָרקעסטער בא דער לענינגראַדער פילהאַרמאָניע. איך האָב אָבער באַשלאָסן אוועק־פאָרן. און וואָס ווײַטער. קיין טשיטא. די ערשטע צײַט איז מיר דאָרט געווען ניט איבעריקס גרינג: אַן אומבאַקאַנטע שטאָט, אומבאַקאַנטע מענטשן, די ניט־אײַנגעאָרדנטקײַט. און דעריקער, ס'האָט מיך ניט געלאָזט צורו די בענקשאַפט נאָך לענינגראַד, נאָך יויכעווועדן. באַלד, ווי איך בין אהין געקומען, האָב איך אויסגעשריבן די „לענינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ", די צײַטונג, וועלכע זי פלעגט לייענען, נאָכגעשפּירט נאָך אַלע דאָרטיקע נײַס. צוביסלעכווײַז האָב איך זיך ארײַנגעצויגן אינעם אָרטיקן לעבן. גע־פירט א קורס לויטן קלאַס וויאָלאָנטשעל אין דער מוזיק־שול, אלס אַרטיסט פון דער טשיטאַער פילהאַרמאָניע ארויסגעטראָטן אָפט ווי א סאָליסט און אַנסאַמבליסט אַף קאָנצערטן. מיט דער צײַט באַקומען א צימערל. געלעבט אליין. איינער אליין. געווען אינטערעסאַנטע מיידלעך — אי שיינע, אי פייַקע, אי שטאַלטנע, אי קלוגע, נאָר קיין איינע פון זיי איז ניט געווען אזא, ווי יויכעווועד. מיט וואָס פאַר א מיידל איך האָב זיך ניט באַגעגנט, האָב איך שטענדיק, ווילנדיק — ניט־ווילנדיק זי פאַרגליכן מיט יויכעווועדן. און יויכעווועד האָט שטענדיק מיט זיך אַלעמען פאַרשטעלט, פאַרטריבן פון מיר... אַלע מײַנע געפילן האָב איך אוועקגעגעבן דעם וויאָלאָנטשעל, דער אַרבעט אין דער מוזיק־שול. דער דערפאָלג פון די שילער האָט מיר פאַרשאַפט פרייד און פאַרגעניגן. אַלץ אָפטער האָב איך זיך באַטייליקט אין קאָנצערטן. ארויסגעפאָרן מיט אַרטיסטישע בריגאַדעס אַף די נײַ־בויונגען, ארויסגעטראָטן אַף די בוי־פּלעצער פון מאַגניטאָגאָרסקער מע־טאַלורגישן קאָמבינאַט, פון אוראַלמאַש, פון דעם נאָוואָקוזנעצקער זאַוואָד, געשפּילט אין זאַוואָד־צעכן, אין קאָלווירטישע קלובן, אַף פּאָליאַנקעס בא דער גרענעץ־זאַסטאַווע, אַף אָפענע וואַגאָן־פּלאַטפאָרמעס, אַף א פּאַלובע פון א טראַולער, אַף קוזאָוון פון לאַסט־אויטאָס, אין א צוזאַמענוווינונג פון גאָלדגרעבער, אין א יורטע פון הירשנציכטלער... איך האָב געזען דאָס לאַנד, זײַנע ווונדערלעכע מענטשן. צי האָב איך זיך פריער געקענט פאָרשטעלן, אַז אין א ווײַט־פאַרוואָרפענעם ווינקל אין יאַקוטיע וועלן פון די אַרומיקע יישוווים זיך צונויפפאָרן פיל הירשנציכטלער אַף אונדזערן א קאָנצערט און מע וועט מיט אַזויפיל פרייד אויפנעמען די וויאָלאָנטשעל־שפּיל, וועלכע זיי הערן צום ערשטן מאָל? איך האָב דערפילט א גרעסערע אכרײַעס, נאָך זאָרגזאַמער זיך געגרייט צו יעדער ארויסטרעטונג.

אין יענע יאָרן האָב איך זיך באַקענט מיט א מיידל, וועלכע האָט מיר זיך אויסגעוויזן מיט עפּעס ענלעך אַף יויכעווועדן. דאָס האָט מיך געפאַנגען. און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען. זי איז געווען א פאַרמאַצעווט. געאַרבעט אין אן אַפּטייק. אינגיכן זײַנען מיר זיך צונויפגעגאַנגען, און זי איז אַריבער פונעם „ווינקל", וועלכן זי פלעגט דינגען, צו מיר, אין מײַן צימער. געווען איז זי א ווילע, א שטילע, אַן איבערגעגעבענע, נאָר איך האָב זיך גיך אַנטוישט אין איר. פון יויכעווועדן איז אין איר געווען

בלויז א ביסל פון דער אויסערלעכקייט, און — גאָר. קיין טראָפּן פּאָעזיע, קיין ברעקל געפיל צו מוזיק. א באַגרענעצטע נאַטור. זי איז מיר געוואָרן ניט צום האַרצן. איך האָב, ווי ווײַט מעגלעך, זיך באַמיט עס ניט אַרויס־ווײַזן, פאַרקערט, זיך געזאָרגט וועגן איר. נאָר ווען זי גייט אַוועק פון מיר, האָב איך געפילט, וואָלט איך געווען גליקלעך. איך וואָלט מיט פאַר־גענינגן איר איבערגעלאָזט אַלץ: די דירע, וועלכע איך האָב געהאַט ערשט באַקומען, דאָס מעבל, אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, אויסער דעם וויִאָלאָנטשעל. נאָר איך זאָל אַוועקגיין פון איר, זי איז איבערלאָזן, דאָס האָב איך ניט געקאָנט. זי איז געווען זייער א הילפלאָזע, אַן עלנטע, קיינעם ניט געהאַט. אין ערגעץ ניט. פאַרבליבן קינדוויַיז א קײַלעכדיקע יעסוימע, ווי איך. אירע עלטערן האָבן אומגע־בראַכט די קאָלטשאַקאָווצעס. זי האָט איבערגעטראָגן א שווערע קרענק און צוליב דעם קיין קינדער ניט געקענט האָבן.

אָנהייב זומער ניַין־און־דריַיסיקסטן בין איך אייַנגעלאַדן געוואָרן אויף א קאָנצערט־טורנע קיין אָדעס, כאַרקאָוו, קיִעוו, מינסק און לענינגראַד, ווו איך בין נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטן. עס איז איבעריק צו זאָגן, מיט וויפל פרייד און אַכרייַעס איך האָב אָנגענומען די אייַנלאַדונג אין אָט די שטעט, וועלכע זייַנען באַרימט מיט זייער הויכער מוזיקאַלער קול־טור. און אויסער דעם, איז מיט מינסק און לענינגראַד פאַרבונדן געווען מייַן קינדהייַט און די שענסטע יוגנט־יאָרן. אַרויסטרעטן דאָרט איז פאַר מיר געווען א גרויסער יאָמטעוו. די קאָנצערטן זייַנען דורכגעגאַנגען בא פולגעפּאַקטע זאַלן, און, ווי די פּרעסע האָט אָפּגעמערקט, מיט דערפאָלג.

דעם לעצטן טאָג פון מייַן זייַן אין מינסק בין איך געווען פרייַ, קיין לענינגראַד האָב איך געדאַרפט אָפּפאָרן ערשט אין אָוונט. האָב איך זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון מייַן לאַנגאָניקן פאַרלאַנג צו צופאָרן כאָטש אויף א שאָ־צוויי אינעם גרענעץ־שטעטל, ווו איך האָב מיט פופצן יאָר צוריק אַזוי וווּנדערלעך פאַרבראַכט. באַזונדערס איצט, ווען איך געפין זיך אַזוי נאָענט פון דעם שטעטל.

זייַענדיק אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר זייער ווייַט פון אָט די מעקוימעס, האָט זיך מיר צייַטנווייַז אָנגעהויבן דוכטן, אַז ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געווען און ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט אַזא שטעטל, אַז איך האָב עס אויסגעכאָלעמט, אויסגעטראַכט, אַז אַזא שטעטל עקזיסטירט נאָר אין מייַן פאַנטאַזיע.

נאָר איך האָב אינגיכן זיך איבערצייַגט, אַז ניין, איך האָב דאָס שטעטל ניט אויסגעטראַכט, ניט אויסגעכאָלעמט.

דעם יונגן טאַקסיסט מיט דער „עמקע", אויף וועלכער איך בין געקומען צו פאָרן אהער פון מינסק, האָב איך איבערגעלאָזט אויפן עק גאַס אין א האַלב־דאָרפיש־באַגרינטן הויף און בין אַוועק. מיר האָט זיך געוואָלט ניט דורכפאָרן זיך, נאָר דורכגיין זיך, אַליין, איינ־אַליין, איבער די אַלע טייַערע פאַר מיר ערטער, ווו איך האָב אַזוי אומגעריכט זיך באַגעגנט מיט מייַן ערשטער ליבע, מיט יוכעוועדן.

אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייַטן, קעדיי ניט דורכלאָזן עפּעס, האָב איך פאַמעלעך געשפּאַנט איבער דער קימאַט פּוסטער שטעטלשער הויפּט־

גאַס, ווו עס פּלעגט דעמלט אין די פֿאַרנאַכטן זיך צונויפֿקלײַבן די יוגנט, שפּאַצירן הין און צוריק, פֿאַרהילכנדיק דעם אַרום מיט לידער. אויף אייניקע גאַנעקעס זײַנען געזעסן יונגע מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, מעגלעך מײַנע געוועזענע פּיאָנערקעס. זיי האָבן זיך אומגעקוקט אויף מיר, איך אויף זיי. זיי האָבן מיך ניט דערקענט, איך — זיי אויך ניט. ווי־ניט־ווי — פֿופֿצן יאָר אַדורך! נאָר די גאַס האָט אויסגעזען אַזוי, ווי איך האָב זי פֿאַרגעדענקט. דוכט זיך, מיט גאָרנישט זיך ניט געענדערט. אויף זעלבן אָרט די פּאָטשט, אויף זעלבן אָרט דער קלוב, די שערערײַ, דער שטעטל־סאָוועט, דער מאַרק. אָט דאָ בײַ דער פּאָטשט האָט זי אויף מאָרגן נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפֿט געוואַרט אויף מיר און איך בין ניט אַרויס, צוליב פּיניען; אָט דאָ, פֿאַרבײַ דעם קלוב, ווען איך פֿלעג רעפּעטירן מיטן קאָמיוגישן אָרקעסטער, פֿלעגט זי שפּאַצירן מיט אירע כאַווערטעס, ביז איך פֿלעג ניט פֿאַרענדיקן און אַרויסגיין צו איר; אָט דאָ, אַראָפּ־גאַס, בעשאַס דעם שפּאַציר שאַבעס פֿאַרנאַכט האָט פּיניע מיר אָנגעוויזן אויף איר און איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל אין אַ בלויען סאַראַפֿאַן מיט די ווײַסינקע פּאַסיקלעך; אָט דאָ, בײַ דעם ראָג, פֿלעגן מיר אַ ביסל אָפּשטיין פֿון דער קאָמפּאַניע און אומבאַמערקט פֿאַרשווינדן אין דעם שמאָלן טונקעלן געסל. אויף יעדן טראָט האָט עפּעס־וואָס מיר דערמאָנט אַזוינס, וואָס האָט געצווונגען אומרויִקער קלאַפּן דאָס האַרץ. איך בין געווען בײַ דעם הילצערנעם פֿײַערלעשער־טורעם, ווו מיר האָבן בעשאַס דעם שלאַקסרעגן זיך אויסבאַהאַלטן, געווען בײַ דעם טײַך, בײַ דער גרינער לאָנקע, אין בערעזעוועלדל, אין אַלע ערטער, ווו מיר פֿלעגן זיך טרעפֿן, און מיט אומרויִקע טריט זיך פֿאַרנומען אינעם שטילן זײַטיקן געסל, ווו ס׳האָט זיך געפֿונען די שטוב פֿון אירע עלטערן. סטאַרענדיק זיך ניט באַמערקט צו ווערן, בין איך זיך דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל פֿאַרבײַ דער שוין אײַנגעבויגענער הילצערנער שטוב מיט די דרײַ האַלב־פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער צו דער גאַס און מיטן קלײנינקן גאַנעקל בײַם אַרײַנגאַנג. די שטוב און דאָס גאַנעקל האָבן אויסגעזען פֿיל קלענער, ווי דעמלט, נאָר די עטלעכע קליאָנען, וואָס זײַנען געוואַקסן פֿון ביידע זײַטן, האָבן אויסגעזען ווי פֿריִער, און עפּשער נאָך העכער. אַרום איז קיינער ניט געווען. אויף דער, קאָנטיק, שוין לאַנג ניט געפֿאַרבטער דרויסן־טיר איז געהאַנגען אַ קליין שלעסל. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער, און, נאָכגעבנדיק דעם פֿאַרלאַנג, וואָס האָט מיך באַהערשט, אַרויף אויפֿן גאַנעקל. צוגערירט זיך צום פֿאָרענטש, צו וועלכן זי, יויכעוועד, פֿלעגט זיך צורירן, האָב איך פֿאַרזיכטיק זיך אוועקגעזעצט אויף דעם זעלבן אָרט, ווו איך פֿלעג געוויינלעך זיצן, אָט דאָ — איך, און אָט דאָ איז זי געזעסן, אָט דאָ, אויף אָט דעם אָרט, צוגעטוליעט צו מיר, אַ שמייכלענדיקע, אַ האַרציקע, אַזאַ ליבע, אַזאַ נאָענטע... ווו איז זי איצט אין אָט דער מינוט? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. — וואָס טוט זי? ווי זעט זי אויס? ווי פֿריִער? ווי געווען? צי געענדערט זיך? ווי לעבט זיך איר? שוין באַלד נײַן יאָר, ווי איך ווייס גאָרניט וועגן איר. צי דערמאָנט זי כאָטש אַמאָל אָט די ערטער? צי געדענקט זי כאָטש עפּעס־וואָס פֿון יענעם זומער?

דאָ דערבײַ, ערגעץ אויפֿן הילצערנעם טראָטואַרל, האָבן זיך דערנעענטערט טריט. עמעצער איז געגאַנגען אַהער. איך האָב זיך אויפֿגעהויבן און

ניט באַוויזן אַראָפּ, ווי אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַן עלטערע שטאַלטנע פֿרוי מיט אַ קאָשעקל אין האַנט.

— איר דאַרפֿט צו רעב ייִצכאָקן? — האָט זי געפֿרעגט, באַטראַכטנדיק מיך. — ער איז נאָך אין בעסמעדרעש. ס'איז הײַנט יאָרצײַט נאָך זײַן זיידן, זיכרונע־ליוראָכע. ער וועט באַלד קומען.

— ניין, ניין. איך האָב פּאָשעט אַזוי זיך צוגעזעצט אַ ווײַלע, זיך אָפּרוען אַ ביסל, — האָב איך פֿאַרלוירן געענטפֿערט, דערקענענדיק אין דער נאָך שיינער עלטערער פֿרוי יויכעוועדס מאַמען.

— פֿאַרוואָס זשע אויפֿן גאַנעקל? קומט אַרײַן אין שטוב, — האָט זי גאַסט־פֿרײַנטלעך אײַנגעלאַדן, אַראָפּנעמענדיק דאָס ניט־פֿאַרשלאָסענע שלעסל. — איר זעט, זע איך, ניט קיין היגער, קומט, קומט אַרײַן.

איך האָב, דעם עמעס זאָגנדיק, ניט געהאַט קיין איבעריקן כיישעק זיך באַגעגענען איצט מיט רעב ייִצכאָקן, וועלכער האָט דעמלט, אין יענעם ווינטער, ווען איך בין געקומען אַהער אין שטעטל זיך זען מיט יויכעוועדן, ניט דערלאָזט, אַז איך זאָל אַפֿילע פֿאָרן מיט איר אַף איין שליטן צום באַן, און נאָכדעם בעקיוון באַגלייט זי ביז מינסק, צום לענינגראַדער צוג, קעדיי איך זאָל אין וואַגאָן מיט איר זיך ניט באַגעגענען. מיר האָט זיך ניט געוואָלט, ער זאָל מיך איצט זען דאָ. און גלײַכצײַטיק האָט זיך מיר זייער פֿאַרוואָלט אַרײַן, אַ קוק טאָן, ווי זעט אויס די שטוב, וווּ יויכעוועד איז געבוירן געוואָרן, וווּ עס זײַנען אַדורך אירע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, און פֿאַריינס עפּשער עפּעס זיך דערוויסן וועגן איר. יויכעוועדס מאַמע האָט מיך דורכגעפֿירט דורך אַ ציכטיקן פּירהויז, און מיר זײַנען אַרײַן אין אַ גערוימען צימער. אין סאַמע מיט איז געהאַנגען אַ בליך־לאָמפּ. בײַ איין וואַנט איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדיש געשניצטער בופֿעט, בײַ דער צווייטער וואַנט, אין ווינקל, אַנטקעגן פֿענצטער אַ היפּש אָפּגעבליאַקעווטע פֿאָרטעפּיאַנע, אַף וועלכער יויכעוועד האָט דעמלט, ווען איך בין געשטאַנען אין פּראָסטיקן דרויסן אַ פֿאַרווייעטער מיט שניי, קאָנטיק, געשפּילט. איר גאַסטפֿרײַנטלעכע מאַמע האָט מיט אַ ליבער גוטמוטיקײַט מיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, פֿונוואַנען איך קום, אַף ווי לאַנג און וואָס פֿאַראַ איניאָנים האָב איך דאָ, אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטל. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך קום פֿון מינסק סאַכאַקל אַף עטלעכע שאָ, קעדיי אַ קוק טאָן פּאָשעט אויפֿן שטעטל, וווּ איך בין אַמאָל, מיט פֿיל יאָרן צוריק, געווען אַ קורצע צײַט, און געפֿרעגט בײַ איר, צי ווייסט זי עפּעס וועגן פּיניע שוואַלב, וועגן בערל באַרבאַראַש, כעמע שאַליט און אַנדערע באַקאַנטע מײַנע פֿון יענע ווײַטע יאָרן.

זי האָט זיך צוגעזעצט אַנטקעגן מיר און דערציילט, אַז פּיניע שוואַלב האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע און איז שוין עטלעכע יאָר פּאָרזיצער פֿון דובראָוונער שטאָט־סאָוועט. מיט דרײַ יאָר צוריק איז ער געווען דאָ אַף זײַן מאַמעס לעווײַע. די עלטערע שוועסטער זײַנע איז דירעקטאָר פֿון קוידענאָווער טריקאָטאַזש־פֿאַבריקל, די ייִנגערע איז אַ כעטאַגוראָווקע, אָוועקגעפֿאָרן פֿרײַוויליק אויפֿן ווײַטן מיזרעך, אַרבעט אין קאָמסאָמאָלסק, כאַסענע געהאַט דאָרט פֿאַר אַ קאָמאַנדיר פֿון דער רויטער אַרמיי. אין זייער שטיבל וווינט איצט אַ ייִדישע מישפּאָכע פֿון דײַטשלאַנד, וועלכע איז

אנטלאָפן פון היטלערן. ער איז א דאָקטער, זי — א פּראָוויזאָר. מיט צוויי קינדער. קיין יידיש קענען זיי ניט. שפּרעכן דײַטש. בערל בארבאראַש איז עלטסטער אגראָנאָם פון ראיאָן. אויך כאַסענע געהאַט. כעמע שאַליט איז א פּליער, געווען אין שפּאַניע, איז פארווונדעט. איצט לערנט ער זיך אין א מיליטערישער אקאדעמיע. יאַנקאָ מאַקאַיאָנעקן, וואָס איז געווען אין ראיאָן סעקרעטאר איבער די קאָמסאָמאָלצעס, האָבן נאָך אין דרײַסיקסטן יאָר די באַלעגופים דערהארגעט באנאכט לעבן ראַיוּספּירקאָם. אָשערל באַלעגאַלע, סימכע דער רויטער און נאָך היפּש מישפּאָכעס האָבן אריבער־געוואנדערט אף ערד. אָשערל איז בא זיי דער פּאָרזיצער, געוואָרן א גרויסער באַל־יאַכסן, געווען א דעלעגאַט אפן צוזאמענפאָר פון די קאָל־ווירטניקעס. די יוגנט צעפאָרט זיך. עס ציט זיי אין דער גרויסער שטאָט, זיי נעמען נאָכדעם אריבער אהין אויך די עלטערן. די אַלטיטשקע, וואָס האָט געווּווינט אנטקעגן קלוב, איז ניט לאַנג צוריק אריבערגעפאָרן קיין כאַרקאָוו. אירע צוויי זין ארבעטן דאָרט אפן טראַקטאָר־זאַוואָד. אין איר שטיבל האָט זיך באזעצט א צווייטע יידישע מישפּאָכע פון דײַטש־לאַנד.

— פונוואַנען, זאָגט מיר, האָט זיך גענומען אָט דער היטלער, אָט דער האַמאָן, — האָט זי פארזאָרגט זיך אָנגערופן, — וואָס פאַר א מאַכשייפע האָט אָט דעם קוילער געבראַכט אף דער וועלט, נעכײַ וואָלט ער אויסגערונען געוואָרן בא איר אין בויך, איידער ער איז געבוירן געוואָרן. וויי, וויי, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעהערט פון די דײַטשישע יידן. פארוואָס שווײַגט די וועלט? פארוואָס לאָזט מען אים ווילדעווען? ווער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט אונדז. מיר זײַנען דאָך בא דער סאַמע גרענעץ. עס זאָל, גאָט באַהיט, קיין מילכאָמע ניט אויסברעכן. ווי מיינט איר?

איך האָב זי פארזיכערט, אז קיין מילכאָמע וועט ניט זײַן. איך בין דעמלט געווען איבערצײַגט אין דעם.

— האַלעווײַ, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן גראָוון קאָפּ, — לאָמיר און אונדזערע קינדער און אייניקלעך ניט וויסן פון דעם, זאָלן זיי זײַן גליק־לעך. דער אייבערשטער האָט אונדז געבענטשט מיט פיר טעכטער. אַלע געראָטענע, אַלע מיט ליכטיקע קעפּ. ווען איר קוקט זיי אָן? קראַסאַוויצעס! און די איידעמס זײַנען אַדאַנק דעם, וואָס לעבט אייביק, אויך זייער פײַנע. גרויסע ספּעציאַליסטן. און די אייניקלעך, זאָלן געזונט זײַן, אזא יאָר אף אַלע לײַטישע מענטשן, סאַראַ ליבע קינדער זיי זײַנען, — און אָן אופגע־לעבטע האָט זי אָנגעהויבן דערציילן וועגן יעדער טאָכטער באזונדער. די עלטערע טאָכטער מיט איר מישפּאָכע וווינט אין מאָסקווע. זי איז א יוריסט. דער מאַן איז אַן ארכיטעקטאָר, בויט די מעטראָ; די צווייטע טאָכ־טער מיט דער מישפּאָכע וווינט אין סווערדלאָווסק, זי איז א געאָלאָג, דער מאַן — אַן אײַזנבאַן־אינזשעניר, זיך אויסגעצייכנט באַם בויען דעם טורק־סיב, איצט בויט ער א נײַע ליניע אף אוראַל; די דריטע טאָכטער וווינט אין לענינגראַד. זי איז א פיזיקער, דער מאַן — הויפּט־דאָקטער פון דעם צענטראַלן שפּיטאָל. און די מיזינקע, יויכעוועדל, לעבט, קיין אײַנהאָרע, אויך זייער שיין אין לענינגראַד, געזאָגט געוואָרן אף אַלע גוטעפרײַנט. זי איז גאָר א געהויבענער ספּעציאַליסט פון אזעלכע פּרעדמעטן, וואָס איז

ניט צו באַנעמען. אַ שיינע שטעלע פאַרנעמט זי אין דער פּולקאָווער אָבסערוואַטאָריע און לייענט מיט גרויס קאָוועד לעקציעס אין דעם זעלבן אוניווערסיטעט, אין וועלכן זי האָט זיך אַליין געלערנט, און איז, דאַנקען דעם אייבערשטן, שוין אַ דאָצענט פון די שטערן־וויסנשאַפטן. איר מאַן איז גאָר אַ גרויסער מענטש, אַ קאָנסטרוקטאָר פון אַ גרויסן זאַוואָד. אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ, זייער אַן איבערגעגעבענער. ער האָט זי ליב, ווי דאָס לעבן. גייט אויס נאָך איר טריט. און זי אים האָט אויך שטאַרק ליב. אים ניט ליב האָבן איז אוממעגלעך. אַן איידעלער, אַ קלוגער. אַ באַ־שיידענער. האָט שוין צוויי אָרדענס — און האַלט זיך פּראָסט, שטעלט זיך ניט אַרויס. און אַ טאָכטערקע האָבן זיי, אַ שולאַמיסל, שאַ, אָט וועל איך אײַך ווײַזן. מיר האָבן באַקומען פון זיי אַ בילד. — זי האָט אוועקגעאײַלט אין שכײנעסדיקן צימער, אין וועלכן, ווי איך האָב באַמערקט, עס האָבן געברענט צוויי יאָרצײַט־ליכט, און אין אַ רגע אַרום, אַ שײַנענדיקע, זיך אומגעקערט. — גיט נאָר אַ קוק, — האָט זי מיר געוויזן אַ גאַנץ גרויסע פאָטאָ, אויף וועלכער איך האָב גלײַך דערקענט יויכעוועדן. אַ שמייכלענ־דיקע, אַן איבערגליקלעכע, האָט זי געהאַלטן עטוואָס פאַרהויבן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געשפּיגלט אין דער זון. אַרומגענומען זי באַם האַלדז מיט איין האַנט, און האַלטנדיק אויף דער צווייטער האַנט אַ פּינפּיאָריק קינד, איז געשטאַנען לעבן איר אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, זייער אַ שיינער מאַנצביל, איר מאַן.

אַ פאַרגאַפטער האָב איך געקוקט אויף דער פאָטאָגראַפיע און ניט געקענט זיך אָנקוקן. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט אַרויסלאָזן זי פון די הענט, און אַזוי זיך, ווי פאַרבײַגייענדיק, אַ פרעג געטאָן, צי זיי קומען אַמאָל צוגאַסט אַהער.

— יויכעוועדל איז שוין זייער לאַנג דאָ ניט געווען. שטענדיק פאַר־נומען. זיי ווילן, מיר זאָלן אַריבערפאָרן צו זיי. אַ דירע האָבן זיי אַ גרויס־אַרטיקע. נאָר ס'איז שווער זיך רירן פון אָרט. אונדז איז דאָ אין שטעטל אַלץ אײַנגעבאַקן אין האַרצן. דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס איז דאָ דורכגע־גאַנגען. ווי קאָן מען עס איבערלאָזן?

איך וואָלט מיט פאַרגעניגן נאָך געזעסן און פאַרבראַכט מיט יויכע־וועדס גוטהאַרציקער מאַמען, וועלכע מע האָט אין שטעטל גערופן „די כאַכאַמע”, נאָר שוין צײַט געווען זיך אומקערן קיין מינסק, ווו איך האָב ביזן אָפּפאָרן געהאַט נאָך אייניקע איניאַנים צו דערליידיקן. אַראָפּשטײַגנ־דיק פון גאַנעקל, האָב איך אָפּגעבראָכן אַ צווײַגעלע פונעם קליאָן, אונטער וועלכן יויכעוועד איז אַמאָל מיט מיר געזעסן. אַנטקעגן, אויפן שמאָלן הילצערנעם טראָטואַרל, האָב איך דערזען גיין, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקל, אַ גרײַז־גראָוון אַלטן מאַן. דערנעענטערנדיק זיך, האָט ער מיט נײַגער אַ קוק געטאָן אויף מיר. גאָרנישט ניט געזאָגט. מיט פּאַמעלעכע טריט אַוועק ווײַטער. ער האָט מיך ניט דערקענט. ס'איז געווען יויכעוועדס טאַטע.

מיט דער טאַקסי, וואָס האָט געוואַרט אויף מיר, האָב איך זיך אומגע־קערט מיט אַ צעבויטעט האַרץ קיין מינסק און באַנאַכט צוזאַמען מיט מײַן אַקאָמפּאַניאַטאָר אַרויסגעפאָרן קיין לענינגראַד.

לענינגראַד... נײַן יאָר איז אַדורך, ווי איך בין פֿון דאָרט אוועקגעפֿאָרן און פֿאַר אָט דער צײַט קיין איין מאָל ניט געווען דאָרט. און אַלע נײַן יאָר געטרוימט וועגן יענעם גליקלעכסטן טאָג, ווען איך וועל פֿאַרדינען אַמאָל דעם קאָוועד אַרויסטרעטן מיט מײַנעם אַ וויאָלאָנטשעל־קאָנצערט אין דער שטאָט, ווו איך האָב געקראָגן אַ „פּוטיאָווקע" אין דער וווּנדערלעכער וועלט פֿון מוזיק, ווו איך האָב איבערגעלעבט פֿיל פֿרייד און לייד, אין דער שטאָט, ווו זי, יוכעוועד, וווינט...

קיין לענינגראַד בין איך געקומען נאָך האַלבן טאָג, זיך אָפּגעשטעלט אין אַ פּרעכטיקן, שוין אַ צו גרויסאַרטיקן נומער, וועלכער איז געווען פֿאַרבראָנירט פֿאַר מיר אינעם האָטעל „אַסטאָריאַ" אין סאַמע צענטער, לעבן נעווסקער פּראָספּעקט. די פֿאָרשטייערן פֿון פֿילהאַרמאָניע האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט דער פּראָגראַם פֿון מײַנע אַרויסטרעטונגען. אַף מאָרגן אינדערפֿרי איז פֿאַרפּלאַנירט געווען אַ רעפּעטיציע צוזאַמען מיטן אָרקעסטער, אין אָוונט — דער ערשטער קאָנצערט אין דער געבײַדע פֿונעם טעאַטער אַפֿן נאָמען פֿון לענינגראַדער סאָוועט, נאָכדעם אין קולטור־פּאַלאַץ אַפֿן נאָמען פֿון מאַקסים גאָרקי, אין גרויסן זאַל פֿון קאָנסערוואַטאָריע, אין קראָנשטאַדט, אַפֿן קיראָוו־זאַוואָד... אין האָטעל האָב איך זיך פֿאַרהאַלטן געציילטע מינוטן, בין גלײַך אַוועק און ביז האַלבער נאַכט שפּאַצירט איינער אַליין איבער דער שטאָט פֿון מײַן יוגנט.

ס'איז געווען אינמיטן כוידעש יון, אין זעניט פֿון די „ווײַסע נעכט", נעכט פֿול מיט פּאָעזיע. די בולוואַרן, פּראָספּעקטן, די פּילצאָליקע קאַנאַלן און די אויסטערלישע בריקלעך איבער זיי, די פּאַרקן און די פּאַלעצער מיט די דענקמעלער — אַלץ, אַלץ איז געווען באַגאָסן מיט ווייכער קישעפֿדיקער שײַן. די שטאָט איז געווען פֿול מיט לעבן, די טראָטואַרן, די גאַסן פֿול מיט מענטשן, און זי, יוכעוועד, איז, מעגלעך, אויך געווען צווישן זיי. זי קאָן דאָך איצט אויך שפּאַצירן. נאָר טרעף, ווו. איך בין געווען אַף נעווסקער פּראָספּעקט, געווען בײַ דער קאָנסערוואַטאָריע, אַפֿן גרויסן פּראָספּעקט בײַ דער געוועזענער סטודענטישער צוזאַמענוווינונג, אַף דער אַכצעטער ליניע, זיך דורכגעגאַנגען איבער דער בראָדסקי־גאַס מיט די גרויסאַרטיקע מויערן, איינער שענער פֿונעם אַנדערן. פֿון זייערע פּילצאָליקע גרויסע פֿענצטער האָט אַרויסגעלויכטן אַ שלאַל מיט שײַן, פֿון די אָפֿענע באַלקאָן־טירן האָט זיך געטראָגן מוזיק. ס'האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז אַף אַלע שטאָקן, אין אַלע דירעס פּראַוועט מען יאָמטעוו. איך האָב געקוקט אַף די העל־באַלויכטענע פֿענצטער און געוואָלט טרעפֿן, וועלכע זײַנען אירע, יוכעוועדס, כאָטש איך בין ניט געווען זיכער, אַז זי וווינט אויך איצט אַף אָט דער גאַס, ווי די געוועזענע באַלעבאָסטע פֿון איר צימערל האָט מיר געהאַט געזאָגט מיט העכער נײַן יאָר צוריק. מעגלעך, אַז זי האָט פֿאַר אָט דער צײַט זיך אַריבערגעקליבן אַפּילע אין אַן אַנדער ראַיאָן. איך האָב זיך ניט געקאָנט מויכל זײַן, פֿאַרוואָס איך האָב ניט אַ פֿרעג געטאָן בײַ איר מאַמען, בעשאַס זי האָט מיר דערציילט, אַז יוכעוועד וווינט אין אַ פּרעכטיקער דירע, אַף וועלכער גאַס די דירע געפֿינט זיך.

אין האָטעל האָב איך זיך אומגעקערט אַ צערודערטער. די נאַכט ניט

צוגעמאכט מיט קיין אויג. ניט נאָר איצט, יעדעס מאָל פאַר מײַנעם אַ קאָנצערט לעב איך איבער אַזוי, ווי איך זאָל דאַרפן אַרויסטרעטן דאָס ערשטע מאָל. אַזאַ שוואַכקײַט, און איך קען מיט זיך גאָרנישט ניט טאָן. אַפילו אַזאַ גרויסער אַרטיסט, ווי שאַליאַפּין, דערציילט מען, האָט זיך שטאַרק נערווירט ערעוו זײַנע קאָנצערטן. אין דער רעגע, ווען ער האָט באַדאַרפט אויפטרעטן אויף דער בינע, פלעגט אים זיך אָנהייבן דוכטן, אַז ער האָט אָקאָרשט פאַרלוירן די שטים. שטאַרק האָב איך איבערגעלעבט, ווען איך האָב געדאַרפט אַרויסטרעטן אין אַ שטאָט צום ערשטן מאָל, פאַר אַ נײַער אַאודיטאָריע, שפּילן מיט אַן אומבאַקאַנטן אָרקעסטער, אין זאַלן מיט אַ פאַרשיידענער אַקוסטיק. דאָס האַרץ איז בײַ מיר ניט געווען אויפן אָרט, באַזונדערס איצט, ווען מיר איז פאָרגעשטאַנען אַרויסטרעטן מיט אַ גרויסער קאָנצערט־פּראָגראַם אין לענינגראַד, שפּילן אין גרויסן זאַל פון דער פילהאַרמאָניע פאַר אַן אַאודיטאָריע, וועלכע האָט געהערט די גרעסטע מוזיקאַנטן, אין זאַל, ווו עס וועלן, מעגלעך, זײַן מײַנע פּעדאַגאָגן פון קאָנסערוואַטאָריע, און עפּשער אויך זי... זי האָט דאָך אַוודאי געקענט באַמערקן די אַפישן, וואָס זײַנען אויסגעהאַנגען אויף די גאַסן און פּלעצער פון שטאָט. וועגן דעם, אַז מיר זאָל געלינגען זיך זען מיט איר, האָב איך אַפילו ניט געטרוימט, נאָר אַז זי זאָל זײַן אויף מײַנעם אַ קאָנצערט, האָט זיך מיר זייער געוואָלט. זאָל זי זײַן ניט אַליין, זאָל זי זײַן מיטן מאַן, אַדרעבא, נאָר זאָל זי מיך הערן און איך זאָל זי זען כאָטש פונדערווײַטן. איך וואָלט פאַר זיי איבערגעלאָזט בילעטן. ווי־אַזוי אָבער גיט מען זיי צו וויסן וועגן דעם? ווען איך האָב דעם נומער פון איר טעלעפאָן, וואָלט איך אָנגעקלונגען און געזאָגט צוויי ווערטער, אַז איך לאַד אײַן זי מיטן מאַן אויף מײַן קאָנצערט. דעם נומער פון איר טעלעפאָן האָב איך אָבער ניט געהאַט.

אויף מאָרגן, גלײַך נאָך דער גאַנץ געלונגענער רעפּעטיציע מיטן אָרקעסטער, האָב איך אָנגעקלונגען אין „ספּראַוואָטשנע", אָנגערופן יויכעוועדס פאַמיליע. מע האָט מיר געענטפערט, אַז צווישן די אַבאָנענטן איז אַזאַ ניטאָ. און איר מאַנס פאַמיליע־נאָמען האָב איך ניט געוווּסט. ס'איז פאַרבליבן נאָך איין האָפענונג: זיך דערוויסן דעם נומער פון יויכעוועדס טעלעפאָן בײַ איר שוועסטער. איר שוועסטערס טעלעפאָן האָב איך געדענקט. איך האָב אָנגעקלונגען. דאָס טרײַבל האָט גענומען, קאָנטיק, דער שוועסטערס מאַן, דער אָנגעזעענער פּראָפעסאָר. מיט אַן אומצופרידענער שטים האָט ער געפרעגט, וועמען איך דאַרף. איך האָב זיך אַנטשולדיקט און געבעטן זײַן אַזוי גוט און זאָגן מיר דעם נומער פון יויכעוועד איסאַקאָווּנעס טעלעפאָן.

— ווער זײַט איר? — האָט ער בייזלעך אַ מורמל געטאָן.

— אַ לאַנגאָניקער באַקאַנטער, — האָב איך מיט אַ ניט זיכערער שטים געענטפערט.

— אַ לאַנגאָניקער באַקאַנטער מעג אַליין וויסן, — האָט ער אַ בורטשע געטאָן, און באַלד האָב איך דערהערט גאָר אַן אַנדער שטים, זייער אָן אָנגענעמע, קאָנטיק דער שוועסטערס. זי האָט געזאָגט, אַז יויכעוועד איסאַקאָוונע איז אין לענינגראַד איצט ניטאָ. זי איז מיט עטלעכע טעג צוריק

אוועקגעפאָרן. איך האָב געפרעגט, ווען וועט זי זיך אומקערן. „דאָס ווייס איך ניט", — האָט זי געענטפערט און אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל. די שטימונג איז בא מיר אינגאנצן צעפאטערט געוואָרן. גיי ריכט זיך, אז פונקט דעמלט, ווען איך וועל אין נײַן יאָר ארום קומען אהער, ווען איך וועל דאָ ארויסטרעטן, וועט זי פונקט דעמלט אוועקפאָרן.

א צערודערטער האָב איך לאנג שפּאצירט בא דעם נעווא־טײַך און מיט א ניט רויִקן געמיט אוועק אפן קאָנצערט...

— —

— —

— און וואָס איז געוועזן ווײַטער?

— איך האָב אײַך נאָך ניט אײַנגעמידט?

אָפּגערוקט פון זיך די שוין פון לאנג אויסגעקילטע גלאָז טיי, האָט ער אין א ווײַלע ארום פאָרגעזעצט מיט נאָך מער אימפּעט:

— מײַן ערשטער קאָנצערט אין דער געבײַדע פונעם טעאטער אפן נאָמען פונעם לענינגראדער סאָוועט און דער צווייטער אין קולטור־פּאלאץ אף גאָרקיס נאָמען זײַנען דורכגעגאנגען פיל בעסער, ווי איך האָב געקאָנט זיך ריכטן. און וואָס בעסער דער עולם האָט אופגענומען, וואָס מער איך האָב געהאט דערפאָלג, אלץ מער האָב איך באדויערט, וואָס זי, יויכעוועד, איז ניטאָ דערבײַ. די ביידע קאָנצערטן זײַנען געווען, אזוי צו זאָגן, א פּרעלודיע צו מײַן הויפּט־קאָנצערט אינעם גרויסן זאל פון דער פילהארמאָניע, אף וועלכן עס האָט געזאָלט זײַן די לענינגראדער מוזיקאלע געזעלשאפטלעכקײַט.

א גאנצן טאָג האָט געמאראקעט א רעגן. איך האָב זייער איבערגעלעבט. דער קלימאט איז דאָ אזוי אויך געווען אן אנדערער, א פײַכטלעכער, און דאָס ווירקט זייער אף דער שטים פון דעם וויִאָלאָנטשעל. א וויִאָלאָנטשעל איז פילבאר צו היץ, צו קעלט און באזונדערס צו פײַכטקײַט. מע דארף אים היטן, ווי א פּיצל קינד פון פארקילונג. איך האָב אים געהאלטן ארומגעוויקלט אין זײַדענע לײַוונטן און אין א גרויסן וואָלענעם שאל. געטראָגן האָב איך דעם וויִאָלאָנטשעל שטענדיק אליין, די אייניציקע זאך, וואָס איך האָב קיינעם ניט פארטרויט.

נאָך היפּש פארן אָנהייב פונעם קאָנצערט איז דער גרויסער זאל פון דער פילהארמאָניע שוין געווען פול. קיין איין פרײַ אָרט. דאָס האָט שוין אין א געוויסער מאָס געזיכערט א דערפאָלג. א פולגעפאקטער זאל גיט צו גלויבן דעם ארטיסט אין זיך, דערהייבט זײַן שטימונג, דערוועקט אין אים א צופלוס פון קינסטלערישער ענערגיע, טעמפּעראמענט. א ספּעקטאקל, א קאָנצערט האָט ניט ליב קיין פרײַע ערטער. ווען דער זאל איז איבערפולט, נעמט דער עולם אוף גאָר אנדערש. א סאך בעסער. עס באקומט זיך א געמיינזאמע, געקייטלטע רעאקציע.

פארן קאָנצערט האָב איך לאנג שפּאצירט, זיך געסטארעט מיט דעם אײַנהיטן דעם געמיט־צושטאנד. נאָר ווען איך בין ארויס אף דער בינע, דערזען אין נעפּל פונעם קאָלאָסאלן זאל א יאם מיט מענטשן, האָב איך מיט א ציטער אין האנט זיך גענומען פארן סמיטשיק.

די ערשטע אָפּטיילונג האָב איך אָנגעהויבן מיט דוואָרזשאַקס בארימטן קאָנצערט פאַר א וויִאָלאָנטשעל אין דער באַגלייטונג פון אָרקעסטער. געשפּילט האָב איך לויטן זיקאָרן און זייער מוירע געהאַט, איך זאָל עפּעס ניט דורכלאָזן, ניט פאַרגעסן, איך זאָל זיך ניט פּאַנאַנדערגיין מיטן אָרקעסטער. מײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט איז קאָנצענטרירט געווען אויף דעם. און דאָך האָב איך מיט אַלע מײַנע כּוחות דערפילט א באַדערפעניש, אַן אויסערגעוויינלעכע בייטיקײַט א קוק טאָן אין זאַל, ווי עמעץ וואָלט עס דאָרט זייער געגאַרט, געוואַרט אויף דעם.

געוויינלעך, ווען אַן אַרטיסט טרעט אַרויס, אָריִענטירט ער זיך אויף א פּאָר גוטע אויגן אין זאַל, שפּירט נאָך זיי, ווי זיי נעמען אים אויף. דאָס גיט אים צו מוט, שטימונג. אין דעם איבערגעפולטן זאַל האָב איך איצט אויך געדאַרפט האָבן א פּאָר גוטע אויגן, און צו מײַן גרויסער פאַרווונדערונג און איבעראַשונג, האָב איך אַנטקעגן אין דער דריטער ריי גלײַך דערזען פאַר זיך צוויי לויכטנדיקע, זייער באַקאַנטע, ווונדערלעכע אויגן, אויגן פול מיט פרייד, מיט באַגײַסטערונג. דאָס האַרץ האָט בא מיר אויפגעצאַפּלט. צי דען איז עס זי? זי איז דאָך אַוועקגעפאָרן. זי איז דאָך אפילע אין שטאָט ניטאָ. ווי זשע קומט זי אַהער? אָבער ס׳איז דאָך פאָרט זי. יוּיכעוועד... ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט א גוואַלדיקע פרייד, ס׳האָט מיך באַהערשט א געבענטשטע, ביז איצט נאָך אַן אומבאַוווּסטע קראַפט. איך האָב געשפּילט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, אַרײַנגעהויכט אין עם שפּילן די גאַנצע נעשאָמע, די פײַנסטע, דינסטע, די צאַרטסטע געפילן מײַנע. איך האָב געשפּילט איצט דעריקער פאַר איר. און זי האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אויף מיר מיט גליקלעכע אויגן, געשמייכלט צו מיר, זיך געפרייט מיט מיר. און דער שיינער מאַנצבל, איר מאַן, האָט צוזאַמען מיט איר הייס אַפּלאָדירט מיר.

איך בין געווען גליקלעך.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג האָב איך מיט מער טעמפּעראַמענט אויסגעפילט באַכס צווייטע סויִטע פאַר וויִאָלאָנטשעל סאָלאָ, בעטהאָווענס סאָנאַטן פאַר וויִאָלאָנטשעל און פאָרטעפּיאַנע, שאָסטאַקאָוויטשעס אַדאַזשיִאָ. יוּיכעוועד איז געזעסן, ווי א פאַרקישעפטע. איר פּאָנעם האָט געשײַנט פון גליק, און נאָך יעדער פּיעסע האָבן זיי ביידע שטאַרק אַפּלאָדירט. זייערע אַפּלאָדיסמענטן זײַנען געווען פאַר מיר די סאַמע טײַערסטע.

ווען דער קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט, האָב איך דערפילט, אַז אין אָט דער מינוט צעשייד איך זיך מיט איר, מעגלעך, אויף שטענדיק. מיר האָט זיך זייער געוואָלט אַרויסגיין גלײַך נאָך איר אין פּאָיע, דעריאָגן זי, אויסריידן מיט איר כאָטש א פּאָר ווערטער. „נאָר עפּשער וועט עס זײַן ניט אָנגענעם איר מאַן”, — האָב איך א טראַכט געטאָן און דערשטיקט אין זיך דעם פאַרלאַנג. „באַנוגן זיך מיט דעם, — האָב איך זיך געזאָגט, — וואָס זי האָט דיך געהערט און וואָס דו האָסט זי געזען. דו האָסט זיך דאָך אויף דעם אפילע ניט געריכט. צי דען איז עס דיר ווייניק?”

א צעשרויפּטער האָב איך זיך גענומען איבערטאָן. ס׳האָט בא מיר געדויערט לענגער, ווי געוויינלעך. ערשט אין א האַלב שאָ אַרום בין איך צוזאַמען מיט מײַנע כאַווײרים נאָך פון דער קאָנסערוואַטאָריע, נאָך פון די סטודענטישע יאָרן, און נײַע פרײַנט אַרויס פון פילהאַרמאָניע און דערזען

שטיין דערבײַ אפן טראָטואַר זי. יויכעוועדן מיטן מאַן. א שײַנענדיקע האָט זי זיך געלאָזט גלײַך צו מיר.

— סאָליאַ!... דאָס ביסטו דאָך!.. דו!..— האָט זי אויסגערופן, דריקנדיק מיר די האַנט. — דער זעלבער סאָליא, וואָס דעמלט, און דאָך עטוואָס אַנדערער... האָסט מיך דערקענט?.. פון בינע?.. טאַקע? אָך, סאַרא פרייד דו האָסט מיר פאַרשאַפט! סאַרא דערפאָלג! סאַרא טריומף! איך באַגריס דיך, סאָליאַ!..

איך האָב זי באַדאַנקט פאַר די גוטע ווערטער און מיט פאַרגעניגן געגעבן איר דעם בוקעט מיט די פרישע בלומען, וואָס מע האָט מיר געהאַט צוגעטראָגן.

זי איז געווען גערירט.

— גיי ריכט זיך! — האָט זי אויסגערופן, צוטוליענדיק זיך מיט איר ליכטנדיקן פּאָנעם צום דופטיקן בוקעט. — גיי ווייס... ווען מיר זײַנען געגאַנגען אפן קאָנצערט, איז מיר אפן זינען אפילו ניט געקומען, אַז דער וויאָלאָנטשעליסט סאָלאָמאָן זאָנענטאַל איז יענער יונגינקער קאָמיוגיסט סאָליא, וועלכער האָט רעפעטירט מיט די פּיאָנערן... באַקען זיך מיט מײַן מאַן. גענאַדי לוואָוויטש איז באַגלײַך מיט מיר אַנציקט...

דער מאַן איר, גענאַדי לוואָוויטש ראַבונסקי, א שטאַלטנער הויכער מאַנצבל מיט גרויסע קלוגע שוואַרצע אויגן, האָט שטײַף א דריק געטאָן מיר די האַנט און געזאָגט, אַז יויכעוועד און ער זײַנען מיר זייער דאַנקבאַר פאַרן פאַרגעניגן, וואָס איך האָב זיי פאַרשאַפט מיט דער אינטערפּרעטאַציע באַם אויספילן זייערע באַליבטע ווערק. זיי לאַדן מיך אײַן צו זיך זײַן הײַנט זייער אָנגעלייגטער, כּאָשעווער גאַסט.

אף אַזוינס האָב איך לאַכלוטן זיך ניט געריכט, זיך פאַרלוירן און געזאָגט, אַז איך בין זיי זייער דאַנקבאַר, נאָר מיר איז ניט באַקוועם זיי צו באַאומרויִקן.

— סאָליא, ווי קענסטו גאָר זאָגן אַזוינס, וועסט אונדז נאָר פאַרשאַפן פרייד! — האָט זי אויסגערופן, אָנעמענדיק מיך לײַכט אונטערן אָרעם. — דו גייסט איצט אומבאַדינגט צו אונדז. גענאַדי לוואָוויטש איז הײַנט אויך אַן אימעניניק, ער איז באַלוינט מיט א דריטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס-פאָן. וועלן מיר אָט צוזאַמען אָפּמערקן אי דײַן דערפאָלג, אי גענאַדיס. מיר וווינען דאָ דערבײַ, צוויי טריט פונדאַנען...

איך האָב זיך הונדערט מאָל אַנטשולדיקט פאַר מײַנע כאַווײרים און אַן איבערגליקלעכער אַוועק מיט יויכעוועדן און מיט איר מאַן, וועלכער איז געווען קימאַט מיט א קאָפּ העכער פון מיר.

„אָט ער איז איר גלײַכן, — האָב איך א טראַכט געטאָן, — ווי קום איך צו אים?"

גייענדיק, האָט יויכעוועד אויסגעדריקט איר פרייד, וואָס זיי האָבן הײַנט אינדערפרי זיך אומגעקערט פון מאָסקווע.

— פּאַשעט א גליק, גענאַדי, וואָס מיר האָבן זיך ניט פאַרהאַלטן נאָך אף א טאָג און האָסט באַוויזן קריגן בילעטן אפן קאָנצערט. ווען ניט, וואָלט איך אפילו ניט געוווסט, אַז מײַן אַמאָליקער באַקאַנטער איז איצט א באַרימטער וויאָלאָנטשעליסט.

זייער גרויסשטאָטישע קוואַרטיר, וועלכע האָט זיך געפונען טאַקע גאָר נאָענט, אפן צווייטן שטאָק פון א גרויסאַרטיקן מויער, איז געווען מיט א זעלטענעם געשמאַק אויסגעשטאַט, אַרומגעשטעלט מיט ביכער־שאַפעס, פולע פון אויבן ביז אַראָפּ מיט וויסנשאַפטלעכער און קינסטלערישער ליטעראַטור, מיט ענציקלאָפּעדיעס, אַטלאַסן, ווערטערביכער...

יויכעוועד האָט געלויכטן, געווען פיל שענער נאָך, ווי איך האָב זי פאַרגעדענקט. זי איז געווען שטאַרק אופגעלעבט, ניט געוווּסט, ווי בעסער מיך אופנעמען, זי האָט ניט אופגעהערט זיך פרייען מיט מײַן דערפאָלג, ווי עס זאָל זײַן אויך איר פערזענלעכער דערפאָלג, ווי זי וואָלט האָבן א געוויסן כיילעק אין דעם.

— האָסט כאָטש געזען, גענאַדי, סאַראַ שיינע פרויען האָבן אונטערגעטראָגן סאָליאַן בלומען, ווי זיי האָבן אַפּלאָדירט! אַך, סאַראַ טריומף! דער גאַנצער זאַל האָט זיך דאָך אופגעהויבן. דוואָרזשאַקס קאָנצערט האָט אויסגעפילט פּאָשעט ווונדערלעך. הײַנט באַכס סויטע. גאָט מײַנער, סאַראַ ציכטיקע שיינקײַט און אויסדריקלעכקײַט פונעם קלאַנג, סאַראַ לײַכטקײַט, פּינקטלעכקײַט, קלאָרקײַט אין די קאָמפּליצירטסטע פּאַסאַזשן! גענאַדי איז א גרויסער מעפונעק אין מוזיק, און זיב ער איז אנציקט... שאַ, — האָט זי זיך אליין איבערגעשלאָגן, — האָסט דאָך נאָך ניט געזען הײַנטיקע צײַטונגען. גענאַדי, טײַערער, ווו ליגט די „איזוועסטיא”? איך וויל ווײַזן סאָליאַן דעם אוקאַז פון אויבער־סאָוועט...

— צוליב וואָס? — האָט גענאַדי לוואָוויטש זיך א קנייטש געטאָן. — סאָלאָמאָן עליזאַראָוויטש גלייבט דיר אפן וואָרט. ניטאָ וואָס צו באַרימען זיך.

— און מיר ווילט זיך כאָטש א ביסל באַרימען מיט דיר. דײַנע אַרבעטן קענסטו דאָך ניט ווײַזן. איז זאָל סאָליאַ כאָטש איבערלייענען דעם אוקאַז. אָט ליגט דאָך די „איזוועסטיא”. סאָליאַ, זע, וויפל באַגריסונגען, טעלעגראַמעס פון געלערנטע, פון וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, און ניט ווייניק פון גענאַדיס מיטאַרבעטערנס, — האָט זי, שמייכלענדיק גוטמוטיק, צוגעגעבן.

גענאַדי לוואָוויטשן איז איר באַרימען זיך מיט אים געווען ניט אָנגענעם.

— נו, גענוג, כעוועד, איך בעט דיך, — האָט ער זי אַרומגענומען און אוועקגעזעצט לעבן זיך, — דו ווייסט דאָך, אז איך האָב עס ניט ליב.

— און איך וויל, אז סאָליאַ זאָל וויסן, אז דו ביסט אן אויסגעצייכנטער ספּאָרטסמען, אז דו ביסט צוויי מאָל לאַורעאַט פאַר וויכטיקע דערפינדונגען, — האָט זי פריילעך געזאָגט, — גענאַדי לוואָוויטש איז דערצו נאָך אן אָנפירער פון א גרויסן זאַוואָד, וועלכער פּראָדוצירט אַזוינס, וועגן וואָס איך אפילע האָב קיין באַגריף ניט. בא מיר, סאָליאַ, איז פון אים קיין סוידעס ניטאָ, און בא אים, זעסטו, יאָ. נאָר איך בין אים מויכל. און וואָס פאַר א טיטל מע האָט גענאַדי לוואָוויטשן נאָך פאַראַיאָרן צוגעייגנט, ווייסטו? — האָט זי, איבערנעמענדיק זיך, געפרעגט.

— איך ווייס. אוואדע, — האָב איך מיט צופרידנקייט, וואָס זי האָט מיר פאַרגעבן די פראַגע, געענטפערט. — מיליטער־אינזשעניער פון ערשטן ראַנג.

— פונוואַנען?.. פונוואַנען ווייסטו? — האָט זי פאַרוואונדערט מיך אָנגע־קוקט.

— איך ווייס ניט נאָר דאָס, איך ווייס, אַז דו האָסט פאַרטיידיקט אַ די־סערטאַציע, אַז דו ביסט אַ דאָצענט, אַז דו לייענסט אין אוניווערסיטעט, אַז דו פירסט אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין דער פּולקאָווער אָבסערוואַטאָ־ריע, האָסט צו טאָן מיט די שטערן, אַז אײַער טעכטערל איז שוין פינף יאָר און אַז זי הייסט מיטן ביבלישן נאָמען שולאַמיס...

— גאָט מײַנער! — האָט זי אַן איבעראַשטע אויסגערופן. — מיר האָבן זיך דאָך אַזוי לאַנג ניט געזען, פונוואַנען זשע ווייסטו עס?

— שטעל זיך פאָר, אַז דײַן מאַמע האָט מיר דערציילט.

מיט מײַן ענטפער האָב איך נאָך מער איבעראַשט יוכעוועדן.

— מײַן מאַמע? — זי האָט מיך אָנגעקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט ניט אָנ־געהויבן פאַרשטיין, וואָס איך רייד. — ווו, ווען האָט מײַן מאַמע דיר געקאָנט דערציילן?

געגנאַדי לוואָוויטש האָט, עפּוואָס שמייכלענדיק, זיך צוגעהערט צו אונד־זער געשפּרעך און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

— ווו? בײַ דײַנע עלטערן אין שטוב. סאַכאַקל מיט פיר טעג צוריק. — און איך האָב זיי גאַנץ גענוי דערציילט וועגן מײַן באַזוך אין שטעטל.

— מיט פיר טעג צוריק ביסטו געווען בײַ מײַנע עלטערן אין שטוב? פאַרבראַכט מיט דער מאַמען, געזען דעם טאַטן, געזעסן אויף אונדזער גאַ־נעקל? דו הערסט, געגנאַדי, נאָר אַ מענטש, וואָס האָט צו טאָן מיט קונסט, אַן עכטער קינסטלער איז אויף אַזעלכע פּייַיק! ווען מע וואָלט געגעבן מעדאַלן פאַר עמאָציאָנעלער שײַנקייט, וואָלט איך פאָרגעלייגט געבן סאָליאַן די ערשטע מעדאַל. סאָליאַ, ביסט פּאָשעט וווּנדערבאַר! דערצייל, דערצייל גענוי וועגן אַלץ. איך בין דאָך שוין אַזוי לאַנג ניט געווען דאָרט. ווי זעט אויס די מאַמע? דער טאַטע? ווי זעט איצט אויס אונדזער שטוב? מײַנע קליאָנען בײַם גאַנעקל?

יוכעוועד האָט זיך צוגעזעצט צו מיר נעענטער און פאַרשאָטן מיך מיט פראַגן.

— געגנאַדי, דו הערסט, סאָליאַ האָט געבראַכט מיט זיך אַפילע אַ צווײַגל, וואָס ער האָט אָפּגעבראָכן פון מײַן באַליבטן קליאָן. דאָס איז פּאָשעט רירנ־דיק, סאָליאַ, עס קומט דיר צוויי מעדאַלן. און וואָס איז אויף דער גרענעץ? שטיל? נאָר אין שטעטל בויט מען גאָרנישט? די יוגנט צעפאָרט זיך? און וועלכער שוואַלב, האָסטו געזאָגט, איז איצט פאָרזיצער פון דובראָוונער שטאָט־ראַט?

— פּיניע שוואַלב. דער געוועזענער סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קע־מערל. צי דען געדענקסטו אים ניט? ער איז דאָך געווען גוואַלדיק פאַרליבט אין דיר.

— נאָר ער איינער? — האָט זי שפּילעוודיק אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס עפּעס ער איינער? אַלע בעסטע יינגלעך, — האָב איך, ווי אין שפּאַס, געענטפערט.

— און דו אויך? — האָט זי מיט אָפענעם נײַגער אַ קוק געטאָן מיר גלײַך אין די אויגן.

— כעוועדל, — האָט גענאַדי לוואָוויטש זיך צערטלעך געווענדט צו איר, — עפּשער איז שוין צײַט זיך זעצן נעענטער צום טיש?

יויכצוועד האָט זיך פלינק אופגעהויבן און פלוצלינג, ווי ס'וואָלט איר אופגעקומען אַ גליקלעכער געדאַנק, אַ פרעג געטאָן, ווו טרעט איך מאָרגן ארויס. איך האָב געזאָגט, אַז מאָרגן אין אָוונט איז מײַן קאָנצערט אין קראַנשטאַדט פאַר די יאַם־לײַט פונעם מיליטערישן רויטן פלאָט.

— וואָס רעדסטו? — האָט זי אופגעפלאַקערט. — איך וויל אויך בײַזײַן. סאַליא, איך וועל פאָרן מיט דיר. גוט? גענאַדי, האָסט ניט קעגן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן באַ דעם מאַן.

— ביטע, — האָט ער ברייטהאַרציק געענטפערט, — נאָר אהין דאַרף מען דאָך האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש.

— אַך, סאַרא שאָד! — האָט זי באַדויערנדיק אַ שאָקל געטאָן מיט די גינגאָלדענע האָר, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט איר שיין פּאָנעם. געשיקט פאַרשפּרייט אַ טישטעך איבער דעם קײַלעכדיקן טיש, האָט זי אַ רוף געטאָן די ניאַניע, געזאָגט איר עפּעס, אָפּגעשיקט אַף דער קיך און, לײַכט באַוועגנדיק זיך, פאַנאַנדערגעשטעלט אַפן טישטעך גראַנירטע באָקאַלן, קאָלערליי קעלישעקלעך, פאַרשיידן געפעס און אינמיטן, ווי דאָס טײַערסטע, אוועקגעשטעלט אין אַ וואַזע דעם בוקעט דופטיקע בלומען, וועלכן איך האָב איר אונטערגעטראָגן. זי האָט אופמערקזאַם באַטראַכט, צי אַלץ איז אַפן אָרט, און נאָכדעם, צוגעגאַנגען צום מאַן, וואָס האָט געשמועסט מיט מיר, זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי שלאָגט אונדז איבער, זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן אים אין שטערן.

— גענאַדי טײַערער, כאַפּ זיך ארײַן אין גאַסטראָנאָם, וואָס איז דערבײַ, אַפן ראָג, און, זײַ אַזוי גוט, נעם אַ פלעשל גוטן ווײַן.

— כעוועדל, — ער האָט אַ קוק געטאָן אַף איר מיט פאַרליבטע אויגן, — צוליב וואָס אין גאַסטראָנאָם? אין בופעט איז פאַראַן גוטער ווײַן.

— ביסט גערעכט, — האָט זי, אַ קוק געבנדיק אין בופעט, געזאָגט, — פאַראַן טאַקע אַ פלאַש „טאָקײַ", ס'איז גלענצנדיקער ווײַן, אָבער שטאַרקער. און סאַליא טרינקט מיסטאָמע טרוקענעם.

— גיב גוט נאָכאַמאָל אַ קוק, טײַערע, ווּעסטו דאָרט געפינען אויך אַ פלאַש טרוקענעם ווײַן, — האָט ער גוטמוטיק געזאָגט.

— גענאַדי, ביסט נאָכאַמאָל גערעכט. פאַראַן אַ פלאַש „צינאַנדאַלי", — האָט זי מיט אַ געפאַלענער שטים געזאָגט, — סאַליא, זאָג דעם עמעס, טרינקסט טרוקענעם ווײַן, אָדער דו האַלטסט בעסער פון קאָניאַק? נו, געוויס, קינסטלער, אַרטיסטן, פּאָעטן טרינקען דאָך נאָר קאָניאַק.

איך האָב זיך געפילט ניט אָנגענעם פון אָט דער שפּיל, אין וועלכער איך בין געווען פאַרמישט. ס'איז מיר לאַכלוטן געווען אַלצייגס, צי שטאַרקער ווײַן, צי טרוקענער, קאָניאַק, צי עפּעס אַנדערש וואָס. איך האָב ביכלאַל גאָרנישט ניט געוואָלט, אַבי גענאַדי לוואָוויטש, וועלכער האָט פון

דער ערשטער מינוט געמאכט זייער א גוטן איינדרוק אף מיר, זאָל זיך ניט פילן מיט עפּעס געקריוודעט. איך האָב פארלוירן א הייב געטאָן מיט די אקסל, גאָרנישט ניט געענטפערט.

— נו, זעסט, סאָליא טרינקט נאָר קאָניאַק, — האָט זי מיט פרייד אויס־געררופן.

קאָניאַק האָט זיך אָבער אויך געפונען אינעם בופעט. נאָר ווען מע האָט זיך שוין געקליבן זעצן צום טיש, האָט יויכעווועד זיך דערמאָנט, אז עס איז נייטיק נארזאן. און נארזאן איז אין בופעט ניט געווען.

— טייערער מיינער, ווי קאָן מען אָן נארזאן? — האָט זי מיט א פארשולדיקטער שטים זיך געווענדט צו גענאַדי לוואָוויטשן. — מיט וואָס וועלן מיר פארטרינקען? נעם כאַטש א פּאָר פלעשלעך. מער דארף מען ניט. נאָר איך בעט דיך זייער, מאַך עס גיך. פארזאַם זיך ניט. איך דערלאַנג שוין צום טיש.

מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט, אז גענאַדי לוואָוויטש זאָל איצט אוועקגיין אפילו אף א רעגע. איך האָב בעשום־אויפן ניט געוואָלט, אז מיט מיין באזוך זאָל איך אים פארשאפן אפילו דעם מינדסטן פארדראָס. ער זאָל זיך פילן צוליב מיר מיט עפּעס־וואָס באליידיקט. איך וואָלט גערן גע־גאנגען צוזאמען מיט אים. איך האָב זיך אופגעהויבן און אויסגעדריקט אָט דעם פארלאַנג. נאָר ער האָט קאַטעגאָריש פּראָטעסטירט.

יויכעווועד האָט אים ארויסבאַגלייט, עפּעס א זאָג געטאָן דער ניאַניע, וועלכע האָט זיך געייסעקט אף דער קיך, און א צופרידענע, א לויכטנדיקע זיך אומגעקערט, מיט איילנדיקע לייכטע טריט צוגעגאנגען צו מיר.

— סאָליא, איך וויל זייער מאָרגן זיך זען מיט דיר, — האָט זי מיט א פארכאַפּטן אָטעם געזאָגט, — מאָרגן איז זונטיק, אָן אָפּרו־טאָג. איך בין פריי. איך וועל וואַרטן אף דיר. לעבן איסאַקיִיעווסקער סאָבאָר. צוועלף אזייגער באַטאָג. איך וועל שטיין לעבן דער צווייטער קאָלאָנע. פון רעכטס. ברענג מיט זיך, סאָליא, דאָס צווייגעלע פון מיין קליאָן. איך בעט דיך זייער. גוט? — האָט זי א פרעג געטאָן און, ניט וואַרטנדיק אף קיין ענט־פער, אוועקגעאיילט אינעם אנטקעגנדיקן צימער, ווו ס'איז געשלאָפן דאָס טעכטערל.

באלד האָט זיך אומגעקערט גענאַדי לוואָוויטש, מיט געלאַסענע זיכערע טריט איז ער אריין אין עסצימער, פריילעך א רוף געטאָן יויכעווועדן און, אוועקשטעלנדיק אפן טיש עטלעכע פלעשער נארזאן, געזאָגט, אז זי שטעלט זיך אפילו ניט פאָר, ווי ס'האָט אים אָפּגעגליקט.

— זע, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן קויפן, — ער האָט איר דערלאַנגט א פריש־שמעקנדיקן טאָרט.

יויכעווועד איז געווען מאָלע־סימכע.

גענאַדי לוואָוויטש האָט אָנגעגאָסן מיר און זיך פולע קעלישעקלעך קאָניאַק, יויכעווועדן עטלעכע טראָפּנס.

— גיס אָן נאָך א ביסל, — האָט זי געבעטן.

— טרינקסט דאָך קיינמאָל ניט, — האָט ער, ווי אנטשולדיקנדיק זיך, געזאָגט.

— און הײַנט ווילט זיך מיר אויסטרינקען אי פאר דיר, אי פאר סאָליאַן, פאר אײַערביידנס דערפאָלג, — און זי האָט אליין דערגאָסן זיך אין קעלישעקל.

— לאָמיר, אויב אזוי, אויסטרינקען פאר סאָלאָמאָן עליזאראָוויטשעס טאלאנט, — האָט אופגעהויבן זײַן קעלישעקל געננאדי לוואָוויטש, — אין אײַער, סאָלאָמאָן עליזאראָוויטש, גלענצנדיקער אינטערפרעטאציע פון די ווערק, וועלכע איר האָט געשפּילט, פילט זיך טיפע, דערהויבענע מענטשלעכקײַט, עמאָציאָנעלע שיינקײַט, און דאָס איז מיר און כעוועדן זייער צום הארצן...

וואָס בעסער ער האָט גערעדט וועגן מיר, אלץ שולדיקער האָב איך זיך געפילט בענעגייע אים דערפאר, ווײַל בא יויכעוועדן און בא מיר איז געוועזן שוין איצט אן אלגעמיינער סאָד פון אים, א סאָד, וועלכער האָט אומזיכטבאר אונדז ביידן אין א געוויסער מאָס דערנעענטערט, פארבונדן און פון אים אָפּגעזונדערט.

יויכעוועד האָט אויך אויסגעטרונקען. זי איז געוועזן פול מיט לעבן. זי האָט זיך געוויצלט, געלאכט, געהאלטן אין איין ווענדן זיך צו מיר, אף קיין האָר ניט געצאמט איר אינערלעכע אופגערודערטקײַט. איך האָב זי אזא געזען צום ערשטן מאָל. איך האָב זיך געסטארעט דעריקער ריידן מיט איר מאַן. געננאדי לוואָוויטש איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט געמאכט אף מיר אן אײַנדרוק פון א מענטשן, וואָס ווייסט זײַן ווערט און איז געוועזן דערבײַ זייער באשיידן. מיר האָט אימפּאָנירט זײַן ענערגיש עכט־מענעריש שיין געזיכט מיט די געדיכטע שווארצע צעפליגלטע ברעמען און זייער אויסדרוקפולע, גרויסע, קלוגע און ביז גאָר ערלעכע אויגן. ס'איז מיר צום הארצן געוועזן זײַן העפלעכקײַט, ערודירטקײַט און דעריקער זײַן אויסערגעוויינלעך צערטלעכע באציִונג צו יויכעוועדן. ס'איז געוועזן צו זען, אז ער האָט זי זייער ליב, נעמט זיך איבער מיט איר, פארגעטערט זי. ווען זי איז ארויס אף א ווײַלע אין קיך, האָט ער מיט גרויס אָפּשײַ מיר דערציילט, מיט וואָס פאר א דערפאָלג זי האָט פארטיידיקט די קאנדידאטן־דיסערטאציע, בעסאָד פארטרויט מיר, אז זי גרייט איצט א דאָקטאָר־דיסערטאציע אף זייער א וויכטיקער טעמע. זי האָרעוועט טאָג און נאכט, זעט ניט די ליכטיקע וועלט און קען דינען פאר א מוסטער פון מוטערלעכער איבערגעגעבנקײַט, פרויִשער געטרײַשאפט.

ס'האָט מיר האנאָע געטאָן, וואָס ער האָט אזוי גערעדט וועגן איר, און גלײַכצײַטיק האָט מיך געוווּנדערט, וואָס ער לייגט ניט קיין שום אכט אף איר צופיל אופגעלעבטקײַט, אף איר צעשטרייטקײַט, וואָס האָט, אף וויפל איך האָב זי געקענט, לאכלוטן ניט אנטשפּראָכן איר נאטור. צי דען באַמערקט ער עס ניט, עס ארט אים ניט, אָדער ער גיט בעקיוון ניט צו קיין שום באַדײַטונג, שטעלנדיק זיך העכער פון דעם? איך האָב דעריבער א טראכט געטאָן, אז עס וואָלט געוועזן פון מײַן זײַט יוישערדיק זיך געזעגענען, געבן זיי א מעגלעכקײַט רויִק זיך אָפּרוען. נאָר געננאדי לוואָוויטש האָט פּונקט אין דער מינוט זיך דערמאָנט, אז בא זיי איז פאראן א פּלאט מיט טשײַקאָווסקיס „וואריאציעס אף דער טעמע „ראָקאָקאָ” פאר א וויאָלאָנטשעל” אין דער אויספילונג פון סאָלאָמאָן זאָנענטאל. יויכעוועד איז

אזש אופגעשפרונגען פאַר פרייד, אינדערגיך אָפּגעזוכט די פּלאַט און אָן איבעראַשטע אוועקגעשטעלט זי אויף דעם פּאַטעפאָן.

דאָס העל־באַלויכטענע צימער איז פול געוואָרן מיט וווּנדערלעכער מוזיק.

— פּרעכטיק! — האָט געגנאַדי לוואָוויטש מיט געפיל געזאָגט, ווען דער פּאַטעפאָן איז אַנשוויגן געוואָרן.

— נאָר אַן עכטער, גײַסטרײַכער קינסטלער קען אַזוי דין, פּילבאַר איי־בערגעבן דעם טיפן אינהאַלט פון טשײַקאָווסקיס ווערק. וויפל מאָל, געגנאַדי, האָבן מיר מיט פאַרגעניגן געהערט אָט די פּלאַט, און גיי ווייס, אַז סאָלאָ־מאָן זאַגענטאַל איז יענץ שעמעוודיק באַשיידן באַכערל, וועלכער פלעגט אַרײַנקומען פון צײַט צו צײַט צו מיר אויף דער אַכצעטער ליניע, ווען איך בין שוין געווען באַקאַנט מיט דיר, ווען דו האָסט מיך שוין געהאַט אַרײַנ־געפירט אין דער גרויסער וועלט פון וויסנשאַפט.

יוליכעווער איז געווען פּאַשעט גליקלעך, זיך געפרייט מיטן גאַנצן האַרצן, און אָט די פרייד, איר באַגײַסטערונג, האָט געמאַכט זי נאָך שענער, נאָך ליבער, נאָך צוציִעוודיקער. געגנאַדי לוואָוויטש האָט מיט פאַרליבטע אויגן זיך געשפּיגלט אין איר, זיך געפרייט מיט איר. און זי האָט זיך ניט געקענט באַרויִקן, ניט באַנעמענדיק, אַז זי איז מיך מעצאָער מיט דעם.

— אַך, וויפל געגנוס האָסטו, סאָליאַ, מיט דײַן שפּילן פאַרשאַפט מענטשן! סאַרא גליק דאָס איז! אַ קינסטלער איז אַ גאָט־געבענטשטער מענטש. איך קוק שטענדיק מיט באַוווּנדערונג, מיט טיפן אָפּשײַ אויף אַן עכטן קינסטלער, שרײַבער, מאָלער, קאָמפּאָזיטאָר, וועלכע באַרײַכערן, מאַכן שענער מיט זייער קונסט דאָס לעבן...

— ס'איז שוין שפּעט, — האָב איך געזאָגט, אופהייבנדיק זיך, — צײַט אײַך לאָזן אָפּרוען.

געגנאַדי לוואָוויטש האָט מיך געבעטן פאַרברענגען בא זיי נאָך אַ ביסל. מאָרגן איז דאָך אַן אָפּרו־טאָג. נאָר איך בין באַשטאַנען אויף מײַנס. זיי זײַ־נען אַרײַן מיט מיר אינעם אַנטקעגנדיקן צימער, געוויזן דאָס שלאָפנ־דיקע טעכטערל און אוועק מיך באַגלייטן.

— סאָליאַ, האָסט דאָך גאָרניט דערציילט וועגן זיך, — האָט יוליכעווער זיך געווענדט צו מיר, גייענדיק, — וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דײַן מיש־פּאָכע? בא דיר איז געוויס זייער אַן אינטערעסאַנטע פרוי. וואָס איז זי — אַן אַרטיסטן, אַ באַלערינע, אַ פּאָעטעסע?

איך האָב געזאָגט, אַז מײַן מישפּאָכע באַשטייט בלויז פון מיר און דער פרוי, אַז זי האָט ניט קיין שום שײַכעס צו קונסט, זי איז אַ פאַרמאַצעווטן.

— וואָס זשע, זי איז אַזאַ שיינהײַט? — האָט יוליכעווער געפרעגט.

איך האָב גאָרנישט ניט געענטפערט. כ'האָב דאָך ניט געקאָנט זאָגן, אַז איך בין זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער פאַרמאַצעווטן נאָר דערפאַר, ווײַל זי האָט מיר דערמאָנט מיט עפּעס־וואָס אויסגעוויזן ענלעך אויף יוליכעווערן.

מיר זײַנען געגאַנגען אַ ווײַלע שווײַגנדיק. לעבן האָטעל האָבן מיר זיך געזעגנט.

— איך בין זייער דאַנקבאַר כעווערן, — האָט געזאָגט געגנאַדי לוואָוויטש, קוקנדיק אויף מיר מיט די וואַרעמע זייער ערלעכע אויגן, — וואָס זי האָט

מיך באקאנט מיט אײַך. אויב בא אײַך וועט זיך נאָר געפינען פרײַע צײַט, ביטע זייער, קומט ארײַן. איר וועט שטענדיק זײַן בא אונדז א טײַערער גאסט.

א צעשרויפטער בין איך אוועק צו זיך אין נומער, פילנדיק זיך אזוי ווי איך וואָלט אומגערן באגאנגען אן אוולע.

„גיין צום איסאקיִיעווסקער סאָבאָר זיך באגעגענען מיט איר, צי ניט גיין״, — האָב איך געהאלטן אין איין טראכטן אף מאָרגן אינדערפרי, מוזיצירנדיק בא זיך אינעם נומער. מיטן געדאנק האָב איך פארשטאנען, אז גלײַכער איז ניט גיין, זיך מער ניט באגעגענען, ניט באגיין קיין שום אוולע בענעגייע גענאדי לוואָוויטשן, נאָר מיטן הארצן האָב איך געפילט, אז איך וועל סײַווי גיין, איך וועל גיין, ווײַל איך האָב דאָך איר צוגעזאָגט, ווײַל זי וועט דאָךווארטן אף מיר, ווײַל מיר האָט זיך זייער געוואָלט זי כאָטש נאָכאמאָל זען, און ווײַל מיר האָט זיך געוואָלט סאָפקאָלסאָף פרעגן, זיך דערוויסן בא איר דאָס, וואָס האָט מיך אזויפיל צײַט געקימערט, ניט צורו געלאָזט, וואָס איך האָב ניט געקאָנט פארשטיין: פארוואָס איז זי דעמלט פלוצלינג אוועקגעפאָרן, ניט געזעגנענדיק זיך אפילע מיט מיר, פארוואָס האָט זי נאָכדעם ניט געענטפערט אף מײַן צווייטן בריוו, וועלכער איז געשריבן געווען מיט בלוט פון מײַן הארצן? מיט וואָס האָב איך זיך דעמלט פארשולדיקט, פארזינדיקט פאר איר? איך האָב ניט געהאט צו איר קיין שום טײַנעס, קיין שום פאריבל. איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, באנעמען, וואָס איז דעמלט פלוצלינג געשען.

האלב צוועלף בין איך ארויס פון האָטעל און זיך געלאָזט גיין מיט דער גערצען־גאס צום סאָבאָר. ס'האָט זיך אויסגעגעבן א שיינער, זוניקער טאָג. אף דער גאס איז געווען פול מיט שפאצירנדיקע. מיט א צעצווייטגעפיל האָב איך דאָך, א געטריבענער פון אן אומקלאָרער נײַגעריקײַט, מיט אומרויִקע טריט פארקערעוועט צום איסאקיִיעווסקער סאָבאָר.

דער זייגער האָט געוויזן פונקט צוועלף. יוּיכעווועד האָט שוין דאָרט געווארט אף מיר. איך האָב זי דערזען נאָך פונדערווײַטן שטיין לעבן דער צווייטער קאָלאָנע פון דער רעכטער זײַט. זי האָט מיך אויך דערזען און גלײַך זיך געלאָזט אנטקעגן. זי איז געווען אין א דין בלאָוו קרעפדעשינעווע קלייד מיט ווײַסינקע שפרענקעלעך, וואָס האָט בוילעט אויסגעטיילט איר שיינע שטײַפע פיגור. דעם שלאנקן האלדז האָט ארומגעזוימט א ווײַס קעלנערל. זי האָט אויסגעזען יינגער פון אירע איין און דרײַסיק יאָר.

— און איך האָב מוירע געהאט, אז דו וועסט ניט קומען. איך בין א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן. איך קאָן ניט קומען צו־זיך. איך ווייס ניט, וואָס טוט זיך מיט מיר. סאָליא, א דאנק דיר, א דאנק, וואָס דו ביסט דאָ...— האָט זי צופרידן געזאָגט, און אין אירע אויגן האָבן בעשאסמײַסע געלויכטן הונדערטער פינקלענדיקע שטערנדלעך.

ס'איז מיר פון דעם געוואָרן גוט און ווארעם אפן הארצן.

— וואָס קוקסטו אזוי אף מיר? — האָט זי א פרעג געטאָן. — איך האָב זיך געענדערט? שוין ניט אזא, ווי דעמלט? דעמלט איז דאָך מיר געווען זיבעצן...

— זאָגן דיר דעם עמעס? — האָב איך זי, ווי אין שפאס, א פרעג געטאָן.

— נאָר דעם עמעס, — האָט זי זיך צעשמייכלט.
— דעמלט ביסטו געווען טאַקע זייער א פײַנע...
— דעמלט, — האָט זי מיך לײַכט איבערגעשלאָגן, — און איצט געפעל איך דיר שוין אינגאַנצן ניט? אפילע קיין קאַפּעלע?
— ביסט דעמלט געווען זייער א פײַנע, א טײַערע, א ליבע, און איצט ביסטו נאָך בעסער. ביסט דעמלט געווען, ווי א יונג ביימעלע ערעוו בליִונג, און איצט ביסטו אין פולן בלי, אין סאַמע צוויט. איצט איז אַף גאָר דער וועלט קיין גלײַכן צו דיר ניטאָ... — האָט זיך באַ מיר ארויסגעריסן.
א גליקלעך־פרײדיקע האָט זי פארהויבן דעם שיינעם קאָפּ, אָפּגעוואָרפן אַף הינטן די גינגאָלדענע לאָקנס פונעם שײַנענדיקן פּאָנעם.
— איך האָב א גאַנצע נאַכט, סאָליא, געטראַכט וועגן דיר. ביסט געוואָרן פאר דער צײַט העכער. מענלעכער. נאָר ווי דו ביסט ארויס אַף דער בינע, האָב איך דיך גלײַך דערקענט. איך האָב שיר ניט אויסגעשריִען: סאָליא! און דו האָסט מיך אויך באַלד דערזען, צווישן דעם טויזנטקעפּיקן עולם האָסטו מיך דערקענט. איך האָב די גאַנצע צײַט געקוקט אַף דיר. דו האָסט געשפּילט, און מיר האָט זיך געדוכט, אז דו רעדסט צו מיר, אז דו דערמאָנסט מיר אָן יענע זומערדיקע טעג און אָוונטן. איך האָב געפילט, אז דו שפּילסט דעריקער פאר מיר, צוליב מיר. מיטן גאַנצן הארצן האָב איך עס געפילט...
דער אוילעם, וואָס איז אָן אופהער געגאַנגען פארבײַ אונדז, דעריקער מענער, נאָר אויך פיל פרויען, האָבן מיט אנציקונג זיך אומגעקוקט אַף איר, זיך געפרייט מיט איר שיינקײַט, גראַציִעזקײַט.
— דײַן הארץ האָט דיך ניט אָפּגענאַרט, — האָב איך שטיל געזאָגט, צו־רירנדיק זיך צו איר האַנט.
זי האָט לײַכט אופגעציטערט.
— סאָליא, ווילסט, לאָמיר זיך דורכגיין אין זומער־גאָרטן, אָדער ווייסט וואָס, לאָמיר גאָר צופאָרן קיין פּעטערהאָף. דאָרט איז זייער גוט. ווּעסט האָבן פארגעניגן. דאָרט שפּילן די פאָנטאַנען. דארפסט זיך דאָך אָפּרוען א ביסל, — האָט זי אײַנגערעדט מיך.
מיר האָט זיך זייער געוואָלט פארברענגען מיט איר די פרײַע שאָען, וואָס איך האָב געהאַט ביזן קאָנצערט. ווען איר געמיט־צושטאַנד וואָלט געווען רויִקער, ווען זי וואָלט ניט געווען אזוי אופגערודערט, וואָלט איך אוודע געגאַנגען און געפאָרן מיט איר, וווהין זי וואָלט נאָר וועלן, נאָר אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי איז געווען, האָב איך עס ניט געטאָרט... כ'האָב עס ניט געטאָרט בענעגייע איר מאַן, מיט וועמען איך האָב זיך בע־עמעס באפרײַנדעט.
— נו, וואָס טראַכסטו? קום! — האָט זי איבערגעכאַזערט.
— און וואָס ווּעסטו נאָכדעם זאָגן גענאַדי לוואָוויטשן? — האָב איך א פרעג געטאָן.
— גענאַדי לוואָוויטש פארטרויט מיר. פולשטענדיק. און איך אים — דאָס זעלבע. ווען ער פארהאַלט זיך, פארשטייט איך, אז ער האָט געדארפט זיך פארהאַלטן, און אויב ער אליין דערציילט מיר ניט, פרעג איך אפילע ניט. ער — דאָס זעלבע.

— די גאנצע צײַט אזוי?

— אלנפאלס ביז איצט איז געווען אזוי. און איצט, נאָך איידער איך בין געגאנגען, האָב איך אים געזאָגט, אז איך וועל זיך הײַנט באַגעגענען מיט דיר...

פון אירע אויגן האָט געשטראָמט מיט ווארעמקײַט.

— צוליב וואָס האָסטו אים עס געדארפט זאָגן? — האָב איך פארכידעשט געפרעגט.

— פאר די נײַן יאָר, וואָס מיר זײַנען צוזאמען, האָב איך ביז נעכטן אין אָוונט קיין מינדסטן סאָד פון אים ניט געהאט. דער סאָד האָט מיך געמאטערט. אינדערפרי האָב איך אים געזאָגט, אנדערש, סאָליא, האָב איך ניט געקענט. פעלשן קען איך ניט.

— און ער וואָס? וואָס האָט ער געזאָגט? — האָב איך געפרעגט, בלײַבנדיק שטיין צווישן די בלױענדיקע קלומבעס, פון וועלכע עס האָט געטראָגן מיט פרישן דופט.

— ער? — האָט זי איבערגעפרעגט. — גענאדי לוואָוויטש איז א זעלטענער מענטש.

— אָבער דאָס קען דאָך אים פארדריסן.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אז ער טרויט מיר, — האָט זי מיט פרײַישן שטאָלץ געענטפערט.

— און דו ביסט זיכער, אז דו פארדינסט איצט פולשטענדיק זײַן צוטרוי? — האָב איך פארזיכטיק א פרעג געטאָן.

— פרעג מיך ניט. איך ווייס ניט. איצט ווייס איך גאָרנישט ניט... צוליב וואָס, סאָליא, ביסטו געקומען אהער?..

איך האָב ענדגילטיק פארשטאנען, אז איך טאָר זיך מיט איר מער ניט באַגעגענען. זי איז מיר געווען צו טײַער, איך זאָל שטעלן אין געפאר איר ביז איצט גליקלעך פאמיליע־לעבן.

— מיט דעם, וואָס דו האָסט אים דערציילט, — האָב איך באמערקט, — האָסטו אים קיין טױווע ניט געטאָן. גענאדי לוואָוויטש איז זייער א ווילער, א קלוגער. ער וועט דיר עפשער גאָרנישט ניט זאָגן, נאָר אין הארצן בא אים וועט פארבלײַבן זאָל זײַן א קליינינק, א פיצינק שטעכלקע, וואָס וועט אים שטילערהייט פארשאפן ווייטעק.

— מעגלעך, — האָט זי פארטראכט געזאָגט, — נאָר איך האָב אנדערש ניט געקאָנט.

אָפגייענדיק נאָך עטלעכע טריט, האָב איך זיך דערמאָנט, אז איך דארף אָנקלינגען מײַן געוועזענעם פראָפעסאָר פון קאָנסערוואטאָריע, זיך דערוויסן וועגן זײַן געזונט־צושטאנד. איך האָב עס געזאָגט יויכעווערן.

אָן איבעריקער פרייד איז זי צוגעגאנגען מיט מיר צום טעלעפאָן. איך האָב אָנגעקלונגען. דעם פראָפעסאָרס פרוי האָט געזאָגט, אז מע האָט אים נעכטן צוגענומען אין שפיטאָל, זי קלײַבט זיך איצט צו אים; אויב איך האָב א פארלאנג, וועט זי צוווארטן, וועלן מיר פאָרן צוזאמען, און געפרעגט, ווען קאָן איך קומען. איך האָב געזאָגט, אז איך פאָר שוין ארויס און וועל זײַן אומגעפער אין פופצן מינוט ארום.

יויכעווערס געזיכט האָט זיך גלײַך געענדערט. זי איז געוואָרן אומעטיק און עטוואָס פארלוירן.

— פאָרסט אוועק און לאָזט מיך איבער?

— זעסט דאָך. איך מוז. ס'איז מײַן פּראָפעסאָר. ער איז געפערלעך קראנק, — האָב איך זיך פארענטפערט.

— נו, אויב אזוי, וועל איך דיך ניט פארהאלטן, — האָט זי, סטארענדיק זיך ניט ארויסצווײַזן קיין באליידיקונג, רויִק געזאָגט, — און וואָס פאר א פּראָגראם איז בא דיר מאָרגן?

— מאָרגן באטאָג איז בא מיר א קאָנצערט אפן קיראָוו־זאוואָד.

— און אין אָוונט?

— דער אָוונט, מיין איך, וועט בא מיר, מיסטאמע, זײַן פרײַ, — האָב איך געענטפערט.

— אויב דו ווערסט ווען, סאָליא, קלינג מיר מאָרגן אָן אין אָוונט, גוט?

זי איז אוועקגעפאָרן צו זיך אהיים. איך צום פּראָפעסאָרס פרוי. איך האָב געפילט זיך אזוי, ווי איך וואָלט זיך רײַנוואשן פון א זינד, אויסגע־מיטן אָן אוולע, און אין דער זעלבער צײַט האָט מיך עפּעס געטאָטשעט, באנק געטאָן, וואָס איך האָב אף אזא אופן זיך צעשיידט מיט איר.

אין אָוונט בין איך ארויסגעטראָטן אין קראָנשטאדט פאר די יאמלײַט פונעם מיליטערישן רויטן פלאָט, אף מאָרגן באטאָג פאר די ארבעטער פונעם קיראָוו־זאוואָד. די קאָנצערטן זײַנען דורכגעגאנגען בא פולגעפאקטע זאלן, מע האָט מיר צוגעטראָגן פיל בלומען. ס'האָט מיר באנק געטאָן, וואָס יויכעווער איז ניט בײַגעווען. מיר האָט זיך ווידער זייער געוואָלט זען זי, טיילן זיך מיט איר. ווען ניט די באגעגעניש באם איסאקיִיעווסקער סאָבאָר, וואָלט איך עפשער גאָר צוגעפאָרן צו זיי, ביפראט, אז געגנאדי לוואָוויטש האָט מיך זייער פרײַנטלעך אײַנגעלאדן. אָבער איצט, כאָטש איך בין קיין שום אוולע ניט באגאנגען, האָב איך זיך געפילט ווי מיט עפּעס שולדיק פאר אים. יויכעווער האָט דאָך אים געקענט דערציילן, אז נאָך דעמלט, ווען ער איז ארויס אין גאסטראָנאָם, איז צווישן איר און מיר שוין צונויפגע־רעדט געווען זיך טרעפן אף מאָרגן צוועלף אזייגער באם סאָבאָר. און דאָס האָט שוין אויסגעזען גאָר ניט שיין. דאָך האָב איך באשטימט אָנקלינגען. עטלעכע מאָל האָב איך גענומען דאָס טרײַבל, נאָר צוריק אוועק־געלייגט.

דער אָוונט איז בא מיר געווען א פרײַער, און איך האָב ניט געוווּסט ווו זיך אהינצוטאָן. באשטימט זיך דורכגיין און פארייִנס שוין געבן א טעל־עגראמע דער פרוי. איך האָב איר לאַנג ניט געשריבן, זי קען זיך באומ־רויִקן. איך בין היפש געזעסן באם טישל מיט דער פּען אין האנט און ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס איר צו שרײַבן. קיינע שום געפילן האָב איך צו איר ניט געהאט. וויפל איך האָב ניט געטראכט, האָב איך גאָרנישט ניט געקענט צוטראכטן. אָנגעשריבן האָב איך נאָר דעם אדרעס, און ס'האָט זיך מיר מיטאמאָל אויסגעוויזן, אז מע האָט אָנגעקלאפּט אין טיר. איך האָב זיך צוגעהערט. מע האָט ווידער זייער שטיל אָנגעקלאפּט.

— ביטע, ארײַן, — האָב איך זיך אָנגערופן, ניט אָנהייבנדיק צו פאר־שטיין, ווער קאָן עס זײַן. איך האָב קיינעם ניט געהאט אײַנגעלאדן.

ס׳האָט פּאַמעלעך, זייער לאַנגזאַם זיך געעפנט די טיר, און אין נומער איז מיטאַמאָל געוואָרן ווי ליכטיקער. איך האָב דערזען יויכעווועדן. אין א לײַכט, ווײַס היטעלע, אין א דין ווײַס מאַנטעלע, אין גרינגע ווײַסע טופל. עטוואָס א בלייכע, א פאַרלוירענע, איז זי געבליבן שטיין אויף דער שוועל, ניט צומאַכנדיק הינטער זיך די טיר.

— יויכעווועדי! דו!?.. — האָב איך, פון אומגעריכטקייט און פאַר פרייד, ניט מיט מײַן קאָל, אויסגעשריִען, לאָזנדיק זיך איר אנטקעגן. — איז וואָס שטייסטו? קום אַרײַן.

זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— רוף מיך ניט... לאָז מיך ניט אַרײַן, — האָט זי, מיט אַן אונטערצי־טערנדיקער שטים, אַרויסגערעדט, — טרײַב מיך אַרויס, סאָליאַ. איך בעט דיך, טרײַב מיך אַרויס, — האָט זי בעטנדיק איבערגעכאַזערט.

זי האָט עס אַרויסגעבראַכט אַזוי, אַז עס האָט מיך פאַרקוועטשט דאָס האַרץ.

— פאַרוואָס זאָל איך דיך אַרויסטרײַבן? — האָב איך פאַרלוירן זיך אָנ־געררופן. — נו, קום, קום אַרײַן. — איך האָב געפרוווּט זי אָננעמען פאַר דער האַנט.

— ניין, ניין, מע דאַרף ניט, — האָט זי לײַכט אופגעציטערט, — איך וועל ניט אַרײַן. איך טאָר ניט. רוף מיך ניט...

— וואָס זשע ווילסטו, שטיין אָט אַזוי אויף דער שוועל? — האָב איך אַרײַנגעקוקט אין אירע פינקלענדיקע אויגן.

— איך וויל, סאָליאַ, זייער, אַז דו זאָלסט איצט גיין מיט מיר אין אָפּע־רע־טעאַטער. הײַנטיקער אָוונט איז דאָך בײַ דיר פרײַ. איך וויל זייער הערן צוזאַמען מיט דיר „יעווגעני אָנעגין”. הײַנט גייט עס. קום.

— מירן שוין ניט באַווײַזן, — האָב איך געזאָגט, א קוק געבנדיק אויפן זייגער, — ס׳איז פאַרבליבן א קנאַפּע האַלבע שעה ביזן אָנהייב, און קיין בי־לעטן האָבן מיר דאָך ניט.

— מירן קריגן. באַם אַרײַנגאַנג. בײַ איבערקויפער. איך וועל קריגן. איך וועל באַצאָלן אין דרײַ מאָל אַזויפיל און וועל קריגן, — האָט זי מיט זיכערקייט געזאָגט, ניט אַריבערטרעטנדיק די שוועל.

— און גענאַדי לוואָוויטש? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— זאָרג זיך ניט. איך וועל דיר נאָכדעם זאָגן. קום גיכער.

— נו, גוט. גיי דערווײַל אַרײַן. ביז איך וועל זיך ברענגען אין אָרדענונג.

— ניין, ניין. איך וועל אָט דאָ צוּוואַרטן, — האָט זי אַנטשלאָסן גע־זאָגט, שטייענדיק אויף דער שוועל פון דער האַלב־אָפענער טיר.

איך האָב געשווינד זיך איבערגעטאָן, און יויכעווועד, א צופרידענע, ווי איר וואָלט אָפּגעגליקט זיך ראַטעווען פון א נאָענטער געפאַר, איז אַרויס מיט מיר פון האָטעל. מיט גיכע טריט האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צום טעאַ־טער־פּלאַץ. איך האָב א פרעג געטאָן, וואָס האָט זי געזאָגט גענאַדי לוואָ־וויטשן, ווען זי האָט זיך אומגעקערט נעכטן פון אונדזער באַגעגעניש באַם איסאַקיִיעווסקער סאָבאָר.

— איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב שפּאַצירט מיט דיר אַרום סאָ־באָר, אַז דו האָסט זיך געײַלט, האָסט מיך איבערגעלאָזט און אוועקגעפאָרן.

לייגן קען איך ניט. איך האָב אים קיינמאָל ניט געפעלשט און איצט אויך ניט. ער האָט מיך אַרומגענומען און שטאַרק, שטאַרק געקושט, ווי עפּשער נאָך קיינמאָל ניט. שטעלסט זיך אפילו ניט פאָר, ווי ער האָט מיך ליב. פאַרוואָס? איך ווייס אליין ניט. אַנומלטן, שפּאַצירנדיק אין פּאַרק, ס'איז געווען נאָך פאַר דער כאַסענע, האָט ער א פרעג געטאָן, וואָס פאַר א פאַר־לאַנג האָב איך. אין א שפּאַס האָב איך געזאָגט, אַז ער זאָל אַרופקריכן אַפן העכסטן בוים. אין דער זעלבער רעגע, שוין זייענדיק דעמלט א מיליטער־אינזשעניער, א הויפּט־קאָנסטרוקטאָר פון א גרויסן זאַוואָד, האָט ער אויס־געטאָן דעם קיטעל, און אין דער אָנוועזנהייט פון די שפּאַצירנדיקע זיך אַרופגעדראַפּעט ביזן סאַמע שפּיץ פון א מעסוקן הויכן דעמב. גענאַדי לוואָ־וויטש איז אויך איצט גרייט אויספילן מיין מינדסטן פאַרלאַנג. ער איז ביכלאַל אַן אויסערגעוויינלעכער, א האַרציקער, אַן איבערגעגעבענער. א מענטש מיט אַלע מעלעס. א פילזייטיק געבילדעטער. אים אינטערעסירט ניט נאָר זיין פאַך. שוין פיל יאָר, ווי ער זאַמלט זאָרגזאַם און דערלערנט קאָלערליי מאַטעריאַלן וועגן שפּינאָזען. איין שאַפע איז בא אים שוין פול מיט שפּינאָזעס ווערק, קאָלערליי אויסגאַבעס, ביכער וועגן שפּינאָזען. אַר־טיקלען, דאָקומענטן, פאָטאָ־רעפּראָדוקציעס. ער איז טאַקע אַן אויסערגעוויינלעכער. פאַר די העכער ניין יאָר, וואָס מיר זיינען צוזאַמען, האָב איך פון אים קיין איין הויך וואָרט ניט געהערט... — זי האָט גערעדט וועגן איר מאַן אַזוי, ווי זי אַליין וואָלט וועלן זיך נאָך מער איבערצייגן אין דעם.

— האָסט געדאַרפט נעמען גענאַדי לוואָוויטשן מיט זיך, — האָב איך געזאָגט.

— ער איז פון אינדערפרי אָף זייער א וויכטיקער באַראַטונג. איך האָב אים געלאָזט א צעטעלע, אַז איך גיי אין אָפּערע אָף „יעווגעני אָנעגין".

— מיט מיר?

— דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דאָס קען בא אים עפּשער אַרויסרופן פאַר־דראָס.

— און אַז ער וועט נאָכדעם פרעגן, וואָס וועסטו זאָגן?

— ער וועט קיינמאָל ניט פרעגן אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אין זיך אפילו א מינדסטן סימען פון אייפערזוכט, ס'וואָלט אים דערנידעריקט שוין נאָר דאָס אַליין, וואָס ער קען גאָר דערלאָזן אַזא געדאַנק.

צום טעאַטער זיינען מיר געקומען מיט פינף מינוט פאַרן אָנהייב. די קאַסע איז געווען פאַרמאַכט. קיין בילעטן זיינען ניט געווען. צוזאַמען מיט פיל אַנדערע האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט באַם אַריינגאַנג, געהאַלטן זיך אין איין נאָכפרעגן בא פאַרביייגייער, צי האָט ניט עמעצער פון זיי קיין איבעריקע בילעטן. קיין בילעטן האָבן מיר ניט געקראָגן. יויכעוועד האָט איבערגעלעבט, באַדויערט, זיך ניט געקענט מויכל זיין, וואָס זי האָט בא־צייטנס ניט איינגעשאַפט, געדאַרפט זאָגן גענאַדי לוואָוויטשן, ער וואָלט זיכער באַזאָרגט. איצט איז שוין געווען שפּעט. די פאָרשטעלונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

— לאָמיר גיין, — האָב איך זי א רוף געטאָן, — שטיין דאָ איז ניטאָ וואָס.

— וווהין גיין? — האָט זי צעשטרייט געפרעגט.

— וווהין דו ווילסט.

— געוואָלט האָט זיך מיר זייער און זייער הערן צוזאַמען מיט דיר „יעוועגני אָנעגין". איצט ווייס איך שוין ניט. איצט איז מיר אַלציינס.

מיט פאַמעלעכע טריט זײַנען מיר אַוועק מיטן פּראָספּעקט פון רויטן פלאָט, וועלכער האָט זיך געצויגן פון דער רעכטער זײַט נעווא, און מיטאַמאָל, אינגאַנצן אומגעריכט, ווי עס טרעפט אָפט אין לענינגראַד, האָט אָנגעהויבן קאַפּען אַ רעגנדל. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין גיכער. דאָס רעגנדל האָט אונדז פאַרטריבן צו מיר אין האָטעל.

איך האָב געהאָלפן יויכעוועדן אויסטאָן דאָס מאַנטעלע און דאָס היטע־לע, וועלכע האָבן באַוויזן אַ ביסל פאַרנעצט ווערן, און זי איז אַ פאַר־קלערטע, אַ פאַרזאָרגטע געבליבן שטיין פאַר מיר אין איר פולער פּראַכט. איך האָב זי אַוועקגעזעצט אויפן ווייכן דיוואַן, געוואָלט זיך צוזעצן לעבן איר.

— זעץ זיך בעסער אָט דאָרט,— האָט זי מיר געוויזן אויפן אַנטקעגנדיקן מיט פּליוש איבערגעצויגענעם פאָטעל.

איך האָב ניט דערווידערט.

מיר זײַנען געזעסן איינס אַנטקעגן אַנדערן, זיך געקוקט אין די אויגן און געשוויגן.

— סאָליאַ, פּופּצן יאָר אַדורך...— האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום שטיל געזאָגט,— און אָט ווידער... און אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי צופעליק. ווען מיר קומען ניט אויפן קאָנצערט, וואָלט איך דאָך אפילו ניט געוווּסט, אַז דו ביסט געווען אין לענינגראַד. דו האָסט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיר...

„ווען דו זאָלסט וויסן, ווי מײַן האַרץ האָט די אַלע יאָרן גענאָגט, געבענקט נאָך דיר,— האָב איך בעשאַסמײַסע זיך געטראַכט, קוקנדיק אין אירע קלוגע אויגן,— וויפל נעכט איך בין צוליב דיר ניט געשלאָפן, גע־טראַכט וועגן דיר, דערמאָנט זיך יעדעס וואָרט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, דײַן בליק, דײַן שמייכל, דײַן שטעל, דײַן יעדע באַוועגונג, געזען דיך פאַר זיך אי אין בלויען סאַראַפאַן מיט די ווײַסינקע פּאַסיקלעך, אי אין קורצינקן פוטערל, אי אין דעם דינעם לופטיקן כאַלאַטל מיט אַ קאָסינקע אויפן האַלדז, דיך געזען אי אַ לאַכנדיקע, אי אַ שווײַגנדיקע, אי אַ נאָענטע, אי אַ פרעמדע..."

— וואָס שווײַגסטו? — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ מיט די גינגאָלדענע האָר נידעריק צו זיך אויפן אַקסל.

— ביסט ניט גערעכט,— האָב איך געזאָגט,— איך האָב ניט פאַר־געסן,— און דערציילט, אַז איך האָב געקלונגען צו איר שוועסטער, גע־וואָלט זיך דערוויסן דעם נומער פון איר, יויכעוועדס, טעלעפאָן, אײַנלאַדן זי מיטן מאַן אויפן קאָנצערט.

— טאַקע?!.. אַפאַנעמעסן? — האָט זי אופגעלעבט אויסגערופן.— האָסט מיך געדענקט? האָסט טאַקע געוואָלט, איך זאָל זײַן אויף דײַן קאָנצערט? וויבאַלד אַזוי, וויל איך אויסטרינקען פאַר דיר. קום, סאָליאַ, איך לאַד דיך אײַן. קום אין רעסטאָראַן.

— אין רעסטאָראַן איז איצט פול. בעסער דאָ... — און איידער זי האָט באַוויזן דערווידערן, האָב איך אַנגעקלונגען אין רעסטאָראַן פון האָטעל און אַלץ באַשטעלט.

אין א ווײַלע אַרום איז אַרײַנגעקומען אַן אַפּיציאַנט און געדעקט דעם טיש.

— ביסט ניט באַרויִקט אַף מיר, וואָס איך בין געקומען? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן, ווען דער אַפּיציאַנט איז אַרויס. — איך שטער דיר ניט? זאָג דעם עמעס, וואָס האָסטו זיך געקליבן טאָן, איידער איך בין אַרײַן?

איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב זיך געקליבן גיין אַפֿן טעלעגראַף געבן אַ טעלעגראַמע דער פרוי.

— דו בענקסט נאָך איר? האָסט זי שטאַרק ליב? — האָט זי אײַנגעהאַלטן געפרעגט.

איך האָב געזאָגט, ווי דער עמעס איז.

— פאַרוואָס זשע האָסטו, אויב אַזוי, כאַסענע געהאַט פאַר איר? — האָט זי מיט פאַרווונדערונג געפרעגט.

אַף אָט דער פראַגע אירער האָט זיך מיר ניט געוואָלט ענטפערן. נאָר יויכעוועד איז באַשטאַנען, זי האָט אַרויסגעוויזן פרויִשע נײַגעריקײַט אין דער פולער מאָס. ס׳האָט מיר גאָרנישט ניט געהאָלפן. איך בין געצוווּנגען געווען איר נאָכגעבן, און געזאָגט, אויך, ווי דער עמעס איז, אַז צו־נויפגעגאַנגען זיך בין איך מיט איר נאָר דערפאַר, ווײַל זי האָט מיט איר אויסזען מיר דערמאַנט זיך אויסגעוויזן מיט עפּעס־וואָס ענלעך אַף איר, אַף יויכעוועדן.

— סאַליאַ, ס׳איז אַן עמעס?! — האָט זי אופגעפּלאַטערט. — האָסט עס ניט צוגעטראַכט? — אַן אומגעצוימטע פרייד האָט אַרויסגעלויכטן פון איר מילד פּאָנעם. — טאַקע אַן עמעס? — אַ גליקלעכע האָט זי מיך לײַכט אַ צי געטאָן צו זיך, צאַרט אַרומגענומען באַם האַלדז און זיך צוגערירט מיט אירע פלאַמיקע ליפּן צו מײַנע.

— טײַערער מײַנער, ליבער מײַנער, האַרציקער מײַנער! וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך? זינט יענעם אָוונט, זינט דײַן קאָנצערט, זינט אונדזער באַגעגעניש ווייס איך אַליין ניט, וואָס עס קומט פאָר מיט מיר. איך געפין זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט. איך קען גאָרנישט ניט טאָן. איך טראַכט נאָר וועגן דיר. איך רייד צו דיר. איך גיי אַרום, ווי אַ פאַרקישעפטע. ווי אַ פאַרשיקערטע. עס ציט מיך צו דיר. איך וויל דיך זען. זײַן מיט דיר. פילן, אַז דו ביסט מיט מיר. פאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָרנישט? פאַרוואָס שווײַגסטו?

איך האָב צאַרט אַ גלעט געטאָן אירע האָר. זי האָט צוגעדריקט צו זיך מײַן האַנט און אופגעציטערט. איר דינינק ווײַסינק קאָפּטעלע האָט זיך אָנגעצויגן, אויסטיילנדיק מיט דער גאַנצער בוילעטקײַט אירע שטײַפע בריסט. זי האָט מיך צוגעצויגן נעענטער צו זיך, זיך צוגעדריקט, צוגע־טוליעט, די אויגן זײַנען באַ איר געוואָרן גרעסער, בלויער, די ליפּן האָבן געפלאַמט. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט מיט מיר אַפֿן ווייכן דיוואַן. אַ פולשטענדיק באַהערשטע פונעם ברענענדיקן פאַר־לאַנג, האָט זי דאָרשטיק געקושט מיר די אויגן, דעם שטערן, די ליפּן און מיט האַרציקער צערטלעכקײַט, ווי זי וואָלט טפילע געטאָן, געשעפּטשעט:

— טײַערער, איך וויל דיך... דיך... — האָט זי געבעטן זיך מיט איר גאַנצן וועזן, מיט איר אופגערודערטער נעשאָמע, מיט איר דאַרשטיק־צאַפּלדיקן גוף, מיט איר הייסן לײַדנשאַפטלעכן קערפּער.

„צי דען, — האָב איך אין דער רעגע אַ טראַכט געטאָן, — איז דאָס יענע יויכעוועד, וועלכע האָט זיך דעמלט אַזוי אומבעראַכמאָנעסדיק אָפּגע־קערט פון מיר, אַנטרונען געוואָרן, ניט געענטפערט אױף מײַנע בריוו, זיך ניט אומגעקוקט אױף מיר? יענע יויכעוועד, צוליב וועלכער איך האָב אַזוי־פיל איבערגעלעבט, געליטן, געפײַניקט זיך?". יאָ, ס'איז געווען יענע, די זעלבע, און אינגאַנצן אַן אַנדערע, אַן איבערגעפּולטע מיט פּרויישער רײַפקײַט, לײַדנשאַפט. איר בליק איז געווען פול מיט ליבע, מיט אָפּפער־וויליקײַט, געבעטן זיך ראַכמים, איך זאָל זיך דערנענטערן צו איר.

— מע דאַרף ניט, יויכעוועד, — האָב איך, אײַנהאַלטנדיק זיך מיט אַלע קויכעס, אַ שעפּטשע געטאָן.

— ביסט גערעכט, טײַערער, ביסט גערעכט, נאָר שטופּ מיך ניט אָפּ. באַלד... באַלד... איך וויל איצט גאָרנישט ניט וויסן... איך וויל דיך... — האָט זי, האַלדזנדיק און קושנדיק מיך, גיך גערעדט, — ביסט עפּשער זייער גערעכט, איך טו ניט גוט, נאָר איך קען אַנדערש ניט. איך האָב קיינמאָל ניט געפילט אַזוינס, ווי איצט, ס'איז צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן. איך פאַרשטיי, איך וויל זיך בײַקומען און קען ניט. איך בין ניט אימשטאַנד, סאָליאַ...

איר פּאָנעם האָט געלויכטן, אירע ווייכע גינגאָלדענע האָר זײַנען צעשויבערט געווען אױפן ווײַסינקן קישעלע. די טופּל האָבן זיך געוואָל־גערט דערבײַ לעבן דיוואַן.

איך האָב געוואָלט איר עפּעס זאָגן. זי האָט ניט געלאָזט. איר איז איצט גאָרנישט ניט אָנגעגאַנגען. גאָרנישט ניט געוואָלט הערן. וויסן.

— סאָליאַ, טײַערער, איך גאָר... איך בעט דיך, — האָט זי אויסגערופן אַזוי, ווי איך זאָל זי דאַרפן ראַטעווען, — איך וויל האָבן פון דיר אַ קינד...

אין די אויגן זײַנען בא איר געשטאַנען טרערן.

איך האָב געפילט, אַז אָט־אָט וועט געשען אַזוינס, וואָס וועט מיר ברענגען דאָס גרעסטע גליק, אָבער איר, מעגלעך, פיל, זייער פיל ליידן.

„טאָרסט ניט, טאָרסט בעשום־אויפן ניט דערלאָזן, אַז צוליב דיר זאָל צעשטערט ווערן איר פאַמיליען־לעבן. זי איז דאָך ביז אָט דער באַגעג־געניש מיט דיר געווען גליקלעך מיט איר מאַן, מיט איר טעכטערל, מיט אַלץ. גיב איר ניט נאָך, — האָב איך אײַנגעטײַנעט מיט זיך, גלעטנדיק זי, — און זיך, זיך גיב בעשום־אויפן ניט נאָך. טאָרסט עס ניט. דאָס וועט איר קאָסטן צו טײַער. זי איז איצט פאַרשיקערט פון איר אופגעברויזט געפיל, ס'האָט זי פאַרשווענקט אַ כוואַליע און מיטגעשלעפּט מיט זיך. נאָר אַ כוואַליע האַלט זיך ניט לאַנג. וואָס וועט זײַן נאָכדעם, ווען זי וועט זיך אויסניכטערן? ווי וועט זי זיך אומקערן אהיים, צו אים, צו איר מאַן? זי געהערט ניט צו יענע פרויען, וואָס אַזעלכעס גייט בא זיי דורך ווי אַ לײַכטע שפּיל, וועלכע זײַנען פײַיִק פעלשן, קענען לײַגן, נאַרן. זי וועט גאָרנישט ניט לייקענען, ניט אויסבאַהאַלטן. ס'איז ניט אין איר נאַטור. זי וועט גלײַך דערציילן דעם מאַן אַלץ, וואָס ס'איז געשען מיט איר.

אלץ, אלץ... וואָס וועט דעמלט זײַן מיט איר? מיט אים? מיט זייער טעכ־טערל? ווער וועט זײַן שולדיק אין דעם? זײַ א מענטש! — האָב איך געטײַ־נעט צו זיך. — גיב איר ניט נאָך. בעשום־אויפן ניטו!״ — און אין דער זעלבער צײַט בין איך אויסגעגאנגען מיט די קויכעס, מיטן לעבן, ס׳האָט זיך מיר געוואָלט זי שטײַפער ארומנעמען, ארומהאלדזן, צוטוליען, צו־דריקן צו זיך, אײַנאָטעמען אין זיך דעם מעכטײַעדיקן גערוך פון איר שטײַפן גלוסטיקן קערפּער, אײַנזויגן זיך אין אירע זאפטיק־פײַערדיקע ליפּן, זיך אָפּגעבן אונדזער ביידנס פלאמענדיקן פארלאנג, אונדזערע צארטסטע נע־שאָמע־געפילן, אונדזער לעבנס־דאָרשט, אונדזער ביידנס העכסטן גליק. איך בין געווען פארשיקערט פון ליבע, נאָר איך בין זיך בײַגעקומען, און קושנדיק זי, מיט גוואלד זיך באפרײַט פון אירע הייסע הענט. מיט א טיאָכקענדיק הארץ זיך האסטיק אופגעהויבן, פארטשעפּענדיק דאָס געדעקטע טישל, וואָס איז געשטאנען דערבײַ. ס׳האָבן זיך צעקלונגען די קעלישעקלעך. איך בין ארויס אין פּאָדערצימער, אראָפּגענומען אינדער־גיך פונעם הענגער דאָס ווײַסינקע מאנטעלע און צוגעטראָגן איר.

ליגנדיק אפן דיוואן מיט די צעלאָזענע האָר, א פארפלאמטע, האָט זי מיט ברייט פאנאנדערגעעפנטע אויגן פארוווּנדערט געקוקט אף מיר.

— יויכעוועד, איך בעט דיך, — האָב איך זיך צו איר געווענדט, ווי צו א קליין קינד, — טו זיך אָן.

— ווילסט, איך זאָל אוועקגיין? ווילסט ניט, איך זאָל זײַן מיט דיר? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.

— איך וויל זייער, — האָב איך, סטארענדיק זיך ניט ארויסווײַזן מײַן אופגערודערטקײַט, געזאָגט, — נאָר דו דארפסט פאָרן אהיים, איך וועל שוין ארויסרופן א טאקסי.

— און איך וויל זײַן דאָ, בא דיר, מיט דיר, — האָט זי מיט א בעטנ־דיקער שטים ארויסגעשעפּטשעט, — צי דען האָסטו מיך אינגאנצן ניט ליב?

— טײַערינקע, — האָב איך איר געזאָגט, — איך האָב צו שטארק דיך ליב, איך זאָל דערלאָזן, זאָלסט זיך, כאָלילע, צעשטערן דאָס לעבן, דאָס לעבן פון דײַן מישפּאָכע...

— אָבער וועסט דאָך מיך ניט ארויסטרײַבן?

— דארפסט אליין, שוין, באלד, פאָרן אהיים. ס׳איז שוין זייער שפּעט. טאָרסט זיך מער ניט פארהאלטן. ביסט מיר צופיל טײַער. איך וויל איין זאך, אז דיר זאָל זײַן גוט. נאָר גוט. שטענדיק. זאָלסט זײַן גליקלעך. ניט אף א ווײַל. נאָר שטענדיק. דאָס גאנצע לעבן דײַנס...

איך האָב אָנגעקלונגען, ארויסגערופן א טאקסי.

יויכעוועד איז אופגעשטאנען. איך האָב איר געהאָלפן זיך אָנטאָן. זי האָט אויסגעזען אזוי, אז ס׳האָט מיר פארקלעמט דאָס הארץ. ס׳איז מיר געווען א ראכמאָנעס אף איר. מיר זײַנען ארויס פונעם נומער, איבערלאָזנ־דיק אפן געדעקטן טיש די מײַכאָלים און געטראנקען, צו וועלכע ניט זי, ניט איך האָבן זיך ניט צוגערירט.

דער זייגער האָט געוויזן האלב צוויי באנאכט. די טאקסי האָט שוין געוואַרט אנטקעגן דעם ארײַנגאנג אין האָטעל. איך האָב זיך גענעזעצט בא־נאנד מיט איר, געזאָגט וווהין צו פאָרן.

אױף די גאסן, איבער װעלכע ס'האָט מיט א שטיל געריוש זיך געטראָגן די טאַקסי, האָט זיך קײן לעבעדיקער נעפּעש שױן ניט געזען. אין די פענצטער פון די פּילשטאָקיקע מױערן — קײן סימען פון שײַן. די שטאָט איז געשלאָפן. א ציטעריקע שטילקײַט האָט גערוט אױף די דרעמלענדיקע ביימער, אױף די רײן־צוגעקערטע טראָטוארן. זי האָט געשװיגן. איך אױך. מיר האָבן ניט באַװיזן זיך ארומקוקן, װי די מאשין האָט פּאַרקערװעט אױף דער שױן באַקאַנטער בראָדסקי־גאַס, און אין דער קישעפדיקער שײַן פון די װײַסע נעכט האָב איך באַלד דערזען זײער גרױסארטיק הױז. אױפן באַלקאָן פונעם צװײטן שטאָק איז געשטאַנען אײנער אלײן א הױכער, שטאַלטנער מאַנצבל. אױף דער װאַנט איז געפאַלן א טונקעלער שאָטן פון אים. די מאשין האָט זיך האַסטיק דורכגעטראָגן פאַרבײַ און טאָרמאָזירנדיק זיך אָפּגעשטעלט עטװאָס װײַטער. איך האָב א פרעג געטאָן בא יױיכעװעדן, צי זאָל איך ארױס צוזאמען מיט איר, צי זאָל איך זי באַגלײטן. „צוליב װאָס? מע דאַרף ניט", — האָט זי געזאָגט, א קוש געבנדיק מיך. זי איז ארױס פון מאשין און מיט רױקע טריט אַװעק צו איר הױז.

מיט דער זעלבער מאשין האָב איך זיך אומגעקערט אין האָטעל. בא מיר איז געװען אַזא געפיל, װי איך װאָלט מיט מײַן אױפירונג טיף באַלײדיקט יױיכעװעדן. איך האָב איצט זיך געפילט שולדיק אי בענעגײיע איר, אי בענעגײיע גענאַדי לװאָװיטשן. מיט װאָס פאַר א פּאָנעם איז זי ארײַן איצט אין שטוב? װאָס האָט זי געזאָגט דעם מאַן? און ער? איך האָב ניט געדאַרפט זי אײַנלאַדן צו זיך אין האָטעל, ניט געדאַרפט זי לאָזן זיך פאַרהאַלטן אַזױ שפּעט. נאָר זי האָט דאָך אלײן... בא איר איז דאָך רעכט געװען אפילע פאַרבלײַבן. א פרױ, אז זי איז פאַרליבט, רעכנט זי זיך מיט גאָרנישט ניט. צי דען איז זי טאַקע פאַרליבט? װידער? מיטאמאָל?

„װער װעט דערקלערן, װאָס איז עס אַזױנס ליבע? — האָב איך גע־טראַכט. — װאָס דערװעקט, צינדט אָן פּלוצלינג דאָס האַרץ? װוּ ליגט אָט די קראַפט, װאָס באַהערשט, רופט ארױס אָט דאָס װוּנדערלעכסטע געפיל? אין װעלכע ספערן? אין האַרצן? אין די בלוטן? אין דער נעשאָמע? װי־אַזױ? פונװאַנען נעמט זיך עס, צעפלאַקערט זיך עס מיטאמאָל? דו פרײסט זיך, פּײַניקסט זיך, ביסט גליקלעך און אומגליקלעך, ביסט קראַנק פון ליבע, מוטשעסט זיך און װילסט זיך ניט אױסהײלן פון אָט דער קרענק. דיך פּײַניקן װײטעקן, און זײ זײַנען דיר זיס, שלאָפסט ניט קײן נעכט, שפּאַ־צירסט ארום, װי א פאַרכאָלעמטער, דו זינגסט אין די פּאַרטאָגן, דו גע־פינסט זיך קײן אָרט ניט, דיכטעסט לידער, ביסט גרײט פליִען אין קאָס־מאָס, עס יױרט, עס שטראָמט אין דיר א שטורמישער צופלוס פון געבענ־טשטער ענערגיע, פּילסט זיך בעקױעך אופהײבן בערג און פאַרגײסט זיך, װי א קינד אין געװײן, פון בענקשאַפט נאָך איר בליק. װאָס איז אַזױנס ליבע? פונװאַנען נעמט זיך עס? פאַרװאָס האָסטו ליב דאַפקע די, נאָר די, און ניט קײן אַנדערע? װער קאָן דערקלערן עס? און צי דען קאָן מען עמעצן, װער עס זאָל ניט זײַן, א מאַן, א פרױ, באַשולדיקן דערפאַר, װאָס ער אָדער זי האָט ליב? דערפאַר װאָס מע איז פאַרליבט אפילע דעמלט, װען מע פאַרשאַפט מיט דעם פאַרדראָס, אַגמעסנעפעש, װײטעק א נאָענטן מענטשן? צי איז דען מעגלעך זיך באַפרײַען פון אָט דעם קישעף־געפיל?

צי דען איז אָפּהענגיק פון מיר, איך זאָל ליב האָבן, צי ניט ליב האָבן? ווען איך זאָל זיך זאָגן הונדערט מאָל: האָב זי ניט ליב, וועט דען מיר העלפן? ניט דו הערשסט איבער אָט דעם געפיל, נאָר דאָס געפיל הערשט איבער דיר".

איך האָב בעשום־אויפן ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס איז מיט איר געשען דעמלט אין שטעטל, פאַרוואָס האָט זי זיך געהאַלטן אַזוי אָפּגעפרעמדט בענעגייע מיר אין מײַנע סטודענטישע יאָרן, און וואָס איז געשען איצט, פּלוצלינג? זי איז פאַר מיר געווען א רעטעניש. איר מאַן, גענאַדי לוואָוויטש, איז אַן אָנגעזעענער, כאָשעווער מענטש. א האַרציקער, אַן איבערגעגעבענער, ער פאַרגעטערט זי. און זי האָט דאָך אים אויך ליב. באַרימט זיך מיט אים, גרויסט זיך מיט אים. ווי־אַזוי זשע איז עס פאָרגעקומען מיטאַמאָל אַזאַ איבערקערעניש אין האַרצן בא איר, בא אַזאַ אײַנגעהאַלטענער, באַדאַכטער, ערנסטער און ערלעכער נעשאָמע? וואָס פאַר א פײַער האָט אופגעפלאַמט, אופגעפלאַקערט אַזוי אין איר?

זייער שווער צו פאַרשטיין פרויען. זיי נעמען אוף פיל זאַכן ניט אַזוי, ווי מיר, מענער. זיי זײַנען פילבאַרער, אײַנגעהאַלטענער און אַנטשלאָסענער, שרעקעוודיקער און מעסירעסנעפעשדיקער; אויב זיי קומט שוין עפּעס אָן, זײַנען זיי גרייט אָף אַלץ, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום זאַך. און וואָס די פרוי איז אינטערעסאַנטער, די נאַטור אירע רײַכער, אַלץ שווערער איז איר בײַצושטיין. בא לעוו טאָלסטאָי אין „אַנאַ קאַרענינאַ" זאָגט אָבלאָנסקי: „א פרוי איז אַזאַ מין באַשעפעניש, אַז וויפל דו וועסט זי ניט דערלערנען, וועט זי שטענדיק בלײַבן א סאָד פאַר דיר".

אָט די אַלע געדאַנקען האָבן מיך געמאַטערט. נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט האָב איך זיך געפילט צעבראָכן, און ס'איז מיר נאָך פאָרגעשטאַנען באַטאָג אַן ארויסטרעטונג אין קאָנסערוואַטאָריע. איך האָב גענדאַרפט זיך צוגרייטן, אָפּרוען, נאָר ניט געקענט. די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן איר, אויסגעגאַנגען וויסן, וואָס טוט זיך דאָרט בא זיי, צי איז ניט געשען עפּעס מיט איר, מיט אים? איך האָב אָנגעקלונגען. עטלעכע מאָל. קיינער האָט ניט געענטפערט. די ניאַניע אויך ניט. דאָס האָט מיך נאָך מער באַאומרויִקט.

און אין אַזאַ צושטאַנד בין איך געצווּנגען געווען ארויסטרעטן פאַר דער פּראָפעסור און סטודענטן פון דער קאָנסערוואַטאָריע. איך האָב געשפּילט און קימאַט ניט געהערט, וואָס איך שפּיל. איך האָב דורכגעלאָזט פראַזן. צום סאָף פון מאָצאַרטס „קאָנצערט רע מאַזשאָר" איז דער סמיטשיק שיר ניט ארויסגעפאַלן בא מיר פון האַנט.

מיט א נאָך מער גערדריקטער שטימונג האָב איך זיך אומגעקערט אין האָטעל. דער פּאָרטיע האָט מיר אונטערגעטראָגן די „לענינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ", ווו ס'איז אָפּגעדרוקט געווען א גוטער אָפּרוף וועגן מײַנע ארויסטרעטונגען. נאָר דאָס איז מיר איצט ניט אָנגעגאַנגען. איך האָב ווידער אָנגעקלונגען. ס'איז שוין געווען זיבן אין אָוונט. זיי האָבן שוין זיכער גענדאַרפט זײַן בא זיך אין דער היים. אויב פריִער האָט זיך מיר געוואָלט, אַז זי, יויכעוועד, זאָל זײַן אַליין, אַז נאָר זי זאָל צוגיין צום טעלעפאָן, אָדער, אויב ניט זי, איז די ניאַניע, בין איך איצט שוין גערן געווען, אַז

עס זאָל נעמען דאָס טרײַבל ער, געגאַדי לוואָוויטש. נאָר קיינער האָט דאָס טרײַבל ניט אַראָפּגענומען.

אכט אזייגער האָב איך שוין געדאַרפט זײַן אפן אעראָפּאָרט. א טאַקסי האָב איך שוין געהאַט באַשטעלט. אין מײַן רעשוס איז פאַרבליבן סאַכאַקל א האַלבע שאָ. איך האָב געהאַלטן אין איין קלינגען. שיר ניט צעריסן דעם טעלעפאָן. נאָר אומזיסט. דעמלט האָב איך זיך דערטראַכט אָנקלינגען איר שוועסטער. איר טעלעפאָן איז געווען פאַרנומען. לאַנג. די טאַקסי האָט שוין געוואַרט. דעם טאַקסיסט האָב איך געבעטן פאָרן דורך דער בראָדסקי־גאַס. אַנטקעגן זייער הויז האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב באַשלאָסן אַרײַנגיין, זען, וואָס איז דאָרטן, געזעגענען זיך. אפן צווייטן שטאָק האָב איך אָנגעקלונגען. איין מאָל. צוויי מאָל. דרײַ מאָל. קיין סימען פון לעבן. מיט זייער א שווערן געמיט בין איך אוועקגעפאָרן אפן אעראָוואָקזאַל. געקומען מיט פופצן מינוט פאַרן אָפּפליִען. און פלוצלינג דערזען דאָרט יויכעווערן. זי איז א פאַרפלאָמטע געלאָפן מיר אַנטקעגן.

— סאָליא, איך בין שוין באַלד א שאָ דאָ. גלײַך פון די לעקציעס. פון אוניווערסיטעט. געזוכט דיך, ניט געוווּסט שוין וואָס איבערצוטראַכטן. אינדערפרי נאָך אין פילהאַרמאָניע געקלונגען, מע האָט מיר געזאָגט, אז דו פליסט מיטן דריטן רייס...

— און איך האָב עפּשער פופציק מאָל געקלונגען צו דיר, קיינער ענט־פערט ניט. איך האָב שוין אויך ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן. ווו איז שולאַמיס? געגאַדי לוואָוויטש?

— געגאַדי לוואָוויטש? נעכטן האָט דער פאַלקס־קאָמיסאַר געגעבן זייער א הויכע אָפּשאַצונג זײַן פּראָיעקט, — האָט זי מיט ניט באַהאַלטענעם שטאָלץ געזאָגט, — ס'איז א קאָלאָסאַלער דערפאָלג. אַן אויסערגעוויינלעכער. גע־גאַדי איז מיט שולאַמיסן בא מײַן שוועסטער אף איר געבורטסטאָג.

— און נעכטן באַנאַכט? וואָס איז געווען, ווען דו האָסט זיך אומגע־קערט?

— געגאַדי איז געווען באַומרויִקט, וואָס איך בין אזוי שפּעט ניטאָ. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער טיילן מיט מיר זײַן דערפאָלג.

— און דו?

— איך האָב אים דערציילט, אז מיר האָבן געוואָלט גיין אין אָפּערע־טעאַטער אף „יעווגעני אָנעגין”, אז עס זײַנען שוין ניט געווען קיין בי־לעטן, אז עס האָט אונדז אין גאַס פאַרכאַפּט דער רעגן און מיר זײַנען אַרײַן צו דיר אין האָטעל, אז דו האָסט באַשטעלט א שיינעם טיש, שאַמ־פּאַניער, קאָניאַק, נאָר איך האָב עס אפילע צו די ליפּן ניט גענומען. אַלץ, אזוי ווי געווען...

— טאַקע אַלץ? — האָב איך פאַרזיכטיק א פרעג געטאָן.

— נו, קימאַט אַלץ. דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט, אז איך זאָל אים ניט פאַרשאַפן קיין אומזיסטע לייד. איך האָב דיך, זעסטו, סאָליא, געפאָלגט.

ביזן אָפּפליִ פונעם לײַנער זײַנען פאַרבליבן עטלעכע מינוט.

— סאָליא, — האָט זי זיך אָנגערופן, — איך האָב צו דיר א גרויסע ביטע, פאַר הײַנט ניט. פאַרבלײַב כאָטש נאָך אף א פּאָר טעג. איך בעט דיך. צוליב וואָס באַדאַרפסטו ביכלאַל טשיטאַ? וואָס האַלט דיך דאָרט? דו

דארפסט זײַן צווישן גרויסע קינסטלער. אין אן אינטערעסאנטער שעפערישער סוויווע. פּאָר אריבער קיין לעני̇נגראד. מע קען דיך שוין דאָ. מע ווייסט דיך. דו האָסט שוין דאָ א נאָמען. מע האָט דאָך דיך ווידער אײַנגעלאדן אף קאָנצערטן. זאָלסט קומען אומבאדינגט. גוט? וועסט קומען? יאָ? זאָלסט גלײַך פון וואָקזאל מיר אָנקלינגען. ניין, ניין, גיב מיר בעסער א טעלעגראמע. איך וועל דיך באגעגענען. אומבאדינגט. איך וועל ווארטן אף דיר. גוט?

— גוט, — האָב איך צעשטרייט געענטפערט.

אלע פּאסאזשירן זײַנען שוין געווען אינעם עראָפּלאן.

— סאָליא, זאָג מיר נאָך עפּעס. זאָג: „איך האָב דיך ליב". זאָג. איך בעט דיך, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן ארויסגעשעפּטשעט.

— טײַערינקע, איך האָב דיך ליב. שטארק ליב. און געגאדי לוואָוויטשן. און אײַער טעכטערל. זײַט אלע געזונט. און פּארשאף זיי ניט קיין הארצווייטעק. איך בעט דיך.

איך האָב זי צארט ארומגענומען. מיר האָבן זיך הייס צעקושט.

אינגיכן האָט דער עראָפּלאן לײַכט, קימאט אומבאמערקט זיך אָפּגעטיילט פון דער ערד, געמאכט א האלבקרײַז איבערן עראָדראָם, און איך האָב דורכן איליומינאטאָר דערזען יויכעווערן. זי האָט געפּאָכעט צו מיר מיט דער האנט.

אומקערנדיק זיך קיין טשיטא, האָב איך געטראָפן מײַן פרוי א שטארק געענדערטע. און מעגלעך, אז זי האָט זיך גאָר מיט גאָרנישט ניט געענדערט, נאָר איך האָב א קוק געטאָן אף איר פּאָשעט מיט אנדערע אויגן. איך האָב זיך געוווּנדערט, ווי׳אזוי האָט זיך מיר עס אפילע געקאָנט אויסדוכטן, אז זי איז מיט עפּעס־וואָס ענלעך אף יויכעווערן. אויב פריִער, ביז מײַן טורנע קיין לעני̇נגראד, איז זי מיר געווען ניט צום הארצן, איז זי איצט מיר געוואָרן פּאָשעט דערווידער. ניט נאָר איר אויסזען, נאָר אפילע די שטים אירע. איר יעדע באוועגונג, און באזונדערס איר אומופהערלעכע זאָרג וועגן מיר. דאָס האָב איך אינגאנצן ניט געקענט פארטראָגן. פאר די אויגן איז מיר די גאנצע צײַט געשטאנען יויכעווערן, אזא, ווי איך האָב זי געזען אין גרויסן זאל פון פילהארמאָניע בעשאס מײַן קאָנצערט, און אזא ווי בא מיר אין האָטעל... זי איז געשטאנען פאר מײַנע אויגן שטענדיק. אומעטום, ווו איך בין ניט געווען. איך האָב גערעדט צו איר. איך האָב געשפּילט פאר איר. געשריבן איר בריוו, ניט אָפּגעשיקט און מיט פארגעניגן ווידער געשריבן. צו דער פרוי מײַנער איז בא מיר פארבליבן נאָר א ראכמאָנעס־געפיל, איך האָב ארויסגעוויזן זאָרג, אָבער ניט מער. זיך געסטארעט וואָס ווינציקער, וואָס זעלטענער זײַן אין דער היים. א סאך ארומגעפאָרן. געגעבן קאָנצערטן אין פארשיידענע שטעט.

וועגן יויכעווערן האָב איך גאָרנישט ניט געוווּסט.

אין א פּאָר כאָדאָשים ארום, אין דער צווייטער העלפט פונעם כוידעש אווגוסט, האָט מיר אָפּגעגליקט ווידער צו זײַן אין לעני̇נגראד. מע האָט מיך אײַנגעלאדן אפן יובילייִ פון מײַן געוועזענעם פּעדאגאָג, פּראָפעסאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע. אָפּגעשטעלט האָב איך זיך אין דעם זעלבן האָ־

טעל, וואָס דעמלט, אין „אסטאָריאַ“, ניט ווײַט פון דער בראָדסקי־גאַס, וווּ ס'האָט געוווינט יויכעוועד.

דער ערשטער אָוונט איז בײַ מיר געווען פרײַ, און איך האָב ניט געקענט באַשליסן: אָנקלינגען, צי ניט אָנקלינגען. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, זי האָט דאָך געבעטן. געגאַדי לוואָוויטשן האָט עס אָבער געקענט זײַן ניט צום האַרצן.

„צוליב וואָס, אויב אַזוי, פאַרשאַפן אים אַגמעסנעפּעש? דיר ווילט זיך טאַקע זייער זען זיך מיט איר, נאָר זען, נאָר אויסריידן אַ פּאָר ווערטער. מע דאַרף אָבער ניט. קלינג ניט. לאָז זיי צורו. מיש זיך ניט אַרײַן אין זייער פאַמיליען־לעבן“, — האָב איך זיך געזאָגט. און דאָך אָנגעקלונגען. טאַקע גלײַך, אינעם ערשטן אָוונט. דאָס האַרץ האָט בײַ מיר בעשאַסמײַסע געטיאָכקעט, ווי בײַ אַ יונג באָכערל, וועלכער קלינגט צום ערשטן מאָל צו אַ געליבטער. איך האָב פּאָשעט געגאַרט דערהערן יויכעוועדס שטים, נאָר דאָס טרײַבל האָט גענומען די ניאַניע. „ווער רעדט עס?“ — האָט זי געפרעגט. איך האָב געזאָגט און געבעטן צורופן יויכעוועד איסאַקאָווגען. זי האָט העפלעך געענטפערט, אַז יויכעוועד איז אין דער היים ניטאָ, זי רוט איצט אָפּ אין אַ הויז פּאָר וויסנשאַפטלעכע טוער ניט ווײַט פון לעניגראַד, אין גאַטשינאָ. זי האָט געפרעגט: וואָס איבערגעבן? פון דער יעדיִע, אַז יויכעוועד איז ניטאָ אין שטאָט, איז בײַ מיר גלײַך געפּאַטערט געוואָרן די שטימונג, איך האָב זיך פאַרלוירן, געבעטן איבערגעבן אַ גרוס. און גאָר. מיר האָט שוין באַנק געטאָן, וואָס איך האָב געקלונגען. די ניאַניע וועט דאָך געוויס זאָגן וועגן דעם געגאַדי לוואָוויטשן. געדאַרפט לעכאַטכילע פרעגן וועגן אים, בעטן אים צום טעלעפאָן. ס'האָט זיך באַקומען ניט פײַן. ניט גוט. נאָר ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. אָפן האַרצן האָב איך דערפילט אַ באַגנדיקע פוסטקײַט. זײַן דאָ, אין לעניגראַד, און ניט זען זי, ניט הערן איר שטים אפילע דורכן טעלעפאָן?! וויבאַלד איך האָב שוין געקלונגען, האָב איך געדאַרפט זיך כאָטש דערוויסן, מיט ווענען איז זי דאָרט, און דעם אַדרעס, און צי זי וועט זײַן עפּשער די טעג אין שטאָט. נאָכאַמאָל קלינגען האָט שוין ניט געפּאַסט. די פרייד פון מײַן זײַן אין לעניגראַד איז פאַרשטערט געוואָרן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען איך האָב, פול מיט פאַרדראָס, געצײַלט צום צוג, — איך בין געפאָרן דורך מאָסקווע, — האָט באַם אַרויסגיין פון האָטעל דער פּאָרטיע מיר דערלאַנגט אַ בריוו. ס'איז געווען פון איר, פון יויכעוועדן. שוין אין טאַקסי האָב איך פאַרזיכטיק געעפנט דעם קאָנווערט. זי האָט מיר געשריבן, אַז זי האָט זיך גוואַלדיק דערפרייט, ווען די ניאַניע האָט דורכן טעלעפאָן איר איבערגעגעבן מײַן גרוס. זי איז גליקלעך, וואָס איך האָב אויסגעפילט מײַן צוזאָג און ווידער געקומען. זי איז זייער דאַנקבאַר, וואָס איך פאַרגעס זי ניט. זי האָט בלויז באַדויערט, וואָס איך האָב ניט געזאָגט דער ניאַניע, אין וועלכן האָטעל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. נאָר זי האָט זיך אַן אייצע געגעבן: אויסגעשריבן דעם צעטל טעלעפאָנען פון אַלע אָרטיקע האָטעלן און געקלונגען אַזוי לאַנג, ביז זי האָט ענדלעך זיך דערוווּסט, אַז איך שטיי אײַן אין האָטעל „אסטאָריאַ“. דעמלט האָט זי אָנגעהויבן קלינגען צו מיר. קיינער האָט ניט געענטפערט. נאָכדעם איז

עפּעס געשען אף דער ליניע, דער טעלעפאָן האָט אופגעהערט ארבעטן. דעריבער שרײַבט זי מיר און בעט זייער, איך זאָל אומבאַדינגט קומען צו איר אין אָפּרו־הויז. זי איז מיטן טעכטערל, מיט שולאַמיסן. גענאַדי לוואָוויטש איז אין אַן אויסלענדישער קאָמאַנדירונג. זי האָפט, אז סאָף כוידעש וועט ער זיך שוין אומקערן. אין אָפּרו־הויז וועט זי זײַן נאָך א וואָך. זי פילט זיך גלענצנדיק. דאָס אָפּרו־הויז געפינט זיך אין א ווונדערלעך שיין אָרט. ארום־און־ארום וועלדלעך. אלייעס מיט סאָסנעס און יעלן. די לופט א מעכײַעדיקע. „וועסט דאָ זעלטן גוט פארברענגען. איך בענק נאָך דיר, איך ווארט אף דיר. איך מוז דיך זען. קום אומבאַדינגט. וועסט זײַן צופרידן. דארפסט מיט זיך גאָרנישט ניט נעמען. דאָ איז אלץ פאראן. דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. גלײַך ווי דו וועסט דערהאלטן מײַן בריוו, טעלעגראַפיר אפן אדרעס פונעם אָפּרו־הויז די שאָ, ווען דו קומסט. איך וועל ארויסגיין דיך באגעגענען. געדענק, איך ווארט אף דיר. איך האָב דיר זייער פיל צו זאָגן...״

איבערגעלייענט דעם בריוו, בין איך געבליבן אין פארלעגנהײַט. ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס צו טאָן. ס'האָט מיך ארומגעכאַפּט א גוואַלדיקער פארלאַנג גלײַך צופאָרן צו איר, זען זי, דערוויסן זיך, ווי לעבט זיך איר, וואָס האָט זי מיר איצט צו זאָגן אזוינס. איך האָב געוואָלט שוין אָפּגעבן דעם בילעט, נאָר ס'איז מיר געקומען אפן געדאַנק, אז דאַפקע איצט, ווען גענאַדי לוואָוויטש איז אין קאָמאַנדירונג, איז ניט קעדײַ, ס'איז ניט די צײַט צו זײַן בא איר. און אין דער לעצטער מינוט, ווען דער צוג האָט זיך שוין גערירט, האָב איך זיך ארופגעכאַפּט אף די טרעפּלעך פון וואַגאָן.

קומענדיק קיין מאָסקווע, האָב איך גלײַך פון וואָקזאַל אוועקגעשיקט יויכעוועדן א דרינגענדע טעלעגראַמע. איך האָב איר צו וויסן געגעבן, אז איר בריוו האָב איך באַקומען צו שפּעט, איך בין איצט שוין, צום באַדויערן, ווײַט פונעם אָפּרו־הויז, ווו זי געפינט זיך, נאָר מײַן הארץ איז דאָרטן, ווו זי איז. ווען די טעלעגראַמע איז שוין אוועק, האָב איך א טראַכט געטאָן, אז די לעצטע ווערטער איז ניט קעדײַ געווען צו שרײַבן...

קיין טשיטאַ האָב איך זיך אומגעקערט דעם ערשטן סענטיאַבער, אינעם טאָג, ווען היטלער איז אָנגעפאַלן אף פּוילן. אין עטלעכע טעג ארום, ווי איר ווייסט, האָבן ענגלאַנד און פראַנקרײַך דערקלערט א מילכאָמע דײַטשלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מילכאָמע. און איך האָב דאָך ערשט מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק פארזיכערט יויכעוועדס מאַמען, אז קיין מילכאָמע וועט ניט זײַן. איך בין דעמלט געווען זיכער אין דעם, ניט געזען, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט.

די היטלערישע האָרדעס האָבן פארכאַפּט איין פּוילישע שטאָט נאָך דער אנדערער און מיט יעדן טאָג זיך דערנעענטערט צו אונדזערע מײַרעוו־גרענעצן, צו יויכעוועדס שטעטל. אפן הארצן איז שווער געווען. לײַכטער האָב איך אָפּגעאָטעמט ערשט דעם זיבעצנטן סענטיאַבער, ווען די רויטע אַרמיי איז אריבער די גרענעץ פון דעמלטיקן פּוילן און באַפרײַט מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד און מײַרעוו־אוקראַינע. יויכעוועדס שטעטל, אירע עלטערן, די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער געוועזענער גרענעץ־ליניע איז געווען איצט אויסער געפאַר.

אין יענעם טאָג האָט זיך מיר בוילעט דערמאָנט, ווי מיט פופצן יאָר צוריק בין איך צוזאמען מיט פיניע שוואלב אין איינער א נאכט געשטאנען אף דער וואך בא דער גרענעץ, און, שפאנענדיק לענגויס דעם פארהילטן אין געהיימניספולער טונקלקייט טײַך, האָבן מיר ביידע געטרוימט וועגן יענער צײַט, ווען די אנטקעגנדיקע פוילישע זײַט, ווו עס האָט געוועלטיקט פילסודסקי, וועט אויך באפרײַט ווערן פון סאָציאַלער און נאציאָנאלער אונטערדריקונג...

איצט האָט זיך מיר זייער געוואָלט זײַן דאָרט, א קוק טאָן, ווי זעט איצט אויס די געוועזענע גרענעץ אָן פילסודסקיס זעלנער, דער שטילער טײַך, וועלכער האָט אָפגעטיילט מיט זיך די דעמלטיקע צוויי לאכלוטן באזונדערע וועלטן, ארײַנקוקן אין דעם אנטקעגנדיקן יישעוו, וועלכער האָט געשמאכט אונטער דעם שליאכטישן יאָך, זיך דורכשמועסן מיט די באפרײַטע אײַנוווינער. ס'איז פארבליבן אָבער נאָר א טרוים. איך האָב זיך געפונען דעמלט זייער ווײַט פון יענע מעקוימעס. איך בין ארויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין די שטעט פון מיטל־אזיע, זיך באגעגנט דאָרט מיט פיל פליטים, וועלכע האָבן אלפי־נעס זיך באוויזן צו ראטעווען פון די היטלערישע ראָצכים, גליקלעך־אומגליקלעכע יידן פון פוילן, פון טשעכאָסלאָוואקיע. מע האָט זיי אף די ערטער געגעבן הילף. איך האָב זיך אויך באטייליקט אין דעם, אָפגעזאָגט זיך פונעם האָנאָראר פאר די קאָנצערטן לעטויוועס די פליטים.

אין נאָיאבער האָב איך זיך ווידער געקליבן קיין לענינגראד, ווו ס'האָט געדארפט פאָרקומען די שוין לאנג פארפלאנירטע באגעגעניש פון מר־זיקאנטן־אויספילער, וועלכע האָבן פארענדיקט די בארימטע קאָנסערוואַטאָריע. נאָר פלוצלינג האָט מען עס אָפגעלייגט. ס'איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע מיט פינלאנד. דאָס זײַנען געווען ניט קיין גרינגע כאדאָשים פאר די לענינגראדער און אויך פאר מיר. ווו איך בין ניט געווען, זײַנען מײַנע געדאנקען, איז מײַן הארץ געווען דאָרט, אין דער ליבער שטאָט מיט די איצט אויסגעלאָשענע פײַערן, בא וועלכער עס זײַנען גאָר נאָענט געגאנגען פארביטערטע שלאכטן.

טאָג־אויס, טאָג־אײַן האָב איך מיט אומרו געשפירט נאָך די סוואָדקעס, און אומגעהייער גרויס איז געווען מײַן פרייד, ווען איך האָב, ארויסטרעטנדיק פאר אונדזערער א מיליטער־טייל, וואָס האָט זומער נײַן־און־דרײַסיקסטן אָנטיילגענומען אין די שלאכטן קעגן די יאפאָנישע מיליטאַריסטן בא כאלכין־גאָל, זיך דערוווּסט, אז אין מאָסקווע איז אונטערגעשריבן געוואָרן א שאָלעם־אָפמאך מיט פינלאנד. ס'איז געווען אין מארט כוידעש. און אין אפרעל פון טויזנט נײַן הונדערט פערציק האָבן די היטלעריסטן פארכאפט דענעמארק און נאָרוועגיע, אין מײַ — האָלאנד און בעלגיע, אין יון — פראנקרײַך. די היטלער־ארמיי איז ארײַן אין רומעניע, אין בולגאריע, פינלאנד, דערנעענטערנדיק זיך אלץ מער צו אונדזערע גרענעצן.

היטלערס אָנפאל אף אונדזער לאנד האָט מיך געטראָפן אין קעשענעוו. אפן אדרעס פון דער אָרטיקער פילהארמאָניע האָב איך באקומען א טעלעגראמע פון טשיטא, פון דער פרוי, אז זי איז אלס פארמאצעווט מאָביליי־

זירט אין א סאניטאר־טייל. דעם זעלבן טאָג בין איך אוועק אין מיליטע־רישן קאָמיסאריאט און באשטאנען אף דעם, אז מע זאָל מיך נעמען אין דער ארמיי.

אין א קורצער צייט ארום בין איך שוין געווען אין אן ארטיסטן־בריגאדע אין די טיילן פון דאָרעם־פראָנט. די בריגאדע אונדזערע, וועלכע איז באשטאנען פון זינגער, טענצער, מוזיקאנטן און א פאָרלייענער, איז ארויס־געטראָטן אין פארשיידענע טיילן, אָפט גאָר נאָענט פון דער פאָדערשטער ליניע. ווינטער פון דריי־און־פערציקסטן, ווען איך האָב אף אן אָפענעם קוזאָוו פון א מיליטערישער לאסטמאשין געשפילט פאר די שלאכטלייט, וועלכע האָבן פארפולט די פאָליאנע אין וואלד, שאָסטאקאָוויטשעס אדא־זשיאָ, בין איך אינמיטן שפילן פארוווּנדעט געוואָרן. א שפליטער פון א דייטשישער באָמבע האָט מיר געטראָפן אין האנט עטוואָס העכער פונעם עלנבויגן, אין דעם זעלבן אָרט, ווו ס'האָט איבערגעלאָזט א סימען די קויל פונעם דיווערסאנט, וועלכן מיר, טשאָנאָווצעס, צוזאמען מיט די גרענעצ־לער, האָבן פארהאלטן זומער דעם פיר־און־צוואנציקסטן באם אריבערגיין אונדזער דעמלטיקע מעלוכע־גרענעץ. העכער דריי כאדאָשים האָב איך זיך געפונען אין אן עוואקאָ־האָספיטאל הינטער קויבישעוו. פון דאָרט האָט זיך מיר איינגעגעבן זיך פארבינדן מיט מיין פרוי. זי האָט דעמלט קורסירט מיט דעם אזויגערופענעם סאניטאר־צוג איבער דער מיט אייז־פארקאָוועטער לאדאָגער אָזערע, ארויסגעפירט פארוווּנדעטע פון דער באלאגערטער שטאָט. באלד נאָך דעם ווי ס'איז דורכגעריסן געוואָרן דעם סוינעס בלאָ־קאדע הינטער לענינגראד, האָב איך זי געבעטן אין מיין בריוו, אז, זייענ־דיק אין לענינגראד, זאָל זי זיך צוכאפן אף בראָדסקי־גאס, זיך דערוויסן וועגן דעם גוירל פון יויכעוועד פעווזנער און איר מישפאָכע. וואָס עס האָט זיך דעמלט געטאָן אין דער באלאגערטער שטאָט, האָבן מיר געוווּסט, און איך האָב זייער איבערגעלעבט צוליב זיי. קיין ענטפער האָב איך פון דער פרוי ניט באקומען. ביכלאל איז שוין מער פון איר קיין בריוו ניט געווען. שפעטער, העכער א יאָר ארום, האָב איך זיך דערוווּסט, אז, געפינענדיק זיך אין א סאניטאר־טייל פונעם וואָלכאָווער פראָנט, איז די פרוי מיינע, באם באפרייען לענינגראד פון דער בלאָקאדע, געפאלן אפן שלאכטפעלד...

די יעדיע האָט מיך דערשיטערט. איך האָב זיך דערפילט שולדיק בע־נעגייע איר, טיף באדויערט, וואָס איך האָב עפשער ניט גענוג גוט זיך באצויגן צו אָט דער עלנטער, שטילער פרוי.

באפרייענדיק שטאָט נאָך שטאָט, האָבן אונדזערע מיליטער־טיילן זיך באוועגט ווייטער אף מײרעוו. צוזאמען מיט די טיילן פונעם צווייטן ווייסרוסישן פראָנט האָט זיך באוועגט אויך אונדזער ארטיסטן־בריגאדע. און באוועגנדיק זיך דורך מינסק אין דער ריכטונג פון ווילנע, וואָס איז שוין אויך געווען באפרייט, זיינען מיר דורכגעפאָרן יויכעוועדס שטעטל. איצט האָט דאָס שטעטל מיט זיך פאָרגעשטעלט א פלאץ נאָך א שטארקער סרייפע, א בעסוילעם מיט סטארטשענדיקע שווארצע קוימענס, ווי מאציי־ווע. די היטלעריסטן האָבן דאָרט אלץ כאָרעוו געמאכט און דאָס שטיל־פארוואָרפענע שטעטל אָפגעווישט פון דער ערד. צווישן די פילצאָליקע קרומלעכע, האלב־איינגעפאלענע קוימענס־מאציייוועס האָבן זיך פארהיט

בלויז די נאַקעטע שוואַרץ־פּאַרסאַרפּעטע וועגט פונעם צווייטשטאָקיקן מויערל, ווו ס'האָט זיך אַמאָל געפונען דער קלוב, און אַן איין־איינציק אַרומגעסמאַליעט גאַנעקל, יענץ גאַנעקל, אַף וועלכן איך פלעג פאַרברענגען אין די אָוונטן מיט יויכעווועדן. איבערגעלאָזט האָבן די היטלערישע קויער לעבן דעם זאַרגלאָז־פּליסנדיקן טײַך, אַפן אָרט פון דער גרינער לאָנקע, ווו איך פלעג מיט די פּיאָנערן דורכפירן פריילעכע שפּילן, אַ הויכן אָנשיט פון געלער ערד און רויטן ליים. אונטער דעם באַרג זײַנען געלעגן די פאַרפּײַניקטע אײַנוווינער פון שטעטל, וועלכע די ראָצחים האָבן באַגראָבן לעבעדיקערהייט...

„צי ליגן דאָרט ניט אויך יויכעווועדס עלטערן?״ — אָט דער געדאַנק האָט מיך ניט געלאָזט רוען די גאַנצע צײַט.

אין טאָג פון ניצאָכן איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד האָט מיך באַזונדערס באַהערשט דאָס אומרויִקע געפיל וועגן דעם גורל פון יויכעווועדן און איר מישפּאָכע. זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע מיט פינלאַנד, האָב איך גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן איר. וויאַזוי האָט זי מיט איר געזינד איבערגעלעבט די גרויזאַמע בלאָקאַדע? צי איז, כאָלילע, מיט איר צי מיט עמעצן פון איר מישפּאָכע גאָרנישט ניט געשען?

זיצנדיק מיטן וויִאָלאָנטשעל נאָך אַ קאָנצערט פאַר די שלאַכטלײַט אַף די טרעפּ פונעם רײַכסטאַג, איבער וועלכן עס האָט געפלאַטערט אונדזער רויטע פאָן, האָב איך מיט אַ רעשטל פון אַ בלײַער אָנגעשריבן אַף אַ זײַטל פונעם צעקנייטשטן בלאָקנאָט אַ קורץ בריוול, געבעטן יויכעווועדן און געגאַדי לוואָוויטשן צו וויסן געבן כאָטש מיט עטלעכע ווערטער וועגן זיך. דעם בריוו האָב איך אַוועקגעשיקט אַף זייער אַלטן אַדרעס, ניט זײַענדיק זיכער, אַז זיי וועלן אים באַקומען.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז, צו מײַן גרויסער איבעראַשונג און פרייד, אָנגעקומען מיטאַמאָל אי אַ בריוו, אי אַ קאַרטל. אונטערן בריוו האָבן זיך אונטערגעשריבן סײַ יויכעווועד, סײַ געגאַדי לוואָוויטש. זיי האָבן מיר אויסגעדריקט אַ דאַנק, וואָס איך האָב נאָך אָט דער שווערער צײַט זיך געלאָזט הערן, וואָס איך האָב ניט פאַרגעסן אָן זיי, געוווּנטשן מיר אינגיכן זיך אומקערן אַהיים און דערגרייכן נײַע דערפאָלגן אין מײַן מוזיקאַלער טעטיקײַט. אינעם קאַרטל, אונטער וועלכן עס האָט זיך אונטערגעשריבן בלויז יויכעווועד, האָט זי מיר געגעבן צו וויסן, אַז פאַר דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז פאָרגעקומען אין זייער פאַמיליע־לעבן אַ וויכטיקע נײַס, — וואָס פאַר אַ נײַס האָט זי ניט געשריבן, — און זי בעט מיך, אַז, אומקערנדיק זיך פון בערלין אַהיים, זאָל איך פאָרן דורך לענינגראַד און אומבאַדינגט אַרײַנגיין צו זיי.

כאָטש איך האָב נאָך דעמלט, נאָך מײַנע אומגעוויינלעכע באַגעגענישן מיט יויכעווועדן, באַשטימט באַ זיך מער ניט באַאומרויִקן ניט זי, ניט אים, האָב איך אָנגעלייגט וועג און געפאָרן דורך לענינגראַד. איך האָב געוואָלט פאַרייִנס אויך זײַן אַפן קייווער פון מײַן אומגעקומענער פרוי. באַערן איר אָנדענק. עטלעכע טעג בין איך געווען פאַרנומען מיט אָפּזוכן איר קייווער. איך האָב אָנגעפרעגט אין פאַרשיידענע אינסטאַנצן, זיך באַגעגנט מיטן קאָמאַנדיר פונעם סאַניטאַר־טייל, אין וועלכן זי האָט געדינט, געווען

אין אלע ערטער, ווו דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן יאַנוואַר, אין דעם לעצטן טאָג פון דער שלאַכט־אָפּעראַציע, זײַנען געגאַנגען די קאַמפן, זיך פאַנאַנדערגעפּרעגט בא וועמען ס'איז נאָר מעגלעך געווען, און א באַטריבטער פון דעם, וואָס נאָך אַלע באַמיִונגען מײַנע האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן פעסטשטעלן, ווו איר געביין געפינט זיך, האָב איך זיך אומגעקערט א צעבראָכענער אין האָטעל. איך האָב אָנגעצונדן צוויי גרויסע ליכט בא זיך אין נומער, א מעסלעס ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט אריבערגעטראָטן די שוועל, געזעסן מיטן וויִאָלאָנטשעל אנטקעגן די טרויעריק־בּרענענדיקע ליכט און געשפּילט באַכס « Ave Sancta Maria » און געטראַכט, אַז מעגלעך, ווען זי גייט זיך ניט צונויף מיט מיר, וואָלט זי געוווסט פון א מער גליקלעך לעבן.

אפמאָרגן האָב איך אָנגעקלונגען יויכעווערן. געענטפערט האָט מיר דאָס אונטערגעוואַקסענע טעכטערל אירס, שולאַמיס. מיט אַן אָנגענעם יאָמטעוודיקן קעלכל האָט זי געזאָגט, אַז די מאַמע דאַרף באַלד זײַן אין דער היים. און דער טאַטע ווערט, מיסטאַמע, אויך אינגיכן קומען... מיר האָט זיך געוואָלט פריִער זיך באַגעגענען מיט יויכעווערן, זיך דערוויסן, וואָס פאַר א וויכטיקע נײַס איז געשען בא זיי? פאַרוואָס האָט זי געשיקט אויסערן בריוו נאָך א באַזונדער קאַרטל? צי ווייסט וועגן דעם גענאַדי לוואָוויטש? אוועלכע זײַנען איצט אירע באַציִונגען מיט אים? צי זײַנען פאַרבליבן בא איר וועלכע־ניט־איז סוידעס? ווי דאַרף איך זיך האַלטן?.. איך האָב גיך זיך אָפּגעגאָלט און מיט ברייטע טריט אוועקגעשפּאַנט, קעדיי באַווײַזן, ביז גענאַדי לוואָוויטש וועט קומען, זיך דורכריידן מיט איר.

די בראָדסקי־גאַס און דאָס הויז, ווו זיי האָבן געוווינט, האָט אויסגעזען אַזוי, ווי פריִער, אַלץ אפן אָרט, אפילו די קנאָפּקע פון טיר־גלעקל. איך האָב אָנגעקלונגען, עפּשער צו שטאַרק. באַלד האָב איך דערהערט לײַכטע טריט. „ס'איז זי, יויכעווערד״, — האָב איך מיט צופרידנקײַט א טראַכט געטאָן. ס'האָט זיך געעפנט די טיר, און דערזען האָב איך פאַר זיך גענאַדי לוואָוויטשן. ער איז געווען אין דער גענעראַל־אוניפאָרם. ער האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט מיך ניט דערקענט. א רעגע זײַנען מיר געשטאַנען איינער אנטקעגן אַנדערן שווײַגנדיק, ער — א גענעראַל־לייטענאַנט פון אינזשעניערן־מיליטער, איך — א דעמאָביליזירטער פּאָשעטער סאָלדאַט, א ריאַדאָוואָי.

— אנטשולדיקט, — האָב איך פאַרלוירן געזאָגט, — עפּשער בין איך ניט צו דער צײַט...

— סאָלאָמאָן עליזאַראָוויטש, דאַכט זיך, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט? — האָט ער אָן איבעריקער פרייד זיך אָנגערופן. — איר זײַט שוין לאַנג אין לענינגראַד? ספּעציִעל, אָדער... נו, קומט ארײַן, — האָט ער, ווי בײַקומענדיק עפּעס אין זיך, טרוקן מיך אײַנגעלאַדן. — זעצט זיך צו, אויב איר אײַלט זיך ניט. באַלד דאַרף קומען אויך די באַלעבאָסטע. זיך פאַרהאַלטן מיסטאַמע אין אוניווערסיטעט. זי איז דאָך שוין דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, פּאַרוואַלטער פון א קאַטעדרע, האָט צו טאָן מיט די שטערן.

ער האָט גערעדט, האָב איך געפילט, קעדיי איך זאָל ניט באמערקן אין אים א געוויסע אומצופרידנקייט מיט מיר, מיט דעם, וואָס איך האָב ניט געבעטענערהייט אומדערוואַרט זיך אַרײַנגעשטעלט מיט א וויזיט, און אויך עפשער קעדיי עפּעס פארהלושען אין זיך. ס'איז געווען ניט יענער געגנאַדי לוואָוויטש, וואָס פריִער. ניט יענע נאָענטקייט, גאסטפרײַנטלעכקייט, אָפנ־הארציקייט, עפּעס אן אומקלאָרע אײַנגעשלאָסנקייט אין זיך האָט זיך גע־פילט אין זײַן האלטן זיך, אין זײַן ריידן, אין זײַן בליק. גערעדט האָט ער, ווי בעקיוון דעריקער נאָר וועגן יויכעווען, געלויבט זי שטארק, דערציילט, אז בעשאס די פאשיסטישע „יונקערסן" האָבן באָמבירט די פולקאָווער אָבסערוואטאָריע, האָט יויכעווע, שוין זײַענדיק פארווונדעט אין האנט, ריזיקירט מאמעש מיטן לעבן און גערעטעוועט פון דאָרט זייער ווערטפולע אויסשטאטונג, דאָקומענטאציעס, פארלאָזט האָט זי די אָבסערוואטאָריע אין דער לעצטער מינוט, ווען די דײַטשן זײַנען שוין געווען גאָר נאָענט. ביכלאל האָט זי זיך אויסשליסלעך גוט געהאלטן אין די שווערסטע טעג פון דער בלאָקאדע.

אגעוו־אורכע האָט ער נאָכאמאָל א פרעג געטאָן, וויפל צײַט בין איך שוין דאָ אין לענינגראד און ווי לאנג קלײַב איך זיך פארהאלטן דאָ. איך האָב געזאָגט, אז איך בין דאָ שוין עטלעכע טעג, געזוכט דעם קייווער פון מײַן פרוי, וועלכע איז אומגעקומען באם באפרײַען לענינגראד פון דער בלאָקאדע, נאָר טראָץ מײַן מי האָט זיך מיר, צום גרויס באדויערן, ניט אײַנגעגעבן פעסטשטעלן דאָס אָרט, ווו זי האָט געפונען איר אייביקע רו. מער האָב איך דאָ ניט וואָס צו טאָן און רעכן מאָרגן אוועקפאָרן. דאָס שײַנע געזיכט פונעם גענעראל, וואָס איז געווען ביז איצט פארוואָלקנט, האָט זיך קענטיק עטוואָס אויסגעלײַטערט. ער איז געוואָרן אופגעלייגטער, זיך צוגעזעצט, זיך פאנאנדערגעפרעגט מיט א באזונדער אינטערעס וועגן מײַן אומגעקומענער פרוי, אין וואָס פאר א טייל האָט זי געדינט, און א באטריבטער דערציילט, אז בא אים זײַנען צוויי ברידער אומגעקומען אפן פראָנט. דער עלטערער אין די שלאכטן פאר סטאלינגראד, דער יינגערער בייס דעם שטורעם פון בערלין. א שוועסטער מיט פינף קינדערלעך, איינס קלענער פונעם אנדערן, האָבן די פאשיסטן אומגעבראכט אין ביקערניעווער וואלד לעבן ריגע, א צווייטע שוועסטער מיט אן אויפעלע, צוזאמען מיט עטלעכע טויזנט פרויען און קינדער זײַנען, עוואקויִרנדיק זיך פון אָדעס, דערטרונקען געוואָרן מיט דער צעבאָמבירטער שיף אין שווארצן יאם ניט ווײַט פון סעוואסטאָפּאָל. דער טאטע, דער אקאדעמיקער ראבונסקי, און די מאמע זײַנען אינעם ערשטן מילכאָמע־יאָר אין טאשקענט געשטאָרבן פון טיפוס. פון זייער גאנצער מישפּאָכע איז ער דער איינציקער געבליבן לעבן. ער איז געווען שווער קאָנטוזיעט, געלעגן אין שפּיטאָל. יויכעווע איז אף א רעגע ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן בעט. זי האָט אים געשטעלט אף די פיס. מיר האָט זיך זייער געוואָלט וויסן, וואָס איז מיט יויכעוועדס טאטע־מאמע. נאָר איך האָב ניט געפרעגט, קעדיי קיין איבעריק מאָל ניט דערמאָנען איר, יויכעוועדס, נאָמען. איך האָב געפילט, ווי די שטימונג האָט זיך בא אים אלע ווײַלע געביטן. נאָר בא מיר האָט זיך פארהיט צו אים דאָס זעלבע גוטע געפיל, וואָס פריִער, ער איז מיר געווען נאָענט און ליב,

אויסער אלדאָס איבעריקע, שוין דערמיט, ווײַל ער איז יויכעוועדס מאַן. א טייל פון מײַן ליבע צו יויכעוועדן האָב איך אריבערגעטראָגן אף אים.

פון גערױמען קאָרידאָר האָט זיך דערטראָגן א פריילעך טופּען פון קינדערשע טריט, און באלד זײַנען אין עסצימער, ווו מיר זײַנען געזעסן, ארײַנגעלאָפן א שיין מיידעלע, א קאָפּיע פון יויכעוועדן, זייער אונטערגעוואקסן טעכטערל, שולאמיס, נאָך איר א בלייכינק פײַן ייִנגעלע אין קורצינקע בלויע הייזלעך אף ווײַסע שלייקעלעך. שולאמיס האָט זיך באַגריסט, א קוש געטאָן דעם טאטן, געזאָגט, אז זיי האָבן א ווײַל זיך געשפּילט אין הויף, און גלײַך אוועק אין קינדער־צימער. דאָס קורץ־אונטערגעשוירענע ייִנגעלע מיט די זייער לעבעדיקע אייגעלעך האָט, הויך סמאָטשקענדיק מיט די ליפּן, אויך א קוש געטאָן אים. געגאַדי לוואָוויטש האָט אים ארומגענומען און א קוש געטאָן אי אין שטערנדל, אי אין נעזל.

— שולאמיס איז בא אײַך שוין באלד א קאַלע־מויד, — האָב איך א זאָג געטאָן, — זי איז אינגאנצן די מאמע. און ווער איז דאָס ייִנגעלע?

— דאָס ייִנגעלע? — האָט ער איבערגעפרעגט, און איך האָב געפילט, אז עפּעס קוועטשט אים, קאָראָבעט אים, — ס'איז אונדזער זונעלע, יאָ, — האָט ער, ווי עמעצן אפּצולאָכעס, צוגעגעבן און נאָכאמאָל אים א קוש געטאָן. גלײַך ער וואָלט מיט דעם אויסקויפן עפּעס זײַנע א שולד פארן קינד. — שאָלעם, גיי צו און באגריס זיך מיט סאָלאָמאָן עליזאראָוויטשן, — האָט ער זייער רויִק געזאָגט.

— הערט א מײַסע! — האָב איך אויסגערופן. — איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אז עס קומט אײַך מאזלטאָוו.

איך האָב אים באגריסט פון פולן הארצן און געווונטשן האָבן פיל נאַכעס פונעם זונעלע.

— קום, קום צו מיר, — האָב איך אים א רוף געטאָן.

איך האָב זייער ליב קינדער, זיי פילן עס און ווערן גיך באפרײַנדעט מיט מיר.

שאָלעמקע האָט זיך גלײַך צוגעבונדן צו מיר. איך האָב אים גענומען אף די הענט, א גלעט געטאָן איבערן קעפּל.

— סארא ליב ייִנגעלע, סארא קלוגער בליק. זייער ענלעך אף אײַך, — האָב איך, ווענלנדיק אים פארשאפן פארגעניגן, זיך אָנגערופן צו געגאַדי לוואָוויטשן.

— אף מיר? — האָט ער אָנגעכמורעט מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע ערלעכע אויגן. — איר האָט א טאָעס, — און, ווענלנדיק, קאָנטיק, אריבערפירן דעם ניט אַנגענעמען געשפּרעך אף עפּעס אנדערש, א פרעג געטאָן, צי איז פארבליבן בא מיר אין טשיטא א יוירעש.

ניט פארשטייענדיק, אייגנטלעך, צוליב וואָס ער פרעגט עס, האָב איך אים געענטפערט, אז מײַן אומגעקומענע פרוי איז, נאָך איידער איך בין זיך מיט איר צונויפגעגאנגען, געווען קראנק, און זי האָט, צום גרויס באַדויערן, קיין קינדער ניט געקאָנט האָבן. מיר גייט שוין דאָס אכט־און־דרײַסיקסטע יאָר, און איך האָב קיינעם ניט אף גאָר דער וועלט. פארבליבן איין־אליין, אָן א פרוי, אָן א קינד...

אונטערהוידענדיק שאָלעמקען אַף די קני, האָב איך א פרעג געטאָן, ווי אלט איז ער.

— ווי אלט? — געגאַדי לוואָוויטשעס געזיכט איז ווידער עטוואָס פאַר־וואָלקנט געוואָרן. — איך וועל אײַך באלד זאָגן. וויפל איז, אז ס׳איז געווען דאָ אײַער קאָנצערט, אז איר זײַט געווען צוגאסט בא אונדז? — האָט ער טרוקן א פרעג געטאָן. — ס׳איז געווען אין יון נײַן־און־דרײַסיקסטן, מיט זעקס יאָר צוריק. אין אפרעל האיאָר איז שאָלעמקען געוואָרן פינף יאָר.

ער האָט מיט א ניט־באהאלטענעם פאַרדראָס א רוף געטאָן דאָס קינד צו זיך, ווידער א קוש געטאָן אים און געהייסן גיין אין קינדער־צימער צו שולאמיסן.

איך האָב זיך גוואלדיק פארלוירן, זיך דערפילט אזוי, ווי איך וואָלט ווירקלעך געווען מיט עפּעס שולדיק בענעגייע געגאַדי לוואָוויטשן. אין אַט דער רעגע איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אז כאָטש איך בין קעגן אים קיין שום אוולע ניט באגאנגען, האָב איך אים דאָך אומזיסט און אומנישט צעבויטעט, פאַרביטערט דאָס לעבן. איך האָב ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס זאָגן אים, ווי האלטן זיך, וואָס טאָן. א קאלטער שווייס האָט ארויס־געשלאָגן מיר אפן שטערן. איך האָב ניט געפּרוווט אפילע אויסוואישן, ער זאָל עס ניט באמערקן, און ניט מיינען, אז איך בין טאקע שולדיק אין זײַן פאַרדאכט. איך האָב זיך געפילט אזוי, ווי איך זאָל זיצן אף א באַ־שולדיקונגס־באנק און האָב קיין איין פאסיק וואָרט ניט אף צו פארטיידיקן זיך.

אין אַט דעם מאָמענט האָב איך דערהערט אין קאָרידאָר באקאנטע טריט, און ס׳איז באלד ארײַן, מיטברענגענדיק מיט זיך דעם אײדעלן גערוך פון בלי׳ענדיקער אקאציע, עטוואָס א מידע, יויכעוועד. דערזען מיך, איז זי, אַן איבערראשטע, געבליבן שטיין בא דער שוועל.

— סאָליאַ!.. ווען? ווי׳אזוי? — האָט זי פריידיק אויסגערופן און זיך געלאָזט צו מיר. — אָך, סאַרא סורפּריז! סאַרא גאסט! — האָט זי שטארק געדריקט מיר די האנט. — האָסט דערהאלטן אונדזער בריוו? דעם בריוו, וואָס איך און געגאַדי האָבן דיר געשיקט קיין בערלין? ווען זשע ביסטו געקומען? פאָרסט צו זיך אהיים? וויפל, סאָליא, אז מיר האָבן זיך ניט גע־זען? פינף יאָר. ניין. שאָלעמען איז דאָך שוין העכער פינף. זעקס יאָר, יאָ, זעקס יאָר אדורך. אָך, סאַרא שווערע יאָרן זײַנען עס געווען! אבי מע זעט זיך. סאָליא, האָסט געזען אונדזער שאָלעמען? וואָס זאָגסטו אף אים? ער שפּילט דאָך שוין פידל. און שולאמיסן האָסטו געזען? און וואָסי בא דיר, דײַן פרוי ווו איז? קינדער האָט איר? — האָט זי מיך פארוואָרפן מיט פראגן.

מיט איר ארײַנקומען האָט זי מיך פאַשעט געראַטעוועט. איך האָב לײַכטער אָפּגעעטעמט.

— ביסט שוין א צײַט דאָ, בא אונדז? גיי ווייס, איך האָב זיך פאַר־האלטן אף דער קאטעדרע, — האָט זי באדויערט, — ביסט אוודע הונגע־ריק, געגאַדי, דו ווילסט עסן, צי דו האָסט שוין געמיטיקט אין אײַער רעס־טאָראציע?

גענאַדי לוואָוויטש האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט שוין געמיטיקט. איך האָב העפּלעך, נאָר קאַטעגאָריש זיך אויך אָפּגעזאָגט, זיך פֿאַרופֿן אַף דעם, אַז איך דאַרף באַלד זײַן אין האָטעל. יויכעוועד האָט זייער באַדויערט.

פֿאַר די זעקס יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָבן בײַ יויכעוועדן צווישן די גינגאָלדענע האָר ערטערווײַז זיך באַוויזן באַזילבערטע. דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער כיין און זי האָט אויסגעזען אין מײַנע אויגן אַזוי שיין, ווי פֿריִער. ביכלאַל האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי ווערט שטענדיק, שטענדיק זײַן שיין און שלאַנק און מילד.

— וואָס זשע, גייסטו טאַקע שוין אַוועק? — האָט זי מיט פֿאַרדראָס געפֿרעגט. — גענאַדי, דו אַלס גענעראַל ווירק אַף סאָליאַן דעם ריאַדאָוואָי. מיר האָבן דאָך נאָך גאָרנישט ניט גערעדט. מאָרגן וועסטו קומען?

— עפּשער, אויב איך וועל ניט אַוועקפֿאָרן, — האָב איך געענטפֿערט.

— פֿאַרהאַלט זיך כאָטש נאָך אַף אַ פּאָר טעג. קאָנסט זײַן בײַ אונדז. וועסט האָבן אין דײַן רעשוס אַ באַזונדער צימער און אַלע באַקוועמלעכקײַטן. גענאַדי, זאָג אים, ס'איז דאָך פֿאַראַן אַזויפֿיל צו ריידן. יעדערער פֿון אונדז האָט דאָך אַזויפֿיל איבערגעלעבט פֿאַר דער צײַט.

— אויב איך וועל קאָנען, וועל איך אַרײַן, — האָב איך געזאָגט, זײַענדיק בײַ זיך זיכער, אַז דאָס בין איך בײַ זיי דאָס לעצטע מאָל. איך האָב זיך אופֿגעהויבן, גרייט זיך געזעגענען.

— וואַרט צו איין רעגע, איך וועל נאָר צוקעמען די האָר, וועל איך דיך גיין באַגלייטן.

איך האָב ניט געוואָלט, אַז יויכעוועד זאָל גיין אָן גענאַדי לוואָוויטשן, און פֿאָרגעלייגט אים זיך אויך דורכגיין.

— גוט, — האָט ער זייער רויִק און העפּלעך געזאָגט, — איר וועט צוּוואַרטן אַף מיר אין הויף, אין סעדל, איך וועל זיך איבערטאָן און אַרויסגיין.

— גענאַדי טײַערער, איך בעט דיך זייער, צווינג נאָר ניט אונדז לאַנג צו וואַרטן.

באַלד ווי איך מיט יויכעוועדן זײַנען אַרויס, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך האָב געהאַט אַ שרעקלעכע אומאָנגענעמלעכקײַט, און דערציילט, וואָס גענאַדי לוואָוויטש האָט מיר געענטפֿערט אַף מײַן פֿראַגע, ווי אַלט איז שאָלעם, און ווי ער האָט אופֿגענומען מײַן באַמערקונג, אַז שאָלעם איז ענלעך אַף אים.

— זײַנע ווערטער האָבן מיך פּאָשעט געפּלעפּט. צי דען איז ער כוישעד... ווייסט דאָך, אַז איך בין גאָט די נעשאָמע שולדיק...

— דו ביסט שולדיק. נאָר דו, סאָליאַ, ביסט שולדיק, — האָט זי זיך צעשמייכלט, — ווײַל שאָלעמקע איז געקומען אַף דער וועלט נאָר אַדאַנק דיר. יאָ, יאָ, איך האָב דאָך דיר געשריבן, אַז בײַ אונדז זײַנען פֿאַראַן וויכטיקע נײַעס. אָט דאָס איז די נײַעס. אין אונדזער מישפּאָכע איז צוגעקומען אַ טײַער קינד. נאָך דײַן אַוועקפֿאָרן, סאָליאַ, איז מיט מיר פֿאָרגעקומען אַזוינס, וואָס איך קאָן דיר ניט איבערגעבן. איצט איז עס שוין אַדורך. נאָר דעמלט האָב איך זיך קיין אָרט ניט געפֿונען. איך בין אַרומגעגאַנגען, ווי אַ פֿאַרשיקערטע. זיך געסטאַרעט באַרויִקן און ניט געקאָנט. וואָס איך האָב ניט געטאָן, האָט ניט געהאָלפֿן. איך האָב דעמלט פֿאַרשטאַנען, אַז עס קען מיך ראַטע־

ווען נאָר איינס: האָבן א קינד. איך האָב געזאָגט עס גענאַדין. גענאַדי לוואָ־וויטש ווייסט זייער ווויל, אז שאָלעמקע איז זײַן זונעלע. אומזיסט האָסטו זיך אזוי גענומען צום הארצן. האָסט אים פּאַשעט ניט ריכטיק פאַרשטאַנען.

עס האָט זיך געוויזן גענאַדי לוואָוויטש. ער איז געווען איצט אין א צי־ווילן אַנצוג, וואָס איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אַף זײַן הויכער שטאַלטנער פיגור. דערזעענדיק אים, האָט יויכעוועד זיך צעלאַכט, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ עטוואָס אהינטער.

איך האָב זי צום ערשטן מאָל געזען אזא לאַכנדיקע.

— וואָסי? — האָט גענאַדי לוואָוויטש געלאָסן א פרעג געטאָן, צוגייענדיק עטוואָס נעענטער.

— איך וועל דיר שפּעטער דערציילן, — האָט זי זיך נאָך העכער צע־לאַכט. — נו, קומט.

— וווהין? — האָט גענאַדי לוואָוויטש געפרעגט. — אין וועלכן האָטעל האָט איר זיך אָפּגעשטעלט?

ס'האָט זיך געפילט, אז אין איר אַנוועזנהײַט סטאַרעט ער זיך האַלטן וואָס העפלעכער מיט מיר.

איך האָב געזאָגט, אז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פון זיי, אינעם האָטעל „אסטאָריאַ".

— ביסט אליין? אין וועלכן נומער? — האָט יויכעוועד געפרעגט.

— אליין. אינעם אכצעטן.

— זע נאָר, איז דעם זעלבן נומער, אין וועלכן דו ביסט דעמלט אײַנ־געשטאַנען, — האָט זי מיט פאַרוואונדערונג געזאָגט.

— יויכעוועד, דו ווייסט, — האָב איך זי איבערגעשלאָגן, — איך בין דאָך געווען דאָרט, אַף יענעם אָרט, ווו ס'האָט זיך געפונען אײַער שטעטל.

— וואָס רעדסטו, סאָליאַ? ביסט געווען דאָרט? ווען? ווי אזוי? — האָט זי אויסגערופן.

איך האָב גאַנץ גענוי דערציילט, ווי אזוי איך בין געווען דאָרט, וואָס געטראָפן, וועגן אלץ, אלץ, און אויך, אז צווישן די קוימענס־מאַצייוועס האָבן זיך פאַרהיט בלויז די נאַקעט־פאַרסאַרפּעטע ווענט פונעם געוועזענעם קלוב און זייער גאַנעקל.

— און דו האָסט אליין מיט דײַנע אויגן געזען אונדזער גאַנעקל?.. גע־נאַדי, איך מוז אויך צופאָרן אהין. סאָליאַ, לאָמיר פאָרן צוזאַמען. אליין איז מיר שרעקלעך...

— בא דיר איז דאָרט פאַרבליבן עמעצער?.. — האָב איך פאָרזיכטיק א פרעג געטאָן. — וואָסי מיט דײַנע עלטערן?

— אוי, פרעג ניט... נאָך אַנהייב מילכאָמע... — זי האָט א וויש געטאָן די אויגן און אנשוויגן געוואָרן.

א ווײַלע זײַנען מיר געגאַנגען, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

— כעוועדל, ביסט ניט מידי? — האָט גענאַדי לוואָוויטש פאַרזאָרגט גע־פרעגט.

— ניין, — האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, ווי זי וואָלט זיך אויסגערעדט דאָס הארץ, דערציילט, אז דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען מיט עטלעכע טעג פאַר דער מילכאָמע געקומען צו פאָרן קיין כאַרקאָוו צו

איר עלטערער שוועסטער אַף דער כאַסענע פון זייער אייניקל, זייער אַ גערעטן אַכצניאָריק מיידל, אַ מאַלערן. אין שטעטל האָבן זיי זיך שוין ניט אומגעקערט. אינגיכן האָט מען זיי פון כאַרקאָוו עוואַקויִרט. אַפן וועג איז דער טאַטע פאַרשלאָפט געוואָרן. זיי זײַנען פאַרבליבן אין מאַריופּאָל. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די היטלעריסטן פאַרכאַפּט די שטאָט, און אַלע ייִדן זײַנען דאָרט אומגעקומען.

זי האָט זיך דערמאָנט, קאָנטיק, וואָס איך האָב איר דערציילט וועגן שטעטל, האָט זי מיט אַ מידער שטים געזאָגט:

— געווען אַ שטעטל און אויס. פאַרבליבן איין גאַנעקל. עס וועט שוין קיינמאָל, קאָלזמאַן די וועלט וועט שטיין, אַזאַ שטעטל ניט זײַן.

מיר זײַנען צוגעקומען צום האָטעל. איך האָב געזען, אַז יויכעוועד וויל זיך נאָך ניט צעשיידן. אין איר איז שוין ניט געווען יענער פלאַם. זי האָט געקוקט אַף מיר מיט אַ רויִק־שטילער בענקשאַפט, ווי אַף אַ נאָענטן אַלטן פרײַנט, וועלכער דערמאָנט איר אין די פאַרגאַנגענע טעג...

— זאָלסט מאָרגן אומבאַדינגט קומען צו אונדז אַף מיטיק, — האָט זי געזאָגט, געזעגענענדיק זיך, — און ביכלאַל, געדענק, ווען דו וועסט נאָר זײַן דאָ, זאָלסטו אומבאַדינגט קומען צו אונדז. פאַרגעס אונדז ניט.

גענאַדי לוואָוויטש האָט אויך, עמעס אַ ביסל אײַנגעהאַלטן, געבעטן אַף ווײַטער אַרײַנקומען צו זיי.

אַ צערודערטער בין איך געבליבן שטיין אין פּאָיע פון האָטעל און דורך דער גלעזערנער טיר מיט בענקשאַפט נאָכגעקוקט יויכעוועדן און גענאַדי לוואָוויטשן, וועלכע זײַנען פּאַמעלעך אַוועק, ריידנדיק עפּעס צווישן זיך.

מיר האָט באַנק געטאָן פאַר אים. זייער באַנק געטאָן: „ער גלייבט איר, יויכעוועדן. זיכער. נאָר דאָך דערוועקט זיך אין אים, קאָנטיק, פון מאָל צו מאָל אַ ברעקל סאָפעק, וואָס מאַטערט אים, — האָב איך פאַרזאָרגט געטראַכט, — ער זאָגט עס אָפן ניט אַרויס, נאָר אָט דער פּיצינקער, נישטיקער סאָפעק פּײַניקט אים”. און איך האָב זיך דערפילט אַזוי, ווי איך וואָלט בעמעס, כאָטש ניט ווילנדיק, נאָר דאָך באַגאַנגען אַ פאַרברעכן בענעגייע אים.

ווען יויכעוועד און גענאַדי לוואָוויטש האָבן פאַרקערעוועט אַף אַ צווייטער גאַס און איך האָב זיי מער ניט געזען, האָב איך זיך צערעכנט פאַרן נומער, פאַרכאַפּט דאָס איינציקע פאַרמעגן מײַנס — דעם וויִאָלאָנטשעל — און אוועקגעאײַלט אַפן וואָקזאַל.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום בין איך אוועקגעפאָרן.

אין טשיטאַ איז מײַן דרײַצימערדיקע דירע געווען פאַרנומען. די פריִ־ מײַנע האָט, אוועקגייענדיק אין אַרמיי, אַרײַנגעלאָזט אין דער דירע די אָפּ־ ראַמערן פון אַפּטייק מיטן מאַן און פיר קינדערלעך. דעם מאַן האָט מען אינגיכן מאָביליזירט, און ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע אָן אַ האַנט. אָן אינוואַליד. כאָטש איך האָב געהאַט אַלע רעכט אַף באַקומען צוריק די דירע, האָב איך זיך אַליין אָפּגעזאָגט און זיך באַנוגנט מיט אָן אַנדער איינצימערדיק קליינינק דירעלע. ס'האָט מיר דאָרט געקלעקט אָרט אַי פאַר אַ טיש, אַי פאַר די ביכער־שאַפעס, אַי פאַר אַ דיוואַן, און דעריקער פאַרן וויִאָלאָנטשעל. מער האָב איך גאָרנישט ניט באַדאַרפט. איך האָב ווי־ דער געאַרבעט אין דער מוזיק־שול און פיל אַרומגעפאָרן, געגעבן קאָנ־

צערטן אױף סאכאלין, אין יאקוטיע... געלעבט האָב איך אַלײן. אײן־אַלײן. פֿון יױכעװעדן קײן שום ידיעס ניט געהאַט. אָפֿט פֿלעגט זיך מיר װעלן אָנשרײַבן איר כאָטש א פּאָר װערטער אָדער אָנקלינגען, נאָר איך האָב ניט געשריבן און ניט געקלונגען.

אין א פּאָר יאָר ארום נאָך דער מילכאָמע איז אין לענינגראד געװען א באגעגעניש פֿון מוזיקאנטן־אױספֿילער, װעלכע האָט געזאָלט פֿאָרקומען נאָך ערעװ דער מילכאָמע. איך האָב באקומען אן אײַנלאדונג. דאָס מאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „נעװא״, גאנץ װײַט פֿון דער בראָדסקי־גאַס, אױף װעלכער עס האָט געװױנט יױכעװעד מיט איר מישפּאָכע. אין דער פֿרײַער צײַט, װאָס איך האָב געהאַט, האָט זיך מיר זײער געװאָלט זי זען און אױך אים, און זײערע בײדע קינדער — שולאמיסן און שאָלעמען, אױב ניט זען, איז כאָטש אָנקלינגען. איך האָב אָבער װידער און װידער, שױן צום װיפֿלטן מאָל, זיך געזאָגט: „נײן, דו דאַרפֿסט ניט גײן, און דו דאַרפֿסט ניט קלינגען. קיל אָפּ דאָס הארץ. פֿארלעש די געפֿילן. קלינג ניט. גײ צו זײ מער ניט, לאָז זײ פֿארגעסן אָן דיר. דערמאָן זײ ניט אָן דײַן צוגעבונדנקײַט צו זײער שטוב. שטער זײ ניט״. איך האָב זיך געזידלט, געמוסערט זיך אַלײן, געבעטן זיך בא זיך, אײַנגעטײַנעט מיט זיך און בין צו זײ ניט געגאנגען, ניט געקלונגען. איך בין בלױז עטלעכע מאָל, שפּעט אין אָװנט, זיך דורכגעגאנגען הין און צוריק איבער דער שױן שטילער בראָדסקי־גאַס אנטקעגן זײער גרױסארטיקן הױז, זיך אומגעקוקט אױף די העל־באלױכטענע פֿענצטער, זיך צוגעהערט צו די צארטע קלאנגען פֿון א פֿידל, װאָס האָט זיך דערטראָגן פֿון דאָרט, געכאַפּט א בליק אױף זײער באלקאָן, װו דעמלט, שפּעט באנאכט, װען איך האָב צוגעפֿירט יױכעװעדן פֿון האָטעל אױף א טאקסי אהער, איז געשטאנען אײנער אַלײן גענאדי לװאָװיטש און געװאַרט אױף איר.

לױט דעם, װי ס׳האָבן פֿון מאָל צו מאָל זיך באװעגט שאָטנס אױף דער אנטקעגנדיקער װאנט, איז קאָנטיק געװען, אז מע גײט דאָרט ארום. נאָר װער? זי, יױכעװעד? גענאדי לװאָװיטש? צי שולאמיס אָדער שאָלעם? איך האָב זײ אַלעמען ליב געהאַט, אַלעמען, װעלכע האָבן געהאַט א שײַכעס צו איר. װען יױכעװעד זאָל װיסן, אז איך שפּאן דאָ ארום, װאָלט זי געװיס ארױסגעלאָפֿן צו מיר. נאָר גלײַכער, אז זי זאָל ניט װיסן אפֿילע, אז איך בין געװען דאָ, אין לענינגראד. איך בין אװעק, זיך לאנג נאָך ארומגעדרײט איבער די גוט באקאנטע גאסן און א מידער זיך אומגעקערט אין האָטעל. אינדערפֿרי האָט מען מיך אײַנגעלאדן אין פֿילהארמאָניע, פֿאָרגעלײגט אריבערפֿאָרן פֿון טשיטא אהער, קײן לענינגראד, אָנקומען אלס סאָליסט אין סימפֿאָנישן אָרקעסטער. װעגן אזױנס האָב איך געקאָנט בלױז טרױמען, איך האָב זיך אָבער אָפּגעזאָגט.

די באגעגעניש פֿון מוזיקאנטן־אױספֿילער, געװעזענע סטודענטן פֿון לענינגראדער קאָנסערװאטאָריע, האָט געדױערט דרײַ טעג. דער לעצטער אָװנט פֿארן אװעקפֿאָרן איז בא מיר געװען פֿרײַ. און ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט קריגן א בילעט אױפֿן ספּעקטאקל „טעװיע דער מילכיקער״ אין דער אױפֿירונג פֿונעם מאָסקװער יידישן טעאטער, װעלכער האָט דאָ גאסטראָלירט. איך האָב עטװאָס פֿארשפּעטיקט און פֿארנומען מײַן אָרט אין פּאר־

טער, ווען ס׳האָט זיך שוין אופגעהויבן דער פאָרהאנג און אף דער בינע האָט זיך באוויזן מיכאָעלס אין דער ראָל פון טעוויע. אין זאל האָט געדונערט פון אפלאָדיסמענטן. אן איבעראשטער פון מיכאָעלסעס שפילן, האָב איך נאָכגעשפירט נאָך יעדן זשעסט זײַנעם, אופגעכאפט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געטאָקט ארויסגעבראכט, און ניט באמערקט, ווער עס זיצט פון רעכטס אין דער לאָזשע איבער מיר. ווען דער פאָרהאנג האָט זיך אראָפּגעלאָזט און ס׳האָבן זיך אָנגעצונדן די ליוסטרעס, האָב איך דערהערט זייער א באקאנטע שטים. עמעצער האָט אָנגערופן מיך באם נאָמען, און איך האָב דערזען אין דער ערשטער ריי פון דער לאָזשע יויכעוועדן און גענאדי לוואָוויטשן. זיי האָבן מיך אײַנגעלאדן צו זיך אין לאָזשע. דערוויסנדיק זיך, אז איך בין שוין דרײַ טעג אין לעבינגראד, האָט יויכעוועד ניט געוואָלט אפילע די האנט מיר געבן, זי איז געווען באליידיקט, וואָס איך בין ניט ארײַנגעקומען צו זיי, אפילע ניט אָנגעקלונגען. דערפאר איז גענאדי לוואָוויטש געווען אין א גוטער שטימונג. ער איז באגײַסטערט געווען פון מיכאָעלסעס שפילן און געזאָגט, אז ער וועט נאָכאמאָל גיין מיט די קינדער, ער וויל, אז שולאמיס און שאָלעם זאָלן זען מיכאָעלסן, זוסקינען, ביכלאל א ייִדישן טעאטער, א ייִדישן קאָנצערט...

נאָכן ספעקטאקל זײַנען מיר צוזאמען ארויס. יויכעוועד און אויך גענאדי לוואָוויטש האָבן מיך אײַנגעלאדן אף א גלעזל ווײַן, געוואָלט, איך זאָל זען די קינדער, וועלכע זײַנען פאר דער צײַט אונטערגעוואקסן, הערן, ווי שאָלעם שפילט אפן פידל. מיר האָט זיך געוואָלט זײַן מיט זיי, פארברענגען מיט זיי, נאָר איך האָב געזאָגט, אז מע וואַרט אף מיר. יויכעוועד האָט זייער באדויערט און, געזעגענענדיק זיך, מיר דערמאָנט, אז זי האָט א הייסן פארלאנג צופאָרן כאָטש אף איין טאָג אין זייער געוועזענעם שטעטל, זײַן אפן אָרט, ווו ס׳איז געווען זייער שטוב, זען דאָס פארבליבענע גאנעקל. זי וואָלט זייער וועלן, אז איך זאָל פאָרן מיט איר. טאקע אף איין טאָג, ניט מער. אויב ניט איצט, איז זאָל זײַן אן אנדערשמאָל. זי וועט וואַרטן...

קיין טשיטא האָב איך זיך אומגעקערט א צופרידענער, וואָס איך האָב אזוי אומגעריכט זיך באגעגנט און געזען מיט יויכעוועדן און איר מאַן, און אויך פון דעם, וואָס איך האָב געהאלטן וואָרט און צו זיי, ניט געקוקט אף זייער אײַנלאדונג, ניט ארײַן.

א קינסטלער בארויִקט זיך קיינמאָל ניט מיט דעם דערגרייכטן. יעדן טאָג האָב איך געארבעט איבער זיך. איך האָב נאָך מער זיך אָפּגעגעבן דער מוזיק־שול, פיל ארומגעפאָרן, ארויסגעטראָטן אין שטעט און דערפער פון סיביר, אף דער צעלינא, און שפעטער, ווען מע האָט אראָפּגענומען אף דער צעלינא די ערשטע גערעטענישן, האָט דאָס מיר געגעבן אן אימפולס צו שאפן אייגענע קאָמפּאָזיציעס. די געאָגראפיע פון די שטעט, אין וועלכע איך בין ארויסגעטראָטן, האָט פון יאָר צו יאָר זיך פארברייטערט. און אָט בין איך ווידער אין לעבינגראד.

העכער פינף יאָר איז אדורך נאָך דעם, ווי איך האָב דאָס לעצטע מאָל זיך באגעגנט מיט יויכעוועדן און איר מאַן. איך האָב זיך געריכט און געוואַרט, אז שוין אף מײַן ערשטן קאָנצערט וועט זי זײַן מיט אים. זיי זײַנען ניט געווען. אפן צווייטן קאָנצערט אויך ניט. ניט אפן דריטן, ניט

אפן פערטן. דאָס האָט מיך שוין אָנגעהויבן באומרויִקן, נאָר איך האָב ניט געקלונגען. געהאָפט, אַז זיי וועלן זײַן אפן פינפטן, אף מײַן לעצטן קאָנצערט, וועלכער איז פאָרגעקומען אויך אין גרויסן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע. נאָר זיי זײַנען ניט געווען. דעמלט, שוין פאַר מײַן אָפּפאָרן, האָב איך אָנגעקלונגען צו זיי. קיינער האָט ניט געענטפערט. איך האָב לאַנג געקלונגען. קיינער האָט ניט גענומען דאָס טרײַבל. איך האָב ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס איז געשען, און אָנגעקלונגען צו יויכעווערס שוועסטער. זי האָט געפרעגט, ווער רעדט עס. איך האָב איר געזאָגט. איר שטים האָט זיך גלײַך געביטן, זי האָט זיך אפילע דערפרייט, געזאָגט, אַז זי האָט פיל געהערט פון יויכעווערן וועגן מיר, אַז זי איז געווען אף מײַן קאָנצערט, אַז זי איז באַגײַסטערט, און זיך מיסוואַדע געווען, אַז זי איז אַמאָל באַגאַנגען אַן אוולע בענעגייע מיר. דעם בריוו, וועלכן איך האָב געשיקט פון מינסק יויכעווערן, האָט זי דעמלט יויכעווערן ניט אָפּגעגעבן. יויכעווער ווייסט עס ביז איצט ניט. זי האָט געבעטן מיך מויכל זײַן, און געזאָגט, אַז יויכעווער, געגנאַדי לוואָוויטש מיט די קינדער זײַנען שוין צוויי יאָר אין אויסלאַנד און וועלן זײַן דאָרט מיסטאָמע נאָך א פּאָר יאָר.

אָן יויכעווערן האָט די גרויסע רוישיקע שטאָט מיר אויסגעזען ווי פּוסט, און איך האָב מיט א בענקענדיק געפיל זי פאַרלאָזט.

אף ווײַטער האָט זיך פאַרברייטערט אויך די געאָגראַפיע פון די לענדער, אין וועלכע איך בין אַרויסגעטראָטן. איך בין אויך געווען אף קובא. דער לעצטער קאָנצערט מײַנער אין האַוואַנע איז פאָרגעקומען אינעם גרויסן זאַל פונעם נאַציאָנאַלן טעאַטער. דער זאַל איז געווען איבערפולט. דאָרט האָב איך אויסגעפילט באַכס פינפטע סויִטע פאַר וויאָלאָנטשעל, איינע פון זײַנע קאָמפּליצירטסטע סויִטעס.

צווישן דעם אוילעם, וואָס האָט צום סאָף פון קאָנצערט מיך אַרומגערינגלט אף דער בינע, האָב איך פּלוצלינג, ווי עס וואָלט געשען א ווונדער, דערזען זי, מײַן לעבנס־ליד, מײַן יוגנט־ליבע.

— יויכעווער!.. — האָב איך, אַן איבעראַשטער, אויסגערופן, לאָזנדיק זיך צו איר.

— איך בין יויכעווערס טאָכטער, שולאַמיס, — האָט זי, שמייכלענדיק מיט די פינקלענדיקע בלויע אויגן, זיך אָנגערופן, — צי דען בין איך טאַקע אַזוי ענלעך אף מײַן מאַמען?..

שולאַמיס האָט מיך באַקאַנט מיט איר מאַן, ער איז א קובינער. זי האָט מיר דערציילט, אַז נאָכן פאַרענדיקן דעם פאַקולטעט פון אויסלענדישע שפּראַכן אַרבעט זי אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין קובא, כאָסענע געהאַט דאָ מיט א היגן לערער, און זיי האָבן שוין א דרײַיאָריק ייִנגעלע — פידעל. די עלטערן האָבן זיך שוין פון לאַנג אומגעקערט אַהיים פון אויסלאַנד. די מאַמע האָט זיך באַטייליקט אין אַרויסשיקן „לײַקען“ אין קאָסמאָס. דער טאַטע איז אָנפירער פונעם זעלבן אַנשטאַלט, וואָס פריִער, שאָלעם האָט פאַרענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע און שפּילט די ערשטע פידל אין לענינגראַדער יוגנטלעכן מוזיקאַלן אַנסאַמבל. שולאַמיס און איר שוואַרצכיינעוודיקער מאַן האָבן מיך אײַנגעלאַדן צו זיך. ס׳איז אָבער שוין געווען שפּעטלעך, און מאָרגן זיבן אינדערפרי האָב איך געדאַרפט זײַן אפן אַעראָוואָק־

זאל. קומענדיק אהין, האָב איך געטראָפן דאָרט שולאַמיסן מיטן מאַן און זייער קליינינקן פידעלן. אַן עכטער קובינער, מיט דער מאַמעס און באָבעס בלויע אויגן. זיי האָבן געבראַכט מיר א מאַטאָנע מאַראַנצן, באַנאַנעס, ווײַנטרויבן און א קליין פעקעלע פאַר די עלטערן. געזעגענענדיק זיך, האָב איך גענומען אױף די הענט פידעלן, א קוש געטאָן יויכעוועדס אייניקל, וועלכן זי, די באָבע, האָט נאָך ניט געזען.

אין דער לופט שוין האָב איך, ווי געווײנלעך, אַרויסגעקוקט דורכן איליומינאַטאָר און דערזען שטיין יויכעוועדס טאָכטער מיטן קובינער אייניקל, און שולאַמיס, ווי מיט פיל יאָרן צוריק איר מאַמע, האָט געפאָכעט מיט דער האַנט, באַגלייטנדיק מיך...

דער לײַנער האָט געהאַלטן דעם קורס אױף מאָסקווע, און פון מאָסקווע בין איך ספּעציעל אַרויסגעפלויגן קיין לענינגראַד. איצט האָב איך ניט געדאַרפט עפּעס איבערשפּאַרן אין זיך. איך האָב געדאַרפט אויספּילן מײַן כויוו — איבערגעבן דעם גרוס און דאָס פּעקעלע, וואָס כ׳האָב געבראַכט מיט זיך פון קובאַ.

באַלד ווי איך האָב זיך אײַנגעאָרדנט אין האָטעל, האָב איך אָנגעקלונגען צו יויכעוועדן אױף דער קוואַרטיר. דאָס טרײַבל האָט גענומען, קאָנטיק, שאָלעם. איך האָב געבעטן צורופן גענאַדי לוואָוויטשן.

— דער טאַטע איז הײַנט אַרויסגעפלויגן קיין זשענעווע, — האָט ער געענטפערט און איבערגעגעבן דאָס טרײַבל דער מאַמען.

יויכעוועד האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר, באַזונדערס ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין ערשט פון קובאַ און געבראַכט א גרוס פון שולאַמיסן.

— קום שוין צו פאָרן, — האָט זי מיך געבעטן, — איך וועל שוין אין ערגעץ ניט גיין. איך וואַרט אױף דיר. נאָר פאַרהאַלט זיך ניט. איך וויל, זאָלסט זיך זען מיט שאָלעמען.

יויכעוועד האָט מיך באַגעגנט בא דער שוין אופגעעפנטער טיר. זי האָט מיך אַרומגענומען, זיך צעקושט מיט מיר, צאַרט, וואַרעם.

— אך, ווען דו קומסט כאָטש מיט עטלעכע מינוט פריִער. אָקאָרשט איז אוועק שאָלעם. בא אים איז באַלד א קאָנצערט. איך האָב אַזוי געוואָלט, זאָלסט אים זען, זיך דורכריידן מיט אים... נאָר וועגן דעם שפּעטער. נו, דערצייל, דערצייל, — האָט זי געבעטן, דערלאַנגענדיק מיר אין עסצימער א ווייכן פאָטעל, און אַליין זיך צוגעזעצט אַנטקעגן מיר.

איך האָב איר איבערגעגעבן דעם גרוס, דאָס פּעקעלע. יויכעוועד האָט געהאַלטן אין איין פאַנאַנדערפרעגן זיך וועגן שולאַמיסן, וועגן איידעם און דעריקער וועגן פידעלן, דעם אייניקל.

איך האָב ווידער דערציילט, און זי האָט מאַמעש געלויכטן.

אין פאָלק זאָגט מען: שיינע מיידלעך זײַנען נאָכדעם שיינע ווײַבלעך, און שיינע ווײַבלעך ווערן נאָכדעם שיינע באָבעס. יויכעוועד איז געווען א שיינע באָבע. זייער א שיינע. פאַר די יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָט זי, עמעס, זיך עטוואָס געעלטערט, אָבער גלײַכצײַטיק באַשאָנקען געוואָרן מיט א נײַער שיינקײַט. אױף איר האָט מאַמעש גערוט איצט די שכינע. אין אירע קימאַט זעכציק יאָר האָט זי אויסגעזען שלאַנקער, שטאַלט־

נער פון א פערציקיאָריקער. די אויגן האָבן בא איר געפינקלט, געווען פול מיט לעבן. זי איז געווען פול מיט ענערגיע. בלויז די האָר אירע האָבן פארלוירן דעם גינגאָלד, געווען דורכויס באזילבערט, און דאָס האָט איר צוגעגעבן א באזונדער כיין.

בעשאס איך האָב דערציילט, האָט זי פון מאָל צו מאָל מיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעהערט, צי מע קלינגט ניט. זי האָט זייער איבערגעלעבט, וואָס ס'איז נאָך ניט געווען ניט קיין טעלעגראַמע, ניט קיין קלונג פון גענאַדי לוואָ־וויטשן. פארטאָג איז גענאַדי לוואָוויטש אלס מיטגליד פון א מעלוכישער עקספערט־קאָמיסיע ארויסגעפלויגן קיין זשענעווע, און ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט, אז באלד, ווי ער וועט נאָר קומען אָף אָן אָרט, וועט ער אָנקלינ־גען אָדער געבן א טעלעגראַמע. און פון אים איז ביז איצט קיין שום ידיִע ניטאָ.

— מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט, אז ער זאָל היינט פליִען. ער האָט געהאַט א מעגלעכקייט ארויספליִען מיט א טאָג שפּעטער. איך בין דאָך ערשט נעכטן געקומען פון מאָסקווע, פון דעם „זוויאָזדנע גאָראָדאָק", ניט באַוויזן קימאַט אויסריידן מיט אים א וואָרט. שאַ, דאַכט זיך, מע קלינגט... ניין, איך האָב א טאָעס געהאַט. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, — האָט זי מיט א געפּאַלענער שטים געזאָגט.

ס'האָט זי באַאומרוּיִקט, צי ס'איז ניט געשען, כאָלילע, עפּעס מיטן לייּ־נער. מיט א טאָג פריִער האָבן עטלעכע טעראָריסטן פארכאַפּט אָן ארגענ־טינער לייּנער מיט איבער הונדערט פּאַסאַזשירן.

יויכעוועד האָט עטלעכע מאָל געקלונגען אין אַעראָפּאָרט און ניט גע־קענט זיך דערקלינגען. דער טעלעפאָן איז די גאַנצע צייט געווען פארנו־מען.

איך האָב זיך געסטאַרעט זי באַרוּיִקן, פארזיכערט, אז זי וועט נאָך היינט באַקומען א גוטע ידיִע.

— האַלעוויי... נו, דערצייל, וואָס איז בא דיר. א ביסל ווייס איך. וועגן דיינע דערפאָלגן ווייס איך פון די פּלאַטן. ווי עס ווייזט זיך נאָר א פּלאַט אין דיין אויספילונג, שאַפן מיר זי אייַן. נו, און אויסער דעם? ביסט נאָך אַלץ אין טשיטאַ? אַלץ איינער אליין? — האָט זי באַדויערנדיק א פרעג געטאָן. — וויפל איז דער שיר, סאַליאַ? וויפל קאָן מען זיין אליין, און באַ־זונדערס שוין אין אָט דעם, אין אונדזער עלטער... צי דען... — זי האָט גע־וואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זיך אליין איבערגעשלאָגן, — סאַליאַ, עפּשער וועסטו אָנקלינגען אין אַעראָפּאָרט, עפּשער וועט מען דיר ענטפערן? איך האָב שוין מוירע צו קלינגען...

זי האָט גענומען פונעם דערבייּיִקן טישעלע א טאַבלעטקע וואַלידאָל און אַוועקגעלייגט אונטערן צונג. און מיטאַמאָל האָט זיך שטאַרק צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. א בלייך־געוואָרענע איז יויכעוועד אופגעשפּרונגען, אַוועקגעיילט אין קאָרידאָר און אין א ווייּלע ארום זיך אומגעקערט א גליקלעכע מיט א טעלעגראַמע אין האַנט.

— אָ, דאַנקען גאָט, פון גענאַדיִן, — האָט זי מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם געזאָגט, — ער איז געקומען בעשאָלעם...

ניט בלויז בא איר, נאָר אויך בא מיר איז אַראָפּ א שטיין פון הארצן.

— בעשאָלעם!.. — האָט זי א שײַנענדיקע איבערגעכאַזערט. — מער דאַרף איך ניט! און איך האָב שוין גאָט ווייסט וואָס איבערגעטראַכט. א מענטש אָן פאַנטאַזיע טויג ניט, און מיט צופיל פאַנטאַזיע טויג ווידער ניט... נו, אַנטשולדיק מיר, דערצייל, זאָג, ווי זעט אויס שולאַמיס. אין איר זײַנען דאָך געווען פאַרליבט דאָ גופע אַזעלכע ווילדע, אַזעלכע אינטערעסאַנטע און פייַקע באָכערים. מע איז אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט. זי האָט דאָך געקענט זײַן דאָ, ניט אַזוי ווײַט פון אונדז. איך בענק. און גענאַדי בענקט. מיר קאָנען זיך שוין ניט דערוואַרטן, זי זאָל קומען מיט איר מאַן און קינד, אונדזער איינציק דערוויַיל אייניקל, צוגאַסט צו אונדז. עס ווילט זיך האָבן כאָטש א ביסל נאַכעס פון די קינדער. שוין באַלד פינף יאָר, ווי מיר האָבן זיך ניט געזען. נו, און שאָלעם... — זי איז אָף א ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך געיײַשעווט ריידן ווײַטער צי ניט, — פון שאָלעמען האָבן מיר הארצווייטעק, — האָט זי פאַרזאָרגט פאַרגעזעצט, צוזעצנדיק זיך נעענטער צו מיר, — איך וואָלט זייער וועלן, זאָלסט אים זען. ער איז א שטאַלטנער, א שיינער, א קלוגער. א טאַלאַנטפולער פידלער. אים גייט שוין דאָס זיבן־און־צוואַנציקסטע. און האָט קיינעם ניט. באַגעגנט זיך ניט מיט קיין איין מיידל. וועגן כאַסענע האָבן וויל ער אַפילע ניט הערן. ער איז אַנטוישט, טראַוומירט...

א פאַרזאָרגטע, האָט זי, ווי א מאַמע, אויסגערעדט פאַר מיר דאָס הארץ.

עטלעכע יאָר האָט שאָלעם זיך געכאַווערט מיט אַן אָנשטענדיק מיידל. ער איז פאַרליבט געווען אין איר, און זי אין אים. זי, קלימענטינאַ, א פײַנע, אַן איידעלע, א סטודענטקע פונעם ביָאָלאָגישן פאַקולטעט, איז געפעלן געוואָרן סײַ יויכעוועדן, סײַ גענאַדי לוואָוויטשן. זי איז געוואָרן אַן אייגענע בא זיי אין שטוב, באַזונדערס נאָך דעם, ווי מע האָט שאָלעמען גענומען אָף א יאָר צײַט אין אַרמיי. קימאַט יעדן טאָג פלעגט זי זײַן בא זיי, געגעכטיקט בא זיי, געגעסן בא זיי, גערוט בא זיי, געגאַנגען צוזאַמען מיט זיי אין טעאַטער, אָף קאָנצערטן. זי איז זיי געוואָרן נאָך ליבער און נעענטער מיט דעם, וואָס זי פלעגט יעדן טאָג שרײַבן שאָלעמען הייסע בריוו און יעדן טאָג פלעגט זי באַקומען פון אים בריוו; זיי האָבן זיך באַצויגן צו איר, ווי צו אַן אייגענער טאָכטער, עפשער נאָך צאַרטער, מיט מער זאָרג, — זי האָט דאָך דאָ מער קיינעם ניט געהאַט, וואָס זאָל אויסער זיי זיך זאָרגן וועגן איר. אירע עלטערן האָבן געוווינט אין טאַשקענט. זי איז טײַער געווען זיי פאַר איר ליבע צו זייער זון, וועלכער האָט זיך געפונען ווײַט פון זיי, אין אונדזערער א מיליטער־טייל אין אונגאַרן. ס'איז שוין געווען אָפּגערעדט, אַז באַלד ווי שאָלעם קערט זיך אום, האָבן זיי כאַסענע. יויכעוועד און גענאַדי לוואָוויטש האָבן געגרייט א דירעלע פאַר זיי, באַשטעלט אויסשטאַטונג, אײַנגעקויפט מאַטאָנעס. און אָט, מיט עטלעכע וואָכן פאַר דעם, ווי שאָלעם האָט שוין געדאַרפט קומען, האָבן זיי, יויכעוועד און גענאַדי לוואָוויטש, זיך אומקערנדיק פונעם צענטראַלן אוניוועַרמאַג מיט פעקלעך און מאַטאָנעס אין די הענט, דערזען, ווי אַנטקעגן דעם הייראַטספאַלאַץ האָט זיך אָפּגעשטעלט א שערענגע אויסגעפּוצטע טאַקסי, און פון דער ערשטער מאַשין איז אַרויס אין א פאַרביק־געקעסטלטן אָנצוג — דער

כאָסן, שוין ניט קיין יונגער, עטוואָס סוטולעוואטער מאַנצבל, און מיט אים, אין א לאַנג ווײַס קלייד און אין א פאַטאַ, זי, קלימענטינאַ... שאָלעמס קאַלע. זיי זײַנען געווען דערשטוינט, ניט געגלייבט די אייגענע אויגן. זי, וועלכע האָט פאַרוואָרפן זייער זון מיט ליבע־בריוו, געשריבן, אַז זי גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך אים און וואַרט מיט אומגעדולד אַף דער גליקלעכער מינוט, ווען ער וועט קומען... שאָלעם איז פאַרבליבן טראַוומירט, גלייבט איצט קיין שום מיידל ניט, באַגעגנט זיך מיט קיין איינער פון זיי ניט, געוואָרן אײַנגעשלאָסן אין זיך, און זיי, די עלטערן, לעבן דאָס זייער איבער.

— וואָס טוט מען? — האָט זי פאַרזאָרגט זיך אָנגערופן. — עפשער וועסטו זיך דורכריידן מיט אים? דו ביסט בא אים מער אווטאָריטעט, ווי איך און גענאַדי. ער קאָלעקציאָנירט אַלע פּלאַטן, וווּ עס זײַנען פאַרשריבן ווערק פאַר וויאָלאָנטשעל אין דײַן אויסשפּילונג. אַגעוו, האָבן מיר אין איינעם אָן אָוונט אין דעם „זוויאָזדני גאָראָדאָק" געהערט דורך ראַדיאָ בעטהאָווענס פינפטע סאָנאַטע, וועלכע דו האָסט פּרעכטיק אויסגעשפּילט, און איך האָב בע־שאַסמײַסע דערמאָנט זיך אונדזער געשפּרעך בא מיר אַפן גאַנעקל. געדענקסט? שוין אַדורך וויפל? העכער פערציק יאָר. איך האָב דיר דעמלט געזאָגט, אַז נאָך בא אונדזער לעבן וועט באַהערשט ווערן דער קאָסמאָס, אַז מענטשן פון אונדזער ערדקײַלעך וועלן שפּאַצירן און עפשער זיך אַפילע דערקלערן אין ליבע ניט נאָר אונטער דער לעוואָנע, נאָר גופע אַף דער לעוואָנע. דו האָסט דעמלט געקוקט אַף מיר, ווי אַף א פאַנטאַזיאָרקע, ניט געגלייבט. וועסט נאָך זען, וואָס דער מענטש וועט דערגרייכן די נאָענט־סטע צײַט. ווונדער. ער וועט קוקן אַף אונדזער פּילקע, אַף אונדזער ערד־קוגל, ניט נאָר פון דער לעוואָנע, נאָר, זייער מעגלעך, אויך פון מאַרס און פון אַנדערע פּלאַנעטעס. עמעס, אונדזער גאַנעקל וועט ער פון דאָרט ניט זען... אַגעוו, סאָליאַ, האָב איך וועגן אונדזער גאַנעקל גֿעהאַט א גרוס. טרעף, ווען איך האָב באַגעגנט אין מאָסקווע אַפן וונוקאָווער אַעראָדראָם? וועסט קיינמאָל ניט טרעפן. דײַן אַמאָליקן כאַווער — פיניע שוואַלב. איך האָב אים ניט דערקענט. סאָליד, מיט א היפּשן פּליך און א בײַכל. ער איז געפלויגן קיין באַשקיריע. ער איז דאָרט שעף פון א בויונג. ער האָט מיך דערקענט. מיט א פּאָר טעג פאַר דעם איז ער געווען אין שטעטל, ריכטיקער אַפן אָרט, וווּ דאָס שטעטל איז געווען. איצט איז דאָרט א קאָלאָסאַלע פּאַסעקע. א שטעטל ניט פאַר מענטשן, נאָר פאַר בינען. א וועלט מיט פּילפאַרביקע בינשטאָקן, און צווישן די בינשטאָקן שטייט, ווי א שוימער, אונדזער גאַנעקל. א גלאָק הענגט אַף אים. פון אים, פונעם גאַנעקל, זעען זיך די קלעווער־פעלדער, וועלכע רינגלען אַרום דאָס בינען־שטעטל. ער, פיניע שוואַלב, איז צוגעפאָרן אַהין ספּעציעל, געוואָלט אָפּזוכן דעם קייווער פון זײַן מאַמע, און ניט געפונען. ניט געבליבן אַפילע קיין סימען ניט פון דעם אַלטן שטעטלשן בעסוילעם, ניט פון דער גרוב מיט די קדושים לעבן טײַך. אומעטום דורכויסיקער קלעווער. שפּײַז פאַר די בינען. דאָרט, וווּ ס'איז געווען דער קלוב, געפינען זיך די בינענציכטלער. מער קיינער. פון די פריערדיקע אײַנוווינער איז דאָרט קיין איין מענטש ניט פאַרבליבן. אָט וואָס ס'איז געוואָרן פון דעם ליבן שטעטעלע, וווּ ס'איז אַדורך מײַן קינד־

הײַט, די פריסטע יוגנט־יאָרן... סאָליא, לאָמיר צופאָרן אהין. עס ציט מיך שוין לאַנג. אליין פאָרן איז מיר שרעקלעך. מיר ווילט זיך זייער פאָרן צוזאַמען מיט דיר. איך וועל באַשטעלן באַלד בילעטן אפן לײַנער, וואָס גייט גאַנצפרי קיין מינסק. פאָר מיט מיר. איך בעט דיך. טו דאָס צוליב מיר. שענק מיר איין טאָג. מאָרגן איז פונקט זונטיק. מירן ארויספליִען מיטן ערשטן רייס, און אין אָוונט וועלן מיר זיך אומקערן. אײַנגאַנצן איין טאָג. נו, זאָג, וואָס שווײַגסטו?

מיר האָט זיך זייער געוואָלט פאָרן מיט איר, זײַן צוזאַמען מיט איר דאָרט, ווו מיר האָבן מיט העכער פערציק יאָר צוריק אזוי וווּנדערלעך פארבראַכט די זומער־כאַדאָשים. איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דייע: „פאָרן" — „ניט פאָרן", און פאַרשטאַנען, אַז באַזונדערס איצט, ווען גע־נאַדי לוואָוויטש איז ניטאָ, דאַרף איך אוודאי ניט פאָרן אײַנצווייען מיט איר. איך טאָר עס ניט טאָן. דערקלערן עס איר האָב איך ניט געוואָלט, און צוטראַכטן עפּעס אַנדערש, זאָגן אַ ליגן, האָב איך ניט געקענט. איך האָב געשוויגן.

— נו, זאָג „יאָ", — האָט זי, מיט אַ בעטנדיקער שטים, זיך געווענדט צו מיר.

נאָר דאָ האָט זיך שטאַרק צעקלונגען דער טעלעפאָן.

— ס'איז גענאַדי, ער! — האָט זי אַ פריידיקע אויסגערופן און גיך אַ נעם געטאָן דאָס טרײַבל.

יאָ, ס'איז געווען ער.

אָן אופגעלעבטע, אַ גליקלעכע, האָט זי אים געזאָגט, אַז זײַן טעלע־גראַמע האָט זי באַקומען, אַז זי האָט שטאַרק איבערגעלעבט, שוין ניט גע־ווּסט וואָס איבערצוטראַכטן, געבעטן כאָטש איבער אַ טאָג קלינגען. אין די אָוונטן וועט זי זײַן שטענדיק אין דער היים. אָנגעזאָגט אים די גוטע בסורע, אַז זי האָט באַקומען אַ לעבעדיקן גרוס פון שולאַמיסן, אַז דעם גרוס האָט געבראַכט איר אַלטער פרײַנט סאָליא, סאָלאָמאָן זאַנענטאַל, און אַז סאָליא איז איצט דאָ באַ איר אין שטוב און אַז זי רעדט מיך אײַן, איך זאָל צופאָרן צוזאַמען מיט איר אַף איין טאָג אין איר געוועזענעם שטעטל. נאָכדעם האָט ער גערעדט, און זי האָט די גאַנצע צײַט איבערגע־כאַזערט איין וואָרט: „גוט", „גוט", „גוט". אַ צופרידענע האָט יויכעווועד ענדלעך אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און געזאָגט, אַז גענאַדי לוואָוויטש האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרוס.

— פאַרן גרוס אַ דאַנק. נאָר צוליב וואָס האָסטו אים געדאַרפט זאָגן, אַז איך בין באַ דיר? ער האָט דאָך באַ דיר ניט געפרעגט.

— וואָסי דען? פאַרוואָס האָב איך ניט געדאַרפט זאָגן? — האָט זי פאַר־וווּנדערט מיך אָנגעקוקט.

— דערפאַר, ווײַל אין די מינוטן, וואָס ער איז אזוי ווײַט פון דיר, קען אים עפּשער עס זײַן ניט צום האַרצן... מאַלע וואָס ער קען איבערטראַכטן...

— לאָז צורו, רעדסט נארישקײַטן, — האָט זי זיך צעלאַכט, — גענאַדי וועט גאָרנישט ניט איבערטראַכטן. ביפראַט איצט, ווען ער ווייסט, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום גרונט פאַר דעם.

— אזוי מיינסטו. און איך, אלס מאַנצבל, נעם עס אויף עטוואָס אַנדערש.

— זאָל זיך דיר גאָרנישט ניט דוכטן, — האָט זי זיך אופגעהויבן, — איך וויל דיר ווײַזן, סאַרא טאַלאַנטפול בוך לידער איך האָב הײַנט געקראָגן. נאָר פריִער וועל איך דיר איבערלייענען ניט קיין סאַך. — און זי האָט איבערגעלייענט די ליד „טיפע גריבער, רויטע ליים״.

— צו מײַן גרויסן באַדויערן און ביזאָיען, סאַליא, — האָט זי געזאָגט, — האָב איך ביז הײַנט ניט געוווסט, אַז בא ייִדן איז פאַראַן, געווען, ער איז שוין אוועק פון דער וועלט, אַזאַ דיכטער, ווי שמואל האַלקין. זײַנע לידער זײַנען איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אין רוסיש. איך האָב געקראָגן צוויי עקזעמפּליאַרן. איך גרייט אַ פּאָסילקעלע און וועל איין עקזעמפּליאַר שיקן שולאַמיסן. איך וויל, אַז מײַנע קינדער זאָלן באַגלײַך מיט דעם, וואָס זיי לייענען טוואַרדאָווסקין, יעווטושענקאָן, באַזשאַנען, ראַסול גאַמזאַטאָוון, זאָלן זיי לייענען און וויסן די ייִדישע דיכטער האָפּשטיינען, מאַרקישן, קוויטקאָן, כאַריקן... זייערע ווערק האָב איך שוין. אין רוסיש. קיין ייִדיש לייענען מײַנע קינדער ניט. זאָלן זיי לייענען אין דער איבערזעצונג... — זי איז אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, און באַלד, דערמאָנענדיק זיך, קאָנטיק, אינעם איבערגעריסענעם שמועס:

— דו האָסט דאָך מיר ניט געענטפערט, סאַליא. נו, מיר פאָרן מאָרגן?

איך האָב איר געענטפערט, אַז איצט פאָרן קאָן איך ניט. איך האָב שוין אַף איינס אַזייגער באַנאַכט אַ בילעט קיין טשיטאַ.

— קער אום דעם בילעט, פאָלג מיך, — האָט זי מיך אײַנגערעדט, — איך וועל באַשטעלן אַף איבערמאָרגן אַן אַנדער בילעט.

— גוט, — האָב איך איר געזאָגט, — דעם בילעט קאָן איך אומקערן. איך מוז אָבער באַפרײַען דעם נומער אין האָטעל.

יויכעווועד האָט זיך פאַרטראַכט.

— ווען גענאַדי איז דאָ, וואָלט איך דיך מיט פאַרגעניגן אײַנגעלאַדן זײַן בא אונדז. שולאַמיסעס צימער איז פרײַ. וואָס זשע טוט מען? — האָט זי פאַרזאָרגט זיך אָנגערופן. — עפּשער בא דער שוועסטער? זי און איר מאַן וועלן זײַן צופרידן. איך וועל זיי שוין אָנקלינגען.

— ניין, ניין, — איך האָב זי ניט געלאָזט נעמען דאָס טרײַבל און צוגעזאָגט אַן אַנדערשמאָל, ווען גענאַדי לוואָוויטש וועט אויך זײַן, וועלן מיר צוזאַמען, זאַלבעדריט, צופאָרן אַהין.

— נו, גוט, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל וואַרטן. אָן דיר פאָר איך ניט. זאָלסט נאָר ניט פאַרגעסן דײַן צוזאָג.

— ניין, איך וועל ניט פאַרגעסן, — האָב איך זי פאַרזיכערט, — נאָר זאָג מיר, יויכעווועד, איך וויל שוין לאַנג, זייער לאַנג בא דיר פרעגן. וואָס איז דעמלט געשען? פאַרוואָס ביסטו פּלוצלינג אוועקגעפאָרן? זיך ניט געזעגנט אַפילע?..

— זע, האָסט עס ביז איצט נאָך ניט פאַרגעסן? אַז מירן מיט דיר זיצן אַף אונדזער גאַנעקל, וועל איך דיר דעמלט אַלץ דערציילן און וועסט פאַרשטיין, אַז איך האָב דעמלט אַנדערש ניט געקאָנט, ניט געטאָרט... פאַרשטייסט, ניט געטאָרט... נאָר לאָמיר איצט וועגן דעם ניט ריידן. ווען מיר וועלן פאָרן אַהין, ווו ס'איז אַמאָל געווען אונדזער שטעטל, וועל איך דיר

אלץ דערציילן און ווערסט פארשטיין, אז כ'האָב רעמלט אנדערש ניט גע־קאָנט... גוט?

— גוט, — האָב איך געענטפערט, אופהייבנדיק זיך.

מיר האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן מיט איר. ס'איז מיר ליב און טײַער געווען זי און אלץ, וואָס האָט געהאט א שײַכעס צו איר...

איך בין אוועק. ווי א שוועסטער האָט זי הארציק מיר געדריקט די האנט, ארויסבאגלייטנדיק.

אין א געוויסער צײַט ארום, אפן וועג קיין פינלאנד און שפּעטער, פאָרב־דיק קיין נאָרוועגיע, האָב איך זיך פארהאלטן ניט אף לאנג אין לענינגראד, און יעדעס מאָל געקלונגען צו זיי א האלב שאָ פאר מײַן אָפּפאָרן. יויכע־ווער און גענאדי לוואָוויטש האָבן ארויסגעזאָגט אן אומצופרידנקײַט, וואָס איך מײַד זיי אויס, קום צו זיי ניט ארײַן. אויסער דעם, האָט יויכעווער יעדעס מאָל מיר דערמאָנט מײַן צוזאָג צו פאָרן צוזאמען אין געוועזענעם שטעטל, און געייצעט געדענקען די שורע פון גאמזאטאָווס ליד: „היט דײַנע אלטע פרײַנט". אין הארצן האָב איך געהיט, נאָר ארויסווײַזן עס איבעריק האָב איך זיך אויך געהיט, קעדיי ניט פארשאפן אגמעסנעפּעש איר מאַן.

עס זײַנען ווידער אדורך עטלעכע יאָר, ווי איך האָב זיך ניט געזען נ̄יט מיט יויכעוועדן און ניט מיט קיינעם פון איר מישפּאָכע. איך האָב זיך שטארק פארבענקט און באשטימט, אז ווען איך וועל ווידער זײַן אף מײַנע פארפלאנירטע קאָנצערטן אין לענינגראד, אומבאדינגט זיך זען מיט זיי. דערווײַל איז מיר פאָרגעשטאנען ארויספלי̇ען צוזאמען מיט א בריגאדע ארטיסטן קיין וויעטנאם.

אומגעקערט האָב איך זיך פון דאָרט א בארײַכערטער, א פולער מיט אײַנדרוקן, אין א גוטער שטימונג סײַ פון דער דורכגעגאנגענער טורנע, סײַ פון דער פאָרשטייענדיקער, וועלכע דארף פאָרקומען אינגיכן אין לענינ־גראד...

א היפּש מידער בין איך נאָך די פינף וואָכן ארויסטרעטונגען און באַ־געגענישן געזעסן אין לײַנער, געהאלטן צוגעדריקט צו זיך דעם וויאָ־לאָנטשעל און אנדערעמלט געוואָרן. זעלטן ווען עס קומט מיר עפּעס צו כאָלעם. און דאָ, ווי נאָר איך האָב צוגעמאכט די אויגן, בין איך שוין גע־פלויגן ניט אין א געוויינלעכן לײַנער... איך פלי, איך טראָג זיך מעשוגע־נערווײַז אין א ראקעטע. און די ראקעטע האָט אן אויסזען פון א פּאָרטעפּיאַ־נע. איך זיץ דערנעבן אף א וואָלקנדל, און צוזאמען מיט דער ראקעטע־פּאָר־טעפּיאנע טראָג איך זיך האסטיק פארבײַ דער לעוואָנע, פארבײַ סאטורן. גלײַך מיט אונדז טראָגט זיך מיט א גוואלדיקער געשווינדקײַט א צווייטע ראקעטע, א ראקעטע — א גאנעקל. און אפן גאנעקל זיצט אָנגעטאָן אין א בלויען סאראפאן מיט ווײַסינקע פאסיקלעך זי, יויכעווערד. די גינגאָלדענע האָר זײַנען בא איר פאנאנדערגעלאָזט איבער די אקסל, און זי שפּילט אף מײַן וויאָלאָנטשעל קרײַסלערס „די ליידן פון ליבע". אונדזערע ראקעטעס טראָגן זיך מיט א מעשונעדיקער גיכקײַט צווישן די אָנצאָליקע העליש־פינקלענדיקע שטערן, אָט דערנעענטערנדיק זיך, אָט דערווײַטערנדיק זיך איינס פונעם אנדערן. און אונדזער לײַדנשאפטלעכע הארצרײַסנדיקע מוזיק צעטראָגט זיך איבער אלע נאָענטע און איבער אלע ווײַטע און גאָר־גאָר

ווײַטע וועלטן און קערט זיך אום פון אלע אומזיכטיקע זײַטן מיט א הילכנדיק־פּײַערלעכן עכאָ צו אונדז. יויכעוועדס ראקעטע — דאָס גאנעקל טראָגט זיך פּאָרויס, איך אפן וואָלקנדל לעבן דער פּאָרטעפּיאנע — נאָך איר. איך וויל זי דעריאָגן און קאָן ניט. מיר קרײַזן מיט א בליץ־שנעלקײַט ארום מארס. מיטאמאָל זע איך: אפן מארס, אין סאמע מיט פון אָט דער פּלאנעטע, שטייט אין הויכע גלאנציקע שטיוול פּיניע שוואלב. אף אים איז זײַן קאָמיר־גיש העמדל מיט דער פּאָרטופּייע. ער האלט אין האנט א ביקס און צילט אין גאנעקל, אף וועלכן יויכעוועד פליט מיטן וויאָלאָנטשעל. איך שרײַ צו יויכעוועדן, איך וואָרן זי. נאָר זי הערט ניט. זי שפּילט. זי איז פארכאפּט פונעם פליִען, פונעם שפּילן. איך וויל זי דעריאָגן, פארשטעלן מיט זיך, נאָר איך באוויַז ניט. פּיניע שיסט אויס. דער וויאָלאָנטשעל פליט ווײַטער, נאָר דאָס גאנעקל, אף וועלכן יויכעוועד זיצט, גיט זיך א קוליע אין אלע זײַטן, טיילט זיך אָפּ פונעם וויאָלאָנטשעל, בלײַבט הענגען אף איין סטרונע, נאָר די איינציקע סטרונע פּלאצט, רײַסט זיך איבער, און יויכעוועד מיטן גאנעקל הייבן אָן פאלן אלץ געשווינדער און געשווינדער אין טהאָם ארײַן, אין כאשכעס, אין טויהו־וואָוויהו... דער וויאָלאָנטשעל מיט די איבערגעריסענע סטרונעס טראָגט זיך אליין צווישן די שטערן. ער שפּילט אליין, און איך יאָג זיך, שטייענדיק אפן וואָלקנדל, דרינג ארײַן אין דער געהײמניספולער כאשכעס, אין דער גרויזאמער פינצטערניש, איך זוך זי, יויכעוועדן, איך רוף זי, איך שרײַ, איך גוואלדעווע מיט אלע קויכעס, און מיטאמאָל דער־פיל איך א שטויס. א באגאָסענער מיט שווייס, רײַס איך אוף די אויגן און קוק זיך פארלוירן ארום. דער שאָכן מײַנער, דער באיאניסט פון קיִעווער פילהארמאָניע, שמייכלט צו מיר. דאָס האָט ער מיך גוטברודעריש א שטויס געטאָן, אופגעוועקט.

— וואָס האָט איר אזוי געשריִען? וואָס האָט זיך אײַך געכאָלעמט? — האָבן די פּאסאזשירן, וואָס זײַנען געזעסן בישכיינעס מיט מיר, מיט נײַ־גער געפרעגט.

— גאָרנישט. נארישקײַטן, — האָב איך א מאך געטאָן מיט דער האנט, נאָר אפן הארצן איז בא מיר פארבליבן עפּעס א שווערקײַט, ניט קיין גוט געפיל, עפּעס האָט מיך געדריקט. איך בין ניט קיין אָבערגלויביקער, עס ארט מיך ניט — זאָלן דרײַצן שווארצע קעץ דרײַצן מאָל מיט דרײַצן פּוסטע עמער, מאָנטיק, דעם דרײַצנטן, מיר דורכלויפן דעם וועג דרײַצן אזייגער, לאָך איך זיך אויס דערפון. און אָט פון אָט דעם כאָלעם איז בא מיר פאר־בליבן אפן הארצן עפּעס א שווערקײַט, עפּעס א ניט גוטער פּאָרגעפיל. פאר מײַנע כאווירים איז מיר ניט באקוועם געוועזן זיך באנוצן מיט דער פּאָלקס־סגולע אין אזא פאל, נאָר אין הארצן האָב איך דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן דורך דעם לינקן אקסל און זיך געסטאַרעט ניט טראכטן, פארגעסן וועגן דעם כאָלעם. דער לײַנער איז פּינקטלעך צו דער מינוט בעשאָלעם אָנגעקומען אפן אעראָדראָם אין טשיטא. איך האָב זיך געזעגנט מיט די ארטיסטן פון אונדזער בריגאדע, וועלכע זײַנען געפלויגן ווײַטער, ווער קיין קיִעוו, ווער קיין מאָסקווע, ווער קיין מינסק, ווער אין אנדערע שטעט.

געקומען צו זיך אהיים, האָב איך פריִער פאר אלץ, איך ווייס אליין ניט פארוואָס, גענומען דורכקוקן די צײַטונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגע־

קליבן פאר די העכער פינף וואָכן, וואָס איך בין ניט געווען אין דער היים. בלעטערנדיק די „לענינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ", האָב איך מיטאַמאָל דערזען א גרויס געדיכט שוואַרץ רעמל. ווי קאָן עס זײַן? — האָב איך, א דערשי־טערטער, אײַנגעאנצן אָן אופגעטרייסלטער, אויסגעשריגן מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם. — ציִ דען איז זי, יוכעוועד, שוין ניטאָ אויף דער וועלט? ציִ דען איז עס ניט קיין ווילדער טאָעס? — מיט א פאַרשטאַרבן האַרץ האָב איך נאָכאַ־מאָל און ווידעראַמאָל זיך אײַנגעזויגן אין דעם שרעקלעך שוואַרצן רעמל, אין וועלכן דער אוניווערסיטעט, די פּולקאָווער אָבסערוואַטאָריע, די אסטראָנאָמישע געזעלשאַפט און פיל אנדערע וויסנשאַפטלעכע אנשטאַלטן דריקן אויס דעם טיפן צער און טרויער איבערן טראַגישן טויט פון יוכע־וועד איסאַקאָוונע פּעוזנער... איך האָב מיט פאַרלאָפענע אויגן געקוקט, גע־לייענט און ניט געקענט, ניט געוואָלט גלייבן. אומגעקומען? מיט א טראַ־גישן טויט? ווו? וויאזוי? וואָס האָט געקאָנט מיט איר געשען? איך האָב געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן און אוועקגעפאָרן גלײַך אפן אעראָפּאָרט און מיטן ערשטן לײַנער ארויסגעפלויגן קיין לענינגראַד.

אין וועג האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן און איבערטראַכטן, צו וועמען פריִער זיך ווענדן. איך האָב פאַרשטאַנען, אז איך דאַרף אָנקלינגען אָדער גלײַך צופאָרן צו גענאַדי לוואָוויטשן. נאָר איך בין ניט בעקויעך געווען איצט זיך באַגעגענען מיט אים. לײַכטער איז מיר געווען אָנקלינגען איר שוועסטער.

ווי איך בין נאָר אריַין אין לענינגראַדער אעראָוואָקזאַל, האָב איך אזוי געטאָן. דערהערט, ווער עס קלינגט, האָט די שוועסטער זיך צעוויינט. קומענדיק צו־זיך, האָט זי געזאָגט, אז זי איז שוואַך, זי ליגט, נאָכן אומגליק קאָן זי זיך ניט שטעלן אף די פיס, און האָט מיט א געבראָכענער שטים דערציילט, אז יוכעוועד האָט פון לאַנג געטרוימט, זיך ארומגעטראָגן מיט א פאַרלאַנג צו פאָרן אהין, וווּ ס'איז געווען זייער שטעטל, אָפּגעלייגט עס פון מאָל צו מאָל, און אָט, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, — גענאַדי לוואָוויטש איז דעמלט געווען אין מאָסקווע, — האָט יוכעוועד שאַבעס אין אָוונט פאַר־בראַכט בא איר, צוזאַמען געגעסן אָוונט־ברויט, געלאָזט שפּילן דעם פּלאַט מיט מענדעלסאָנס „וואַריַאַציעס" אין מײַן אויספילונג, אָפּגערעדט מאָרגן, זונטיק, גיין אף דער אויסשטעלונג אין קינסטלערישן מוזיי. נאָר גאַנצפרי האָט יוכעוועד איר אָנגעקלונגען, אז אין עטלעכע מינוט ארום פליט זי ארויס קיין מינסק און פון דאָרט וועט זי צופאָרן א קוק טאָן, וואָס איז פאַרבליבן פון זייער געוועזענעם שטעטל. די שוועסטער האָט געפּרוווט זי אָפּריידן, געצייצעט ניט פאָרן אליין, ביפראַט, אז דער וועטער איז געווען ניט קיין גינסטיקער, דער הימל איז באַדעקט געווען מיט שווערע כמאַרעס. נאָר יוכעוועד איז, צו איר אומגליק, באַשטאַנען אף אירס. געזאָגט, אז מער אָפּלייגן קאָן זי ניט. זי וועט דאָרט ניט זאַמען, זײַן עטלעכע שאָ, ניט מער, און מיטן אָוונטיקן לײַנער וועט זי זיך אומקערן און פון אעראָדראָם צופאָרן גלײַך צו איר, צו דער שוועסטער. אין אָנדערהאַלבן שאָ שפּעטער האָט די שוועסטער אָנגעקלונגען אין אעראָפּאָרט, מע האָט איר געזאָגט, אז דער לײַנער איז געקומען קיין מינסק האַלב ניַין אינדערפרי, און באַטאָג האָט מען איר פלוצלינג געבראַכט א טעלעגראַמע, אז ס'האָט געטראָפן אן

אומגליק, זי זאָל דרינגענדיק קומען. גענאַדי לוואָוויטש איז ניט געווען, דער שוועסטערס מאַן אויך ניט. זי איז גלײַך ארויסגעפלויגן, פארנאכט קוים א לעבעדיקע זיך דערקליבן אהין, מיט א פארכאפּטן אָטעם ארײַן אינעם געוועזענעם קלוב און געפאלן כאלאָשעס. יויכעוועדס קערפּער איז געלעגן אפן דיל איבערגעדעקט מיט א לײַלעך איבערן קאָפּ.

שפּעטער, ווען זי איז געקומען א ביסל צו־זיך, האָט די בריגאדירשע פונעם בינען־שטעטל דערציילט, אז זי האָט געזען, ווי ס'איז צוגעפאָרן א „זשיגולי", ס'איז פון איר ארויס א שיין־געקליידטע פרוי, זי איז זיך דורכגעגאנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק אראָפּ־טײַך און ארוף־בערגל, דאָרט, ווו ס'איז געווען דאָס שטעטל, געשטאנען און ארומגעשפּאצירט לעבן גאַנעקל, ווו עס הענגט דער גלאָק פון דער בינען־בריגאדע. דעמלט איז זי, די בריגאדירשע, צו צו איר און געפרעגט, ווער איז זי און וואָס וויל זי. זי האָט דערקלערט, ווער זי איז, און געזאָגט, אז זי וואָלט זייער וועלן פארפלאנצן א קליאָן־בוים לעבן זייער געוועזענעם גאנעקל. די בריגאדירשע האָט געבראכט א סאזשענעץ און א לאָפּעטע, געוואָלט אויסגראָבן א גרוב אף פארפלאנצן דאָס ביימל, נאָר די פרוי האָט געזאָגט, אז זי וויל אליין פארפלאנצן, גענומען גראָבן מיט דער לאָפּעטע לינקס פונעם גאנעקל, און זי, די בריגאדירשע, איז אוועק ברענגען אן עמער וואסער, קעדיי באגיסן דעם סאזשענעץ. פּלוצלינג האָט זי דערהערט א שטארקן אופּרײַס, צוגעלאָפן און געטראָפן די פרוי ליגן א שווער־פארוואונדעטע לעבן גאנעקל. מיט דער לאָפּעטע האָט זי אָנגעטראָפן אף א מינע, וואָס די היטלעריסטן האָבן נאָך אין די מילכאָמע־יאָרן איבערגעלאָזט. די פארוואונדעטע האָט קוים באַוויזן זאָגן איר שוועסטערס אדרעס אין לענינגראד און באלד פארלוירן דאָס באוווסטזײַן. זיי האָבן זי אריבערגעטראָגן אין דעם געוועזענעם קלוב און אף א מאָטאָציקל אוועקגעיאָגט אין ראיאָן נאָך א דאָקטער, נאָר ווען דער דאָקטער איז געקומען, איז זי שוין געווען טויט.

בא יויכעוועדס שוועסטער האָט פון מאָל צו מאָל פארכאפּט דער אָטעם, זי האָט ניט געקאָנט ריידן. איך האָב גערודלדיק געוואַרט, געהאלטן דאָס טרײַבל אזוי לאנג, ביז זי איז געקומען צו־זיך. א באטריבטע האָט זי דערציילט, ווי זי האָט געבראכט יויכעוועדס קערפּער קיין לענינגראד, ארויסגערופן פון מאָסקווע גענאדי לוואָוויטשן, ווי גענאדי לוואָוויטש האָט געריסן אף זיך די קליידער, געיאָמערט מיט אומענטשלעכע קוילעס, א וואָך צײַט ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ארומגעשפּאנט איבער דער שטוב ווי א וואנזיניקער. ער האָט גענומען אורלויב, פאָרט יעדן טאָג אפן דאָרעמדיקן בעסוילעם, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דער פּולקאָווער אָבסערוואטאָריע, שטייט שאָענווײַז שווײַגנדיק לעבן יויכעוועדס קייווער.

אײַנהאלטנדיק די כליפּערײַ, האָט די שוועסטער געפרעגט, צי האָב איך זיך שוין געזען מיט גענאדי לוואָוויטשן, און געייצעט, איך זאָל אומבאדינגט צופאָרן צו אים, טאקע באלד, ווײַל איך אים נאָך טרעפן אין דער היים. מע מוז אים איצט אונטערהאלטן, מוטיקן. איך האָב צוגעזאָגט צופאָרן באלד צו אים, פארשטאנען, אז איך דארף צופאָרן, נאָר איך האָב ניט געקענט. כ'האָב זיך געפילט אזוי, ווי איך וואָלט שולדיק געווען אין יויכעוועדס טויט. ניין, פאָרן איצט צו אים, זיך זען איצט מיט אים איז

געוועזן איבער מײַנע קויכעס. מיט מײַן באַזוך וועל איך אים ניט גרינגער מאַכן, פאַרקערט, איך וועל אים נאָך מער פאַרביטערן. בין איך פון אעראָ־דראָם אוועקגעפאָרן גלײַך אָפּן בעסוילעם, געקויפט דאָרט אַ קרוג מיט לעבעדיקע געאָרגינעס און אין סאָף פון דער אכצעטער ליניע געבליבן שטיין בײַ אַ נאָך פרישן קייווער, באַדעקט מיט אַ באַרג שוין עטוואָס פאַר־וועלקטע קראַנצן — קראַנצן פון אָבסערוואַטאָריע, פון אוניווערסיטעט, פון דער וויסנשאַפטלעכער אסטראָנאָמישער סעקציע, פון די קאָסמאָנאַווטן. אויף יעדן קראַנץ — מיט שוואַרצער פאַרב איר ליבער נאָמען. אויף יעדן קראַנץ — מיט שוואַרצער פאַרב „יויכעוועד", „יויכעוועד", „יויכעוועד"... ס'איז געווען איר קייווער. און דאָך האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלייבן, איך האָב ניט געקענט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אָט דאָ, אונטער אָט דעם באַרגל ערד, ליגט זי... איך האָב בשום־אופן ניט געקאָנט דערלאָזן, זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זי לעבט מער ניט, אַז זי באַוועגט זיך ניט, אַז זי שמייכלט ניט, לאַכט ניט, פרייט זיך ניט, אַז זי ליגט פאַרגליווערט. ניין, ס'איז ניט מעגלעך. איך בין געשטאַנען בײַ איר קייווער און געזען זי פאַר זיך אַזאַ, ווי דאָס ערשטע מאָל אָפּן פאַרנאַכטיקן שאָבעס־שפּאַציר, אינעם בלויען סאַראַפאַן מיט די ווײַסינקע פּאָסיקלעך און פּאַנאַנדערגעלאָזטע גינגאָלדענע האָר ביז די אַקסל. געזען פאַר זיך דעם פינקלדיקן בליק פון אירע אויגן, איך האָב געהערט איר שטים, געזען זי אַזאַ, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט שפּאַצירט מיט מיר צום ערשטן מאָל אין דער לעוואָנעדיקער נאַכט צווישן די באַזילבערטע קוקורוזע־ און זונרויזן־פעלדער, אַזאַ, ווי זי איז געזעסן אַרומגענומען מיט מיר אָפּן גאַנעקל...

צי האָב איך דעמאָלט זיך געקאָנט גאָר פאָרשטעלן, אַז זי, יויכעוועד, וועט בײַ אָט דעם גאַנעקל אומקומען מיט אַזאַ טראַגישן טויט? און אָט שטיי איך לעבן איר קייווער. ניטאָ מער יויכעוועד. ניטאָ. אָט דאָ, אונטער אָט דעם באַרגל, איז אויף אייביק געקומען צו קוורע מײַן יוגנט־ליבע, מײַן נעשאָמע־ליבע, מײַן גײַסט, מײַן טרוים, מײַן פרייד. איך וועל שוין מער קיינמאָל ניט זען איר שײַנענדיק געזיכט, ניט הערן איר מעכײַעדיקע שטים... אַלץ אַרום לעבט, און זי איז ניטאָ... בײַביידע זײַטן קייווער שטייען טעפּ מיט לעבעדיקע קווייטן, אין די צעעפנטע בעכערלעך פון די ווײַסע און רויטע כריזאַנטעמעס פאָרען זיך מיט אַ שטילן זשום בינען, די שטענגלעך וויגן זיך לײַכט אונטער, די בלומען עטעמען אַרויס אַן איידעלן גערוך פון זיך, זיי לעבן, בינען לעבן, די זשוקלעך, די מוראַשקעלעך, וועלכע באַוועגן זיך גיך צווישן די קרענץ. עס שושקען זיך מיט די צווײַגן די ביימער. זיי לעבן. זיי וועלן שטיין דאָ לעבן איר קייווער אין אַ יאָר אַרום, אין צען יאָר אַרום... און רוישן מיט די בלעטער. די זעלבע לעוואָנע וועט אַראָפּקוקן אַהער, באַלײַכטן מיט איר בלאַסער שײַן דאָס באַרגל ערד, די זעלבע זון וועט שײַנען, די זעלבע שטערן וועלן אָפּן זעלבן אויפן, ווי איצט, שעמערירן, פינקלען, אונטערווינקען... די ווײַסע נעכט וועלן, ווי שטענדיק, פרייען די פאַרליבטע. די שטאָט וועט לעבן. מענטשן וועלן אומ־גיין איבער די זעלבע גאַסן, איבער וועלכע זי איז געגאַנגען, מע וועט לעבן אין דער קוואַרטיר אויף בראָדסקי־גאַס, אין וועלכער זי האָט געלעבט, זיצן אין טעאַטער אין די לאָזשעס, אין וועלכע זי איז געזעסן. אָן איר וועט מען

שוין אנטדעקן נײַע שטערן, ארויסשיקן אין קאָסמאָס נײַע ראקעטעס, אנטוויקלען ווײַטער די וויסנשאפטלעכע ארבעט, פּראווען יאָמטויווים. דאָס לעבן וועט גיין, קאָלזמאן די וועלט וועט עקזיסטירן. נאָר יויכעוועד וועט שוין קיינמאָל ניט זײַן, ניט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען אונדזער פּלאַנעטע, וועלכע דרייט זיך טאָג־אויס, טאָג־אײַן, אָן א ברעג און אָן א סאָף, צוזאמען מיט איר, יויכעוועדס, קייווער, ארום איר אייגענער אקס און ארום דער זון פון אונדזער גאלאקטיק.

און ס׳האָט דאָך געקאָנט זײַן אנדערש. ווען איך פאָר מיט איר, זי האָט דאָך מיך אזוי געבעטן, וואָלט עפשער דער אומגליק ניט געטראָפן. איך וואָלט זי זיכער פארהיט, ניט דערלאָזט, אז זי זאָל גראָבן, איך וואָלט מיט דער לאָפּעטע געגראָבן, און זי וואָלט איצט געלעבט. ס׳וואָלט אָט דאָס בערגל ניט געווען אָט דאָ אפן בעסוילעם, עס וואָלט ניט געווען דאָס שווארצע רעמל אין צײַטונג, עס וואָלטן ניט געווען אָט די קרענץ. זי וואָלט געלעבט, געארבעט, געשאפן, וואָלט זיך דערווארט אף שולאמיסן מיטן אייניקל פון קובא און וואָלט פארשאפט פרייד אלע, וועלכע האָבן זי געקענט, געזען, באגעגנט... זי האָט דאָך אזויפיל געוווּסט, אזויפיל אוועקגעטראָגן מיט זיך, אזויפיל געהאט צו מיטיילן, דערציילן אזוינס, וואָס קיינער וועט שוין קיינמאָל ניט וויסן. און פאר מיר וועט שוין אויך אף ווײַטער, אף שטענדיק פארבלײַבן א סאָד, אויך וועגן דעם, וואָס איז דעמלט געשען, וואָס זי איז פּלוצלינג אוועקגעפאָרן...

פון ערגעץ האָט זיך אָנגעטראָגן א ווינט, אָנגעיאָגט שווארצע וואָלקנס, און ס׳האָט א גאָס געטאָן א רעגן. איך בין געשטאנען מיט אן אָפּגעדעקטן קאָפּ אונטערן רעגן. דאָס האָט מיך ניט געקימערט. געקימערט האָט מיך דאָס, וואָס דער רעגן פליוכעט, שמײַסט אומבעראכמאָנעסדיק איבער איר קייווער און דאָס וואסער קאָן דורכדרינגען דורך דער צעגראָבענער ערד אהין, צו איר. איך האָב גיך אראָפּגענומען פון זיך דעם מאנטל און איבערגעדעקט איר קייווער מיט אים. אין א ווײַלע ארום האָבן די וואָלקנס זיך דורכגעטראָגן, דער רעגן האָט אופגעהערט. עס האָבן נאָר פון די ארומיקע ביימער, ווי דורכזיכטיקע גרויסע טרערן, געקאַפּעט טראָפּנס רעגן־וואסער. פון דער אנטקעגנדיקער זײַט בעסוילעם האָט זיך דערטראָגן א דומפּע טרויעריקע מוזיק. ערגעץ ניט ווײַט האָט א פרוי עמעצן באוויינט. דערפילנדיק א זון־שטראַל, האָבן פויגלען אף די דערבײַיִקע צווײַגן זיך צעזונגען. פויגלען וויינען ניט. פויגלען זינגען שטענדיק. און עפשער וויינען זיי, נאָר מיר הערן ניט. און בא מיר האָט געוויינט דאָס הארץ.

שטייענדיק פארטיפט אין די טרויעריקע געדאנקען, האָב איך ניט באמערקט, ווי עמעץ איז צוגעגאנגען. נאָר באלד האָב איך דערפילט, אז עמעץ שטייט דאָ דערבײַ, זיך אומגעקוקט און דערזען רעכטס פון מיר, צווישן די וויינענדיקע קליאָנען, אים, יויכעוועדס מאן. דאָס הארץ האָט בא מיר אופגעציטערט. גענאדי לוואָוויטש האָט אויסגעזען ווי נאָך זייער א שווערער קרענק. גראָוו, בלאס, אלט, צעבראָכן. ער איז געשטאנען סוטרלעוואטע אָנגעבויגן, אומבאוועגלעך, ווי פארשטיינערט, און מיט פארשטארטע פארלאָפּענע אויגן געקוקט אף יויכעוועדס פײַכטן קייווער. אונטער די פיס בא מיר האָט א טרעשטשע געטאָן א פארדארט צווײַגל. ער האָט א הייב

אויף געטאָן דעם גראָוון קאָפּ און דערזען מיך. די אויסגעבלייכטע איינגעפאַלענע באַקן האָבן באַ אים אַ צוק געטאָן. ער האָט פאַרוווּנדערט און ווי דערשראָקן מיך אָנגעקוקט. זיין בליק איז געווען פול מיט צער, מיט ווייטעק. איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף אים אומבאַדינגט איצט עפּעס זאָגן, דערקלערן, ווי קום איך אַהער, און נאָך עפּעס וויכטיקס זאָגן, ער זאָל וויסן, פאַרשטיין, באַנעמען אַלץ אַזוי עמעסדיק, ווי ס'איז. ער זאָל פאַרשטיין, פאַרוואָס בין איך געקומען אַהער, פאַרוואָס שטיי איך דאָ אַ טיף־באַטריבטער לעבן זיין פּרויס קיִווער. נאָר איך האָב ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. איך האָב אין דער מינוט זיך געפילט, ווי אַ פאַרברעכער, וועמען מע האָט געכאַפּט פאַר דער האַנט און ס'איז שוין ניט שייך זיך צו פאַרענטפערן, דערקלערן, זיך באַרעכטיקן. איך האָב געטאָן זייער ניט גוט. איך האָב ניט געדאַרפט אַליין גיין אַהער צו איר קיִווער. געדאַרפט פריִער זיך זען מיט אים, כאָטש אָנקלינגען אים און צוזאַמען מיט אים קומען אַהער. דעמלט וואָלט עס אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש.
און איצט?.. איך בין גרייט געווען אַרומנעמען אים, צודריקן צו זיך. זיך אויסוויינען אויף זיין אַקסל, זאָגן אים, דערקלערן אים, איבערצייגן אים. איך בין גרייט געווען אויסהערן פון אים די שאַרפסטע, ביטערסטע ווערטער. איך האָב אויף דעם געוואַרט, געוואַרט, ער זאָל מיר עס זאָגן. ער האָט איצט געהאַט פולע רעכט אויף דעם. ער האָט מיך געדאַרפט אויסזידלען, אַוועקטרייבן, ניט לאָזן שטיין דאָ באַ איר קיִווער. איך האָב געוואַרט אויף דעם. גרייט געווען, ער זאָל אויסגיסן אויף מיר זיין צאָרן. דעמלט וואָלט מיר גרינגער געווען.
נאָר ער האָט געשוויגן. גאָרנישט ניט געזאָגט. ניט געפרעגט. געשטאַנען אַ טיף־פאַרזאָרגטער, אַריינגעטאָן אינגאַנצן אין זיך, היפּש אַזוי, ביז ער האָט באַמערקט דעם קרוג מיט די צונטער־רויטע זאַפטיקע געאָרגינעס.
— דאָס האָט איר? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן, אָנקוקנדיק מיך מיט אַ מיטפילנדיקן בליק.
איך האָב שווייגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.
— וויאַזוי?.. פונוואַנען?.. וויאַזוי האָט איר זיך דערוווּסט? — ער האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען דעם קרוג מיט די געאָרגינעס און אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס פון קיִווער.
ניט רירנדיק זיך פון אָרט, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב ניט געוואָגט אים באַאומרויִקן. דעריבער האָב איך אָנגעקלונגען דער שוועסטער און באַ איר זיך אַלץ דערוווּסט.
— זי האָט מיר געזאָגט, אַז איר קומט יעדן טאָג אַהער, און אָט האָבן מיר זיך געטראָפן. נאָר דאָך טוט מיר באַנק, וואָס איך האָב אייך פריִער ניט אָנגעקלונגען, ניט געווען באַ אייך...
— איר ווערט דאָ לאַנג זאַמען? — האָט ער שטיל געפרעגט.
— ניין, איך פאָר היינט צוריק, — האָב איך געענטפערט.
מיר זיינען נאָך אַ היפּשע צייט געשטאַנען באַם קיִווער, נאָכדעם צוזאַמען אַוועק. פאַמעלעך זיינען מיר געגאַנגען, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט. אויסערן בעסוילעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויף מיר זיין טרויעריקן בליק און נאָכדעם פאַרזאָרגט זיך אָנגערופן:

— עפשער וועט איר צופאָרן צו אונדז? כאָטש אַף א ווײַלע. איר וועט זיך זען מיט שאָלעמען. איר האָט דאָך אים שוין לאנג ניט געזען. ווען האָט איר געזען אים? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— לאנג. זייער לאנג. אין פינף־און־פערציקסטן. ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון בערלין.

— מיט דרײַסיק יאָר צוריק? — האָט ער זיך פארוווּנדערט. — און מער האָט איר אים ניט געזען? פארוואָס? און איצט... ווילט איר אים גאָר ניט זען? ער איז זייער א גראָטעטנער. א פייַקער. א גלענצנדיקער פידלער. נאָר אן עלנטער. אים איז שוין פינף און דרײַסיק יאָר, און ער האָט קיינעם ניט. ער איז נאָך א באָכער. עפשער וואָלט איר זיך מיט אים דורכגערעדט. איר וואָלט עפשער געווירקט אַף אים. וויפל איז דער שיר. וואָס וועט זײַן נאָכדעם... נו, קאָלזמאַן איך לעב. אָבער נאָכדעם? שולאָמיס איז ווײַט, זייער ווײַט. ער וועט דאָך פארבלײַבן איינער אליין. ווי־אזוי וועט ער לעבן, אן עלנטער? הײַנט וואָלט איר זיך נאָך געקענט זען מיט אים, אין א פּאָר טעג ארום פאָרט ער מיט זײַן אנסאמבל אפן „באַם"...

מיר האָט זיך זייער געוואָלט זען מיט אים, מיט שאָלעמען, וואָס איך בין געווען יענער, וועלכער האָט גוירעם געווען זײַן קומען אַף דער וועלט, איך האָב געוואָלט נאָכאמאָל ארײַן אין דער שטוב, ווו זי האָט געלעבט, ווו יעדע זאך דערמאָנט אין איר, זײַן אין אָט די שווערע מינוטן כאָטש א ביסל מיט איר מאַן, מיט גענאדי לוואָוויטשן, וועמען איך האָב אי געאכטעט, אי ליב געהאט. נאָר איך האָב פארשטאנען, אז איך דאַרף עס ניט טאָן, טאָר עס ניט טאָן. עס וואָלט, מעגלעך, פארשטאַרקט אין אים דעם אומזיסטן כשאַד, וואָס האָט פון צײַט צו צײַט זיך פארגאנוועט צו אים אין הארצן.

פון בעסוילעם בין איך גלײַך אוועקגעפאָרן צום אעראָוואָקזאל און באוויזן נעמען א בילעט אפן לײַנער קיין מאָסקווע. פליִענדיק, האָב איך א טראכט געטאָן, אז ניט גענאדי לוואָוויטש, ניט איך האָבן פאר די פּאָר שאָ, וואָס מיר זײַנען געווען צוזאמען, קיין איין מאָל ניט דערמאָנט יויכע־ווערדס נאָמען. איך האָב דאָס אליין ניט געקענט פארשטיין. געפינענדיק זיך העכער די וואָלקנס, צען קילאָמעטער איבער דעם ערדקײַלעך, וואָס האָט זיך געדרייט ארום זײַן אקס צוזאמען מיט יויכעווערדס קייווער, האָב איך קלאָר פארשטאנען, אז אין מעשעך פון יאָרן, זינט דעם אָוונט נאָך מײַן ערשטן קאָנצערט אין לענינגראד, ווען איך האָב ווידער זיך באגעגנט מיט איר, מיט מײַן יוגנט־ליבע, מיט יויכעווערדן, און זיך באקענט מיט גענאדי לוואָוויטשן, האָב איך אים אומזיסט און אומנישט פארביטערט, פארסאמט דאָס לעבן, פארשאפט אים פּײַנפולע ליידן. איך וועל זיך עס קיינמאָל ניט מויכל זײַן. איך בין מאמעש א פארברעכער — אן אומשולדי־קער, נאָר פאָרט א פארברעכער.

פון מאָסקווע קיין טשיטא האָב איך באשטימט פאָרן מיטן צוג, קעדיי אין מעשעך פון די זעקס מעסלעס וועג אלץ דורכטראכטן, באקלערן, קומען ווי־עס־איז צו־זיך. און אָט, מאמעש עטלעכע מינוט פאַרן אָפּגיין פון צוג, האָב איך געקראָגן א בילעט.

...מײַן מיטפאָרער, סאָלאָמאָן זאָנענטאל, האָט גערעדט אָן אן אָפּשטעל,

ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אַז ער וועט פּאָרט ניט באַוויַזן צו אויסדערציילן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט בא אים אַפן האַרצן און אים געמאַטערט.

דער צוג האָט זיך שוין דערנעענטערט צו טשיטאַ. אין דרויסן האָט געווילדעוועט אַ סיבירער ווינט. די וויוגע האָט פאַרשיַיט געשמיסן מיט שניי, פאַרליאַפּעט דאָס וואַגאָן־פענצטער, געפּיַיפט, געברומט, זיך פאַרגאַנגען אין אַ פאַרצווייפלטן געוואָי, פונעם וואַגאָן־פענצטער האָט געצויגן מיט קעלט. מיַין מיטפאָרער איז געשטאַנען מיטן מאַנטל אין האַנט אין אונדזער שוואַך באַלויכטענער קופּע און נאָך אַלץ פאַרכאַפּט גערעדט:

— קאָלזמאַן זי האָט געלעבט, בין איך געווען ניט אַליין אַף דער וועלט. פונעם געדאַנק, אַז זי איז דאָ, זאָל זיַין וויַיט פון מיר, אָבער זי איז דאָ, איז מיר שוין געווען גוט. איצט בין איך פאַרבליבן איין־אַליין. איך האָב קיינעם ניט. ניט קיין קינד, ניט קיין רינד, און איך וועל שוין קיינעם ניט האָבן, קיינער וועט זי מיר ניט פאַרביַיטן. מיַין איינציקער פריַינט בליַיבט דער וויִאָלאָנטשעל. אפילע אים, גענאַדי לוואָוויטשן, דעם מאַן אירן, וועל איך שוין מער קיינמאָל ניט זען, אויך ניט שאָלעמען, ניט שולאַמיסן. אין זייער דירע אַף בראָדסקי־גאַס וועל איך שוין אויך מער ניט זיַין. זאָל ער פאַרגעסן אין מיר.

איך האָב קיינמאָל ניט געוואָלט טאָן עמעצן שלעכטס, קיינעם, און דאָך אומגערן געטאָן. געטראַכט וועגן זיך און ניט וועגן יענעם, קיין דיך־וועכעזשבן זיך ניט אָפּגעגעבן.

דער צוג איז שוין היפּש געשטאַנען אַף דער סטאַנציע. די וואַגאָן־באַגלייטערן האָט ווידער דערמאָנט מיַין מיטפאָרער, אַז מיר זיַינען אין טשיטאַ. אַ צעשטרייטער האָט זאָנענטאַל געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן און זיך געלאָזט גיין. ס׳האָט מיר באַנק געטאָן, וואָס מיר צעשיידן זיך. איך האָב, שוין גייענדיק אין קאָרידאָר, געהאָלפן אים אָנטאָן דעם געקעסטלטן מאַנטל, מיט וועלכן ער האָט געהאַט צוגעדעקט בעשאַס דעם רעגן איר, יויכעוועדס, קייוועך. אין אָפּענעם טאַמבור האָט געוואָיעט די וויוגע. געשאָטן מיט שניי. ער האָט זיך פאַרהאַלטן, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר די וואַגאָן־באַגלייטערן האָט אים אונטערגעיַילט. שיר ניט פאַלנדיק, איז ער אַראָפּגעשטיגן פון די גליטשיקע טרעפּלעך, און איך, אַ פאַרקאָליִעטער, אין דער פּיזשאַמע, בין אוועקגעלאָפן כאַפּן אַף זיך דעם מאַנטל. אַפן טעפּיך לעבן סאַמע טיר פון אונדזער קופּע האָב איך באַמערקט אַ געפּאַקטן קאָנווערט, וועלכן ער האָט, קאָנטיק, אין איַילעניש פאַרלאָרן. כ׳האָב אופגעהויבן דעם פּאַקעט, געכאַפּט אַ קוק. ער איז אַדרעסירט געווען קיין לענינגראַד אַף בראָדסקי־גאַס, גענאַדי לוואָוויטשן ראַבונסקין. מיר האָט זיך פאַרוואָלט עפענען דעם קאָנווערט און וויסן, וואָס שריַיבט ער צו יויכעוועדס מאַן, נאָר איך האָב אָפּגעוואָרפן אַזאַ געדאַנק. ניט אָנטועענדיק אַף זיך דעם מאַנטל, האָב איך אין איין פּיזשאַמע זיך געלאָזט לויפן מיטן פּאַקעט. שוין פון טאַמבור האָב איך דורכן שניי־געווירבל דערזען זאָנענטאַלן אַנטקעגן אַף דער פּוסטער

באנאַכטיקער פּלאַטפאָרמע. ער איז געשטאַנען מיטן טשעמאָדאַן אין דער האַנט, די צעלאָזענע פּאַטלע האָר באַדעקט מיט שניי. אַ צעטראָגענער האָט ער געקוקט אַפן צוג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן רירן. איך האָב אַ געשריי געטאָן צו אים. ער האָט ניט געהערט, דער ווינט האָט געפּײַפט. איך האָב ווידער אַ געשריי געטאָן, ווײַזנדיק אַפן קאָנוווערט. ער האָט זיך אומגעקוקט. מיך דערזען. מיט אַלע קויכעס האָב איך אַ שלײַדער געטאָן דעם פּאַקעט צו אים אַף דער פּלאַטפאָרמע. דער ווינט האָט דעם פּאַקעט אונטערגעכאַפּט, פאַרדרייט צוזאַמען מיטן ווירבלענדיקן שניי, אַ טראָג געטאָן אין דער הייך, אַ שמיץ געטאָן אַראָפּ און צוזאַמען מיטן שניי פאַר־טראָגן אים ערגעץ צווישן די רעלסן, איבער וועלכע עס האָבן שוין האַס־טיק געקלאַפּט די רעדער פונעם וואַגאָן.

און די וויוגע האָט געדרייט, און די וויוגע האָט געברומט, געפּײַפט, געוואָיעט...

בעדייטונגען
און
פארטייטשונגען

באַנאַכט אויף פּאַשע

שעפּע מאַטיגע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף יאַנינקען. ער האָט דערווײַל אַראָפּגעלייגט די ציגל פונעם אויסגעשפּאַנטן שטויביקן וואָגן און האָט זיי צונויפגעלייגט אין דער ניט־דערבויטער שטאַל, וועלכע איז געשטאַנען מיט נאַקעטע, ווײַס־געשיילטע קראָקוועס צום בלוי־ציטערנעם הימל. שעפּע האָט בעשאַסמײַסע געפילט, ווי אויפן האַרצן גליטשט זיך בײַ אים אַ גלאַטיק שטיקל אײַז, אָט קיצלט עס דעם רעכטן טייל האַרץ און אָט דעם לינקן, דעם אונטערשטן טייל.

וואָלט זי שוין קומען, יאַנינקע. בײַם אַראָפּנעמען די ציגל פון וואָגן פלעגט שעפּע יעדעס מאָל זיך אויסדרייען צום סטעפּ, פאַרהייבן דעם צעדריבלטן שטרויענעם הוט, וואָס האָט זיך בײַ אים געהאַלטן אויף די געדיכטע שוואַרצע ברעמען, און געזשמורעט די אויגן, זיך אומגעקוקט צו דעם גאַנץ ווײַטן ;אַרטעזיאַנישן ברונעם, ווו יעדן אָוונט, בײַם זון־פאַרגאַנג, טרינקט מען אָן די טשערעדע פון די לאַנגע הילצערנע קאָרעטעס.

נאָך וואָס האָט זי, יאַנינקע, געדאַרפט אײַנמיטנדערינען, פלוצלינג, גיין באַגעגענען די טשערעדע? וואָסי, די בעהיימעס וועלן אַליין ניט טרעפן דעם וועג? און די פערד זײַנען שוין אוואַדע הונגעריק. נאָר אָן יאַנינקען וועט שעפּע זיי אויף פּאַשע ניט פירן. ער וועט אַזוי שוין אָן אומרו:קער זיך אײַסעקן אַרום די ציגל, אַרום די קלעצער. ער וועט זיך אויסזוכן קאָלערלײַ אַרבעטן, וואָס זײַנען גאָר איצט ניט נייטיק. ער וועט זיך אַזוי אַרומדרייען, ביז יאַנינקע וועט ניט קומען מיט דער פאַרנאַכטיקער שטויביקער טשערעדע. דעמלט וועלן זיי ביידע זיך זעצן אויף די פערד און אוועקרײַטן אויף די היי־לאָנקעס פּאַשען דאָרט אין אָט דער וואַרעמער זומערדיקער נאַכט די קאָלעקטיווע פערד.

די אַלושטער גניאַדע שקאַפּע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ מיט דער שײנער גריווע צום סטעפּ, צום שלענגלדיקן שליאַך, וואָס ציט זיך באַרג־אַרויף צווישן די באַגילדעטע ווײַצענע פעלדער, צום יונגן, ניט לאַנג־אויפגעקומענעם דאָ, שכיינעסדיקן ייִדישן דאָרף. מיט די גרויסע אומעטיקע אויגן האָט די שקאַפּע זיך פאַרקוקט אויף דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס האָט זיך, ווי אַ יונג רויט לאָשעקל, באַהאַלטן הינטער די גרינע צווײַגן פונעם סעדל אויסערן ייִשעוו. איבער די לײַכטע וואָלקנדלעך, וואָס זײַנען שטיל געשוווּמען איבער דעם סעדל, האָט זיך צעגאָסן אַ קופּערנער אָפּגלאַנץ.

ווער האָט געקענט זיך ריכטן, אז אזא גאָלדענער זון־פארגאנג קאָן ברענגען א שלאַקסרעגנדיקע, שטורעמדיקע נאכט?

שעפּע מאָטיגע איז צוגעגאנגען צום נידעריקן זאהאָן אין עק הויף און האָט פאנאנדערגעקניפּט די שטריקענע פארמיסטיקטע פענטעס. ער האָט זיך פארטראכט וועגן די האיאַריקע גרויסע היצן, וואָס פארען און טריקענען פון טאָג צו טאָג אלץ מער די ערד, און די טווע אין פעלד הייבט אָן פריציַיטיק געלן, ניט בעסער איז אויך מיט די הודינעס אפן באשטאָן. נאָכדעם האָט ער א טראכט געטאָן, אז יאנינקע וועט עפשער גאָר ניט וועלן פאָרן היַינטיקע נאכט די פערד פּאשען, און אומזיסט האלט ער זיי הונגעריקע אין זאהאָן. שוין לאנג ציַיט געווען ארויספירן זיי אף דער פּאשע.

שעפּע האָט ניט באמערקט, ווי ער האָט אלץ געפּלאָנטערט שוין א לאנג אויסגעפּלאָנטערטע פענטע. אָנגעשפּארט מיטביידע עלנבויגנס אָן דער זאווּאלע פון זאהאָן, האָט ער זיך פארקוקט אהין, צו דער אויסגעטריקנטער באלקע, פונוואנען עס האָט זיך דערטראָגן א וויַיטער געזאנג.

אייערנעכטן, בעשאס זיי האָבן געיעט די קוקורוזע דאָרט אין דער באלקע, האָט יאנינקע א שמייכל געטאָן צו אים, נאָכדעם צוגעגאנגען און פריילעך א פרעג געגעבן:

— פּיאָדאָרן קענסטו, אנצאקאָווסקין?

יאָ, ער קען פּיאָדאָרן. פארוואָס זאָל ער אים ניט קענען? ער איז דאָך פאָרזיצער פון אויט־זשורצער ראט.

— אף וואָס דארפסטו פּיאָדאָרן?

זי האָט זיך צעלאכט און אוועקגעלאָפן צו איר דעליאנקע.

און נעכטן באם מויערן די שטאל האָט זי געזאָגט, אלע האָבן געהערט, אז אזוי גוט צו ארבעטן ווי מיט אים, מיט שעפּען, איז מיט קיינעם ניט. זי וועט שטענדיק ארבעטן מיט אים. ס'ארבעט זיך גאָר בעסער.

— דו ביסט, שעפּע, געזונט, ווי א מויער. ביסט געזינטער פאר אונדזער אָגער, אף מיַין וואָרט, ביסט שטארקער.

— הממ...— האָט ער דעמלט צופרידן א ברום געטאָן.

אים איז אויך גוט, ווען עס קומט אים אויס ארבעטן צוזאמען מיט יאנינקען. ער וועט נאָך וויַיזן, וואָס ער קאָן. אָט האָט ער היַינט אליין אראָפּגעבראכט די קלעצער און ציגל. קיינער האָט נאָך אזויפיל ציגל און אזויפיל קלעצער פאר איין טאָג ניט אראָפּגעבראכט.

איבערן הויף, וואָס איז געווען פון אלע זיַיטן אָנגעשטעלט מיט וועגענער, מאזשארעס, הארבעס, שניַיד־מאשינעס און פארוואלגערט מיט קלעצער און ציגל, האָט זיך דערטראָגן א מעקען פון די אָנקומענדיקע בעהיימעס.

די ראבע שווער־איַיטערדיקע בעהיימע האָט פארשליַידערט דעם לאנגן עק אינדערלופטן און זיך געלאָזט צום גאָרטן, פון וועלכן עס האָט געשמעקט מיט ריַיפגעוואָרענע אוגערקעס, קאווענעס און דיניעס. א באָרוועסע, מיט ברייט צעשפּרייטע הענט איז יאנינקע איר פארלאָפן דעם וועג און פארנומען זי אף צוריק.

דאָס ליַיכטע ציצענע קליידל האָט שיין ארומגעכאַפּט יאַנינקעס שלאַנקן קערפּער, ליַיכט זיך געפּאַלדעוועט און בוילעט אויסגעטיילט אירע שטיַיפע מיידלשע גלידער.

שעפע האָט ניט געקאָנט אָפּפירן דעם בליק פון איר.

— האָסט נאָך ניט ארויסגעפירט די פערד אף פּאַשע? — האָט יאַנינקע מיט פאַרדראָס זיך אָנגערופן, דערזעענדיק אים שטיין לעבן זאַהאָן.

— כ'האָב דערוויַיל... זעסט, די ציגל... — האָט שעפע פאַרלוירן גע־זאָגט, העלפנדיק איר צובינדן די בעהיימע, — כ'וואַרט דאָך אף דיר. מיר וועלן באַלד ארויספירן...

— וואָס נאָך?! — האָט יאַנינקע זיך אָנגערופן ניט צו שעפען, נאָר צו דער בעהיימע מיטן וויַיסן קאָפּ, און א שטויס זי געטאָן א ביסל אָן א זיַיט. — נו, נעם צו דעם פוס... נעם צו...

שעפע האָט אָנגעהויבן ווישן דאָס רעכטע אויג, נאָכדעם דאָס לינקע. ס'איז אַלעמאָל אזוי מיט אים, ווען ער פאַרלירט זיך. „ווילסט ניט, דאַרף מען ניט, — האָט ער א טראַכט געטאָן, — איך וועל אַליין פאָרן פּאַשען. איך וועל מיטנעמען מיט זיך דעם הונט, וועט זיַין פריילעכער. ווו האָב איך דאָס אוועקגעלייגט די פּענטעס?"

— נאַ דיר גאָר אזאַ זאַך! היַינט איז סיַידן מיַין ריי? ווער האָט עס איַינגעטיילט? — האָט יאַנינקע זיך ווידער אָנגערופן, ניט אומקוקנדיק זיך אף אים. זי האָט פאַרוקט דאָס קליידל צווישן די פיס, זיך צוגעזעצט אף די שפּיץ פינגער און מיט א טיכלקע גענומען אויסווישן בא דער בעהיימע די וואַרעמע איַיטערס.

— ווי דו ווילסט זיך, — האָט שעפע א ברום געטאָן און אוועק אין שטאַל זוכן די פּענטעס.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל אין דרויסן, ווען אפן עק גאַס האָט זיך דערטראָגן א טאָפּטשען פון ניט־געצוימטע פערד. דאָס האָבן שעפע און יאַנינקע ארויסגעפירט די פערד פונעם קאָלעקטיוו „אופגאַנג" אף נאַכט־פּאַשע. יאַנינקע איז געווען ניט צופרידן. זי האָט זיך גאָר געקליבן גיין אין דזשעלאַל אפן דאָרפישן קאָמיוגישן אָוונט, דאָרט וועט דאָך געוויס זיַין פּיאַדאָר. ער וועט זיכער קומען. ער רעכנט דאָך, אז זי וועט אויך זיַין. און זי פּילט, אז זי מוז אים זען, פונקט ווי מע מוז איצט האָבן א רעגן אף די פעלדער. איז וואָס וויל פון איר שעפע? זי וועט מאָרגן פּאַשען די פערד! פּיאַדאָר וועט דאָרט דאָך געוויס וואַרטן אף איר. און עפשער איז אזוי גליַיכער. זאָל ער וואַרטן, זאָל ער זען, אז איר גייט דאָס שטאַרק ניט אָן.

די גניאַדע שקאַפּע, אף וועלכער ס'איז געריטן יאַנינקע, האָט שטאַרק געוואָרפן מיט די הינטערשטע פיס און פריילעך צוגעהירזשעט צו די איבע־ריקע פערד, וואָס זיַינען געווען צוגעבונדן צו איר צויַימל. בא דער זיַיט איז אפן בולאַנעם אָגער געריטן שעפע.

בא שעפען איז עפשער נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי גוט אפן הארצן. איבער דעם בלויען קרימער הימל האָט זיך געצאַפּלט א גרויסע וויַיסע

לעוואַנע, ווי א קײַלעכדיק באַזילבערטער קירבעס אַף די שטילע בלויע וואַסערן פון יאַם. א מעכטיעדיקע קילע בלויקייט האָט געטריפט אַף די פעלדער און ארומגענומען אים, יאַנינקען און די פערד פון אלע זײַטן. אַפן סטעפּ איז געווען שטיל, און נאָר פון הינטער דעם דזשעלאַלער בארג האָט פון צײַט צו צײַט זיך דערטראָגן אַן אָפּהילך פון א ווײַטן געזאַנג. דאָס איז די יוגנט פון זייער יִשעוו אוועק אין דעם דערבײַיִקן יִדישן דאָרף אַפן קאַמיוגישן אָוונט.

— שעפּע, — האָט מיטאַמאָל יאַנינקע זיך אָנגערופן, אויסדרייענדיק זיך צו אים, — שעפּע, — זי האָט זייער ווארעם א קוק געטאָן אַף אים מיט די גרויסע בלויע אויגן.

שעפּע האָט דערפילט, ווי א יונג קעלבעלע האָט מיט איר הייסן גליטשיקן צינגל א לעק געטאָן אים דאָס הארץ.

— וואָסי, יאַנינקע, האַ? — האָט ער צופרידן געפרעגט.

— ווייסט וואָס, שעפּע, — האָט זי שטיל זיך אָנגערופן, — זײַ א יאַט. וואָס דאַרפסטו מיך? ווּעסט זיך סײַדן אליין ניט ספראווען? פּאַשע דו הײַנט, און איך וועל מאָרגן. נאָ דיר די פערד. זײַ א יאַט, שעפּע...

שעפּע האָט זיך אָנגעכמורעט. גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט א זעץ געטאָן מיט די באָרוועסע פיס דעם אָגער אונטערן בויך און איז אוועק אין גאַלאָפּ.

— וואַרט צו, פלי ניט אזוי! — האָט יאַנינקע אים נאָכגעשריִען. — וואָס פליסטו, ווי א מעשוגענער?!

אַנשל קאָבליצער, דער קאָניוך פונעם שכיינעסדיקן קאָלעקטיוו „פּרייִנג״, איז געגאַנגען צו זיך אהיים, קיין פרײַדאָרף. פון דעם באַשטאָן האָט ער געהאַט פארקערעוועט מיט דער קרומער מעזשע אין שכיינעסדיקן רוסישן דאָרף. ער האָט דאָרט געדאַרפט צוזוכן א פּאַראָדיסטן אָגער פאַר דער קאַשטאַנעווער שקאַפּע. שוין עטלעכע טעג, ווי די שקאַפּע איז אומרוִיק, ווילדעוועט, רײַסט דעם שפּאַן, צעטראָגט דעם וואָגן. ער לאָזט זי ניט אָפּ פון אויג. מאַלע וואָס פאַר אַן אָגער, וואָס פאַר א טויגעניכץ קאָן אָנשפּרינגען. וואָס פאַר א קאָניוך וואָלט ער געווען, ווען ער זאָל עס ניט האָבן אין אויג? גלאַט אזוי אַן אָגער וועט ער צו דער שקאַפּע ניט צולאָזן. ער וועט צוזוכן פאַר איר אַן אָגער פון דער בעסטער פּאַראָדע. און לאָשעקעס דאַרפן בא זיי זײַן איבעראיאָר, אַז מע זאָל זיי קענען גלײַך אַף אַן אויסשטעלונג ווײַזן. איצט איז אַנשל געגאַנגען צום רוסישן פויער. זײַן שווארצער אָגער איז אים זייער געפעלן. גאַנצפרי וועט דער פויער אים ברענגען צו פירן צו דער שקאַפּע. ער איז צופרידן, אַנשל. ער האָט אָפּגעטאָן א וויכטיק שטיקל ארבעט.

פארטראָגן מיט זײַנע געדאַנקען, האָט אַנשל מיטאַמאָל באַמערקט אין דער אָוונטיקער טונקלקײַט די פערד, וואָס האָבן, אופהייבנדיק א נידעריקן שטויב, זיך אַנגעטראָגן אַנטקעגן.

— ווער איז? — האָט ער אויסגערופן. — יאַנינקע? דאָס ביסטו?

יאנינקע האָט שוואַך אַ צי געטאָן דאָס צײַמל. די פערד זײַנען, שטיל אונטערסאָפּענדיק, געבליבן שטיין.

אַנשל קאַבליצער האָט פאַרשאַרט אַף אַרויף די גאָלע קוטשמע האַר און צוגעגאַנגען נעענטער צום מיידל.

— ע־ע־ע, וווהין, יאַנינקע טײַערע, יאַזדעוועט מען דאָס?..— האָט ער געשמייכלט צו איר מיט שלמישע פֿײַערלעך אין די ברענענדיקע אויגן.

יאַנינקע האָט גלײַכגילטיק אַראָפּגעטריבן אַ גרויסע פליג בײַ דער שקאַפּע פונעם האַלדז.

— און פונוואַנען שפּאַצירסטו עס? אײַער ערד איז, דוכט זיך, גאַר לעבן דעם אַלטן ברונעם?

אַנשל האָט אָפּגעשטויסן די גניאַדע שקאַפּע און איז אַרײַן צווישן די פערד.

— פונוואַנען? זעסט דאָך, פון מאַנטאַני. אָך איז דאָרט פאַראַן אַן אַגער! אַ דרײַערל וועט עס מיך קאָסטן, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, יאַנינקע, אָבער אַ לאַשעק וועט די שקאַפּע אונדז געבן, אױ־װאָ! ס׳וועט זײַן דאָס, וואָס מע דאַרף, געראָטן אין דיר, יאַנינקע...

— אין דיר! — האָט שעפּע פאַרלוירן אַ מורמל געטאָן.

אַנשל האָט זיך אַף אים אפילע ניט אומגעקוקט, צוגעגאַנגען האַרט צו יאַנינקען און אָנגענומען זי באַם נאַקעטן פוס.

— לאָז אָפּ, לאָז אָפּ, דו הערסט צי ניט, — האָט יאַנינקע געדריגעט מיטן פוס און געלאַכט.

אַנשל איז עטוואָס אָפּגעטראָטן, נאָר דאָס מויל האָט זיך בײַ אים ניט פאַרמאַכט:

— ווען דו קוקסט אים אָן. אָט דאָס הייסט אַן אַגער! אַ גוואַר, אַ בעסטיע!.. ס׳וועט פון אים אַרויסקומען דער עמעסער לאַשאַק, דער רועך זאָל עס נעמען. אַ פאַרטיק פערד וועט געבאָרן ווערן, ווי דו קוקסט מיך אָן, יאַנינקע טײַערע, מיט דײַנע פלאַמיקע בעקעלעך, געזונט זאָלן זיי מיר זײַן.

— פאַר צולאָזן צו דער שקאַפּע אַ דרײַערל? וואָס רעדסטו, אַנשל?

— פאַר אַזאַ אַגער איז באַדײַ דאָס העמד אויסטאָן...

שעפּע האָט מיט אומצופרידנקײַט אַ צי געטאָן דאָס צײַמל.

— די פערד זײַנען הונגעריק, — האָט ער אָנגעכמורעט זיך אָנגערופן צו יאַנינקען, — איז וואָס האָסטו זיך אוועקגעשטעלט פּלאַפּלען דאָ?..

— וואַרט, מיר פאָרן. נו, אַנשל, טרעט אָפּ, לאָז אָפּ דאָס צײַמל.

— עך, יאַנינקע, בין איך אים מעקאַנע! — האָט ער אַ ווײַז געטאָן אַף שעפּען.

— גיי, גיי, — האָט יאַנינקע אים לײַכט אַ שטויס געטאָן.

— שטויס זיך ניט, יאַנינקעלע, פּאַמעלעכער. זעסט, סאַראַ לעוואָנע עס שײַנט אין קוימען אַרײַן. וואָס טרײַבסטו מיך?

— איך טרײַב ניט. אַדעראַבע, ווילסט, קום מיט אונדז, — האָט זי אויס־גערופן, — קום טאַקע, וועט זײַן פריילעכער. זעץ זיך אַף אונדזער אַגער. ער בונטעוועט זיך.

— אויך מיר אַן אָגער, — האָט אַנשל זיך צעלאַכט, — קום מאָרגן צו אונדז, וועסטו זען אַן אָגער. אַז מע לאָזט אים אַרײַן אין טאַבון, הייבן אָן די שקאַפּעס ציטערן, ווי בעסטיעס הונגעריקע...

— נו, געַנוג, — האָט שעפּע פאַרשטיקט זיך אָנגערופן.

אַנשל האָט נאָכאַמאָל א קוק געטאָן מיט ביטל אַפן בולאַנעם אָגער, אַף שעפּען און איז מיט גיכע טריט אַוועק.

שעפּע מיט יאַנינקען האָבן געפּענטעט די פערד, געלאָזט זיי זיך פּאַשען און אַוועק אָפּזוכן אַן אָרט, וווּ זיך צולייגן א ביסל אָפּרוען. דאָס גראָז איז אַרום געווען נידעריק און שיטער. זיי האָבן אָפּגעזוכט אַראָפּ־באַלקע א געדיכט שטיקל היי־לאָנקע. שעפּע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני און ניט געוווּסט, צי בלײַבן אַזוי זיצן, צי צולייגן זיך. יאַנינקע איז נאָך א היפּשע ווײַל געשטאַנען און באַטראַכט די פערד, וואָס זײַנען ניט ווײַט דערבײַ אַרומגעשפּרונגען מיט די געפּענטעטע פיס. נאָכדעם האָט זי פאַרקעמט די קורץ־אונטערגעשאָרענע האָר, פאַרוקט דאָס לײַכטע ציצענע קליידל צווישן אירע שיינע פיס, זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן היי און זיך אויסגעצויגן לעבן שעפּען.

די ערד איז נאָך געווען וואַרעם פון דער באַטאָגיקער זון. דער סטעפּ האָט שוין לאַנג געדאָרשט נאָך א טרונק, נאָך א גוסרעגן, וואָס זאָל זי אָפּפרישן, אָנטרינקען. נאָר קיין רעגנס זײַנען ניט געגאַנגען. די הויכע בערג, וואָס זעען אויס פונדערווײַטן זייער בלוי און גאָר ניט אַזוי הויך, האָבן פאַרהאַלטן די אָפּטע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געטראָגן פונעם יאַם, אַף דער דאָרעם־זײַט, און שוין צופיל געוויקט די בערגיקע דאָרעם־געגנט מיט אירע ווײַנגערטנער און קיפּאַריסן, און די צווייטע זײַט הימל, די צאָפנדיקע, פלעגט בלײַבן א ריינע, א דורכזיכטיקע, א בלויע, און קיין רעגנס זײַנען א גאַנצן זומער ניט געגאַנגען. איצט איז די ערד שוין געווען געלבלעך און זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן פריִער אַף גאָר קלייניקע שפּעלטעלעך, דורך וועלכע ס׳האָט נאָר א מוראשקעלע געקענט דורכקריכן, און שפּעטער אַף גרעסערע און גרעסערע.

די ערד האָט געפּאַכעט מיטן לעצטן אָטעם, און דער הימל איז געבליבן אַלץ אַזוי דורכזיכטיק ריין, ווי אַלטער אויסגעשטאַנענער ווײַן אין די קעלערן פון אָרעאַנדע.

און וואָס האָבן באַדאַרפט די שוואַרץ־אַרומגעבראַווינטע פאַרזאָרגטע נײַע ייִדישע פּויערים אויסער דעם, אַז די ערשטע אופגעאַקערטע און פאַרזייטע פעלדער זאָלן וואַקסן גרין און זאַפטיק, ביז די זאַנגען וועלן זיך צעבלײַען און אָנגיסן זיך מיט גרינעם זיסן קליאַק און נאָכדעם צוביסלעך אָנהייבן געלן, צײַטיקן, איבערגיסן זיך אין גינגאָלד און פאַרוואַנדלט ווערן אין געראָטענע, געדיכטע פּילזאַנגענדיקע פעלדער?

יאַנינקע האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער לאַנקע מיטן פּאָנעם אַראָפּ, ווי זי וואָלט וועלן אַרומנעמען די ערד מיט די שאַרף־שמעקנדיקע געוויקסן און צודריקן צו אירע הייסע צאַפּלדיקע בריסט. עס האָט זי שטיל געבאַגט דאָס האַרץ, און געטראַכט האָט זי וועגן דעם קאָמיוגישן אָוונט מיט מוזיק

און טענץ, וואָס קומט איצט פאַר אינעם ניט לאַנג אופגעקומענעם דאָ בישכיינעס נייעם יידישן דאָרף.

דער ערשטמייִקער אָוונט איז אויך פאַרגעקומען דאָרט. דער ענגער קלוב איז אָנגעפאַקט געווען מיט יאַטן און מיידלעך. ווי נאָר זי איז אַהין אריין, האָט זי באַמערקט פיאַדאָרן. ער האָט מיט עמעצן גערעדט. זי האָט פּאַמעלעך, ניט געיילט דורכגעשפּאַנט פאַרביי. צו אים איז זי ניט צוגעגאַנגען. פאַרקערט, זי איז אוועק אין דער אַנטקעגנדיקער זייט און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער נידעריקער וואַנט. דערביי איז געהאַנגען עפּעס א פּלאַקאַט. זי האָט געקוקט אַף אים, געלייענט און גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. פּלוצלינג האָט זי דערפילט אַף אירע אַקסלען עמעצנס וואַרעמע הענט. הינטער איר איז געשטאַנען פיאַדאָר.

— יאַנינאַ, וואָס לייענסטו?

— זעסט דאָך, — האָט זי אויסגעדרייט צו אים דאָס עטוואָס פאַרפּלאָנטע פּאָנעם.

— אוואַדע זע איך... ס'איז דאָך נאָך א פאַראיאָריקער, — האָט ער זיך צעשמייכלט.

„סאַרא וווּנדערלעכע ציין”, — האָט זי דעמלט א טראַכט געטאָן און האָט אים, דאַכט זיך, א ריר געטאָן אפילע מיט דער האַנט פאַר דער טשופּרינע.

— פאַרוואָס פאַרקעמסטו זיך ניט, הא, פיאַדאָר? — זי האָט אַרויסגעשלעפּט איר גרין קעמעלע פון די אונטערגעשאָרענע האָר, — קום, כ'ל דיר פאַרקעמען...

שעפּע האָט שוין געהאַט אויסגעריסן עטלעכע היי־שטענגלעך און עס געקייט. נאָכדעם איז אים נימעס געוואָרן דאָס קייען, די קינבאַקן האָבן אָנגעהויבן ווייטאָן, האָט ער מיט א שטרויעלע אָנגערירט יאַנינקעס באַק.

— וואָס כאָלעמסטו, ווילסט שלאָפן, הא, יאַנינקע?

— שלאָפן? ניין. ווער כאָלעמט דען?.. — האָט זי ניט גערן געענטפערט.

— וועגן וואָס, יאַנינקע, האָסטו איצט געטראַכט? — האָט ער מיט נייגער א פרעג געטאָן.

— כ'געדענק שוין ניט. די פערד ווו זיינען? זע, זיי זאָלן ניט פאַרקריכן אינעם ווייץ.

— איך גיב אכטונג, — שעפּע האָט זיך אופגעזעצט, זיך צוגערוקט עטוואָס נעענטער צו איר, — און וועגן וואָס איך טראַכט, ווייסטו? איך טראַכט, יאַנינקע, ווען מע זאָל קאָנען אָפּגראָבן דעם שפּיץ פון די בערג...

— פון די בערג?

— פאַרשטייסט, ווען מע גראָבט אָפּ דעם שפּיץ, פאַרשטייסטו, וואָלטן זיי די וואָלקנס ניט פאַרהאַלטן, הא?

— איי, סאַרא כאָכעם דו ביסט! נו, גיי. ווער לאָזט דיך ניט, שעפּע?

— קום צוזאַמען, — האָט שעפּע א שמורכע געטאָן, — צוזאַמען וועט זיין פרייִלעכער.

— זאָגסט עס אַף אָן עמעס? — האָט זי א בליץ געטאָן מיט די שטיפעריש־שמייכלענדיקע אויגן.

— נו, אוואדע... פאַרשטייט זיך, פריילעכער... מיט דיר, מיין איך...

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר יאַנינקע איז מיטאַמאָל אופגע־שפּרונגען און אוועקגעלאָפן פאַרנעמען די פערד, וואָס זײַנען ארומגע־שפּרונגען אף די פאָדערשטע געפּענטעטע פיס שוין ניט ווײַט פונעם ווייץ־פעלד.

שפּעט באַנאַכט איז אף דער לאַנקע געוואָרן טונקעלער. א בייז ווינטל האָט א בלאָז געטאָן פון מײַרעוו. די טוווּס אף די ארומיקע פעלדער האָבן זיך צעוויגט און צעזוזונגען. יאַנינקע האָט עטוואָס א מידע זיך אופגעשטעלט. דאָס לײַכטע ציצענע קליידל האָט זיך אף איר געפּאַלדעוועט, און דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט די קנייטשן. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן קאַלט. יאַנינקע האָט זיך געלאָזט גיין צו דער שכיינעסדיקער סטערטע היי. שעפּע נאָך איר.

— אוי, דו זעסט, וואָס עס טוט זיך... סאַראַ כמאַרעס, — האָט יאַנינקע אונטערציטערנדיק א זאָג געטאָן און, אָנבייגנדיק זיך, ארונטערגעקראָכן אונטער דער פרישער סטערטע.

דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט, און דער הימל איז אלץ מער באַדעקט געוואָרן מיט צעשויבערטע שוואַרצע וואָלקנס.

— אַר־וואָ! ס'וועט זײַן א רעגן, — האָט שעפּע פאַרשטיקט א זאָג געטאָן און איז אויך ארונטערגעקראָכן אונטער דער היי־סטערטע.

— ס'איז נאָך קיין רײַע ניט, — האָט יאַנינקע פאַרטראַכט געזאָגט.

— ווּעסט זען, יאַנינקע, די פערד האָבן א גאַנצן טאָג געשוויצט.

— זיי האָבן פאַראַכטאָגן אויך געשוויצט. ס'וועגדט זיך, ווער ס'איז געפאָרן אף זיי.

— און די שוועלבעלעך זײַנען נידעריק געפלויגן איבער דער ערד...

— אָט האָסטו דיר נאָך א סימען, — האָט יאַנינקע א שמייכל געטאָן, — ס'איז דיר ניט קאַלט, שעפּע?

— און דיר, יאַנינקע? דיר איז מיסטאָמע קאַלט. רוק זיך צו נעענ־טער, — ער האָט זי ארומגענומען און א צי געטאָן צו זיך.

זייערע האָר האָבן זיך צוזאַמענגעמישט, זײַנע שוואַרצע, צעשויבערטע, וואָס גיבן אָפּ מיטן גערוך פון רויערד, און אירע בלאָנדע, ווייכע, וואָס שמעקן מיט פרישן היי.

— זײַט אזוי גוט, כאַוועך שעפּע, — האָט יאַנינקע זייער רויִק גע־זאָגט, — נעמט צו, זײַט מויכל, די הענט און רוקט זיי ארײַן וואָס טיפער צו אײַך אין די קעשענעס.

שעפּען איז טרוקן געוואָרן אין מויל. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקענט.

— שעפּע, דו ביסט טויב?! — האָט זי שטרענג ארויסגעבראַכט.

ער האָט זי אָפּגעלאָזן. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט. פריִער שווײַגט זי, און פּלוצלינג — נאַ דיר...

דערווײַל זײַנען די וואָלקנס געוואָרן אלץ געדיכטער. זיי האָבן דראָענ־דיק זיך געטראָגן איבער דעם נידעריק־געוואָרענעם הימל, זיך געיאָגט נאָך

דער בלייכער לעוואַנע, און די לעוואַנע, א דערשראָקענע, איז אוועקגעשוווּ־מען, ווי מיט די לעצטע קויכעס. נאָכדעם איז געוואָרן טונקעלער. א שטיק לעוואַנע איז שוין געווען באַדעקט מיט א שווערער פּײַכטער כמארע. דער ווינט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, האַזעדיקער.

דער בולאַנער אָגער האָט מיטאַמאָל זיך צעהירזשעט, ווי ער וואָלט עפּעס דערשפּירט אין אָט דער כוישעכדיקער נאַכט, און ער האָט אָנגע־הויבן אומרויִק ארומשפּרינגען, בריקעווען זיך.

— שעפּע, דו הערסט, — האָט יאַנינקע אים א שטורכע געטאָן. — ער איז שוין ווילד, דער אָגער, ער וועט די פערד צעטרײַבן.

שעפּע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט זיך ניט גערן אופגע־הויבן, ארופגערוקט אפן קאָפּ דעם שטרויענעם הוט און אוועק צו די פערד.

דעם אָגער האָט שעפּע אינגיכן געפונען אפן וועג, וואָס פירט צום שכיי־נעסדיקן קאָלעקטיוו. ער האָט געהאַלטן, דער אָגער, אין איין הירזשען, ווי ער וואָלט עמעצן גערופן, און א צערייצטער זיך געהויבן מיט די פאָדער־שטע געפּענטעטע פיס אין דער הייך. די איבעריקע פערד זײַנען דערבײַ ניט געווען. שעפּע איז אוועקגעלאָפן אראָפּ דער טרוקענער באַלקע. דער אונטערברומענדיקער ווינט האָט אראָפּגעשמיסן בא אים פון קאָפּ דעם שטרויענעם הוט און פארקײַקלט ערגעץ צווישן דעם גראָז. שעפּע איז ניט געלאָפן אים כאַפּן. ער האָט ניט באַמערקט אפילע, וווהין דער ווינט האָט אים פארטראָגן. די פערד האָט ער אין א ווײַלע ארום אָפּגעזוכט. זיי האָבן, צעפּודזשעטע פונעם אָגער, געהאַט אוועקגעשפּרונגען אין פארשיידענע זײַטן. ער האָט זיי צונויפגעטריבן צוריק אף איין אָרט דערנעבן אף דער לאָנקע און זיך אומגעקערט צו יאַנינקען.

— אלע פערד פארנומען? — האָט זי געפרעגט.

שעפּע איז געווען אָנגעדרודלט. ער האָט געשוויגן.

— כ'פרעג דאָך דיך.

— אלע, — האָט ער אָנגעכמורעט געענטפערט און באלד צוגעגעבן, — דער ווינט האָט בא מיר דעם הוט פארטראָגן.

— או, סארא נאַכט, — האָט יאַנינקע אופגעציטערט, — וואָס שטייסטו דאָרט? קריך ארונטער אונטער דער סטערטע, דערוואַרעם זיך.

שעפּע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף די קני און זיך א שאר געטאָן נענ־טער צו איר.

— עפּשער פארנעמען די פערד און פאָרן אהיים, הא, שעפּע? — האָט יאַנינקע זיך אָנגערופן, אָפּרוקנדיק זיך עטוואָס פון אים.

— פארוואָס פאָרן אהיים? — האָט ער אומצופרידן געפרעגט.

— זעסט דאָך, סארא הימל. ס'וועט זײַן א רעגן... א גוסרעגן וועט זײַן.

— און עפּשער וועט ניט זײַן, — האָט ער שטיל געזאָגט, — זאָלן די פערד זיך כאָטש פאַשען דערווײַל.

דער אָגער האָט ווידער אָנגעהויבן אומרויִק הירזשען. די פערד זײַנען, ווי שווארצע שאָטנס, געשפּרונגען אין אלע זײַטן מיט צעשויבערטע פון ווינט הריוועס און אָנגעשפּיצטע אויערן.

יאַנינקע האָט זיך אופגעזעצט. זי האָט ארויסגעשלעפּט א היי־שטענגל, וואָס איז איר פארקראָכן אונטערן קליידל און געשטאָכן די נאַקעטע פיס.

— דער אָגער וועט ווידער פאַרטרײַבן די פערד. לאָמיר פאָרן אהיים, האַ, שעפּע, ס'קען א שטורעם אויסברעכן.

— שאַ, — האָט שעפּע א זאָג געטאָן און אָנגעשטעלט די לענגלעכע אויערן.

פון דער באַנאַכטיקער פינצטערניש האָט זיך דערטראָגן א ווײַט בענקענדיק הירזשען פון א פערד. דאָס הירזשען האָט זיך פון מאָל צו מאָל איבערגעכאַזערט הילכיקער און אופגערעגטער.

— הערסט? מע פאָרט אהער.

— ווער קאָן דאָס יאָגן אזוי שפּעט באַנאַכט? — האָט יאַנינקע א באַמרויִקטע זיך אָנגערופן.

— עפּשער פון שכיינעסדיקן קאָלעקטיוו, פון „פּרילינג". זיי פּאַשען דאָך זייערע פערד אין דער קרומער באַלקע. ס'ניט ווײַט פונדאַנען.

דאָס הירזשען האָט זיך דערטראָגן אלץ נעענטער און נעענטער.

— זעסט, יאַנינקע, זיי פאָרן אויך ניט אוועק, — האָט שעפּע א צופרידענער געזאָגט.

דער אָגער, וואָס איז ארומגעשפּרונגען ניט ווײַט פון דער סטערטע, איז געוואָרן נאָך ווילדער. ער האָט לײַדנשאַפטלעך געהירזשעט און געוואָרפן זיך אין דער הייך, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס דערגרייכן און ניט געקאָנט.

באַלד האָט גאָר נאָענט זיך דערטראָגן א געלאָף פון א פערד, ס'איז קאָנטיק געווען, אז עמעצער יאָגט אום איבערן ווייץ.

יאַנינקע האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און ארויסגעלאָפן פון אונטער דער סטערטע.

— ווער פאָרט עס?! ווער טאָפּטשעט עס די טוועס?! — האָט זי מיט צאָרן אויסגעשריִען.

— אטיו! — האָט שעפּע, פאַרלייגנדיק צוויי פינגער אין מויל, א שאַרפן פײַף געטאָן.

דאָס געלאָף האָט זיך דערהערט נאָך נעענטער, גאָר נאָענט. נאָר קיין רײַטער האָט מען אלץ ניט געזען. מע האָט מער ניט ווי געהערט א צעררייצט הירזשען פון א צעווילדעוועט פערד.

— אטיו.. אטיו!.. — האָט יאַנינקע מיט שעפּען זיך געלאָזט לויפן אנטקעגן.

אויף דער לאָנקע האָט דער פאַרשײַטער ווינט אונטערגעקערט דאָס היי, געטראָגן עס אין דער הייך, געדרייט מיט דעם און מיט א בייזער פײַפערײַ געשמיסן מיט די שוין צוגעטריקנטע שטענגלעך אין פּאָנעם.

ווען יאַנינקע מיט שעפּען זײַנען אָפּגעלאָפן א דרײַסיק טריט, האָבן זיי דערזען לעבן דעם אָגער א פרעמדע קאַשטאַנעווע שקאַפּע מיט אן איבערגעריסענער פּענטע אויף א פוס. זי האָט זיך געוואָרפן און געריבן אָן דעם אָגערס פעל.ביידע פערד האָבן לײַדנשאַפטלעך געהירזשעט, אופּציטערנדיק מיט די פאַנאַנדערגעבלאָזענע הייסע נאָזלעכער.

א דולער האָט דער אָגער זיך געריסן מיט די פאָדערשטע געפּענטעטע פיס אין דער הייך און א מידער זיך צוריק אראָפּגעלאָזט.

— מע דאַרף אוועקטרײַבן די שקאַפּע, — האָט יאַנינקע זיך פאַר קעלט געטרייסלט, — לאָמיר, שעפּע, זי אוועקטרײַבן.

— זי וועט ניט אוועק, זעסט דאָך...

— די שקאַפּע וועט דעם אָגער פאַרמאַטערן, ער איז דאָך א געפּענטעטער. וואָס שטייסטו, ווי א סטראַשידלע, זי וועט אים די אַצאָמעס ארויסציִען...

שעפּע האָט ניט געהערט. ס'האָט אים אָנגעהויבן ציטערן דאָס לײַב.

— ער וועט דאָך... דער אָגער וועט פּלאַצן. וואָס שטייסטו, ווי א נעבטיקער... לאָמיר די פּענטע אים אָפּבינדן, גיכער, זע...

אין דעם אָגערס גוף האָט זיך אָנגעגאָסן א פרישע קראַפט, ער האָט זיך ווידער א הייב געטאָן אינדערלופטן, און די פּענטע האָט געפּלאַצט. די קאַשטאַנעווע שקאַפּע האָט פאַרשטיקט געהירזשעט, זיך געבויגן מיט די הינטערשטע פיס צו דער ערד, דאָס לײַב האָט בא איר געציטערט.

שעפּען האָט אָנגעהויבן שווינדלען. ס'האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער האָט מיטאַמאָל א נעם געטאָן יאַנינקען, א כאַפּ געטאָן זי אויף די הענט און זיך געלאָזט לויפן מיט איר.

— ווּהין שלעפּסטו מיך? — האָט יאַנינקע אויסגעשריִען.

שעפּע האָט גאָרנישט ניט געהערט. ער האָט לויפנדיק זי הייס געקושט אין שטערן, אין די אויגן, אין האַלדז.

— הער אויף, שעפּע, לאָז אָפּ, — האָט יאַנינקע געשריִען.

ער האָט ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט נאָך פעסטער צוגעדריקט צו זיך איר שטײַפן צאַפּלדיקן קערפּער.

דער ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן אַנטקעגן, האָט פאַרקאַטשעט איר קליידל, און אין דער וואָלקנדיקער נאַכט האָט זיך אַנטבלויזט איר שיינער ווײַסער פוס, וואָס האָט געבריט זײַן האַנט.

— יאַנינ־נינקע... טײַע־ערע... — האָט ער שווער ארויסגעאָטעמט, שיר ניט אויף דערשטיקט צו ווערן.

זי האָט געפּרוּווט זיך ארויסרײַסן פון זײַנע אָרעמס, ער האָט זיך אויסגעגליטשט און זיך א וואַלגער געטאָן מיט איר אויף דער פרישער קאָפּיצע היי.

— מאָטיגע, לאָז אָפּ... לאָז אָפּ... דו הערסט!..

— יאַניני... איין רעגע... יאַנינ־קעלע!.. — האָט ער זיך געבעטן בא איר.

יאַנינקע האָט מיט אַלע קויכעס געשטופּט אים פון זיך, געראַנגלט זיך, עטלעכע מאָל זיך איבערגעקײַקלט איבער אים.

— כ'האָב דאָך דיך ליב... שטאַרק ליב, — האָט ער, ראַנגלענדיק זיך, געטײַנעט צו איר.

א שאַרפער בליץ האָט דורכגעשניטן די וואָלקנס און אויף א רעגע באַהעלט זייערע פאַרפלאַמטע פּנימער.

— ריר זיך ניט צו צו מיר... סמייע ניט! — יאַנינקעס אויגן זײַנען געווען שטעכיק, צאָרנדיק.

איבערן צעבושעוועטן סטעפּ האָט זיך אַלץ געטראָגן דאָס אומרויִקע הירזשען פונעם אָגער און פון דער פרעמדער קאַשטאַנעווער שקאַפּע.

שעפּע האָט נאָך שטאַרקער אַרומגעכאַפּט יאַנינקען מיט זײַנע קרעפּ־טיקע הענט, צוגעדריקט פֿעסט אירע שטײַפֿע בריסטלעך צו זיך, געשעפּ־טשעט איר עפּעס הייס אָפּן אויער.

— ניין, ניין! — האָט יאַנינקע שווער אַרויסגעאָטעמט, פֿאַרקריצנדיק די ציין.

— יאַ־יאַנינקע־לע־לע...

— כ'זאָג ניין, דו הערסט!

— איך... איך האָב דאָך דיך ליב... — איז ער ניט אָפּגעשטאַנען פֿון איר.

מיטאַמאָל האָט פֿון איר בלוזקעלע זיך אַ ריס געטאָן און אָפּגעפֿלויגן אַ ווײַסינק קנעפּעלע.

יאַנינקע האָט אופֿגעשווידערט.

— מאַטיגע, לאָז אָפּ, זאָג איך דיר! די מינוט! דו הערסט!

עמעצער איז געלאָפֿן אַהער. מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט יאַנינקע זיך געלאָזט לויפֿן אַנטקעגן דער טונקעלער פֿיגור.

די נידעריקע צעשויבערטע וואָלקנס האָט אָנגעצונדן אַ דינער רויטער בליץ, און גלײַך נאָכדעם האָט איבערן סאַמע קאָפּ געפּלאַצט אַ שווערער דונער.

יאַנינקע האָט דערזען אַנשלען. ער איז געלאָפֿן אַ באָרוועסער, מיט פֿאַרקאַטשעטע הויזן, האַלטנדיק אַ לאַנגע אויסגעקרימטע ווילע אין האַנט.

— די שקאַפּע... די קאַשטאַנעווע שקאַפּע... וווּ איז אונדזער שקאַפּע? — האָט ער פֿאַרשטיקט אויסגערופֿן. ער האָט זיך געלאָזט מיט דער ווילע צו די הירזשענדיקע פֿערד, זיך אַ וואָרף געטאָן צום אָגער, וואָס האָט האַסטיק זיך ווידער אַ הייב געטאָן מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אין דער הייך.

— נעמט אים צו פֿון אונדזער שקאַפּע! די ניכפּע אָף אים, — האָט אַנשל אופֿגערעגט אויסגעשריִען, — נעמט צו די פֿעגירע, ער וועט דאָך דעם פֿלאָד אוועקפּאַטערן, נעמט אים צו, איך וועל אים די געדערים אַרויסלאָזן, דעם מענוווול...

אַנשל האָט פֿאַרהויבן די לאַנגע אויסגעקרימטע ווילע, פֿאַרמעסטנדיק זיך מיט איר איבערן אָגער, וואָס איז געשטאַנען אָף דער ערד נאָר מיט די הינטערשטע פֿיס.

— ניט סמייע! — האָט יאַנינקע אַ שטופּ אָפּ געגעבן אַנשלען. — טשעפּע ניט... דער אָגער איז צערייצט. וואָס האָסטו געלאָזט די שקאַפּע אַהער? ניט געדאַרפֿט לאָזן. איצט טשעפּע ניט! הערסט?!

אַ בליץ האָט באַלויכטן דעם צעיושעטן סטעפּ.

אַנשלס געזיכט איז געוועזן ניט צו דערקענען. זײַנע שטענדיק פֿריי־לעכע אויגן האָבן איצט געברענט פֿון צאָרן. ער האָט טיף אָפּגעעטעמט און זיך אַ ריס געטאָן מיט דער ווילע צום אָגער.

— אַך, פּאַדלע דו, וווּהין קריכסטו, טויגעניכץ? אַ ניכפּע אָף דיר, — האָט אַנשל מיט דער ווילע אַ זעץ געטאָן דעם צערייצטן אָגער.

יאַנינקע איז בלאַס געוואָרן. די באַקן האָבן באַ איר אַ צוק געטאָן.

— סמייע ניט! — האָט זי אויסגעשריִען. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אָף אַנשלען, אַ כאַפּ געטאָן אים פֿאַר דעם צעשפּיליעטן קאָלנער און אַ וואַלגער געטאָן אָף דער אויסגעטאָפּטשעטער ערד.

— מיט א ווילע וועסטו שלאָגן?! עך, דו! וואָס האָסטו זי געלאָזט אהער? און איצט מיט א ווילע?! — האָט זי, ליגנדיק פון אויבן, מיט די קולעקעס געבוטשקעט אים.

שווערע שווארצע כמארעס האָבן זיך אָנגעטראָגן, צונויפגעשטויסן זיך איינס מיט די אנדערע, די לופט האָט אופגעציטערט פון א שרעקלעכן דונער, און ס'האָט א פלייץ געטאָן א גוסרעגן. מיט א ראש האָט דער האסטיקער רעגן קרום געשמיסן מיט די געדיכטע קילבלעכע טראָפּנס איבער דער אויסגעטריקנטער דאַרשטיקער ערד, איבער די שטיל־געוואָרענע פערד, איבער יאנינקען, אנשלען און שעפּען.

אנשל האָט נאָך אלץ זיך געראנגלט, געוואָרפן זיך, געסטארעט ארויס־רײַסן זיך פון אונטער יאנינקען און מיט א פארשטיקט קאָל געשריִען עפּעס וועגן דער שקאפּע.

שעפּע האָט זיי קוים פאנאנדערגענומען.

יאנינקע האָט זיך אופגעהויבן א מידע. פון הינטן איז דאָס קליידל בא איר געווען דורכויס דורכגענעצט און צוגעקלעפּט צום הייסן לײַב, פון וועלכן עס האָט געטראָגן א פּארע.

אנשל האָט זיך אויך קוים אופגעשטעלט. איין ארבל פונעם העמד איז בא אים געהאנגען האלב אָפּגעריסן.

דער רעגן האָט געגאָסן, געפּליוכעט אלץ שטארקער.

די פערד האָט מען ניט געזען.

אנשל האָט אָפּגעזוכט די ווילע מיט די צעקרימטע ציין, און ווי ער וואָלט ערשט איצט באמערקט דעם רעגן, פארהויבן דעם צעפּאטלטן נאסן קאָפּ צום הימל.

— אוך, סארא רעגן! א מאבל! געראטעוועט די פעלדער! — האָט ער פארסאָפּעט מיט הארץ אויסגעשריִען.

און דער רעגן איז געגאנגען און געגאנגען ביז פארטאָג...

דער לעצטער

שמאריע קראָפּיוונִיק איז א באָרוועסער, אין ווייכע וואטאָווע הויזן געלעגן אפן גרינעם געקאָוועטן טאָפּטשאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם עטוואָס קלענערן הויף־פענצטער, און דורך די ארומגעקלעפּטע, באפּראָסטיקטע שויבן ארויסגעקוקט אינעם פארשנייטן הויף, אינעם זאווערוכעדיקן דרויסן.

שוין עטלעכע שאָ, ווי איבערן סטעפּ, איבער דעם כוטאָר האָט זיך אָנגעטראָגן א זאווערוכע, א מעטעליצע, ווייעט און דרייט מיטן שניי, פארשיט די פענצטער, די טירן פון די נידעריקע זעמליאַנקעס און פּײַפט און ברומט צעצויגן אין קוימען ארײַן.

שמאריע האָט ארונטערגענומען די באָרוועסע פיס אונטער זיך, צונויפגעדרייט זיך און דערפילט א פארגעניגנדיקע ווארעמקײַט אין אלע גלידער.

דורך דעם מיט פראָסט פארקאָוועטן פענצטער זעט ער שוין קימאט גאָרניט, ער הערט נאָר: די זאווערוכע שמײַסט מיטן צעפּאָראָשעטן שניי, די צונויפגעשטוקעוועטע שויבן טרייסלען זיך אונטער און עס רײַסט זיך ארײַן דורך זיי אין דער ווארעמער, גוט אויסגעהייצטער זעמליאַנקע א צעצויגן וואָיען, וואָס פארגייט זיך אין א וועלפיש געוויין. שמאריע פילט פון דעם א פארכאלעשטן פארגעניגן. ער דרייט זיך פּאמעלעך אויס, קעדיי ניט צעבויטען דעם פארגעניגן, און כאפּט מיט איין אויג א קוק, וואָס טוט זיך בא אים אין זעמליאַנקע.

אין מיט פונעם האלב־טונקעלן נידעריקן צימער ליגט א קופּע האיאָריקע ווייצן־שטרוי, די שטרוי דערגרייכט אזש ביזן פריפּעטשיק און גיט אָפּ מיט פארפריִעטן קאטראַן און מיט שארף שמעקנדיקן צאָמבער. באם אויוון זיצט די אלטע — די מאמע און שטופּט די שטרוי אין הרובע ארײַן.

און די וויוגע פּײַפט, די וויוגע טראָגט זיך אָן אלע ווײַלע מיט א צעצויגן ברומען און שמײַסט איבער דער ארומגעפראָרענער שטרויענער סטרעכע, רײַסט די טיר פון די אָנגעקוואָלענע לוטקעס. פון מאָל צו מאָל צעפלאַמט זיך העלישער דאָס שטרוי אין דער הרובע און דער פריסעק שפּרינגט אונטער אין ליכטיקע פּײַערלעך, פארדרייט זיך אין א וויכערדיקן טאנץ, טראָגט זיך, פליט אין קוימען ארײַן.

— נו, א פוגע... און זי איז נאָך ניטאָ, — האָט די אלטע געבורטשעט, —

אז זי גייט אוועק, פאַרגעסט דאָס צו קומען, ווי אין א פּאַלאַנקע אַרײַנ־געפאַלן...

שמאַריע האָט זיך אופגעטשוכעט, זיך אויסגעדרייט צו דער מאַמען.

— ס'ניט דײַן אייסעק איז דאָס, — האָט ער א מרוקע געטאָן, — איך זאָל מער ניט הערן זאָל איך ניט. איך... איך בין באַלעבאָס...

— שאַ! — די אַלטע האָט גיך מיט די געל־ביינערדיקע הענט אַרײַנגע־שטופּט א זשמעניע שטרוי אין הרובע אַרײַן, — אַזא יאָר אף דיר, סאַראַ באַלעבאָסטע דו האָסט זיך געגומען. אַראָפּגעבראַכט פון א פרעמדן כוטאָר, הויל־נאַקעט. קראַנק איז זי צו הייצן. איך האָב שוין קיין קויעך ניט צו דיכען. מער ניט, טאָמער איך האָב דאָ עפּעס אָנגעלעבט, וועט זי מאַכן א סאָף צו דעם. זי וועט צעטאַכרעווען, טאַכרעווען זאָל איר...

— בורטשעסט שוין ווידער, — האָט שמאַריע זיך אופגעזעצט אפן טאָפּ־טשאַן, — שוין געעפנט דעם פּיסק, האַ? פאַרמאַך דעם בלאָוון גומען. קיין האַלב וואָרט זאָל איך פון דיר ניט הערן. ס'איז ניט דײַן ווײַב, ס'אי מײַנס. און אף מײַן ווײַב זאָלסטו מיר ניט...

ער האָט שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, ווי ער וואָלט פאַרכלינעט געוואָרן פון אופרעגונג. אים האָט אָבער שוין אויך אָנגעהויבן קימערן, וואָס זיסל איז נאָך ניטאָ. ווו איז זי דאָס טאַקע פאַרפאַלן געוואָרן? אוועק אַנטלײַען סעטשקע־מעסערס, איז וויפל דאַרף עס געדויערן?

ער האָט זיך אָבער געסטאַרעט עס ניט אַרויסווײַזן פאַר דער מאַמען. אז שמאַריע איז אין קאַס אף זײַן ווײַב, האָט ער פּײַנט, אז עמעצער ווייסט וועגן דעם. קײנעמס אייסעק איז עס ניט. ער קאָן טאָן מיט זײַן אייגענעם ווײַב, וואָס ער וויל. ס'איז זײַן זאַך...

דער אַנטקעגנדיקער ווינקל, וואָס צו דער גאַס, אָן איבערגעצאַמטער פון איין וואַנט צו דער אַנדערער מיט עטלעכע ברעטער, איז אָנגעשאָטן געווען ביז אַרוף מיט ריינעם גוט־דורכגעזיפּטן ווייץ. פון אויבן זײַנען געלעגן עטלעכע היימיש־געשטריקטע רעדנעס, א בורקע און דעם עלטער־זיידנס פּעלץ.

שמאַריע איז אַרופגעקראָכן אף דער קופּע ווייץ, אויסגעצויגן זיך אַראָפּ מיטן בויך אף דעם האַלב־אויסגעקראָכענעם פּעלץ און מיט די שווערע פאַרהאָרעוועטע הענט אַרומגענומען זײַן גוטס, זײַן אייגנס, דערפילט דערבײַ, ווי א כּיעס גיסט זיך אים אָן אין דעם גאַנצן גוף. אָט דער ווייץ, וואָס ליגט אונטער אים אינעם טרוקענעם גוט־אַרומגעזעענעם ווינקל, האָט ער אַרויסדאַביוועט פון זײַן פעלד, פון זײַן נאַכלע. ער האָט אַליין פאַרזייט, אַליין געשניטן, אַליין געדראָשן. מיט זײַן שוויס האָט ער עס אָנגעלעבט, און ס'איז אים א כּיעס ליגן אף דעם. וואָס פעלט אים איצט? ער איז אפן ווינטער באַזאָרגט מיט ברויט פאַר זיך, פאַר זײַן ווײַב, און פאַר דער אַל־טער — פאַר דער מאַמען וועט אויך קלעקן. און מיט האָבער איז ער באַ־זאָרגט פאַר די פערד, און מיט היי און דערט פאַר דער בעהיימע.

— צוליב וואָס טויג מיר זייער קאָלעקטיוו, אז מיר איז גוט אַליין, — גיט ער מיט צופרידנקײַט א קראַץ די האָריקע ברוסט, — איך וויל ניט האָ־רעווען אף יענעם. איך דאַרף מײַנס, נאָר מײַנס, אייגנס...

שמאַריע נורעט בעסער אײַן די באַרוועסע פּיס אין דעם פּעלץ, הערט פאַרטײַעט זיך צו, ווי עס וואָיעט די באַנאַכטיקע וויוגע, און גיט א טראַכט, אַז כאַנע־לייב, דער שאָכן זײַנער, וועלכער האָט נאָך האַלבן טאָג אוועק־געפירט קיין הולײַפּאָליע אָפּמאָלן פאַרן קאָלווירט א הויך־אָנגעלאָדענעם שליטן מיט קוקורוזע, איז נאָך, מיסטאַמע, אין וועג, ס'האָט אים פאַרכאַפּט די זאַווערוכע, ער קאָן איצט בלאָנדזשען. דער געדאַנק הייבט אָן פאַרשאַפן שמאַריען א פאַרטײַעטן פאַרגעניגן.

אין די פענצטער ציטערן אויף שטאַרק די שויבן. שמאַריע וויקלט זיך נאָך שטײַפער אײַן אינעם פּעלץ און פילט, אַז אים איז איצט זייער גוט. אין זעמליאַנקע איז טונקל־גרוי. קיין פײַער ברענט ניט. פון דער אײַנ־געהייצטער הרובע פאַלט א רויטער הייסער אָפּגלאַנץ אויף דער אנטקעגנ־דיקער וואַנט. עס טרעשטשעט און קנאַקט די שטרוי אין הרובע. צוליב וואָס דאַרף ער איצט האָבן פײַער?

„כאַנע־לייב בלאָנדזשעט זיכער איצט, — זויגט שמאַריע ווידער דעם געדאַנק, — געוויס בלאָנדזשעט ער דאָרט איינער אליין אינעם פינצטערן סטעפּ. דער שניי פאַרשיט אים די אויגן. דער ווינט שמײַסט אים אין פּאָ־נעם. ער שרײַט. רופט".

אין קוימען ברומט צעצויגן. שמאַריען דאַכט זיך, אַז ער הערט דאָרט עמעצנס א געשריי. און ער דערפילט, אַז אים איז איצט נאָך בעסער, אים איז איצט אזוי גוט. אַך, ווי גוט ס'איז צו האָבן אַן אייגענע, א גוט־אַרומ־געזעענע, א גוט־צוגעדעקטע זעמליאַנקע, אַן אַרומגעשמירטע, א וואַרעמע, א טרוקענע, ליגן אויף דער אייגענער קופּע ווייץ און וויסן, אַז דער שליטן שטייט בא אים אין קלוניע, די זברויע הענגט בא אים אנטקעגן אויף דער וואַנט. זײַנע בולאַנע רוען אָפּ אין דער וואַרעמער שטאַל, ווו עס שמעקט מיט מישלקע און פערדן־מיסט, און אין פאַרווייעטן קעלער שטייען צוויי פעסלעך מיט געזײַערטע קאַווענעס און א דייזשקע מיט אוגערקעס און גרינע באַקלאַזשאַנקעס. אין קעלער־ווינקל, אונטערן לייטער, ליגן צוגע־דעקט מיט טרוקענעם זאַמד אָפּגעקליבענע מערלעך און בורעקעס, און אין אַנדער העלפט קעלער, הינטער די אָפּגעצאַמטע ברעטער, ליגט אונטערן שטרוי די קאַרטאָפל. ער וואָלט איצט מיט פאַרגעניגן אַראָפּ אין קעלער א קוק טאָן, באַטראַכטן זײַן אייגנטום, זײַן פאַרמעגן. ער אײַלט זיך ניט עס פאַרנוצן, פאַרגינט זיך עס גאָר ניט צו עסן. זאָל דאָס ליגן. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אזא פאַרגעניגן פונעם עסן, ווי פונעם פאַרגרייטן, ווי פון באַזאָרגן זיך אויף שפּעטער.

— וואָס זשע ליגסטו? — האַלט זיך די אַלטע ניט אײַן און גיט א בורטשע. — האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו וועסט צוגיין. גיי, גיב א קוק, ווו איז זי דאָס פאַרפאַלן געוואָרן. וואָס טוכנעסטו וואָס?

שמאַריע זעצט זיך אויף. ער איז אין כאַס, וואָס זי האָט אים צעשלאָגן די געדאַנקען. ער ווערט בייז. ער איז בייז אויף דער אַלטער. ער איז נאָך בייזער אויף זײַן יונג ווײַבל, אויף זיסלען. זי ט'שוין געקענט פאַרקריכן צו זיי. עס ציט זי אַהין, צו זיי, אין קאַלווירט. דאָס, וואָס ער האָט, איז איר נאָך ווייניק?.. עס פליסט אים צו בלוט צום האַרצן. דאָס בלוט הייבט אָן אופּ־קאָכן. עס הייבן בא אים אָן זיך בײַסן די הענט. אָט באַלד וועט ער זי

פאקן דאָרט. זיי וועלן אים טרייבערן די אַדערן וועלן זיי, און זי וועט זיך שלעפּן צו זיי?!..

שמאַריע קריכט אַראָפּ פון דער קופּע ווייץ און לאָזט זיך גיין אָפּזוכן די וואַליקעס. אין מיט זעמליאַנקע בלײַבט ער שטיין א באַרוועסער, אין די געלאַטעטע וואַטאָווע הויזן, היפּש ארומגעוואָקסן. קוקט זיך פארלאָרן ארום. אים ווילט זיך ניט גיין אהין, ווו מע האָט אָנגעהויבן אלץ אָפּטער שפּאַסן פון אים, ווו מע האָט אים א צונאָמען געגעבן „אינדוס"[1], ווו מע קוקט אף אים, ווי אף א פרעמדן. און דאָך שלעפּט ער ארוף אף די באַר־וועסע פיס די צעפאַרענע וואַליקעס און טראַכט מיט פארביסענער האַנאָע: איכ'ל ארײַן שטילערהייט, מיט א זײַט, אז קיינער זאָל ניט באַמערקן, און, אומגעריכט פאר איר, וועל איך זי פאקן דאָרט, אז אַן אומגליק וועט זי טרעפן. זי גייט אהין, מיסטאַמע, ניט אומזיסט. ער וועט איר צעפראַסקען די צורע פאר אלעמען אין די אויגן, אז זי זאָל האָבן צו געדענקען זינט זי וועט לעבן.

שמאַריע פילט, ווי עס קאָכט אין אים דאָס בלוט, און ער האָט האַנאָע. ער ציטערט, אז זי זאָל באלד זיך ניט אומקערן. ער מוז זי דאָרט פאקן. ער מוז זיך אָפּרעכענען מיט איר, אזוי, אז זי זאָל א צווייט מאָל זיך ניט דערוועגן. ער וועט זי קאָרמענען, און זי וועט זיך ארומשלײַען וועט זי זיך?!..

די אלטע האָט אויסגעהייצט די הרובע, אָנגעצונדן אף דער לעזשאַנקע דאָס קלייניקע פינפער לעמפּל און קרעכצנדיק אוועק שלאָפן.

שמאַריע האָט ארופגעצויגן אף זיך דעם אָפּגעקראָכענעם פעלץ, געננו־מען פונעם צוואָק דעם האָזענעם הוט און געוואָלט אים ארופּרוקן אפן צעפּאַטלטן קאָפּ. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט טריט. עמעצער טאָפּטשעט, טרייסלט אָפּ דעם שניי אינעם פינצטערן פירהויז. דאָס הארץ ציטערט בא אים אוף. יאָ, דאָס איז זי, די שלאָק. ער פילט שוין איר אָטעם.

מיט א הילכיקן סקריפּ עפנט זיך אוף די נידעריקע פארשוויצטע טיר, עס גיט א קלאַפּ א קאַלטע פארע, און אין אָנגעפּראָרענע, אינעם קורצן פעלצל, שטעלט זיך ארײַן זיסל. אירע גרויסע קאַרע אויגן שמייכלען פריילעך. דאָס גיט אים א ברי.

דאָס ווײַסע וואַלענע טיכל איז בא איר אראָפּגערוקט אף הינטער. עס זעט זיך ארויס פאַרקעמטע אף ארוף עטוואָס פארשנייטע רוסע האָר. אף די געדיכטע ווי̇עס צעגייען זיך שנייעלעך און רינען אראָפּ מיט קרישטאָ־לענע טראָפּנס איבער אירע פרישע אָנגעפרוירענע באַקן.

— וווהין קלײַבסטו זיך? — גיט זי א פרעג און וואַרפט שמייכלענדיק אראָפּ דאָס פעלצל. פון איר שטײַף־אָנגעצויגענער קאָפטע גיט אָפּ מיט יונג־פרוי̇שער וואַרעמקײַט. זי דרייט העכער ארויס דעם קנויט אינעם לעמפּל. — אָ, ווי דו האָסט וואַרעם אויסגעהייצט, — גיט זי צופרידן א זאָג.

שמאַריע פילט, אז אינווייניק פּלאַצט בא אים עפּעס באלד. ער וואַרט, זי זאָל זיך אויסדרייען צו אים. נאָר זי בלײַבט שטיין אנטקעגן דעם קליי־ניקן שפּיגעלע און פאַרקעמט זיך.

---

[1] אינדוסן — אזוי האָט מען גערופן די לעצטע אינדיווידואַלן (אַוטאָר).

שמאריע קאָן מער ניט אויסהאלטן. דאָס בלוט זידט אין אים. אָט־אָט וועט ער זיך אופרײַסן. מיט שווערע טריט גייט ער צו נעענטער צו איר, דער קאָפּ דרייט זיך אים, ווי ער וואָלט שיקער געווען, פארהייבט די האנט, און מיט דער גראָבער פארהארטעוועטער דלאָניע לאָזט ער איר אראָפּ א פראסק איבער דער נאָך אָנגעפראָרענער פארפלאָמטער באק.

זיסל ציטערט אוף.

— שמאריע, וואָס־ס־סיז? — זי קוקט אים אָן פארוווּנדערט און דער־שראָקן מיט ברייט־פאנאנדערגעעפנטע אויגן.

ער ענטפערט ניט. עס האָט פאר קאס אים אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער וואַרט, אז זי זאָל נאָך עפּעס זאָגן, דערציילן, זיך פארענטפערן. נאָר זי שווײַגט. קוקט אָף אים מיט די גרויסע פארטרערטע אויגן און שווײַגט. דאָס בריט אים. ער וויל אײַנהאלטן דעם צאָרן, נאָר ער איז ניט אימשטאנד. ער כמורעט אָן די געדיכטע ברעמען און לאָזט איר אראָפּ נאָך צווײ פּרעסק איבער ביידע באקן, אזש עס גיט א ציטער אוף דאָס פלעמל אינעם לעמפּל אף דער לעזשאנקע.

זיסל גיט זיך א וואלגער אף דער שטרוי. זי בלײַבט ליגן מיטן פּאָנעם אראָפּ. עס טרייסלען זיך בא איר די אקסלען.

איצט פילט שמאריע, אז דאָס הארץ הייבט זיך אָן בא אים קילן. נאָר ס׳איז נאָך גאָרניט. ער וועט איר נאָך ווײַזן, ווי׳אזוי א ווײַב דארף זיך פירן.

שמאריע וואַרפט אראָפּ דעם פעלץ, שלעפּט אראָפּ די וואַליקעס און פאר־שפּארט די טיר אף אלע ריגלען. נאָכדעם גייט ער מיט פאמעלעכע טריט צו דער שטרוי, אף וועלכן זיסל ליגט אויסגעצויגן מיטן פּאָנעם אראָפּ. דאָס קליידל האָט זיך פארקאטשעט העכער איבער אירע פולע ראָזלעכע קנעכ־לעך. זי ציטערט אונטער. ער איז צופרידן. זי, זײַן ווײַב, דארף וויסן, אז דערווײַל איז ער נאָך איבער איר באלעבאָס. ער. און מער קיינער. נישקאָ־שע, ער וועט זי אָפּגעווינען, זי וועט פארשפּאָרן א צווייט מאָל זיך שלעפּן אהין, צו זיי, וועלכע גארן אויך זײַן מעזשע פאראקערן, זײַן נאכלע, זײַן האָב־און־גוטס צו זייערס פארייניקן, אז ער און זײַנע בולאנע זאָלן אף זיי אלעמען האָרעווען. ער זאָל אויס באלעבאָס ווערן. עס צינדט זיך ווידער אין אים אָן דער קאס.

— איך וועל דיר ערשט ווײַזן וועל איך דיר!.. — גיט ער א מרוקע.

זיסל כאפּט זיך האסטיק אוף, דרייט אויס צו אים דעם צעשויבערטן קאָפּ. אף די פּײַכטע באקן בלײַבן צוגעקלעפּט עטלעכע שטרוי. אף איין שטרויעלע וויגט זיך א דורכזיכטיקער טראָפּן.

— וואָ־סיז? — זי עטעמט שווער. — וואָס האָב איך דיר געטאָן? — רעדט זי קוים ארויס. זיסל קאָן ניט פארשטיין, וואָס איז געשען. מיט וואָס האָט זי זיך פארזינדיקט פאר אים. אופגעשטאנען איז זי, נאָך איידער די ערשטע הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען, פארקנאָטן די דייזשע ברויט, אויסגעמאָלקן די בעהיימע, אָנגעהאָדעוועט די אויפּעס, צוגעגרייט צום פרישטיק גוט־צוגע־פרעגלטע קארטאָפל־לאטקעס, וועלכע שמאריע האָט ליב, נאָכדעם א גאנצן טאָג געוואָזשעט זיך אין שטוב, געראמט, געקאָכט, געוואשן, געהאָלפן אים דריבלען די קוקורוזע, געשלעפּט די זעק אין שײַער צוזאמען מיט אים. פארוואָס זשע קומט איר עס?

שמאריע קוקט זיך ארום, צי די אלטע שלאָפט. ער וויל ניט, אַז זי זאָל הערן.

— ווו האָסטו זיך ארומגעשלײַעט? — זשיפּעט ער אויס.

זיסל האָט אים אזא נאָך קיינמאָל ניט געזען. זי קאָן אלץ ניט באַנע־מען, וואָס איז געשען. עס שרעקט איר זײַן קאָס. זי שווײַגט.

— כ׳פרעג דאָך בא דיר, כ׳פרעג דאָך, — שטייט ער ניט אָפּ פון איר.

— וואָס ווילסטו פון מיר?.. דו ווייסט דאָך, — גיט זי א כליפּע.

— ווו ביסטו געווען, פרעג איך דיך!..

— האָסט דאָך מיך געשיקט אנטלײַען סעטשקע־מעסערס.

— ווו זשע זײַנען זיי?

זי פאַריכט אָפּ זיך דאָס קאָפּטל בא די שטײַפע בריסטלעך און ענט־פערט שטיל:

— איך האָב ניט געקראָגן.

— וואָסי, כ׳האָב ניט געוווּסט, — צינדט ער זיך אָן, — זי איז סײַדן געגאַנגען קריגן. איך וועל האַרעווען אָף איר, איכ׳ל זי קאָרמענען וועל איך זי, און זי וועט... כ׳פרעג דאָך בא דיר, ווו ביסטו געווען?

זיסל שווײַגט. אין אירע אויגן צינדט זיך אָן א סינע. צו אים, צו דער שטוב, צו זײַן אופירעכץ. זי איז בייז אָף זיך, וואָס זי האָט אים דאָך ליב. וואָס זי האָט זיך אזוי מיטן גאַנצן הארצן צוגעבונדן צו אים.

— זאָלסט וויסן, — רופט זי זיך מיטאמאָל אָן, און דאָס קאָל ציטערט בא איר, — דו האָסט איצט געשלאָגן ניט מיך. האָסט געשלאָגן דײַן קינד האָסטו געשלאָגן. ס׳וועט זײַן, כאַלילע, א קאַליקע, וועט אָף ווענעמס קאָפּ עס דעמלט זײַן?..

שמאריע קוקט אָף איר טעמפּ און לאָזט ניט אָפּ זײַנס:

— כ׳האָב דאָך דיך געפרעגט, אין קלוב בא זיי ביסטו געווען?

— געווען, ווו כ׳האָב באַדאַרפט. וואָסי, איך טאָר שוין אין ערגעץ ניט ארײַנגיין. ס׳איז מיר סומנע גאַנצענע טעג און וואָכן אין שטוב.

— אזוי, סומנע איז דיר? — בא שמאריען הייבט אָן דאָס פּאָנעם ווידער רויט ווערן. — מיט ווענען איז דיר דאַרט ניט סומנע, מיט ווענען?

— ס׳איז מײַן אייסעק, — האָט זי א זאָג געטאָן, זיך אופגעהויבן און אָפּגעטרייסלט די שטרוי פונעם קליידל, — כ׳קאָן ניט לעבן אָפּגעזונדערט פון אלעמען. איך וויל אויך הערן א לעבעדיק וואָרט. אלע ווײַבלעך גייען אין קלוב. און איך טאָר ניט?

— נו, איז גיי, גיי. ער קאָן שוין דאָרטן וואַרטן אָף דיר.

— ווער? — האָט זי דערשראָקן אים אָנגעקוקט.

— ווייסט, מיסטאמע, ווער.

— דו הערסט כאַטש, וואָס דו רעדסט? — האָט זי מיט הארץ זיך אָנגע־רופן. — דו רעדסט דאָך ווילדע נארישקײַטן.

— אלציינס. ווען איך פּאַק דיך, הארגע איך דיך.

— אוי זשע, ביסטו א נארישער, — האָט זי ווייך געזאָגט. ער האָט איצט דערוועקט אין איר בלויז מיטגעפיל, מיטלײַד. — איך בין דאָך געווען בא כאַנע־לייבעכען. געזוכט די סעטשקע־מעסערס. געזעסן מיט איר א ביסל. און אין קלוב, אין קלוב וועל איך אויך גיין. אלע ווײַבלעך גייען.

— זאָלן זייערע ווײַבלעך טאָן, וואָס זיי ווילן. קיינער דאַרף ווייגן
מיר ניט, און איך וויל וועגן קיינעם ניט דײַגענען. נאָר דו מעגסט בא מיר
לעבן אָן קלובן. איך האָב געגומען א ווײַב פאר זיך, ניט פאר יענעם...

— שא, — האָט זי מיט איר הייסער דלאָניע פארמאכט זײַן מויל, —
אויסער דיך, ווייסטו גוט, דארף איך קיינעם ניט.

שמאריע האָט דערפילט, ווי זי האָט מיט איר שטײַפן קערפער זיך צוגערירט צו אים. די ווארעמקײַט אירע האָט געלינדערט זײַן קאַס. ס'האָט אים באהערשט מיטאמאָל א הייסער געפיל צו איר, א ווייטעק פאר אירע פײַכטע אויגן, פאר די צעפלאַמטע באַקן. ער האָט זי פעסט ארומגענומען, א הייב אויף געטאָן און אומגעוואלגערט זיך מיט איר אף דער שטרוי.

— זי־ס־לן!..

— וואָסי?

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך מיט אזא קראפט, אז עס האָט עפּעס געפלאצט אף איר.

— שא... פאמעלעכער, — האָט זי פארשטיקט ארויסגעשטאמלט.

די אלטע האָט דערהערט א טומל, איז אראָפּגעקראָכן פונעם געלעגער, דערפלאָנטערט זיך ביז דער לעזשאנקע און צעטומלט זיך אומגעקערט.

שמאריע האָט גאָרנישט ניט באמערקט. שפּעטער א ביסל האָט ער זיך שווער אופגעהויבן, אָפּגעזוכט דעם הלעטשיק מיט דער קילבלעכער זויערמילך און דאָרשטיק געכליאָפּטשעט, אזש עס האָט אים גערונען איבערן האלדז. נאָכדעם האָט ער ארופגעצויגן אף די באָרוועסע פיס די גרויסע צעפּאָרענע וואָליקעס, צוגעגאנגען צו דער לעזשאנקע און אראָפּגעדרייט דעם קנויט אינעם לעמפּל.

— אָן אווירע, ס'ברענט אומזיסט, — האָט ער א בורטשע געטאָן, — אז איך וועל ניט אראָפּדרייען, וועט קיינער ניט.

דורך דעם פירהויז איז ער אוועק אין שטאל צושיטן סעטשקע די פערד און כאפּן א קוק אף דער שקאפע, וועלכע איז ערעוו זשרעבען זיך.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט, איז זיסל שוין געלעגן אפן אויוון.

„ס'מאכט ניט, — האָט ער א טראכט געטאָן, — א ווײַב באדארף מען האלטן אף א פּענטע. אז מע גיט גוט איין מאָל, פארשפּאָרט מען א צווייט מאָל".

ער האָט פארלאָשן דאָס פײַער אין לעמפּל און ארופגעקראָכן צו איר.

— נו, וואָס הערט זיך דאָרט בא זיי? כאָנע־לייבעכע האָט עפּעס דערציילט? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— געוועזן נעכטן א פּאָרשטייער פון ראיאָן, — האָט זיסל, אויסדרייענדיק זיך צו אים, געזאָגט, ווי זי וואָלט אים פּארטרויען עפּעס זייער וויכטיקס, — מע גיט זיי ווידער להאָטעס, נײַע זייעלקעס, קולטיוואטאָרס גיט מען דעם קאָלווירט, טראַקטאָרס...

— ע, ס'קאָן ניט זײַן... מ'עט ניט געבן, — האָט שמאריע א זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט מיט דעם זיך אליין וועלן בארויקן, — אוואדע, אָט גיט מען זיי, מע שטעקט זיי אונטער.

— גלייבסט אלץ ניט. נו, וועסטו זען, מיט וואָס זיי וועלן וועסנע ארויס־פאָרן אין סטעפּ, און מיט וואָס דו... האָסט זיך אײַנגעשפּארט. ווי לאנג קאָן מען ביכלאל לעבן אזוי, אליין, ווי א סיטש.

— נו, גענוג, — האָט ער זי איבערגעשלאָגן. — איך האָב דערוויַיל זייע־רע גליקן נאָך ניט געזען דערוויַיל...

שמאריע האָט צוגעמאכט די אויגן, געסטארעט זיך ניט טראכטן וועגן די נײַע להאָטעס און מאשינעס, וואָס מע גיט דעם קאָלווירט.

אפן אויוון איז געווען זייער ווארעם, ס׳האָט געשמעקט מיט גוט צוגע־סמאזשעטע קערלעך. און אין דרויסן האָט נאָך אלץ געבושעוועט די זאַ־ווערוכע, געברומט, געפּײַפט צעצויגן אין קוימען ארײַן.

שמאריע האָט זיך צוגעהערט צו דעם געוואָי און ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן. עפּעס האָט אים באומרויקט. ער האָט נאָך אליין קלאָר ניט געוווּסט וואָס. צי דאָס, וואָס זיסל איז פארגאנגען אין טראָגן, צי דאָס, וואָס די שקאפע איז אָט־אָט צום זשרעבען זיך, צי דאָס, וואָס מע גיט דעם קאָלווירט ווידער להאָטעס, נײַע זייעלקעס, טראקטאָרס...

אין דער זאווערוכע

שוין עטלעכע טעג, ווי אין דרויסן האָט געבושעוועט א וויוגע, אָנגעטראָגן הורבעס שניי ארום שעפטל קאָבילע־צעס זעמליאנקע. שעפטל קאָבילעץ איז געזעסן אף דער ערד אף אן אונטערגעשפּרייט פארלאטעט זעקל און מיט די גראָבע אָנגעבראקניעטע פינגער פארזאָרגט געדריבלט דאָס לעצטע ביסל פארבליבענע קוקורוזע. ער האָט זיך צוגעהערט, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, און זיך באומרויִקט, וואָס זי איז נאָך ניטאָ, זעלדע.

— נו, א פוגע, — האָט אפן אויוון געקרעכצט די אלטע, — צוליב וואָס האָסטו זי באדארפט שיקן אין אזא מעטעליצע...

שעפטל האָט געשוויגן. מיט אלע כושים האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דרויסן. עפשער גייט זי שוין, זעלדע? וויפל דארף עס געדויערן צוכאפּן זיך אנטקעגן איבער דער גאס צום שאָכן, צו קאלמען זאָהאָטן, אנטלייַען א האנט־מֵילכל? נאָר ניט דאָס מילכל איז אים איצט אזוי אָנגעגאנגען, ווי גאָר עפּעס אנדערש: עפשער וועט זי דאָרט הערן עפּעס נײַס וועגן אים.

„מיסטאמע איז נאָך גאָרניט מיט גאָרניט, — האָט שעפטל דערשלאָגן גע־טראכט, — וואָלט זײַן עפּעס באוווּסט, וואָלט זי גלײַך געקומען... וואָס זשע פאר אן אומגליק איז עס? שוין העכער דרײַ וואָכן אדורך, ווי ער האָט נאָך אלע איבערטראכטענישן סאָפּקאָלסאָף ארײַנגעטראָגן אין קאָלווירט־פארוואלטונג די מעלדונג, און גאָרניט. ניט מע רופט אים ארויס, ניט מע זאָגט אים עפּעס. מע ציט פון אים די אצאָמעס און האָדיע! מיילע, כאָנצע... אָבער זי, עלקע?.. וואָס האָט זי צו אים? וואָס וויל זי? צי דען האָט זי פאר־געסן אלץ?.. די בלאָווע זומערדיקע אָוונטן... דאָס פענצטער פון קאַענעס... און איצט... וואָס ארט איר, אז אים איז איצט אָט דאָ אפן כוטאָר ערגער פאר אלעמען? קיינעם גייט ער איצט ניט אָן. קיינער באדארף אים ניט. מע באגייט זיך זייער שיין אָן אים, אָן זײַן איינציק פארבליבענער שקאפע, אָן זײַנע עטלעכע דעסיאטינקעס ערד, אָן זײַן צעפּאָרענער לאָבאָגרייקע... און איר, עלקען, גייט ער איצט אויך אינגאנצן ניט אָן מיט זײַנע דײַגעס און זאָרגן...”

הינטערן פענצטער האָט צעצויגן געפײַפט די וויוגע, געשמיסן די ווענט פון אלע זײַטן, ווי די זעמליאנקע וואָלט געשטאנען אינגאנצן איינע אליין ערגעץ אפן אָפענעם צעבושעוועטן סטעפּ.

— גאָט מײַנער, ווי עס דרייט, — האָט די אַלטע קרעכצנדיק געטײַנעט. — וואָס האָסטו זיך איצט גאָר אָוועקגעזעצט דריבלען די קוקורוזעז?..

שעפּטל האָט אומצופרידן אויסגעדרייט דעם קאָפּ. „ליגט אויפן אויוון און בורטשעט. וואָס פאַרא דײַגעס האָט זי נאָך?..“ אים האָט זיך פאַרוואָלט אויסלאָזן אויף עמעצן דאָס האַרץ, אויסשרײַען זיך, נאָר מיטאַמאָל האָבן אין פירהויז זיך דערהערט טריט. שעפּטל איז פאַרשטאַרבן געוואָרן. מע האָט דאָרט געטופּעט, אָפּגעטרייסלט דעם שניי. מיט אַ שאַרפן סקריפּ האָט זיך געעפנט די טיר, און, אין אַרומגעקוטעטע אין דער קורצינקער קוצעווייקע, איז מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַרײַנגעלאָפן זעלדע.

— שעפּטל... אוי, סאַראַ זאָוערוכעז!.. — האָט זי מיט איר עטוואָס אונ־טערגעפרוירענער קלינגענדיקער שטים אויסגערופן, אויסטוענדיק זיך. — איך בין אַזוי געלאָפן, שעפּטל, אוי, אַז דאָס האַרץ איז באַ מיר שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען... מאָרגן באַטאָג איז דאָך די פאַרזאַמלונג וועגן אונדז. מאָרגן באַטאָג, שעפּטל...

שעפּטל איז געבליבן זיצן אויף דער ערד מיטן אויסגעדריבלטן נאַקעטן קאַטשאַן אין האַנט.

— ווער האָט געזאָגט? — האָט ער פאַרלוירן געפרעגט, אָנקוקנדיק זי מיט די ברענענדיקע אויגן.

— קאַלמען זאַהאָט... אָקאָרשט איז ער געקומען פון דער פאַרוואַלטונג. דער גאַנצער כוטאָר, זאָגט ער, וועט זײַן, דער גאַנצער כוטאָר... — האָט זעלדע פאַרכאַפּנדיק גיך גערעדט, — מאָרגן אין דער צײַט, שעפּטל, וועלן מיר שוין, סאָפּקאָלסאָף, אַן עק, אויך זײַן מיט מענטשן גלײַך... — זי האָט לײַכט אויסגעדרייט דאָס פײַער אין בלעכענעם לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער נידעריקער וואַנט. אין צימער איז ליכטיקער געוואָרן, און זעלדע האָט פלינק גענומען צוראַמען פון טיש.

דאָס פּאָנעם איז באַ זעלדען געווען פאַרפלאַמט און זי האָט אויסגעזען באַזונדערס פריש און שיין. נאָך דעם, ווי שעפּטל איז געפאָרן מיט איר צום דאָקטער, האָט זי פאַרוואָרפן די באַבסקע סגולעס, וואָס די אַלטע האָט איר געגעבן צו נעמען, און זיך גאָר גיך פאַריכט. די הענט באַ די אַקסל זײַ־נען געוואָרן פולבלעך און שטײַף, די לענדן — רונד, און אירע גרויסע קאַרע אויגן האָבן איצט געלויכטן פון גליק.

— אוי, ווי איך בין געלאָפן, שעפּטל... דער ווינט שמײַסט אין פּאַ־נעם, פאַרשיט מיט שניי, און איך לויף און מיטאַמאָל — באַץ אין אַ קאַנאַ־ווע, — האָט זעלדע פאַרגעניגנדיק געלאַכט, ווישנדיק די צעראַטע אויפן טיש.

שעפּטל האָט שווײַגנדיק זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, פאַרדרייט אַן אומגעלומפּערט גראָבן ציגאַר און מיט עטוואָס צעהוידעטע טריט צוגע־גאַנגען צום קעראָסין־לעמפּל און צוגערייכערט פון אים, אַזש דער פלאַם צוזאַמען מיט אַ רויך האָבן זיך אַ צי געטאָן, אַ שפּאַר געטאָן אויף אַרויף.

— דער גאַנצער כוטאָר, זאָגסטו? — ער האָט זיך שטאַרק פאַרצויגן און מיד זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער נידעריקער באַנק, וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן דער וואַנט.

די נײַס, וואָס זעלדע האָט געבראַכט, האָט אים איצט, דאַכט זיך, מער צערודערט, ווי דערפרייט. אויפן האַרצן איז אים געוואָרן שווער און מאָדנע

ווייטעקדיק, ווי מע וואַלט אים געטויטשעט איבער דער סאַמע ברוסט מיט א דרעש־שטיין. ער האָט אליין קלאָר ניט געוווּסט, פון וואָס נאָגט דאָס אַזוי — צי פון דעם, וואָס אָט מאָרגן, שוין מאָרגן טאָקע, שטייט אים פאָר זיך צעשיידן מיט זײַן אייגענער ערד, מיט זײַן אייגענער נאָכלע, מיט דער מעזשע, מיט דעם בולאַנעם, מיטן אייגענעם געשפּאַן, מיט דעם אַלעמען, צו וועלכן ער איז אַזוי געוווינט, צי ס'האָט אים ווידער אָנגעהויבן שרעקן דאָס נײַע, אומבאַוווּסטע, דאָס אומגעוווינלעכע, וואָס דערוואַרט אים דאָרט, אין קאָלווירט, צי ס'האָט אים געקאָראָבעט גאָר דאָס, וואָס אויף דער פאַר־זאַמלונג וועט זײַן דער גאַנצער כוטאָר און יעדערער וועט מאָרגן האָבן די דייע איבער אים.

אויפן אויוון האָט די אַלטע געקרעכצט און געוויקעט.

— וואָסי? — האָט שעפטל פאַרשטיקט א פרעג געטאָן.

— גאָרניט, ווי איז מיר. טאָמער זײַנען מיר נאָך געווען, מישטיינסגע־זאָגט, שטיקלעך באַלעבאַטים, — האָט די אַלטע אָפּגעזיפצט, — איז שוין אויס, הער איך...

— שאַ, קלאָג נאָך ניט, — שעפטל האָט קוים אײַנגעהאַלטן די אויפגע־רעגטקײַט, — מע האָט זיך דערוויַיל נאָך ניט אַרײַנגענומען.

— אָט האָסטו דיר! וואָס הייסט? וואָסי, זיי קאָנען נאָך ניט וועלן? — האָט די אַלטע פאַרכידעשט געפרעגט, אַרויסקוקנדיק פונעם אויפן־אויוון.

— כ'ווייי... — שעפטל האָט אומצופרידן א קנייטש געטאָן דעם שטערן.

— א מאָשל, — האָט זעלדע זיך צעלאַכט, — רעדסט נאַרישקײַטן...

שעפטל האָט איר גאָרנישט ניט געענטפערט. פאַרטאָן מיט זײַנע גע־דאַנקען, האָט ער אָפּגעריסן פון דער צעקנייטשטער צײַטונג א שטיקל פּאַ־פּיר און ווידער פאַרדרייט א ציגאַר.

— וואָס הייסט, זיי וועלן ניט וועלן? — האָט די אַלטע אַראָפּגעלאָזט די אויסגעדאַרטע פיס פונעם אויוון. — אָט האָסטו דיר א שיינע מײַסע. וואָסי, מיר זײַנען ניט די זעלבע מעיוכאָסים דאָ אויפן כוטאָר, ווי עמעצער אַנדערש? דײַן טאַטע האָט דעם קאָפּ אוועקגעלייגט קעגן די ווײַסע, איבערגעלאָזט מיך אַן אַלמאָנע אויף אײַנגעסאָכניעט ווערן פאַר דער צײַט, און איצט, קומט אויס, זײַנען מיר אויפן כוטאָר ערגער פאַר אַלעמען. סט'געהערט אַזוינס?.. איך וועל שוין דאַפקע, אויב אַזוי, אַליין גיין אויף דער אָבטשעסטווע. וואָסי, מיר האָבן עמעצן וואָס שלעכטס געטאָן, צי וואָס? זיי האָבן דאָך פרײַער זיך אַליין געבעטן באַ דיר, נאָכגעגאַנגען דיר פּוסטריט, געהאַלטן אין איין אײַנריידן, געשלעפּט צו זיך...

— זאָל זײַן געענוג! — שעפטל האָט א שלײַדער געטאָן דעם פאַרלאָשע־נעם ברעקל ציגאַר אויף דער ערד, דאָס פּאָנעם איז באַ אים רויט געוואָרן און די אויגן האָבן געברענט פון אויפרעגונג.

— נו, שעפטל, וואָס קאָכסטו זיך, — האָט זעלדע שטיל זיך אָנגערופן, — וואָסי דאָ צו שרײַען... נו, וואָס האָט זי אַזוינס געזאָגט, די מאַמע...

זעלדע האָט הילכיק אויפגעקלאַפּט די קישנס און זאָרגזאַם, מיט ליבע, ווי נאָר א יונגע פרוי קאָן, אויסגעבעטן דאָס געלעגער. שעפטל איז צע־שטרייט עטלעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, נאָכדעם האָט ער פאַרלאָשן דאָס לעמפּל און, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, זיך געלייגט.

זעלדע האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און באַלד אַנשלאָפן געוואָרן. נאָר שעפּטלען האָט דער שלאָף ניט גענומען.

— געדאַרפט דעמלט... דעמלט באַדאַרפט גיין, באַגלײַך מיט אַלעמען, — האָט ער זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ, — ווי־אַזוי האָט ער עס ניט פאַרשטאַנען? באַדאַרפט אַרײַן אין קאַלווירט דעמלט, ווען ביידע שקאָפּעס זײַנען נאָך געווען בא אים אין שפּאַן, ווען מע האָט זיך אָפּן כוטאָר גערעכנט מיט אים, ווען מע האָט אים גערופן, געבעטן זיך בא אים, אָט ווען... זיי אַלע האָבן דעמלט, זעסטו, סייכל געהאַט, אַפילע דער אַלטער ראַכמיִעל האָט פאַרשטאַנען. נאָר ער איינער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, ווי אַ נאַראָווישטע פערד, געמיינט זײַן קליגער פאַר אַלעמען, קליגער פאַר דער גאַנצער וועלט... און ווער איז געבליבן באַם נאַר?.. ער... ער איינער אָפן גאַנצן כוטאָר... איינער אַליין.

שעפּטל האָט איצט ניט געקאָנט זיך מויכל זײַן. אים האָט זיך געדוכט, אַז אָפן כוטאָר, אין אַלע שטיבער, רעדט מען איצט נאָר וועגן אים, וועגן דער מאָרגנדיקער פאַרזאַמלונג, און ס'איז אים געווען אַ ביזאָיען פאַר די כוטאָראַנצעס און דעריקער פאַר איר, פאַר עלקען. זי האָט דאָך דעמלט אים געוואָרנט, פאָרויסגעזאָגט, אַז אַזוי וועט זײַן, אַז ער וועט איינער אַליין אָפן סטעפּ זיך גאָרנישט ניט דערשלאָגן. ווען ער פאָלגט זי דעמלט, וואָלט עפּשער דאָס גאַנצע לעבן בא אים איצט געווען גאָר אַנדערש. אָט, קאָפּל־דינער... פאַר קיין גלײַכן האָט ער אים ניט געהאַלטן, געכויזעקט פון אים: „די פּאָסטראָמקעס זײַנען בא אים צו קורץ". שעפּטל דערמאָנט זיך, ווי ער האָט אויסגעלאַכט קאָפּלדינערן פאַר עלקען. ס'איז אים איצט אַ ביזאָיען פאַר זיך אַליין, און ער ווערט אַזש פאַר בושע רויט. אָט ווי ער, שעפּטל, איז פון אַלע זײַטן געבליבן באַם נאַר. קאָפּלדינער איז ערגעץ אָף קורסן, אין קיִעוו איז ער, אַ פאָלנער אַגראָנאָם וועט ער אָט־אָט ווערן און אַלע וועלן זיך רעכענען מיט אים, אָט וואָס. און ער, שעפּטל, איז פאַרבליבן דער לעצטער, דער סאַמע לעצטער מענטש אָפן כוטאָר... ווען ער האָט אָבער סייכל און פאָלגט זי דעמלט, עלקען. וואָסי, ער איז ערגער פאַר קאָפּלדינערן? קויעך פעלט אים, צי וואָס? ער וואָלט שוין געקאָנט איצט זײַן ברי־גאַדיר אַפילע פון דער סאַמע בעסטער בריגאַדע און וואָלט באַוויזן, סאַראַ טאַלק וואָלט בא אים געווען, סאַראַ גערעטעניש ער וואָלט אַראָפּגענומען, אַז אַלע דערפער, דער גאַנצער ראַיאָן וואָלט גערעשט מיט אים. ער וואָלט באַוויזן, וואָס ער קען... און איצט וואָס?.. וואָס וועט עלקע זאָגן וועגן אים מאָרגן, דאָרט אָף דער פאַרזאַמלונג?

שעפּטלען איז געוואָרן שטאַרק הייס. ער איז אַרויסגעקראָכן פון בעט שטיל, קעדיי ניט אופוועקן זעלדען, אַ באַרוועסער אַוועק צו דער דייזשקע, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע ווינקל לעבן דער טיר, אָנגעשעפּט אַ פולע קוואָרט קאַלט וואַסער און אין איין אָטעם, שיר ניט פאַרכלינענדיק זיך, אויסגעטרונקען. אין איינע גרעט האָט ער זיך אַ ווײַל אַרומגעדרייט איבערן פינצטערן ענגן צימער און זיך צוריק געלייגט.

— שעפּטל, פאַרוואָס שלאָפסטו ניט? — האָט זעלדע שטיל געפרעגט, אופכאַפּנדיק זיך. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און מיט דער הייסער

זייער ווייכער האַנט לײַכט אַ פּיר געטאָן אים איבער דער פּאַרוואַקסענער באַק.

שעפּטל איז געלעגן אומבאַוועגלעך מיטן פּאַנעם אַרויף און מיט אָפענע אויגן געקוקט אין דער פינצטער.

— וואָס ט'ער נאָך דערציילט, שלוימע־קאַלמען? — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום פאַרזאָרגט שטיל אַ פרעג געטאָן.

— אַט דאָס־אָ... — האָט זעלדע פאַרשלאָפן געענטפערט, — וועגן דער פאַרזאַמלונג...

— און ווו וועט זײַן די פאַרזאַמלונג? אין קלוב?

— אהא... שלאָף, שעפּטל...

אין דרויסן האָט אַלץ געבושעוועט די זאַווערוכע, געפּאַטשט מיטן שניי אין פענצטער און ס'האָבן אונטערגעקלונגען די צוניפגעשטוקעוועטע שויבן. באַנאַכט איז די וויגע געוואָרן, קאָנטיק, נאָך שטאַרקער, געוואָיעט אין קוימען, געקלאַפּט מיט דער קליאַמקע, געריסן די טיר.

די אַלטע האָט זיך אופגעכאַפּט. זי האָט אַ רוף געטאָן שעפּטלען. נאָר שעפּטל האָט שוין גאָרנישט ניט געהערט. ער האָט אין שלאָף זיך געטראָגן מיט אַ טראַכקען פון די רעדער איבערן סטעפּ, וואָס איז געווען געדיכט באַשאָטן, באַשפּרענקלט אַרום־און־אַרום מיט רויט־צעצוויטעטן מאָן. ער האָט געיאָגט צו זײַן פאַרמעגן, צו זײַן אייגן שטיקל ערד. ביידע בולאַנע זײַנע הירזשען פריילעך. פון הינטן אָפּן וואָגן קלינגט אונטער דער אַקער. עס סאַרפּעט די זון. שעפּטל פאָכט מיט דער בײַטש, טיוקעט צו די פערד, טרײַבט זיי אונטער, קעדיי גיכער קומען אויף זײַן ערד, אז קיינער זאָל ניט באַווײַזן אים אַריבעריאָגן און פאַרכאַפּן זי... אָט איז ער שוין אין דער ווילדער באַלקע, אָט דאָ דערבײַ דאַרף זײַן די מעזשע זײַנע. נאָר ווו איז זי? ער קוקט זיך צעטראָגן אום אין אַלע זײַטן און קאָן ניט געפינען זײַן ערד. ניטאָ זײַן נאַכלע! די גאַנצע ערד איז אַרום־און־אַרום אופגעאַקערט. איין שוואַרצער מאַסיוו. שעפּטל שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן, לאָזט איבער די פערד און לויפט מיט דער בײַטש אין האַנט זוכן זײַן מעזשע. ער פאַרטשע־פּעט זיך מיט די באָרוועסע פיס אָן די גרויסע אופגעאַקערטע הרודעס, אָן די שוואַרצע פײַכטע האַנעס, פאַלט, הייבט זיך גיך אויף און לויפט ווײַטער. ער לויפט און לויפט. ער איז שוין אַרויף־באַרג, און עס ציט זיך נאָך אַלץ דער אומענדלעכער מאַסיוו אופגעאַקערטע שוואַרצערד און עס זעט זיך גאָר קיין סאָף און קיין ברעג ניט. ווו איז זײַן ערד? ווו איז אַהינגעקומען זײַן מעזשע מיט די דורכזיכטיק־ראָזעווע גלעקעלעך און געלבלעכע אָדוּ־וואַנטשיקעס? ווו איז עס? צי דען האָט באַנאַכט עמעץ אין דער פינצטער צוגעגאַנוועט זײַן נאַכלע צוזאַמען מיט דער מעזשע, מיט די סטעפּ־קווייטן? שעפּטל וויל שרײַען, נאָר ער קאָן ניט. עס דושעט אים. וויאַזוי האָט ער עס ניט אײַנגעהיט זײַן ערד! דער טאַטע האָט אײַנגעהיט, דער זיידע האָט אײַנגעהיט, דער עלטערזיידע... און ער — ניט! וויאַזוי? און ער לויפט אַלץ... ער לויפט און לויפט. קוים וואָס ער אָטעמט, און ער לויפט. עפּשער וועט ער נאָך געפינען זײַן אייגנס, זײַן פאַרמעגן... אָן־אָן, לעבן די הולײַפּאָליער מאָהילקעס ליגט, דוכט זיך, זײַן ערד. שעפּטל דערפרייט זיך. ער דערקענט זי. ער זעט שוין פונדערווײַטן די געדיכטע פאַרוואַקסענע מעזשע מיט די

רוישיק פאנאנדערגעבליטע גלעקעלעך און געלן שארף־שמעקנדיקן קאטראָן. ער לויפט מיט די לעצטע קויכעס. נאָר מיטאמאָל פארשווינדט זי. די מעזשע, און עס וואקסט פאר אים אויס ביזן סאמע בלויען האָריזאָנט א באגעלבט פעלד מיט זייער הויכע צעצוויטעטע זונרויזן. זיי וויגן זיך אונטער מיט די גרויסע באגילדעטע קעפ צו דער זון, און צווישן זיי שטייט עלקע אין א ציכטיק ווײַס קאָפטעלע, האלט דאָס גארטעלע פון זײַן העמדל אין האנט און לאכט, לאכט פון אים...

שעפטל האָט זיך אופגעכאפט א נאסער. ער איז אופגעשטאנען, זיך גיך אָנגעטאָן און ארויס אין פארטאָגיקן פראָסטיקן דרויסן. דאָס הארץ האָט בא אים ניט אופגעהערט צו נאָיען, און ער האָט זיך געזוכט ארבעט, קעדיי פארגעסן זיך. ער איז אוועק אין שטאל און זאָרגזאם גענומען אופראמען די סטאָילע. ארויסגעטראָגן מיט דער ווילע דעם רייכערנדיק־ווארעמען קיזיק, ארויסגעצויגן עטלעכע עמער וואסער פונעם ברונעם און אָנגעפּאָיעט די שקאפע, נאָכדעם צוגעשאָטן סעטשקע אין דער שמאָלער און לאנגער קאָרעטע, וואָס איז געשטאנען האלב פוסט. ער האָט איצט עפשער מער איידער ווען־עס־איז געפילט, אז ניט גרינג וועט אים זײַן זיך אָפגעווינען פון דעם אייגענעם שטיקל ערד, פון דער אייגענער שקאפע, אָבער מע מוז, ער האָט פארשטאנען, אז אנדערש קאָן עס שוין ניט זײַן...

— נו, וואָס קוקסטו אזוי בייז אף מיר, — האָט ער ארומגענומען די בולאנע באם האלדז, — עס, קורנאָסע, עס... — ער האָט געגלעט מיט דער ברייטער פארגרעבטער האנט איר די כאָלקע, די פײַכטע מאָרדע, צעקעמט די גריווע און מיט א פארזאָרגטן בליק באטראכט זי פון אלע זײַטן, צי ס'וועט ניט זײַן קיין ביזאָיען ברענגען זי אָט אזא אין דער קאָלווירטישער שטאל.

שפעטער א ווײַל איז ער אוועק אין דער מיט שנייִ פארווייעטער קלוניע, ארויסגעשלעפט פון אונטער דער פאראיאָריקער צוגעלעגערטער שטרוי די שנײַדמאשין, אויסגעווישט דעם שטויב, אָנגעשמירט די רעדער מיט דזעגעכץ און גוט אונטערגעצויגן די הײַקעס, אז עס זאָל זיך גאָרנישט ניט באָמבלען. ווען ער האָט פארענדיקט מיט דער שנײַדמאשין, האָט ער ארויסגעקײַקלט פון סאמע ווינקל דעם וואָגן און לאנג געקוקט אף אים. „אָט אף דעם וואָגן איז זי דאָך דעמלט געפאָרן מיט אים, עלקע“...

ווען שעפטל האָט זיך אומגעקערט אין זעמליאנקע, האָט ער געטראָפן זעלדען ראמען דאָס צימער. א פארהאוועטע האָט זי געשלעפט אף זיך די רעדנעס, ארויסגעטראָגן זיי אין דרויסן, געלופטערט אפן שנייִ. נאָכדעם האָט זי אופגעהאנגען אן אויסגעבייט פאָרהענגל אפן פענצטער, איבערגעצויגן די קישנס מיט פריש־אויסגעפרעסטע ראָזע ציכלעך, צוגעראמט אפן קאָמאָד, פארשפרייט מיטן היימיש געשטריקטן טעפּיך דעם טאָפטשאָן. שעפטל האָט צונויפגעקליבן די זברויע, וואָס איז געהאנגען לעבן דער סאמע טיר אף דער וואנט — די פאָסטראָמקעס, שלייעס, נאשילניקעס און צײַמלעך, באטראכט עס, אויסגערייניקט די מעשענע רינגען מיט קרײַד, אזש זיי האָבן געבליאסקעט, אָנגעשמירט די רימענס מיט פליסיקן דזעגעכץ און צונויפגעלייגט אלץ אין איין אָרט אף דער באנק לעבן פענצטער.

ס'איז שוין געווען נאָך האלבן טאָג, ווען שעפטל האָט מיט מאטערניש

װי־ניט־איז זיך אָפּגעגאָלט, אָנגעטאָן די פארלאטעטע װאָליקעס, דעם פעלץ, דאָס האָזענע היטל און איז ארויס אין דרויסן.

די זאװערוכע איז געװאָרן שטילער, נאָר דער װינט האָט נאָך אלץ געװײט און געדרײט מיטן שנײ, פארשיטנדיק די אויגן. טרעטנדיק ביז די קני אין די אָנגעטראָגענע הורבעס שנײ, האָט שעפטל זיך דערקליבן ביז דער קאליטקע און ארויסגעקוקט איבער דער גאס צום קלוב.

„זײ קאָנען שוין אװאדע זײַן דאָרט",—האָט ער א באומרויִקטער א טראכט געטאָן און זיך גיך געלאָזט גײן, װי ער װאָלט מוירע געהאט פארשפעטיקן.

לעבן קלוב, באם סאמע ארײַנגאנג האָט ער זיך פארהאלטן, זיך א טאָפּטשע געטאָן אפן אָרט, און, אָנעמענדיק א פולע ברוסט מיט פרישער פראָסטיקער לופט, געעפנט די אָנגעבראקניעטע טיר.

אין קלוב איז נאָך קײנער ניט געװען. אין פולער אָרדענונג זײַנען געװען צעשטעלט די בענק. פון פאָרנט איז געשטאנען א טישל, פארשפרײט מיט א רויטן לײַװנט, און איבער דעם, אנטקעגן, אף דער פריש־אָפּגעקאלכטער װאנט איז געהאנגען א פלאקאט, געשריבן מיט זײער גרויסע רויטע אויסיעס:

Мелким хозяйствам из нужды не выйти[1].

Ленин

שעפטל האָט פאמעלעך, אָס בא אָס, װאָרט בא װאָרט איבערגעלײענט דעם פלאקאט.

— לעניִן... — האָט ער שטיל געשעפטשעט מיט די ליפן. די װערטער פון פלאקאט האָבן אים איצט אויסגעזען זײער קענטלעך. װו האָט ער עס געהערט?.. א, עלקע... דאָס האָט זי אים דאָך דעמלט געזאָגט, עלקע, פאָרנדיק בא אים אפן װאָגן פארבײַ די בליִענדיקע סאָנעשניקעס, אז לעניִן האָט גערעדט װעגן אים, און ער, שעפטל, האָט דעמלט געלאכט פון איר, ניט געגלייבט... לעניִן אלײן האָט װעגן אים געטראכט, װעגן אים געזאָרגט, געדײַגעט זיך, אלע האָבן עס געזען און פארשטאנען, נאָר ער אײנער ניט...

אינעם דערבײַיִקן קלײנעם צימערל האָבן זיך דערהערט טריט. שעפטל איז גיך ארויס. אים האָט זיך ניט געװאָלט, מע זאָל זען, אז ער איז געקומען דער ערשטער. טרעטנדיק טיף אין די אָנגעטראָגענע הורבעס שנײ, האָט ער איבערגעשניטן די גאס, איז ארײַן צוריק צו זיך אין הויף און געבליבן שטײן אינעם פארװײעטן פאליסאדניק.

אנטקעגן אף דער גאס האָט ער באלד דערזען דעם אלטן ראכמיִעלן און נאָך קאָלװירטניקעס. אײַנגעקוטעטע אין גרויסע שאָפענע פעלצן, זײַנען זײ פאמעלעך, ניט געאײַלט געגאנגען אין דער ריכטונג צום קלוב, לאָזנדיק רויך פון די ציבעקעס.

זײ האָבן זיך געהאלטן אײנער הינטער דעם אנדערן, דורכלײגנדיק די סטעזשקע פארבײַ די פארקנס. עטלעכע יִנגלעך, ארומגעבונדענע מיט באשליקן, האָבן מיט א טומל זײ איבערגעיאָגט. די יִנגלעך זײַנען געשפרונ־

[1] די קלײנע װירטשאפטן װעלן זיך פון נויט ניט ארויסשלאָגן (לעניִן).

געז אינעם שניי, איינגעהרוזניעט זיך, מיט א געשריי און געלעכטער זיך ארויסגעקליבן און ווידער געשפּרונגען. יעדע ווײַלע האָבן אפן וועג צום קלוב זיך באוויזן אלץ מער מענטשן. מע איז געגאַנגען פון אלע שטיבער.

שעפּטל האָט פונדערווײַטנס דערזען אין דער מיט גאַס עלקען מיט עטלעכע יונגע קאָלווירטניקעס. זי האָט זיך הילכיק, זייער הילכיק צעלאַכט. נאָך איר האָבן זיך צעלאַכט די איבעריקע.

— פון מיר... נו, יאָ... זיי האָבן איצט פון וועמען צו לאַכן, — האָט שעפּטל מיט פאַרביטערטקײַט א טראַכט געטאָן. די אָדערן אף די שלייפן האָבן זיך בא אים אופגעבלאָזן, אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. און אופגערעגטער האָט ער געמאַכט עטלעכע טריט און ראַפּטאָם זיך אָפּגעשטעלט.

„עפּשער גאָר ניט גיין...״ — איז אים דורכגעלאָפן א געדאַנק. ער האָט זיך ארומגעקוקט, ניט ווי סנדיק וואָס צו טאָן, און באַמערקט פאַרבײַ דעם נאַקעטן סאָד עמעצן פאָרן אהער. אין א רגע ארום האָט מיט דעם קאָוואַלעווסקער וועג זיך אָנגעטראָגן געשפּאַנט אין א פּאָר ווײַסע היציקע פערד דער לײַכטער ראַיפּאַרטקאָמאָווער שליטן. אף דעם אונטערגעשפּרייטן היי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן װענטל אין א ווײַסן טולופּ מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש איוואַשטשענקאָ. דער סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם האָט באַמערקט שעפּטלען נאָך פונדערווײַטן. אויסגלײַכנדיק זיך מיט אים, האָט מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש פאַרהאַלטן די פערד און, פאַרהייבנדיק עטוואָס דאָס ציגייקענע היטל, מיט א צופרידענעם שמייכל זיך באַגריסט.

— קאַבילעץ, א גוט-העלף. וווהין? אף דער פאַרזאַמלונג?.. נו, איז זעץ זיך ארײַן אין שליטן, מע קאָן שוין דאָרט אוואַדע וואַרטן אף אונדז...

פון אָט דעם קורצן, נאָר טײַערן וואָרט „אונדז״ איז שעפּטלען געוואָרן מאָדנע וואַרעם אפן האַרצן. ער האָט צעטומלט זיך אומגעקוקט אף זײַן הויף און מיט א לײַכט געמיט זיך ארופגעכאַפּט אפן שליטן.

אין עטלעכע מינוט ארום איז שעפּטל קאַבילעץ מיט ברייטע טריט, צוזאַמען מיט מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש איוואַשטשענקאָ, א זיכערער ארײַן אינעם פולגעפּאַקטן קלוב אף דער קאָלווירטישער פאַרזאַמלונג...

אַנטאָני, ביסענטי און ערינגאָ

אין איינעם פון די שענסטע ווינקלען פון דער דאָרעמשטאָט, לעבן סאַמע יאַם, אינעם מיט גרינס אַרומגערינגלטן פּאַלאַץ, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די עוואַקוירטע קינדער פון שפּאַניע, האָב איך זיך באַפרײַנדעט מיט אַ שיין, שוואַרץ־אויגיק ייִנגעלע ערינגאָ פון אַ פאָרשטאָט, וואָס לעבן בילבאַאָ. און אָט וואָס ערינגאָ האָט מיר דערציילט.

זיי זײַנען געווען בא טאַטע־מאַמע דרײַ ברידערלעך. אַנטאָני, ביסענטי און ערינגאָ. אַנטאָני איז אַלט געווען קנאַפּע פופצן יאָר, ביסענטי — דרײַצן, און ערינגאָ — נײַן. דער טאַטע זייערער האָט געאַרבעט אַף אַ פאַרפאָר־זאַוואָד, געגלייזט ליימענע קרוגן, און די מאַמע אַף מאַראַנצן־ און לימענע־פּלאַנטאַציעס. ווען דער טאַטע איז אַוועק זיך שלאָגן קעגן די פאַשיסטן, האָט די מאַמע זיך געשטעלט אַרבעטן אַף אַ מיליטער־זאַוואָד. און זיי זײַנען פאַרבליבן אַליין — אַנטאָני, ביסענטי און ערינגאָ. אַרום זייער פאָרשטאָט האָבן זיך געצויגן בערג, און פון צווישן די בערג האָט זיך דערטראָגן אַ שיסערײַ. פון מאָל צו מאָל האָבן זיך דאָרט אופגעריסן באָמבעס, און דעמלט פלעגן אין זייער קליינעם ליימענעם שטיבל אופציטערן די שויבן. אָבער דאָס האָט זיי שוין ניט געשראָקן. זיך צוגעוווינט.

— דאָס שלאָגן אונדזערע די פאַשיסטן, — האָט אַנטאָני געזאָגט, — די פאַשיסטן זײַנען די ערגסטע כײַעס אַף דער וועלט. זיי האָבן אופגעהאַנגען מאַנועלס ברודער, עלוינען, אונטערגעצונדן סעסטאַאָ, אויסגעשאָכטן דאָרט אַלעמען, ווי די רינדער.

די ברידערלעך האָבן געקוקט אַף די בערג, פונוואַנען ס׳האָט זיך דערטראָגן די שיסערײַ, און זיך אײַנגעהערט אין דעם, וואָס אַנטאָני האָט דערציילט. אַנטאָני האָט אַלץ געוווּסט. ער האָט געוווּסט, ווו עס גייען די שלאַכטן צווישן די בערג און ווו רוישן די וואַסערפאַלן, וואָס אַרום דער פאָרשטאָט. אַנטאָני האָט געקענט זיך אַרופדראַפּען אַף די העכסטע ביימער, אַראָפּשפּרינגען מיט פאַרמאַכטע אויגן פונעם דאַך, אַריבערשפּרינגען איבער אַ רוישיק־צעפלאַקערטן שײַטער. ער האָט פאַר גאָרנישט ניט מוירע געהאַט. ער איז געווען ענלעך אַפן טאַטן — לעבעדיקע קאַרע אויגן, געטאָקטע ווײַסע ציין, אַ וווּקסיקער, אַ קרעפּטיקער און, פּונקט ווי דער טאַטע, — אַ שרעקלאָזער. די ברידערלעך האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. זיי פלעגן

צוזאמען ארומלויפן באַרוועסע אין זייער קליינינקן הויפל, געבויט פעסטונ־גען פון שטיינער, געשפילט אין מילכאָמע. און מיטאמאָל האָט אנטאָני זיך אָנגעהויבן אָפּטיילן פון זיי. פאַרטאָג פלעגט ער ערגעץ אנטרונען ווערן, און ערשט אין אָוונט, שוין א מידער, קומען אהיים.

— וווּהין, אנטאָני, גייסטו דאָס אוועק?

ער האָט געשוויגן.

— ביסט געקראָכן אַף די בערג? — האָבן זיי אים געפרעגט, באמערקנ־דיק, אז די באַרוועסע פיס זײַנען שטארק צעדראַפּעט.

— יאָ, — האָט אנטאָני געענטפערט און ארופגעפירט ביסענטין און ערינ־גאָ אין דער הייך אפן שטעלכל, — איר זעט דאָרט א רויך צווישן די בערג? — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האנט. — דאָס שיסן אונדזערע. זיי שלאָגן זיך פאר די בערג. און אין די בערג איז קיין וואסער ניטאָ. איך טראָג זיי וואסער אהין...

— מע וועט דאָך דיך דערשיסן דערפאר, ווי עלוינען, — האָט ביסענטי דערשראָקן זיך אָנגערופן.

— איך האָב ניט מוירע, — האָט אנטאָני געענטפערט, — איך גיי מיט אזעלכע שטעגן אהין, וואָס קיינער ווייסט פון זיי ניט.

האָבן זיי געבעטן, ער זאָל זיי אויך מיטנעמען. זיי ווילן אויך טראָגן וואסער אין די שוצגראָבנס. אנטאָני האָט ניט געוואָלט. „איר זײַנט נאָך צו קליין", — האָט ער געזאָגט. האָבן ערינגאָ און ביסענטי אים געענטפערט, אז זיי וועלן דערציילן דער מאמען. האָט ער זיי צוגעזאָגט מיטנעמען.

אף מאָרגן פאַרטאָג האָט אנטאָני זיי אופגעוועקט. די מאמע איז שוין געהאט אוועק אפן זאוואָד.

— נו, קומט, נאָר פלינק, — האָט אנטאָני זיי אונטערגעײַלט.

זיי האָבן גיך ארופגעצויגן אף זיך די אויסגעריבענע פארלאטעטע הייז־לעך, פארכאפט יעדערער מיט זיך אן אויסגעגלייזטן קרוג און באַרוועסע זיך געלאָזט נאָך אנטאָנין. מיט די הינטערגעסלעך זײַנען זיי ארויס אויסער דער פאַרשטאָט און אומבאמערקט זיך דערקליבן צו א וואסערפאל, וואָס האָט גערוישט צווישן צוויי שפּיציקע פעלדזן. דאָס קאלטע שוימיקע וואסער איז מיט א געפילדער געפאלן איבער די שטיינער, פאנאנדערשפּריצנדיק ארום זיך דורכזיכטיקע טראָפּנס.

— איר זעט, דאָס שלאָגט פון די בערג, — האָט אנטאָני געזאָגט, — און דאָרט איז אפילע קיין קאַפּ וואסער ניטאָ... טרינקט זיך גוט אָן אָט דאָ, אז איר זאָלט אין וועג פון די קרוגן ניט זופן.

ערינגאָ און ביסענטי האָבן געפאָלגט אנטאָנין, אויסגעשטרעקט די קעפּ־לעך און, ווי לאָשעקלעך, געזופט דאָס פרישע, קילע וואסער, וואָס האָט גע־שלאָגן פון אונטערן בארג.

— טרינקט נאָך, — האָט אנטאָני געזאָגט, — טרינקט, וויפל איר קענט, איר זאָלט שפּעטער ניט וועלן.

זיי האָבן זיך גוט אָנגעטרונקען, נאָכדעם האָבן זיי אָנגעשעפּט פולע קרוגן, אופגעהויבן זיי אף די אקסלען, אזוי ווי אנטאָני, און זיך געלאָזט נאָך אים מיט דער קרומער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט טיף אין די בערג. אנטאָני איז געגאנגען פאָרויס, נאָך אים — ביסענטי, און צולעצט — ערינגאָ.

ס'איז נאָך געווען פרי, נאָר עס האָט שוין געבריט די זון. פון די ארומי־קע בערג האָט זיך אָלץ אָפטער דערטראָגן א שיסעריַי. ס'האָט געשמעקט מיט רויך. די ברידערלעך האָבן לאנג זיך געדרייט מיט דער שטיינערנער סטעזשקע צווישן די אָנגעשפּאָלטענע שוועראָפּהענגענדיקע פעלדזן. די קרוגן וואסער האָבן שטארק געמוליעט די אקסלען.

— לאָמיר זיך א ביסעלע אָפּרוען, — האָט געזאָגט ערינגאָ.

זיי האָבן אוועקגעשטעלט די קרוגן און זיך אויסגעזעצט ארום זיי.

— איר זעט, בא מיר איז דער קרוג פול ביזן ראנד, — האָט אנטאָני געזאָגט, — איך האָב קיין איין טראָפּן ניט פארלאָרן... ארוף־בארג דארף מען אים קאָנען טראָגן. נישקאָשע, איר וועט זיך אויסלערנען. — ער האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע ניט קיין דערייכערטן פּאפּיראָס, אָפּגע־קלאפּט מיטן נאָגל דאָס ביסל אש, ווי דער טאטע פלעגט שטענדיק טאָן, און פארייכערט.

ערינגאָ און ביסענטי האָבן געקוקט אף אנטאָנין און אים מעקאנע געווען.

— גיב מיר אויך, — האָט ניט זיכער געזאָגט ביסענטי. ער איז גע־ווען ניט אזוי דרייסט, ווי אנטאָני און דער טאטע. ער איז מער ענלעך געווען אף דער מאמען — א שטילער, אַן עטוואָס שעמעוודיקער און א דארינקער.

— דו טאָרסט נאָך ניט. ביסט ניט דערוואקסן, — האָט אנטאָני שטרענג א זאָג געטאָן.

— איך בין שוין באלד ווי דו, — האָט ביסענטי זיך אופגעשטעלט.

אנטאָני האָט אף טשיקאווע זיך א מעסט געטאָן מיט אים. ביסענטי איז טאקע געווען קימאט אזוי הויך, ווי ער. אנטאָני האָט אים געגעבן עט־לעכע מאָל א ציִ טאָן דעם פּאפּיראָס.

— גיב מיר אויך, — האָט ערינגאָ א בעט געטאָן.

— אָהאָ, — האָט אנטאָני זיך צעלאכט, — דו קענסט נאָך אָפּסמאליען די וואָנצעס.

זיי האָבן זיך געלאָזט וויַטער גיין, פארקערעוועט לינקס, אויסגעמיטן איין פעלדז, א צווייטן, א דריטן. מיטאמאָל איז אנטאָני געבליבן שטיין מיטן פולן קרוג וואסער אפן אקסל.

— איר זעט אָט יענעם, דעם הויכן, דעם סאמע העכסטן בארג? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

— און איר ווייסט, וואָס מע קאָן פון אָט יענעם, פון דעם סאמע העכסטן בארג זען?

זיי האָבן ניט געוווּסט. זיי זיַנען אף יענעם בארג נאָך קיינמאָל ניט געווען.

— ווען מע גייט ארוף אהין, אפן סאמע שפּיץ בארג, קאָן מען זען פון דאָרט דאָס סאמע שענסטע לאנד, וואָס איז פאראן אף גאָר דער וועלט, — האָט אנטאָני געזאָגט.

ביסענטי און ערינגאָ האָבן זייער געוואָלט זען דאָס סאמע שענסטע לאנד אף דער וועלט. זיי האָבן געוואָלט פארקערעווען אהין, ארוף־בארג,

נאָר אַנטאָני האָט געזאָגט, אַז איצט, ווען זיי טראָגן קרוגן וואַסער אין די שוצגראָבנס, איז ניט די צײַט פֿאַר דעם.

דעמלט האָבן זיי געבעטן אַנטאָנין, אַז ער זאָל זיי דערציילן.

— פֿון דאָרט קאָן מען זען דאָס לעני־לאַנד, — האָט אַנטאָני געזאָגט. — ס׳איז דאָס סאַמע גרעסטע לאַנד פֿון אַלע לענדער. עס איז אַרומגערינגלט מיט די גרעסטע יאַמען און אָקעאַנען. דאָרט איז זייער אַ גרויסע זון, אַלע מענטשן זײַנען דאָרט גלײַך. אַלע האָבן ברויט, און אַלע קינדער לערנען זיך דאָרט אין די שולן.

ביסענטי און ערינגאָ האָבן געהערט אַנטאָנין און פֿאַמעלעך געשפּאַנט מיט די קרוגן וואַסער אויף די אַקסלען. די שיסערײַ האָט זיך דערטראָגן גאָר נאָענט. ניט ווײַט זײַנען שוין געווען די שוצגראָבנס. לעבן אַ פֿעלדז איז געלעגן אַ פֿאַרוווּנדעטער. זיי האָבן אים דערקענט. ס׳איז געווען זייער שאָכן ערענאָ מאַנוריס, זיי האָבן אים געגעבן וואַסער. ער האָט דאָרשטיק געטרונקען און איז געקומען צו־זיך. נאָכדעם האָבן זיי אים געהאָלפֿן אַרומוואַשן די וווּנד אויפֿן פֿוס, גענומען בײַ אים דעם פּאַקעט, גוט אַרומגעבונדן, און ער איז אַוועקגעהונקען צו די שוצגראָבנס.

די שוצגראָבנס זײַנען געווען צעוואָרפֿן אין אַלע זײַטן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען הארמאַטן, קוילנוואַרפֿערס. ווען די רעפּובליקאַנער האָבן באַמערקט די קינדער, זײַנען עטלעכע מיט אַ פֿרייד אַרויסגעלאָפֿן זיי אַנטקעגן, די שלאַכטלײַט זײַנען געווען דאָרשטיק.

אין די שוצגראָבנס האָבן זיך געוואַלגערט שוין אויסגעשאָסענע פּוסטע הילזעס. ביסענטי האָט אָנגעקליבן אַ פֿולע קעשענע. ערינגאָ האָט אָנגעשטאָפּט ביידע קעשענעס, און ס׳איז נאָך אים געווען ווייניק. נאָר אַנטאָני האָט ניט געקליבן. פֿאַר אים איז עס שוין ניט געווען קיין נײַס. ווען דאָס פֿײַער איז אײַנגעשטילט געוואָרן, האָבן די רעפּובליקאַנער פֿאָרזיכטיק אַרויסבאַגלייט די קינדער. אויף צוריק זײַנען זיי לײַכט געלאָפֿן מיט די פּוסטע קרוגן אין די הענט, געשפּרונגען איבער די שטיינער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צווישן די פֿעלדזן, זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע און ניט געקאָנט כאַפּן אַנטאָנין.

אַזוי האָבן זיי געטראָגן וואַסער אין די שוצגראָבנס עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד. די מאַמע זייערע האָט וועגן דעם ניט געוווּסט. איינמאָל האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים זייער שפּעט.

— ווו זײַנט איר געווען? — האָט די מאַמע, אַ באַמרויִקטע, געפֿרעגט.

זיי האָבן איר דערציילט. זי האָט זיך ניט געבייזערט, ניט געשריִען אויף זיי. זי האָט נאָר שטיל, מיט טרערן אין די אויגן, געבעטן אַנטאָנין, ער זאָל זײַן פֿאָרזיכטיק. זי האָט זיי געגעבן ריינע, פֿריש אויסגעוואַשענע העמדלעך, אַנטאָנין — אַ ווײַס, ביסענטין און ערינגאָן — אין גרינע קווייטעלעך.

— ווער ווייסט, וואָס מיטן טאַטן איז, שוין וויפֿל צײַט, ווי קיין שום ידיעה איז ניטאָ פֿון אים, — האָט די מאַמע פֿאַרזאָרגט זיך אָנגערופֿן, — זע, היט זיך, אַנטאָני, היט די ברידערלעך...

אַנטאָני האָט צוגעזאָגט זײַן פֿאָרזיכטיק, און ער מיט ביסענטין און ערינגאָן האָבן ווידער געטראָגן וואַסער. די שיסערײַ אין די בערג איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן שטאַרקער. די שויבן פֿון זייער קליינעם ליימענעם

שטיבל האָבן ניט אופגעהערט צו ציטערן. באַנאַכט האָבן זיי, צוטוליענדיק זיך איינס צום אַנדערן, אַרויסגעקוקט דורך דעם פענצטערל, געזען, ווי אַף די בערג פלאַקערן אויף פײַערן, ווי שײַטערס וואַלטן דאָרט געברענט. זיי האָבן געציטערט, די פאַשיסטן זאָלן ניט פאַרכאַפּן דעם סאַמע העכסטן באַרג — וויאַזוי וועלן זיי דעמלט קענען זען דאָס שענסטע לאַנד אין גאַר דער וועלט?

נאָר די רעפּובליקאַנער האָבן זיך געהאַלטן פעסט און די פאַשיסטן ניט צוגעלאָזט.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען די קינדער האָבן זיך אומגעקערט פון די שוצגראָבנס, געגאַנגען מיט די פּוסטע קרוגן צווישן די פעלדזן, האָט ערינגאָ זיך פאַרקוקט אַפן באַרג.

— אַנטאָני, — האָט ער געזאָגט, — דערצייל אונדז נאָכאַמאָל וועגן יענעם לאַנד.

— מיר קענען איצט אַרויף אַהין, — האָט אַנטאָני געענטפערט, — איצט איז שטיל, מע הערט ניט שיסן... קומט, וועט איר אַליין אַלץ זען...

אַנטאָני האָט פאַרקערעוועט מיט דער געדרייטער סטעזשקע אַף אַרויף, ערינגאָ און ביסענטי זײַנען אים נאָכגעגאַנגען. דער באַרג איז געווען הויך, זייער הויך. זיי זײַנען לאַנג געגאַנגען, זיך עטלעכע מאָל אָפּגערוט און ווידער געגאַנגען, געקלעטערט אַלץ העכער און העכער. ווען זיי זײַנען שוין געווען גאָר הויך, האָט זיך אופגעהויבן אַ שיסערײַ.

ביסענטי איז געבליבן שטיין.

— האָסט זיך דערשראָקן, עך, דו! — האָט אַנטאָני בייזלעך אַף אים אַ קוק געטאָן.

— איך האָב זיך ניט דערשראָקן. איך האָב זיך פאַרשטאָכן דעם פוס, — האָט ביסענטי זיך פאַרענטפערט, און זיי זײַנען אַוועק ווײַטער.

זיי זײַנען געווען שוין קימאַט אַפן סאַמע שפּיץ באַרג און דערזען, ווי איבער דער פאַרשטאָט, וואָס לעבן בילבאַאָ, האָבן ווי אַ סטײַע קראָען זיך אָנגעטראָגן שוואַרצע עראָפּלאַנען און די פאַרשטאָט האָט באַלד אָנגעהויבן פלאַקערן.

— וואָס טוען זיי? — האָט ביסענטי אָנגעכאַפּט אַנטאָנין פאַר דער האַנט.

— זיי וואַרפן באָמבעס. זיי צינדן אונטער בילבאַאָ, ווי זיי האָבן אונטערגעצונדן טעסטאַאָ.

— פאַרוואָס טוען זיי דאָס? — האָט ערינגאָ מיט צאָרן אַרויסגעשריִען.

— ווײַל זיי זײַנען שלעכטע מענטשן, פאַשיסטן, כײַעס, — האָט אַנטאָני אָנגעכמורעט געענטפערט.

ווען די עראָפּלאַנען זײַנען פאַרשוווּנדן און ס'איז געוואָרן שטיל, זײַנען די קינדער נאָך אַ ווײַל געשטאַנען און מיט פאַרטרערטע אויגן געקוקט אַפן געדיכטן רויך, וואָס האָט זיך געקנוילט איבער דער פאַרשטאָט, און נאָכדעם האָט ערינגאָ זיך אומגעקוקט אַף אַנטאָנין.

— מיר זײַנען דאָך שוין אַפן סאַמע שפּיץ באַרג, איז וווּ איז עס, דאָס שענסטע לאַנד? — האָט ער געפרעגט.

אַנטאָני האָט זיך אופגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער, זיך אַרומגעקוקט מיט די דאָרשטיקע אויגן אין אַלע זײַטן, נאָכדעם זיך אָנגערופן:

— דאָס שענסטע לאַנד אויף גאָר דער וועלט געפינט זיך ערגעץ דאָרטן, ווײַט, ווײַט... איצט זעט מען עס ניט, ווײַל דער רויך פאַרשטעלט, דער רויך, וואָס די פאַשיסטן האָבן אויפגעהויבן.

— דאָס טוען זיי אומיסטן, — האָט ביסענטי מיט פאַרדראָס געזאָגט, — בעקיוון טוען זיי דאָס, אַז מיר זאָלן ניט זען דאָס שענסטע לאַנד.

— אָט איינגיכן וועלן מיר פאַרטרײַבן די פאַשיסטן, — האָט אַנטאָני פאַרזיכערט, — וועט זיך צעגיין דער רויך, און מיר וועלן דעמלט אַלץ קאָנען זען.

די ברידערלעך האָבן זיך פאַרעדט און ניט באַמערקט, ווי די שוואַרצע עראָפּלאַנען האָבן זיך פאַרנומען אַהער. זיי האָבן זיך גיך אָנגעטראָגן און אָנגעהויבן וואַרפן באָמבעס איבער די בערג.

— באַהאַלט זיך, — האָט אַנטאָני אויסגעשריִען צו ביסענטין און עריגאָן, — לייגט זיך צווישן די שטיינער!

זיי האָבן זיך אויסגעצויגן צווישן די אָנגעוואַלגערטע גרויסע שטיינער, זיך צוגעטוליעט צו זיי.

— האָט ניט מוירע, — האָט אַנטאָני באַרויִקט די ברידערלעך, — זיי האָבן אונדז ניט געזען.

— און טאָמער וועלן זיי זיך דאָ אַראָפּלאָזן? — האָט ביסענטי געפרעגט.

— אויף אַ שפּיץ באַרג קאָן זיך אַראָפּלאָזן נאָר אַן אָדלער, — האָט אַנטאָני געענטפערט.

ווען ס'איז צוריק געוואָרן שטיל, זײַנען די קינדער אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן און גענומען זיך אַראָפּלאָזן פונעם באַרג. איין עראָפּלאַן האָט זיך פּלוצלינג אומגעקערט, און אין דער הייך, איבער זיי, האָט זיך אויפגעריסן אַ באָמבע.

— צוריק אין דער באַהעלטעניש! — האָט אַנטאָני אויסגעשריִען. זיי האָבן פלינק זיך אויסגעצויגן לעבן די דערבײַיִקע שטיינער.

ליגנדיק דאָרטן, האָבן זיי דערזען, ווי אַ רעפּובליקאַנער, וועלכער האָט זיך געפונען עטוואָס נידעריקער פון זיי, האָט אויסגעשאָסן אין אַעראָפּלאַן און איז אַליין, ווי אַן אונטערגעשניטענער, אומגעפאַלן.

— מע האָט אים פאַרוווּנדעט, — האָט אַנטאָני זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, — מע דאַרף אים געבן הילף. איך לויף. איר זײַט דערווײַל דאָ.

— גיי איצט ניט, — האָט ביסענטי אים געבעטן, — מע וועט דיך הארגענען.

— איך האָב ניט מוירע. מיך וועלן זיי ניט הארגענען, — ער האָט אַליין, ניט ווייסנדיק צוליב וואָס, אַ כאַפּ געטאָן דעם ליידיקן קרוג און זיך געלאָזט לויפן. אַנטאָני האָט ניט באַוויזן אָפּלויפן קיין צען שפּאַן, ווי ס'האָט אים געטראָפן אין האַרצן אַ שפּליטער, און ער איז מיטן קרוג אומגעפאַלן אויף די שטיינער. דער קרוג האָט זיך צעבראָכן אויף שטיקלעך.

ביסענטי און עריגאָ זײַנען צוגעלאָפן צו אים. אַנטאָני איז געלעגן מיט אַ האַלב־אָפן מויל, ווי ער זאָל וועלן עפּעס זאָגן. אַ ריטשקע בלוט האָט באַפאַרבט דאָס ווײַסע העמדל, וואָס די מאַמע האָט געהאַט אויסגעוואַשן. אָנשטרענגענדיק זיך, האָט ער מיט די לעצטע קויכעס זיך עטוואָס אויפגעהויבן און פאַרשטיקט זיך אָנגערופן:

— ביסענטי, לויף צום פּאַרוואונדעטן, העלף אים...

מער האָט ער גאָרנישט ניט באַוויזן צו זאָגן. ער איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך.

ביסענטי האָט זיך געלאָזט לויפן, ערינגאַ איז געבליבן זיצן לעבן אַנטאַניַן. ער האָט געקוקט מיט פאַרווייַנטע אויגן אַף זײַן ברודערל, וואָס וועט שוין מער מיט זיי ניט טראָגן קיין וואַסער אין די שוצגראָבנס און וועט שוין ניט אָנקוקן דאָס שענסטע לאַנד אַף דער וועלט, וואָס ער האָט אַזוי געוואָלט זען, און זײַנע טרערן זײַנען געפאַלן אַף אַנטאָניס באָרוועסע פיס...

פאַרנאַכט האָט מען געבראַכט אַנטאָנין צו קוורע. אַפן באַרג האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די רעפּובליקאַנער שלאַכטלײַט פון די שוצגראָבנס, וווהין אַנטאָני פלעגט טראָגן וואַסער. ס׳איז געווען די מאַמע, ביסענטי און ערינגאַ. דאָרט, אַפן באַרג, האָט מען אין די שטיינער אויסגעהאַקט אַ קייווער. מע האָט זיך שטיל געזעגנט מיטן העלדישן ייִנגעלע. נאָכדעם האָבן די רעפּובליקאַנער עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אינדערלופטן און געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל”. די מאַמע האָט צונויפגעקליבן די שערבלעך פונעם צעבראָכענעם קרוג און זיי אַוועקגעטראָגן מיט זיך. זי האָט ווײַטער געאַרבעט אַפן מיליטער־זאַוואָד. דער טאַטע איז געווען ערגעץ אַפן פראָנט און מע האָט פון אים גאָרנישט ניט געהערט. ביסענטי איז אין אַ קורצער צײַט אַרום אויך אַוועק צו די רעפּובליקאַנער, העלפן שלאָגן די פאַשיסטן. און ערינגאַ, דער סאַמע ייִנגסטער, פלעגט פאַרברענגען גאַנצענע טעג אַליין אין דעם האַלב־אײַנגעפאַלענעם ליימיקן שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער צערויִנירטער פאָרשטאָט לעבן בילבאַאָ. די ערד האָט אַרום־און־אַרום געציטערט, די פאַשיסטן האָבן געוואָרפן באָמבעס, אָנגעגרײַפט. מע האָט אָנגעהויבן עוואַקויִרן די קינדער. עס זײַנען אָפּגעגאַנגען פאַרשיידענע שיפן. ערינגאָן האָט מען אַוועקגעזעצט אַף דער שיף „לענין”. באַם געזעגענען זיך איז געווען נאָר די מאַמע. זי האָט זיך צעקושט מיט אים און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל דאָרטן, אינעם פרײַען לאַנד, אויסערוואַקסן און זיך אומקערן נאָכדעם קעמפן פאַר אַ גליקלעך לעבן אין שפּאַניע...

דאָס אַלץ האָט מיר דערציילט דאָס שוואַרץ־אויגיקע ייִנגעלע מיטן נאָמען ערינגאָ פון דער פאָרשטאָט לעבן בילבאַאָ. ער האָט מיר אויך געוויזן אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון זײַן ברודער ביסענטי פונעם אַראַגאָנער פראָנט. ער שרײַבט, אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער טאַטע זיצט פאַרשפאַרט בײַ די פאַשיסטן אין סען־סעבאַסטיאַנער פעסטונג. די מאַמע ווייסט ער ניט, וווּ זי איז. ער האָט זיך אויסגעלערנט גוט שיסן, ווײַל וואָס גיכער פאַרטרײַבן די פאַשיסטן, באַפרײַען דעם טאַטן, אָפּזוכן די מאַמע און אַוועקשטעלן אַ דענקמאָל אַפן באַרג, וווּ ס׳ליגט זייער עלטער ברודערל אַנטאָני...

עסטער

זי האָט גלענצנדיק געשפּילט פּיאַנע. מיט איר שפּילן פּלעגט זי אים פּאַשעט פּאַרקישעפן, און אויך מיט איר געלעכטער. ער האָט נאָך ניט געהערט, אַז אַן אַנדער מיידל זאָל אַזוי מעכטײַעדיק לאַכן. איר איז געגאַנגען דאָס נײַנצנטע יאָר. זי איז געווען וווּקסיק און שלאַנק. ער איז געווען זיכער, אַז יעדער, ווער ס'האָט זי געזען כאָטש איין מאָל, ווער ס'האָט זי געהערט ריידן, ווער ס'האָט זיך באַגעגנט מיט אירע קלוגע און פרייילעכע אויגן, האָט זיך געקאָנט פאַרליבן אין איר.

עסטער האָט זיך געלערנט אין קאָנסערוואַטאָריע, ער — אין אַרכיטעקטור־אינסטיטוט. ער איז געווען אַף דרײַ יאָר עלטער פון איר, געשטאַמט פון אַ פּאָדאָליער שטעטל, זי — פון וואָלין. זי האָט אין שטאָט פאַרנומען אַ געמיטלעך צימערל אַפן ערשטן שטאָק פון אַ גרויסן פּירשטאָקיקן מויער.

יעדן ערעוו אַרויסגאַנג־טאָג, שאַבעס אין אָוונט, פלעגט ער קומען צו איר צוגאַסט, אין איר קלאָרן, ריין־צוגעקליבענעם צימער. זי פלעגט שוין דערקענען זײַנע טריט און אים אַרויסלויפן אַנטקעגן, ברייט פאַנאַנדערעפענענדיק די טיר.

— ליאָווע... איך האָב אָקאָרשט געטראַכט וועגן דיר...

וואָס האָט זי געקאָנט טראַכטן? ער האָט ניט געפרעגט. ס'איז אים גענוג געווען, וואָס זי האָט געטראַכט, מער האָט ער זיך אַפילע ניט געווונטשן.

הײַנט איז עסטער געווען באַזונדערס אופגעלייגט. ער האָט עס דערקענט גלײַך אָן אירע פינקלענדיק־שוואַרצע אויגן.

— ליאָווע, איך האָב אַ סיורפּריז...

— אַ סיורפּריז?.. — אין קאָפּ זײַנען אים געקומען קאָלערליי גליקלעכע געדאַנקען.

— איך האָב אָנגעשריבן אַ סיוויטע... פון מײַן קינדהײַט... ווילסט הערן? אַ פראַגע, צי ער וויל הערן.

ער האָט זיך געזעצט באַם אָפענעם פענצטער. זי — באַ דער פּיאַנע. אירע לענגלעכע פינגער האָבן לײַכט און ענערגיש אַ שוועב געטאָן איבער די קלאַווישן. האַרציקע קלאַנגען האָבן פאַרפולט דעם צימער. זיי זײַנען אָנגעקומען פון ערגעץ ווײַט־ווײַט. ער האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך זײַן היים אַף פּאָדאָליע. עס גייט אוף די זון פאַרטאָג, און עס הערט זיך דאָס רוישן פונעם טײַכל באַ דער וואַסער־מיל. פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ

טראכקעז פון דאָרפישע פורן. עס עפענען זיך די טירן פון די וואַרשטאַטן, און עס הילכט פון דאָרט א באַקאַנטער מאָטיוו. איבער דער גאַס דערטראָגט זיך דאָס האַמער־געקלאַנג פון די קוזניעס. ערגעץ וויגט איַין א מאַמע איר קינד. זייַן מאַמע פלעגט דאָס זינגען... און אָט רייַסט זיך אַריַין א פריילעכע יוגנט־ליד, וואָס קומט פון גליק...

די קלאַנגען זייַנען געוואָרן אַלץ ברויזנדיקער און זיך געטראָגן דורכן אָפענעם פענצטער אין דרויסן אַרויס. הינטערן פענצטער האָט געבליט די אַקאַציע. ערגעץ האָט גערוישט די שטאָט. א גרויסע שטאָט אין צוויט.

— עסטער! — האָט ער אויסגערופן, ווען זי האָט געענדיקט שפּילן.

— וואָס?

זי האָט זיך אופגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו אים. זיי זייַנען ביידע געבליבן שטיין באַם אָפענעם פענצטער. ער האָט איר געהאַט א סאַך וואָס צו זאָגן, נאָר אים איז גענוג געווען שטיין לעם איר, קוקן אויף איר, אָנרופן זי באַם נאָמען.

— עסטער...

זי האָט אים געקוקט גלייַך אין די אויגן, ווי זי וואָלט געוואָרט, וואָס וועט ער איר זאָגן.

— האָסט מעכייַעדיק געשפּילט, — האָט ער זיך אָנגערופן.

נאָר ווי זאָגט מען איר, אַז ער וויל זיך מיט איר מער קיינמאָל ניט צעשיידן?!

— ליאָווע, אין א פּאָר כאַדאָשים אַרום פאַרענדיקסטו שוין דעם אינסטי־טוט, — האָט עסטער מיטאַמאָל פריילעך אַרויסגערעדט.

— און אין א יאָר אַרום פאַרענדיקסטו די קאָנסערוואַטאָריע.

— דו וועסט בויען פּאַלאַצן, שולן, — האָט זי עטוואָס פאַרטרוימט גע־זאָגט.

— און דו וועסט די פּאַלאַצן, די שולן פאַרפולן מיט קלאַנגען, מיט מוזיק...

זיי זייַנען געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער אַנטקעגן דער בליִענדיקער אַקאַציע און געטרוימט וועגן זייער צוקונפט. זיי האָבן געפילט, אַז די גאַנ־צע וועלט איז פאַר זיי אָפן, א גרויסע, א ליכטיקע וועלט, פול מיט זון, מיט מוזיק, מיט גליק.

...אויף מאָרגן האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע. פאַרטאָג האָבן זיך שוין געריסן באָמבעס איבער דער שטאָט. דעם זעלבן טאָג איז ער שוין געווען אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט. אָפן וועג צום זאַמלפונקט האָט ער פאַרקערע־וועט צו עסטערן. ער איז געגאַנגען גיך. אין זייַן רעשוס איז געווען גאָר וויייניק צייַט. נאָר ער מוז זי זען. ער האָט איר איצט געדאַרפט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער האָט איר ניט געוואַגט זאָגן באַ אַלע זייערע פריִערדיקע באַגעגענישן. דאַפקע איצט, ווען איבער דער שטאָט האָבן זיך געריסן באָמבעס, האָט ער איר געמוזט עס זאָגן... ער האָט אָבער עסטערן ניט גע־טראָפן אין דער היים. מעגלעך, אַז זי האָט אין די מינוטן געזוכט אים ערגעץ אין שטאָט. דאָס פענצטער איז געווען פאַרמאַכט, דאָס פאָרהענגל — אַראָפּ־געלאָזט. די אַקאַציע איז, ווי נעכטן, געווען אין פולער בליִונג. די שטאָט האָט נאָך מער גערוישט. די צייַט איז געגאַנגען. ער האָט זי געמוזט זען,

עסטערן. כאָטש איין רעגע זען זי, זאָגן איר בלויז איין וואָרט. נאָר ער האָט ניט געטאָרט פאַרשפּעטיקן. איז ער אוועק. אוועק, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף איר.

אין עטלעכע שאָ ארום איז ער שוין געפאָרן מיטן עשעלאָן.

פון פראָנט האָט ער אוועקגעשיקט עסטערן א בריוו. ס׳האָט אים באומ־רויִקט, וואָס זי איז פאַרבליבן אין דער שטאָט, ניט ווײַט פון דער גרענעץ. ער האָט איר אָנגעשריבן דעם נומער פון זײַן פעלד־פּאָסט און געוואַרט אַף אַן ענטפער.

אַן ענטפער האָט געקאָנט אָנקומען ערשט אין א פּאָר וואָכן ארום. נאָר ווען עס איז אוועק עטלעכע טעג, האָט מען אים אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער טייל, אַף אַן אַנדער אָרט, אין אוויִאַציע. מעגלעך, אַז זי האָט אים באַלד געענטפערט. נאָר איר בריוו האָט ער שוין ניט באַקומען. ער האָט גע־שריבן פון זײַן נײַער טייל, אָנגעוויזן זײַן צווייטן אַדרעס, נאָר אין יענע טעג האָט די אַרמיי שוין פאַרלאָזט די גרענעץ־שטאָט. אין דער שטאָט, ווו יעדער גאַס, יעדער ווינקל איז אים געווען אַזוי טײַער, האָבן איצט אַרומ־געטאָפּטשעט די פאַשיסטן. און וואָס איז מיט עסטערן? צי האָט זי באַוויזן אוועק פון שטאָט, אָדער זי איז פאַרבליבן דאָרטן?.. און אויב זי איז אוועק, איז וווהין?.. פריִער האָט ער געלעבט מיט דער האָפענונג באַקומען פון איר בריוו, איצט האָט ער די דאָזיקע האָפענונג אויך ניט געהאַט.

אין זעקס כאָדאָשים ארום איז ליאָווע שוין געווען א פליִער פון דער באָמבאַרדיר־אוויִאַציע. ס׳איז אים אויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל באָמבאַר־דירן די קאָמוניקאַציעס ווײַט אינעם סוינעס הינטערלאַנד. פאַרן ארויספליִ האָט ער ארויסגעשלעפּט א בייגעלע פּאַפּיר פון פּלאַנשעט און זיך גענומען שרײַבן א בריוו.

„אָט באַלד פלי איך ארויס אין שלאַכט, — האָט ער געשריבן. — ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען, ווער ווייסט... נאָר איך בין א סאָלדאַט און טראַכט וועגן לעבן. איצט פאַרשטייען מיר ערשט, ווי גליקלעך מיר האָבן געלעבט. דערמאָן זיך... דערמאָן זיך...״

מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין. ער שרײַבט דעם בריוו צו עסטערן, נאָר ווו איז זי?.. וווהין וועט ער אים שיקן?..

איבערן אַעראָדראָם האָט זיך צעטראָגן א סיגנאַל. ער האָט פאַרוקט דעם ניט־פאַרענדיקטן בריוו אין קעשענע. אין עטלעכע מינוט ארום איז ער שוין געווען מיט דער מאַשין אינדערלופטן...

בייַסן צוויי־און־צוואַנציקסטן ארויספליִ איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן — א שפּליטער האָט אים געטראָפן אין דער רעכטער האַנט, העכער דעם עלנ־בויגן. מע האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל קיין קויבישעוו.

די וווּנד איז געווען געפערלעכער, ווי ער האָט געמיינט. דרײַ מאָל האָט מען אים אָפּערירט די האַנט.

ווען דאָס געזונט האָט זיך פאַרבעסערט, פלעגט ער אָפּט זיך אָפּבעטן אין שטאָט. ער פלעגט גיין איבער די גאַסן און זיך אײַנקוקן אין יעדן פאַרבײַגייער מיט דער האָפענונג, עפּשער וועט ער דאָ אָט אַזוי, צופעליק, באַגעגענען עסטערן... צי דען איז עס ניט מעגלעך? דאָ זײַנען געווען זייער א סאַך עוואַקויִרטע. נאָר עסטערן האָט ער ניט באַגעגנט. בײַ אים איז גע־

וואַרן א געוווינהייט — מיט וועמען ער האָט זיך ניט באַגעגנט, האָט ער זיך דערפרעגט, עפשער האָט מען צופעליק עפּעס געהערט פון איר.

— עסטער אראַנסאָן? מע וועט זיך פּרוּוון דערוויסן.

ער האָט איבערגעלאָזט דעם נומער פון זײַן פעלד־פּאָסט, ווײַל גאָר אײַנגיכן איז אים פאָרגעשטאַנען זיך אומקערן אין טייל.

די ערשטע כאַדאָשים האָט מען אים אין טייל ניט דערלויבט פליִען צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס — ער האָט זיך אַרויסגעריסן פאַר דער צײַט אַפן פראָנט, ווען די פאַרוווּנדעטע האַנט האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן פאַרהיילט. ער איז געפלויגן אַף אַן "У-2", פאַרבונדן דעם שטאַב פון אַרמיי מיטן פראָנט. ער האָט זיך געפילט, ווי א שווימער, וועלכער שטייט לעם סאַמע יאַם און מע פאַרווערט אים שווימען, נאָר ער האָט געוווּסט, אז ס'איז צײַטווײַליק. אײַנגיכן וועט ער זיך איבערזעצן אַפן באָמבאַרדירער. דערווײַל האָט ער פּינקטלעך אויסגעפילט זײַן נײַע אופגאַבע. ער איז געפלויגן פון שטאַב אין צענטער מיט וויכטיקע אופטראַגן.

פון עסטערן האָט ער גאָרנישט ניט געהערט. פליִענדיק איבער פאַרשײַדענע שטעט, האָט ער געטראַכט: ס'איז דאָך זייער מעגלעך, אז זי איז דאָ, אָט אין דער שטאָט, איבער וועלכער ער פליט איצט. עפשער פּונקט איצט שפּאַצירט זי איבער א גאַס, זעט דעם אַעראָפּלאַן און ווייסט ניט, אז דאָס פליט ער, ליאָווע... ער פלעגט אַראָפּקוקן פון דער הייך, ווי ער וואָלט זי געזוכט איבער די גאַסן און געסלעך. עפשער איז זי פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער?.. ווען ער פלעגט, פליִענדיק, זען, ווי אונטן יאָגט א צוג, האָט ער אַן אומרויִקער געטראַכט: עפשער שטייט זי איצט, עסטער, אין איינעם פון די וואַגאָנעס בא א פענצטער און באַלד וועט זי, צוזאַמען מיטן צוג, פאַרשווינדן ערגעץ ווײַט?..

אײַנגיכן האָט מען אים אַריבערגעפירט צוריק אין דער באָמבאַרדירער־עסקאַדריליע. ביז דער מילכאָמע האָט ער לײַדנשאַפטלעך געטרוימט בויען הייזער, פּאַלאַצן, שטעט... איצט האָט ער לײַדנשאַפטלעך באָמבאַרדירט דעם סוינעס בריקן, סקלאַדן, זאַוואָדן... ער האָט געהאַט א גרויסן כעזשבן מיט די פאַשיסטן און זיך אַרויסגערופן אַף די סאַמע געפערלעכסטע אָפּעראַציעס. מע האָט וועגן אים געשריבן אין די צײַטונגען, און וועגן זײַנע העלדנטאַטן האָט זיך גערעדט אין די באַפעלן פון דער קאָמאַנדשאַפט.

אין לעבן טרעפן מאָדנע צופאַלן. פּונקט אין דרײַ יאָר אַרום, זינט ער האָט זיך דאָס לעצטע מאָל געזען מיט עסטערן, האָט די סאָוועטישע אַרמיי באַפרײַט די גרענעץ־שטאָט. דאָס איז געווען איינער פון זײַנע גליקלעכסטע טעג. ער איז געווען פול מיט דערמאָנונג וועגן דער שטאָט, וועגן זײַנע כאַווײרים, מיט וועלכע ער האָט זיך דאָרט צעשיידט. ער האָט געזוכט אין די צײַטונגען יעדיִעס וועגן דער אָקאָרשט באַפרײַטער שטאָט און אומגעגנט. עפשער וועט ער זיך אויך עפּעס דערוויסן וועגן עסטערן? עפשער איז זי דאָרט? כאָטש ס'איז געווען שווער צו גלייבן. ער האָט פאַר די פאַרגאַנגענע דרײַ יאָר עטלעכע מאָל געמאַכט אָנפראַגעס אין בוגורוסלאַן, ווו עס זײַנען רעגיסטרירט אַלע עוואַקויִרטע, בא זיי זײַנען געווען אין די צעטלען א סאַך עוואַקויִרטע עסטערס און א סאַך אַראַנסאָנס, עלטערע און יינגערע, אָבער ניט די עסטער, וועלכע ער האָט געזוכט.

איצט האָט ער באַשטימט יעדנפאַלס אָנשרײַבן איר א בריוו אַף דעם ביזמילכאָמעדיקן אַדרעס אירן. ער האָט איר דערוויַיל געשריבן עטלעכע ווערטער: „איך וואַרט בלויז אַף איין וואָרט — אַז דו לעבסט".

ס'איז דורך א היפּשע צײַט, און קיין ענטפער איז ניט אָנגעקומען. ליאָווע האָט עס שווער איבערגעלעבט. זײַנע פרײַנט, די פליִער, האָבן אים געייצעט אָנשרײַבן א בריוו צו די שכיינים פון דעם הויז, וווּ עסטער האָט געוווינט. עמעצער איז דאָך געוויס דאָרט פאַרבליבן, עפשער ווייסן זיי, וואָס איז געשען מיט עסטערן.

ער האָט געפאָלגט. איצט האָט שוין זיכער געדאַרפט אָנקומען אַן ענטפער. אַף די פראָנטן זײַנען דעמלט געגאַנגען הייסע שלאַכטן. דאָס לאַנד איז געשטאַנען בא די ראַדיאָ־רופּאָרן. די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט שטאָט נאָך שטאָט. מענטשן זײַנען דאָרט אַרויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן, פון די קעלערס, פון די בוידעמער, מע האָט זיך צוריקגעצויגן פון די וועלדער. עפשער האָט צווישן די אויסגעבלייכטע, אויסגעמאַטערטע מענטשן זיך געפונען אויך די, וועלכע ער האָט אַזוי אומגעריכט פאַרלוירן?..

אין איינער א שטורעמדיקער נאַכט איז ער אַרײַנגעפאַלן אין א דורכווירבל פון פײַער. אַרום אַעראָפּלאַן האָבן פון אַלע זײַטן זיך געריסן סנאַריאַדן. ער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. ס'האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן, און אַף איין רעגע האָט ער א טראַכט געטאָן, אַז אויס, שוין אַלץ פאַרפאַלן... נאָר ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע קויכעס און זיך דורכגעריסן דורכן פײַער. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן אַלע באָמבעס אַף די אָנגעמערקטע אָביעקטן און, אָפּגייענדיק מיט בלוט, זיך אומגעקערט מיטן צעשעדיקטן אַעראָפּלאַן אַפן אייגענעם אַעראָדראָם.

מע האָט אים ווידער אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

פון שטאַב האָט מען אים געקלונגען. מע האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף זײַן געזונט און אים באַגריסט. ער איז באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן. ס'איז שוין געווען דער פערטער אָרדען. זײַנע שלאַכט־כאַווײרים האָבן אים געשיקט באַגריסונגען. ער האָט אויך באַקומען א בריוו. ס'איז געווען זײַן אייגענער בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו עסטערס שכיינים. אַפן קאָנווערט איז מיט א רויטן בלײַפעדער געווען אָנגעשריבן: „אַזויווי דער אַדרעסאַט איז נישטאָ, ווערט דער בריוו צוריקגעשיקט".

ליאָווע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס באַטײַט עס. וואָס הייסט—דער אַדרעסאַט איז נישטאָ? צי דען איז דאָרטן קיינער פון די שכיינים ניט פאַרבליבן?

ווען ליאָוועס געזונט האָט זיך פאַרבעסערט, האָט מען אים געגעבן צוויי וואָכן אורלויב. ער האָט באַשטימט צופאָרן אין דער באַפרײַטער גרענעץ־שטאָט. דאָרט, אַפן אָרט, וועט ער זיך שוין אַלץ דערוויסן.

דער צוג איז אָנגעקומען באַנאַכט. ס'האָט געבלאָזן א שטאַרקער ווינט. אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ איז געווען פינצטער. וווּהין וועט ער איצט גיין אינמיטן דער נאַכט? עפשער צוּוואַרטן דאָ ביז אינדערפרי? דאָך האָט ער פאַרוואָרפן דאָס רוקזעקל איבערן אַקסל און איז אַוועק. ער איז גיך געגאַנגען איבער דער פינצטערער שטאָט, ווי דער ווינט וואָלט אים געטריבן. גייענדיק, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער וועט באַלד דערזען דעם באַ־

קאנטן פירשטאָקיקן מויער, ער וועט אַרײַן אין הויף. דאָרט אפֿן ערשטן שטאָק איז איר צימערל. ער וועט אָנקלאַפּן אין פֿענצטער, ס׳וועט זיך אָנצינדן שײַן, און ער וועט דערהערן עסטערס שטים...

אָט איז שוין דער ראָג. מיטאַמאָל איז דאָס האַרץ בא אים ווי פֿאַרגליװערט געוואָרן. דער פֿירגאָרנדיקער מויער, ווו ס׳האָט אפֿן ערשטן שטאָק זיך געפֿונען עסטערס צימערל, איז געווען אינגאַנצן צעשמעטערט. רוּינירט זײַנען געווען אויך די אַרומיקע הײַזער. אַ קוואַרטאַל פֿון אײַנגעוואַלגערטע ווענט, הענגענדיקע, צעדרייטע לייטערס, שטאַרצנדיקע קוימענס... ס׳האָט דאָרט גרויזאַם געבלאָזן און געפּײַפֿט דער ווינט, קלינגענדיק אין די פֿאַרזשאַווערטע בלעכן. ליאָווע האָט אַריבערגעקלעטערט איבער די ברוכשטיינער און איז אַרײַן אינעם כאָרעווון הויף. ער האָט אָפּגעזוכט דאָס אָרט, ווו ס׳איז געווען איר צימערל. דאָרט זײַנען געלעגן בלויז שטיינער. גאָרנישט האָט זיך ניט פֿאַרהיט. און נאָר אַנטקעגן האָט זיך געוויגט פֿונעם ווינט דער איינציקער אַקאַציע־בוים...

ער האָט געזען פֿיל רוּינירטע שטעט און כאָרעווע מויערן. נאָר אַז אָט דער פֿירשטאָקיקער מויער זאָל כאָרעוו ווערן, האָט ער זיך אינגאַנצן ניט געריכט. איצט האָט ער פֿאַרשטאַנען, וואָס ס׳האָט באַטײַט דער צוריק באַקומענער בריוו. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף די שטיינער און ביז ווייטעק בוילעט זיך דערמאָנט, ווי ער איז געזעסן באַם אָפֿענעם פֿענצטער, זי — בא דער פּיאַנע. זי האָט געשפּילט אַ סיוּיטע וועגן איר קינדהײַט. וווּנדערלעכע קלאַנגען האָבן פֿאַרפֿולט דעם צימער און זיך געטראָגן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער אין דרויסן אַרויס. דער דרויסן איז געווען בלוי — אָנהייב זומער. הינטערן פֿענצטער האָט געבליט די אַקאַציע. ערגעץ האָט גערוישט די שטאָט. אַ גרויסע שטאָט אין צוויט. די שטאָט איז געווען פֿרילינגדיק יונג. אַלץ אַרום איז געווען פֿרעכטיק־שיין, און שענער פֿאַר אַלעמען איז געווען זי, עסטער...

זיי זײַנען נאָכדעם געשטאַנען באַם אָפֿענעם פֿענצטער.

„אָט נאָך אַ פּאָר כאָדאָשים, ליאָווע, און דו פֿאַרענדיקסט דעם אינסטיטוט“, — האָט זי געזאָגט.

„אָט נאָך אַ יאָר, עסטער, און דו פֿאַרענדיקסט די קאָנסערוואַטאָריע“, — האָט ער איר געענטפֿערט...

ליאָווע איז, קענטיק, לאַנג אַזוי געזעסן. ס׳איז אים געוואָרן קאַלט. דער ווינט האָט געבלאָזן שטאַרקער, געברומט און דורכגענומען אים אויף דורך און דורך. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום ראָג. וווּהין קאָן ער איצט גיין? ער איז אָפּ אַ פּאָר טריט און זיך אומגעקערט צוריק. ער האָט לאַנג אין שווערן שווײַגן אַרומגעשפּאַנט אפֿן ראָג לעבן כאָרעוון מויער, און די קלעפּ פֿון זײַנע אָפּצאַסן האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען איבער דער באַנאַכטיקער שטאָט.

וואָס האָט ער דאָ נאָך געהאַט צו טאָן? אים איז בלויז געבליבן זײַן אין קאָנסערוואַטאָריע. אינדערפֿרי האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די קאָנסערוואַטאָריע איז אויפֿגעריסן. ער איז אַרײַן אין אַדרעסן־ביוראָ, זיך נאָכגעפֿרעגט, עפּשער איז בא זיי פֿאַרעגיסטרירט אַ סטודענטקע עסטער אַראָנסאָן. ער

האָט לאַנג געוואַרט, ביז מע האָט געזוכט אין די צעטלען. ניין, ס'איז נישטאָ אַזאַ.

מיטן ערשטן צוג איז ליאָווע אוועקגעפאָרן גלײַך אפֿן פראָנט. זײַן עסקאַדריליע האָט זיך געפֿונען ערגעץ הינטער מינסק. ער האָט זיך איבערגעזעצט פֿון איין עשעלאָן אין צווייטן, מיט אומגעדולד געציילט די קילאָמעטערס. זײַן איינציקער טרוים איז געווען איצט — וואָס גיכער זיך ווידער זעצן אפֿן באָמבאַרדירער.

מיט די פֿאָדערשטע טיילן איז ער אַרײַן אין דער רויִנירטער וואַרשע. עס האָבן אים באַגעגנט מיט קווייטן די פּראַגער אײַנוווינער. ער איז געווען אין רומעניע, אין בולגאַריע. ער איז געגאַנגען איבער די באַפֿרײַטע שטעט פֿון אונגאַרן. געזען פֿלאַטערן די רויטע פֿאָן איבערן דײַטשישן רײַכסטאַג. ער איז געווען בײַ די קאַלך־אויוונס פֿון מײַדאַנעק און געציילט צו די דײַטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מיט טרערן אין די אויגן האָבן אים געהאַלדזט און געקושט, ווי אַ ברודער, די באַפֿרײַטע ווײַסרוסישע און אוקראַיִנישע מיידלעך. ער האָט מיט נײַגער זיך אײַנגעקוקט אין יעדן פּנים. יעדע פֿון זיי איז אים געווען טײַער און ליב, ווי אַן אייגענע שוועסטער. זיי האָבן אים יעדערע אָף אַ באַזונדער אויפֿן דערמאָנט אָן עסטערן. נאָר עסטער איז צווישן זיי ניט געווען. וווּ זשע איז זי, עסטער, — האָט ער מיט ווייטעק געטראַכט, — עפּשער האָט מען זי ערגעץ אַנדערש־וווּ באַפֿרײַט?..

ווען מע האָט אים דעמאָביליזירט, האָט ער זיך אומגעקערט אין דער גרענעץ־שטאָט. אַלס אַרכיטעקטאָר האָט מען אים פֿאַרגעלייגט אַרבעט אין פֿיל אַנדערע שטעט, נאָר אים האָט געצויגן אַהער. ווידער איז ער אַוועק אָף דער באַרגיקער גאַס. ער איז שוין ניט געווען קיין מיליטערמאַן, נאָר אָף זײַנע אַקסלען איז נאָך געהאַנגען אַ שינעל. ער איז געגאַנגען מיט אַ געפֿיל, ווי עמעצער וואָלט דאָ געוואַרט אָף אים. ס'איז שוין געווען אָוונט. די שטאָט האָט גערוישט. ס'האָבן געקלונגען טראַמוויַען.

ווען ליאָווע איז צוגעקומען צום באַקאַנטן ראָג, איז ער געבליבן שטיין אַ פֿאַרכידעשטער. דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט. אפֿן זעלבן אָרט, וווּ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זײַנען געלעגן אײַנגעוואָלגערטע כורוועס, איז געשטאַנען אַן אויפֿגעבויטער פֿירשטאָקיקער מויער. די פּילצאָליקע פֿענצטער פֿון אַלע פֿיר שטאָקן זײַנען געווען העל באַלויכטן. דערבײַ האָט יעדער פֿענצטער, מאַכמעס די פֿאַרשיידנקאָליריקע אַבאַזשורן, געוואָרפֿן אַ באַזונדערע שײַן, און דאָס האָט אַנגענעם דערמאָנט אין אַ פֿרידלעך לעבן.

די טיר־באַלקאָנען זײַנען געווען ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט. פֿון איין צימער האָט זיך דערטראָגן אַ פֿריילעכער טומל, אַ געלעכטער. פֿון אַן אַנדערן — אַ געוויין פֿון אַ פּיצעלע קינד. אפֿן צווייטן שטאָק האָט אונטער אַן אַקאָמפּאַנעמענט געזונגען אַ מיידל. ס'האָט געשפּילט ראַדיאָ. פֿאַרכאַפּט פֿון אַן אומקלאָרער האָפֿענונג, האָט ליאָווע זיך געלאָזט אין הויף, אַהין, צום ערשטן שטאָק, וווּ עסטער האָט געוווינט.

דאָס צימערל אפֿן ערשטן שטאָק איז געווען באַלויכטן. עס האָט געהאַט דעם זעלבן אָנבליק, וואָס פֿריִער. דאָס פֿענצטער איז געווען פֿאַרמאַכט. דאָס פֿאָרהענגל אַראָפּגעלאָזט. אָף איין רעגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז

ער האָט דורכן פאָרהענגל דערזען עסטערן, אירע שווארצע לאָקנס. ער האָט אָנגעקלאפּט. ס׳האָט זיך געעפנט די טיר.

— עסטער! — האָט ער מיט א פארכאפּטן אָטעם אויסגעשריִען.

אינעם טונקעלן פירהויז איז פאר אים געשטאנען גאָר א יונגע פרוי מיט א קינד אף די הענט. די פרוי האָט אים פארכידעשט אָנגעקוקט. ניין, ס׳איז געווען ניט עסטער. א ווײַלע איז ער געבליבן שטיין פארלאָרן, אנטשולדיקט זיך פאר איר. די פרוי האָט דערציילט: ערשט נעכטן האָט זי זיך ארײַנגעקליבן אין דעם הויז. פריִער האָט זי געלעבט ניט דאָ. זי מיטן מאן האָבן ניט לאנג צוריק זיך אומגעקערט פון ארמיי און באקומען די דאָזיקע נײַע דירע.

אף מאָרגן האָט ליאָווע זיך באקאנט מיט די פּראָיעקטן פון דער שטאָטבויונג און באקומען אן אָביעקט: אופבויען די קאָנסערוואַטאָריע אפן זעלבן פּלאץ, ווו זי האָט זיך ביז דער מילכאָמע געפונען, די זעלבע קאָנסערוואַטאָריע, ווו עסטער האָט זיך געלערנט.

פון טאָג צו טאָג האָט ליאָווע זיך אלץ מער ארײַנגעטאָן אין דער אַרבעט. דאָס האָט פארפולט זײַן גאנצן וועזן. פון קאַיאָר ביז אין אָוונט איז ער געווען אפן בוי־פּלאץ. ער האָט געזען, ווי עס וואקסן די ווענט פונעם פּרעכטיקן געבײַ, און דאָס האָט געפרייט זײַן הארץ. נאָר אין אָוונט, גייענדיק צו זיך אין צימערל, וואָס ער האָט פארנומען איינער אליין, פלעגט ער מיט נײַגער באטראכטן די פיל פארבײַגייער, געזוכט צווישן זיי עסטערן, עפשער וועט ער זי פּלוצעם באגעגענען. וואָס האָט פּאסירט מיט איר, ווו איז זי? — האָבן מיט דאָרשט געפרעגט זײַנע אויגן.

כאַנוקאַס־האַבאַיִס

װען ס'האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן שאַרײַען אַף טאָג און פֿון איבער דער גאַס, פֿון הינטער אַ קלוניע ערגעץ, האָט זיך דערטראָגן דער ערשטער קריי פֿון אַ האָן, איז עלקאָנע ראַטנער, לויט זײַן אַלטער דאָרפֿישער געוווינהײַט, אופֿגעשטאַנען, אַרופֿגעצויגן אַף זיך די כאַקי־גאַליפֿע, און וועלכע ער האָט ערשט ניט לאַנג זיך אומגעקערט פֿון סאַמע בערלין, און אַ באָרוועסער, דאָס העמד איבער די הויזן, אַרויס אין גאַס.

אין דרויסן איז געווען פֿאַרטאָגיק־רוּיִק און קיל. די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן זיך בלייך אָפּגעשפּיגלט צווישן די גרינענדיקע קושטשעס בײַ די קאַנאַוועס, און די לופֿט איז געווען שיקערלעך, ווי ס'טרעפֿט אין די ערשטע מעכײַעדיקע מײַ־טעג.

עלקאָנע האָט מיט אַ פֿולער ברוסט אָפּגעעטעמט, אופֿכאַפּנדיק מיט די אונטערציטערנדיקע נאָזלעכער די באַקענטע דינסטע רייכעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די אַרומיקע שפּראָצנדיקע פֿעלדער, און מיט פֿעסטע טריט אַוועק מאַכן דעם „פּאָדיאָם", אופֿהייבן די מישפּאָכע.

די לעצטע צײַט האָט ער, עלקאָנע, זיך קיין אָרט ניט געפֿונען. ער האָט נאָך אַליין קלאָר ניט געוווסט, וואָס מאַכט אים אַזוי אומרוּיִק דאָס האַרץ: צי דער ערשטער נאָכמילכאָמע־פֿרילינג בײַ זיך אין דאָרף, צי דאָס אומרוּיִקע געפֿיל פֿון וואַרטן אַף זײַן זון גאַוורײעלן, וואָס דאַרף זיך צוריקקערן פֿון דער אַרמיי, און אָט שוין עטלעכע כאָדאָשים, אַז פֿון אים איז קיין בריוו ניטאָ... און עפּשער גאָר דאָס, וואָס אָט־אָט, מאַמעש אין עטלעכע טעג אַרום, וועט ער זיך צוריק באַזעצן אין זײַן אייגענער כאַטע, וואָס ער מיט דער גאַנצער מישפּאָכע זײַנער האָבן אויסגעבויט אין די פֿרײַע שאָען פֿון אַרבעטן אין קאָלווירט.

ווען דער גוואַרדיע־סערזשאַנט עלקאָנע ראַטנער, אַן אויסגעבענקטער נאָך זײַן קאָלווירט, האָט זיך אומגעקערט פֿון פֿראָנט, האָט ער ערשט דעמלט דערפֿילט, אַז די מילכאָמע איז געווען אויך דאָ, בײַ אים אין דאָרף, בײַ אים אין הויף, אין שטוב. ער האָט דעמלט, נאָך ניט אויסטוענ־דיק דעם דורכגעשאָסענעם שינעל, אַ שווײַגנדיקער, אַרומגעשפּאַנט מיט אַנטאָן סידאָרענקאָ, דעם פּאָרזיצער פֿון דאָרפֿראַט, איבער דער רוּיִניר־

טער גאס מיט די אָפּגעבראָכענע שטאָלן און שפּײַכלערס און אַן אופגערו־דערטער געבליבן שטיין בא דער ווינטמיל, ווו די דײַטשן האָבן אפן נײַנטן טאָג נאָך זייער אַרײַנטרעטן אין דאָרף, נאָך לאַנגע פּײַניקונגען אופגעהאַנגען יעכיִעל דעם בלינדן. דאָס האַרץ בא עלקאָנען איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט, און ער האָט מיט גיכע טריט זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

אפן סאַמע עק דאָרף, צווישן עטלעכע פאַרבליבענע אַקאַציע־ביימער, איז געשטאַנען זײַן אָפּגעסמאַליעטע כאַטע. עלקאָנע מיטן פאָרזיצער פון דאָרפראַט האָבן זיך היפּש פאַרהאַלטן אף דעם פּוסט־געבליבענעם הויף, באַטראַכט די פאַרקוילטע ווענט מיט די פענצטער־לעכער, דורך וועלכע ס'האָט געבלאָזן דער ווינט.

— ניט געזאָרגט, עלקאָנע, — האָט דער באַיאָרטער אַנטאָן סידאָרענקאָ אים געטרייסט, — דו פאַרנעם קאַרשט די פּעקלעך און קלײַב זיך אַריבער אין באַזונדערן שטיבל, וואָס לעבן דער שול. אַ גאַנץ פײַן שטיבל, און קאָנסט עס רעכענען פאַר דײַן אייגנס. אַזוי האָט באַשטימט דער דאָרפראַט.

עלקאָנע האָט מיט דאַנקבאַרקײַט אַ קוק געטאָן אף אַנטאָנען, נאָר באַזעצן זיך אין אַן אַנדער שטוב האָט ער ניט געוואָלט.

— די דאָזיקע שטוב האָט נאָך מײַן טאַטע געבויט, — האָט עלקאָנע גע־ענטפערט און מיט דער האַנט אַ גלעט געטאָן די פאַרייכערטע וואַנט, — דאָ האָב איך אויסגעהאָדעוועט מײַנע קינדער... דאָ איז מיר יעדעס ווינ־קעלע טײַער...

— איך ווייס, איך פאַרשטיי, — האָט סידאָרענקאָ געזאָגט, — מיר זײַנען דאָך עפּעס צוזאַמען מיט דיר געוואַקסן...

דער דאָרפראַט האָט אויסגעטיילט פאַר עלקאָנען געהילץ פונעם דער־בײַיקן וועלדל, צוועקעס פאַר דער בוי־אַרבעט. פונעם קאָלווירט־הויף האָט מען צוגעשיקט פּאַלאָווע.

עלקאָנע מיט צוויי זין — דאָוויד און שאָלעם, וועלכע האָבן זיך אויך אומגעקערט פון דער אַרמיי, די נײַנצניאָריקע טאָכטער, די בינענציכטלערן רייזל, און דאָס ווײַב, וואָס האָט זיך אומגעקערט ערגעץ פון הינטער באַר־נאַול, ווו זי האָט געלעבט און געאַרבעט אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן, — זיי אַלע צוזאַמען האָבן מיט אימפּעט געקנאָטן ליים מיט פּאַלאָווע, געמאַכט ציגל, געטעסעט קלעצער, געבויט.

פון צײַט צו צײַט, אין די פרײַע שאָען פון דער שול־אַרבעט, פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אַהער זייער ליכטיק־בלאָנדע שנור, די לערערן אָקסאַנע, וואָס איר מאַן, גאַווריִעל, איז נאָך געווען אין דער אַרמיי, אפן יאַם־פּלאַט, און אויך זי פלעגט זיך שטעלן טינקעווען די ווענט.

— איך בעט דיך, טאָכטער, צוליב וואָס דאַרפסטו זיך שמירן אין ליים? — פלעגט עלקאָניכע זייער שטיל און האַרציק ריידן צו דער בלוי־אויגיקער אָקסאַנען. — האָסט גענוג אַרבעט אַכוץ. גיי רו זיך בעסער אָפּ...

— אײַ, מאַמע, לאָזט מיך, — פלעגט אָקסאַנע זיך בעטן.

— ווי דען? אוודע, — פלעגט עלקאָנע זי אונטערהאַלטן, — מיר האָבן צוזאַמען מיט איר געשלאָגן די דײַטשישע ראָצכים, וואָס האָבן כאָרעוו געמאַכט אונדזער היים, וועלן מיר צוזאַמען מיט איר זי צוריק אופשטעלן.

צו אָקסאנען האָט עלקאָנע געפילט א באזונדערן דערעכערעץ פאר איר פרוישער גינציקײַט צום מאן, ווען זי האָט שוין העכער פיר יאָר ניט געזען, פאר אירע העלדישע אופטוען אינעם פארטיזאנישן אָטריאַד, וואָס האָט אין די שווערסטע יאָרן אָפּעריִרט טאקע ניט ווײַט, אין די ארומיקע וועלדער.

דאָוויד און שאָלעם, צווײ וווקסיקע יונגען מיט פארצויגענע שראמען אף די לײַבער, האָבן שוין געהאט אוועקגעשטעלט די ווײַס־ארומגעשיילטע קראָקוועס, און אָקסאנע האָט אויסגעקאלכט די שטוב פון דרויסן, ארומגע־פירט די שטוב־ווינקלען מיט רויטן ליים, ארומגעמאָלט די פענצטער מיט פעלד־בלימעלעך.

— עלקאָנע, די שטוב ווערט בא דיר שענער, ווי געווען, — האָבן בא־מערקט זײַנע שכיינים יוכים און דאָוויד־בער, וועלכע האָבן אים געבראכט טשערעט אף צו דעקן דעם דאך.

עלקאָנע ראטנער מיט זײַן היפשער מישפּאָכע האָט ביז דער מילכאָמע פארנומען א בעקאָוועדיק אָרט אינעם קאָלווירט. אָנהייב וועסנע פלעגט ער ארויספאָרן אין סטעפּ מיטן טראקטאָר — געאקערט, געזייט, געבראָנעוועט. שניט־צײַט איז ער ניט אראָפּ פונעם קאָמבײַן, ביז ער פלעגט ניט צונויפנע־מען די גאנצע גערעטעניש. און טאָמער האָט מען געדארפט צורעכט מאכן דעם אינווענטאר, האָט מען גערופן עלקאָנען.

דאָוויד־בער האָט דעריבער פארצויגן זײַן נאָמען פון עלקאָנע אף „אַלץ קאָן ער"...

— אַלץ קאָן ער, — האָט ער אים גוטברודעריש געפּאטשט איבער דער פּלייצע, — גאָלדענע הענט בא דיר.

אין די ערשטע אפּרעל־טעג, ווען די ערד האָט נאָרוואָס גענומען צו־טריקענען, איז עלקאָנע ארויסגעפאָרן אין פעלד. ער איז געווען אויס־געהונגערט נאָך דער פויערשער האָרעוואַניע, זײַן קערפּער, די הענט האָבן זיך געבעטן צום אקער, און טרעטנדיק איבער די שווארצע אופגעאקערטע שטיקער ערד, איז ער זיך מעכײַע געווען. פיר יאָר האָט ער זיך געשלאָגן פאר אָט דער ערד, וואָס איז באגיטיקט געוואָרן ניט נאָר מיט זײַן שוויס, נאָר מיט זײַן בלוט, מיטן בלוט פון זײַנע זין, פון זײַנע דאָרפסלײַט.

דער זון זײַנער דאָוויד האָט געבראָנעוועט דעם ווייץ־קלין, שאָלעם האָט אופגעדעקט דעם ווײַנגאָרטן, רייזל האָט אף דער קלעווער־לאָנקע אופגע־שטעלט די פאסעקע, און עלקאָניכע האָט, ווי ביז דער מילכאָמע, געארבעט אלס מעלקערן.

פון טאָג צו טאָג ווערט אפן דאָרף אופגעלעבטער, פריילעכער. יעדעס מאָל באווײַזן זיך נײַ־אָנגעקומענע דעמאָביליזירטע און צוריקגעקומענע פון דער עוואקואציע; פונעם סטעפּ דערטראָגט זיך די דערמונטערנדיקע הוד־זשערײַ פונעם ערשטן טראקטאָר, וואָס איז ארויס הייבן דעם פרײַען פּאר; איבער דער גאס ציִען זיך וועגענער צו די פעלד־בריגאדעס... די הײַזער האָבן באקומען גאָר אן אנדער אויסזען. אף די גערטענער און אין די הויפן

האָבן זיך באַוויזן גרינע שפּראָצונגען פון האַיאָריקע ציבעלקעס, בלעטער־דיקע קוסטעס פון פריזיקן קאַרטאָפל... און אין די קישעפדיקע לעוואָנע־אָוונטן האָבן זיך פון פאַרשיידענע זײַטן דאָרף דערטראָגן האַרציקע אוקראַי־נישע, ייִדישע און רוסישע לידער...

זונטיק גאַנצפרי, ווען עלקאָנע מיט די זין האָבן געהאַלטן באַם פאַרענדיקן דעקן דעם דאַך, איז פּלוצעם אַראָפּגעקומען אַ טוער פון ראַיאָן און אָנגעזאָגט עלקאָנען, אַז זײַן זון, דער עטלעכע מאָל באַלוינטער עלטערער סערזשאַנט גאַווריִעל ראַטנער, קומט הײַנט צו פאָרן. ער האָט אָנגעקלונגען פון דער סטאַנציע, און דער ראַיוסּפּירקאָם האָט אַרויסגעשיקט נאָך אים אַ מאַשין. אָן איבעראַשטער איז עלקאָנע שיִר ניט אַראָפּגעשפּרונגען פונעם דאַך.

— דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז ער וועט קומען פונקט צו כאַנוקאַס־האַבאָיִס... קינדער, — האָט ער געשריִען צו די זין אָפן דאַך, — קלאַפּט צו דאָס רויטע פענדל, מיר וועלן אויפנעמען דעם גאַסט אין דער אייגענער שטוב.

אין דער מישפּאָכע איז געוואָרן אַ גערודער. עלקאָניכע האָט אינמיטנ־דערינען זיך צעוויינט און זיך געכאַפּט קושן מיט אַקסאַנען און מיט רייז־לען. זי האָט ניט געוווּסט צו וואָס זיך נעמען פריִער.

— אײַ, ווײ איז מיר, די מאַשין קאָן אָנקומען, און אין שטוב איז נאָך ניט צוגעקליבן.

זי האָט אַרויסגעקראָגן פון דעם געפלאָכטענעם קויש די אויסגענייטע מיט רויטן און גרינעם באַוול עטוואָס פאַרגעלטע לעשאָנע־טויווע און די עטלעכע היימישע פאָטאָגראַפיעס, מיט ציטערנדיקע הענט זיי אויסגעגלעט און גענומען פאַנאַנדערהענגען אָף די ווענט. אָקסאַנע האָט ביז בליאַסק אויסגעווישט די שויבן, אויפגעהאַנגען קלאָר־ווײַסע פאַרהענגלעך אָף די פענצטער און אוועקגעלאָפן העלפן רייזלען ברענגען פריש גראָז אָף צע־שפּרייטן באַם אַרײַנגאַנג.

עלקאָנע האָט צוגעקלאַפּט אַ פאָדקאָווע צום שוועל פון דער דרויסן־טיר — אַ סימען פון גליק, — באַטראַכט מיט האַנאָע די ווײַס־אָרומגעקאַלכטע פריילעכע כאַטע מיטן רויטן פענדל אָפן נײַ־געדעקטן דאַך און צוגעגאַנ־גען צום פּלויט, זיך פאַרקוקט אָף די נײַע הײַזער אין דאָרף, אָף דער ווינטמיל, וואָס האָט ווידער געדרייט מיט אַ פליגל, און פאַר די אויגן איז אים מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן יעכיִעל דער בלינדער...

מיט אַ שווער געמיט האָט ער זיך געלאָזט גיין אין שטוב.

— ווײ איז מיר, ווו דרייסטו זיך אום, עפּשער פאָרט ער שוין, — האָט עלקאָניכע אים אָן אופגערודערטע באַגעגנט, — דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס...

— אַבי ער פאָרט, וועט ער שוין קומען, — האָט ער עטוואָס אופגערעגט זיך אָפּגערופן, — טאַטע האַרציקער, סאַראַ שטיקל צײַט מיר האָבן עס איבערגעלעבט... ניין, מיר באַנעמען עס אפילע ניט... — ער האָט דורכגע־שפּאַנט איבערן צימער און געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם ווײַב.

— ווייסטו גאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן, ס׳וואָלט ניט געווען קיין אוולע, ווען מיר פֿאַרופֿן הײַנט א ביסל געסט...

— וואָס הייסט בא דיר א ביסל, עלקאָנע?

— אנטאָן סידאָרענקאָן דאַרף מען רופֿן?.. יוכים סטעפּאניוק מוז זײַן? מיר זײַנען מיט אים באנאנד אדורך פֿון דאָנעץ ביז איבערן פּריפּעט... דעם פֿאָרזיצער זיאמע גרינשפּון וועסטו ניט רופֿן? האָסטו דיר שוין... הײַנט יאָסקע מילנער מיט קאטערינען איז גאָר קיין שאַלע ניט. וואָס זשע, דעם פּאַרטאָרג ניט רופֿן? איצט הייבט זיך אָן א סעדרע, דײַנע מעלקערנס — פּיאָקלע און דווירע אנשלס — זיי וועסטו דאָך ניט פֿארגעסן... הײַנט אווראָם דעם קאָניוך, מאלקען מיט דאָוויד־בערן, סטעפּאניכען, פּינכעסן...

— עלקאָנע, וועסט דאָך מיר באלד צונויפֿרופֿן דעם גאנצן קאָלווירט.

— וואָס זשע מיינסטו, קיין אוולע וואָלט ניט געווען.

— גערעכט ביסטו. ווי לאַדט מען אָבער אײַן אזעלכע געסט, ניט געגרייטערהייט?

— וואָס הייסט?.. אלץ, וואָס ס׳איז פֿאראן אין שטוב, וועסטו שטעלן אפֿן טיש. ס׳איז דאָך עפּעס כאנוקאס־האבאַיס...

— אויב שוין יאָ אזוי, וועסטו מויכל זײַן גאנצפֿרי שעכטן דעם אינדיק מיט א פּאָר הינער, און די געסט וועלן מיר פֿארבעטן אַף מאָרגן.

און כאָטש עלקאָנע האָט פֿײַנט געהאט אזעלכע זאכן, ווי אָפּלייגן א סימכע אַף מאָרגן, האָט ער דאָך געמוזט מאסקים זײַן מיטן ווײַב.

— זאָל גאוורי׳על זיך א ביסל אויסרוען. שוין העכער פֿיר יאָר רוט ער ניט, — האָט עלקאָניכע אָפּגעזיפֿצט, געכאַפּט דערבײַ א קוק מיט די צעטראָגענע אויגן אין פֿענצטער, — און מאָרגן וועלן מיר פּראווען כאנוקאס־האבאַיס, הא, וואָס זאָגסטו, אָקסאנע?..

באקומען האָט זיך אָבער עפּעס אנדערש. פֿארנאכט, ווען די מאשין פֿון ראַיויספּירקאָם האָט מיט א הודזשערײַ זיך דורכגעטראָגן לענגויס דער ברייטער שטויביקער גאס און האָט פֿארקערעוועט צו עלקאָנע ראטנערס הויף, האָט דאָס דאַרף זיך אופֿגערודערט.

— גאוורי׳על ראטנער איז געקומען!.. — און איידער נאָך עלקאָנע מיט דער מישפּאָכע האָבן באוויזן צעקושן זיך מיטן גאסט, האָבן אין דער נײַער שטוב זיך אָנגעהויבן ארײַנשטעלן שכיינים מיט ווײַבער און קינדער.

— מיט ליב אײַך אײַער גאסט!

— האָט נאכעס פֿון אײַער שטוב!

אין א ווײַלע ארום איז שוין די געראַמע שטוב געווען פֿול, און אפֿן הויף האָבן זיך געקליבן אַלץ נײַע דאָרפֿסלײַט, יאָמטעוודיק אויסגעפּוצט, באהאנגען מיט אָרדענס און מעדאלן — ווער מיט בלומען און ווער מיט פּעקעלעך אין די הענט.

די קאָלווירטניקעס האָבן זיך געגריסט מיט גאוורי׳עלן, מיט א געניט אויג באטראכט די פֿארהיילטע וווּנד אַף זײַן האנט, באקוקט אים פֿון אַלע זײַטן, געלויבט זײַן שטאלטנעם וווּקס, וואָס ער האָט באקומען, זײַענדיק אין דער ארמיי. גערעדט האָט מען וועגן מיליטער־לעבן, וועגן קאָלווירט־איניאַנים, וועגן אנדערע זאכן, און מע האָט זיך געפֿילט בא עלקאָנען אין שטוב, ווי בא זיך אין דער היים.

דורך די אָפענע פענצטער האָט זיך דערטראָגן א צעצויגן געזאנג פון די דאָרף־מיידלעך, וואָס האָבן גרופּעסווײַז, געאַרעמט, זיך דערנעענטערט אהערצו.

עלקאָניכע, א צעטומלטע, אַן אויפגערודערטע פון דער סימכע, האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי אַף דער באַנק איז געשטאַנען א פעסעלע מיט אייגענעם קאָלווירטישן ווײַן און פארשיידענע קלענערע און גרעסערע מאַ־טאָנעס, וואָס די קאָלווירטניקעס האָבן מיטגעבראַכט.

— גאָט איז מיט אײַך, וואָס טוט זיך עס? — האָט זי פארלאָרן אויסגע־רופן.

— וואָס זשע מיינט איר, מיר האָבן פאַרגעסן, אַז בא אײַך איז הײַנט כאַנוקאַס־האַבאַיִס, — האָט זיאַמע גרינשפּון איר געהאָלפן צוקלײַבן דעם טיש.

— ס׳איז, מאַמעניו, ניט נאָר אײַער סימכע, — האָט געלאַסן געזאָגט דער פאָרזיצער פון דאָרפראַט אַנטאָן סידאָרענקאָ, — ס׳איז אונדזער אַלעמענס יאָמטעוו...

ווען די געסט האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעזעצט בא די טישן און אָקסאַנע מיט עלקאָניכען האָבן אָנגעגאָסן ווײַן אין די גלעזער, איז עלקאָנע אויפגעשטאַנען און גענומען דעם קאָס.

— ברידער, — האָט ער זיך אויסגעגלײַכט, ווי אין „סטראָי״, — פינף יאָר, ברידער, האָבן מיר אַלע געטרוימט וועגן אָט דער גליקלעכער מינוט. פאַר אָט דעם גליק האָבן מיר פאַרגאָסן בלוט, — זײַן שטים האָט געציטערט פון אויפגערעגטקײַט, — איז לאָמיר, ברידער, אויסטרינקען פאַר אונדזער ניצאָכן!

— פאַר אונדזער היימלאַנד! — האָט אָפּגעהילכט איין ברידערלעכער האַרציק־באַגײַסטערטער אויסרוף, און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן ווײַט־ווײַט איבער דעם אויפגעלעבטן קאָלווירטישן דאָרף.

באָם יאָם

נאָך דער ארבעט איז מארק צוגעפאָרן אַף עטלעכע מינוט אהיים, אין זײַן איינצימערדיקער דירע, וועלכע דער מאשינבוי־זאוואָד האָט אים אלס פרעמיע געגעבן, אינדערגיך זיך ארומגעוואשן, זיך איבערגעטאָן אינעם לײַכטן ווײַסן אָנצוג. עפּעס איבערגעכאַפּט, האָט ער אוועקגעאײַלט צו דעם האלב־ווילדן פליאזש.

אַפן הארצן איז באַ אים געווען גוט, אי פון דעם, וואָס ער האָט פולקאָם באַהערשט דעם נײַעם קלוגן פרעזער־ווערקשטאט, אי פון דער באַגעגעניש, וועלכע שטייט אים באַלד פאָר. ער איז זיכער געווען, אַז זי ווארט שוין אַף אים, כאָטש זיי האָבן וועגן דעם זיך ניט צונויפגערעדט. נאָך מער: זיי זײַנען אפילע נאָך ניט געווען באַקאנט. פאַר די פינף־זעקס טעג, וואָס זיי טרעפן זיך אין איין און אין דער זעלבער צײַט אַפן פליאזש, האָבן זיי צווישן זיך נאָך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

ארום דעם האלב־ווילדן פליאזש האָבן זיך געצויגן געלבלעכע בערגלעך און בערג, באַזוימטע ערטערווײַז מיט גרינס, פון וועלכע עס האָבן ארויסגעקוקט ווײַסינקע פישער־כאַלופקעס. אונטן, באַם סאַמע יאָם, אַף די גלאַט־אויסגעשליפענע שטיינדלעך, זײַנען דאָ און דאָרט געשטאַנען קאָלערליי געפארבטע שיפלעך, עס זײַנען געהאַנגען נעצן, וועלכע האָבן זיך געטריקנט אונטער דער זון, און דערבײַ האָבן זיך געבאָדן די אײַנוווינער פון די נאָענטע פישער־הײַזקעס.

אראָפּלאָזנדיק זיך מיט דער ברייט־אויסגעטראָטענער סטעזשקע, האָט מארק אראָפּגעטרייסלט דעם לײַכטן אקאַציע־צווײַט פון דעם אָנצוג, וועלכער איז אקוראַט געלעגן אַף זײַן הויכער שלאַנקער פיגור, פאַרקעמט די עטוואָס רויטלעכע געקרײַזלטע האָר, און נאָך פונדערווײַטן זיך אומגעקוקט, א זוך געטאָן מיט די קאַרע, זייער לעבעדיקע אויגן, צי זי איז דאָ. אויב זי איז הײַנט ווידער דאָ, איז א סימען, אַז זי קומט אַהער צוליב אים.

באַלד האָט ער זי דערזען. זי איז געלעגן אַפן זאַמדיקן ברעג, ווי שטענדיק עטוואָס אָפּגעזונדערט, איינע אליין, אַפן זעלבן אָרט, מיט א זשורנאַל אין האַנט. איר צוגעברוינטער שטײַפער קערפּער האָט, ווי ערשט נאָכן באָדן, געגלאַנצט אנטקעגן דער זון און געאָטעמט מיט פרישער קראַפט. מיטאמאָל, ווי זי וואָלט דערשפּירט, אַז ער גייט, האָט זי זיך אויפגעזעצט, און, פאַריכטנדיק די נאָך פײַכטלעכע לאַנגע שווארצע האָר, וואָס זײַנען

געפאלן איבער אירע איידעלע נאקעטע אקסלען, מיט נײַגער זיך אומגעקוקט אף אים.

דאָס הארץ האָט בא מארקן פריידיק אופגעצאפלט. „זי איז דאָ. צוליב מיר. זי האָט געווארט אף מיר. כ'וועל באלד, טאקע שוין צוגיין צו איר". נאָר ער איז ניט צוגעגאנגען. פארטשעפענדיק זיך אָן די שטיינדלעך, איז ער פארבײַגעגאנגען, און א צעשרויפטער, אָן אומצופרידענער מיט זיך, צוגעזעצט זיך ניט ווײַט פון איר אף אָן אָנגעשפּאָלטענעם שארפן שטיין.

דאָס וואסער אין יאם האָט ערטערווײַז אויסגעזען טונקל־בלאָוו, ער־טערווײַז גרין, העל־בלאָוו, ראָזלעך, פּיִאָלעטעווע, אָראנזשעווע. גאָר נידע־ריק האָבן געשוועבט קלאָר־ווײַסע מעוועס. פון יאם האָט געטראָגן מיט פרישער קילבלעכקײַט, מיטן גערוך פון יאָד.

אפן פּליאזש איז געווען טומלדיק. מענער, פרויען, קינדער האָבן זיך געבאָדן, געשפרונגען אין וואסער, געבולקעט זיך, געשטיפט, געלאכט, נאָר ער, מארק, איז געזעסן א פארזאָרגטער.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער באמערקט, אז זי לייענט א קינאָ־זשורנאל. ער האָט דעמלט א טראכט געטאָן, אז זי איז א קינאָ־אקטריסע. קינאָ־אקטריסעס זײַנען, געוויינלעך, שיינע. ער האָט זי, מעגלעך, געזען אין קינאָ. אף מאָרגן איז זי געקומען מיט א זשורנאל „ראדיאָ־טעכניקא". איז זי גאָר אָן אינזשעניער? נאָכדעם האָט ער זי געזען זיצן פארטיפט אין אָן ענגלישן בוך. ווער זשע איז זי? זי איז אים דאָך אזוי קענטלעך. ווו האָט ער זי געזען? פארוואָס זאָל ער ניט צוגיין צו איר, זיך באקאנען, דערוויסן זיך... נאָר ווײַבאלד ער איז דעמלט, ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל זיך איבערגעקוקט, ניט צוגעגאנגען צו איר, איז איצט אים געווען שוין ניט באקוועם.

אזוי זײַנען ווידער אדורך עטלעכע טעג. ווו ער איז ניט געווען, וואָס ער האָט ניט געטאָן, האָט ער געטראכט וועגן איר. ער האָט געפילט א צופלוס פון ענערגיע, ניט געוווּסט פון קיין מידקײַט, געארבעט מיט פלײַס, מיט אימפעט, און יעדן טאָג, נאָך דער ארבעט, געאײַלט אפן האלב־ווילדן פּליאזש.

זונטיק איז מארק אוועק אהין פריִער, ווי שטענדיק.

„הײַנט וועל איך שוין אומבאדינגט צוגיין צו איר", — האָט ער באַ־שטימט.

אפן פּליאזש האָט ער זי אָבער ניט געטראָפן. ער האָט פארלוירן זיך ארומגעדרייט, זיך אומגעקוקט, עפשער האָט זי זיך צוגעזעצט אף אָן אנדער אָרט, געזוכט זי צווישן דעם פּילקעפּיקן אוילעם, וועלכער איז אראָפּגעקומען אהער אינעם אָפרו־טאָג. נאָר זי איז אין ערגעץ ניט געווען. אָן אנטוישטער האָט ער פארנומען איר באשטענדיק אָרט, דאָס אָרט, וואָס איז אים געוואָרן טײַער.

„זאָל זײַן, אז זי וועט שוין מער ניט קומען?" — האָט ער פארזאָרגט א טראכט געטאָן, און אין אָט דער רעגע, אומגעריכט, דערזען, ווי זי לאָזט זיך אראָפּ אין א לײַכטן ראָזעווון סאראפאן פונעם בערגל. זי האָט באלד, קאָנטיק, אים אויך באמערקט, און א לופטיקע, א גרינגע, זיך געלאָזט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, צו אים. זי האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט,

פארבײַגעגאנגען איר באשטענדיק אָרט און זיך צוגעזעצט עטוואָס אָן א זײַט.

„א מאָדנע זאַך, — האָט מארק מיט פארדראָס געטראכט, — איך זע דאָך, אז זי קומט אהער צוליב מיר, און זי פילט דאָך, מיסטאמע, אויך דאָס זעל־בע. מיר באגעגענען זיך שוין ווער ווייסט וויפל טעג, ווי מיר וואָלטן זיך צונויפגערעדט, און ניט זי גייט צו מיר צו, און איך קאָן צו איר אויך ניט צוגיין...״

ס׳איז געווען זייער הייס. די זון איז געשטאנען איבערן סאמע קאָפּ, ס׳האָט זיך געדוכט, אז זי וועט אזוי סארפענען אָן א סאָף. נאָר פּלוצלינג האָט זיך אָנגעטראָגן א שטארקער ווינט, א נאָרד־אָסט, צעבויטעט דעם יאם און אָנגעיאָגט אפן הימל שווערע כמארעס.

„ס׳זאָל כאָטש ניט גיין קיין רעגן״. מארק האָט פון דער זײַט זיך אומ־געקוקט אפן מיידל. ער האָט מוירע געהאט, אז זי וועט אוועקגיין.

נאָר דאָס מיידל איז געזעסן רויִק אפן אונטערגעשפרייטן טעפּיכל און פארגאפט געקוקט אף די גרויזאמע כמארעס, וואָס האָבן זיך געררוקט אלץ נעענטער אהער, אָנווארפנדיק א דראָענדיקע טונקלקײַט אפן יאם, אפן פּליאזש, אף די ארומיקע בערגלעך און בערג. א רויטער פלאמיקער בליץ האָט באלד דורכגעשניטן דעם שווארץ געוואָרענעם הימל, און ס׳האָט פון ערגעץ, פון הינטער די כמארעס, זיך דערקײַקלט א שווער־טראכקענדיק דונערן.

אפן פּליאזש האָט זיך אופגעהויבן א טומל. מע איז מיט א געשריי, מיט א קוויטשערײַ ארויסגעלאָפן פונעם יאם, געגומען זיך אָנטאָן.

„פונקט הײַנט אינעם אָפּרו־טאָג האָט עס אָנגעטראָגן״, — מארק איז גע־ווען דערצאָרנט. אים האָט זיך זייער ניט געוואָלט, אז זי זאָל אוועק. עפּ־שער וועט עס באלד דורכגיין. עס האָט אָבער אלץ אָפטער און דראָענדיקער געדונערט, שארפע בליצן האָבן אָן אופהער געצונדן דעם הימל, דער יאם האָט בייז געראשט, האסטיק געטריבן, געקײַקלט די שוימיקע כוואליעס, ווי ער וואָלט וועלן ארויס פון די ברעגן.

דער טומל אפן פּליאזש איז געוואָרן נאָך שטארקער. קיינער האָט זיך שוין ניט געבאָדן. צעהוידעטע פישער־שיפלעך האָבן אײַליק געיאָגט צום ברעג. מע האָט געשריִען איינער צום אנדערן, געדופן גיכער זיך אָנטאָן, לויפן פונדאנען, זיך ראטעווען פונעם מאבל, וואָס רוקט זיך אהער.

אויך מארק האָט שוין געוואָלט זיך אָנטאָן. ער האָט אָבער באמערקט, אז דאָס מיידל האָט ניט געײַלט געגומען דעם סאראפאן, די טופלקעס, דעם זשורנאל, דאָס טעפּיכל און מיט פאמעלעכע, רויִקע טריט אוועק אָן א זײַט. זי האָט באהאלטן דאָרט אונטער אן איבערגעקערט שיפל אירע זאכן און געבליבן שטיין מיט א פארהויבענעם קאָפּ צו דעם אָנגעכמורעטן הימל.

אף אזוינס האָט מארק זיך שוין לאכלוטן ניט געריכט. ער האָט זיך פארלוירן, ניט וויסנדיק, וואָס צו טאָן. נאָר באלד האָט ער אויך א כאַפּ געטאָן זײַנע זאכן און זיך געלאָזט צו אן אנדער שיפל.

מיט א שווערער רודערײַ, מיט א טראכקערײַ האָט זיך ווידער צעקנאלט א דונער, און ס׳איז אוועק א שטארקער, האסטיקער שלאקסרעגן.

האלב־אַנגעטאָנענע פּרויען, קינדער, מענער האָבן מיט א גוואלדעריַי און קוויטשעריַי זיך געלאָזט לויפן באַרג־אַרוף.

אפן האלב־ווילדן פּליאַזש איז קיינער ניט פארבליבן, אויסער מארקן און דעם מיידל.

דער רעגן האָט קרום געשמיסן, געפליייצט מיט קאלטע שטראָמען איבער זייערע פארברוינטע שלאנקע קערפּערס. דאָס מיידל איז געשטאַנען לעבן דעם איבערגעקערטן שיפל, אינעם בלויזינקן באָד־קאָסטיום, א שמייכלענ־דיקע, ווי זי וואָלט זיך געקוויקט, געהאט פארגעניגן פון דעם, וואָס דער רעגן גיסט איבער איר. מארק האָט געמאכט א טראָט, געוואָלט שוין צוגיין, נאָר פונעם קאלטן רעגן האָט אים אָנגעהויבן ציטערן דאָס לײַב. אים האָט זיך ניט געוואָלט, אז זי זאָל עס באמערקן, האָט ער איַינגעאָטעמט א פולע ברוסט מיט לופט און אריַינגעלאָפן אינעם טונקל־גרויען צעבויטעטן יאַם.

באלד נאָך אים איז זי אויך אריַינגעלאָפן. זיי האָבן עטוואָס פארוווּנ־דערט און מיט נײַגער זיך אומגעקוקט איינער אפן אנדערן און, ניט אויס־רײידנדיק קיין וואָרט, זיך געלאָזט שווימען צווישן די צעבושעוועטע כוואַ־ליעס.

זיי זײַנען געשווומען גיך, זייער גיך, קעדיי זיך אָנווארעמען.

דער רעגן האָט געגאָסן אלץ שטארקער און שטארקער. ארום־און־ארום האָט מען גאָרנישט ניט געזען. ניט קיין שיפל, ניט קיין פויגל, קיין מעווע, נאָר כוואליעס, הויכע, שוימיקע כוואליעס, און זיי זײַנען געשווומען אלץ ווײַטער און ווײַטער, ווי זיי וואָלטן זיך פארמאָסטן — ווער וועט וועמען אריבעריאָגן. געשווומען איז זי לײַכט. מארק האָט זיך געסטארעט ניט אָפּשטיין, נאָר א ראשיקע כוואליע האָט מיטאמאָל זיך א יאָג געטאָן אָף אים, אים איבערגעדעקט, מיט איר גאנצער שווערקײַט א צי געטאָן אראָפּ, ווי זי וואָלט אים וועלן אראָפּשלײַדערן אין אָפּגרונט. ער האָט אָנגעשטרענגט אלע קויכעס, זיך א ראנגל געטאָן און קוים־קוים זיך ארויסגעריסן פון דער געפערלעכער געפענקעניש אפן אויבערפלאַך. ווי א פיש, מיט אן אָפן מויל, האָט ער א שלונג געטאָן לופט, איבערגעכאפּט דעם אָטעם און א נישטער געטאָן מיט די פארלאָפענע פונעם וואסער אויגן, א זוך געטאָן דאָס מיידל.

דאָס מיידל האָט דערבײַ זיך ניט געזען.

בא מארקן איז פארקילט געוואָרן דאָס הארץ. ער האָט האסטיק זיך א לאָז געטאָן אהין, ווו זי איז אָקאָרשט געשווומען, דערשראָקן געשריגן, גערופן.

— אָ־ה־אָ!.. ע־היי!.. — איר נאָמען האָט ער ניט געוווּסט.

עס האָט שטארק געדונערט, דער רעגן האָט גערוישט, דער יאַם האָט גע־בושעוועט.

ראנגלענדיק זיך מיט די אָנלויפנדיקע בייזע כוואליעס, האָט מארק ניט אופגעהערט שרײַען און אליין ניט געהערט זײַן געשריי.

און זי האָט, קאָנטיק, דערהערט.

זי איז ארויסגעשווומען לעבן אים, א טרייסל געטאָן די האָר און מיט א מיטפילנדיקן צארטן בליק א קוק געטאָן אָף מארקן.

— איר האָט זיך דערשראָקן? — האָט זי געפרעגט, פארהייבנדיק דעם קאָפּ, אז דאָס וואסער זאָל ניט דערגרייכן צום מויל.

— דאָס הארץ האָט בא מיר זיך אָפּגעריסן, — האָט ער ארויסגעשטאמלט.

— איך האָב זיך דאָך בעקיוון אונטערגעטוקט.

— מער זאָלט איר אזוינס ניט טאָן.

— און מיר ווילט זיך, — האָט זי, שווימענדיק לעבן אים, א זאָג געטאָן.

— מע דארף ניט, — ער האָט לײַכט זיך אָנגערירט מיט די פינגער צו איר אקסל, — איצט איז געפערלעך... צו ווײַט פארשווומען... קומט צוריק.

זי האָט ניט דערווידערט.

זיי זײַנען שוין ביידע געווען מיד. לאנג נאָך האָבן זיי זיך געראנגלט מיט די צעבושעוועטע כוואליעס, ביז זיי זײַנען צוגעשווומען צום פוסט־פארבליבענעם ברעג. האלב־נאקעטע זײַנען זיי אוועקגעלאָפן, פארקליבן זיך אונטער א האלב־איבערגעקערט שיפל, זיך באהאלטן פונעם רעגן.

זיי זײַנען געזעסן עטוואָס אײַנגעבויגן, גאָר נאָענט איינער לעבן אנדערן.

— סארא ווונדערלעכע שיינקײַט, — האָט זי שטיל א זאָג געטאָן, ווי צו זיך אליין, קוקנדיק אפן יאם, וועלכער האָט האסטיק געטריבן צום ברעג מעכטיקע כוואליעס.

— בעשאס א שטורעם איז דער יאם נאָך גרויסארטיקער, — האָט ער שטיל באמערקט.

— איר באָדט זיך דעמלט?

— אוואדע.

— געבוירן געוואָרן, מיסטאמע, באם יאם, — זי האָט עס געזאָגט אזוי, ווי זי וואָלט אין דעם ניט געצווייפלט.

— ניין. דאָרט, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, — האָט ער מיט אן עט־וואָס געפאלענער שטים געזאָגט, — אין האלושקעס, איז קיין יאם ניט געווען.

— אין האלושקעס?.. איר זײַנט פון האלושקעס?.. — זי האָט מיט א באַזונדער נײַגער זיך אײַנגעקוקט אין אים. — ס'איז א דאָרף?.. א געוועזן ייִדיש דערפל?.. לעבן הולײַפּאָליע?.. יאָ?.. יאָ?.. גאָט מײַנער, וועמען איך זע!.. — די אויגן האָבן בא איר זיך צעפינקלט, — מארא... מאריק! דאָס ביסטו דאָך. נו, יאָ, דו... דו, — האָט זי אים ארומגעכאפּט מיט די שיינע נאַ־קעטע הענט באם האלדז און זיך צוגעדריקט צו אים, — מארק, וויאזוי?.. ביסט לעבן געבליבן... און איך האָב שוין געמיינט... וואָס קוקסטו אזוי? דערקענסט מיך ניט? דערקענסט ניט מירלען? מירעלען? מיר זײַנען דאָך קינדווײַז פארליבט געווען...

— מירל?.. מירעלע?.. דאָס ביסטו? — האָט ער א דערשטוינטער ארויס־געשטאמלט. — טאקע דו, דו?.. יענע בלייכינקע מירעלע?.. וויאזוי? ווי קומ־סטו אהער? האָסט מיר אויסגעזען טאקע קענטלעך, פון דער ערשטער מינוט. נאָר גיי ריכט זיך... איך האָב פון דיר דאָך גאָרנישט ניט געהערט. געמיינט, אז דעמלט באנאכט, בא דער שרעקלעכער באָמבארדירונג... און דײַנע עלטערן? די שוועסטערלעך? די ברידערלעך?

— אומגעקומען. אלע, — האָט זי מיט א פארשטיקט קאָל געזאָגט, — דעמלט. אין עשעלאָן.

— מײַנע האָט צעשאָסן די זאָנדערקאָמאנדע.

— און דו, וויאזוי? — האָט זי, גלעטנדיק זײַנע הענט, געפרעגט.

— אַן אײַזנבאַנלער האָט מיך געראַטעוועט.
— מיך א פויערטע.
— און נאָכדעם? — האָט ער אומגעדולדיק א פרעג געטאָן.
— אין א קינדערהיים.
— איך אויך. און ווי קומסטו אהער?
— אין אַפּרו־הויז...
איבערשלאָגנדיק איינער דעם אנדערן, האָבן זיי פאַרכאַפּט גערעדט, דערמאָנט פאַרשיידענע איינצלהײַטן פון יענע לאַנג פאַרגאַנגענע טעג, ווען זיי האָבן געוווינט בישכיינעס, א שטוב לעבן א שטוב, אין דעם קליינינקן פאַרוואָרפענעם ייִדישן דערפל האַלושקעס, צוזאַמען זיך געשפּילט לעבן קוזניע, וווּ זייערע טאַטעס, די שמידן, האָבן געאַרבעט, צוזאַמען באָרוועסע געלאָפן צו די לאָנקעס, אין סטעפּ, געקליבן קאַטראַן, געריסן צאָמבער, דערציילט זיך מײַסעלעך און געטרוימט שטענדיק, שטענדיק זײַן צוזאַמען.
אכצן יאָר פאַריבער. און אָט. איר איז שוין איצט דרײַ און צוואַנציק. ער — אַף א יאָר עלטער. זי האָט שוין באַוויזן פאַרענדיקן דעם מאָסקווער אינדוסטריעלן אינסטיטוט און איז דאָס צווייטע יאָר אַף סאַכאַלין הויפּט־ענערגעטיקער פון אַן עלעקטראָסטאַנציע. און ער איז א מײַסטער, א פרעזעראָווטשיק אַף א היגן מאַשינבוי־זאַוואָד.
דעם זעלבן טאָג, שפּעט אין אָוונט, איז זי מיטן שנעלצוג אָפּגעפאָרן. מאַרק האָט זי באַגלייט. דער הימל איז שוין געווען ווידער זילבער־ריין, די לופט פריש. זיי האָבן, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, שפּאַצירט איבער דער העל־באַלויכטענער פּלאַטפאָרמע.
— בלײַב כאָטש נאָך אַף א פּאָר טעג, — האָט מאַרק זיך געבעטן בא איר.
— טײַערער מײַנער, ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אוודאי גע־בליבן, נאָר איך מוז דאָך זײַן צו דער צײַט אַף דער אַרבעט. טו, ווי איך האָב דיר געזאָגט, מאַריק...
זי האָט זיך וואַרעם געזעגנט מיט אים און אַרײַן אין וואַגאָן.
ווען דער צוג האָט זיך גערירט, האָט זי אַרויסגעקוקט פונעם אָפענעם פענצטער, געפאָכעט מיט דער האַנט, געשריִען צו אים:
— מאַריק, טײַערער, איך וועל בענקען נאָך דיר, איך וועל וואַרטן אַף דיר. קום, קום צו פאָרן...

איצט איז שוין אָנהייב זומער, מע הייבט זיך ווידער אָן צונויפפאָרן צום יאַם. די שטאָט איז אײַנגעהילט אין גרינס. עס בליט די אַקאַציע און די לופט איז פול מיט א פאַרשיקערנדיקן גערוך. די זון שטייט הויך אין הימל. מע וועט באַלד ווידער זיך אָנהייבן באָדן, עס וועט אופלעבן דער האַלב־ווילדער פּליאַזש. נאָר זי וועט האיאָר ניט קומען. זי איז איצט פאַר־נומען מיט בויען א נײַע עלעקטראָסטאַנציע. מאַרק קלײַבט זיך איצט פאָרן צו איר, קיין סאַכאַלין, קאָנטיק, אַף שטענדיק.

געוועזן איז עס אין כוידעש יון

פון פאַראיאָרן ווינטער, זינט באַ כאַנציען, דעם קאָלווירט־פאַרזיצער, איז געשטאָרבן דאָס ווײַב, מיט וועמען ער האָט אָפּגעלעבט עטלעכע און צוואַנציק יאָר אָט דאָ אפן כוטאָר, איז באַלעבאָסטע אין שטוב פאַרבליבן די ייִנגערע טאָכטער נעכאַמקע.

די עלטערע — קרוינע, וואָס איז געוועזן ניט אַזוי שיין און כיינעוודיק, ווי נעכאַמקע, האָט שוין דאָס צווייטע יאָר געלערנט אין דער ווײַטער שטאָט באַם ברעג יאַם. אין שטוב האָט מען זיך איבערגענומען מיט איר, ניט דאָס וואָס מיט דער ייִנגערער.

די ייִנגערע, נעכאַמקע, איז געוועזן דאַפקע שיין פון קינדווײַז אָן און וואָס אַ יאָר איז זי געוואָרן אַלץ שטאַלטנער און שענער. לערנען אָבער האָט זי ניט איבעריקס געוואָלט. זי איז אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג איבער פרעמדע הויפן, געשלאָגן זיך מיט די ייִנגלעך, געקראָכן אַף די ביימער און שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ צעדראַפּעטע.

נאָכן זיבעטן קלאַס האָט זי פאַרלאָזט די שול און איז אַוועק אַרבעטן צו שעפּטלען אין בריגאַדע. זי האָט ליב געהאַט דעם היימישן סטעפּ פאַר זײַן ברייטקײַט, פאַר זײַן שיינקײַט, פאַר זײַנע גערוכן, פאַר דעם, וואָס מע קאָן דאָ זינגען אפן גאַנצן קאָל און קיינער וועט דיר קיין וואָרט ניט זאָגן, און מיטיק־צײַט, ווען די זון שטייט איבערן סאַמע קאָפּ, זיך אויסציִען אין דער גאַנצער לענג, פאַרוקן דאָס קליידל צווישן די נאַקעטע פיס און קײַקלען זיך אַראָפּ־בערגל איבער דעם אויסגעוואַרעמטן, ווייכן, שמעקנדיקן גראָז, וואָס גלעט דאָס פּאָנעם, קיצלט הינטערן אויער, און לאַכן וויפל דאָס האַרץ גלוסט.

און כאָטש נעכאַמקע האָט אין שטוב ווייניק געפאָלגט, איז זי אָבער אַף דער אַרבעט דאַפקע געוועזן צווישן די ערשטע, געטאָן אַלץ גיך און גוט, מיט אימפּעט, און ניט ווײַל עמעצער האָט איר געהייסן אָדער אונטערגעיאָגט, נאָר ווײַל איר אַליין האָט זיך אַזוי געוואָלט. שטענדיק איז זי געוועזן פריילעך, ס׳איז איר געפעלן געוועזן, וואָס אַפילע שעפּטל, דער שטרענגסטער בריגאַדיר, האָט זי געשעצט און זיך גוט באַצויגן צו איר. באַ אַלע אומשטענדן האָט זי געקאָנט זיך פרייען מיט עפּעס, און אַז זי האָט גע־

לאַכט, האָט זי געלאַכט פון פולן האַרצן, מיט אַ מאָדנעם פאַרגעניגן, פאַרוואָרפנדיק דערבײַ אַהינטער דעם קאָפּ.

קאַלזמאַן די מאַמע האָט געלעבט, האָט נעכאַמקע אין שטוב קימאַט ווי גאָרנישט ניט געטאָן. געקומען מיטן זון־פאַרגאַנג פונעם סטעפּ, זיך אַרומגעוואַשן, אײַנדערגיך, שטייענדיק אויף איין פוס, אָפּגעגעסן, זיך איבערגעטאָן, פאַרפלאָכטן דעם לאַנגן צאָפּ, וואָס האָט איר דערגרייכט ביזן גאַרטל, און הײַדאַ... באַ די קאַליטקעס, לעבן די פּאַליסאַדניקעס האָבן שוין געוואַרט אויף איר די כאַווערטעס און וואָווע זאַהאַט. יאָסקע פּיסקון, אַרומגערינגלט מיט כעוורע, האָט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געצויגן די האַרמאָניק...

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען שפּאַצירט, געצונדן דעם שוואַרצן טרוקענעם קורײַ הינטערן סטאַוואָק און געשפּרונגען הויך איבער די פלאַקערנדיקע שײַטערס, געשפּילט אין כאַפּערלעך, מיט אַ קוויטשערײַ און געלעכטער זיך געיאָגט איבער דעם אויסגעטראָטענעם גליטשיקן גראָז איינער נאָכן אַנדערן, געזונגען די באַליבטע אוקראַיִנישע ליד „גאַליע” און די ייִדישע פאָלקסליד „פּיטשײַעווער מיידעלעך”, געטאַנצט, און אַז קיינער האָט ניט געזען, האָט זי זיך געקושט מיט וואָווען...

קומען אַהיים פלעגט זי זייער שפּעט, אַ מידע, אַ פאַרפלאַמטע, אַ גליקלעכע, יעדעס מאָל אַ זיכערע, אַז קיין שענערער אָוונט, ווי הײַנטיקער, איז אויף איר לעבן נאָך ניט געווען, און, אויסטועענדיק לעבן שוועל די אויסגעטראָטענע טופליעס, פלעגט זי אויף די שפּיץ פינגער, שטילערהייט אַרײַן אין שטוב, אַז דער טאַטע, פאַר וועמען זי האָט פון קינדווײַז אָן מוירע געהאַט, זאָל ניט הערן. אַ שמייכלענדיקע פלעגט זי זיך צולייגן אויף אַ פּאָר שאָ שלאָפן, צוטוליענדיק זיך מיטן קאָפּ צום קאַלטן קישן, און פאַרטאָג — שוין ווידער זײַן אויף די פיס; אַ פרישע, אָן איבערפולטע מיט פאַרגעניגנדיקע דערוואַרטונגען, אײַלן אויפן אויפוואַכנדיקן מיט טוי־באַדעקטן סטעפּ.

אין טיפן האַרבסט, ווען עס האָט אָן אויפהער געגענט, און אויך אין די ווינטערדיקע כאַדאָשים, ווען אַרבעט אין קאָלווירט איז געווען ווייניקער, איז זי אין דער פרײַער צײַט מער געווען באַ די כאַווערטעס און אין קלוב, ווי אין דער היים. זי פלעגט אַנטלויפן פון שטוב, ווײַל ס'האָט זי געצויגן זײַן צווישן די כעווּרע, און עפּשער אויך דערפאַר, וואָס עס האָט אויף איר געדריקט דעם טאַטנס באַשטענדיקע אָנגעכמורעטקײַט, זײַן שווער שווײַגן. צווישן מענטשן — אין קאָלווירט־הויף, אויפן סטעפּ, אין קאָנטאָר — איז ער דאַפקע געווען באַריידעוודיק, פלעגט זיך אַפילע כאָכמענען, אונטערשמייכלען מיט דעם אייניציקן אויג. נאָר אין דער היים, זינט זי געדענקט אים, האָט ער ווייניק גערעדט, זעלטן ווען אַ שמייכל געטאָן, געווען פאַרזאָרגט, און איר האָט זיך געדוכט, אַז ער איז שטענדיק מיט עפּעס ניט צופרידן.

דעריבער האָט זי זיך געסטאַרעט זײַן אין שטוב וואָס ווייניקער און אַזויאַרום זיך צוגעוווינט צו דעם, אַז זי האָט קימאַט אינגאַנצן ניט געהאָלפן דער מאַמען אין דער באַלעבאַטישקײַט.

נאָר אַלץ האָט זיך אומגעריכט געענדערט נאָכן פלוצלינגדיקן טויט פון דער מאַמען. נעכאַמקע איז פאַרבליבן אַליין מיטן טאַטן. פון דעמלט אָן האָט זיך אַרופגעוואַלגערט אויף איר די גאַנצע זאָרג וועגן דער מיטאַמאָל

פּוסט געוואָרענער שטוב און וועגן טאַטן, וואָס האָט אַף קיין האָר ניט גע־זאָרגט וועגן זיך. ער האָט געקאָנט אוועקפאָרן אַף אַ גאַנצן טאָג אין סטעפּ, ניט איבערבײַסנדיק, קומען אַ מידער, אַ פאַרשטויבטער שפּעט באַנאַכט און אַזוי ווי ער שטייט און גייט זיך צולייגן אַף דער הילצערנער הארטער קאַ־נאַפּע אין אָנטאָן און אָפּשלאָפן ביז אינדערפרי.

קומענדיק פאַרנאַכט פון סטעפּ, האָט נעכאַמקע געדאַרפט איצט ערשט נעמען קאָכן, וואַשן, ראַמען און וואַרטן, ביז דער טאַטע וועט קומען אָפּעסן.

שוין שפּעט אין אָוונט פלעגט זי מיט אַ פאַרבענקט האַרץ צולויפן אין איבערגעפולטן קלוב, ווו וואָווע האָט געוויינלעך געוואַרט אַף איר.

וואָווע איז געווען עלטער פון איר מער ווי אַף פינף יאָר און ביז פריזיוו זיך אַפילע ניט אומגעקוקט אַף איר. נאָר שוין אינעם ערשטן טאָג, ווען ער — דער יינגערער סערזשאַנט פון טאַנקען־מיליטער — האָט נאָכן אָפּדינען אומגעקערט זיך אַהיים, אין כוטאָר, האָט ער אין אָוונט, אַף דער באַגעגעניש אין קלוב, וואָס דער היגער קאָמסאָמאָל האָט צונויפגערופן, זי גלײַך באַמערקט. צווישן אַלע מיידלעך, וואָס זײַנען געווען אין קלוב, האָט זי זיך אויסגעטיילט מיט איר באַזונדערער שיינקייט. אַלץ אין איר איז געווען עפּעס מעכײַעדיק ליב: אי דער באַהאַלטענער כויזעק־בליק פון די ברענענדיקע שטיפערישע אויגן, אי דער שמייכל, וואָס האָט געשפּילט אַף די ליפּן, אי דער שוואַרצער גלאַנציקער צאָפּ, וואָס איז באַ איר געפאַלן איבערן אַקסל, אי דער שטעל, יעדעס פאַלדל אַפן קאָפּטעלע און אַפן קליידל האָט געשפּילט און געבעטן זיך: „גיב מיך אַ גלעט, ריר זיך צו מיר צו״... — און ס׳איז אים זייער וואַרעם געוואָרן אַפן האַרצן.

נעכאַמקע האָט דעמלט גלײַך באַמערקט, אַז ער קוקט אַף איר. און ס׳איז איר אָנגענעם און פריילעך געוואָרן פון דעם.

פון יענעם וווּנדערלעך־פרילינגדיקן אָוונט זײַנען אַלע כעוורע פון כו־טאָר מעקאַנע געווען וואָווען, און די מיידלעך — נעכאַמקען. זיי האָבן עס ביידע געפילט, און ס׳איז זיי געפעלן געווען.

יעדן פרײַען אָוונט פלעגן זיי, ניט צונויפגערעדט, זיך טרעפן אין קלוב אַף די טענץ, אָדער אינמיטן גאַס אַנטקעגן זאַהאָן, ווו מע האָט זיך געקליבן רעדלעכווײַז און געזונגען, אָדער אינעם יונגן, ניט לאַנג צוריק פאַר־פלאַנצטן גערטנדל לעבן דער נײַ־אויסגעבויטער געמויערטער שול, ווו יאָסקע האָט געשפּילט אַף דער האַרמאָניק, אָדער באַם שײַטער הינטערן סטאַוואָק...

און כאָטש אַרום איז געווען פול מיט יאַטן און מיידלעך, האָט זיי גע־דוכט, אַז זיי זײַנען נאָר אינצווייען, ווי זיי וואָלטן זײַן אין אַ וואַלד צווישן רוישנדיקעביימער און קיינער זעט זיי ניט, און קיינער ווייסט ניט, ווי גוט זיי איז, — שוין נאָר פון דעם, וואָס זיי זעען זיך, וואָס זיי שטייען איינס לעבן אַנדערן, וואָס פון צײַט צו צײַט רירן זיי זיך אָן אומבאַמערקט מיט די הענט...

ער איז איר געווען זייער צום האַרצן, וואָווע, אָט אַזאַ ווי ער איז — מיט די קלײַנע אַפן הויכן שטערן, מיט דער עטוואָס פאַריסענער נאָז, וואָס איז אַרומגעברוינט געווען פון דער זון, מיטן לענגלעכן האַלדז, מיט די קורץ

אונטערגעשוירענע האָר, מיט זײַן הויכן וווּקס, מיטן שטענדיקן וויצלען זיך, מיט זײַן גוטסקײַט און מיט זײַן פּלוצלינגדיקן בייזערן זיך...

יעדעס מאָל, ווען ער האָט זי אָנגענומען בא דער האַנט, איז בא איר אַדורך אַ הייסער מעכײַעדיקער שטראָם איבערן גאַנצן לײַב, זי האָט אופגעפלאַטערט און פון אונטן־ארויף געקוקט אף אים מיט עטוואָס דערשראָקענע און לויכטנדע אויגן, ווי זיי וואָלטן זאָגן: איך האָב דיך ליב... שטאַרק ליב...

זייער געבענקט האָט נעכאַמקע, ווען וואָווע איז אוועקגעפאָרן אף די דרײַכאַדאָשימדיקע קורסן קיין הולײַפּאָליע, נאָר דעמלט האָט נאָך געלעבט די מאַמע, צו וועמען זי האָט זיך געקאָנט צוטוליען. אָבער איצט? איצט איז אפילע איין טאָג איר שווער געווען אָן אים.

עס זײַנען שוין אַדורך העכער דרײַ וואָכן, ווי וואָווע איז אין עמטעעס. ער רעמאָנטירט דאָרט די טראַקטאָרן צום שניט. פון יענעם טאָג, זינט וואָווע איז אוועקגעפאָרן, איז נעכאַמקע, קומענדיק פון סטעפּ, שוין אין ערגעץ ניט געגאַנגען — ניט אין קלוב אף די טענץ, ניט אין גערטנדל אפן שפּאַציר און ניט צום סטאַוואָק. זי האָט געוואַרט אף וואָווען און פאַרגעניגן געהאַט שוין פון דעם אליין, וואָס זי וואַרט אף אים. זי האָט געציילט די טעג. יעדן טאָג האָט זי אָפּגעמערקט מיט אַ רינגעלע אף אַ פאַרבאַהאַלטענעם שטיקל פּאַפּיר. נעכאַמקע האָט אויסגעזוכט פאַרשיידענע אַרבעטן, קעדיי עס זאָל וואָס גיכער דורכגיין די צײַט: זי האָט אַרומגעשמירט די שטוב פון דרויסן, אויסגעקאַלכט זי צוויי מאָל נאָכאַנאַנד, אַרומגעפירט די שטוב־ווינקלען און די נידעריקע פענצטער מיט סינקע און די פריזבע מיט רויטער ליים (ערעוו מײַ, ווען אַלע קאָלווירטניצעס האָבן געקאַלכט זייערע שטיבער, האָט זי, די איינציקע, ניט געקאַלכט, ווײַל ס׳איז דעמלט נאָך ניט אַדורך קיין האַלב יאָר נאָך דער מאַמעס טויט), אַרומגעגראָבן די עטלעכע ווײַנשל־ און עפּלביימער אין פאַליסאַדניק, דורכגעיעט די הויך־פאַנאַנדערגעוואַקסענע געדיכט־בליִענדע מאַלוועס און אַרום די געאָרגינעס אַנטקעגן פענצטער...

גאַנצפרי האָט נעכאַמקע זיך דערוווּסט: דער קאָלווירטישער בריוטרעגער, דער אַלטער ראַכמיִעל, האָט עמעצן פון זייער פעלד־בריגאַדע געזאָגט, אַז הײַנט, שאַבעס, דאַרפן די טראַקטאָריסטן זיך אומקערן פון דער עמטעעס. דעם גאַנצן טאָג האָט נעכאַמקע אין סטעפּ אפילע זיך ניט צוגעזעצט, ניט אָפּגערוט, די זון האָט הייס געבאַקן, און זי האָט אף אַ מינוט ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט די סאַפּקע, געיאָגט, געײַלט וואָס גיכער אויסיעטן די קוקורוזע, קעדיי הײַנט פריִער קומען אַהיים. דאָך איז זי אַהיים געקומען אַ סאַך שפּעטער, ווי שטענדיק. דער בריגאַדיר, שעפטל, האָט נאָך ניט געהאַט זיך אומגעקערט פון הולײַפּאָליע, פון דער ראַיאָנער באַראַטונג, און איר איז אויסגעקומען פאַרצייכענען, וויפל רייען האָט יעדעס פון די מיידלעך אויסגעיעט. זי האָט זייער געײַלט און דעריבער עטלעכע מאָל זיך פאַרפּלאָנטערט, און ס׳איז איר אויסגעקומען אָנהייבן ציילן פונדאָסנײַ. דאָס האָט אָפּגענומען אַ סאַך צײַט, און זי איז שוין געווען אין קאַס אפן בריגאַדיר, וואָס ער האָט זיך פאַרהאַלטן. פּונקט הײַנט האָט דאָס געדאַרפט טרעפן בא אים.

אלע מיידלעך זײַנען שוין פֿון לאַנג געווען אין כּוטאַר, און נעכאַמקע האָט זיך נאָך אַלץ פֿאַרטראַגן אַרומגעדרייט בײַ דער קוקורוזע.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל, ווען זי איז אַ פֿאַרפּלאָנטעטע געקומען אַהיים. זי האָט גיך זיך אַרומגעוואַשן, צעקעמט די האָר. אײַליק פֿאַר־פּלעכטנדיק דעם צאָפּ, האָט זי אַלע ווײַלע אַרויסגעקוקט דורכן גאַס־פֿענצ־טער. איר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז זי הערט טריט. נאָר קיינער איז ניט געגאַנגען אַהער. „וואָוועס האָט שוין געקאָנט זײַן דאָ, ניט געטראָפֿן מיך און אַוועק". נעכאַמקע האָט אַ באַומרויִקטע גיך אָנגעטאָן דאָס בלאָווע קאָפֿטע־לע, וואָס האָט זייער געפּאַסט צו איר פֿאַרברוינטן פּאָנעם, פֿאַרוואָרפֿן דעם צאָפּ איבערן אַקסל, אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגעלע און אַ צופֿרידענע אַליין זיך געוויזן אַ צונג.

פֿאַרגעסנדיק אויסלעשן די שײַן, איז זי אַרויס אין בלויליכן דרויסן. זי איז אַרײַן אין פּאַליסאַדניק, זיך פֿאַרקליבן אויפֿן נידעריקן פּריסאָרטיקן עפּלבוים, וואָס איז געוואַקסן סאַמע אַנטקעגן דעם באַלויכטענעם פֿענצטער, אָפּגעריסן אַן ערשט רײַף־געוואָרענעם ווײַס־אָנגעגאָסענעם עפּל און באַ־האַלטן אין קעשענע פֿאַר וואָווען.

לעבן דער קאַליטקע איז זי אין פֿאַרלעגנהײַט געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק, צי זאָל זי גיין צו וואָווען אַהיים אָדער גיין גלײַך אין קלוב, פֿונוואַנען עס האָט זיך שוין פֿון לאַנג דערטראָגן מוזיק. דורך דער אָוונטי־קער בלויקײַט האָט זי באַמערקט עמעצן גיין ווײַט אַרוף־גאַס. דאָס האַרץ האָט בײַ איר אויפֿגעצאַפּלט. נעכאַמקע האָט זיך געלאָזט לויפֿן מיט דער סטעזשקע. נאָר ס'איז געווען ניט וואָווע. זי האָט זיך אומגעקערט און איז מיט גיכע טריט אַוועק אין קלוב. „וואָווע איז מיסטאַמע שוין דאָרט. ער קער שוין פֿון לאַנג וואַרטן אויף איר".

אַ פֿאַרויטלטע, אַ שמייכלענדיקע איז זי אַרײַן אין דעם פֿולגעפּאַקטן קלוב, ווי אויף אירן אַ יאָמטעוו, און צווישן דעם טומלדיקן אוילעם גלײַך דערזען וואָווען. זי איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר מיטן שפּילנדיקן שמייכל אויף די ליפּן, גרייט אָט־אָט זיך באַגעגענען מיט זײַן בליק. נאָר וואָווע האָט זיך אַפֿילע ניט אומגעקוקט.

„איצט איז זי געקומען... און ווו איז זי ביז איצט געווען, האַ?.. אַ גאַנצן פֿאַרנאַכט געוואַרט אויף איר. און זי? זי האָט דאָך געוווּסט, אַז איך דאַרף הײַנט קומען, איז צוליב וועמען האָט זי זיך עס פֿאַרהאַלטן ביז איצט?".

אָנגעטאָן אין אַ ווײַס העמדל, איז ער געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט יאַטן און מיידלעך, זיך געסטאַרעט ניט אַרויסווײַזן זײַן אופֿגערעגטקײַט און זיך געוויצלט.

נעכאַמקע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט. זי האָט זיך אײַ געוווּנדערט, אײַ געפּילט זיך באַליידיקט, וואָס ער קוקט זיך ניט אום צו איר. „כאַכמעט זיך... צוליב וועמען כאַכמעט ער זיך?" נעכאַמקע האָט מיטאַמאָל באַמערקט לעבן אים די נײַ־צוגעשיקטע לערערן. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן גיך־גיך. זי האָט זיך פֿאַרלוירן און שוין ניט געוווּסט וואָס צו טאָן: צוגיין צו זיי אָדער אינגאַנצן אַוועקגיין. „און וואָס וועט זײַן, אַז זי וועט אַוועק? פֿאַרוואָס זאָל זי אַוועק? וווהין?.."

אין דער זעלבער רעגע האָט זי באַמערקט לעבן סטענד מיט די עקספּאָנאַטן פון דער פּאַראַיאַריקער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג זיאַמען פונעם שכיינעסדיקן קאָלווירט, וועמעס פאָטאָגראַפיע עס איז געווען אָפּגעדרוקט באַנאַנד מיט אירער אין דער ראַיאָנער צײַטונג.

מיט אַן איבערגעטריבענער פרייד האָט זי אַ צעשטרייטע זיך געלאָזט צו אים.

— זיאַמע! — האָט זי זייער הויך אויסגערופן. — ווי?אזוי?.. ווען?..

זיאַמע האָט רויט ווערנדיק עפּעס געענטפערט, און נעכאַמקע האָט זיך הויך צעלאַכט. זי האָט אים געדריקט די האַנט, צופרידן געווען, וואָס זי האָט אים דאָ געטראָפן. די אויגן האָבן בײַ איר געפינקלט, ווי שוואַרצע ווײַנשל נאָך אַ רעגן.

נעכאַמקע האָט אים נאָך עפּעס־וואָס אַ זאָג געטאָן און זיך ווידער הויך צעלאַכט. נאָר אַרום וואָוען איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פריילעכער טומל און ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אהער.

„צי דען הערט ער ניט?“ — איר האָט זיך פאַרוואָלט אַ קלאַפּ טאָן מיטן פוס אין פויק, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער וואַנט, אָדער... זי האָט אַליין ניט געוווּסט וואָס. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן זיאַמען אונטערן אָרעם און, ניט אופהערנדיק אים עפּעס צו דערציילן און לאַכן דערבײַ, געבליבן שטיין מיט אים אינמיטן זאַל. „פאַרוואָס קוקט ער זיך ניט אום, פאַרוואָס גייט ער ניט צו?“ — האָט נעכאַמקע ניט פאַרשטאַנען. אַן אופגערודערטע האָט זי זיך אָנגעבויגן, געזאָגט עפּעס זיאַמען אפן אויער און, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אהינטער, זיך צעלאַכט אפן גאַנצן זאַל. וואָווע האָט האַסטיק זיך אומגעקוקט און פון אומגעריכטקײַט דערפילט, ווי מע וואָלט אים אָפּגעפליוכעט מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער. „ווי קומט אהער זיאַמע?“ ער האָט געוווּסט, אַז זיאַמען געפעלט זייער נעכאַמקע. און אויב ער איז געקומען אהער, איז עס צוליב איר... געמיינט, קאָנטיק, אַז ער, וואָווע, איז נאָך אין דער עמטעס. וואָס זשע לאַכט זי אַזוי?.. ער האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי שיין... וואָווע האָט גיך פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס און שוין געוואָלט צוגיין צו איר. „רויק, דעריקער רויק“... נאָר ער האָט מיטאַמאָל דערזען, ווי זי האָט אָנגעכאַפּט זיאַמען פאַר דער האַנט. עס האָט אים אַ ברי געטאָן, ווי זי וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן מיט אַ ווילע אין סאַמע האַרצן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן באַמערקט, ווי נעכאַמקע האָט אַ דריק געטאָן זיאַמען די האַנט, און זיי קוקן איצט אַלע אָף אים. ניין, ער וועט צו איר ניט צוגיין... ווײַבאַלד אַזוי... ניין, בעשום־אויפן ניט.

ס׳האָט אָנגעהויבן שפּילן די מוזיק. וואָווע האָט אוועקגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס, צעטומלט זיך אַרומגעקוקט און מיטאַמאָל אונטערגעכאַפּט די לערערן, וועלכע איז אַ פאַרטרוימטע געשטאַנען דערבײַ, און מיט אימפּעט, פילנדיק, ווי עס קאָכט אין אים דאָס בלוט, זיך פאַרדרייט, פאַרוויכרעוועט מיט איר אין האַסטיקן וואַלס.

נעכאַמקע האָט זיך אָנגעצונדן. זי האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן זיאַמען און זיך האַסטיק אויסגעדרייט צום פענצטער. זי האָט ניט געקאָנט זען, ווי ער, וואָווע, טאַנצט מיט דער לערערן. זיאַמע האָט זיך אויך אויסגעדרייט. ער איז געווען צעטומלט פון גליק, וואָס זי שטייט לעבן אים. ער האָט איר

עפּעס געענטפערט, נאָר זי האָט ניט געהערט וואָס. זי האָט גאָרנישט ניט געהערט. זי האָט איצט נאָר געהערט, ווי מע שאַרט מיט די פיס איבערן דיל, און, ניט אומקוקנדיק זיך, האָט זי געפילט מיט דער פּלייצע, מיט דעם אָפּענעם האַלדז, מיט איר גאַנצן וועזן, אַז דרייענדיק זיך אין וואַלס, דער־נעענטערט זיך וואָווע מיט דער לערערן אַהער, אַלץ מער צו איר, און איר האָט אין דער מינוט זיך געדאַכט, אַז זי שטייט מיט באָרוועסע פיס אויף שאַרפע שטיקלעך גלאָז.

„זאָלן זיי טאַנצן אַפילו ביז אינדערפרי!" — ס'האָט זי געקימערט איצט נאָר איינס: אַז וואָווע און די לערערן זאָלן גאָרנישט ניט באַמערקן אין איר. האָט זי דעריבער די גאַנצע צייט אָן אויפהער גערעדט צו זיאַמען. זי ווייסט אַליין ניט, וואָס זי האָט גערעדט, גערעדט און געלאַכט. און טיף אין האַרצן האָט זי דאָך געהאָפט, אַז, דערנעענטערנדיק זיך, וועט וואָווע איבערלאָזן די לערערן און צוגיין צו איר. אָט־אָט וועט ער צוגיין. נאָר זיי האָבן אין גיכן וואַלס זיך דורכגעדרייט סאַמע לעבן אירע אַקסל און אַוועק ווייטער, ווייטער...

נעכאַמקע האָט ביז ווייטעק פאַרביסן די ליפּן. זי האָט פּלוצלינג, גאָר־נישט ניט זאָגנדיק, איבערגעלאָזט זיאַמען און, אויפפּראַלנדיק די טיר, אַרויסגעלאָפן פון קלוב. אין הויף האָט זי אין דער טונקל אָנגעטראָפן אויף דעם מילבער־בוים און זיך צוגעטוליעט צו אים. איר יונגע, ניט גרויסע ברוסט האָט זיך האַסטיק באַוועגט אונטער דעם שטייף־אָנגעצויגענעם קאַפטל. נעכאַמקע האָט צוגעמאַכט די אויגן. זי האָט מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם זיך צוגעהערט... עפּשער גייט ער? נאָר אין קלוב האָט אַלץ געשפּילט די מוזיק, מע האָט געטאַנצט, און קיינער איז ניט אַרויס צו איר.

— איך האָב אים פיינט... איך דאַרף אים ניט!.. — זי האָט מיט פאַר־דראָס זיך געלאָזט גיין מיט דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט לענגויס די פּאַליסאַדניקעס. זי איז געגאַנגען, אַליין ניט וויסנדיק וווהין. און דאָס האַרץ איז צעריסן געוואָרן פון ווייטעק. „ניט צוגעגאַנגען אַפילו... די לערערן איז אים געפעלן געוואָרן... אין עמעטעס האָט ער מיס־טאָמע אויך געהאַט עמעצן... און אין דער אַרמיי אויך... און אַז ער איז געווען אויף די קורסן אין האָלי־פּאָליע... אומעטום... אומעטום האָט ער גע־האַט..." נעכאַמקע איז איצט גרייט געווען זאָגן וועגן אים דאָס ערגסטע.

ס'האָט זי שוין אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס זי איז אַוועק פון קלוב. די מיידלעך האָבן געוויס באַמערקט. מע קאָן שוין לאַכן פון איר: „אַנטלאָפן..." זי איז שוין גרייט זיך אומקערן. מאַלע וואָס זי איז אַרויס אויף אַ ווײַלע. אין קלוב איז הייס, זי האָט געוואָלט אַ ביסל עטעמען מיט פרישער לופט. וואָסי, מע טאָר שוין ניט אַרויס אויף אַ ווײַלע?..

נאָר מיטאַמאָל האָט זי דערהערט הינטער זיך גיכע, זייער פעסטע טריט. זי האָט אויפגעציטערט. זײַנע טריט. יאָ, ס'איז ער... — און ס'האָט אין איר נאָך מער, ווי פריִער, אויפגעפלאַמט דער פאַרדראָס אויף אים. זי האָט זיך געלאָזט גיכער גיין. זאָל ער זי רופן, זאָל ער בעטן, זי וועט סײַווי זיך ניט אומקוקן, זי וועט סײַווי זיך ניט אָפּשטעלן. זי איז געגאַנגען אַלץ גיכער און גיכער, שיִער ניט געלאָפן, און דאָס האַרץ איז אויסגעגאַנגען, ער זאָל זי דעריאָגן, אַרומכאַפּן מיט די שטאַרקע הענט, צודריקן זי צו זיך און

בעטן זי, בעטן... ער האָט דאָך געוואַרט אַף איר... ער האָט זי ליב... ער האָט זי זייער ליב... און זי — ניין!.. איינמאָל ניין און גאָר. זי וויל אפילע ניט הערן. און ער ציט זי צו זיך, ער גלעט איר די האָר. נאָר זי שטופּט אים אָפּ מיט אַלע קויכעס: „גיי... לאָז... גיי פון מירן!..״ זי רײַסט זיך אַרויס פון זײַנע אָרעמס... „ניין, ניין!.. ריר זיך ניט צו צו מירן!..״ — און ס׳איז איר גוט. ס׳איז איר גוט פון דעם, וואָס ער בעט זיך באַ איר און וויל זי אַרומנעמען, און נאָך מער, וואָס זי גיט זיך ניט אונטער...

נאָר פּלוצעם דערפּילט נעכאַמקע אַ מאָדנע שוואַכקײַט אין גאַנצן קערפּער. די טריט הינטער איר האָבן אומגעריכט פאַרקערעוועט גאָר ערגעץ אין אַ זײַט. זי האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט. ס׳איז גאָר ניט וואָווע. ס׳איז גאָר איינער פון די אָנגעפאָרענע געסט אַרײַן צו דאָדיע בורלאַקן אין הויף.

זי איז געבליבן שטיין, ווי אָן אָפּגענאַרטע, ביז וויטעק געדרייט אַרום האַנט דעם צאָפּ און געביסן זיך די ליפּן. וואָס טאָן? וווּהין גיין איצט? צוריק אין קלוב? ניין. אַהיים? אויך ניט. צו וועמען? זי וויל איצט קיינעם ניט זען, זי וויל זײַן אַליין.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זי זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַס. די לעוואָנע איז איר שטיל נאָכגעגאַנגען. נעכאַמקע גייט מיטן ווײַס־אויסגעפאַרענעם וועג, און די לעוואָנע שפּרינגט איבער די דעכער. פון איין דאָך אַפן צווייטן. די שטרויענע און טשערעפּענע דעכער זײַנען ערטערווײַז באַהעלט פון דער לעוואָנע־שײַן. פון די טונקעלע קוימענס, וואָס סטאַרטשען אַרויס צום הימל, גייט אַ רויך... ניין, זי טראַכט מער ניט וועגן וואָווען. סאַראַ געדיכטער רויך עס קנוילט פון די קוימענס...

נעכאַמקע האָט ניט באַמערקט, ווי זי איז אַדורך פאַרבײַ דעם פּאָסטן זאַהאָן, פאַרבײַ די אָנגעשטעלטע וועגענער און שנײַד־מאַשינעס לעבן דער נידעריקער קוזניע און אַרויס אויסער דעם כוטאָר. אַף דער באַלויכטענער הויך־אָנגעשאָטענער הרעבליע איז זי געבליבן שטיין. פון דעם באַנאַכטיקן סוידעספּולן סטעפּ האָט זיך אַהער דערטראָגן אַן אומופּהערלעכע גרילצערײַ פון צירקונען און זייער אַ ווײַט האַרציק־צעצויגן מיידלש געזאַנג. ערגעץ הינטער די מאָהילקעס האָט אומעטיק און איינזאַם געקוקעט אַ קוקאַווקע. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערטראָגן אַ בענקענדיק הירזשען פון אַ יונגער לאָשיצע אַף דער פּאַשע און אַ פאַרטויבט בילן פון אַ הונט אַפן ברעג כוטאָר. צווישן דעם הויכן און געדיכטן אָטשערעט האָבן געקוואַקעט די פראָשן, ווי זיי וואָלטן זיך איבערגערופן מיט דער קוקאַווקע: קוואַ־קוואַ... קו־קו...

ווי גוט עס איז, וואָס עס הירזשעט ערגעץ אַף דער היי־לאָנקע די לאָשיצע. ווען זי וואָלט ניט געהירזשעט, וואָלט עפּעס געפעלט אין דער נאַכט; גוט, וואָס עס בילט דער הונט, וואָס עס סקריפּעט דער קאָלאָוואָראָט באַ אַ ברונעם, וואָס עס הודעט די עלעקטראָסטאַנציע, וואָס עס שפּילן, ווי אַף הונדערטער דינע פײַפעלעך, די נאַכט־צירקונען...

אַלץ אַרום איז פאַרפולט געוועזן מיט רירנדיקער שיינקײַט — דער זייער

בלויער הימל, און די ווײַטע פינקלדיקע שטערן, וואָס האָבן זיך פריילעך אָפּגעשפּיגלט אין גלאַטן רויִקן סטאַוואָק, און דער גרין באַזילבערטער אָטשערעט, און דער ברייט אויסגעפּאַרענער וועג, וואָס האָט זיך שטיל געשלענגלט ארויף־באַרג, און די פּיצינקע עלעקטרישע פײַערלעך, וועלכע שעמערירן און ווינקען אהער אזש פון קאָוואַלעווסק, און די הויך־אָנגע־שאָטענע הרעבליע אליין, א באַגאַסטענע מיט לעוואָנע־שײַן... פון סטאַוואָק טראָגט מיט קילקײַט, מיט פרישקײַט. פון סטעפּ — מיט געדיכטן גערוך פון צײַטיק־ווערנדיקע טוועס... „סאַרא נאַכט... און אָט גייט זי אוועק... און זי וועט זיך דאָך שוין מער ניט אומקערן... קיינמאָל... אזא נאַכט... און אלץ צוליב אים...״ — נעכאַמקע האָט זיך מיטאמאָל דערמאָנט אָן דעם ווײַסן זאַפּטיקן עפּל, וואָס זי האָט אָפּגעריסן פון בוים פאַר וואָווען. זי האָט ארויס־גענומען דעם קילבלעכן עפּל פון קעשענקע, צוגעדריקט אים צו דער הייסער באַק. עס האָט שאַרף געשמעקט פון אים מיט ווײַניקײַט, ווי גע־ווײנלעך פון אן ערשט רײַפּווערנדיקער פּרוכט. „צוליב וואָס האָט זי אים אָפּגעריסן... וואָס טראָגט זי אים?..״

נעכאַמקע האָט א שלײַדער געטאָן דעם זאַפּטיק־ווײַסן עפּל אין סטאַוואָק ארײַן. ערגעץ ווײַט האָט זיך דערטראָגן א פּליעסק איבערן פולן וואַסער, און עס האָבן זיך באַלד באַוויזן באַזילבערטע פון דער לעוואָנע־שײַן דינע רינגען. צוביסלעך זײַנען די רינגען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אלץ ברייטער און ברייטער, ביז זיי האָבן שטיל־שטיל זיך אָנגערירט אָן דער הרעבליע...

נעכאַמקע האָט געקוקט אַף די קרײַזן, און אירע אויגן זײַנען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. „איצט איז אויס... אויס...״ די אַקסל האָבן בא איר אונטערגעציטערט. מיטן שווארצן גלאַנציקן צאָפּ האָט זי זיך געווישט די פײַכטע באַקן און געכליפּעט. דאָרט אין קלוב... דאָרט שפּילט נאָך אלץ די מוזיק... און ער... ער איז דאָרט מיט אן אנדערער...

— —

נאָר וואָווע איז שוין אין קלוב ניט געווען. ווי נאָר ער האָט פאַרענ־דיקט טאַנצן דעם וואַלס מיט דער לערערן, האָט ער צעטראָגן זיך ארומ־געקוקט און גלײַך באַמערקט, אז נעכאַמקע איז אין זאַל ניטאָ. דאָס ער־שטע — ער האָט א זוך געטאָן מיט די אויגן זיאמען. זיאמע איז אויך ניט געווען. וואָווען איז מיטאמאָל שטאַרק הייס געוואָרן. דאָס ווײַסע זעפירענע העמדל האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער פּלייצע. נאָר ער האָט געלאָזן ארויס־גענומען א פּאַפּיראָס, זיך אנטשולדיקט פאַר דער לערערן — „מע דאַרף פאַרייכערן״, און מיט אײַנגעהאַלטענע, געמאָסטענע טריט זיך געלאָזט גיין צווישן דעם זאַרגלאָז־טומלדיקן עולעם. דערנענטערנדיק זיך צו דער טיר, זײַנען די טריט בא אים געוואָרן אומרויִקער: „אוועק מיט אים... נו, גוט... ער וועט, אויב אזוי, זיי באַלד דאַפּקע פאַקן״...

א צעהיצטער איז ער ארויס אין דרויסן, אָפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, אומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, און מיטאמאָל פאַרלוירן א פּינטל געטאָן מיט די אומרויִקע אויגן. עטוואָס אין א זײַט, אונטער אן אקאַציע־בוים, איז אַף דער לאַנגער הילצערנער באַנק געזעסן זיאמע... זיאמע און יאַסקע פּיסקון. זיי האָבן גערייכערט און, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אנדערן, פאַרכאַפּט גערעדט וועגן דער ראַיאָנער ספּאַרטאַקיִאַדע.

וואָווע האָט זיך דערפילט מיטאמאָל ווי שולדיק פאר זיאמען און אומבאמערקט ארויס אין גאס. אף דער ברייטער און שטילער גאס איז ער א פארזאָרגטער געבליבן שטיין און זיך אומגעקוקט. „וווהין האָט זי געקאָנט אוועקגיין... זיך באליידיקט, וואָס ער האָט געטאנצט מיט דער לערערן. — ס'האָט אים שוין אויך באנק געטאָן. — צוליב וואָס האָט ער עס באדארפט? מאלע וואָס זי האָט זיך פארהאלטן. די מיידלעך האָבן דאָך געזאָגט, אז זי איז נאָך אין סטעפּ. נו, איז וואָס, אז זיי האָבן זיך געוויצלט דערבײַ... און ער האָט זיך שוין אָנגעצונדן, ניט צוגעגאנגען צו איר. נו, איז וואָס, אז זי איז געשטאנען מיט זיאמען... נו, האָט זי געלאכט. דעריבער... אָט זיצט זיאמע גאָר מיט יאָסקען. און זי איז אוועק אליין...”

וואָווע האָט אויסגעריבן עטלעכע שוועבעלעך, ביז ער האָט צוגערייכערט דעם פּאפּיראָס. ער האָט זיך עטלעכע מאָל נאָכאנאנד שטארק פארצויגן און זיך געלאָזט גיין אראָפּ־גאס. אים האָט זיך געוואָלט איצט איין זאך — טרעפן זי אין דער היים. פונדערווײַטן נאָך האָט ער באמערקט, אז די פענצטער זײַנען דאָרט ליכטיק. ער האָט זיך דערפרייט: „זי איז אין דער היים”. ער האָט געוווסט, אז איר טאטע איז פארנאכט נאָך אוועקגעפאָרן אפן פּלענום פון דאָרפראט און דארף זיך אומקערן ערשט מאָרגן. „הייסט עס, אז זי איז אין דער היים”.

וואָווע איז ארײַן אין הויף. דאָס איינציקע פענצטער פון נעכאמקעס צימערל איז געווען פאנאנדערגעעפנט. ער האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן — א רוף טאָן זי אָדער שטילערהייט צוגיין. אויב ער וועט צוגיין אומגעריכט, קאָן זי נאָך דערשרעקן זיך. ער האָט געמאכט א פּאָר טריט צום אָפּענעם פענצטער און שטיל א רוף געטאָן. פון אונטער דער סטריכע איז צעפודזשעט ארויסגעפליגן א שוועלבעלע.

אײַנהאלטנדיק דעם אָטעם, האָט וואָווע ווידער שטיל א רוף געטאָן:

— נעכאמע...

ער האָט געווארט, אָט וועט זי ענטפערן, זי וועט ארויסקוקן דורכן פענצטער. נאָר קיינער האָט ניט געענטפערט. „זאָל זײַן, אז זי שלאָפט שוין?..” ער איז מיט גיכע טריט צוגעגאנגען צום סאמע פענצטער און פארהויבן דאָס ווײַסע פאָרהענגל.

— נעכאמע!..

קיינער איז אין שטוב ניט געווען. דאָס איז פאר אים געווען אינגאנצן אומדערווארט. ער האָט א מידער זיך אוועקגעזעצט אף דער נידעריקער פריזבע און ארויסגענומען פון קעשענע די פּאפּיראָסן. „אָט א געשיכטע... גיי ווייס... אזא פארדרייעניש... און צוליב וואָס? ער ווייסט אליין ניט, צוליב וואָס... ער דארף דאָך מאָרגן פאָרן צוריק אין דער עמטעס. און זי ווייסט אפילע ניט. וויאזוי וועט ער אוועקפאָרן, אויב ער וועט זי הײַנט ניט זען?” אפן הארצן איז אים געוואָרן זייער שווער, ווי מע וואָלט אראָפּגעקײַקלט אף אים דעם דרעש־שטיין, וואָס וואלגערט זיך בא זיי הינטער דער שטוב. ער וויל אים אראָפּקײַקלען, נאָר ער קאָן ניט. דאָס איינציקע, וואָס אים איז געבליבן, איז — פארייכערן. ער האָט גערייכערט איין פּאפּיראָס נאָכן אנדערן. עס ענדיקן זיך שוין באלד די פּאפּיראָסן, און זי איז נאָך אלץ ניטאָ...

אין קלוב האָט אופגעהערט שפּילן די מוזיק און דער אוילעם האָט זיך ארויסגעשאָטן אין דרויסן. וואָווע האָט געהערט, ווי מע האָט כאַפּטעסוויִז געשפּאנט איבער דער באנאכטיקער גאַס, הויך גערעדט, געלאכט און, איבערופנדיק זיך איינער מיטן אנדערן, זיך צעגאנגען איבער די הויפן.

אפן כוטאָר איז פון מאָל צו מאָל געוואָרן טונקעלער. עס האָט זיך אָנ־געהויבן לעשן די שײַן אין די פענצטער — פריִער אין איין שטוב, באלד אין א צווייטער, אין דער אנטקעגנדיקער, אין מיט כוטאָר, אראָפּ צו דער הרעבליע, אפן סאמע עק גאַס... אין א קורצער ווײַלע האָט זיך אויסגעלאָשן די שײַן קימאט אין אלע שטיבער. עס האָט זיך נאָך קוים באמערקבאר גע־לויכטן פון שעפּטלס שטוב, וואָס איז באהאלטן געווען אינעם געדיכטן גע־בלעטער פון די ביימער אין פּאליסאדניק. זעלדע איז נאָך, קאָנטיק, ניט געשלאָפן, געוואַרט אף שעפּטלען, וואָס האָט געדאַרפט זיך שוין אָט־אָט אומקערן פון דער ראיאָנער בעראטונג, פון הולײַפּאָליע.

און וואָווע איז אלץ געזעסן אף דער פּריזבע, גערייכערט און צוגע־הערט זיך צו יעדן שאָרך. עפּשער גייט זי. ער איז געווען אין קאַס סײַ אף איר, סײַ אף זיך, וואָס זיי דערגייען זיך אומזיסט און אומנישט די יאָרן.

„פארוואָס איז עס אזוי? — האָט ער מיט פארביטערונג געטראכט. — פארוואָס זאָלן די סאמע נאָענטסטע מענטשן פארשאפן איינער דעם אנדערן אזויפיל פארדראָס?.. פארוואָס טאָן טאָן איינער דעם אנדערן אפצולאָכעס?.. ער האָט זיך קוים ארויסגעריסן פון עמטעטס אף איין מעסלעס, אף איין אָוונט, קעדיי זען זי, זײַן מיט איר... און אָט... ס׳גייט שוין דורך די נאכט, און זי איז ניטאָ... בארויגעז געוואָרן. און צוליב וואָס... צוליב גאָרנישט. צוליב א נארישקײַט...״

אנטקעגן אפן גראָז איז געפאלן א בלאסע־שײַן פון פענצטער. מיטאמאָל איז געוואָרן פינצטער. די שײַן אין נעכאמעס פענצטער האָט זיך אויסגע־לאָשן.

וואָווע איז אופגעשפּרונגען. נאָר איידער ער האָט באוויזן זיך דער־נעענטערן צום פענצטער, האָט עמעץ עס האסטיק פון אינעווייניק פארמאכט.

„געקומען״, — ער האָט צעטומלט פאנאנדערגעשפּיליעט דעם קאָלנער און צוגעשפּארט זיך מיטן פּאָנעם צו דער בלויער קילבלעכער שויב.

— נעכאמע...

ער האָט א ווײַלע אָנגעשטרענגט געוואַרט. זי האָט ניט געענטפערט. אין צימער איז געווען פינצטער, און ער האָט דורך דער שויב גאָרנישט ניט געזען. ער האָט נאָר געהערט, ווי עס האָט א סקריפּע געטאָן עפּעס א בענקל צי דאָס בעטל.

— נעכאמע... — האָט ער ווידעראמאָל א רוף געטאָן.

א דארער, א הויכער, איז וואָווע אומבאהאָלפן געשטאנען לעבן דעם פארמאכטן פענצטער. ער האָט ניט געוווסט, וואָס צו טאָן. ווען זי ענטפערט אים כאָטש מיט איין וואָרט. זאָל זי אים זידלען, זאָל זי אים זאָגן דאָס ערגסטע, נאָר ניט שווײַגן.

— נעכאמע... איך וואַרט דאָך שוין עפּשער דרײַ שאָ אף דיר... נו, וואָס שווײַגסטו?.. ווילסט, איך זאָל אוועקגיין?.. נו, זאָג... זאָג, וועל איך אוועק...

נאָר וויפל ער האָט ניט גערעדט, האָט זי ניט געענטפערט. זי איז גע־לעגן אויסגעצויגן מיטן פּאָנעם אַראָפּ אויף דעם שמאָלן אײַזערנעם בעטל אין דעם אָנטאָן און אין די טופליעס, אַזוי ווי זי איז אָקאָרשט אַ צעבראָכענע געקומען פון דער הרעבליע, און דאָס הארץ איז בא איר צעריסן געוואָרן אויף שטיקער פון פאַרדראָס.

„פאַרוואָס קומט עס איר?.. פאַרוואָס?.. דערפאַר, וואָס זי האָט אַזוי געוואָרט אויף אים... דערפאַר, וואָס זי איז פאַר דער גאַנצער צײַט, ווען ער איז ניט געווען, אַפילע קיין איין מאָל אין קלוב ניט אַרײַן... דערפאַר, וואָס זי האָט אין ערגעץ ניט געמאַכט קיין טראָט אָן אים... און ער... אַזוי פּײַניקן זי... אַרויסשטעלן פאַר אַלעמען צום געלעכטער... און נאָך דעם אַלעמען איז ער איצט נאָך געקומען אַהער?״ — זי איז אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צום פענצטער און מיט קאַס אַראָפּגעלאָזט דאָס פאָרהענגל.

בא וואָוען איז אַרויסגעטראָטן אַ געדיכטער שווייס אויפן שטערן. ער האָט אַ זוך געטאָן מיט דער האַנט אין קעשענע. ווו זײַנען די פּאַפּיראָסן? ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער האָט אויסגערייכערט אַלע ביז איינעם. ווי־אַזוי האָט ער עס גאָרנישט איבערגעלאָזט? אַזאַ פאַרדרייעניש. גיי ווייס... דער רועך האָט אים געטראָגן טאַנצן מיט דער לערערן.

— נעכאַמע... נו, זײַ ניט באַרויגעז... נו, איך בין שולדיק... איך... נו, גוט?.. איך בין דאָך... איך בין גלײַך אַרויס... גלײַך נאָך דיר... געזוכט... געוואָרט דאָ... נעכאַמע, נו, גיי צו אַהער... איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן... איך פאָר דאָך מאָרגן אַוועק... דו הערסט?.. איך פאָר אַוועק...

„זאָל ער פאָרן, זאָל ער פאָרן!..״ — האָט זי פאַרביסן געטײַנעט אין זיך. די אַלע רייד זײַנע האָבן זי איצט ניט גערירט. איצט האָט זי געוואָלט נאָר איינס: ער זאָל זידלען די לערערן. ער זאָל זאָגן, אַז ער קאָן זי ניט אָנקוקן.

און כאָטש וואָווע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איינציקע מיטל אויף איבער־בעטן איצט נעכאַמען איז זידלען די לערערן, נאָר טאָן דאָס האָט ער ניט געקאָנט. ניט ווײַל די לערערן איז אים געפעלן געווען, זי איז אים איב־גאַנצן ניט אָנגעגאַנגען, און דעריבער טאַקע האָט ער וועגן איר קיין איין שלעכט וואָרט ניט געקאָנט זאָגן. וואָס האָט ער צו דער לערערן? זי איז איינע אַליין. אַן עלנטע. אין וואָס איז זי שולדיק?..

— נעכאַמע! — איז ער מיטאַמאָל אין קאַס געוואָרן. — דו ענטפערסט, צי ניט?.. דו הערסט? איך פרעג ס'לעצטע מאָל... ניין... ענטפערסט ניט?.. איז גיי איך אַוועק... הערסט?.. — האָט ער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. — איך גיי אַוועק... נאָר געדענק. מער וועסטו מיך דאָ ניט זען... דו הערסט? קיינמאָל ניט!..

נעכאַמקע האָט אַפילע קיין ריר ניט געטאָן מיט קיין אייווער. ניט געענטפערט. זי איז זיכער געווען, אַז ער וועט ניט אַוועק. ער וועט ווידער אָנקלאַפּן. דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געזאָגט, איז פאַר איר געווען ווייניק. זי האָט נאָך אַלץ געוואַרט, אַז ער זאָל זאָגן וועגן דער לערערן עפּעס שלעכטס, מיט עפּעס זי אויסלאַכן, דערנידעריקן. דעמלט וועט איר גרינגער ווערן אויפן האַרצן. דעמלט וועט זי אים עפּשער ענטפערן. נאָר

ער האָט מער ניט אָנגעקלאַפּט. הינטערן פֿענצטער איז געווען שטיל. זי איז אָבער איבערצײַגט געווען, אַז ער איז דאָרט. ער איז ניט אַוועק. זיצט אויף דער פּריזבע. זי האָט אַפֿילע פֿאַרגעניגן געהאַט פֿון דעם, וואָס ער זיצט אָט איצט אײנער אַלײן בײַ איר הינטערן פֿענצטער, ווי זי וואָלט מיט דעם זיך אָפּגערעכנט מיט אים. נאָר פֿאַרוואָס שווײַגט ער אַזוי לאַנג? דאָס האָט זי אָנגעהויבן פֿאַרדריסן. זי האָט שטילערהייט זיך אויפֿגעהויבן, איז פֿאָר־זיכטיק, אויף די שפּיץ פֿינגער צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און פֿאַרהויבן דאָס פֿאָרהענגל.

אין דרויסן האָט שוין קאָנטיק נאָרוואָס אָנגעהויבן שאַר׳ען. די שויבן האָבן זיך קאַלט געבלויט אינעם שטילן, זײער שטילן און פֿרישן פֿאַרטאָג. פֿאַרבײַ האָט מיט אַ דינעם זשום זיך דורכגעטראָגן אַ נאַכט־זשוקל, עס האָבן אַ שורכע געטאָן מיט די בלעטער די געאָרגינעס.

וואָווע איז ניט געווען.

„טאַקע אַוועק...— אין איר האָט מיט דער פֿרי׳ערדיקער קראַפֿט זיך אָנגעצונדן דער קאַס אויף אים.— אויב אַזוי... זאָל ער מיך זוכן...״

זי האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן קאָפּ דאָס טיכל, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון דער מאַמען, גיך אַרויס אינעם נאָך עטוואָס פֿאַרנעפּלטן קילבלעכן דרויסן און מיט די גערטענער, אַז קײנער זאָל ניט באַמערקן, אַ פֿולע מיט פֿאַר־דראָס, אײַליק אַוועק פֿאַרבײַ דער טרוקענער באַלקע אין סטעפּ אַרײַן. זי איז געגאַנגען איבער דעם עטוואָס ווײַסלעכן מיט טוי־באַדעקטן גראָז, וואָס האָט געשווענקט און געוואַשן אירע טופֿליעס, און זי האָט זיך געקילט דאָס האַרץ: זאָל ער זי איצט זוכן איבערן גאַנצן כוטאָר... זאָל ער ניט וויסן אַפֿילע, ווו זי איז אַהינגעקומען... און זי וועט זײַן אויפֿן סטעפּ... אין דער קוקורוזע... אין די סאָנעשניקעס... אַ גאַנצן טאָג. ביז פֿינצטער. זאָל ער זוכן... הײַנט איז דאָך זונטיק, אַן אָפּרו־טאָג. קײנער וועט אויסער איר ניט זײַן אויפֿן סטעפּ... זײער גוט. זי וויל קײנעם ניט זען. קײנעם... „ער פֿאָרט אַוועק״, האָט ער געזאָגט. ער וועט זי ניט איבערשרעקן. זי קאָן אויך אַוועקפֿאָרן. נו, יאָ. זי וועט טאַקע פֿאָרן. קײן הולײַפּאָליע אויף די אַגראָקורסן. דער קאָמסאָמאָל האָט איר פֿאָרגעלײגט. זי האָט פֿרי׳ער זיך אָפּגעזאָגט. ניט געוואָלט פֿאָרן. צוליב אים. און איצט וויל זי. איצט וועט זי דאַפֿקע שוין יאָ פֿאָרן... לײַע זאַי׳קעס לערנט זיך דאָרט... טעמע שמועל־דאָווידס, מאַרפֿע דרויאַנס... מיט וואָס איז זי ערגער פֿון זײ?.. אַ יאָר צײַט וועט זי זײַן אין ראַיצענטער, אין הולײַפּאָליע. מיט וואָס איז שלעכט? אַ סטיפּענדיע, אַ צוזאַמענוווינונג... און אַז זי וועט ענדיקן די קורסן, וועט זי בעטן, אַז מע זאָל זי שיקן אין אַן אַנדער קאָלווירט... וווּהין מע וויל, נאָר ניט אַהער. זאָל ער וויסן...

נעכאַמקע איז שוין געווען אויף יענער־זײַט טרוקענער באַלקע. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער סטעפּ. אַרום־און־אַרום אויף די נאָך גרויע מיט טוי־אָפּ־געפּרישטע פֿעלדער האָט גערוט אַ דורכזיכטיקע שטילקײַט. נאָר פֿון כוטאָר האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל דערטראָגן אָט אַ נאָענטער און אָט אַ ווײַטער האָנענקרײ. די זאָרגלאָזע הענער האָבן פֿרײלעך, ווי שטענדיק, זיך איבער־גערופֿן, באַגעגענענדיק דעם קלאָרן זון־אויפֿגאַנג...

...קיינעם פון די בוריאַנאָווקער איז אין יענעם שטיל־זומערדיקן אינ־
דערפרי אַפן זינען ניט געקומען, אַז עס וועט אויסברעכן אַ שטורעם, וואָס
שרעקלעכער פון אים קען גאָר אויף דער וועלט ניט זײַן. אין אָט דעם זונ־
טיק, ערעוו דעם שביעות, איז געווען אַן אָפּרו־טאָג. אין כוטאָר האָט געהערשט
אַ יאָמטעוודיקע שטימונג, דאָדיע בורלאַק און כאַנע־איטקע האָבן געפּײַערט
זייער גאָלדענע כאַסענע. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די באַלעבאָסטעס זיך געיי־
סעקט אין די קיכן, געהייצט די אויוונס, געבאַקט, געבראָטן, געקאָכט,
געפּרעגלט. יעדע באַלעבאָסטע האָט געגרייט אירס אַ באַזונדער מײַכל,
איר באַזונדער געריכט צו דער סימכע. און יעדע איינע האָט געוואָלט און
זיך געסטאַרעט, אַז איר געריכט זאָל באַזונדערס אויסנעמען. העניע־ריווע
קאַלמען זאָהאָטס האָט געמאַכט אַ געבלעטערטן קוגל אויף געלכלעך, איבער־
געשאָטן מיט שאַרפן צימערינג און פאַרגאָסן מיט געגנדזן־שמאַלץ; זעלדע
האָט געקאָכט אַ גאָלדענע יויך מיט מאַנדלען; גיטע ליפּע זאַ‎יִקעס האָט
פאַרוקט אין אויוון אַ טשאָלנט פון פרישע קאַרטאָפל מיט געפילטע העלדז־
לעך; סלאָבאָדיאַניכע — אַ געבראָטענעם אינדיק; דאָבע יודל פּיסקונס — אַ
מערן־צימעס מיט ראָזשינקעס... אייניקע האָבן געגרייט פאַרן גאַנצן עולעם
געבראָקטע אייער, איבערגעמישט מיט יונגע ציבעלעס און הינער־שמאַלץ,
אַנדערע געהאַקטן לעבער, אָנגעריבענעם רעטעך מיט גריבענעס... מע
האָט צוגעשטעלט אין די אויוונס אי אַ לאָקשן־קוגל, אי עסיקפלייש, אי
פאַסאָליעס־צימעס, אי געפילטע פיש, פאַרשיידענע געבעקסן — טייגלעך
מיט ניס, האָמענטאַשן, ווערטוטלעך, שטרודלען, כרעמזלעך... מע האָט
געפּרעגלט גענדז, קאַטשקעס און הינער... אין יעדער שטוב, אין יעדן הויף
האָט געשמעקט מיט אַן אַנדער מײַכל.
פאַרנאַכט־צו האָט צו בורלאַקן זיך שוין געהאַט צונויפגעפאָרן קימאַט
די גאַנצע מישפּאָכע — פיר זין, אַלע הויכע, ברייטפּלייציקע, ווי דער טאַטע,
מיט פאַרפאַליעטע פון דער זון ווײַבער און קינדערלעך, דרײַ טעכטער און
איידעמס; אייניקלעך און אור־אייניקלעך, פּלעמעניקעס, שוועסטערקינדער,
פעטערס און מומעס... דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געלעבט אין די
דערבײַיִקע דערפער און כוטאָרס. דאָס זײַנען געווען באַרימטע מעלקערנס,
שמידן, פּיציכטלער, קאָמבײַנערס, גאָרטנציכטלער, קאָניוכעס, בינענציכט־
לער און געוויינלעכע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס — געזונטע האָ־
רעפּאַשנע ייִדן און ווײַבער מיט גרויסע עטוואָס פאַרגרעבטע הענט און
מיט פאַרווינטיקטע, שטאַרק פאַרברוינטע, גוטמוטיקע פּנעמער... מע איז
געקומען פון די נאָענטע קליינע סטאַנציעס, ווו אייניקע פון דער מישפּאָכע
האָבן געאַרבעט אויף די עלעוואַטאָרס און אויף דער אײַזנבאַן־ליניע, און אויך
פון ווײַטערע שטעטלעך און שטעט. פון זאַפּאָראָזשיע איז אַראָפּגעקומען
די גרויסאַרטיק פאַרפּוצטע טאָכטער מאַריאַשע מיט דעם זייער גראָטענעם
איידעם, דעם קאָנסטרוקטאָר פון קאָמבײַנען־זאַוואָד; פון הינטער מאַקייעוו־
קע — דער ייִנגסטער זון אויזער, אַן אָרדענטרעגער, אַ טעכניקער אויף אַ
שאַכטע; פון הולײַפּאָליע איז געקומען די מומע פּערל — די דעפּוטאַטקע
פון ראַיסאָוועט, מיט צוויי אייניקלעך — סטודענטקעס פון פּיצוכט־טעכ־
ניקום, און אַזש פון הינטער דווינסק, פון דער סאַמע גרענעץ, איז געקומען
צו פליִען אויף צוויי וואָכן אין אורלויב דאָס עלטסטע אייניקל, דער שטאַלט־

נער לייטענאנט זאָרעך מיט דעם בלאָנדן זייער שיינעם ווײַבל קסעניע און דרײַיאָריקן מיידעלע.

באַלד ווי מע איז געקומען, האָבן די זין און טעכטער, די איידעמס און שניר זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. די מענער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּידזשאַקעס און אין איינע העמדער געזעצט ברעטער, געטעסעט סלופּעס, געגראָבן גריבלעך. איינמיטן הויף, צווישן דער קלוניע און ברוד־נעם, אַפן זעלבן אָרט, וווּ מע האָט מיט פופציק יאָר צוריק געפּראַוועט דאָדיעס און כאַנע־איטקעס כאַסענע, האָט מען געבויט א גרויסן, זייער גרויסן באַלאַגאַן מיט לאַנגע טישן און בענק, אַז עס זאָל ניט זײַן דושנע און ס׳זאָל קלעקן אָרט פאַר יעדן איינעם, וואָס וועט אָנטאָן דעם קאָוועד און קומען אהער ווי א ליבער גאַסט אַף דער מישפּאָכע־סימכע.

די ווײַבער — עלטערע, ייִנגערע און גאָר יונגע — האָבן מיט פאַרקאַט־שעטע אַרבל זיך געייסעקט אין קיך און אין די העל־באַלויכטענע צימערן. ווער עס האָט געשניטן דעם שמעקנדיקן האָניק־לעקעך, ווער ס׳האָט פאַ־נאַנדערגעגאָסן די גוט־אָנגעקנאָבלטע פּעטשאַ, ווער ס׳האָט געריבן די אייער־מאַצעלעך.

און די באַלסימכע אַליין — ער, דער גראָוער, ברייטפּלייציקער דאָדיע בורלאַק, אָנגעטאָן אין א זויבער־ווײַס העמד און אין יאָמטעוודיקן סורדוט, און זי — כאַנע־איטקע, „דער טראַקטאָר״, ווי מע האָט זי גערופן אַפן כוּ־טאָר, נאָך א קרעפּטיקע, הויך־ריידנדיקע ייִדענע, — האָבן געהאַט צו טאָן מיט די אייניקלעך און אוראייניקלעך.

אַרום צוועלף אַזייגער באַטאָג זײַנען, אַרומגערינגלט מיט די קינדער, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פון דער גאַנצער גאַס, אַראָפּגעקומען צו בורלאַקן אין הויף די אָרטיקע קלעזמער — דער סוטולעוואַטער העניך מיט דעם גרויסן, ערטערווײַז פאַרלאַטעטן פּויק, דער עלטערער קאַניוך יויעל־סימכע מיטן קלאַרנעט און דער רויטער גאַוורי׳על, דער „קאַפּעלמייסטער״, ווי מע האָט אים גערופן, מיט דעם פידל. כאַנע־איטקע האָט אַרויסגעטראָגן אַף א טאַץ א ביסל היימישן ווישניק מיט לעקעך. די קלעזמער האָבן ביז וואָס־ווען געמאַכט א לעכאַיִם, אַז „די סטרונעס זאָלן ניט פּלאַצן״, און שוין עטוואָס בעגילופנדיק זיך אויסגעזעצט אין הויף, סאַמע אַנטקעגן די פאַנאַנ־דערגעעפנטע פענצטער. גאַוורי׳על דער קאַפּעלמייסטער האָט א ווונק גע־טאָן צו די קלעזמער, פאַרהויבן דאָס שפּיציקע רויטע בערדל, צוגעמאַכט די ווי׳עס, ווי ער וואָלט זיך קלײַבן טפילע טאָן, און א פּיר געטאָן מיטן סמיק. סימכע האָט זיך גלײַך גענומען פאַרן קלאַרנעט, העניך פאַרן פּויק, און דער הויף איז פאַרפולט געוואָרן מיטן באַקאַנטן און פון לאַנג באַליבטן ייִדישן פריילעכס.

אין כוטאָר האָט מען נאָר גערעדט אַף דעם. די צוגעפּוצטע באַלעבאָס־טעס האָבן זיך באַלד באַוויזן פון אַלע הויפן. זיי האָבן געטראָגן צוגעדעקט מיט ווײַסע האַנטעכער, ווי שאַלעכמאָנעס, די צוגעגרייטע מײַכאָלים צו בורלאַקן אין טומלדיק־פריילעכן הויף אַרײַן. דאָרט איינעם געראַמען גע־צעלט האָבן זיי, ניט אָן פאַרגעניגן, געוויזן איינע דער אַנדערער, וואָס יעדערע פון זיי האָט צוגעגרייט, פאַנאַנדערגעשטעלט די ביז גאָר פאַרשיי־

דענע געריכטן אַף די לאַנגע טישן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם ארום מיט אָנגענעמע באַטאַמטע גערוכן.

בורלאַקס טעכטער און שניר זײַנען פּאַרטראָגן ארומגעלאָפן הין און צוריק, צעשטעלט אַף די פאַרשפּרייטע טישטעכער פאַרשיידענע טעלער־לעך, קויסעס, פאַנאַנדערגעלייגט די גאָפּל און לעפל; און די זין און איי־דעמס האָבן אריינגעקײַקלט אין געצעלט א גרויסע פאַס ווײַן, ערשט פון קעלער. די פאַס מיט ווײַן האָבן זיי אוועקגעשטעלט אין סאַמע מיט, אַז דער סאַר־האַמאַשקע, דאָס עלטערע אייניקל, דער לייטענאַנט זאַרעך, זאָל קאָנען האָבן אין אויג אַלע טישן.

דאַדיע בורלאַק, אָנגעטאָן אין א ווײַס העמד און אין יאַמטעוודיקן שוואַרצן סורדוט, און כאַנע־איטקע, פאַרפּוצט מיט די בליאַסקענדיקע, די־נינקע קאַרעלן־שנירלעך, וואָס האָבן זיך בא איר פאַרהיט נאָך פון דער כופּע, זײַנען ארויס צום טויער און מיט לעקעך און בראַנפן, לויטן אַלטן שטייגער, באַגעגנט די געסט.

פון אַלע זײַטן כוטאָר זײַנען געגאַנגען אהער אויסגעפּוצטע קאָלווירט־ניקעס, ווײַבער, יוגנט.

די קלעזמער האָבן אָן אופהער געשפּילט, די מיידלעך און יאַטן האָבן אָנגעהויבן טאַנצן, ארום איז געשטאַנען א צעראַשטער טומל פון די קינ־דער. דער הויף איז שוין געווען פול. מע האָט נאָר געוואַרט אַף כאַנציען און כאַמע טראַסקונען, וועלכע האָבן זיך גענדאַרפט אָט־אָט אומקערן פון דאַרפראַט, וווהין זיי זײַנען נעכטן אין אָוונט אוועקגעפאָרן אַפן פּלענום. מע האָט געוואַרט אויך אַף שעפּטלען.

אייניקע געסט, וועלכע זײַנען געקומען שוין א ביסל אויסגעטרונקען, האָבן זיך ארומגענומען מיט דאַדיע בורלאַקן, זיך געקושט מיט אים און ביז וואָס־ווען צוגעווינטשעוועט אים און כאַנע־איטקען אין פינף און צוואַנ־ציק יאָר ארום, אָט דאָ בא זיך אין הויף, פּראַווען די בריליאַנטענע כאַסענע. און מיטאַמאָל האָט עמעץ פריילעך אויסגעשריִען:

— כאַנציע... כאַנציע פאָרט!..

דער אוילעם, וואָס האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער זיך זעצן צו די טישן, האָט, א דערפרייטער, זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי איבערן כוטאָר יאָגט אהער מעשונע ווילד אַף דער צעהוידעט־טראַסקענדיקער בעדאַרקע דער קאָלווירט־פאָרזיצער.

שוין לויטן יאָגן, לויט דעם ווײַס־אָנגעשוימטן פערד, לויט כאַנציעס שטאַרק־צעטראָגענעם אויסזען, האָבן די קאָלווירטניקעס פאַרשטאַנען, אַז ס'איז עפּעס געשען. עפּעס האָט געטראָפן, צי מיט אים, צי מיט עמעצן אַנדערש. מע איז צערודערטע ארויסגעלאָפן פון הויף און אַף דער מיט גאַס, אַנטקעגן דער סעלפּאָ־קלייט, ארומגערינגלט כאַנציען און דערהערט פון אים דאָס שרעקלעכע וואָרט — „מילכאָמע״.

— א מילכאָמע... היטלער איז אָנגעפאַלן אַף אונדז...

די דאָזיקע בסורע איז געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז אין דער ערשטער מינוט האָט זיך קיינעם פּאַשעט ניט געגלייבט. דער אוילעם איז געשטאַנען פאַרלוירן, נאָך ניט באַנעמענדיק ווי ס'געהער צו זײַן, וואָס, ווען און

וויאזוי ס'איז געשען. מע האָט געקוקט איינער אפן אנדערן, ניט ארויס־ריידנדיק קיין וואָרט, ווי ס'וואָלט בא אלעמען אָפּגענומען דאָס לאָשן.

און נאָר קאלמען זאָהאָט האָט אין א היפּשער ווײַלע ארום א זאָג געטאָן ווי צו זיך אליין:

— אָט דאָ איז היטלערס סאָף.

בא די ווערטער האָט העניע־ריווע, אן אויסגעפּוצטע אין דעם זײַדענעם קלייד, דערזען דורכשטופּן זיך צווישן אוילעם זייער איינציקן זון, דעם יינגערן סערזשאנט אין זאַפּאַס, וואָווען. ער האָט א שטארק צעטראָגענער זיך אומגעקוקט אין אלע זײַטן, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. זי האָט זיך געלאָזט צו אים און זיך אײַנגעקלאמערט אין אים מיט אירע פארהאָרעווע־טע הענט.

— איך וויל ניט... איך דארף קיין מילכאָמע ניט...— האָט זי דורך די טרערן אין האלדז געטײַנעט.

די ווײַבער האָבן, קוקנדיק אף איר, מיטאמאָל אופגעהויבן א געוויין, א געיאָמער, און באלד נאָך זיי האָבן זיך צעוויינט די קינדער.

אָט דעמלט איז עס אָנגעפאָרן שעפטל פון הולײַפּאָליע, וועלכער האָט נאָך ביכלאל גאָרנישט ניט געוווסט, און באלד נאָך אים האָט זיך אָנגע־טראָגן אף א צעהיצט פערד דער באפולמעכטיקטער פון דאָרפראט כאָמע טראסקון שוין מיט א פּעקל „פּאָוועסטקעס" אין האנט. ער איז האסטיק, אזוי ווי אמאָל, אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט פארטיזאנעוועט, אראָפּגע־שפּרונגען פונעם פארשוויצטן פערד, עטוואָס אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט געטראָגן א שווערע לאסט אף דער פּלייצע, ארוף אף די הילצערנע טרעפּ־לעך פון דער דערבײַיקער סעלפּאָ־קלייט און, בלעטערנדיק מיט די ציי־טערנדיקע פינגער די פּאָוועסטקעס, שווער־עטעמענדיק, א בלייכער, אויס־גערופן:

— וואָווע שלוימע־קאלמאנאָוויטש זאָהאָט...

— יאָסיע יודעלעוויטש פּיסקון...

— אנטאָן אנטאָנאָוויטש סלאָבאָדיאַן...

דער אוילעם האָט מיט פארשטארטע הערצער זיך צוגעהערט, ווי כאָמע טראסקון האָט אויסגערופן אלץ נײַע און נײַע נעמען. מע האָט געקוקט אף די גרויזאמע ראָזע פּאַפּירלעך, וואָס האָבן אין זיך אזא אנטשיידן־גוואלדיקע קראפט...

א פארטראָגענער האָט כאָמע טראסקון צעטיילט אלע „פּאָוועסטקעס", נאָכדעם מיד זיך ארומגעקוקט און מיט דער הייזעריק־געוואָרענער שטים געמאָלדן, אז אלע די, וועלכע מע רופט ארויס, דארפן מאָרגן גאנצפרי קומען אין הולײַפּאָליער ראיאָנעם מיליטער־קאָמיסאריאט. און דעריבער דארפן זיי באצײַטנס ארויספאָרן פונדאנען.

שוין אראָפּלאָזנדיק זיך פון די טרעפּלעך, האָט כאָמע דערזען דאָדיע בורלאקן אין דעם ווײַסן העמד און אינעם יאָמטעוודיקן סורדוט. כאָמע האָט זיך דערמאָנט אין דער טעלעגראמע, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך, ארויסגעשלעפּט זי פון דער אייבערשטער פּידזשאַק־קעשענע און דערלאנגט דאָדיען. די טעלעגראמע איז געווען פון דווינסק. מע האָט דרינגענד ארויס־גערופן דעם לייטענאנט זאָרעך בורלאקן אין זײַן מיליטער־טייל.

„הייסט עס, אז ס'איז אן עמעס... אויב אזוי, הייסט עס טאקע א מילכאָ־כע..." — האַלטנדיק די טעלעגראַמע אין האַנט, האָט דאָדיע בורלאַק ערשט איצט אָנגעהויבן גלייבן, אז ס'איז קיין טאָעס ניט, ווי ער האָט אַקאָרשט נאָך געטראַכט, ווי ער האָט געהאַפּט.

— ווו איז ערגעץ כאַנע־איטקע, — האָט ער אומבאַהאָלפן און פאַרזאָרגט זיך אַרומגעקוקט, פאַנאַנדערשפּיליענדיק דעם סורדוט. כאַנע־איטקע איז דאָ ניט געווען. קאַנטיק, אוועקגעלאָפן צוריק אין הויף, צו די קינדער.

דער הויף, וואָס איז נאָך ערשט מיט א ווײַלע צוריק געווען פול מיט מענטשן און מיט פריילעכער יאָמטעוודיקײַט, איז איצט געווען אינגאַנצן ניט צו דערקענען. דורך די פאַנאַנדערגעעפנטע שטוב־פענצטער האָט זיך געטראָגן א געוויין, א כליפּען, א מעסוקן־צעפּאָלאַכעטער טומל, ווי ערעוו א שטורעם אָדער נאָך א שרעקלעכן האָגל. די זין, איידעמס, פּלעמעניקעס האָבן, איבערשרײַענדיק איינער דעם אנדערן, אונטערגעטײַלט די צעטומלטע און דערשלאָגן־פאַרוויינטע ווײַבער, זיי זאָלן זיך גיכער קלײַבן אין וועג אַרײַן. יעדערער פון די מאַנצבלען, וועלכע זײַנען געקומען סײַ פון די שטעט און באַן־סטאַנציעס, סײַ פון די דערפער און כוטאָרס, האָבן געײַלט וואָס שנעלער זיך אומקערן צו זיך אהיים, און יעדערער פון זיי און אלע צוזאַמען האָבן געהאַט איצט דעריקער איין זאָרג: ווי קלײַבט מען זיך אַרויס פונדאַנען וואָס גיכער.

ווען דאָדיע איז א צעבראָכענער, מיט א נידעריק־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַרײַן צו זיך אין הויף, האָט מען אים אַרומגערינגלט פון אלע זײַטן: ער דאַרף גלײַך צוגיין צום פּאָרזיצער פון קאָלווירט. די צײַט וואַרט ניט. יעדע מינוט איז איצט טײַער...

א שווײַגנדיקער האָט ער זיך געלאָזט גיין. שוין פון יענער זײַט טויער האָט אים דעריאָגט דאָס אייניקל, דער יונגער לייטענאַנט זאָרעך. ער האָט אַרומגענומען דעם זיידן. ער וויל זיך געזעגענען. ער קאָן ניט וואַרטן. קסעניע מיטן קינד בלײַבן דאָ. וווהין זאָלן זיי איצט פאָרן?.. אָף דער סאַמע גרענעץ, אין פײַער אַרײַן?.. און ער... ער וועט זיך לאָזן צופוס. אפן וועג וועט ער פּאַקן א פור אָדער עפּשער גאָר א מאַשין. ער מוז וואָס גיכער קומען אין זײַן טייל... ער האָט זיך צעקושט מיטן זיידן און, צו־האַלטנדיק מיט דער האַנט דעם פּלאַנשעט בא דער זײַט, אוועקגעלאָפן זיך געזעגענען מיט אלע איבעריקע.

די ברייטע כוטאָר־גאַס איז שוין געווען פּוסט. אלע זײַנען געווען איצט בא זיך אין די שטיבער. די מאַמעס, ווײַבער, שוועסטער האָבן, צעשטעכנדיק זיך מיט די נאָדלען די פינגער, פאַרוויינטע געגרייט טאָרבע־לעך, זיי האָבן פאַריכט דאָס גרעט און געגרייט עסן אין וועג אַרײַן.

נאָר העניע־ריווע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן. צו וואָס זי האָט זיך ניט צוגערירט, איז אלץ בא איר געפאַלן פון די הענט. זי האָט געפילט, אז זי עקט זיך מיטן לעבן. אָט באַלד וועט מען זיך שוין דאַרפן געזעגענען, און וואָווע איז ניטאָ. זי וועט דאָך אפילע ניט באַווײַזן זיך אָנקוקן אָף אים.

— וואָס זיצסטו ווי א קאַלטער מאַלעך, — האָט זי, שלינגענדיק די טרערן, געטײַנעט צו שלוימע־קאַלמענען, וואָס האָט שווײַגנדיק צוגעגייט אויערלעך צו וואָווס קירזעווע שטיוול, — ס'איז דאָך געבליבן עפּשער ניט

מער ווי א שאָ. ווײ איז מיר, ווו איז ער עס אהינגעקומען... ארויס פון שטוב, גאָרנישט ניט געזאָגט און ניטאָ... גיי, גיב א קוק, ער קאָן זײַן בא איר מיסטאמע, בא נעכאמקען...

— שאַ... טומל ניט. ער גייט, — האָט קאלמען זאהאָט אומצופרידן געזאָגט, א קוק געבנדיק אין פענצטער, — אָן גייט ער...

וואָווע איז א מידער געגאנגען מיט דער סטעזשקע. ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען בא נעכאמקען אין דער היים, בא אירע כאווערטעס, אויסגעווען אומעטום, ארײַנגעקוקט אין אלע הויפן, און ניטאָ. קיינער ווייסט ניט, קיינער האָט זי הײַנט אין ערגעץ ניט געזען.

„ווו קאָן זי זײַן?״ — האָט ער ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין. מע שפאנט שוין אפן קאָלווירט־הויף די פורן, און זי איז ניטאָ... ס׳איז שוין האלב פיר אזייגער... א האלב שאָ פארבליבן. מע קלײַבט זיך דאָך שוין. וואָס טוט מען?.. ווו האָט זי געקאָנט אהינקומען?.. ווו זוכן זי?.. ווי־אזוי וועט ער אוועקפאָרן, אפילע ניט געזעגענענדיק זיך מיט איר... און די צײַט גייט... ער האָט פונדערווײַטן, לעבן קאָלווירט־הויף, דערזען כאָנציען, דערזאָגט אים און, פלאָנטערנדיק מיט דער צונג, געפרעגט וועגן נעכאמקען.

— נעכאמקע?.. וואָס?.. וואָסי?.. — האָט כאָנציע ניט פארשטאנען, וואָס ער פרעגט. כאָנציע איז געווען צעטראָגן און האָט ניט געוווּסט, וואָס פריער צו טאָן. דאָ דארף מען באזאָרגן מיט טראנספּאָרט און ארויסבאגלייטן דעם מאָביליזירטן אוילעם, דאָ דארף מען געבן פורן פאר בורלאקס געסט, פונקט איצט זײַנען זיך עס צונויפגעפאָרן אזויפיל געסט און ווו נעמט מען אזויפיל וועגענער, און אָנטרײַבער ווו נעמט מען? ער הייבט ניט אָן צו וויסן. דאָ דארף מען אוועקשטעלן נײַע מענטשן אָנשטאָט די, וואָס גייען אוועק אין דער ארמיי, מע דארף אָפּקלײַבן און אָפּפירן אפן זאמלפונקט די פארעגיסטרירטע פערד, און נאָך צענדליקער זאכן עגבערן אים איצט דעם מויעך, און דאָ נא דיר אזא געשיכטע — נעכאמקע... גיי וויס, ווו זי איז אהינגעקומען...

און נעכאמקע איז זיך רויק געשלאָפן צווישן די בליענדיקע זונרויזן. די הייסע שטראלן פון דער צעגליטעטער זון האָבן ערטערווײַז זיך דורכגעקליבן דורך דעם געדיכטן גרינעם געבלעטער און געוואַרעמט איר די נאַקעטע פיס, וואָס זײַנען געווען אנטבלויזט ביז איבער די קני. זי איז געלעגן אף א זײַט, איין האנט צוקאָפּנס, מיט דער צווייטער — ווי זי וואָלט ארומגענומען דאָס יונגע זייער גרינע גראָז, און איבער איר האָבן מיט א דין צעצויגן זשומערײַ זיך געדרייט אינדערלופטן שטארק פארייסעקטע, ביז גאָר פארטראָגענע בינען. די בינען זײַנען איבערגעפלויגן פון איין פאנאנדערגעבליטער זונרויז צו א צווייטער, פון איין בלימל צום אנדערן. אײַנזויגנדיק זיך מיטן ביז גאָר דינינקן שנאָבעלע אין די דורכזיכטיקצארטע בלומען־קריגעלעך, האָבן זיי פון דאָרט, פון דער סאמע טיף, געצויגן דעם זיסן נארהאפטיקן נעקטאר.

ארום איז געווען זייער שטיל. זעלטן־וועלן האָט ערגעץ אינעם גראָז א זונג געטאָן שפרינגענדיק א צוויטשערל, נאָך זעלטענער האָט, ארויסרוקנ־

דיק דאָס קעפּל פון א נאָרקע, א פּײַף געטאָן א סוסליק. און ווידער שאַשטיל.

נאָך דער פאַרדריסלעך־פאַרשטערטער נאַכט, וואָס האָט געבראַכט נעכאַמקען אַזויפיל האַרצווייטעק, איז זיך איר איצט, אָט דאָ אויף דעם זאַפטיקן גראָז, אינעם קילבלעכן שאָטן פון די זונרויזן געשלאָפן זייער זיס. זי האָט טיף אײַנגעעטעמט די לײַכט־שיקערנדיקע לופט, וואָס איז פול געווען מיט די פרישסטע סטעפּ־געריכן. אירע בוילעט אויסגעפורעמטע שטײַפע בריסט האָבן זיך באַוועגט אונטער דעם דינינקן קאָפּטעלע רויִק און רעגלמעסיק. די ליפּן אירע האָבן צײַטנווײַז עטוואָס געשמייכלט, ווי ס׳וואָלט זיך איר געכאָלעמט עפּעס אַן אָנגענעם־ליבער כאָלעם. זי האָט פון שלאָף עטלעכע מאָל א פּיר געטאָן מיט דער האַנט, אַראָפּגעשאַרט א מורעשקעלע, וואָס האָט זיך פאַרקליבן צו איר אויפן נאַקעטן האַלדז, אַראָפּגעטריבן א גרין היישעריקל, וואָס האָט זיך געזעצט בא איר אויפן אויער, און מיט פאַרגעניגן, ניט פאַנאַנדערפירנדיק די וויִעס, זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זײַט.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין העל־בלויען, לויטערן הימל, ווען נעכאַמקע האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך גיך אויפגעזעצט, מיט עטוואָס פאַרזשמורעטע אויגן פאַרוווּנדערט אַרומגעקוקט זיך, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען, ווו זי איז, נאָר באַלד איז זי געקומען צו־זיך, פלינק זיך אויפגעהויבן, אָפּגעטרייסלט מיטביידע הענט דאָס קליידל און, אינערלעך א באַרויִקטע, אַרויס אויף דער דערבײַיִקער לאָנקע. די בונט־באַפאַרבטע לאָנקע איז באַשפּרענקלט געווען מיט לענגלעכע בלויליִנגלעך, מיט געלן שאַרפן קאַטראַן, מיט לופּטיקע אָדוואַנטשיקעס, מיט ראָזלינג־גלעקעלעך און מיט קאָלערליי אַנדערע פילקאָליִריקע פעלד־קווייטן... נעכאַמקע האָט איצט, ווי צום ערשטן מאָל, דערזען דאָס אַלץ אין אַן אויסערגעווייִנלעכער פילפאַרביקײַט, אין אַן איבעראַשנדיקער פילבליִענדיקײַט, און זי איז פול געוואָרן מיט אַנציקונג פון דעם, וויִאַזוי די נאַטור שאַפט עס, וויִאַזוי זי וועבט עס אויס, וויִאַזוי זי מאָלט עס קונציק אויס מיט די דינסטע, מיט די שענסטע און איידלסטע קאָלירן... יעדעס בלימל פאַרמאָגט זיך זײַנע פאַרבן, זײַן גערוך, און ווען מע נעמט עס אויף די ציין, האָט יעדעס בלימל, יעדער געוויקס א באַזונדערן טאַם... און גיי פאַרשטיי עס... גיי באַנעם עס... פונוואַנען נעמען זיך אָט די קאָלערליי פאַרשיידענע רייכעס, פונוואַנען נעמען זיך עס אָט די אַלע אויסטערלישע דינסטע פאַרבן?.. פון דער ערד?.. די ערד איז דאָך פאַר אַלע געוויקסן די זעלבע, און יעדער געוויקס האָט זיך זײַנס... מענטשן זײַנען אויך אַזוי, — טראַכט זי, — יעדער מענטש האָט זיך זײַנס... עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט אים אויס פון אַלע אַנדערע... אָט וואָוע... ער איז ניט ענלעך אויף קיינעם. ער איז עפּעס גאָר אַן אַנדערער... זי ווייסט איצט אַליין ניט, צי ער איז אַן ערגערער, צי א בעסערער. מעגלעך, אַז אַפילע אַן ערגערער. פאַרוואָס זשע האָט זי אים אַזוי ליב? זי ווייסט אַליין ניט. זי וואָלט וועלן וויסן, פאַרוואָס האָט מען ליב?.. פאַרוואָס האָט מען ליב דאַפקע דעם און ניט קיין אַנדערן?.. זי וואָלט אים עפּשער גאָר ניט וועלן ליב האָבן, נאָר סײַדן ס׳איז געווענדט פון איר? ס׳איז סײַדן דערפאַר, ווײַל זי וויל אַזוי? אָט וויל זי איצט ניט טראַכטן וועגן אים, זי

וויל ניט, און זי טראַכט. זי איז פּאַר זײַנע נעכטיקע געגג אין קאַס אַף אים, און ס'טוט איר גלײַכצײַטיק ווי דאָס האַרץ, וואָס ער לעבט איבער צוליב איר: ער קער זי איצט זוכן, ער דאַרף דאָך אוועקפֿאָרן צוריק אין דער עמטעעס, ער זוכט זי, און זי איז ניטאָ, און קיינער, קיינער ווייסט ניט, ווו זי איז. זייער גוט, וואָס קיינער ווייסט ניט. זאָל ער טראַכטן, וואָס ער וויל זיך. זאָל ער זוכן... און זי וועט זײַן דאָ...

ס'איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבן טאָג, און נעכאַמקען האָט זיך שטאַרק פֿאַרוואָלט עסן. זי האָט אַפּילע ניט געפּרישטיקט. זי וואָלט איצט מיט פֿאַרגעניגן געגעסן פּריש ברויט מיט קאַלטער סמעטענע אָדער א גרינעם באָרשטש מיט אוגערקעס. איר האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אַזוי עסן, ווי איצט. „זוכסט זיך א טערעץ צו גיין אהיים, אין כוטאָר, ווײַל ער איז דאָרט", — האָט זי זיך אַליין פֿאָרגעוואָרפֿן. נאָר זי האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און דאָך זיך געלאָזט פּאַמעלעך גיין מיט דעם זײַטיקן שמאָלן וועג, וואָס האָט געפֿירט צום כוטאָר.

פֿון דער הייסער ערד האָט שאַרף געשמעקט מיט צאָמבער. אַזויפֿיל צאָמבער, ווי אַף די בערגלעך און אין די באַלקעס אַרום בוריאַנאָווקע, איז עפּשער אין ערגעץ ניט געווען, און זײַן שאַרפֿער זייער באַטאַמטער גערוך האָט זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגן ווײַט איבערן אַרום.

דערנענטערנדיק זיך צום כוטאָר, איז נעכאַמקע געוואָרן אַלץ אומרו:קער און אָנגעהויבן גיין גיכער, עס האָט זי מיטאַמאָל אָנגעהויבן שרעקן, טאָמער איז שוין וואָווע ניטאָ. ער האָט שוין געקאָנט אוועקפֿאָרן אין דער עמטעעס. וואָס וועט זי דעמלט טאָן? איר האָט שוין באַנק געטאָן, וואָס זי האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַזוי לאַנג אין סטעפּ. צוליב וואָס איז זי אַוועק פֿון כוטאָר? פֿאַרקערט, געדאַרפֿט זײַן דאָרט. געדאַרפֿט צונויפֿקלײַבן אַרום זיך די מיידלעך און אַרומשפּאַצירן אַף דער גאַס, און זאָל ער פּאַר אַלעמען אין די אויגן צוגיין צו איר. אָט אַזוי האָט זי געדאַרפֿט טאָן, פֿאַרשטייט זיך, און זי איז גאָר אַנטלאָפֿן אין סטעפּ, באַהאַלטן זיך צווישן די זונרויזן...

נעכאַמקע האָט זיך פֿאַרנומען עטוואָס לינקס און איז אַוועק מיט דער אויסגעטריקנטער באַלקע. איצט האָט זיך איר ניט געוואָלט, מע זאָל זי זען. זי האָט אַליין קלאָר ניט געוווסט, פֿאַרוואָס. עפּשער דערפֿאַר, מע זאָל ניט וויסן, ווו זי איז געווען, אָדער זי האָט מוירע געהאַט, אַז מע וועט זי דערזען איצט גיין איינע אַליין פֿון סטעפּ, וועט מען לאַכן פֿון איר.

די באַלקע איז פֿון ביידע זײַטן געדיכט באַוואַקסן געווען מיט הויכער לעבעדע, מיט סורעפּקע און גרויען פּאָלין, און נעכאַמקע האָט פֿונדאַנען זיך ניט אַרויסגעזען.

קעדיי גיכער קומען אהיים, איז איר באַקוועמער געווען, אַרויסגייענדיק פֿון דער באַלקע, פֿאַרקערעווען פֿאַרבײַ ליפּע זאַ:קעס בלוי־אַרומגעקאַלכטער שטוב. נאָר אָט די שטוב, ווו ס'האָט געלעבט די אָנגעפּאָרענע לערערן אין דעם געדונגענעם קליינעם צימערל, האָט זי פֿון נעכטן אין אָוונט פֿײַנט געקראָגן, ווי מע קריגט פֿײַנט א מענטשן. נעכאַמקע איז דעריבער בעקיוון אַרומגעגאַנגען ליפּע זאַ:קעס שטוב פֿונדערווײַטן, אָפּקערנדיק דעם קאָפּ צו די גערטענער, און מיטאַמאָל, אינגאַנצן אומגעריכט, דערזען דאָרט לויפֿן צווישן דער יונגער קוקורוזע איבערגעטאָן אין זײַנע אַלטע מי־

ליטער־קליידער, אָט אזוי ווי ער איז דעמלט געקומען פון דער ארמיי, וואָוועןֿ. א פארסאָפּעטער, א צעטראָגענער איז ער געלאָפן אין דער פאנאנ־דערגעשפּיליעטער גימנאַסטיאָרקע אהער, גלײַך צו איר.

„אהא, ניט אוועקגעפאָרן!״ — האָט נעכאמקע פריילעך א טראכט געטאָן און, ווי זי וואָלט אים אינגאנצן ניט באמערקט, פארקערעוועט עטוואָס רעכטס, אין א זײַט.

דער פארדראָס אַף אים האָט זיך אין איר ווידער דערוועקט. „ווען ער גייט ארײַן אין קלוב און זי שטייט אפילע מיט דער פּלייצע צו אים, וואָלט זי סײַווי גלײַך דערפילט, אז ער איז ארײַן. זי וואָלט געפילט, אז ער גייט, ווען ער וואָלט נאָך געווען אפילע ערגעץ אין דרויסן, און ער...״

זי איז בעקיוון אוועק גיכער.

— נעכאמקע!... — האָט וואָוועע הייזעריק זי א רוף געטאָן. — נעכאמע!...

זי איז גיך געגאנגען, ניט אומקוקנדיק זיך. דאָס קליידל האָט זיך לײַכט געפּאלדעוועט און ווי בעקיוון אויסגעטיילט אירע שלאנקע פיס. דעם קאָפּ האָט זי איצט, ווי קיינמאָל, געטראָגן שטאָלץ, פארהויבן עטוואָס אין דער הייך, ווי זי וואָלט געקוקט אַף די שפּיץ ביימער.

— נעכאמע!... — וואָוועע האָט א צערודערטער זי קוים דעריאָגט ארוף גאָרטן צווישן די טיקוועס. — נעכאמע... ווארט צו... איך זוך דיך שוין אזוי־פיל... די פורן שטייען דאָך שוין גרייט...

זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט. זי האָט גאָר־נישט ניט געענטפערט, ווי ער וואָלט גערעדט ניט צו איר.

— נעכאמע... שטיי... ווארט צו! — האָט ער קימאט ווי אויסגעשריִען. — ווארט צו... דו הערסט... איך דארף... הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן... נעכאמע!...

— איך וויל ניט הערן, — האָט זי ארויסרופעריש געענטפערט, ניט אָפּ־שטעלנדיק זיך.

— איך פאָר דאָך אוועק... אָט באלד...

— קאָנסט פאָרן!...

— אָט אזוי רעדסטו?... — האָט ער פארלוירן געפרעגט, נאָכגייענדיק איר פון הינטן.

— אָט אזוי ווי דו הערסט!...

— און אויב... ווער ווייסט... און אויב מיר וועלן זיך שוין ניט זען... האסט א טראכט געטאָן וועגן דעם, נעכאמע?...

— נו, איז וואָס, אז מיר וועלן זיך ניט זען, — האָט זי אײַנגעהאלטן, זייער רויִק געענטפערט, — מיר איז עס איצט אלציינס...

— אלציינס?!

— יאָ, אלציינס!...

— נו, אויב אזוי... — ער איז געבליבן שטיין און פאנאנדערגעפירט פארלוירן די הענט. דאָס הארץ האָט אים ווייטעקדיק פארקוועטשט. „וואָס האָט ער, סאָפּקאָלסאָף, איר געטאָן אזוינס, אז זי זאָל איצט, אין די לעצטע מינוטן, וואָס ער איז דאָ אפן כוטאָר, אזוי ריידן מיט אים, זי זאָל ארויסברענגען אזא שרעקלעך וואָרט: אלציינס״. ער האָט ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, וואָס איז געשען מיט איר. נאָר ער איז ניט געווען אין

קאס אף איר. פארקערט, עס האָט אים נאָך קיינמאָל אזוי ניט געצויגן צו איר, ווי איצט. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט אויסגעזעען אין זײַנע אויגן אזוי שיין, ווי איצט. זי איז אים נאָך קיינמאָל, זינט ער באגעגנט זיך מיט איר, ניט געווען אזוי ליב און טײַער, ווי איצט...

— נו, איז זײַ געזונט, — האָט ער א דערשלאָגענער פארזאָרגט איר נאָכגעשריִען, — זײַ געזונט, נעכאמעו!.. — ער האָט א ווײַלע צוגעווארט, עפּ־שער וועט זי ענטפערן. נאָר זי האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך אויסגע־דרייט און, שווער איבערשטעלנדיק די פיס, זיך געלאָזט גיין צוריק צו דער הרעבליע.

נעכאמקע האָט פארקערעוועט צו זיך, נאָר מיטאמאָל האָט זי דערהערט א געוויין פון פרויען דאָ דערבײַ אינעם שכיינעסדיקן הויף, און אין פאר־לעגנהײַט, ניט פארשטייענדיק, וואָס האָט דאָרט געקאָנט געשען, זיך גע־לאָזט אהין.

אין עטלעכע מינוט ארום איז נעכאמע א צעראשטע ארויסגעלאָפן פון שכיינעסדיקן הויף, זיך געכאפט מיטביידע הענט פארן קאָפּ און, שרײַענדיק עפּעס אומקלאָר ניט מיט איר שטים, זיך געלאָזט לויפן מיט די פארוואק־סענע גערטענער, אראָפּ צו דער הרעבליע. דער צאָפּ האָט זיך געוויגט און געשמיסן איר איבערן האלדז, איבער די אקסל, די ברוסט האָט זיך געהויבן אלץ האסטיקער, און זי האָט פארשטיקט אין זיך געוויקעט, געוויינט אָן טרערן: „א מילכאָמע.. אוי, א מילכאָמע...” זי האָט ניט באמערקט, ווי זי האָט פארלוירן פונעם אקסל דאָס טיכל, זי האָט ניט געפילט, ווי די שטע־כיקע בודיקעס האָבן ביז בלוט צעדראפּעט די נאקעטע פיס, זי איז געלאָפן ווי א דולע.

בא דער סאמע הרעבליע, וווּ עס זײַנען שוין געשטאנען היפש פורן, ארומגערינגלט מיט מענטשן, האָט זי אים דעריאָגט.

— וואָוועו!.. — האָט זי אויסגעשריִען, צופאלנדיק צו זײַן ברוסט. — טײַערער... און איך וואָס?.. און איך?..

ארום איז געווען פול מיט קאָלוירטניקעס און קאָלוירטניצעס. נאָר נע־כאמקען איז איצט גאָרנישט ניט אָנגעגאנגען. אויסער וואָוועו האָט זי איצט קיינעם ניט געזען. זי האָט ארומגעכאפּט אים מיט ביידע הענט פארן האלדז און זיך שטארק אײַנגעקלאמערט אין אים, ווי זי וואָלט מוירע האָבן, אז ער וועט זיך אָט־אָט ארויסרײַסן פון אירע אָרעמס.

— וואָוועו!.. — האָט זי זיך געבעטן, באגיסנדיק זיך מיט טרערן. — איך האָב דאָך ניט געוווּסט... איך האָב דאָך גאָרניט געוווּסט... געווען אין סטעפּ... זײַ ניט אין קאס אף מיר, וואָווע... זײַ ניט אין קאס...

— איך בין ניט אין קאס, — האָט ער שטיל געזאָגט, א גלעט געבנדיק זי איבער די האָר, וואָס האָבן אײַנגעהיט אין זיך דעם אָטעם פון דער היי־לאָנקע.

נעכאמקע האָט ווי א פארשיקערטע מיט אימפּעט אופגעהויבן זיך אף די שפּיץ פינגער און, פארזשמורענדיק די אויגן, צוגעפאלן צו זײַנע דאָרשטיקע ליפּן. איר האָט זיך פארדרייט דער קאָפּ, און זי איז שיר ניט אומגעפאלן. ער האָט זי אונטערגעכאפּט, און זי האָט דעמלט נאָך שטארקער זיך אײַנגע־

קלאמערט אין אים, געפירט מיט אירע הייסע ליפּן איבער זײַנע ניט גע־גאָלטע באַקן, איבער די אויגן...

— וואָווע... וואָווע... — האָט זי פאַרשטיקט געשעפּטשעט.

ארום איז דער טומל געוואָרן גרעסער. מע האָט זיך אָנגעהויבן געזע־גענען און אויסזעצן זיך אַף די פורן. דאָ און דאָרט האָט זיך אופגעהויבן א געוויין, א געיאָמער. כאָנציע און כאָמע טראַסקון זײַנען פאַרטראָגענע געגאַנגען צווישן די וועגענער, עפּעס אָנגעזאָגט די אָנטרײַבער און זיך גע־זעגנט מיט די מאָביליזירטע. אַף עטלעכע פורן האָבן זיך שוין געהאַט אויס־געזעצט אויך בורלאַקס געסט. דאָדיע בורלאַק, נאָך אַלץ אָנגעטאָן אינעם יאָמטעוודיקן סורדוט, איז געשטאַנען א שוויַיגנדיקער צווישן די פורן און אַף אַלע געזעגענונגס־ווערטער, וואָס זײַנען געווען געווענדט צו אים, געענטפערט מיט א מידן שאָקל פונעם גראָוון קאָפּ.

אין עטלעכע מינוט ארום האָבן אַלע מיט א טומל זיך שוין געהאַט אויס־געזעצט אַף די וועגענער. נאָר וואָווע איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט נעכאָמ־קען. די אָנטרײַבער האָבן שוין גענומען די לייצעס אין די הענט. יאָסקע פּיסקון, אַנטאָן סלאָבאָדיאַן און די איבעריקע, וואָס זײַנען געזעסן אַף א פור, האָבן געשריִען, גערופן וואָווען. א פאַרלוירן־צעטומלטער, האָט ער סאָפּקאָלסאָף אָפּגעלאָזט נעכאָמקעס הענט און זיך אויסגעדרייט צו די פאַר־זאָרגטע עלטערן.

— זײַ געזונט, טאַטע!..

— קער זיך אום געזונטערהייט, — האָט קאַלמען מיט זײַנע שווערע פאַר־האָרעוועטע הענט ארומגענומען וואָווען, זיך צעקושט, אָפּגעקערט זיך און אָפּגעווישט מיטן ברעג אַרבל פון פּידזשאַק א טרער. — געזעגן זיך מיט דער ערד, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן... דאָ ליגן דײַנע זיידעס און עלטערזיי־דעס... ס'איז הייליקע ערד... זײַ געבענטשט, זון מײַנער... און שלאָג דעם סוינע, היטלערן, יימאַך שמוי וועזיכרוי, שלאָג די פאַשיסטן אָן ראַכמאָ־נעס!..

— אוי, ווײ איז מיר!.. — האָט העניע־ריווע זיך צעוויינט הויך אפן קאָל. די פורן האָבן זיך גערירט.

— זעץ זיך אפן וואָגן, — האָט זאַהאַטיכע געכליפּעט. — זעץ זיך מיטן פּאָנעם אהער, צום כוטאָר... ועסטו זיך, אימײַרצעהאַשעם, אומקערן געזונ־טערהייט צו אונדז!..

— גוט, גוט... זײַט געזונט... נאָכדעם... איך וויל א ביסל גיין צופוס, — האָט ער געשריִען, האַלטנדיק זיך בא דעם וואָגן.

דער אוילעם האָט זיך געלאָזט נאָך די פורלעך, וועלכע האָבן זיך שוין געצויגן איבער דער הויך־אָנגעשאָטענער הרעבליע, אָפּוואַרפנדיק פון זיך א שאָטן אפן סטאַוואָק.

— זאָלסט שרײַבן, לעמאַנעשעם... — האָט זאַהאַטיכע מיט א וויינענדי־קער שטים נאָכגעשריִען.

— גוט, גוט.

די וועגענער זײַנען ניט געאײַלט דורכגעפאָרן די הרעבליע, זיך פאַרנור־מען מיטן הולײַפּאָליער שליאַך און, טראַסקענדיק מיט די רעדער, אוועק־געיאָגט גיכער. דער אוילעם, וואָס האָט באַגלייט, איז נאָך א ווײַלע נאָכגע־

גאנגען און צוביסלעכווײַז געבליבן שטיין אַף דער צווייטער זײַט סטאַוואָק, נאָך אַלץ מאכנדיק מיט די הענט און אויסשרײַענדיק עפּעס. ס׳האָבן גלײַכצײַטיק געשריִען אזויפיל מענטשן, אז מע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט פאַנאנדערקלײַבן.

א פארפלאמטע האָט נעכאמקע דעריאָגט וואָוועז, ארומגעכאפּט אים און געקושט אים דאָס פּאָנעם, געגלעט אים די האָר אפן קאָפּ.

— וואָווע, זײַ ניט אין קאס אף מיר... — האָט זי, שלינגענדיק די טרערן, זיך געבעטן בא אים, — זײַ ניט אין קאס, — האָט זי זייער שטיל איבערגעכאזערט און מיט ציטערדיקע פינגער פארשפּיליעט אים דעם קאָלנער פון דער גימנאסטיאָרקע.

— זײַ געזונט, נעכאמעלע...

דעריאָגנדיק אין א ווײַלע ארום זײַן פור, האָט וואָווע זיך אָנגעכאפּט אָן דער לושניע, איז פלינק ארופגעשפּרונגען אין דער הייך, זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו נעכאמקען און לאנג, לאנג געמאכט צו איר מיט דער האנט. וואָס ווײַטער, איז דער וואָגן אַלץ מער פארשוווּנדן היגטערן בארג. וואָוועז האָט מען שוין ניט געזען. דאָך איז נעכאמקע ניט אוועקגעגאנגען. זי איז געשטאנען בא דער זײַט וועג. איר פּאָנעם האָט אויסגעזען, ווי איבער דעם וואָלט נאָרוואָס אדורך א רעגן, זי האָט, פארשטשעמענדיק די ליפּן, געקוקט אהין אין דער ווײַט...

פארבײַ איר האָבן מיט א טראסקערײַ פון די רעדער זיך געצויגן אָן אופהער אַלץ נײַע און נײַע פורן. זיי האָבן זיך פארנומען אהער מיט פארשיידענע וועגן, וועלכע האָבן זיך געשלענגלט פון די ארומיקע דערפער און כוטאָרס בארג־ארוף, און דאָ זיך צונויפגעגאנגען אפן ברייטן גוט־אויסגעפּאָרענעם הולײַפּאָליער שליאך. אַף אייניקע וועגענער האָט מען געזונגען. ערגעץ האָט געשפּילט א הארמאָניק. אייניקע מאָביליזירטע האָבן עפּעס געשריִען צו איר, געמאכט מיט די הענט, מיט די היטלען.

די זון האָט זיך שוין גענומען אראָפּזעצן, פאנאנדערגיסנדיק א רויטקײַט אפן ראנד הימל, איבער די זייער געראָטענע טוועס און איבער דעם שליאך.

און נעכאמקע איז נאָך אַלץ געשטאנען אײנע אליין בא דער זײַט וועג און מיט פארווײנטע אויגן געקוקט ווײַט, ווײַט ארוף־בארג, ווו עס זײַנען פארשוווּנדן די לעצטע פורן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א ראָזלעכן שטויב...

ליִעס גורל

אנומלטן איז צו מיר אַף דער דאַטשע באַם ברעג יאַם געקומען צוגאַסט דער שוין ניט יונגער דיכטער אַנאַטאָלי באָלשאַקאָוו. ער איז געווען פאַרזאָרגט. איך האָב אים פאַרבעטן אַף דער זוניקער ווערענדע, וואָס קוקט צום יאַם, און פאָרגעלייגט אַ קעלישעקל גוטן אייגענעם ווײַן. ער האָט דאָס קעלישעקל אוועקגעשטעלט אָן אַ זײַט און אַליין זיך צוגערוקט נעענטער צו מיר.

— איך וויל אײַך עפּעס דערציילן, — האָט ער זיך אָנגערופן, אַ קוק געבנדיק מיר אין די אויגן, ווי ער וואָלט געבעטן אַ האַסקאָמע.

— ביטע, — האָב איך געענטפערט.

און באָלשאַקאָוו האָט ניט געצײַלט אָנגעהויבן דערציילן:

— מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אין אַ כמורנעם רעגנדיקן פאַרנאַכט, בין איך געפאָרן פון גרויסן פּאָנטאַן אין שטאָט אַרײַן. איך האָב געצײַלט אין געבורטס־הויז צו מײַן טאָכטער. דער אויטאָבוס איז, ווי שטענדיק בעשאַס אַ רעגן, געווען פולגעפּאַקט. איך בין געזעסן צוגעשפּאַרט צום פענצטער און געלייענט דעם בריוו, וועלכן די טאָכטער מײַנע האָט מיר געשיקט. ווען איך האָב גענומען צונויפלייגן די בייגעלעך פּאַפּיר, האָב איך באַמערקט, אַז דער אויטאָבוס, וואָס האָט פּאַמעלעך זיך געשלעפּט אונטער דעם מאַראַקעדיקן רעגן, איז שוין ניט ווײַט פון יענער גאַס, וווּ עס געפינט זיך דאָס געבורטס־הויז. דאָס האַרץ האָט באַ מיר אַ צאַפּל געטאָן: באַלד, אָט באַלד וועל איך זיי זען, זי און דאָס אייניקל... און פּונקט דעמלט האָב איך דערהערט אַן אָנגענעמע פרויען־שטים:

— אַנטשולדיקט... איך מעג זיך צו אײַך ווענדן?

פון אומדערוואַרטקײַט האָב איך זיך פאַרוווּנדערט אומגעקוקט. לינקס פון מיר איז געזעסן אַ ליכטיק־בלאָנדע שיינע פרוי פון אַ יאָר צוויי־דרײַ און פערציק. לויט איר בליק האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווענדט זי זיך צו מיר.

— ביטע.

— איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז איר זאָלט פאַרענדיקן לייענען, — האָט זי געלאַסן געזאָגט, פאַריכטנדיק מיט די לענגלעכע פינגער די ווייכע האָר, וואָס זײַנען איר געפאַלן אַף דעם לײַכטן מאַנטל.

איך בין געווען נאָך אינגאַנצן פאַרטראָגן מיט מײַנע פריִערדיקע גע־

דאנקען און ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, וואָס אָט די פרוי, וועלכע איך האָב ביז איצט אפילע ניט באמערקט, איז אויסן.

— איך וויל אײַך עפּעס פרעגן, — האָט זי ניט דרייסט זיך ווידער אָנגערופן.

— ביטע, ביטע, — האָב איך געענטפערט.

— אײַער פאמיליע איז... באָלשאקאָוו?

— יאָ...

— אנאטאָליי.. הייסט עס, האָב איך קיין טאָעס ניט געהאַט, — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך אליין געוווּנדערט.

— פונוואנען קענט איר מיך? — האָב איך מיט אופגעוואכטן נײַגער א פרעג געטאָן.

זי האָט זיך א קנייטש געטאָן, ווי זי וואָלט זיך געקווענקלט — זאָגן צי ניט.

— איך האָב אמאָל, אָנהייב מילכאָמע, ריזיקירנדיק, קאָן מען זאָגן, מיטן לעבן, ארויסגעגאנוועט פון א צעבראָכענער וויטרינע אף דעריבאסאָווסקע אײַער פאָטאָגראפיע...

— מײַן פאָטאָגראפיע? צוליב וואָס האָט איר זי באדארפט? — האָב איך פארכידעשט געפרעגט.

— ניט איך, — איר פאָנעם האָט זיך מיטאמאָל געענדערט, געוואָרן טרויעריקלעך, — מײַן כאַווערטע, זי האָט מיך געבעטן...

— אײַער כאַווערטע? ווער איז זי, ווי הייסט זי?

— וואָס פאר א נאפקעמינע איז דאָס, איר געדענקט זי שוין געוויס ניט.

— בא מיר איז א גוטער זיקאָרן. זאָגט, — האָב איך זי געבעטן.

— זי הייסט, — האָט זי פארטויבט, מיט א געפאלענער שטים געזאָגט, — ליִע.

— ליִע ווײַנבערג?

— יאָ.

פאר מיר איז עס געווען אזוי אומדערוואַרט, אז איך בין געבליבן ווי געפּלעפּט.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איצט ווייסט איר עפּעס וועגן איר?

די פרוי האָט אראָפּגעלאָזט די וויִעס און קוים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איך האָב פארשטאנען, אז מיט ליִען איז עפּעס געשען.

— וואָס האָט געטראָפן מיט איר?

די פרוי האָט געשוויגן.

— זאָגט. וואָס שווײַגט איר?

— אָך, פרעגט בעסער ניט, — האָט זי ווייטעקלעך פארביסן די ליפּן.

— איר מוזט מיר דערציילן, איך בעט אײַך.

— נו, גוט, — זי האָט א קוק געטאָן אין פענצטער און מיטאמאָל אופגעשפּרונגען. — איך דארף אָט דאָ אראָפּגיין, מע וואַרט אף מיר.

— ווען זשע? ווען וועלן מיר זיך זען? — האָב איך זי געפּרוווט פארהאלטן. — מאָרגן קענט איר?

— גוט, זאָל זײַן מאָרגן.

— ווו?

— זאָל זײַן דאָ, לעבן דעם אוטאָבוס־אָפּשטעל. נו, גוט. מאָרגן אין דער זעלבער צײַט, — האָט זי לײַכט מיר א דריק געטאָן די האנט און פלינק ארויס פון אוטאָבוס.

אין א קורצער צײַט ארום האָט דער אוטאָבוס זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן דעם געדיכט־באגרינטן הויף, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס געבורטס־הויז. איך בין ארויס און פארלוירן געבליבן שטיין. איך האָב געדארפט קומען צו־זיך און גענומען פּאמעלעך שפּאנען הין און צוריק איבער דעם גלאנ־ציק־נאסן טראָטואר. לאנג האָב איך אזוי זיך ארומגעדרייט און ענדלעך א מידער זיך אופגעהויבן אף די טרעפּלעך. די טיר פונעם געבורטס־הויז איז געווען פארשפּארט. קיין באזוכער האָט מען שוין ניט ארײַנגעלאָזט. איך בין אוועק צוריק און לאנג געשפּאנט אונטער דעם מאראקענדיקן רעגן. אהיים בין איך געקומען שפּעט, זיך געלייגט, נאָר ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן. „וואָס איז געשען מיט ליִען?" זי איז געשטאנען, ליִע, פאר מײַנע אויגן אזא, ווי איך האָב זי געזען דאָס ערשטע מאָל אפן יוגנטלעכן אָוונט אין זו־מער־פּארק: א שטאלטנע, אין א ווײַס קליידל, אין ווײַסע לײַכטע טופליעס. די שווארצע צעפּ פארוואָרפן איבער די יונגע בריסט. זי איז געשטאנען פאר מיר, ווי דעמלט אף דער בינע מיט דעם פידל אין האנט.

נאָך איר ארויסטרעטונג האָב איך געלייענט מײַנע נײַע לידער. איך האָב, ווײַזט אויס, דאָס מאָל געלייענט בעסער, ווי שטענדיק, דער אוילעם האָט באגײַסטערט מיר אפּלאָדירט.

פון פּארק זײַנען מיר שוין אוועק צוזאמען, איך מיט ליִען. מיר האָבן שפּאצירט באם סאמע ברעג יאם. דאָס גרינבלעכע וואסער איז ערטערווײַז באלויכטן געווען פון דער פולער לעוואָנע. מיר זײַנען לאנג געגאנגען. נאָכדעם האָבן מיר זיך פארקליבן אף א פעלדז, אונטער וועלכן עס האָבן שטיל זיך געפּליושקעט די באנאכטיקע כוואליעס. ליִע האָט געבעטן, איך זאָל לייענען נאָך לידער. איך האָב געלייענט, און זי האָט געקוקט אף מיר א גליקלעך־פארוווּנדערטע. זי איז געווען נאָך גאָר יונג, און איך האָב ניט געוואגט זי אָנעמען בא דער האנט. שפּעטער האָט זי דערציילט וועגן זיך, וועגן איר היים. דער טאטע איז א בוכהאלטער. זייער א שטרענגער איז ער. די מאמע איז א גוטע און א מילדע. פאראן נאָך א קלענער שוועסטערל און א ברודערל. זי מוז העלפן די עלטערן, טרעט זי דעריבער ארויס אף קאָנ־צערטן.

ס'איז געווען א שטילער, ווארעמער מײַ־אָוונט. ערגעץ אף די בערג האָבן געבליט די סעדער. עס האָט געשמעקט מיט ווײַנשל־צוויט. פון יאם האָט געצויגן מיט לויטערער פרישקײַט; און די לעוואָנע איז א שמייכלענ־דיקע אונדז נאָכגעגאנגען פוסטריט.

פון דעמלט אָן האָבן מיר זיך אָנגעהויבן באגעגענען. לעבן פּאָטיאָמקין־לייטער. אפן ברעג־יאמישן בולוואר.

אזוי איז אדורך דער זומער, דער הארבסט און דער ווינטער. מיר פלעגן

וואַרטן איינס אפֿן אַנדערן אונטער רעגנס, אין פֿרעסט און זאַווייעס, און דאָס האָט געמאַכט נאָך שענער אונדזערע באַגעגענישן.

איינמאָל האָב איך געטראָפֿן ליִען אָן אומעטיקע, אַ פֿאַרזאָרגטע. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און דערציילט, אַז דער טאַטע האָט זיך דערוווּסט, אַז זי באַגעגנט זיך מיט אַן אַנגעפּאַרענעם מענטשן, וואָס האָט זיך דערצויגן אין אַ קינדערהיים און איז אַ סאַך עלטער פֿון איר. ער האָט געמאַכט אַ סקאַנדאַל. די מאַמע האָט געוויינט. קיינער האָט יענעם אינדערפֿרי ניט גע־פֿרישטיקט. דער טאַטע איז אַוועק אַ הונגעריקער אויף דער אַרבעט.

ליִעס געזיכט איז געווען בלייך, און עס האָט מיר ווי געטאָן פֿאַר איר.

— ליִע, מיר דאַרפֿן זיך מער ניט באַגעגענען, — האָב איך איר געזאָגט.

— דו האָסט מיך ניט ליב? — האָט זי דערשראָקן געפֿרעגט.

— דערפֿאַר ווײַל איך האָב דיך שטאַרק ליב. איך וויל ניט, אַז דײַנע עלטערן זאָלן איבערלעבן צוליב מיר. און עפּשער... מעגלעך, אַז זיי זײַנען גערעכט.

— וואָס רעדסטו?! — האָבן זיך באַ איר געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— איך בין דאָך טאַקע אויף אַ סאַך עלטער פֿון דיר.

— נו, דעריבער איז וואָס? אָן דיר קאָן איך ניט...

— עס דוכט זיך דיר איצט אַזוי. עס וועט דורך אַ שטיקל צײַט, וועסטו מיך פֿאַרגעסן.

— ניין, ניין! קיינמאָל! קאַלזמאַן איך וועל לעבן, וועל איך ליב האָבן נאָר דיך, דיך! מער קיינעם ניט. איך מוז דיך זען. הערן. איבעראַכטאָג דינסטיק אין אָוונט וועל איך, ווי שטענדיק, דאָ וואַרטן אויף דיר.

— און אויב איך וועל ניט קומען?

— וועל איך קומען אין צוויי וואָכן אַרום אין דער זעלבער צײַט.

— און אַז איך וועל אין צוויי וואָכן אַרום אויך ניט קומען?

— איז אין דרײַ וואָכן אַרום, אין פֿיר וואָכן אַרום, אין פֿינף. אַלע דינ־סטיק אין אָוונט וועל איך שטיין דאָ און וואַרטן אויף דיר.

איך האָב באַ זיך אָבער פֿעסט באַשטימט זיך מער ניט באַגעגענען. און איך בין ניט געגאַנגען. יעדן דינסטיק אין אָוונט האָב איך זיך קיין אָרט ניט געפֿונען. איך האָב דאָך געוווּסט, אַז זי שטייט לעבן די פּאַטיאָמקין־טרעפּ און וואַרט. עס האָט מיך ניט געלאָזט רוען, געצויגן אַהין, נאָר איך האָב זיך ניט נאָכגעגעבן. כ'האָב זיך געזאָגט: גיי ניט. טראַכט ניט וועגן זיך. זאָרג זיך וועגן איר. מאַך ניט קאַליע איר לעבן. זאָל זי זיך אָפּגעוווינען. פֿאַר איר וועט זײַן בעסער, עס וועט באַ איר דורכגיין, ווי אַ קינדער־קרענק.

עטלעכע כאָדאָשים זײַנען אַדורך, און מיר האָבן זיך ניט געזען. איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך איר. נאָר ניט געגאַנגען.

דעם צוואַנציקסטן יון אין אָוונט, ווען איך בין אַרויס פֿון ראַדיאָ־סטודיע, האָב איך אַנטקעגן אונטער דער צעצווויטעטער אַקאַציע דערזען זי שטיין.

— ליִע? וואָס טוסטו דאָ?

— איך האָב דערהערט דיך לייענען דורך ראַדיאָ, בין איך געקומען, — האָט זי פֿאַרלוירן געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך געפֿילט שולדיק, — איך בין געקומען זיך געזעגענען. פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג פֿאָר איך אַוועק מיט דער שיף קיין קאַווקאַז.

— אף קאָנצערט?

— ניין, אף קאָנצערטן. מיטן יוגנטלעכן אנסאמבל. אף פינף וואָכן, — האָט זי שטיל געזאָגט, — קום א ביסל.

זי איז געווען עטוואָס בלייך און אויסגעזען נאָך שענער, ווי שטענדיק. איך בין ניט בעקויעך געווען אָפּפירן די אויגן פון איר.

— קום, — האָט זי איבערגעכאַזערט.

— וווהין? — איך האָב געפילט, אז איך האָב זי איצט נאָך מער ליב, ווי פריִער.

— קום צום יאם. אהין, ווו מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל שפּאַצירט.

מיר זײַנען אוועק.

ס׳איז געווען א שטילער ווארעמער אָוונט. לענגויס די העל־באלויכטענע גאסן האָבן געשורשעט מיט די בלעטער די אקאציעס און פארפולט די דורכזיכטיק־בלוילעכע לופט מיט א שיקערנדיקן גערוך. האלטנדיק זיך פאר די הענט, האָבן מיר זיך אראָפּגעלאָזט צום לאָנזשעראָן. מיר זײַנען לאנג געגאנגען מיטן זאמדיקן ברעג. דער יאם איז געווען רויִק. דאָס גרינבלעכע וואסער איז געווען ערטערווײַז באלויכטן פון דער לעוואָנע. מיר האָבן זיך ווידער פארקליבן אפן הויכן פעלדז, און אונטן האָבן ווידער קוים־קוים זיך געפּליושקעט די באנאכטיקע וועלן...

— ס׳איז מיר קילבלעך, — האָט ליִע, ארומנעמענדיק זיך מיט די הענט, געזאָגט.

— לאָמיר גיין פונדאנען, — האָב איך געענטפערט.

זי האָט אף מיר עטוואָס ברויגעזלעך־פארוואונדערט זיך אומגעקוקט.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט.

— וועסט כאָטש א ביסעלע בענקען נאָך מיר? — האָט ליִע געזאָגט באם געזעגענען זיך. — געדענק, אין פינף וואָכן ארום וועל איך ווארטן אף דיר לעבן פּאָטיאָמקין־לייטער.

פיר אזייגער פארטאָג איז אָפּגעגאנגען די שיף. ליִע איז אוועקגעפאָרן. איך בין געשטאנען אפן ברעג־יאמישן בולוואר און פונדערווײַטן באגלייט זי. אין האפן האָב איך זיך ניט אראָפּגעלאָזט. דאָרט זײַנען געווען אירע עלטערן. אפן בולוואר איז געווען קיל. איך בין לאנג געשטאנען, ביז די גרויסע ווײַסע שיף איז ניט פארשוווּנדן הינטערן האריזאָנט.

אין צוויי טעג ארום איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. די גאסן זײַנען פארפולט געוואָרן מיט מענער, וועמען די ווײַבער און קינדער האָבן באגלייט אין דער ארמיי. ניט דערווארטנדיק זיך אף א פּאָווּעסטקע, בין איך אוועק אין וואָיענקאָמאט. „וועט מע וועט זיך בייטיקן אין אײַך, וועט מען אײַך רופן״, — האָט מיר געענטפערט דער קאָמיסאר.

יעדן טאָג זײַנען איבער דער שטאָט געפלויגן פאשיסטישע אעראָפּלאָנען. עס האָבן אומרוִיק־צעצויגן געפּײַפט די סירענעס. מע איז געלאָפן אין די קעלערס, אין די באָמבע־באהעלטענישן. פון וואקזאל זײַנען אָפּגעגאנגען פארמאסקירטע עשעלאָנען מיט מאָביליזירטע. דער פראָנט האָט זיך גיך דערנענטערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די עוואקואציע פון דער באפעלקערונג.

„גוט, וואָס ליִע איז ווײַט פונדאַנען, וואָס זי איז אויסער געפאַר״, — האָב איך געטראַכט, נאָר גלײַכצײַטיק האָט מיר שטאַרק באַנק געטאָן, וואָס מיר וועלן זיך שוין, מעגלעך, קיינמאָל מער ניט זען.

נאָר אָט, דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יול, פּונקט אין אַ כּוידעש אַרום, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, אַרום אַכט אין אָוונט, האָב איך זיך אומגעקערט פון האַפן. פונדערווײַטן נאָך האָב איך לעבן פּאָטיאָמקין־לייטער דערזען ליִען. די ערשטע רעגע האָב איך ניט געגלייבט די אייגענע אויגן. „ווי קאָן עס זײַן... זי איז דאָך גאָר אָף קאַווקאַז... צי דען איז עס זי?..״ יאָ, ס׳איז געווען ליִע. זי האָט מיך גלײַך דערזען, מיט אימפּעט זיך געלאָזט לויפן צו מיר, אַרומגענומען און מיטן פּאָנעם צוגעפאַלן צו מײַן ברוסט.

— ווי קומסטו אַהער? — האָב איך פאַרוווּנדערט געפרעגט. — האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו וועסט זיך אומקערן אין פינף וואָכן אַרום. איך בין געווען זיכער, אַז דו ביסט אָף קאַווקאַז. איר האָט זיך אַלע אומגעקערט?

— ניין. איך אַליין, — האָט ליִע פאַרפלאָמט געענטפערט, — כ׳האָב מוירע געהאַט, אַז איך וועל דיך מער ניט זען. שוין צוויי וואָכן, ווי איך בין דאָ. איך האָב ניט געוווּסט, ווו צו זוכן דיך. איך ווייס דאָך אַפילע דײַן אַדרעס ניט. נאָר איך האָב געגלייבט, אַז דו וועסט קומען אַהער. אַבי איך זע דיך, — האָט זי פריילעך געזאָגט.

אַ געוואָי פון סירענעס האָט זיך מיטאַמאָל צעטראָגן איבער דער שטאָט. פון הינטער די וואָלקנס, וואָס איבערן יאַם, האָבן גרויזאַם זיך אַרויסגע־שניטן פאַשיסטישע באָמבאַרדירער און מיט אַ דראָענדיק־שווערער הודערײַ זיך פאַרנומען גלײַך איבער אונדז. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן, אַרײַנגע־כאַפּט זיך אין דער פּוסטער פּאַראַדנע פונעם אַנטקעגנדיקן מויער און זיך צוגעטוליעט פעסט איינס צום אַנדערן. פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ שטאַרקע שיסערײַ. עפּעס האָט דערבײַ זיך אופגעריסן. דער מויער איז אונטערגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט צוזאַמען מיט דעם פונדאַמענט זיך גע־רירט פון אָרט. פון דער הייך האָבן זיך אַ שאָט געטאָן איבער אונדז שטי־קער גלאָז. ערשט דעמלט האָבן מיר באַמערקט, אַז מיר באַהאַלטן זיך אויס אונטער אַ גלעזערנעם דאַך. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן אין שכיינעסדיקן הויף, אַהין, ווו עס איז געווען אַ באָמבע־באַהעלטעניש.

דער שוואַך־באַלויכטענער צעמענטירטער קעלער, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דעם מאַסיוון פינפשטאָקיקן מויער, איז איבערגעפולט געווען מיט פרויען, קינדער און אַלטע לײַט. זעצן זיך איז ניט געווען ווו. אַ גאַנצע נאַכט איז ליִע געשטאַנען צוגעטוליעט צו מיר, און מיר האָבן זיך צוגע־הערט צו די אָפּטע שווערע אופרײַסן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן אַהער. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט באַלד וועט טרעפן אַ באָמבע אין דעם מויער און ער וועט זיך אומוואַלגערן מיט אַלע זײַנע פינף שטאָקן און פאַרשיטן אונדז.

פאַרטאָג ערשט איז שטיל געוואָרן. מיר זײַנען געווען זייער מיד און צעבראָכן פון דער נאַכט.

— קום, — האָב איך אַ רוף געטאָן ליִען, און מיר זײַנען אַרויס פונעם דושנעם קעלער אין קילבלעכן דרויסן. איבער דער שטאָט האָט פון אַלע

זײַטן זיך געקנוילט א געדיכטער שווארצער רויך. די טראַקטוארן זײַנען געדיכט באדעקט געווען מיט גלאָז. ס׳האָבן זיך געוואלגערט שטיקער ציגל, בלעך, שטוקאטורקע. קווער דער גאס זײַנען געלעגן אומגעוואלגערטע ביימער. דאָס שענסטע הויז אוף לענין־גאס איז צעבאָמבירט געווען, עס זײַנען געבליבן הענגען אינדערלופטן די פּילצאָליקע טרעפּ, וועלכע האָבן זיגזאגארטיק געפירט אין דער הייך צום הימל...

ליִע האָט געציטערט. זי האָט זיך געטוליעט צו מיר.

— גיי גיכער אהיים. די מאמע ווייסט דאָך ניט, וואָס מיט דיר איז,— האָב איך זי געאײַלט.

נאָך אין קעלער האָט ליִע מיר דערציילט, אז אפן צווייטן טאָג פון דער מילכאָמע האָט מען דעם טאטן מאָביליזירט און די מאמע איז פארבליבן אליין מיט נאָך צוויי קינדערלעך.

מיט אײַלנדיק־גיכע טריט האָב איך באגלייט ליִען, איר אָנגעזאָגט, אז זי זאָל מיט איריקע וואָס גיכער זיך עוואקויִרן.

— ווי קאָן איך אוועקפאָרן אָן דיר? — האָט זי געענטפערט.

— דו טראכט איצט וועגן דײַן מאמען, וועגן דײַן שוועסטערל און ברודערל. וועגן זיך טראכט! דו ווייסט דען ניט, וואָס די דײַטשן טוען מיט ייִדן? קאָלזמאן מע קאָן, עוואקויִרט זיך. לייגט ניט אָפּ. נאָכדעם וועט זײַן שווער. איך וועל נאָך הײַנט זיך סטארען קריגן פאר אײַך טאלאָנען אוף א שיף. קלײַבט גלײַך אָפּ די נייטיקסטע זאכן. גרייט זיך צו. דער דײַטש איז שוין לעבן דניעסטער.

ליִע איז געווען שטארק פארזאָרגט. זי האָט מיך געהערט און געשוויגן.

אפן ראָג פּראָכאָראָווסקע, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן מאָלדאוואנקע, איז זי געבליבן שטיין.

זי האָט געווינט ערגעץ דאָ נאָענט, נאָר ווו, אוף וועלכער גאס און אין וואָס פאר א הויז, האָב איך ניט געוווּסט. איך בין קיינמאָל בא איר ניט געווען. זי האָט ניט געוואָלט, אז באקאנטע זאָלן אונדז זען דאָרט.

— וואָס זשע שטייסטו? — האָב איך געפרעגט.

— איך קאָן ניט אוועק. איך האָב מוירע, אז איך וועל דיך מער ניט זען.

— איך וועל דרײַ אזייגער באטאָג קומען אהער. איך וועל ווארטן אוף דיר אָט דאָ, — האָב איך זי פארזיכערט.

— פּינקטלעך דרײַ?

— יאָ.

— זאָלסט נאָר ניט פארשפּעטיקן.

— איך וועל קומען צו דער צײַט.

— געדענק, אנאטאָליִ! דרײַ אזייגער וועל איך שוין זײַן דאָ.

— נו, גיי, גיי, — האָב איך זי אונטערגעאײַלט.

זי האָט זיך געלאָזט גיין. עטלעכע מאָל האָט זי זיך אומגעקוקט, לײַכט א מאך געטאָן מיט דער האנט און אין א ווײַלע ארום פארשווונדן הינטערן ראָג.

איך בין אוועק אין געגנט־אויספירקאָם. כ׳האָב געדארפט באלד, קאָלזמאן איך בין דאָ, טאָן אלץ, קעדיי העלפן ליִען מיט דער מישפּאָכע זיך עוואַ־

קוּיִרן. ביז נאָך האַלבן טאָג בין איך אַרומגעלאָפן פון איין אַנשטאַלט אין צווייטן און סאָפּקאָלסאָף געקראָגן טאַלאָנען פאַר דער גאַנצער מישפּאָכע אַף דער שיף „קרים“, וואָס האָט געדאַרפט מאָרגן אָפּגיין מיט עוואַקוּיִרטע קיין נאָוואָראָסיִיסק.

מיט די טאַלאָנען אין קעשענע האָב איך אַוועקגעאײַלט אַפן ראָג פּראָכאָראָווסקע, ווו מיר האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפן. ליִע איז דאָרט נאָך ניט געווען. מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט, אַז אָט־אָט וועט זי זיך ווײַזן פון הינטער יענעם ראָג, ווו זי איז אײַנדערפרי פאַרשוווּנדן. אַלע ווײַלע האָט זיך מיר געדוכט, אַז אָט גייט זי. „וואָס זאָל עס באַטײַטן? זי זאָל פאַרשפּעטיקן? אָדער עפּשער גייט מײַן זייגער ניט ריכטיק?“ איך האָב זיך אומגעקוקט, קעדיי פרעגן בא עמעצן די צײַט, און דערזען, אַז די מענטשן אַפן גאַס האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן לויפן. אַן אַליאַרעם! ווידער פאַשיסטישע עראָפּלאַנען. אַ געוואָי פון סירענעס. אַ געשריי. אַ געוויין פון ווײַבער, פון קינדער. אַ שטופּעניש בא די הויפן, ווו עס זײַנען געווען באַהעלטענישן. די גאַס איז באַלד פּוסט געבליבן. קיין איין מענטש. די ערד האָט געציטערט. ס׳האָבן זיך געריסן באָמבעס. מיט אַ קלינגערײַ האָט זיך געשאָטן דאָס גלאָז פון די פענצטער. און איך בין אַלץ געשטאַנען אַפן ראָג.

ווען דער אַליאַרעם האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן אַפן גאַס זיך אָנגעהויבן ווײַזן מענטשן, וואָס זײַנען אַרויס פון די באַהעלטענישן. עפּשער וועט זי אויך באַלד קומען. איך האָב געוואַרט. לאַנג. ס׳האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקל. ליִע איז ניט געקומען.

אַ צעבראָכענער בין איך אַוועק אַהיים, אין מײַן פּיצינקן צימערל, ווו איך האָב געלעבט איינער אַליין. „וואָס איז געשען מיט ליִען? פאַרוואָס איז זי ניט געקומען? — האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק. — ווי געפינט מען זי איצט? ווי גיט מען איר אָפּ די טאַלאָנען? מאָרגן גייט דאָך אָפּ די שיף...“ איך האָב זיך ניט געקאָנט מויכל זײַן, וואָס איך האָב אין אַזאַ צײַט זיך ניט דערטראַכט נעמען איר אַדרעס.

לעבן דער טיר האָט מיך באַגעגנט די שכיינע. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאָוועסטקע פון וואָיענקאָמאַט. עלף אַזייגער אײַנדערפרי האָב איך שוין באַדאַרפט זײַן דאָרט. צײַט איז פאַרבליבן ווייניק. גאַנצפרי בין איך אַוועק אין אַדרעסן־ביוראָ זיך דערוויסן ליִעס אַדרעס. אַף דעם אָרט, ווו עס האָט זיך געפונען דער דאָזיקער אַנשטאַלט, האָב איך געטראָפן אַ באַרג מיט שטיינער.

ווו האָב איך זי געקאָנט איצט זוכן?

אין עטלעכע שאָ אַרום האָב איך מיט נאָך מאָביליזירטע זיך שוין געפונען אין פול־אָנגעפּאַקטן מיליטער־עשעלאָן, וואָס איז אײַליק אָפּגעגאַנגען פון דער פּוסט־פאַרבליבענער פּלאַטפאָרמע.

אַפן פראָנט שוין האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער סוינע האָט פאַרנומען אונדזער שטאָט. און וואָס איז מיט ליִען? צי האָט זי באַוויזן זיך עוואַקוּיִרן? ווו איז זי?

גלײַך נאָך דער מילכאָמע האָב איך זיך אומגעקערט אַהער, אין דער ברעג־יאַמישער שטאָט. כ׳האָב געטראָפן פיל רוּיִנירטע הײַזער, בערג מיט שטיינער, הענגענדיקע לייטערס, סטאַרטשענדיקע קוימענס, פאַרסאַרפּעטע

וועגט און קוואָרים פון צעשאָסענע, פון לעבעדיק־באַגראָבענע... „צי דען איז ליזע פאַרבליבן דאָ?”. איך האָב געטריבן פון זיך אָט דעם געדאַנק, געגאַנגען איבער דער שטאָט, געווען אַפן ראָג פּראָכאָראָווסקע, אַף די דערבײַיקע גאַסן, זיך אײַנגעקוקט אין די פאַרבײַגייענדיקע, געזוכט, עפּשער וועל איך זי באַגעגענען. נאָר עס איז אַדורך אַ וואָך, און צוויי, און אַ כוידעש, און אַ יאָר, און אַ סאַך יאָרן... און איך האָב ליזען אין ערגעץ ניט באַגעגנט. באַ וועמען איך האָב ניט געפרעגט, האָט קיינער ניט געוווּסט וועגן איר. איך האָב פאַרלוירן אַלע האָפענונגען. און איך האָב כאַסענע געהאַט. די פרוי איז נאָך אַ שווערער קרענק אין צוויי יאָר אַרום געשטאָרבן. געבליבן אַ מיידעלע... איצט איז זי שוין אַליין אַ מאַמע. און ליזע?..

איך האָב געציילט די מינוטן, קעדיי וואָס גיכער זיך באַגעגענען מיט דער פרוי, וואָס איך האָב נעכטן געטראָפן אין אויטאָבוס, זיך דערוויסן באַ איר, ווו איז ליזע, וואָס איז געשען מיט איר...

צום אויטאָבוס־אָפּשטעל, ווו מיר האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפן, בין איך געקומען פאַר דער באַשטימטער צײַט. דער אָוונט איז געווען אַ וואַרעמער, אַ שטילער. די לופט איז געדיכט אָנגעפילט געווען מיטן גערוך פון וועלקנדיקע בלעטער, וואָס זײַנען געפאַלן פון די ביימער אַפן טראָטואַר. עלטערע און יונגוואַרג האָבן שפּאַצירט, הויך גערעדט, זיך געוווּרטלט. געלאַכט. נאָר איך איינער בין געשטאַנען אַ פאַרזאָרגטער. „צי וועט זי קומען?” דער זייגער איז שוין געווען אַכט. מיטאַמאָל האָב איך זי דערזען. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, עלעגאַנט אָנגעטאָן אין אַ בלאָון קאָסטיום, איז זי מיט גיכע טריט געגאַנגען גלײַך צו מיר.

— אַ גוטן אָוונט... אָקסאַנאַ יוכימאָוונאַ,— האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אויסשטרעקנדיק די האַנט,— איך האָב ניט פאַרשפּעטיקט?

מיר האָבן פאַמעלעך זיך געלאָזט גיין און זיך צונויפגעמישט מיט דעם ראַשיקן אוילעם, וואָס האָט פאַרפולט דעם ברייטן העל־באַלויכטענעם טראָטואַר. לעבן ראָג האָבן מיר זיך אַף אַ רעגע פאַרהאַלטן און זיך פאַרנומען אַף אַ זײַטיקער שטילער גאַס.

— וואָס איז געשען מיט ליזען? — האָב איך ענדלעך זיך אָנגערופן.— ווו איז זי איצט? זי לעבט?

— איר ווילט, איך זאָל אײַך דערציילן אַלץ? — האָט די פרוי אופמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף מיר.

— יאָ. אַלץ... פאַרשטייט זיך. אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן איר.

זי האָט עטוואָס אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווידער זיך געלאָזט גיין. איך האָב געפילט, אַז איר איז שווער צו ריידן.

— די ערשטע גרויסע באָמבאַרדירונג געדענקט איר? — האָב איך זיך אָנגערופן, קעדיי פאַרלײַכטערן איר.— דעמלט האָב איך דאָס לעצטע מאָל זיך געזען מיט ליזען. מיר זײַנען געווען אַ גאַנצע נאַכט אין באַהעלטעניש. אינדערפרי האָב איך זי באַגלייט. מיר האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפן דרײַ אַזייגער אַפן ראָג פּראָכאָראָווסקע. איך בין געווען דאָרט. געוואַרט. נאָר זי איז ניט געקומען.

— איך ווייס, — האָט די פרוי פאַרזאָרגט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — ווען זי האָט זיך אומגעקערט נאָך יענער נאַכט אהיים, האָט זי געטראָפן די מאמע ליגן אין בעט מיט א האַרץ־שלאָג. זי האָט ליִען אַף קיין רעגע ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. דאָך איז ליִע ארויס, נאָר ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַליאַרעם. מיליציע האָט געטריבן דעם אוילעם פון גאַס אין די הויפן, אין די קעלערס, אין די באַהעלטענישן. ליִע האָט ניט געפאָלגט און זיך געלאָזט לויפן. מע האָט זי פאַרנומען אין מיליציע. אָט ווי עס האָט זיך באַקומען...

— און ווייַטער?.. — האָב איך מיט אומגעדולד געפרעגט.

— ווען מע האָט זי אָפּגעלאָזט, איז זי אַוועקגעלאָפן אהין, וווּ איר האָט אָפּגערעדט זיך טרעפן. נאָר איר זייַט דאָרט ניט געווען. איך האָב זי דעמלט באַגעגנט, קוים עטוואָס באַרויִקט און אָפּגעפירט אהיים. פון דעמלט אָן האָט זי יעדן טאָג דרייַ אַזייגער געוואַרט אַף אייַך אַפן ראָג. אין אָוונט איז זי געגאַנגען צום פּאָטיאָמקין־לייטער, עפּשער וועט זי אייַך טרעפן. פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע אין שטאָט געוואָרן ערגער. ס׳האָבן אָן אויפהער זיך געריסן סנאַריאַדן און באָמבעס. די פאַשיסטישע אַרמיי האָט אָפּגעשניטן אַלע יאַבאָשע־וועגן. איין וועג איז נאָר געבליבן — מיטן יאַם. זעצן זיך אַף א שיף איז געווען ניט לייַכט. נאָר דאָך האָט מען געקאָנט זיך דערשלאָגן. איך האָב זיך געבעטן בא איר, אַז מיר זאָלן זיך צוזאַמען עוואַקויִרן. נאָר זי האָט זיך ניט געקאָנט באַשליסן. זי האָט אַלץ געהאָפט, אַז איר וועט קומען. און זי האָט געוואַרט. מיט א טאָג פריִער, איידער אונדזער אַרמיי האָט פאַרלאָזט די שטאָט, האָב איך מיט מייַן שוועסטער באַוויזן זיך עוואַקויִרן. ליִע און די מאמע אירע מיט די קינדערלעך זייַנען אויך געווען אין האַפן. אין דער שרעקלעכער שטופּעניש האָט איר מאמען אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ, און זיי האָבן ניט באַוויזן אַרופגיין אַף דער שיף. אַף מאָרגן זייַנען די פאַשיסטן אַרייַן אין שטאָט... — די פרוי האָט שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אין א ווייַלע אַרום פאָרגעזעצט: — ליִען, די מאמע און די קינדערלעך האָט מען אַרויסגעטריבן פון זייער דירע אַזוי ווי זיי זייַנען געשטאַנען. אָן זאַכן, אָן עסנוואַרג, אָן א גראָשן געלט, פאַרטריבן אין געטאָ. א פּאָלקאָווניק פון דער סיגוראַנצע, שוין א מיטליאָריקער, א פליכעוואַטער רומענער, האָט דערזען ליִען און מיט גוואַלד זי אָפּגעפירט אַף זייַן קוואַרטיר, וואָס ער האָט פאַרנומען איינער אַליין אַפן דריטן שטאָק אין סאַמע צענטער. זי האָט אַף א לייַלעך זיך אופגעהאַנגען... דער אַדיוטאַנט האָט זי באַוויזן ראַטעווען. פון דעמלט אָן פלעגט דער פּאָלקאָווניק זי האַלטן פאַרשפּאַרט אין א פּוסטן צימער. ווען ער איז ניט געווען, האָט זי אַרויסגענומען א שויב פון פענצטער, זיך אָנגעכאַפּט אָן דער רינווע און, שיִר ניט אַף דערהאַרגעט צו ווערן, זיך אַראָפּגעלאָזט פון דריטן שטאָק אַפן טראָטואַר. א פּאָליצייַ האָט זי פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אין געטאָ. די מאמע און דאָס שוועסטערל מיטן ברודערל האָט זי שוין דאָרט ניט געטראָפן. מיט א נאַכט פריִער האָט מען זיי צוזאַמען מיט נאָך פיל מענטשן פאַרטריבן אין די דערבייַיִקע ליידיקע קאַזאַרמעס און לעבעדיקערהייט פאַרברענט. ליִע איז אומגעפאַלן אין אָנמאַכט. ווען מע האָט זי אָטכייַעט און אופגעהויבן פון דער ערד, האָט זי דערזען לעבן זיך דעם פּאָלקאָווניק. ער איז ווידער געקומען נאָך איר.

ס'האָט מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם, נאָר איך האָב זיך געסטאַרעט עס ניט אַרויסװײַזן.

— איר װילט װיסן, װאָס איז געשען נאָכדעם? — האָט די פרוי ביטער־לעך אַ פרעג געטאָן. — נאָכדעם האָט מען זי געזען פאָרן מיט אים אין אַ קאַרעטע. ס'איז געװען בײַם עפּעס זײערן אַ יאָמטעװ. אויף די גאַסן זײַנען געהאַנגען פלאַגן מיט פאַשיסטישע סװאַסטיקעס. און זי איז געזעסן לעבן אים אין קאַרעטע.

— עס קאָן ניט זײַן! איך גלײב ניט! — האָב איך אױסגערופן. — פונ־װאַנען װײסט איר עס?

— איך האָב אױך ניט געװאָלט גלײבן, נאָר שכנים האָבן געזען. און אױסער דעם... נאָר װעגן דעם שפּעטער. איר האָט דאָך געבעטן, איך זאָל אײַך דערצײלן אַלץ, אַלץ, װאָס איך װײס. נאָך דער מילכאָמע האָט זיך אומגעקערט איר טאַטע. אָן אַ פוס. אין זײער דירע האָט ער געטראָפן פרעמ־דע מענטשן. פון שכנים זיך דערװוּסט, װאָס ס'איז געשען מיט דער פרוי און די קלענערע קינדערלעך. און װעגן איר, װעגן ליִען, האָט ער זיך אױך דערװוּסט. מע האָט אים אונטערגעװאָרפן אַ פאָטאָגראַפיע, װוּ ליִע זיצט מיטן פאָלקאָװניק פון סיגוראַנצע אין קאַרעטע. ער האָט צעריסן די פאָטאָ־גראַפיע, פאַרברענט זי און צעטאָפּטשעט דאָס אַש. אײנגיכן איז ער גע־שטאָרבן.

— און װאָס איז געװאָרן מיט ליִען? — האָב איך זי איבערגעשלאָגן.

— איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, נאָר קײנער האָט גאָרנישט ניט גע־װוּסט, — האָט די פרוי געענטפערט. — אַזױ זײַנען אַװעק העכער צװאַנציק יאָר. און אָט... אין יול כוידעש בין איך געװען אויף גאַסטראָלן אין איטאַ־ליִע, אַרױסגעטראָטן אין רױם, אין מילאַן, און נאָך עטלעכע שטעט. די לעצטע גאַסטראָלן זײַנען געװען אין טורין. אינדערפרי פאַרן אָפּפאָרן האָט זיך מיר פאַרװאָלט שפּאַצירן אַ ביסל איבער דער שטאָט. דער לופט־לײַ־נער, מיט װעלכן איך האָב געדאַרפט זיך אומקערן אַהײם, איז אָפּגעגאַנגען אין דרײַ שאָ אַרום. איך האָב נאָך געהאַט גענוג צײַט. שפּאַצירנדיק איבער די צענטראַלע גאַסן, האָב איך דערפילט אַן עלנטקײַט. אַלץ איז מיר געװען מאָדנע פרעמד — די שרײַענדיקע רעקלאַמעס, דער אומפאַרשטענדלעכער טומל און ראַש. אויף אײנעם אַ ראָג האָב איך לעבן דער אַפישע מיט מײַן פּאָטאָ, װוּ עס איז געװען געמאָלדן װעגן מײַן קאָנצערט, דערזען אַ גראָװע דאַרע פרוי מיט אַ לאַנגן בעזעם אין די הענט. זי האָט, קאָנטיק, ערשט געהאַט פאַרענדיקט אונטערקערן דעם טראָטואַר. איר גאַנצע אױפמערקזאַמ־קײַט איז געװען געװענדט אויף דער אַפישע. דאָס האָט מיך פאַרינטערע־סירט. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און געבליבן דערשטױנט.

— ליִע!.. — האָב איך ניט מיט מײַן קול אױסגערופן.

זי האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט. מיך באַלד דערקענט, אַרױסגעלאָזט דעם לאַנגן בעזעם פון די הענט און זיך צעװײנט. איך האָב זי אַרומגענו־מען, אַװעק מיט איר אין דעם דערבײַיִקן סקװער, אַװעקגעזעצט זי דאָרט אויף אַ באַנק און קוים באַרויִקט.

דעמלט האָב איך זיך דערװוּסט, װאָס איז געשען מיט איר. דער פאָל־קאָװניק פון דער סיגוראַנצע האָט זי אַװעקגעפירט מיט זיך. געבראַכט

אהער. דאָ האָט זי געפּרוּווט אים אָפּסאַמען. מע האָט זי געמישפּעט. זי איז געזעסן אין טפּיסע. ערשט ניט לאַנג האָט מען זי אַרויסגעלאָזט. זי האָט זיך קוים איינגעבעטן, מע זאָל זי נעמען פאַר אַ באַהעלפערן בײַ אַ הויף־אָפּראַ־מערן. געקראָגן אַ בעטל אין אַ קעלער־ווינקל...

— און בײַ אײַך האָט זי עפּעס געפרעגט?

— יאָ... — האָט די פרוי זייער שטיל געענטפערט. — „וועגן אים, וועגן אים האָסטו גאָרנישט ניט געהערט?" — האָט זי אַ פרעג געטאָן בײַ מיר.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וועגן וועמען זי רעדט.

— „געדענקסט, — האָט זי מיר דערקלערט, — דו האָסט מיט עטלעכע טעג, איידער די פאַשיסטן זײַנען אַרײַן אין שטאָט, אַרויסגעגאַנווּעט פון אַ וויטרינע זײַן פאָטאָגראַפיע פאַר מיר. עפּשער ווייסטו עפּעס?" איך האָב געענטפערט, אַז איך ווייס ניט. איך האָב דעמאָלט דאָך טאַקע ניט געוווּסט. „דערציילן כאָטש, ווי זעט איצט אויס אונדזער שטאָט, — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגעשעפּטשעט, — ווי פריִער אָדער נאָך שענער אוואַדע? און דער יאַם? איך זע אים אָט פאַר זיך... און די פּאָטיאָמקין־טרעפּ?.. אויפן זעלבן אָרט? אַזוי ווי געווען? דו קומסט אַמאָל אַהין? — האָט זי מיט בענק־שאַפט אַ פרעג געטאָן. — אַז דו וועסט זיך אומקערן, גיי זיך דורך אַהין. שטיי דאָרט כאָטש אַ ווײַלע. אָנשטאָט מיר. דאָרט... און אויפן ראָג פון פּראָ־כאָראָווסקע..."

אָקסאַנע יוכימאָוונאַ איז אַנשוויגן געוואָרן. מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען נאָך עטלעכע טריט, און מיטאַמאָל איז זי געבליבן שטיין.

— איר זעט, — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַן אַלט צווייִשטאָקיק הויז, — אָט דאָ האָט געוווינט ליזע. אויפן ערשטן שטאָק. דאָס דריטע פענצטער פון רעכטס. דאָס איז געווען איר צימערל.

פון אָט דעם פענצטער האָט אַרויסגעשלאָגן אַ העלע פריילעכע שײַן. ניט אויסרייידנדיק מער קיין וואָרט, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין.

אויפן ראָג פון פּראָכאָראָווסקע זײַנען מיר נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און זיך צעשיידט.

אַנאַטאָלי באָלשאַקאָוו איז אַנשוויגן געוואָרן. אַ ווײַלע געקוקט אויף מיר, געוואַרט, וואָס איך וועל זאָגן. נאָכדעם האָט ער זיך שווער אויפגעהויבן, אַ שפּאַן געטאָן איבער דער אָפענער ווערענדע און געבליבן שטיין מיטן פּנים צום יאַם.

— איך בין אַרײַן זיך געזעגענען מיט אײַך, — האָט ער שטיל זיך אָנגערופן, — איך האָב געקראָגן אַ טוריסטן־פּוטיאָווקע. מאָרגן גייט אויף די שיף קיין איטאַליע. איך וועל זײַן אומבאַדינגט אין טורין. אומבאַדינגט. איך דאַרף... איך מוז זי פון דאָרט אַרויסראַטעווען, ליזען...

אונטערן עפּלבוים

עס זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג, און זי איז ניט געקומען. וואָווע האָט שוין ניט געוווסט וואָס איבערצוקלערן. פון קאַיאָר ביז זון־פאַרגאַנג האָט ער אָן אָפּרו זיך געמיט אינעם געדיכט־צעוואַקסענעם קאַלווירטישן סאָד, אונטערגעשטעלט דרענגלעך אונטער די נידעריק־אַראָפּהענגענדיקע צווײַגן, וועלכע זײַנען פון אויבן ביז אַראָפּ אָפּגעשאָטן געווען מיט צײַטיק ווערנדיקע דופטיקע עפּל, מיט באַגילדעטע באַרן, מיט גרויסע ראָזלעכע פלוימען, און געטראַכט מיט נאָגנדיקן אומרו וועגן איריינען: וואָס האָט געקאָנט געשען? פאַרוואָס איז זי ניט געקומען? ער האָט געוואָלט כאָטש אַף אַ ווײַלע זיך פאַרגעסן און ניט געקאָנט. וואָס ער האָט ניט געטאָן, וווהין ער האָט זיך ניט געקערט און געווענדט, איז זי געשטאַנען פאַר זײַנע אויגן אַזאַ, ווי דעמלט, ווען זיי האָבן אין אָוונט, נאָכן שפּאַציר, זיך געזעגנט באַם פּאַראָם, — אַ ביז גאָר מילדע, אַ שלאַנקינקע, אַ שמייכלענדיקע, אַ האַרציק נאָענטע...

דעמלט, אינעם העל־אויסגעשטערנטן קישעפדיק־וואַרעמען אָוונט, איידער זי איז אַף דעם זיך אונטערהוידענדיקן פּאַראָם אָוועקגעשווומען אַפן צווייטן ברעג טײַך צו דער פּאַסעקע, ווו זי האָט פּראַקטיקירט באַ די פּאַרביקע בינשטאָקן, האָט זי, צערטלעך דריקנדיק אים די האַנט, געזאָגט, אַז זי וועט אומבאַדינגט קומען אַהער, אויב ניט מאָרגן, איז איבערמאָרגן. פאַרוואָס זשע קומט זי ניט? זאָל זײַן, אַז זי האָט גאָר געשפּאַסט פון אים? איז צוליב וואָס, אויב אַזוי, באַדאַרף ער זי?..

דאָך האָט זיך אים זייער געוואָלט, אַז זי זאָל קומען אַהער כאָטש אַף אַ ווײַלינקע, אַף עטלעכע מינוט, זאָל זי נאָר אָנקוקן דעם סאָד. זאָל זי כאָטש זען, סאַראַ אויסערגעוויינלעך רײַכע גערעטעניש זיי האָבן אויסגעכאָוועט. אַזעלכע עפּל האָט זי נאָך עפּשער אַף איר לעבן אין ערגעץ ניט געזען. און סאַראַ באַרן! און פלוימען! דער גאַנצער ראַיאָן גרויסט זיך דאָך מיט אָט דעם סאָד. און דאָס אַלץ האָט ער מיט זײַן רינג אויסגעכאָוועט. יעדעס ביימעלע פאַרהיט פון ווינטן, פון פאַרטריקעניש, פון פרעסט. אַרומגעגראָבן, עס זאָל צוקומען וואָס מער לופט צו די וואָרצלען, אַרומגעקאַלכט די שטאַמען, די זון־שטראַלן זאָלן די קאָרע ניט שעדיקן, פון דער ערד זאָלן קיין אינזעקטן אַף די ביימער ניט קריכן. מיט שײַטערס דערוואַרעמט, באַגיטיקט, געניאַנטשעט, אַרומגעזוזן און זיך דערשלאָגן אַזאַ גערעטעניש. ער וואָלט

א באַלן געוועזן הערן, וואָס וואָלט זי געזאָגט, אַז די כּיינעוודיקע פּראַקטי־קאַנטקע, ווען זי שפּאַצירט זיך דורך איבערן סאָד. נאָר וויבאַלד זי האָט ניט געהאַלטן וואָרט, ניט געקומען, געשפּאַסט איבער אים, וויל ער וועגן איר אַפילו ניט טראַכטן. אויס! מער וועט ער שוין אַף איר ניט וואַרטן.

נאָך האַלבן טאָג איז א פאַרהאַוועטער, ווי שטענדיק א פאַרטראָגענער, אַרײַנגעקומען אין סאָד דער בריגאַדיר, דער שוין באַיאָרטער גראָוובער־דיקער גאַוורי׳על סאַמוילאָוויטש. ער איז זיך דורכגעגאַנגען, באַטראַכט די עפּלביימער און געקומען צום אויספּיר, אַז אין א פּאָר טעג אַרום וועט מען שוין דאַרפן אָנהייבן אַראָפּנעמען די גערעטעניש.

— דער אַגראָנאָם דאַרף דאָ ניט זײַן? — האָט ער, אַוועקגייענדיק, א פרעג געטאָן בא וואָוועז.

— ניין, וואָסי דען? — האָט וואָווע זיך פאַרינטערעסירט.

— ס׳ליגט פאַר אים א בריוו אין קאָנטאָר. פאַרגעסן אים זאָגן. געזען אים ניט לאַנג אַף דער פּאַסעקע מיט דער פּראַקטיקאַנטקע. סאַראַ טײַער מיידל, ס׳איז א צירונג מאַמעש.

— מיט דער פּראַקטיקאַנטקע? — וואָווע האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, נאָר ניט געוואָגט.

איצט איז אים קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס זי איז ניט געקומען. נאָר צוליב וואָס האָט זי אים געדאַרפט נאַרן?

וואָווען איז מיטאַמאָל באַפאַלן א נימעסע שווערע מידקײַט. דאָך, ווי נאָר דער בריגאַדיר איז אַוועק, האָט ער צונויפגעקליבן די עפּל, וואָס דער ווינט האָט באַוויזן אָפּטרייסלען, צונויפגעטראָגן און צונויפגעלייגט זיי אין איין היפּשער קופּע אונטער דעם געדיכט צעוואַקסענעם דזשאָנאַטאַן, דער־נאָך אויסגעצויגן זיך אַף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ און פאַנאַנדערגע־וואָרפן די הענט, ווי ער וואָלט וועלן זי אַרומנעמען און שטײַף צודריקן צום האַרצן, וואָס האָט אַזוי ווייטעקדיק געטיאָכקעט.

אַזוי גאָר. זי איז מיטן אַגראָנאָם. נו, מיילע. זאָל זי. וויבאַלד אַזוי, דאַרף ער זי טאַקע ניט. זי געפעלט אים גאָרניט אַף אַזויפיל, אַז ער זאָל זיך אויסעסן דאָס האַרץ צוליב איר. זי איז, אייגנטלעך, גאָרניט אַזאַ פײַנע און באַשיידענע, ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט. אַז עס וועט אים איצט אויסקומען פאַרבײַפאָרן די פּאַסעקע, וועט ער אַפילו אַף א רעגע זיך דאָרט ניט פאַרהאַלטן. זאָל זי אַפילו אַרויסלויפן אים אַנטקעגן אַפן וועג, זאָל זי זיך בעטן בא אים, וועט ער אין איר זײַט זיך אַפילו ניט אומקוקן.

פון ערגעץ ניט ווײַט האָט זיך דערטראָגן צו אים א שורשען פון צווײַגן. וואָווע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַפן עלנבויגן, אַרויסגעקוקט פון צווישן דעם געדיכטן בלעטער־געפלעכט. עמעצער איז געפאָרן אהער. וואָווע האָט באַמערקט בלויז די קאָפּיטעס פון א פערד און לײַכטע בעדאַרקע־רעדער.

ווער קאָן עס זײַן? און באַלד, אינגאַנצן אומגעריכט, האָט צו אים זיך דערטראָגן א באַקאַנטע קלינגעוודיקע שטים. ס׳איז דאָך זי... יאָ... אירינע...

דאָס האַרץ האָט בא אים מעכײַעדיק אופגעצאַפּלט. אין אָט דער רעגע האָט ער לאַכלוטן פאַרגעסן אָן אַלע זײַנע פאַריבלען און באַליידיקונגען, שוין געוואָלט זיך אופהייבן, זיך לאָזן לויפן איר אַנטקעגן, נאָר דערהערט נאָך עמעצנס א שטים.

„מיט וועמען רעדט זי עס?״ — האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין.

די בעדארקע האָט אין דער זעלבער רעגע זיך דערנעענטערט, און ער האָט דערזען באַנאַנד מיט אירינען דעם ניט לאַנג אַראָפּגעקומענעם יונגן אַגראָנאָם.

וואָווע האָט דערפילט אַ שווערקייט אינעם גאַנצן קערפּער. „נאָך וואָס איז זי געקומען אַהער?״ ער האָט זיך צוריק אויסגעצויגן אויף דער ערד הינ־טער דער הויכער קופּע עפּל, אַז מע זאָל אים ניט דערזען. „וויבאַלד אַזוי, מעג זי צוזאַמען מיטן קליינעדיקן אַגראָנאָם זיך פאַרנעמען פונדאַנען, און וואָס ווייטער״.

— גיט נאָר אַ קוק, זעט נאָר, וואָס דאָ טוט זיך! — אירינע האָט לייכט זיך אַ הייב געטאָן. און, שטייענדיק אויף דער בעדארקע, ברייט פאַנאַנדער־געוואָרפן די הענט, ווי זי וואָלט וועלן וואָס טיפער אַריינעטעמען אין זיך דעם פאַרשיקערנדיקן אַראָמאַט פון די רייף וועדנדיקע פּיירעס, — זעט נאָר, זעט, וואָס דאָ טוט זיך! — האָט זי איבערגעכאַזערט, און די שטים האָט עט־וואָס געציטערט, ווי פון אירן אַ פאַרבאָרגענעם אומרויִקן געפיל, — סאַראַ עפּל!.. סאַראַ באַרן!.. אַזוינס זע איך צום ערשטן מאָל!

מיט איר ליכטיקן בליק האָט זי זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט געוואָרט, אַז עמעצער וועט זיך באַלד ווייזן פון צווישן די ביימער צי פון דעם דערבייִיקן שטרויענעם ביידל.

נאָר קיינער איז ניט אַרויס פון דאָרט.

— אָך, סאַראַ פאַרגעניגן דאָ איז! — האָט דאָס מיידל הילכיק אויסגע־רופן און ווידעראַמאָל זיך אַרומגעקוקט. — צי דען איז אין סאָד קיינער ניטאָ?

— וואָסי דען? וועמען דאַרפט איר דאָ? — האָט דער אַגראָנאָם זי פאַר־וווּנדערט אָנגעקוקט. — איר האָט דאָך געוואָלט נאָר זען דעם סאָד.

— נו, יאָ... דאָ איז דאָך פּאַשעט אַ מעכייע, — האָט זי אים אָפּגעענט־פערט, שטייענדיק אַלץ אויף דער בעדארקע.

— זעצט זיך, מירן פאָרן, — האָט דער אַגראָנאָם, קאַנטיק, שוין אַ באַומ־רויִקטער פון עפּעס, זיך געווענדט צו איר, — איך וויל דאָך אייך ווייזן די פעלדער, די זונרויזן און דעם באַשטאַן.

— הם, דאָס ווילט איר, — האָט זי, פאַרשאַרנדיק די ווייכע בלאָנדע זיידענע האָר, געענטפערט, — און איך וויל... אַ טרונק.

— אויפן באַשטאַן, דאָרט וועט איר זיך אָנטרינקען. איך וועל אויסקלייבן פאַר אייך דעם בעסטן קאַוון.

— איך וויל איצט.

— ווו זשע וועט איר דאָ זיך אָנטרינקען?

— אָט איז דאָך אַ ברונעם.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בעדארקע און אַוועקגעלאָפן עטוואָס אָן אַ זייט צו דעם ברונעם, וואָס האָט זיך געפונען צווישן די ברייט־צע־צווייגטע עפּלביימער.

— ווארט נאָר אויס איין ווײַלינקע, — האָט זי געשריִען צום אגראָנאָם, און איר קאָל האָט זיך פאנאנדערגעטראָגן איבער דעם גאנצן סאָד, — איך וועל זיך נאָר אָנטרינקען.

דער אגראָנאָם האָט א פארלוירענער געקוקט אף איר שיינער, געטאָק־טער פיגור, וועלכע האָט לײַכט געשווינדלט צווישן די ביימער. „סארא ווונדערלעך מיידל ס'איז, נאָר צוליב וואָס שרײַט זי אזוי", — האָט ער מיט פארדראָס א טראכט געטאָן.

אירינע איז צוגעלאָפן צום ברונעם, זיך ארומגעקוקט. ארום־און־ארום האָט זי געזען בלויז אָפגעשאָטענע צווײַגן מיט פרוכט.

— גיכער, — האָט געבעטן דער אגראָנאָם.

— איך זוך אן ע־מ־ע־ר! — האָט צעצויגן געשריִען אירינע, ווי זי וואָלט עמעצן גערופן.

קיין עמער איז לעבן ברונעם ניט געווען. מיט ניט זיכערע טריט האָט אירינע זיך געלאָזט גיין צום בײַדל.

— וווהין איז? — האָט מיט אומצופרידנקײַט געפרעגט דער אגראָנאָם.

זי האָט ניט געענטפערט. דאָס הארץ האָט בא איר שטארק געטיאָכקעט.

ניט געוואגט, פאָרזיכטיק האָט אירינע געעפנט די טיר. אין דעם האלב־טונקעלן, קילן בײַדל איז קיינער ניט געווען. אף דער צוגעטריקנטער שטרוי איז געלעגן וואָוועס אויסגעגנייט העמדל. אירינע האָט דאָס גלײַך דערקענט. „ער איז אין סאָד... ער איז ערגעץ דאָ".

א צופרידענע האָט זי א כאַפּ געטאָן אן עמער און, הויך קלינגענדיק מיט אים, זיך אומגעקערט צום ברונעם.

דער אגראָנאָם האָט ניט אָנגעהויבן פארשטיין, וואָס קומט עס פאָר מיט איר. אזא האָט ער זי נאָך קיינמאָל ניט געזען. ניט געדארפט אַרײַנפאָרן אהער. ער האָט זיך ניט געקאָנט מויכל זײַן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אײַנריידן, איר נאָכגעגעבן. געדארפט פאָרן גלײַך אין סטעפּ. פארוואָס גע־דויערט עס בא איר אזוי לאנג? ס'האָט אים אָנגעהויבן באומרויִקן, אז עמע־צער קאָן אָנקומען אהער און פארהאלטן אים מיט פארשיידענע איניאָנים.

— נו, גיכער שוין, — האָט ער אומגעדולדיק אויסגערופן.

קלינגענדיק מיט דער קייט פונעם ברונעם, האָט אירינע צוגעבונדן דעם עמער און אָפּגעלאָזט דאָס הענטל פונעם קאָלוואָראָט. איבערן סאָד האָט זיך צעטראָגן א הילכיקע ליאזגערײַ פונעם צעהוידעטן עמער, וועלכער האָט מיט א שווינדלענדיקער גיכקײַט זיך אראָפּגעלאָזט אין דער טיף פור־נעם ברונעם.

— צוליב וואָס הייבט זי אוף אזא טומל? — האָט אומצופרידן צו זיך אליין א שטאמל געטאָן דער אגראָנאָם.

אירינע האָט זיך אָנגעבויגן איבערן ברונעם. דאָס ווײַסע דינינקע קליידל האָט שיין אויסגעטיילט איר שטײַפן שלאנקן קערפּער. זי האָט לײַכט פארוואָרפן פונעם שטערן די העל־בלאָנדע האָר און מיט ביידע הענט גענור־מען פאנאנדערוויגן די לאנגע פײַכטע קייט, ראשיק געפליוסקעט מיטן עמער איבערן וואסער. „ווו זשע איז ער?..." איר האָט זיך געוואָלט כאָטש א קוק טאָן אף אים, זאָגן אים, אז זי האָט סײַ אייערנעכטן, סײַ נעכטן ניט

געקענט קומען אהער צו אים. געווען זייער פארנומען. געהאָלפן אוועק־שטעלן נאָך עטלעכע בינשטאָקן אויף דער פּאַסעקע.

אירינע האָט גענומען ארויסציִען דעם עמער.

„עפשער וועט ער נאָך באלד קומען?״ — האָט זי פארזאָרגט געטראכט, דרייענדיק פאמעלעך דאָס הענטל פונעם קאָלאָווראָט.

— וואָס געדויערט עס אזוי בא אײַך? — האָט דער אגראָנאָם זיך אָנגע־רופן, צופאָרנדיק נעענטער.

אירינע האָט ניט געענטפערט. זי האָט ענדלעך ארויסגעצויגן א פולינקן עמער מיט פרישער קאלטער וואסער, אָפּגעבונדן די קייט, צעשטרייט א קוק געטאָן אויפן אגראָנאָם און פלוצלינג ארויסגעלאָזט דעם עמער פון האנט. זי האָט אליין ניט געוווּסט, צוליב וואָס זי האָט עס געטאָן, צי פון פאַר־דראָס אויפן אגראָנאָם, צי אויף וואָרעם.

דער פולער עמער וואסער האָט, האסטיק פאלנדיק, זיך עטלעכע מאָל אי־בערגעקערט, מיט א ליאזג זיך אָנגעשטויסן אָן די ענגע ווענט פונעם טיפן ברונעם און מיט אזא טראסק זיך א פּליוכע געטאָן, אז אירינע האָט ניט ווילנדיק אזש אופגעציטערט.

דער אגראָנאָם, אָן איבערגעשראָקענער, איז אראָפּגעשפּרונגען פון דער בעדארקע.

— וואָס האָט געטראָפן? — האָט ער געפרעגט, צולויפנדיק צו אירינען.

— דער עמער איז ארײַנגעפאלן אין ברונעם. ס'איז דאָך א פרעמדער עמער!

— ווי־אזוי איז עס געשען?

— איך ווייס אליין ניט.

— די קייט האָט זיך איבערגעריסן?

— ניין. איך האָב דעם עמער פּאָשעט ארויסגעלאָזט פון האנט.

דער אגראָנאָם האָט פארלוירן א קוק געטאָן אויף אירינען.

עטלעכע מינוט האָבן זיי געשוויגן.

— נו, איצט, דאכט זיך, קאָנען מיר שוין פאָרן, — האָט ער א זאָג גע־טאָן, זעצנדיק זיך אויף דער בעדארקע.

— און דער עמער? — האָט אירינע געפרעגט. — מע דארף דאָך ארויס־ציִען דעם עמער.

— זיי וועלן אים אליין ארויסציִען. זעצט זיך שוין. מיר דארפן דאָך נאָך פאָרן אין סטעפּ.

— ניין, איך וועל שוין אין סטעפּ ניט פאָרן, — האָט אומגעריכט זיך אָנגערופן אירינע, — פירט מיך אָפּ צוריק אויף דער פּאַסעקע.

באלד ווי די בעדארקע איז פארשווונדן הינטער דעם פּארקן, וואָס האָט ארומגערינגלט דעם סאָד, האָט וואָווע זיך אופגעהויבן פון דער אָנגעוואַ־רעמטער ערד און מיט אומרו־קע טריט צוגעגאנגען צום ברונעם. דאָס הארץ האָט בא אים געטיאָכקעט עפּשער, ווי קיינמאָל ניט. ער האָט גע־שפּאנט לעבן ברונעם הין און צוריק, נישטערנדיק מיט די אויגן, ווי ער

וואָלט פאַרלאָרן דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר אים דאָס סאַמע טײַערסטע. נאָכדעם איז ער געבליבן שטיין, זיך צוגערירט צו דעם הענטל פונעם קאָ־לאָוואָראָט און צו דער קייט, וועלכע האָבן, ווי אים האָט זיך געדוכט, נאָך פאַרהיט די וואַרעמקײַט פון אירינעס הענט. ער האָט איצט ניט געקאָנט זיך מוחל זײַן, וואָס ער איז ניט אַרויס צו איר. אָט דאָ־אָ איז זי דאָך געשטאַנען. אָט זײַנען דאָך די שפּורן פון אירע טריט. זי איז דאָך געקומען אַהער צוליב אים, זיך זען מיט אים איז זי געקומען. פאַרוואָס זשע איז ער ניט אַרויס צו איר? איצט וועט זי שוין אַף געוויס צו אים מער ניט קומען. און זי וועט זײַן גערעכט. עפּשער פּרוּוון דעריאָגן זי? ניין! דאָס ניט. ווען זי וואָלט בעעמעס געוואָלט זיך זען מיט אים, וואָלט זי געקומען אַליין, אָן דעם קלײַנעדיקן אַגראָנאָם.

דאָך, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט דעם אָקאָרשט דורכגעלייגטן וועג, האַלטנדיק זיך בא די שפּורן, וועלכע די בע־דאַרקע האָט מיט אירע רעדער איבערגעלאָזט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אָבער אָפּגעשטעלט. „וואָס גייט ער זיי נאָך?.. ניין, ער גייט ניט נאָך. ער טראַכט אפילע ניט נאָכגיין. ער גייט גאָר אין דער פאַרוואַלטונג זיך דערוויסן, ווער וועט מאָרגן באַטאָג אים פאַרבײַטן, דעזשורען אין סאָד אַנשטאָט אים. ער קאָן דאָך גיין מיט דעם וועג אויך, ניט ערגער, ווי מיט אַן אַנדערן...״

זײַענדיק שוין אויסערן סאָד, האָט וואָווע באַמערקט, אַז דער מײַרעווודי־קער ראַנד הימל, ווו די צונטער־רויטע זון האַלט זיך אין זעצן, פלאַקערט, ווי בא אַ שרעקלעכער סרייפע. אַ סימען אַף אַ ווינט. מע וועט דאַרפן, אויב אַזוי, אונטערשטעלן נאָך דרענגלעך אונטער די צווײַגן, פאַרהיטן די גע־רעטעניש, ביז זײַן רינג וועט סאָף וואָך זיך אומקערן פונעם אוראַל אַפן ווײַנגאָרטן. דעמלט וועט אין סאָד ווידער פריילעך ווערן, ווי שטענדיק באַם אַראָפּנעמען די צײַטיק געוואָרענע פּרוכט פון די ביימער.

וואָווע האָט זיך אומגעקערט אין אָוונט. איבער דעם גרינעם סאָד איז ניט געצײַלט געשוווּמען אַ גרויסע ווײַסע לעוואָנע און באַזילבערט די צווײַגן, די בלעטער, די עפּל, די באַרן. ערגעץ ווײַט, אַף יענעם זײַט טײַך, אין סטעפּ, אַף דער היי־לאָנקע, צי בא דער פּאַסעקע, האָט עמעצער געזונגען. אַ ווײַלע האָט וואָווע זיך צוגעהערט, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז אַ באַקאַנטע שטים. באַלד אָבער, אַ קאָעסדיקער אַף זיך אַליין, האָט ער מיט גיכע טריט אוועקגעשפּאַנט איבערן סאָד און מיט אימפּעט זיך גענומען אונטערשטעלן די דרענגלעך. געייסעקט האָט ער זיך ביז שפּעט אין אָוונט, און ווען ער האָט געהאַט אַלץ פאַרענדיקט, איז ער שוין אַ מידער אַרויס צו דער סטעזשקע, וועלכע האָט זיך געשלענגלט צווישן דעם סאָד און דעם נאָענטן טײַך. אַף אַ צאָמבער־בערגל איז ער געבליבן שטיין. פונעם אָוונ־טיקן טײַך האָט אַ ווייע געטאָן אַף אים מיט קילקײַט. אַף יענער זײַט, ווו ס׳האָט זיך געפונען די פּאַסעקע, האָבן בלאַס געפינקלט איינציקע פײַער־לעך. „זי קאָן שוין אוואדע שלאָפן דאָרט אין איר ברעזענטענעם בײַדל, און עפּשער פאָרט זי גאָר נאָך ערגעץ אַרום מיטן אַגראָנאָם?..״

וואָווע איז היפּש געשטאַנען אַפן צאָמבער־בערגל, זיך אײַנגעקוקט אין דעם בלאָוולעך־באַזילבערטן טײַך, צי שווימט ניט עמעצער דאָרט אַף אַ

שיפל, צי שפאצירט מען ניט באם פאראָם, און זיך צוגעהערט, צי דער־טראָגט זיך ניט קיין אָפּהילך פון רעדער ערגעץ אין סטעפּ...

אף יענער זײַט טײַך, דאָרט, ווו ס'האָט זיך געפונען די פּאסעקע, האָבן איינס נאָכן אנדערן זיך אויסגעלאָשן די לעצטע פֿײַערלעך.

וואָווע האָט זיך אומגעקערט אין סאָד, מיט פאמעלעכע טריט ארײַן אין בײַדל, א צעבויטעטער זיך אראָפּגעלאָזט, זיך אויסגעצויגן אף דער צוגע־טריקנטער עטוואָס שטעכיקער שטרוי.

קאיאָר, ווען די זון האָט אָנגעצונדן אין גינגאָלדענע פאָרבן די שפּיץ ביימער, האָט וואָווע ראַפּטאָם זיך אופגעכאפּט. עמעצער איז געריטן איבערן סאָד.

וואָווע איז ארויסגעלאָפן פון בײַדל.

— היי, ווער איז דאָרט?! — האָט ער אויסגעשרײַען.

פון צווישן די ביימער האָט זיך באוויזן אירינע. פון האָסטיקן רײַטן זײַנען די העל־בלאָנדע האָר געווען בא איר עטוואָס צעשויבערט. מיט אַן ענערגישן צי דאָס צײַמל האָט זי אָפּגעשטעלט דעם צעהיצטן בולאנעם אָגער ניט ווײַט פונעם ברונעם, און, ווי זי וואָלט געוואָרט, אז וואָווע וועט זיך לאָזן לויפן איר אנטקעגן, ליב א שמייכל געטאָן צו אים מיט אירע מילדע ווארעמע אויגן.

נאָר וואָווע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

אירינע האָט ניט אָנגעהויבן פארשטיין, וואָס איז געשען מיט אים. זי איז אראָפּגעשפרונגען פונעם בולאנעם, געוואָלט אים עפּעס זאָגן, נאָר וואָ־ווע האָט געקוקט אָן א זײַט.

— וואָוואָ!.. — האָט זי מיט הארץ זיך אָנגערופן, ניט באַנעמענדיק, מיט וואָס זי האָט זיך פארזינדיקט פאר אים.

ער האָט אָנגעכמורעט א קוק געטאָן איר גלײַך אין די אויגן און קיין איין וואָרט ניט ארויסגעבראכט.

— וואָס קוקסטו אזוי אף מיר? — האָט אירינע שטיל געפרעגט.

ער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

— דו האָסט ניט געוואָרט אף מיר?

זי איז געשטאַנען פאר אים א פארלוירענע, מיט אָנמעכטיק אראָפּגעלאָזטע הענט. נאָר באלד האָט זי, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, געלאָזט זיך גיין צום ברונעם.

— איך פאר שוין גלײַך אוועק. איך האָב דאָ דערטרונקען אײַערן אָן עמער אין ברונעם... בין איך געקומען אים ארויסצױען.

א באלויכטענע פון די אינדערפריִיקע זונען־שטראלן, האָט אירינע אויס־געזען נאָך שענער, נאָך מילדער.

בא וואָווען האָט פארקלעמט דאָס הארץ. אים האָט זיך געוואָלט צוגיין, ארומנעמען זי. נאָר דער ביטערער פאריבל האָט אים צוריקגעהאלטן, ניט געלאָזט, און ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

אירינע האָט גענומען די שטריק מיטן אנקער, וואָס זי האָט געבראכט מיט זיך, און זיך אָנגעבויגן איבערן ברונעם.

— וואָס ווילסטו טאָן? — האָט ער מיט א פארשטיקטן אָטעם א פרעג געטאָן.

— ארויסצי:ען דעם עמער. דאָס האָב איך אים דאָך נעכטן פון די הענט ארויסגעלאָזט.

— ביסט דען נעכטן געווען דאָ? — האָט וואָווע, קוקנדיק פון אונטערן שטערן, א פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט אָט דער פראַגע זי אויספּרווון.

— געווען און ניט געווען. פאַרבייַגעפאָרן.

— אליין?

— ניין, ניט אליין. מיטן אגראָנאָם.

— אָט ווי!.. וואָס האָט איר באַדאַרפט דאָ? ניט געקאָנט זיך געפינען קיין בעסער אָרט?

אירינע האָט זיך באַליידיקט.

— דער אגראָנאָם האָט געוואָלט א טרונק, — האָט זי מיט אונטערגע־שטראָכענער רו:קייַט אים אָפּגעענטפערט, — דעריבער זייַנען מיר, אָט, ארייַנגעפאָרן אהער צום ברונעם.

— אויב אזוי, איז אלץ, ווי מע זאָגט, אין פולער אָרדענונג, — האָט וואָווע באַמערקט מיט א שוואַך באַהאַלטענער איראָניע.

דער געשפרעך האָט אָף דעם זיך איבערגעריסן. זיי האָבן געקוקט איי־נער אפן אנדערן עטוואָס פאַרשעמט, פאַרלוירן און מיט טיפער ווייטעקדי־קער פאַרוווּנדערונג. אָט, דאַכט זיך, גאָר ניט לאַנג זייַנען זיי דאָך געווען אזעלכע נאָענטע, הארציקע, איבערגעגעבענע, און איצט... צוליב וואָס פּיַי־ניקן זיי איינער דעם אנדערן? אי אירינען, אי וואָווען האָט זיך געוואָלט צוגיין נעענטער, זיך ארומנעמען, שטאַרק, שטאַרקער, ווי ווען־עס־איז, און דערציילן אלץ, אלץ. נאָר זיי ביידע האָבן זיך ניט גערירט פון די ערטער.

— ביסט געקומען ארויסצי:ען דעם עמער? — האָט וואָווע, שווער אי־בערכאַפּנדיק דעם אָטעם, איבערגעפרעגט.

— נו, יאָ... אוואַדע.

— איך האָב דעם עמער שוין ארויסגעשלעפּט.

— ווען? ווי:אזוי? פונוואַנען האָסטו געוווּסט?

— איך האָב געזען, ריכטיקער געזאָגט, געהערט, ווי דו האָסט אים פון די הענט ארויסגעלאָזט.

— דו ביסט געווען דאָ?.. דאָ אין סאָד? — האָט אירינע אן איבערראַשטע א כאַפּ געטאָן וואָווען פאַר דער האַנט. — ביסט געווען דאָ און האָסט זיך מיר אפילו ניט געוויזן, ניט ארויס צו מיר?! ווו, ווו ביסטו געווען?

— אָן דאָרטן, אונטערן עפּלבוים.

— ווי:אזוי זשע האָב איך דיך ניט באַמערקט? ווי קאָן עס זייַן? אנו, קום ווייַז, ווייַז מיר! — האָט זי אים לייַכט א צי געטאָן פאַר דער געדיכ־טער שוואַרצער טשופּרינע. — איך האָב גאָרניט געוווּסט, וואָווע, אז דו קענסט זייַן אזא שלעכטער...

פון הינטער דעם פאַרטאָגיק־קילן טייַך איז אופגעגאַנגען די זון א ראָז־לעכע, א פריילעכע, א ליב־ווארעמע און באַגאָסן דעם סאָד מיט אירע פרישע שטראַלן. ארום־און־ארום האָבן פון דיביימער ארויסגעקוקט גרויסע גלאַנציק־פּאַרויטלטע עפּל, באַגילדעטע באַרן, זאַפטיקע פלוימען. די לופט איז פאַרפולט געווען מיט א פאַרשיקערנדיקן אראָמאַט פון די רייַף ווערב־

דיקע פּײרעס. ס׳איז דאָ געווען זייער שטיל, קיין בלאַט האָט אפילע קיין שורשע ניט געטאָן.

וואָווע און אירינע זײַנען געבליבן שטיין אונטער דעם עפּלבוים זייער נאָענט איינער לעבן אנדערן, אזוי נאָענט, אז די האָר זייערע האָבן זיך אָנגערירט.

— אָט דאָ ביסטו געלעגן? און איך האָב, וואָווע, א גאַנצע נאכט קיין אויג ניט צוגעמאכט, — האָט אירינע שטיל געזאָגט, ווי זי וואָלט פאַרטרויט אים א סאָד.

— איך בין עפּשער אויך ניט געשלאָפן, — האָט וואָווע, פּונקט ווי זי, זייער שטיל געזאָגט.

— ניט עמעס, — האָט אירינע אים לײַכט עטוואָס א שטופּ אָפּ געטאָן פון זיך, — דו האָסט דען אויך וועגן עמעצן געטראַכט?

— געטראַכט.

— וועגן וועמען? — האָט זי, אָנבייגדיק דעם קאָפּ, א פרעג געטאָן.

— דאָס איז א סאָד, — האָט וואָווע געענטפערט און א צי געטאָן זי צו זיך.

אירינע האָט זיך געפּרווּוט ארויסרײַסן פון זײַנע קרעפטיקע הענט און פאַרטשעפּעט א צווײַג, וועלכע איז געהאנגען איבער זייערע קעפּ. פונעם בוים האָט זיך א שאָט געטאָן דופטיקע עפּל. די עפּל זײַנען געפאלן זיי איבער די אקסל. נאָר וואָווען און אירינען האָט עס איצט ניט געקימערט. לעבן ברונעם האָט אומגעדולדיק געהירזשעט דער בולאנער, ווי ער וואָלט גערופן אירינען: „צײַט זיך אומקערן אהיים, אַף דער פאסעקע”. נאָר זיי האָבן ניט געהערט דאָס הירזשען פונעם פערד. זיי זײַנען געשטאַנען צערטלעך ארומגענומען און ווי קינדער זיך געקוקט אין די אויגן...

א באגעגעניש

ווען דער צוג האָט זיך שוין געהאט גערירט, האָט סוסאַנע קוים באוויזן אַרײַן אין וואַגאָן און, א פאַרפּלאָנטעט, א גליקלעכע פון דער הארציקער געזעגעניש, אָנגעשפּאַרט זיך אין קאָרידאָר באַם פֿרײַען אָפענעם פענצטער. אַף דער פּלאַטפאָרמע פונעם געדיכט באַגרינטן וואָקזאַל איז נאָך געשטאַנען א פריילעכער טומל. סוסאַנעס כאַווערטעס — יונגע קאָלווירטניצעס — האָבן געפאָכט מיט די הענט, מיט די טיכלעך און אופגעלעבט געשרײַען צו איר:

— א גרוס מאָסקווע!..

— פון אונדז אַלעמען...

— פאַרהאַלט זיך ניט איבעריקס...

פאַרוואַרפנדיק עטוואָס אַף הינטן די טונקעלע קורץ־אונטערגעשאָרענע האָר, האָט סוסאַנע שמייכלענדיק געשאָקלט צו די כאַווערטעס מיטן קאָפּ. ווען די פּלאַטפאָרמע האָט אָנגעהויבן אַלץ מער אָפּשווימען אַף צוריק, האָט זי, אופהייבנדיק זיך אַף די שפּיץ פינגער, ארויסגעקוקט פונעם אָפענעם פענצטער און מיט דער פאַרברוינטער האַנט אויך געפאָכט צו זיי.

קלינגענדיק איבער די רעלסן, האָט דער צוג פאַרגיכערט דעם גאַנג, און באַלד איז פאַרשווונדן דער וואָקזאַל, די באַקאַנטע פּלאַטפאָרמע, די באַגלייטער.

ביז דער לעצטער מינוט האָט סוסאַנען זיך אַלץ ניט געגלייבט, אַז זי פאָרט. עפּשער דערפאַר איז איר איצט אַזוי אָנגענעם געווען צו הערן, ווי עס קלאַפּן די רעדער, ווי עס קלינגען די רעלסן, זען, ווי ס'שווינדלען פאַרבײַ דעם פענצטער די בליִענדיקע אַקאַציעס און באַזילבערטע טאָפּאָלן, די געדיכט־צעוואַקסענע גערטענער, דער גרינענדיקער סטעפּ... יאָ, זי פאָרט. זי פאָרט קיין מאָסקווע...

דער צוג גייט אַלץ געשווינדער, און סוסאַנע פילט, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט בא איר אַלץ פריידיקער. ווען ס'וואָלט דאָ אין וואַגאָן געווען כאָטש איין באַקאַנטער מענטש, וואָלט זי געהאַט מיט וועמען טיילן זיך מיט איר פרייד. שווער אין אַזא מינוט זײַן אַליין. נאָר ווי קומען אַהער באַקאַנטע?

סוסאַנע האָט אָפּגעזוכט איר קופּע און שטיל, קעדיי קיינעם דאָרט ניט שטערן, אַרײַן. אין קופּע איז געווען זייער געמיטלעך. אַפן ווײַס פאַרבעטן דיוואַן איז געזעסן מיט א בוך אין דער האַנט א יונגער בלאָנדער לייטע־נאַנט. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אינעם לייענען, אַז ער האָט זיך ניט

אומגעקוקט אפילע אף איר. באביידע זײַטן טישל לעבן פענצטער, שטארק פארטראָגן בא א שאָד־ברעטל, זײַנען געזעסן אָנגעלענט אף די עלנבויגנס די איבעריקע צוויי פּאסאזשירן. רעכטס — א נידעריטשקער, א פולבלעכער מאנצבל, מיט א גרויסארטיקן הויכן שטערן, אין ברילן, מיט א שיינער רויטלעכער באָרד, לינקס — א מיטליאָריקע שווארצכיינעוודיקע פרוי אין דער פאָרם פון אן אײַזנבאנלערן. אומבאקאנטע מענטשן. זעט אויס, זייער פײַנע, אָבער אינגאנצן אומבאקאנטע. און איר, סוסאנען, ווילט זיך אזוי טרעפן כאָטש איין באקאנטן, זאָל זײַן פון ווערבקע צי פון קאנטעקוזאָווע, זאָל זײַן עמעץ פון אן אנדער שכיינעסדיקן קאָלווירט, זי זאָל קאָנען זיך טיילן מיט איר פריד, דערציילן, אז זי פאָרט קיין מאָסקווע... דאָס ערשטע מאָל אין לעבן... דער קאָלווירט האָט זי געשיקט. אף דער לאנדווירטשאפט־לעכער אויסשטעלונג פאָרט זי...

סוסאנע האָט זיך צוגעזעצט אפן ברעג דיוואן, נאָר זי האָט זיך באלד אופגעהויבן. ניין, זי קאָן איצט ניט זיצן רויק. זי איז צוריק ארויס אין קאָרידאָר, געבליבן שטיין באם אָפענעם פענצטער, זיך פארקוקט אף די פעלדער. דער ווייץ איז הויך און געדיכט. ער גיסט זיך איבער אנטקעגן דער פארגייענדיקער זון אין גינגאָלד און כוואליעט זיך אוועק ווײַט־ווײַט, אזש ביז דער וואלד־זאָנע. דאָרט הינטער דער וואלד־זאָנע זײַנען פארבליבן זייערע פעלדער און פערמעס, איר היים־אָרט, איר קאָלווירט מיט די נײַע געמויערטע שטיבער, מיט די סעדער, ווײַנגערטנער. איר איז דאָרט אלץ טײַער און ליב. סוסאנע זשמורעט עטוואָס צו די אויגן, ווי זי וואָלט וועלן דערזען דאָרט איר לאנקע. נאָר ס'איז פארבליבן שוין ערגעץ ווײַט, און דאָ ציִען זיך געראָטענע פעלדער פון די שכיינעסדיקע קאָלווירטן, אזעלכע געראָטענע, אזש עס ווילט זיך איר א רוף טאָן די פּאסאזשירן פון איר קופּע. זאָלן זיי א קוק טאָן, סארא טוווע וואקסט אָט דאָ אפן סטעפּ. סארא ווייץ, סארא פּראָסע... זאָלן זיי זען, סארא שיינקײַט!

פון קינדווײַז אוף האָט דער זומערדיקער סטעפּ מיט די אָנענדלעכע זיך כוואליענדיקע ווייץ־פעלדער (גיי ארײַן, ועסטו זיך ניט ארויסזען), מיט די באשטאנעס (סארא גרויסע גלאנציקע קאווענעס, סארא געלע שמעקנדיקע דיניעס און פרישע גרינע אוגערקעס!), מיט די בליִענדיקע באגילדעטע זונרויזן און הויכער צעוואקסענער קוקורוזע, מיט די זאפטיקע היי־לאָנקעס, מיט די שטילע שאָטנדיקע באלקעס און באזוניקטע צאָמבער־בערגלעך, — פון קינדווײַז אוף איז עס ארײַן צו איר אין נעשאָמע מיט די קאָלערליי וונדערלעכסטע הימלשע און ערדישע פארבן און דינסטע מעכײַ־עדיקסטע גערוכן.

און וויפל זי קוקט זיך ניט אײַן אין אָט דער ארומיקער שיינקײַט, קאָן זי זיך קיינמאָל ניט אָנזעטיקן, און וויפל זי עטעמט ניט אײַן אין זיך די דערפרישנדיקע סטעפּ־לופט, איז איר וויניק.

זי וואָלט נאָך עפּשער געשטאנען אזוי באם אָפענעם פענצטער, נאָר מיטאמאָל זיך דערמאָנט אָן די קאָנספּעקטן פון די אגראָ־קורסן, וועלכע זי האָט מיטגענומען מיט זיך, קעדיי אין וועג זיי נאָכאמאָל דורכקוקן, און געלאָזט זיך ווידער אין קופּע.

— מע קאָן? — האָט זי לײַכט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ביטע, — האָט זיך דערטראָגן אַן ענטפער.

ווען זי איז אַרײַן, האָט דער בלאָנדער לייטענאַנט זיך אומגעקוקט, ער האָט דערזען פאַר זיך זייער אַ סימפּאַטיש מיידל מיט קלוגע עטוואָס שטיפערישע אויגן, אַ שטאַלטנע, מיט אַ שיינעם האַלדז און נאַקעטע הענט פון בראָנזע־קאָליר. זי איז געווען באַשיידן, נאָר מיט געשמאַק אָנגעטאָן. זי האָט דעם לייטענאַנט אויסגעזען צו זײַן זייער באַקאַנט. זאָל זײַן, אַז ער האָט זיך מיט איר ערגעץ באַגעגנט, — האָט ער זיך געפּרוווט דערמאָנען. ווו?.. ווען?..

סוסאַנע האָט דערווײַל אַרויסגענומען פון איר טשעמאָדאַנטשיק דעם העפט אין די אָפּגעריבענע קאָלענקאָר־טאָוולען, זיך צוגעזעצט אין ווינקל אויפן דיוואַן, פאַריכט די האָר און זיך פאַרטיפט אינעם קאָנספּעקט.

עס זײַנען אַדורך עטלעכע מינוט, און דער לייטענאַנט, וועלכער האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר, האָט אַלץ ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, ווו, בא וועלכע אומשטענדן האָט ער זי געזען.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער זיך אָנגערופן, עטוואָס אָנבייגנדיק זיך צו איר, — איר זײַט מיר זייער באַקאַנט... איך וואָלט געמעגט זאָגן, אַז איך האָב זיך ערגעץ באַגעגנט מיט אײַך...

— איך זע אײַך דאָס ערשטע מאָל, — האָט סוסאַנע, פון דער זײַט אַ קוק געבנדיק אויף אים, געענטפערט און זיך ווידער גענומען פאַרן קאָנס־פּעקט.

דער לייטענאַנט איז געבליבן אין פאַרלעגנהייט. זאָל זײַן, אַז ער האָט אַ טאָעס געהאַט? ניין, ער האָט, דאַכט זיך, ניט קיין טאָעס. ער האָט זי ערגעץ געזען. זיכער. נאָר ווו? ווי קומט עס, אַז ער זאָל ניט געדענקען? דאָס האָט אים שוין אַפילו אָנגעהויבן פאַרדריסן. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, געסטאַרעט זיך דערמאָנען.

— אַנטשולדיקט מיר נאָכאַמאָל, — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום ווידער זיך געווענדט צו איר, — איך וויל זיך דערמאָנען און קאָן ניט... איר זײַט אַ מאָסקווער?

— ניין, — האָט זי לײַכט אַ פיר געטאָן מיטן קאָפּ, — איך פאָר קיין מאָסקווע דאָס ערשטע מאָל...

— ווו זשע?.. ווו?.. ערגעץ האָב איך אײַך דאָך פאָרט געזען...

— איר האָט אַ טאָעס.

— איך האָב אויפן לעבן, דאַכט זיך, נאָך קיינמאָל קיין טאָעס ניט גע־האַט, — האָט ער האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן.

— נו, און הײַנטיקס מאָל האָט איר אַ טאָעס, — האָבן בא איר שטיפע־ריש אַ שמייכל געטאָן די אויגן.

— ניין, ניין, איך גיב זיך נאָך ניט אונטער, — האָט ער אַ זיכערער אין זיך געענטפערט, — איך וועל זיך נאָך דערמאָנען, און איר וועט דעמלט מוזן מיט מיר מאַסקים זײַן.

דער צוג האָט דערווײַל פאַרקלענערט דעם גאַנג און זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אַן אייזנשטאָקיקער וואָקזאַל־געבײַדע.

דער פּולבלעכער מאַנצבל אין די ברילן און די שוואַרצכיינעוודיקע פרוי, וועלכע האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט די פּאַרטיע שאַך און נאָכגע־

שפּירט פון דער זײַט נאָך דעם געשפּרעך פונעם לייטענאַנט מיט אָט דעם אומבאַקאַנטן מיידל, האָבן זיך אופגעהויבן און ארויסגעקוקט דורכן פענצטער.

— סטאַנציע איוואַנאָווקאַ!.. — האָט אויסגערופן דער פּולבלעכער מאַנצבל מיט דער שיינער רויטלעכער באָרד. — אַ! מיר זײַנען דאָך אָקאָרשט פאַרבײַגעפאָרן אַ באַרימט אָרט. איך האָב זיך אַרײַנגעלאָזט אינעם שאָך, און ניט באַמערקט. אײַ־אײַ־אײַ... ניט ווײַט פון דער פאָריקער סטאַנציע געפינט זיך דאָך איינער פון די מוסטערהאַפטסטע קאָלווירטן אויף אוקראַינע... דער קאָלווירט אויפן נאָמען פונעם צוויי־און־צוואַנציקסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר...

סוסאַנע האָט האַסטיק פאַרהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ וואַרעמען בליק אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי שוין דערמיט אַליין, וואָס ער האָט אָנגערופן איר קאָלווירט, איז ער איר געוואָרן אַ נאָענטער, אַן אייגענער מענטש.

יענער איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען באַם פענצטער, און ווען דער צוג האָט זיך גערירט, האָט ער עטוואָס צעשטרײַט זיך צוריק געזעצט אויפן דיוואַן.

— אָך, סאַראַ שאָד, דורכן פענצטער וואָלטן מיר כאָטש געכאַפּט אַ קוק אויף די פעלדער פון דעם קאָלווירט. מיט עטלעכע יאָר צוריק בין איך דאָרט געווען, און ס'ווילט זיך נאָכאַמאָל זײַן דאָרט. אַן אויסגעצייכנטער, אַ מוסטערהאַפטער קאָלווירט! — האָט ער מיט האַרץ געזאָגט.

— מיט וואָס צייכנט ער זיך אַזוי אויס? — האָט זיך פאַראינטערעסירט די פרוי.

— ערשטנס און פריִער פאַר אַלץ, מיט דער הויכער אַגראָ־קולטור, — האָט זייער אופגעלעבט געענטפערט דער שאָכן אין די ברילן, — און ווי־באַלד די אַגראָ־קולטור איז הויך, נעמט דער קאָלווירט קעסיידער אַראָפּ הויכע גערעטענישן, און ווײַבאַלד מע באַקומט פון יאָר צו יאָר הויכע גערעטענישן, האָט מען אַ גרויסע האַכנאָסע, און אַ גרויסע האַכנאָסע, געערטע מײַנע, שאַפט אַ באַזיס פאַר אַ הויכער אַלגעמיינער קולטור. אין וואָס דריקט זיך עס אויס, וועט איר פרעגן? — ער האָט אַראָפּגענומען און גלײַך צוריק אָנגעטאָן די ברילן. — אין דעם, וואָס אויפן אָרט פון אַ בידנעם שטרויענעם כוטאָר איז דאָרט אויסגעוואַקסן אַ נײַ דאָרף מיט אַספאַלטירטע טראָטואַרן, מיט גוט באַלויכטענע גאַסן, מיט וואַסערלייטונג אין די שטיבער, אַ נײַ סאָציִאַליסטיש דאָרף, — ער האָט גערעדט באַגײַסטערט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ כיילעק אין דעם אַלעמען, — און דעריקער, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו סוסאַנען, וועלכע איז געזעסן אין ווינקל, וועלנדיק צוציִען אויך איר אופמערקזאַמקייט, — דעריקער איז דאָס, וואָס דאָרט איז אויסגעוואַקסן גאָר אַ נײַער מין פויער, וועלכן די וועלט האָט ביז איצט ניט געוווּסט... מיר, עטלעכע פּראָפעסאָרן פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט, זײַנען ספּעציִעל געפאָרן אַהין דערלערנען זייער דערפאַרונג. און איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז פיל וויכטיקס האָבן מיר איבערגענומען בײַ זיי פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער וויסנשאַפט...

— זייער ריכטיק, — האָט אים אונטערגעהאַלטן דער לייטענאַנט, — איך האָב געלייענט אין צײַטונג נאָך מיט אַ יאָר צוריק וועגן אַ רינגלערן,

איך וואָלט געמעגט זאָגן פון דעם קאָלווירט, וועלכע האָט אַראָפּגענומען אַן אויסערגעוויינלעכע גערעטעניש פון קוקורוזע. אַך, סאַרא אינטערעסאַנט מיידל!.. נאָך גאָר אַ יונגע, אַ קאָמיוגיסטקע. און שוין אַ העלדן פון סאָציאַליסטישער אַרבעט... סוסאַנע רופט מען זי...

אָף אַזוינס האָט סוסאַנע זיך שוין לאַכלוטן ניט גערעכט. דאָס האַרץ האָט בא איר אופגעצאַפּלט. דער קאָנספּעקט איז שיר ניט אַרויסגעפאַלן בא איר פון די הענט. זי האָט ניט געוווּסט ווהין אהינטאָן זיך, אופגעהויבן זיך, געוואָלט אַרויס, נאָר אַ פאַרלוירענע זיך צוריק אוועקגעזעצט אָפן דיוואַן.

— יאָ, יאָ... וועגן אָט דער רינגלערן האָב איך אויך געלייענט, — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר און אופגעלעבט גענומען דערציילן, וויאַזוי זי האָט באַקומען אַ רעקאָרד־גערעטעניש.

סוסאַנע האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. כאָטש נעם און גיי אוועק פון קופּע. אליין שולדיק. ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן איר קאָלווירט, האָט זי געדאַרפט זאָגן, אַז זי איז פון דאָרט. וואָלט עס דאַן אַלץ אויסגעזען גאָר אַנדערש... און איצט איז שוין פּאַשעט ניט באַקוועם. וואָס זשע טוט מען? ווי פירט מען איבער דעם געשפּרעך אָף עפּעס אַנדערש, אַז זיי זאָלן כאָטש אופהערן ריידן וועגן איר.

נאָר דער פּראָפעסאָר האָט אַלץ גערעדט, געבראַכט אפילע אייניקע ציפערן.

— אָט ווען אַלע רינגען נעמען אַראָפּ אַזעלכע גערעטענישן, — האָט אַ זאָג געטאָן די אייזנבאַנלערן.

— ס'גייט צו דעם, — האָט פאַרזיכערט דער פּראָפעסאָר, — די אַגראָקולטור צוזאַמען מיט דער נייסטער טעכניק דרינגט איצט אַריין אַלץ מער אין יעדן קאָלווירט.

די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט, און אין קופּע האָט אָנגעהויבן ווערן טונקעלער. די אייזנבאַנלערן האָט איינגעשלאָסן די שיין, און גלייכצייטיק האָט פונעם ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר זיך דערטראָגן אַ באַקאַנטע מעלאָדיע.

— טשייקאָווסקי, — האָט אויסגערופן דער פּראָפעסאָר, — די פינפטע סימפאָניע. סאַרא געטלעכע מוזיק!.. — ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן, צוגעמאַכט די אויגן און געבליבן זיצן ווי פאַרקישעפט, איינהערנדיק זיך מיטן גאַנצן וועזן אין די ווונדערלעכע קלאַנגען, וועלכע האָבן פאַרפולט דעם קופּע.

סוסאַנע האָט לייכט אָפּגעעטעמט. זי האָט אין האַרצן געדאַנקט טשייקאָווסקין, וועלכער האָט אָף אַזאַ ווונדערלעכן אויפן אַרויסגעראַטעוועט זי פון דער אומאָנגענעמער לאַגע. זי האָט אָפּגעלייגט אָן אַ זייט דעם קאָנספּעקט און מיט פאַרגעניגן זיך אויך צוגעהערט צו דער מוזיק.

דער לייטענאַנט האָט פון דער זייט אַלץ געקוקט אָף איר. זי האָט אים איצט אויסגעזען נאָך מער קענטלעך.

ווען די מוזיק האָט זיך פאַרענדיקט און די וואַגאָן־באַגלייטערן האָט אַריינגעטראָגן אין קופּע פריש־פאַרקאָכטע טיי, האָט דער לייטענאַנט זיך צוגעזעצט צום טישל און איינגעלאַדן אויך סוסאַנען.

— איך וויל זיך אלץ דערמאָנען, ווו און ווען האָב איך אײַך געזען, און קאָן בעשום־אויפן ניט, — האָט ער זיך אָנגערופן צו איר, מישנדיק מיטן לעפעלע דעם צוקער אין דער גלאָז טיי. — זאָגט, אויב ס'איז ניט קיין סאָד, פונוואנען זײַט איר?

באַ אנדערע אומשטענדן וואָלט סוסאנע, פארשטייט זיך, גערן געענט־פערט אף דער פראגע. איצט אָבער איז עס איר געווען ניט באַקוועם.

— פון א קאָלווירט, — האָט זי קורץ געענטפערט.

— פון א קאָלווירט? — דער לייטענאנט האָט פארוווּנדערט זי אָנגע־קוקט. — פון וועלכן קאָלווירט?

זי האָט אין פארלעגנהייט געשוויגן, ניט ווייסנדיק וואָס זאָגן.

— נו... ניט ווײַט פונדאנען... פון יענעם קאָלווירט... נו, וועגן וועלכן איר האָט דאָ גערעדט...

— איר זײַט פונעם קאָלווירט אפן נאָמען פונעם צוויי־און־צוואנציקסטן פארטיי־צוזאמענפאָר? — האָט פארכידעשט אויסגערופן דער פּראָפעסאָר. — איז וואָס זשע שווײַגט איר?

— וואָס האָב איך וואָס צו שרײַען? — האָט זי לײַכט א שמייכל געטאָן.

— וואָס טוט איר דאָרט? — האָט דער לייטענאנט מיט נײַגער געפרעגט.

— דאָס, וואָס אלע... איך ארבעט.

— גופא אין קאָלווירט?

— נו, יאָ... א קאָלווירטניצע...

— אײַ־אײַ־אײַ... א קאָלווירטניצע פון דעם קאָלווירט, וועגן וועלכן מיר ריידן, און איר שווײַגט, — איז געווען אויסער־זיך דער פּראָפעסאָר. — ווי־אזוי האָט איר געקאָנט זיצן פון דער זײַט און שווײַגן?.. נו, דערפאר, טײַערינקע, וועט איר שוין איצט דערציילן.

— וואָס? — האָט סוסאנע פארלוירן געפרעגט.

— דערציילט, נו, לאָמיר זאָגן, וועגן אָט דער רינגלערן אײַערע, דער העלדן, — האָט איר אונטערגעזאָגט דער לייטענאנט, — איר קענט זי דאָך, מיסטאמע, זייער גוט.

די באַקן באַ סוסאנען האָבן מיטאמאָל אויפגעפלאמט.

דער לייטענאנט האָט באַמערקט, ווי דאָס מיידל האָט פּלוצלינג זיך גע־ענדערט אין פּאָנעם, און ניט אָנגעהויבן פארשטיין, וואָס זאָל עס באַטײַטן. נאָר באלד, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט ער געעפנט דעם טשעמאָדאן, אָפּגעזוכט דעם פלאנשעט, ארויסבאַקומען פון דאָרט אן אויס־שניט פון א צײַטונג, א קוק געטאָן אף א גרויסן פאָטאָ־פּאָרטרעט פון א יונג שיין מיידל מיט קורץ־אונטערגעשאָרענע האָר און קלוגע שטיפערישע אויגן, נאָכדעם א קוק געטאָן אף סוסאנען און באלד ווידער אפן פּאָרטרעט.

— דאָס זײַט איר דאָך! — האָט ער פריידיק אויסגערופן. — נו יאָ, איר... איר... סוסאנע...

— נו, יאָ, אוודע... איין פּאָנעם, — האָט, א קוק טוענדיק אפן פּאָרטרעט, באַשטעטיקט דער פּראָפעסאָר, — אײַ־אײַ־אײַ... גיי ווייס, ווער עס פּאָרט מיט אונדז אין קופּע...

— איך האָב אָבער גלײַך געזאָגט, אז ערגעץ האָב איך אײַך געזען, אז איר זײַט מיר באַקאנט, — האָט דער לייטענאנט א צופרידענער זיך צוגעג־

זעצט נעענטער צו סוסאנען, — ווי איר זעט, האָב איך קיין טאָעס ניט גע־האַט. איצט וועט אײַך שוין גאָרנישט ניט העלפן, איצט וועט איר שוין מוזן דערציילן.

— וועגן וואָס? — האָט זי עטוואָס פארהויבן דעם אקסל.

— דאָס איז שוין אײַער זאך. דערציילט כאָטש עפּעס וועגן זיך.

— מיר הערן אײַך, טײַערינקע, — האָט זיך צוגעזעצט נעענטער די מיטליאָריקע אײַזנבאַנלערן.

סוסאנע האָט מיט פינקלדיקע אויגן געקוקט אף זיי, און דאָס האַרץ איז בא איר איבערגעפולט געוואָרן מיט דאנקבארקײַט און רירנדיקער ליב־שאַפט צו אָט די מענטשן, וועלכע זײַנען איר מיטאמאָל געוואָרן אזוי נאָענט.

— וואָס זשע זאָל איך אײַך דערציילן, — האָט זי עטוואָס פארשעמט, שטיל געזאָגט, — וועגן מיר האָט אײַך שוין איבערגענוג דערציילט דער כאוועד פּראָפעסאָר... שוין שפּעטלעך... צײַט שוין אוואדע זיך לייגן שלאָפן. מיר וועלן נאָך באַווײַזן ביז מאָסקווע זיך אָנריידן...

— צום באדויערן, וועלן מיר שוין איבעריקס ניט באַווײַזן, — האָט באמערקט דער לייטענאנט. — איך פאָר ביז קיִעוו, און אהין קומט אָן דער צוג גאנצפרי. און אונדזערע שכיינים שטײַגן אויך אראָפּ אין קיִעוו. עפּשער וועט איר פונדעסטוועגן...

— נו, לאָמיר אונדזער סוסאנאָטשקען ניט מאטערן. מיר זײַנען דאָך שוין באקאנט. שוין ניט ווייניק ווייסן מיר וועגן איר, — האָט געזאָגט די אײַזנבאַנלערן. — און ס'איז טאקע שוין בעעמעס צײַט זיך אָפּרוען...

סוסאנע האָט געענטפערט איר מיט א דאנקבארן בליק.

אינגיכן האָט מען אויסגעלאָשן די שײַן. אין קופּע איז געוואָרן טונקל און שטיל. דער צוג האָט זיך געשווינד געטראָגן, לײַכט אונטערוויגנדיק דעם וואגאָן.

אף דער אייבערשטער פּאָלקע האָט דער שלאָף לאנג ניט גענומען דעם לייטענאנט. ער איז געווען צערודערט פון דער אומגעריכטער באגעגעניש. שוין א יאָר, ווי ער היט דעם אויסשניט פון דער צײַטונג מיטן פּאָרט־רעט פונעם מיידל. און אָט הײַנט האָט ער אזוי אומגעריכט דערזען פאר זיך די, וועלכע איז שוין לאנג געווען דאָס מיידל פון זײַן טרוים. זי זעט אויס נאָך שענער, פײַנער. און אזא באשיידענע. אזויפיל געטראכט וועגן איר, און איצט, ווען ער האָט זי באגעגנט, האָט ער איר אפילע קיין האלב וואָרט וועגן דעם ניט געזאָגט.

לאנג איז געלעגן מיט אָפענע אויגן אויך סוסאנע.

פארטאָג האָט דער צוג זיך דערנעענטערט צו דער סטאנציע. די פּאסא־זשירן פון קופּע זײַנען ארויס אין קאָרידאָר. סוסאנע — מיט זיי. דער פּראָ־פעסאָר האָט, געזעגענענדיק זיך, איר לאנג געדריקט די האנט.

— ס'פרייט מיך זייער, וואָס איך האָב זיך באגעגנט מיט אײַך. צום ווידערזען. אין דער נאָענטסטער צײַט וועל איך אומבאדינגט זיך ווידער אראָפּכאפּן צו אײַך אין קאָלווירט. אָט דעמלט וועלן מיר שוין מיט אײַך געני זיך אָנריידן...

— מיר איז אויך זייער אָנגענעם געווען זיך באַקענען מיט אײַך, ליובע מײַנע. — די אײַזנבאַנלערן האָט אַרומגענומען סוסאַנען און זי אַ קוש געטאָן.

באַם אַרויסגאַנג האָט דער לייטענאַנט זיך פאַרהאַלטן.

— סאַראַ פאַרדראָס, וואָס איך פאָר ניט ביז מאָסקווע, — האָט ער געזאָגט. — איר ווייסט... איך האָב שוין ניט איין מאָל זיך געקליבן אָנשרײַבן אײַך אַ בריוו. נאָר ניט געוואַגט. עפּשער וועט איר מיר איצט דערלויבן זאָגן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט אײַך אָנשרײַבן?

סוסאַנע האָט אַף אַ רגע זיך פאַרטראַכט און שטיל געענטפערט:

— בעסער שרײַבט אָן...

ווען דער צוג האָט זיך גערירט, איז דער לייטענאַנט מיט גיכע טריט נאָכגעגאַנגען, פאָכנדיק מיט דער האַנט סוסאַנען, וועלכע האָט שמייכלענדיק אַרויסגעקוקט צו אים פונעם וואַגאָן-פענצטער...

איר זײַט דאָך שכיינים

סאָפקאָלסאָף האָבן געפּלאַצט די פרעסט, ס'האָט אָנגעהויבן צעגיין דער שניי, פריִער אַף די אַרוף־בערגלעך, נאָכדעם אין די באַלקעס, אין די קאַנאַוועס, און די ערד, א דערוואַרעמטע פון דער מילדער פרילינגדיקער זון, האָט אָנגעהויבן אויפּוואַכן, אַרויסטעמענדיק פון זיך א פאַרשיקערנדיקן גערוך, און פאַרפולט מיט אים דעם אַרומיקן סטעפּ.

וווּנדערלעך שיין און מעכײַעדיק זײַנען אָט די ערשטע פרילינג־טעג! קיינמאָל האָט נאָך לידע, די יונגע רינגלערן, ניט געפילט אזא פרייד, ווי באַם פרילינג־פאַרזיי. רונד־אַרום, ניט פאַרכאַפּן מיטן אויג, שוואַרצט זיך די פריש־אויפגעאַקערטע גוט אונטערגעהאָדעוועטע ערד, אימפּעטדיק פריילעך הודזשעט דער טראַקטאָר, ציִענדיק הינטער זיך די ברייטע, מיט זון באַגאָסענע, זייעלקע. און זי, לידע, שוין א לײַכט פאַרברוינטע, אונטער־געבונדן די פריש־שמעקנדיקע באַגילדעטע האָר מיט א ווײַסינק שאַלכל, שטייט אַף דער זיך אונטערהוידענדיקער זייעלקע באַ די הייבערס און מיט פאַרגעניגנדיקער זאָרג רעגולירט זי געשיקט און פּינקטלעך מיט זיי, קעדיי די זאָרגזאַם אָפּגעקליבענע ערשטסאָרטיקע קוקורוזע־קערנער זאָלן זיך לייגן אין דער ריין־פאַרבאַראָנעוועטער שוואַרצערד אַף דער גייטיקער טיף און אַף דעם זעלבן שטעטעך איינס פונעם אַנדערן. זי ווייסט זייער וויל, לידע, אַז די קומענדיקע גערעטעניש איז אָפּהענגיק פון דעם, וויִאַזוי דאָס פעלד איז באַצײַטנס באַאַרבעט געוואָרן און וויִאַזוי עס ווערט איצט פאַר־זייט. עס טוט איר האַנאָע, וואָס אַלץ ווערט געטאָן צו דער צײַט, וואָס די ערד פאַרהיט אין זיך נאָך גענוג פײַכטקײַט, וואָס די זייעלקע באַוועגט זיך פּינקטלעך לויט דער אָנגעמערקטער ליניע, וואָס די סאָשניקעס לאָזן דורך די קערנער אָן איבערשלאָג. אַלץ, דאַכט זיך, גייט גוט, אַזוי, ווי איר ווילט זיך, און זי שטעלט זיך שוין פאָר, ווי אָט־אָט איַנגיכן וועט דאָ אויפגיין די יונגע קוקורוזע מיט די זאַפטיק־גרינינקע בלעטעלעך, ווי זיי וועלן זיך אוועקציִען אין גלײַכע רייען לענגויס דעם ראַכוועסדיקן פעלד אַזש ביז דער וואַלד־זאָנע, און דאָס האַרץ צאַפּלט באַ איר פון פרייד...

אין עטלעכע וואָכן אַרום, פאַרנאַכטלעך שוין, אומקערנדיק זיך פון סטעפּ, ווו זי האָט מיט איר רינג געיעט די יונגינקע זונרויזן, האָט לידע פאַרקערעוועט פאַרבײַ דעם קאָלווירטישן אַבריקאָסן־סאָד, וואָס איז געדיכט באַשאָטן געווען מיט ווײַס־ראָזלעכן דופטיקן צוויט, און מיט לײַכטע טריט

זיך פארנומען מיט דעם באקאנטן וועג, וואָס האָט געפירט צו די קוקורוזע־לאַנקעס. איר האָט זיך זייער געוואָלט א קוק טאָן, זען, ווי ס'איז אופגעגאנגען די קוקורוזע. אפן געמיט איז בא איר געווען זייער גרינג און פריידיק. זי האָט אליין קלאָר ניט געוווּסט פון וואָס. עפשער דערפאר, וואָס דער קאָלווירט־פאָרזיצער זייערער, סעמיאָן גריגאָריעוויטש, וועלכער איז ביכלאל קארגלעך אף א וואָרט, האָט הײַנט באם יעטן די זונרויזן זי געלויבט, און דערצו נאָך אין דער אָנוועזנהײַט פונעם ניט לאנג אראָפּגעקומענעם יונגן קלוג־אונטערשמייכלענדיקן אגראָנאָם, און עפשער אויך דערפאר, וואָס הײַנט אין אָוונט, איידער עס וועט זיך אָנהייבן דער קינאָ־סעאנס, וועט אין פארק זײַן טענץ, און ער, דער טשיקאווער און עטוואָס שעמעוודיקער יונגער אגראָנאָם, וועט געוויס אויך זײַן דאָרט...

הינטער דער וואלד־זאָנע, וואָס גרענעצט זייערע פעלדער מיט די פעלדער פונעם שכייִנעסדיקן קאָנטעקוזאָווער קאָלווירט, האָט זיך שוין געהאט געזעצט די זון, באצירנדיק די שפיץ ביימער מיט גינגאָלד. אפן סטעפ איז געוואָרן עטוואָס קילער. אָט־אָט אומבאמערקט וועט צופאלן דער אָוונט. און כאָטש לידע האָט זיך געײַלט, זי דארף דאָך זיך נאָך ארײַנכאפן אהיים, זיך ארומוואשן, אָפּעסן, זיך איבערטאָן און באווײַזן צו די טענץ, דאָך האָט זי פארקערעוועט אף רעכטס, אראָפּ־בערגל, קעדיי פארייִנס שוין א קוק טאָן אף איר כאווערטעס, אף דוניעס, לאנקע. דערנעענטערנדיק זיך, האָט לידע דערזען פאר זיך א דורכויס באגרינט פעלד. „אך, ווי גוט זײַנען דאָ אופגעגאנגען די געוויקסן! אך, סארא שיינקײַט!"—האָט זי מיט הארץ א זאָג געטאָן, שפאנענדיק צווישן די גלײַכע רייען יונגינקע קוקורוזע, וועלכע האָבן שטיל געטעטעמט מיט די לענגלעכע דורכזיכטיק־גרינבלעכע בלעטעלעך. מיט פארגעניגן האָט זי באטראכט דוניעס געראָטענע לאנקע, און א צופרידענע זיך פארנומען צוריק ארוף־בערגל. זי איז אוועק שנעלער, קימאט ווי געלאָפן. געוואָלט שוין וואָס גיכער זײַן דאָרט בא זיך אף דער לאנקע. אויב בא דוניען איז אזוי גוט אופגעגאנגען, איז בא איר געוויס אויך גוט, און עפשער איז בא איר נאָך אפילע בעסער. זי האָט דאָך פארענדיקט דעם פארזיי מיט א פאָר טעג פריִער.

אָן אופגעלעבטע, א באפליגלטע פון א גוטן פאָרגעפיל, איז לידע עטוואָס א פארפלאמטע געקומען צו לויפן אף איר לאנקע, וואָס האָט זיך געצויגן לענגויס דער שוין בלוילעכער וואלד־זאָנע, און מיטאמאָל געבליבן שטיין א פארלוירענע, מיט ברייט־צעעפנטע דערשראָקענע אויגן. דאָס קוקורוזע־פעלד האָט אויסגעזען זייער שיטער. אין פיל ערטער זײַנען די געוויקסן ניט אופגעגאנגען. אף אזוינס האָט לידע זיך לאכלוטן ניט גערעכט.

— אוי, מאמע טײַערע!..—האָט זי פארצווייפלט אויסגערופן.—וואָס טוט זיך עס דאָ?

א דערשיטערטע האָט זי געשפאנט צווישן די נעבעכדיקע רייען מיט די זייער שיטערע געוויקסן, און מיט יעדן טראָט, וואָס זי האָט געמאכט, זײַנען די פיס בא איר געוואָרן שוואכער און אף דער נעשאָמע שווערער און ביטערער. זי האָט ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, וואָס איז געשען. זאָל זײַן, אז זי האָט באם פארזיי דערלאָזט עפעס א פעלער, עפעס פארזען... נאָר וואָס? זי האָט, דאכט זיך, געטאָן אלץ, וואָס מע דארף, אלץ, וואָס ס'איז

נייטיק, אלץ, וואָס עס פאָדערט זיך, און, דאכט זיך, אלץ צו דער צײַט. וואָס זשע איז פאָרט געשען? פארוואָס איז דאָרט, בא דוניען, אזוי געראָטן אופגעגאנגען, און בא איר אזוי שלעכט?.. זי האָט זיך געפילט, לידע, אזוי, ווי מע וואָלט זי אָקאָרשט אומזיסט און אומנישט מ׳עס באאוולט, באליידיקט איר זיסע האָרעוואניע, בארויבט איר טרוים, איר פרייד, איר האָפענונג... און ניט נאָר איר האָפענונג. מיט וואָס פארא אויגן וועט זי זיך איצט ווײַזן פאר איר רינג? און וואָס וועט איצט זאָגן וועגן איר דער קאָלווירט־פאָרזיצער? ער האָט דאָך ערשט הײַנט זי אזוי געלויבט פארן אגראָנאָם... און וואָס וועט ער, דער אגראָנאָם, וועמענס ניט גלײַכגילטיקן בליק זי האָט שוין ניט איין מאָל אופגעכאפּט אף זיך, וואָס וועט ער איצט טראכטן וועגן איר?

ס׳איז שוין געווען בלוילעך אין דרויסן, ווען לידע האָט מיט א געדריקט געמיט זיך אומגעקערט פון סטעפּ. אהיים צו דער מאמען האָט זי אפילע ניט ארײַנגעקוקט (כאָטש די מאמע האָט שוין לאנג געוואַרט מיט דער וועטשערע אף איר איין־און־איינציקער טאָכטער). אוועק איז זי מיט איר שווערער זאָרג גלײַך צום קאָלווירט־פאָרזיצער. שוין זײַענדיק לעבן דער קאָנטאָר, האָט זי דערזען דעם באיאָרטן, עטוואָס סוטולעוואטן פאָרזיצער שפּאנען מיט דער שאָטנדיקער אליי, וואָס האָט געפירט פון דער פּאסעקע. מיט גיכע טריט האָט לידע זיך געלאָזט אנטקעגן אים.

לויט איר אויסזען האָט דער קאָלווירט־פאָרזיצער גלײַך פארשטאנען, אז עפּעס איז מיט איר געשען.

— נו, דערציילן, וואָסי בא דיר? — האָט ער אופמערקזאם א קוק געטאָן אף איר דורך די ברילן.

— סעמיאָן גריגאָריעוויטש, — האָט לידע פארלוירן ארויסגעשטאמלט, — א צאָרע האָט בא מיר געטראָפן... אף דער לאנקע... די קוקורוזע איז בא מיר שלעכט אופגעגאנגען... עפּשער א דריטכיילעך געוויקסן זײַנען פארפאלן געוואָרן. — און איין אָטעם אים אלץ אויסדערציילט.

— ווי קאָן עס זײַן? — האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסל דער פאָרזיצער. ער, וועלכער האָט דאָס גאנצע לעבן טאָג און נאכט זיך אָפּגעגעבן דער לאנדווירטשאפט, האָט איצט אויך ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס האָט פּאסירט דאָרט בא לידען אף דער לאנקע. נאָר דאָס, וואָס זי האָט זיך אזוי גענומען צום הארצן, האָט דערוועקט אין אים א רירנדיק־ווארעם געפיל צו איר, צו דער יונגער רינגלערן. — אָט וואָס, לידע טײַערע, איצט גיי רו זיך אָפּ, — האָט ער פרײַנטלעך געייצעט, — און מאָרגן גאנצפרי קום צו גיין אהער, וועלן מיר צוזאמען צופאָרן אהין, און דאָרט אפן אָרט וועלן מיר שוין זען, וואָס איז געשען און וואָס מיר האָבן צו טאָן.

מיט א צעקאלעמוטעט געפיל איז לידע אוועק אהיים. אינעם אָוונטיקן העל־באלויכטענעם פּארק, אנטקעגן קלוב, האָט שוין געשפּילט דער אָרקעסטער, און צוזאמען מיט דער מוזיק האָט זיך דערטראָגן פון דאָרט א געלעכטער און פריילעכער געפילדער פון די מיידלעך און יאטן, וועלכע האָבן זאָרגלאָז זיך געדרייט אין א ראשיקן וואלס. לידע האָט פארהאלטן די טריט. איר האָט זיך געדוכט, אז זי הערט דאָרט אויך די שטים פונעם

יונגן אגראָנאָם. א רעגע האָט זי זיך א וואקל געטאָן, נאָר באלד פאַרקע־
רעוועט אָן א זײַט און גיכער אוועקגעשפּאַנט.

אין דער היים האָט לידע די מאַמען ניט געטראָפן. זי האָט זיך פאַר־
קליבן צו זיך אינעם צימערל, אויסגעלאָשן די שײַן, אײַנגעגיוּרעט דעם
קאָפּ אין קישן, געוואָלט זיך פאַרגעסן, אנשלאָפן ווערן, נאָר ניט געקענט.
פאַר די אויגן איז איר אַלץ געשטאַנען די לאַנקע מיט די שיטער־אופגע־
גאַנגענע געוויקסן.

קוים דערוואַרט זיך, ס׳זאָל אָנהייבן גרויען אף טאָג, איז זי מיט שטילע
טריט, קעדיי ניט אופוועקן די מאַמען, ארויס פון שטוב.

לעבן דער קאָנטאָר האָט זי שוין געטראָפן דעם פאָרזיצער.

— א גוט־מאָרגן.

— א גוט־מאָרגן, ביסט שוין דאָ, גוט, זעץ זיך אין מאַשין, — האָט ער
א ווײַז געטאָן אף דעם „מאָסקוויטש", וועלכער איז א רײַן־ארומגעוואַשע־
נער געשטאַנען דערבײַ. — ווייסט וואָס, לאָמיר נעמען מיט זיך אונדזער
נײַעם אגראָנאָם, לעאָנידן, זאָל ער אויך א קוק טאָן.

לידען האָט זיך דאַפקע ניט געוואָלט, אז פּונקט איצט, ווען ס׳האָט בא
איר דאָרט געטראָפן אזא צאָרע, זאָל ער, לעאָניד, זען איר לאַנקע.

— צוליב וואָס? — האָט זי שטיל א זאָג געטאָן. — מירן אליין.

זי האָט מיט אומגעדולד ארויסגעקוקט, אז דער פאָרזיצער זאָל זיך שוין
זעצן אין מאַשין. ווי אף צולאָכעס אָבער האָט דער פאָרזיצער זיך פאַר־
האַלטן אין קאָנטאָר, און דערווײַל איז מיט אײַליק־גיכע טריט, א צוגע־
פוצטער, אין א זומערדיק־לײַכטן געקעסטלטן קאָסטיום, אונטערגעקומען
דער שטאַלטנער, פריש־ארומגעראַזירטער אגראָנאָם. לידע האָט אראָפּגע־
לאָזט די מידע, פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, אויגן, געמאַכט זיך ניט זעענ־
דיק. ער האָט זי אָבער גלײַך באַמערקט, ניט דרייסט צוגעגאַנגען, זייער
פרײַנטלעך זיך געגריסט, און דרייענדיק דעם פאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס
צווישן די פינגער, געוואָלט, קאָנטיק, איר עפּעס זאָגן, נאָר לעבן „מאָסק־
וויטש" איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן דער פאָרזיצער. א פאַרהאַוועטער האָט
ער זיך געזעצט צום רול און א ווונק געטאָן דעם אגראָנאָם, ער זאָל זיך
אויך זעצן אין מאַשין.

אין א רעגע ארום איז דער „מאָסקוויטש" ארויסגעפאָרן פונעם קאָנטאָר־
הויף און האַסטיק זיך אוועקגעטראָגן מיטן וועג, וועלכער האָט געפירט
אינעם אָפענעם שוין געדיכט־באַגרינטן סטעפּ.

אײַנגעגיוּרעט אין דער געשטריקטער בלאָוער וואָלענער קאָפּטע, מיט
א געקווייטלטן טיכל, אראָפּגערוקט עטוואָס איבערן שטערן, איז לידע גע־
זעסן פון פאָרנט לעבן דעם פאָרזיצער, וועלכער האָט געפירט די מאַשין.
דער אגראָנאָם איז געזעסן אייגער אליין פון הינטן און גערייכערט איין
פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. די געשיכטע מיט דער שלעכט־אופגעגאַנגענער
קוקורוזע האָט אים, דעם נאָך ווייניק באַהאַוונטן ספּעציאַליסט, אויך באַאומ־
רויִקט, און נאָך מער האָט אים עפּשער באַאומרויִקט איצט דאָס, וואָס אָט די
כיינעוודיקע און זשוואַווע רינגלערן, וועלכע ער האָט באַמערקט שוין אין
דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז אראָפּגעקומען אהער און וועלכע איז צווישן
די אַלע היגע מיידלעך אים אמערסטן געפעלן געוואָרן, איז איצט אזוי

פאַרזאָרגט און לעבט אַזוי איבער צוליב דער לאַנקע. אים האָט זיך געוואָלט איר זאָגן עפּעס אַ גוט וואָרט, באַרויִקן זי. נאָר געוואונדט האָט ער זיך צום פאַרזיצער:

— איך האָב אײַך נעכטן שוין געזאָגט, סעמיאָן גריגאָריעוויטש. ס'גלייבט זיך מיר ניט. ס'קאָן ניט זײַן, אַז אַ דריטכיילעק געוויקסן זאָלן ניט אויפגיין... גיכער פאַר אַלץ, מיין איך, האָט עס אונדזער רינגלערן זיך אויסגעוויזן, — און אַ שאַר געבנדיק מיט דער האַנט די לענגלעכע שוואַרצע קוטשמע האָר אַף אַרויף, האָט ער פון דער זײַט געכאַפּט אַ קוק אַף לידען.

— ע, ווען דאָס וואָלט געווען ווי איר זאָגט, — האָט לידע שטיל אַ זיפץ געטאָן, — ניין, מיר האָט זיך ניט אויסגעוויזן, פון איין געוויקס ביזן אַנדערן איז ניט זיבעציק סאַנטימעטער, ווי מיר האָבן פאַרזייט, נאָר אַ סאַך מער.

— ס'קאָן ניט געמאָלט זײַן, — האָט דער אַגראָנאָם גוטמוטיק פאַרזי־כערט זי.

— איך מיין אויך אַזוי, — האָט דער קאָלווירט־פאַרזיצער צוגעשטימט, — קיין שום סיבעס זײַנען ניט געווען. ניט קיין פרעסט, ניט קיין פאַרפליי־צונגען. בײַ דוניען, זאָגסטו, איז דאָך גוט אויפגעגאַנגען?

— בײַ איר, בײַ דוניען, — יאָ, גוט. און אָט בײַ מיר שלעכט. זייער שלעכט, — האָט זי, ניט שאַנעוועדיק זיך, איבערגעכאַזערט.

— נו, אויב אַזוי, הייסט עס, אַז איר האָט שלעכט געזייט.

— סעמיאָן גריגאָריעוויטש, ווי קאָנט איר גאָר זאָגן אַזוינס, — איז לי־דע געווען אויסער־זיך, — איר זײַט דאָך דעמלט געווען ניט איין מאָל בײַ אונדז אַף דער לאַנקע. איר האָט דאָך געזען...

— ריכטיק, — האָט דער פאַרזיצער אַ שאָקל געטאָן מיטן גראָוון קאָפּ, — איך בין געווען. געזען. דערפאַר טראַכט איך טאַקע, אַז בײַ דיר איז דאָרט אַלץ אין פולער אָרדענונג.

„עפּשער האָט זיך מיר טאַקע אויסגעדוכט?" — האָט לידע מיטאַמאָל זיך אַ קווענקל געטאָן, און ס'האָט אין איר פּלוצלינג אויפגעצאַפּלט אַ האָפענונג, אַז אַף דער לאַנקע בײַ איר איז בעעמעס גאָרניט געשען. איר האָט זיך גע־וואָלט שוין וואָס גיכער זײַן דאָרט, זיך איבערצײַגן אין דעם. דער פאַרזי־צער האָט אָבער געהאַט נאָך אַנדערע זאָרג. פאַרבײַפאָרנדיק, האָט ער פאַרקערעוועט אַף אַ ווײַלע אַפן ווײַנגאָרטן, נאָכדעם אַף דער פּאַסעקע, אַף די בוריקעס־פּלאַנטאַציעס, אומעטום געהאַט עפּעס וויכטיקס וואָס צו טאָן, אומעטום זיך עטוואָס פאַרהאַלטן.

די זון האָט שוין גוט געוואַרעמט, ווען דער „מאָסקוויטש" האָט פאַרקע־רעוועט פונעם וועג צו דער וואַלד־זאָנע און ענדלעך זיך אָפּגעשטעלט לעבן לידעס קוקורוזע־לאַנקע.

אַרויס פון דער מאַשין, האָט דער פאַרזיצער זיך געלאָזט גיין צווישן די רייען. דער אַגראָנאָם איז אַוועק רעכטס. מיט אַ ציטערנדיק האַרץ איז לידע שווײַגנדיק נאָכגעגאַנגען דעם פאַרזיצער. די אָקאָרשטיקע האָפענונג, וועלכע ער האָט בײַ איר אַרויסגערופן, איז גלײַך צעראונען געוואָרן. דאָס קוקורוזע־פעלד האָט אויסגעזען ביז גאָר שיטער, איין געוויקס אומנאַטיר־לעך, ביז ווייטעק אין האַרצן, ווײַט פונעם אַנדערן.

— נו, איצט זעט איר, וואָס דאָ טוט זיך? וואָס וועט איצטער זײַן, וואָס? — האָט זי פאַרצווייפלט געטײַנעט.

— פריִער פאַר אַלץ, טײַערינקע, דאַרף מען אויסקלאָרן די סיבע, און דעמלט וועלן מיר שוין וויסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

אויסגעווישט מיטן טיכעלע די ברילן, איז דער פּאַרזיצער מיט פּאַמע־לעכע טריט אוועק ווײַטער. שוין לעבן דער מעזשע האָט ער זיך אָנגעבויגן, עפּעס אופגעהויבן, באַטראַכט עס, געמאַכט נאָך עטלעכע טריט, ווידער עפּעס אופגעהויבן, אַרויס אַפן שמאָלן וועג, וועלכער האָט זיך געשלענגלט לענגאויס דער וואַלד־זאָנע, דאָרט אויך עפּעס אופגעהויבן און, אויסדרייענ־דיק זיך צו לידען, זי אַ רוף געטאָן.

מיט גיכע טריט, ווי זי זאָל דערוואַרטן עפּעס גוטס, האָט לידע זיך גע־לאָזט צו אים.

— זאָגסט, אַז דו האָסט געטאָן אַלץ, ווי עס פאָדערט זיך? — האָט ער אָנגעכמורעט אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, אַלץ. אוודאי, — האָט לידע מיט פולער זיכערקײַט געענטפערט, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס ער איז אויסן מיט זײַן פראַגע.

— ווען דו וואָלסט געטאָן אַלץ, וואָס איז נייטיק, וואָלט דײַן לאַנקע געווען ניט ערגער, ווי בײַ דוניען. און אויב בײַ דיר איז ניט אַזוי, ביסטו אַליין שולדיק אין דעם. גיב אַ קוק, זע, אָט ווו דײַן קוקורוזע איז, — דער פאַרזיצער האָט אויסגעשטרעקט די ברייטע דלאָניע, אַף וועלכער עס זײַנען געלעגן פיל צונויפגעדרייטע פאַרוועלקטע בלעטעלעך. — וואָס פאַר אַ ווערט, זאָג מיר, האָט די גאַנצע האָרעוואַניע אײַערע, וויבאַלד איר האָט ניט פאַרניכטעט די סוסליקעס? דאָס האָבן זיי דאָך, די סוסליקעס, אוועק־געפּאַטערט בײַ דיר אַ דריטכיילעך פון די געוויקסן.

— וואָס רעדט איר? ווי קומען אַהער סוסליקעס? — האָט לידע אַזש אויסגעשריִען. — וואָס הייסט, מיר האָבן ניט פאַרניכטעט? ווו נאָר אַ נאָרקע ס'איז געווען, האָבן מיר דורכגעסאַמט. דאָס גאַנצע פעלד, אומעטום. קיין שפּאַן ניט דורכגעלאָזט. ווער האָט נאָך אויסגעכאַפּט אַזויפיל סוסליקעס, ווי מײַן רינג? איר ווייסט דען ניט?..

לידע האָט ווייטעקדיק פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ. דער פאַרזיצער האָט דערפילט, אַז אָט־אָט צעוויינט זי זיך.

— איך ווייס. נאָר זעסט דאָך, וואָס דאָ טוט זיך. ערגעץ־ווו האָט איר, קאָנטיק, פאַרזען. דורכגעלאָזט. אָט די בלעטעלעך, די פאַרוועלקטע, איז דאָך אײַער קוקורוזע. גיב אַ קוק, וואָס עס טוט זיך באַם וועג, אין קאַנאַוו־קע. אָט ווו זיי זײַנען. דער ווינט האָט זיי פאַרטראָגן אַהער.

לידע האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז סוסליקעס זײַנען מעסוגל אוועקפּאַטערן די קוקורוזע אין דעם מאָמענט, ווען עס שפּראָצן אַרויס די ערשטע צוויי זייער צאַרטע בלעטעלעך. די סוסליקעס ציִען דעמלט אַרויס פונעם באָדן די יונגינקע געוויקסן צוזאַמען מיט די אָנגעקוואָלענע קערנער, זויגן אויס די זיסע מילכיקע זאַפט און לאָזן איבער אַף גאַנץ באַראַט די בלעטעלעך. לידע איז אָבער זיכער געווען, אַז נאָכדעם, ווי זיי האָבן אַזוי זאָרגזאַם דורכגעסאַמט יעדע נאָרקע, איז אַף דער לאַנקע קיין איין סוסליק ניט פאַרבליבן.

— נו, אדעראבע, ווייסט איר וואָס, — האָט זי מיט פארשײַטקײַט א זאָג געטאָן, — פרווווט געפינען דאָ כאָטש איין נאָרקע.

און אין דער זעלבער רעגע, ווען זי האָט עס געזאָגט, האָט עפּעס א שורשע געטאָן אינעם דערבײַיִקן גראָז.

— נא דיר! אָט! זעסטו?! — האָט דער קאָלווירט־פּאָרזיצער זיך האסטיק אויסגעדרייט, ווײַזנדיק מיט דער האנט. — אָט האָסטו אים...

— אוי, טאקע, א סוסליק! — האָט דערשראָקן אויסגעשריִען לידע.

דאָס כײַעלע האָט, צוזעצנדיק זיך אף די הינטערשטע פּיסלעך, אויסגעצויגן דאָס ווייכע העלדזל, א פיר געטאָן מיטן אשקאָליריקן קעפּל הין־און־הער און אין דעם זעלבן אויגנבליק זיך אוועקגעיאָגט צוריק.

שיר ניט אומפאלנדיק, איז לידע אריבערגעשפּרונגען די קאנאווקע און זיך געלאָזט נאָך אים, סטארענדיק זיך ניט פארלירן דעם סוסליק פונעם אויג. דאָס כײַעלע האָט אָבער פלינק זיך א שמוגל געטאָן צווישן די ביימער פון דער וואלד־זאָנע און באלד פארשוווּנדן שוין ערגעץ אף יענער זײַט, אינעם יונגן ווייץ־פעלד, וואָס האָט געהערט צום שכיינעסדיקן, צום קאָנטעקוזאָווער קאָלווירט.

דאָרט, אף יענער זײַט וואלד־זאָנע, איז לידען אנטקעגן אָנגעקומען א פארויטלטער דער אגראָנאָם.

— אָט ווו די סיבע איז, — האָט ער באדויערנדיק א ווײַז געטאָן אף דעם מיט ווילדגראָז פארהלושעטן ווייץ־פעלד, ווו ס׳האָט געקישעט מיט סוסליקעס.

לידע איז געבליבן שטיין לעבן אים א דערשיטערטע פון דעם, וואָס זי האָט דערזען פאר די אויגן.

אינגיכן איז צו זיי אונטערגעקומען דער קאָלווירט־פּאָרזיצער. אף אזוינס האָט ניט ער, ניט קיינער פון זיי זיך לאכלוטן ניט געריכט. קיינעם פון זיי איז אפילע ניט געקומען אפן זינען, אז הינטער דער וואלד־זאָנע, אינגאנצן עטלעכע טריט פון זייער מעזשע, זײַנען די פעלדער פונעם שכייִנעסדיקן קאָנטעקוזאָווער קאָלווירט אזוי פארלאָזט. און סעמיאָן גריגאָריעוויטשן האָט געקימערט איצט ניט אזויפיל דאָס, וואָס די סוסליקעס האָבן אוועקגעפאטערט א טייל קוקורוזע אף לידעס לאנקע, ווי גאָר עפּעס אנדערש:

— ווי׳אזוי האָט עס געקאָנט געשען, אז אָט דער שמאָלער גרענעץ־פּאס, אָט די מעזשע, זאָל פארשטעלן פון אונדז דאָס, וואָס עס טוט זיך דערבײַ בא אונדזערע שכייִנים? — האָט ער זיך אליין פאָרגעוואָרפן. — פארוואָס האָבן מיר אפילע ניט א קוק געטאָן אהער, זיך ניט אינטערעסירט, ווי גייט די ארבעט באם שאָכן אונדזערן. זיך באנוגנט מיט די אייגענע דערפאָלגן. אָבער מיט די גרענעצן פון אונדזער קאָלווירט פארענדיקט זיך דאָך ניט די קאָלווירטישע ערד...

לידע און דער אגראָנאָם האָבן פארלוירן זיך איבערגעקוקט, פילנדיק זיך אויך שולדיק אין דעם. עמעס, „דער וועג צום קאָמוניזם” איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט אן אנדער שכייִנעסדיקן קאָלווירט, מיטן „אופגאנג”, גאנץ אָפט געווען דאָרט, געטיילט זיך מיט דער דערפארונג, צײַטנווײַז ארויסגעהאָלפן מיט עפּעס, נאָר אָט די מעזשע, וואָס האָט זיך געצויגן

צוזאמען מיט דער געדיכט־פאנאנדערגעוואָקסענער וואלד־זאָנע, האָבן זיי טאקע זעלטן ווען אריבערגעטראָטן.

אַף דער שמאָלער סטעזשקע, וועלכע האָט זיך געשלענגלט צווישן דעם ווייץ־פעלד, האָבן זיך באוויזן צוויי פיגורן. זיי האָבן זיך דערנעענטערט אהער. סעמיאָן גריגאָריעוויטש האָט באלד אין זיי דערקענט דעם סעקרעטאר פונעם ראיאָנעם פארטיי־קאָמיטעט און דעם פאָרזיצער פונעם קאָנטעקוזאָווער קאָלווירט.

ער, לידע און דער אגראָנאָם האָבן זיך געלאָזט זיי אנטקעגן.

— אָ, גוט, וואָס איר זייַט דאָ, — האָט דער פארהעלטניסמעסיק נאָך יונגער און שטארק פארברוינטער סעקרעטאר פון ראיפּארטקאָם זיך געגריסט מיט יעדן פון זיי בא דער האנט, — איר האָט כאָטש געזען, וואָס עס טוט זיך דאָ? — האָט ער אופגערעגט א וווּיַז געטאָן אפן אָנגעכמורעטן שווארצבערדיקן פאָרזיצער פונעם קאָנטעקוזאָווער קאָלווירט. — אזוינס, דארף איך איַיך זאָגן, האָב איך נאָך אין ערגעץ ניט געזען. פארפירט א פיטאָמניק פון ווילדגראָז און סוסליקעס. און איר וואָס? איר זייַט דאָך שכיינים. זיי וועלן דאָך אויך איַיערע פעלדער פארפּאסקודיען...

— דערפאר טאקע, מאקסים פלאטאָנאָוויטש, האָט איר אונדז איצט געטראָפן דאָ, — האָט דער פאָרזיצער פון „דער וועג צום קאָמוניזם״ ביי־טערלעך באמערקט, — די סוסליקעס זייערע האָבן אונדז שוין א היפּש ביסל העזעק אָנגעטאָן. עפּשער א דריטכיילעך געוויקסן אוועקגעפּאטערט אָט דאָ דערבייַ, לעבן דער וואלד־זאָנע.

— איר הערט? — האָט דער סעקרעטאר פון ראיפּארטקאָם זיך געווענדט צום פולבלעכן קאָנטעקוזאָווער פאָרזיצער, וואָס האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט באטראכט זייַנע גרויסע שווערע שטיוול. — מענטשן האָבן זיך געסטארעט, האָרעוואניע אוועקגעלייגט, און איר וואָס? ניט נאָר זיך, נאָר אויך די שכיינים איַיערע שאָדן געבראכט.

— איר זייַט גערעכט, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אז מיר באוויַיזן ניט, — האָט דער קאָנטעקוזאָווער פאָרזיצער אָנמעכטיק צענומען די הענט.

— נאָך גוט, וואָס די סוסליקעס דערווייַטערן זיך פון זייערע נאָרקעס ניט מער, ווי אַף דרייַסיק — פערציק מעטער, — האָט זיך אָנגערופן, ארויסוויַיזנדיק זייַנע אגראָנאָמישע קענטענישן, לעאָניד, — ווען ניט, וואָלטן זיי אוועקגעפּאטערט די קוקורוזע אויך אַף דוניעס לאנקע.

— נו־נו, אָפּגעטאָן האָבן זיי איַיך, ווי מע זאָגט, אַף טערקיש. נאָר איך מיין, אז מע קאָן עס נאָך פאריכטן, הא? — האָט דער סעקרעטאר א פרעג געטאָן.

— פארשטייט זיך, — האָט לידע אופגעלעבט א רוק געטאָן דאָס געקוויטלטע טיכל העכער איבערן קאָפּ, אנטבלויזנדיק אירע ווייכע באגילדעטע האָר, — הייַנט נאָך וועלן מיר אָפּקלייַבן א פּאָר צענטנער ערשטסאָרטיקע קוקורוזע־קערנער, מירן זיי איַינווייקן, און מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן מיר דערזייען די לאנקע.

— אומבאדינגט, — האָט סעמיאָן גריגאָריעוויטש זי אונטערגעהאלטן, — מירן שוין, זייַט זיכער, טאָן אלץ, קעדיי אויך פון דער לאנקע באקומען א הויכע גערעטעניש.

— דאָס, וואָס איר זאָרגט זיך וועגן א הויכער גערעטעניש, איז, פאר־שטייט זיך, זייער גוט, — האָט באמערקט דער סעקרעטאר, — נאָר פארוואָס זאָלט איר ניט קומען צו אָט די שכיינים איַיערע און דערציילן זיי, וויאזוי בא איַיך איז אָרגאניזירט די ארבעט, ווי איר נוצט אויס די טעכניק, וויאזוי באוויַיזט איר אָפּטאָן אלץ צו דער ציַיט; קומען אף א פארזאמלונג צו זיי און דערציילן, טיילן זיך מיט דער דערפארונג. ווען איר טוט עס נאָך פריִער, וואָלטן, מעגלעך, אָט די פעלדער זייערע אויסגעזען גאָר אנ־דערש, און איר וואָלט דעם העזעק ניט געהאט.

ערגעץ דערביַי, פונעם ווייץ־פעלד, האָט מיטאמאָל ארויסגעפלאטערט א פלינקע לערכע, מיט א געזאנג זיך א הייב אויף געטאָן און זיך אריַינגע־שניטן אינעם בלוילעכן הימל. צוהאלטנדיק מיט דער האנט די שליאפּע, האָט דער סעקרעטאר פון ראַיפּארטקאָם האסטיק פארהויבן דעם קאָפּ, א זוך געטאָן מיט די צוגעזשמורעטע אויגן דאָס זינג־פייגעלע.

— אָן־אָ איז ער! איר הערט, סארא קעלעכל? אוי, האָב איך ליב אָט דאָס זינגערל...

דאָס פארכלינענדיקע פויגל־געזאנג האָט זיך אלץ מער דערוויַיטערט און באלד אינגאנצן פארלוירן געגאנגען.

— נו, איז לאָמיר זיך צונויפריידן, עפשער איז קעדיַי צו אָרגאניזירן אזא באגעגעניש, — האָט דער סעקרעטאר פון ראַיפּארטקאָם זיך אומגע־קערט צום פריִערדיקן שמועס, — וווּהין טויג עס, סעמיאָן גריגאָריעוויטש, אז בישכיינעס מיט אזא פאָרגעשריטענעם קאָלווירט, ווי איַיערער, ווי „דער וועג צום קאָמוניזם״, זאָל זיַין א שוואכער, אָן אָפּגעשטאנענער? מיר זיַינען דאָך ניט קיין פערמערס, וווּ יעדער איינער טראכט נאָר וועגן זיך. פארוואָס זאָלט איר ניט העלפן די שכיינים? איר זיַיט מאסקים? נו, גוט. זייער גוט. אויב אזוי, איז רעדט זיך צונויף. איך וועל אויך קומען...

אין ביידע קאָלווירטן האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער באגעגע־ניש. פון קאיאָר ביז אָוונט האָט לידע מיט איר רינג ארומגעפּאדעט אף דער לאנקע, דערזייט די שיטערע רייען מיט אָנגעווייקטע קוקורוזע־קערנער. פון ציַיט צו ציַיט האָבן פון יענער זיַיט וואלד־זאָנע זיך דערקיַיקלט אהער אימפּעטדיקע מיידלשע שטימען, קוויטשעריַיען און פריילעכע אויסרופן. דאָרט, אפן ווייץ־פעלד פונעם שכיינעסדיקן קאָנטעקוזאָווער קאָלווירט, האָט מען געסאמט די נאָרקעס, פארניכטעט די סוסליקעס, געיעט דאָס ווילדגראָז.

אין עטלעכע טעג ארום, ווען לידע מיט איר רינג האָבן פארענדיקט דערזייען די לאנקע, זיַינען זיי ארויס א קוק טאָן, וואָס טוט זיך אף יענער זיַיט וואלד־זאָנע. דאָס שכיינעסדיקע פעלד איז איצט געווען ניט צו דער־קענען. דורכויס אָפּגערייניקט פונעם הלושענדיקן בודזיאק, האָט דער ווינ־טער־ווייץ אופגעלעבט, זיך ראשיק צעוואָקסן, געדיכט געכוואליעט זיך און זיך איבערגעגאָסן מיט פרישער זאפטיקער גרינקיַיט.

...די באַגעגעניש פון די שכײנעסדיקע קאָלווירטן איז באַשטימט געווען אױף זונטיק פיר אַזײגער באַטאָג אינעם קלוב פונעם קאָנטעקוואָווער קאָל־ווירט.

ניַין אַזייגער אינדערפרי, בעשאַס סעמיאָן גריגאָריעוויטש האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן די פּראָדוציר־באַראַטונג, האָט אין קאָנטאָר אָנ־געקלונגען דער סעקרעטאַר פונעם ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט און געבעטן איבערוקן די באַגעגעניש אױף איין שאָ שפּעטער און באַצײַטנס צו וויסן געבן וועגן דעם די קאָנטעקוואָווער.

אוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, האָט דער קאָלווירט־פּאַרזיצער אױף א בלאַנקאָט־בלעטל אָנגעשריבן עטלעכע שורעס, ארײַנגעלייגט דאָס פּאַפּירל אין א קאָנווערט און זיך געווענדט צו לידען:

— דו ביסט, דאַכט זיך, דאָ צווישן אונדז די סאַמע יינגסטע. זײַ אַזוי גוט, כאַפּ זיך צו צו פּימקען, זאָל ער זיך זעצן אױפן גניאַדן און הײַדא גלײַך קיין קאָנטעקוואָווע. דעם קאָנווערט, זאָג אים, זאָל ער אָפּגעבן דעם פּאַרזיצער זײַערן אין האַנט ארײַן.

לידע איז פלינק ארויסגעשפּרונגען פון קאָנטאָר, און ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי זי האָט, א לײַכט פאַרפּלאָמטע, זיך אומגעקערט און געמאָלדן דעם פּאַרזיצער, אַז זײַן ביטע האָט זי אויסגעפּילט.

— נו, גוט, — האָט א זאָג געטאָן סעמיאָן גריגאָריעוויטש, פאַרענדיקנ־דיק די באַראַטונג, — הייסט עס, האַלב פינף קלײַבן מיר זיך צונויף לעבן פּאַרק. פון דאָרט פאָרן מיר.

ער האָט זיך אופגעהויבן, א קוק געטאָן אין פענצטער און דערזען פּימ־קען רײַטנדיק אױפן גניאַדן.

— אָט א ניט־דאָ־געדאַכט! — איז אופגעבראַכט געוואָרן דער קאָלווירט־פּאַרזיצער, — אַנו, גיט אים נאָר א רוף, קערט אים אום אהער!

א יונגער קאָלווירטניק, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דער טיר, איז ארויסגעשפּרונגען אין דרויסן, א פײַף געטאָן מיט אַלע קויכעס און זיך געלאָזט נאָך פּימקען מיט א געשריי.

— ע־הע־היי!.. קער זיך אום! סעמיאָן גריגאָריעוויטש רופט.

אונטערהוידענדיק מיט די אראָפּהענגענדיקע באָרוועסע פיס, איז דער זעכצניאָריקער קלײַנעדיקער פּימקע ווילליונגעריש צוגעריטן צו דער קאָנ־טאָר.

דער פּאַרזיצער, די בריגאַדירן און רינגלערנס זײַנען שוין געשטאַנען אױפן גאַנעק.

— איר האָט מיך גערופן? — האָט פּימקע זאָרגלאָז א פרעג געטאָן דעם פּאַרזיצער, א שמאָרכע געבנדיק מיטן פאַריסענעם קורנאָסן נעזל.

— וויאַזוי רײַטסטו עס? — האָט סעמיאָן גריגאָריעוויטש מיט אן אומ־צופרידענעם בליק אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

פּימקע האָט א פינטל געטאָן מיט די פריילעכע אויגן, ניט פאַרשטייענ־דיק, פאַרוואָס בייזערט זיך דער פּאַרזיצער.

— איר האָט דאָך געהייסן... דעם קאָנווערט האָט איר דאָך געהייסן אָפּפירן, — האָט ער זייער רויִק געזאָגט.

— ריכטיק, דעם קאָנווערט, און ניט קיין זעקל דערט, — האָט דער פאָרזיצער אײַנגעהאַלטן א שמייכל געטאָן, — איך פרעג דאָך דיך ניט, צוליב וואָס דו פאָרסט, איך פרעג — וו:אזוי פאָרסטו?

— וואָס הייסט וו:אזוי? — האָט פימקע זיך א שאר געטאָן הין און צוריק, פאריכטנדיק אפן גניאדנס רוקן דעם אונטערגעבעטן זאק, — איר זעט דאָך, רײַטנדיק פאָר איך.

— זאָג מיר נאָר, סאָקאָליק, — האָט סעמיאָן גריגאָריעוויטש זייער געמיטלעך א פרעג געטאָן, — שטיוול האָסטו כאָטש א פאָר?

— איך האָב, ווי זשע?

— און שיך?

— שיך האָב איך אויך, — האָט פימקע געענטפערט, און מיטאמאָל, ווי ער וואָלט זיך עפּעס אָנגעשטויסן, שטײַפער צוגעדריקט זײַנע באָרוועסע פיס צו דעם גניאדנס פעל, סטארענדיק זיך זיי דאָרט ערגעץ אויסבאהאלטן.

— איז פארוואָס זשע פאָרסטו א באָרוועסער? הא? פארוואָס פארשעמסטו אונדז? די קאָנטעקוזאָוועט וועלן דיך דערזען אין אזא הוילעך, איז וואָס וועלן זיי זאָגן? באָרוועסע שפאצירן מיר ארום, מיר האָבן ניט, הייסט עס, וואָס אף די פיס אָנצוטאָן, מע לעבט אָרעם, ניט קולטורעל... אזוי, הא? און בא אונדז, דאכט זיך, פעלט בא קיינעם קיין שוכווארג ניט אויס. און ניט נאָר שוכווארג, דו ביסט דאָך א מיטגליד פון אונדזער קאָלווירט. אויב אזוי, הייסט עס, דארפסטו זײַן א קולטורעלער מענטש. פארשטאנען?

א פארשעמטער, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט פימקע שטיל א ריר געטאָן דעם גניאדן און פארקערעוועט מיט דער ברייטער, פוןביידע זײַטן געדיכט באגרינטער, גאס צוריק.

סעמיאָן גריגאָריעוויטש מיטן אגראָנאָם האָבן זיך אומגעקערט אין קאָנטאָר. די בריגאדירן זײַנען זיך צעגאנגען אהיים, און לידע מיט די רינגלערנס האָבן דערווײַל ביז וואָס ווען מיט א פריילעכן געפילדער זיך געלאָזט אינעם יונגן דופטיקן פארק, אפן וואָלייבאָל־פעלד.

ס'איז אדורך עפּשער א קנאפּע האלבע שאָ, ווי פימקע האָט זיך ווידער באוויזן אנטקעגן דער קאָנטאָר אפן גניאדן.

— גיט נאָר א קוק, זעט, — האָט דער אגראָנאָם א זאָג געטאָן צום פאָרזיצער, ווײַזנדיק מיט די שמייכלענדיקע אויגן אפן רײַטער.

איבערגעטאָן אין א גוט־אויסגעפרעסטן בלאָוון קאָסטיום, איז פימקע מיט ניט באהאלטענער ווירדע וואזשנע געזעסן אינעם זאָטל, אָנשפארנדיק זיך מיט די גלאנציק־אויסגעפוצטע שאווראָווע שיך אין די אָנגעצויגענע סטרעמענעס. פארבײַ דער קאָנטאָר איז ער דורכגעריטן ניט געײַלט, טראָט בא טראָט. באלד נאָכדעם, א לײַכטן צי געטאָן דאָס צײַמל און, געשיקט אונטערהוידענדיק זיך אינעם זאָטל, האָסטיק אוועקגעטראָגן זיך מיט דער באזוניקטער אליי.

סעמיאָן גריגאָריעוויטש איז נאָך א ווײַלע געשטאנען לעבן דעם אָפּענעם פענצטער, באגלייטנדיק דעם רײַטער מיטן בליק, און אף זײַן פארברוינט פון דער זון און סטעפּ־ווינטן שוין היפּש צעקארבט פּאָנעם האָט זיך באוויזן א שטיל־צופרידענער שמייכל. מיט אימפעט האָט ער זיך צוריק געזעצט צום טיש און צוזאמען מיטן אגראָנאָם זיך ווידער פארטיפט אין

די פּלענער וועגן דער ווײַטערדיקער פולער מעכאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטן אין קאָלווירט.

האַלב פינף נאָך מיטיק, פּינקטלעך אין דער באַשטימטער צײַט, איז דער פּאַרזיצער אַפּן „מאָסקוויטש" צוגעפאָרן צום פּאַרק.

די בריגאַדירן און רינגלערנס, די מעכאַניזאַטאָרן, טראַקטאָריסטן און קאָמבײַנערן זײַנען שוין געווען דאָ. אַלע איבערגעטאָן, יאָמטעוודיק פּאַר־פּוצט. איבער דער טאָפּאָל־אַליי האָט זיך אויסגעצויגן איינס נאָכן אַנדערן אַ לאַנגע ריי פון קאָלערליי מאָטאָציקלען.

— צײַט פאָרן, — האָט זיך אָנגערופן סעמיאָן גריגאָריעוויטש צום אויפ־געלעבטן עולם, — אַ קנאַפּע האַלבע שאָ פאַרבליבן.

ער האָט פאַרבעטן צו זיך אין „מאָסקוויטש" די יינגסטע און די זשוואוו־סטע צווישן די רינגלערנס — לידען און דעם, ווי ער האָט באַוויזן שוין צו באַמערקן, גאָר ניט דרייסטן, אַפילו עטוואָס שעמעוודיקן נײַעם אַגראָ־נאָם — לעאָנידן.

לײַכט אַ פיר געטאָן די מאַשין, איז דער קאָלווירט־פּאַרזיצער אַרויסגע־פאָרן אַ ביסל פאָרויס איבער דער אַליי. אין דער זעלבער רעגע האָבן זיך צעברומט און צעררוישט די מאָטאָציקלען און צו צוויי אין דער ריי זיך אוועקגעיאָגט נאָכן בליאַסקעדיק־בלויילעכן „מאָסקוויטש".

די היפּשע קאָלאָנע האָט מיט ראַש זיך פאַרנומען פאַרבײַ דעם קינאָ־טעאַטער, איבערגעלאָזט הינטער זיך די מוזיק־שול, דעם ליכטיק־באַגלאָזטן אוניווערמאַג, זיך דורכגעטראָגן לענגויס דער נײַער ברייטער גאַס מיט די שיינע געמויערטע שטיבער, און, פאַנאַנדערוויקלענדיק אַלץ אַ גרעסערע שנעלקײַט, אוועקגעיאָגט שוין אויסערן דאָרף פאַרבײַ דעם ווײַנגאָרטן מיטן וועג, וואָס האָט געפירט קיין קאָנטעקוזאָווע.

האַלטנדיק מיט איין האַנט דעם רול, האָט דער קאָלווירט־פּאַרזיצער פון דער זײַט געכאַפּט אַ קוק אויף הינטן, אויף לידען און דעם אַגראָנאָם, וועלכע זײַנען געזעסן איינס לעבן אַנדערן און געשמייכלט, ווי צו דער גאַנצער וועלט.

„באַ זיי אָט הייבט זיך אָן דאָס לעבן גאָר אויף אַנדער אופן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — איך אין זייער עלטער בין געווען סאַכאַקל אַ באַטראַק..."

לידע איז אין דער זעלבער צײַט פאַרטראָגן געווען גאָר מיט אַנדערע געדאַנקען. איר איז פאָרגעשטאַנען אַרויסטרעטן אויף דער באַגעגעניש, ווו עס וועט זײַן אַ גרויסער עולם, און דאָס האָט זי אי געפרייט, אי באַאומ־רויִקט. און דער אַגראָנאָם האָט, ניט אָפּפירנדיק די אויגן פון איר, געטראַכט, אַז ס'האָט אים זייער אָפּגעגליקט, וואָס מע האָט אים נאָכן פאַרענדיקן ניט איבערגעלאָזט באַם אינסטיטוט, נאָר געשיקט אויף אַרבעט אַהער.

— נו, אָט איז שוין קאָנטעקוזאָווע, — האָט געזאָגט סעמיאָן גריגאָריע־וויטש, באַמערקנדיק פון הינטערן אַרוף־בערגל די גרינע ביימער־שפּיצן פונעם קאָלווירטישן עפּל־סאָד.

אין אַ ווײַלע אַרום איז די קאָלאָנע אַרײַנגעפאָרן אין דאָרף און זיך אָפּגעשטעלט לעבן קלוב. באַלד האָט פון דער אַנטקעגנדיקער גאַס זיך באַוויזן די באַקאַנטע מאַשין פון ראַיפּאַרטקאָם.

פאַריכטנדיק אַף זיך די וועלוועטעווע קורטקע, איז דער סעקרעטאַר פֿו־נעם ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט אַרויס פֿון דער „וואָלגע״, זיך באַגריסט מיטן אוילעם.

— מיר זײַנען, דאַכט זיך, געקומען פּינקטלעך צו דער צײַט, — האָט ער אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער, — און זיי, די היגע, די קאָנטעקוואָווער, האָבן זיך שוין צונויפֿגעזאַמלט?

— מיסטאָמע, מאַקסים פּלאַטאָנאָוויטש, זיי זײַנען דאָך דאָ אויפֿן אָרט. זיי מוזן שוין מיסטאָמע זײַן אין קלוב.

— אויב אַזוי, איז קומט. שוין צײַט אָנהייבן.

זײַענדיק שוין לעבן סאַמע קלוב, האָט מאַקסים פּלאַטאָנאָוויטשן און אויך די איבעריקע פֿאַרוווּנדערט די טויטע שטילקייט, וועלכע האָט געהערשט דאָרט אינווייניק, און ווען סעמיאָן גריגאָריעוויטש האָט געעפֿנט די קאָנ־טיק, ניט לאַנג אָפּגעפֿאַרבטע טיר, איז מען געבליבן פֿאַרוווּנדערט שטיין בײַ דער שוועל. אינעם ניט הויכן לענגלעכן פֿריש־אויסגעקאַלכטן און ריין־צוגעקליבענעם זאַל זײַנען געווען זייער אַקוראַט צעשטעלט די בענק, נאָר קיין איין לעבעדיקער מענטש איז דאָרט ניט געווען.

— נאָט אײַך גאָר אַזאַ סורפּריז! — האָט מיט ניט פֿאַרבאָרגענער אומצו־פֿרידנקייט אַ זאָג געטאָן דער פֿאָרזיצער פֿון „דער וועג צום קאָמוניזם״.

— וואָס זאָל עס באַטײַטן? איר האָט זיי עפּשער ניט איבערגעגעבן מײַן ביטע? — האָט דער סעקרעטאַר אַ פֿרעג געטאָן.

— וואָס הייסט ניט איבערגעגעבן? אינדערפֿרי נאָך האָב איך ספּעציעל אַ מענטשן געשיקט.

— פֿאַרוואָס זשע איז קיינער ניטאָ?

זיי האָבן שוין געוואָלט זיך לאָזן צוריק, נאָר מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעט־ראָגן אַ פֿאַרשמײַעטער דער קאָנטעקוואָווער פֿאָרזיצער מיט אַ צונויפֿגע־וויקלטן רויטן לײַוונט אונטערן אָרעם — אַ לאָזונג, קאָנטיק.

— אָ, איר זײַט שוין דאָ, — האָט ער צעשטרייט זיך באַגריסט מיטן סע־קרעטאַר פֿונעם ראַיפּאַרטקאָם, מיטן פֿאָרזיצער פֿון „דער וועג צום קאָ־מוניזם״ און מיט אַלע איבעריקע, — איך בעט זייער פֿאַרצײַען. ס'האָט זיך בײַ אונדז, זײַט מוחל, באַקומען, ווי איר זעט, אַ ביסל, ווי זאָל איך אײַך זאָגן, נו, ניט אַזוי, ניט גאָר אינגאַנצן אַזוי, ווי מיר האָבן געמיינט, ווי מיר האָבן זיך צונויפֿגערעדט. איך בעט אײַך, קומט אַרײַן, ביטע, — האָט ער אײַנגעלאַדן אַלעמען אין קלוב, — דער אוילעם אונדזערער וועט אָט־אָט באַלד זײַן דאָ. אָט באַלד וועט דער אוילעם אונטערקומען.

— וואָס הייסט אינגיכן? — האָט אים אָנגעקוקט דער סעקרעטאַר פֿון ראַיפּאַרטקאָם. — די פֿאַרשטייער פֿון „דער וועג צום קאָמוניזם״ זײַנען געקומען צו פֿאָרן, ווי איר זעט, פּינקטלעך צו דער צײַט, און איר, דאָ אויפֿן אָרט, קענט זיך גאָר ניט צונויפֿקלײַבן?

— איר זײַט גערעכט, אַוודאי זײַט איר גערעכט. ניט אַזוי, ווי מיר האָבן לעכאַטכילע פּלאַנירט, האָט זיך באַקומען בײַ אונדז, — האָט אופֿריכטיק באַ־דויערט דער צעטומלטער פֿאָרזיצער, — איך בעט נאָכאַמאָל אַנטשולדיקן. איך האָב שוין אָוועקגעשיקט אַ רײַטער אין פֿעלד דעם אוילעם צונויפֿרופֿן.

— אין פֿעלד? בײַ אײַך איז סײַדן הײַנט ניט קיין אָפּרו־טאָג?

— ביכלאל גערעדט, רעכנט זיך, פארשטייט זיך, אַן אַפּרו־טאָג. נאָר איר פארשטייט, וואָס עס האָט זיך באקומען... דער אוילעם אונדזערער האָט באַשטימט אויך היינט ארויס אין פעלד אף דער ארבעט, אָט די שכיינים אונדזערע דעריאַגן, — האָט ער א וויי געטאָן מיטן צונויפגעוויקלטן רויטן לייוונט אפן פּאַרזיצער פון „דער וועג צום קאָמוניזם״.

— אָט ווי! — האָט פילדייטיק א זאָג געטאָן דער סעקרעטאר פון ראיי־פארטקאָם.

— באקומען האָט זיך א ביסל ניט אזוי, ווי מיר האָבן פלאנירט, — האָט ניט אופגעהערט זיך צו ערגערן דער פּאַרזיצער, — אזעלכע געסט, און ס׳איז ניטאָ אפילע ווער ס׳זאָל באגעגענען. דערפאר אָבער, דארף איך איַיך זאָגן, איז נאָך יענער באגעגעניש בא אונדז גאָר אף אן אנדער אויפן אוועק די ארבעט. דער אוילעם האָט זיך גענומען מיט ברען דעריאַגן אונדזערע שכייניט, קיין איין ווילדגראָז וועט איר שוין איצט אף אונדזערע פעלדער ניט געפינען, קיין איין סוסליק. אלע אָפּגעסאמט, פארניכטעט, ריין געמאכט די פעלדער. נאָר איינס האָט זיך באקומען ניט גוט, אָט דאָס, וואָס זיי פארהאלטן זיך, וואָס זיי פארשפעטיקן אף דער באגעגעניש.

— צוליב אזא סיבע, זעט איר, קאָן מען זיי עס, מיין איך, מויכל זיין, — האָט דער סעקרעטאר, א צופרידענער פונעם אומגעריכטן קער אינעם לעבן פונעם היגן קאָלווירט, זיך אָנגערופן צו די געסט פון „דער וועג צום קאָמוניזם״.

זיי האָבן גערן מיט אים מאסקים געווען.

דער בלויער הימל איז שוין געדיכט פארזייט געווען מיט דין ארומגעשליפענע העלפינקלענדיקע שטערן, ווען ס׳האָט זיך פארענדיקט די פריינטלעכע באגעגעניש, אף וועלכער ס׳איז פארלייגט געוואָרן דער אָנהייב פאר א פארמעסטונג און קעגנזייטיקער הילף צווישן ביידע שכיינעסדיקע קאָלווירטן. דער אוילעם — אַן אופגעלעבטער, א פריילעך־טומלדיקער, האָט זיך ארויסגעשאָטן פונעם קלוב אפן פרישן אָוונטיקן דרויסן און מע איז אלע צוזאמען אוועק באגלייטן די געסט.

— לעמיי זאָל איך זאָגן, טאקע זייער גוט, וואָס איר זייט געקומען צו אונדז, — האָט געדאנקט דעם פּאַרזיצער פון „דער וועג צום קאָמוניזם״ אַן אלטיטשקער קאָלווירטניק, וועלכער האָט געשפּאנט באנאנד מיט אים, — איצט וועלן מיר איבערבויען די ארבעט אף אן אנדער אויפן, אָט ווי בא איַיך...

אף דער מיט פון דער ברייטער גאס לעבן די מאשינעס און מאָטאָציקלען איז דער אוילעם געבליבן שטיין.

— איך האָף, — האָט זיך אָנגערופן דער סעקרעטאר פון ראיפארטקאָם, געזעגענענדיק זיך מיט די קאָלווירטניקעס, — אז פון היינט אָן וועט די מעזשע מער ניט אָפּטיילן איַיך איינס פונעם אנדערן, אז אף וויַיטער וועט ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן איַיערע פעלדער. — ער האָט זיך געזעצט אין מאשין לעבן שאָפער, און די „וואָלגע״ האָט שטיל זיך גערירט פון אָרט.

די געסט פון „דער וועג צום קאָמוניזם" האָבן זיך געזעצט אויף די מאָטאָ־ציקלען און זיך אוועקגעיאָגט נאָך דער „וואָלגע" און דעם „מאָסקוויטש".

— נו, ווער פון אײַך וועט פאַרצײַען א ליד? — האָט סעמיאָן גריגאָריעוויטש זיך אָנגערופן צו לידען און צום אגראָנאָם. — לידע, אנו דערלאַנג!

— וועלכע ליד? — האָט לידע שטיפעריש א פרעג געטאָן.

— וועלכע דו ווילסט.

טיף אײַנעטעמענדיק די פרישע סטעפּ־לופט, האָט לידע ווארעם א שמייכל געטאָן צום אגראָנאָם, לײַכט פארהויבן דעם קאָפּ און מיט א הויכער אָנגענעמער שטים פארזונגען:

Дети разных народов...[1]

דער אגראָנאָם, סעמיאָן גריגאָריעוויטש און דער אוילעם אויף די מאָטאָ־ציקלען האָבן אונטערגעכאפּט:

Мы мечтою о мире живем[2].

העל באלויכטנדיק דעם וועג מיט די פינקלענדיקע פארעס, האָט די קאָ־לאָנע זיך געטראָגן צווישן די געראָטענע פעלדער, און די ליד וועגן פרײַנט־שאפט און גליק פון די פעלקער האָט ווי א פויגל געשוועבט איבער זיי...

---

[1] קינדער פון פארשיידענע פעלקער.

[2] וועגן שאָלעם מיר טרוימען.

אָט וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן פונעם אַמאָל...

ארקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט געלעבט איינער אַליין אין זײַן אַלט־באָכערישער וווינונג. ער איז געווען אַ פרײַער קינסטלער. די ווענט פונעם גערױמען צימער זײַנען באַהאנגען געווען און אַרומגעשטעלט מיט ניט קיין פאַרענדיקטע עסקיזן און עטיודן. אויפן גרויסן האַמעטענעם טיש, אָדער, ווי אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט ליב געהאַט זיך אויסדריקן, אויף זײַן ווערקשטאַט, זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן טיוביקעס מיט פאַרב, פּענדזלען, בלײַערס...

שוין אַ היפּשע צײַט האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש ניט געאַרבעט. געשטערט האָט אים די באַליידיקונג. טיף אין האַרצן איז ער זיכער געווען, אַז וועגן זײַן בילד וועט מען ריידן, דיסקוטירן, מעגלעך אַפילו שרײַבן: „אין זוכעניש פון נײַע פאָרמען...“ און מיטאַמאָל אַ באַליידיקונגס־אַרטיקל. „עלעמענטן פון אַבסטראַקציאָניזם“, „נאָכמאַכערײַ...“. איז מעגלעך דען נאָך אַזאַ אַרטיקל זיך נעמען פאַרן פּענדזל?!

ס׳איז אַדורך דער ווינטער, דער פאַרדראָס איז צוביסלעך אײַנגעשטילט געוואָרן, און אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט גענומען זוכן אַ ווירדיקע טעמע פאַר זײַן נײַעם קומענדיקן בילד. מער האָט ער זיך ניט געקליבן ווערן אַן אָביעקט פאַר קריטישע אָנפאַלן. דאָס מאָל וועט ער אויף אַ גרויסן לײַוונט אָפּשפּיגלען אונדזער הײַנטצײַטיקייט.

— דער עיקר איז די טעמע, — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר די פּענדזלען, וואָס זײַנען געלעגן פאַרטריקנטע, אָן אַרבעט, — מע דאַרף נאָר פאַקן אַ הײַנטצײַטיקע, לעבנסצאַפּלדיקע טעמע!.. — און ער האָט מיט אומרו געוואַרט אויף אָט דער גליקלעכער מינוט, ווען די געגאַרטע טעמע וועט אים אַנטקעגן קומען.

און אָט איינמאָל, אָנהייב פרילינג, ווען ס׳האָבן אונטער די וואַרעמע זונען־שטראַלן אָנגעהויבן אָנקוועלן די קנאָספּן אויף די ביימער, האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש, שפּאַצירנדיק פאַרקלערט איינער אַליין אויף אַ שטיל געסל אין עק שטאָט, אומגעריכט זיך צונויפגעשטויסן פּאָנעם־לעפּאָנעם מיט דעם, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט.

לאַכלוטן אומגעריכט האָט ער דאָ געפּאַקט די טעמע. ס׳האָט אים אָפּגעגליקט! איצט וועט ער שאַפן אַ בילד, וואָס וועט מאַמעש איבעראַשן און

ארויסרופן אנציקונג בא דער קריטיק. דאָס בילד וועט הייסן: „אָט וואָס ס'איז נאָך פארבליבן פונעם אמאָל". נאָר אזוי!

ווארפנדיק א דורכדרינגענדיקן בליק אף דעם ארום, האָט ארקאדי לעאָ־נאָפּאָלדאָוויטש זיך א הייב אוף געטאָן אף די קישעף־פליגל פון זײַן פלוצלינג אופגעברויזטער מוזע.

— אויסגעצייכנט! — האָט ער מיט באַגײַסטערונג אויסגערופן, — אײַנעם בילד וועט אָפּגעשפּיגלט ווערן אָט דער פארוואָרפענער ווינקל פון דער פּאַרשטאָט: די שמאָלע בלאָטיקע געסלעך, די אויסגעקרימטע נידעריקע שטיבלעך, דער אלטער, האלב־אײַנגעפאלענער קאָסטיאָל, די פּאַרקנס, וואָס צאמען אָפּ איין הייפל פונעם אנדערן מיט שטעכיקן דראָט, אָט דאָס אלטע, אָפּגעלעבטע, וואָס מע קאָן זעלטן ווו ערגעץ טרעפן איצט. אָט דאָס, וואָס ס'איז נאָך פארבליבן פונעם אמאָל. גלענצנד! קיין בעסערע טעמע איז אפילע ניט שײַעך צוטראכטן.

נאָר גלײַך זיך נעמען פאר דער ארבעט האָט ארקאדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש ניט געאײַלט. אים האָט זיך געוואָלט עטוואָס אָפּגיין פון אָט דער ווירקלעכ־קײַט, וועלכע ער האָט אָקאָרשט געזען, קעדיי טיפער און פולער עס בא־נעמען.

דאָס בילד האָט ער באשטימט אָנשרײַבן צום פרילינג־יאָמטעוו, צום ערשטן מײַ.

נאָר דער בלײַענדיקער כוידעש מײַ איז אדורך, און דאָס בילד איז נאָך ניט געוואָרן פארטיק. אייגנטלעך האָט ארקאדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש נאָך אפילע ניט געהאט עס אָנגעהויבן. ער האָט דערווײַל נאָך אויסגעטראָגן די טעמע. ס'האָט אים נאָך אויסגעפעלט שעפערישע שטימונג. ארקאדי לעאָנאָ־פּאָלדאָוויטש האָט געדולדיק געוואַרט אף יענער גליקלעכער מינוט, ווען די מוזע וועט א ברויז טאָן אין אים, ווען ער וועט באהויכט ווערן מיט דער געבענטשטער שעפערישער קראפט. אָט דעמלט וועט ער זיך נעמען פארן פּענדזל.

און ענדלעך איז אויך אָט די גליקלעכע מינוט געקומען.

— גענוג! גענוג געוואַרט!.. — האָט ארקאדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש אויס־גערופן. און אופגעלעבטער האָט ער זיך אופגעהויבן פונעם דיוואַן, אָפּגעזוכט א גרויסע ראַם, זאָרגזאם אָנגעצויגן אָף איר א פּארוסינעווען לײַוונט, לאנג זיך געייסעקט, ביז ער האָט עס פארגרונטעוועט, נאָכדעם באטראכט עס און געבליבן צופרידן. אָפּגעטאָן א היפּש שטיקל ארבעט. אף הײַנט וועט, דאכט זיך, קלעקן. איצט וואָלט ניט געשאדט זיך דורכשפּאצירן א ביסל, און אָטעם טאָן מיט פרישער לופט, און מאָרגן, מאָרגן וועט ער זיך שוין נעמען פאר דער ארבעט אף א רעכטן אויפן...

אף מאָרגן האָט ארקאדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש זיך געפעדערט פרײַער, ווי שטענדיק. עס האָט אים צוביסלעך אָנגעהויבן עגבערן א געדאנק, אז די קאָלעגן זײַנע, וועלכע גרייטן זיך צו דער אויסשטעלונג, האָבן שוין גע־קענט עפּעס שאפן. און ער? ער האָט דערווײַל נאָר אויסגעוואָרעמט די טע־מע. און עקי! גענוג! מער וועט ער ניט ציִען. ער וועט זיך איצט א נעם טאָן פאר דער ארבעט מיט פארקאשערטע ארבל!

ארקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט אויסגערייניקט די פּאַליטרע, צוגע־גרייט פאַרב, אויסגעוואַשן די פּענדזלעך און זיך שוין געקליבן אָנוואַרפן אויפן לײַוונט די קאָנטורן פונעם קומענדיקן בילד, נאָר מיטאַמאָל באַמערקט, אַז עס פעלט אים אויס בוימל צו דער פאַרב. האָט ער מיט פאַרדראָס אַ שלײַדער געטאָן דאָס פּענדזל, זיך גיך אָנגעטאָן און אַוועקגעאײַלט אין מאַ־גאַזין, וואָס האָט זיך געפונען דרײַ קוואַרטאַלן פון זײַן הויז. אין מאַגאַזין האָט ער געטראָפן דעם באַוווּסטן קינסטלער אַלעקסאַנדער זלאַטאָ־פּאָלן.

— ווי אַרבעט זיך אײַך? — האָט זיך פאַראינטערעסירט דער אַלטיטשקער קינסטלער.

— גלענצנד! אויסגעצייכנט! — האָט אופגעלעבט געענטפערט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש.

— איר גרייט עפּעס צו דער אויסשטעלונג?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?! איך אַרבעט איצט איבער אַ גרויס בילד... אַן אינטערעסאַנטע, אַן אַקטועלע טעמע!..

— אָ, דאָס איז גוט. אָט דאָס דאַרפן מיר, — האָט אים צוגעגעבן מוט דער אָנגעזעענער קינסטלער.

— און בײַ אײַך? — האָט אַ פרעג געגעבן אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש.

— דערווײַל ניטאָ מיט וואָס זיך צו באַרימען.

— וואָסי דען? — האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש זיך פאַראינטערעסירט.

— ס׳באַקומט זיך עפּעס ניט אַזוי, ווי עס ווילט זיך. איך האָרעווע אַ סאַך. פיל כאַדאָשים. און ס׳איז ניט אַזוי, ניט אַזוי, ווי מיר ווילט זיך...

— ווען רעכנט איר פונדעסטוועגן פאַרענדיקן אײַער בילד? — האָט אופ־געלעבט אַ פרעג געטאָן אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש. — די צײַט שטייט דאָך ניט...

— ווער ווייסט... — האָט אַ פאַרזאָרגטער געענטפערט אַלעקסאַנדער זלאַטאָפּאָל, — אויב אַף ווײַטער וועט בײַ מיר גיין אַזוי, ווי איצט, הייב איך אפילו ניט אָן צו וויסן, ווען איך וועל אַרויסקריכן...

ארקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אַוועקגע־שטעלט דעם פלאַקאָן מיט בוימל אויפן טיש און אַליין, אַ באַרויִקטער פון דעם געשפּרעך מיטן אַלטיטשקן קינסטלער, זיך צוגעלייגט אויפן דיוואַן אַ ביסל אָפּרוען.

גיי ריכט זיך! ער האָט געמיינט, אַז בײַ אַלעקסאַנדער זלאַטאָפּאָלן, בײַ אַזאַ אַנערקענטן קינסטלער, גייט די אַרבעט גרינג. לאָזט זיך אויס, אַז ער האָרעוועט שוין עטלעכע כאַדאָשים איבער אַ נײַ בילד און עס באַקומט זיך בײַ אים דערווײַל גאָרנישט ניט. אומזיסט האָט ער, אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָ־וויטש, זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ, וואָס בײַ אים האָט זיך פאַרצויגן די אַרבעט. ניטאָ וואָס צו אײַלן זיך. יענער האָט, זעט אויס, זיך צוגעאײַלט, און וואָס האָט זיך באַקומען? גאָרנישט. בלויז אַגמעסנפּעס. בלויז האָרצוויי־טעק... ניטאָ וואָס צו אײַלן זיך. גלײַכער פּרוּוער גרינטלעך, גוט דורכ־טראַכטן יעדע דעטאַל, יעדן שטריך. אַזוי. נאָר אַזוי...

ער איז געלעגן אויפן דיוואַן און מיט פאַרבאָרגענעם פאַרגעניגן געטראַכט וועגן דעם ניט געלונגענעם בילד פונעם באַרימטן קינסטלער.

15—1943

אזוי זײַנען אדורך עטלעכע טעג, ביז עס האָט זיך אין אים דערוועקט א ווילן זיך ווידער נעמען פאר דער ארבעט. ער האָט פונדאָסנײַ פּאנאנ־דערגעפירט די פּארטריקנטע פארב, א פיר געטאָן מיטן פּענדזל עטלעכע מאָל איבערן לײַוונט. אָפּגעגאנגען אָן א זײַט און געבליבן שטיין מיט א צוגעזשמורעט אויג.

אָט דאָ, אין צענטער פונעם בילד, וועט ער אָנמאָלן א כורווע. רעכטס — נידעריקע הויקערדיקע כיבארקעס. ארום יעדער כיבארקע, ארום יעדעס הייפל — א פּארקן, ארומגעפלאָכטן מיט שטעך־דראָט. אין הינטערגרונט וועט זיך זען דער אלטער, האלב־אײַנגעפאלענער קאָסטיאָל. פון לינקס — א קאליוזשע. און אונטערן בילד... ער האָט א נעם געטאָן אן אנדער פּענדזל און מיט שווארצער פארב אונטערגעשריבן בוילעט אפן לײַוונט: „אָט וואָס ס'איז נאָך פארבליבן פונעם אמאָל..."

— אויסגעצייכנט! — האָט ער אויסגערופן מיט באגײַסטערונג, — איצט דארף מען וואָס גיכער פארענדיקן דאָס בילד. ארבעטן! ארבעטן! ניט אָפּ־שטעלן זיך פאר קיינע שום שוועריקײַטן!

ארקאדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט נאָך א פּאָר מאָל א פיר געטאָן מיטן פּענדזל איבערן לײַוונט, אוועקגעלייגט דאָ און דאָרט עטלעכע זאפטיקע פלעקן, ווידער אָפּגעטראָטן אָן א זײַט, געקוקט, געקוקט און געבליבן ניט איבעריקס צופרידן. די טונקעלע באָרדאָ־פלעקן האָבן אים לאכלוטן ניט אנציקט.

אין טיר האָט אָנגעקלאפּט די שכיינע. זי האָט געבראכט א פרישע צײַ־טונג. ארקאדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש איז שוין צופרידן געווען, וואָס ער האָט באקומען א מעגלעכקײַט איבערײַסן אף א ווײַל די ארבעט. ער האָט מיט נײַגער א בלעטער געטאָן די צײַטונג און באמערקט אף דער דריטער זײַט א רעצענזיע אף א נײַעם פילם. דאָס האָט אים שטארק פארינטערעסירט. ער האָט זיך צוגעזעצט אפן דיוואן און פארכאפּט גענומען לייענען. אין דער רעצענזיע האָט מען קריטיקירט דעם אווטאָר פארן פילם, וועלכער איז, ווי דער רעצענזענט האָט אָנגעוויזן, געשאפן געוואָרן אײַלנדיק.

איבערלייענענדיק עס, האָט ארקאדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש דערפילט, אז ס'איז אים לײַכטער געוואָרן אפן הארצן.

„וואָס פאר א פּאָנעם וואָלט ער געהאט, ווען ער האָט שוין פארטיק דאָס בילד און אין צײַטונג באווײַזט זיך אזא רעצענזיע וועגן אים. ניין, גלײַכער, וואָס ער אײַלט זיך ניט. וואָס קומט ארויס דעם רעזשיסער, וואָס האָט געהאָרעוועט איבערן פילם, און סאָפּקאָלסאָף קריטיקירט מען אים... אים, ארקאדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטשן, איז שוין בעסער. דערווײַל זידלט מען כאָטש ניט. ניין, ניטאָ וואָס צו יאָגן...

דעם גאנצן טאָג האָט ער געהאלטן אין איין טראכטן וועגן דער רעצענ־זיע אפן ניט־געלונגענעם פילם, וועגן די ליידן פונעם רעזשיסער, — און ניט געארבעט.

אזוי זײַנען אדורך עטלעכע וואָכן, ביז ער האָט צופעליק באגעגנט אפן בולוואר דעם יונגן קינסטלער בעריאָזקין און זיך דערוווּסט, אז יענער האלט שוין באם פארענדיקן זײַן בילד צו דער אויסשטעלונג.

דאָס האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטשן אויפגערודערט. מיט אַן אומרויִק האַרץ האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים, קעדיי גלײַך זיך נעמען פאַרן פּענדזל. נאָר אַף וויפל עס האָט זיך שוין געהאַט אָנגערוקט דער אָוונט, האָט ער בא זיך געפּויעלט אָפּלייגן עס ביז אינדערפרי. אינדערפרי וועט ער שוין אומבאַדינגט מיט דער גאַנצער ענערגיע זיך נעמען פאַר דער אַרבעט.

אינדערפרי אָבער האָט ער זיך געפילט שלאַבעריק. ס׳האָט אים ווידער אויסגעפעלט שטימונג. ער האָט עטלעכע מאָל א פּיר געטאָן מיטן פּענדזל איבערן לײַוונט, היפּש געשטאַנען, געקוקט און נאָכדעם זיך צוגעלייגט אַפן דיוואַן. ער האָט באַשטימט צוּוואַרטן, ביז דער בריווטרעגער וועט ברענגען א פרישע צײַטונג. עפּשער איז דאָרט הײַנט אויך פאַראַן עפּעס אינטערע־סאַנטס. עפּשער קריטיקירט מען ווידער עמעצן. ער וועט נאָר דורכקוקן די צײַטונג און וועט זיך גלײַך נעמען פאַר דער אַרבעט. ס׳וועט זיך אים דעמלט גאָר אַרבעטן בעסער. אַנומלטן האָט אים איינער א ראָמאַניסט — אַן אָנפאַנגער דערציילט, אַז איידער ער זעצט זיך צום טיש שרײַבן, גיט ער ספּעציעל א לייען עמעצנס זייער א שוואַך אומבאַהאָלפן ווערק, דאָס גיט אים צו א זיכערקײַט אין זיך און ער נעמט זיך מיט א גרינג געמיט דעמלט שאַפן זײַן אייגן ווערק.

די צײַטונג האָט מען געבראַכט מיט א פאַרשפּעטיקונג, ערשט נאָך האַלבן טאָג. אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט מיט אומגעדולד א בלעטער געטאָן און באַלד באַמערקט אין ווינקל אַף דער פערטער זײַט א פּעט קעפּל פון א נאָטיץ: „צווישן אונדזערע קינסטלער". פאַראַן! ניט אומזיסט, הייסט עס, געוואַרט, — האָט ער צופרידן א טראַכט געטאָן, — עפּעס האָט שוין, קאָנ־טיק, געטראָפן. ער האָט אינדערגיך פאַרייכערט א פּאַפּיראָס, פאַרלייגט א פוס אַף א פוס און מיט נײַגער גענומען לייענען: „גרייטנדיק זיך צו דער אויסשטעלונג, האָבן א ריי קינסטלער פון אונדזער שטאָט געשאַפן נײַע אינטערעסאַנטע בילדער. באַזונדערס טיילן זיך אויס די בילדער פונעם אָנ־געזעענעם קינסטלער אַלעקסאַנדער זלאַטאָפּאָל און פונעם יונגן מײַסטער בעריאָזקין, וועלכע שפּיגלען גלענצנד אָפּ..."

בא אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטשן איז אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ. ער האָט זיך דערפילט אַזוי, ווי מע וואָלט אים מיט עפּעס אָקאָרשט שטאַרק דערנידעריקט. גיי ווייס! לאָזט זיך אויס, אַז זיי האָבן שוין פאַרענדיקט זייערע בילדער. און ער? גענוג! ער נעמט זיך גלײַך, טאַקע די מינוט פאַר דער אַרבעט. ער וועט ניט אַריבערטרעטן די שוועל, ביז ער וועט ניט פאַרענדיקן דאָס בילד, צום דיוואַן אַפילע נאָענט ניט צוגיין. ער וועט אים אַרויסשלײַ־דערן צו אַלדי רוכעס! ער וועט ניט שלאָפן, ניט רוען. ער וועט אַרבעטן טאָג און נאַכט. נישקאָשע, ער וועט אָניאָגן. ער וועט ניט בלײַבן הינטער־שטעליק...

אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש האָט א נעם געטאָן דאָס פּענדזל, א פּיר געטאָן עטלעכע ניט זיכערע בלייכע ליניעס און מיטאַמאָל דערפילט, אַז עפּעס־וואָס פעלט אים אויס. דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען פאַר זיך דעמלט אין עק שטאָט, האָט זיך ווי אויסגעוועבט אין זײַן זיקאָרן, אין זײַן פאָרשטע־לונג.

— מע דאַרף שוין, טאַקע באַלד, גלײַך צופֿאָרן אין פֿאַרשטאָט, כאַפּן כאָטש איין בליק אױף די בלאָטיקע געסלעך, אױף די קרומע שטיבלעך, אױפֿן קאָסטיאָל, אָפּפֿרישן דעם אײַנדרוק, און דעמלט...

ארופגעצויגן אױף זיך דעם מאַנטל, האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש אײַנדערגיך אַ כאַפּ געטאָן די שליאַפּע און אוועקגעאײַלט צו דער פֿאַרשטאָט.

ס'איז שוין געווען טיפֿער האַרבסט. מיט אַ שטילן שורשען זײַנען פֿון די ביימער געפֿאַלן אָפּגעוועלקטע בלעטער.

— אַדורך דער זומער, — האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש פֿאַרזאָרגט אַ טראַכט געטאָן, — אַוועק... נאָר נישקאָשע, — האָט ער זיך געטרייסט, — דערפֿאַר וועט אָבער זײַן בילד איבעראַשן מיט דער טעמע. די טעמע איז דער איקער!..

אַ פֿאַרטראָגענער מיט אָט די געדאַנקען, איז ער אָנגעקומען אין דער פֿאַרשטאָט און געבליבן שטיין, ווי געפּלעפֿט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער פֿאַרלוירן געשטאַמלט. — וווּהין זײַנען אַהינגעקומען די קרומע געסלעך, די פֿאַרקנס מיט שטעך־דראָט, דער האַלב־אײַנגעפֿאַלענער קאָסטיאָל?..

פֿון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט דעמלט דאָ געזען, איז איצט אַפֿילע קיין סימען ניט געבליבן. פֿאַר זײַנע אויגן האָט זיך געצויגן אַ ברייטע גאַס מיט הויכע שיינע מויערן.

אָן אויסגעשעפּטער האָט אַרקאַדי לעאָנאָפּאָלדאָוויטש זיך אומגעקערט אַהיים. אין דער מיט פֿונעם אַלט־באַכערישן צימער איז געשטאַנען די גרויסע ראַם מיט דעם פֿאַרגרונטעוועטן לײַוונט, אױפֿן לײַוונט — עטלעכע טונקעלע פֿלעקן, וועלכע האָבן אים איצט מיט עפּעס־וואָס דערמאָנט, — ער ווייסט אַליין ניט פֿאַרוואָס, — זײַן אייגענעם שאָטן. און אונטן, אױפֿן לײַוונט האָט מיט גרויסע אויסיעס זיך געשוואַרצט אַן אױפֿשריפֿט: „אָט וואָס ס'איז נאָך פֿאַרבליבן פֿונעם אַמאָל...״

יעפים ארנאָלדאָוויטש

יעפים ארנאָלדאָוויטש איז געווען שטארק דערשלאָגן. אין קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ, ווו ער האָט געארבעט, האָט ער פאר א גאנצן טאָג ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, קיין שמייכל ניט געטאָן, געווען פארומערט, ווי ס'וואָלט בא אים געטראָפן עפּעס אן אומגליק.

— יעפים ארנאָלדאָוויטש, וואָס איז מיט אײַך? וואָס איז געשען? — האָבן געפרעגט די מיטארבעטער.

יעפים ארנאָלדאָוויטש האָט געשוויגן. עס האָט אים געטאָטשעט אונטערן הארצן, ווי א וואָרעם וואָלט זיך פארקליבן אהין און דערגייט אים דאָס לעבן. און ערגער פאר אלץ — ער קאָן אפילע קיינעם ניט דערציילן, זיך אויסריידן דאָס הארץ. וואָס זאָל ער זיי דערציילן, אז זײַן נאָענטער כאווער, אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטש, מיט וועמען ער לעבט בישכיינעס אף איין גאס און ארבעט שוין אזויפיל יאָר צוזאמען מיט אים דאָ אין קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ, האָט קאָנסטרויִרט א נײַעם טאָקער־ווערקשטאַט? וואָסי, אליין ווייסן זיי עס ניט?

אזא הארצווייטעק, ווי איצט, האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש שוין לאנג ניט געפילט. א קלייניקײַט עפּעס — אזא דערפינדונג! אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטש וועט ווערן איצט דאָס אייבערשטע פון שטייסל. הײַנט וואָס פאר א פּרעמיע וועט ער באקומען!

בא יעפים ארנאָלדאָוויטשן איז פארביטערט געוואָרן דאָס לעבן. קיין שום זאך האָט אים איצט ניט געפרייט: ניט די נײַע קווארטיר אפן צווייטן שטאָק, ניט די אומזיסטע פּוטיאָווקע אין אָפּרו־הויז, ניט דאָס שיינע מעבל, וואָס ער האָט אײַנגעשאפן. ער איז דורך די נעכט ניט געשלאָפן, פארלאָרן דעם אפּעטיט. אזוי אויך א קליינטשיקער, א דארער, א קווארער, איז ער געוואָרן נאָך מער אײַנגעטריקנט, דאָס געלבלעכע פּאָנעם — נאָך מער צעקנייטשט, און די לענגלעכע נאָז האָט נאָך מער ארויסגעשטארצט.

לעמײַ זאָל איך אזוי איבערלעבן צוליב דעם? — האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש אײַנגעטײַנעט מיט זיך אליין. — וואָס גייט דאָס מיר אָן? וואָס ארט עס מיך?

נאָר עס האָט אים געארט. ער האָט דאָך אליין אויך געפּרוווט קאָנסטרויִרן עפּעס, און דערווײַל האָט זיך בא אים גאָרנישט ניט באקומען.

עמעס, ס׳איז נאָך א פראגע, צי ס׳וועט זיך באקומען בא אלעקסאנדער סע־מיאַנאָוויטשן...

נאָר וויפל יעפים ארנאָלדאָוויטש האָט זיך ניט געטרייסט, האָט אים ניט געהאָלפן. טיף אין הארצן האָט בא אים אָנגעהויבן וואקסן א ניט גוטער געפיל צו אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן. שוין פון לאנג, נאָך פון די סטו־דענטישע יאָרן, האָבן זיי זיך גערעכנט פאר נאָענטע, אפילע פאר גאָר נאָענטע פרײַנט. ניט איין מאָל האָט אלעקסאנדער אים אונטערגעזאָגט עפעס וויכטיקס, געהאָלפן אים אויספילן אן ארבעט. יעפים פלעגט אָפט ארײַנגיין צוגאסט צו זײַן נאָענטן כאווער. נאָר איצט האָט זיך אלץ געענ־דערט. יעפים האָט אופגעהערט צו אים ארײַנקומען. געסטארעט זיך, ווי ווײַט מעגלעך מיט אים זיך ניט באגעגענען. עס פעלט אים נאָך, אז אלעק־סאנדער זאָל זיך אָנהייבן טיילן מיט אים וועגן זײַנע דערפאָלגן און ער זאָל נאָך דארפן מיט א פריילעכן פאָנעם צושמייכלען. ניין, ער וויל מער ניט הערן וועגן יענעמס גליקן.

די מיטארבעטער האָבן אָבער אלץ אָפטער גערעדט וועגן אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשעס דערפינדונג. נאָך דער ארבעט איז יעפים ארנאָלדאָוויטש געקומען אהיים שטארק א דערשלאָגענער.

— יעפים, כ׳האָב פאר דיר א גוטע בסורע, — האָט דאָס פולבלעכע ווײַב זײַנע, ערנעסטינא סאמוילאָוונא, אים א פריידיקע באגעגנט, — מיר האָבן אויסגעוווּנען... הונדערט רובל!.. נא, זע!..

יעפים האָט כמורנע א קוק געטאָן דורך די ברילן אף דער אָבליגאציע און זיך צוגעלייגט אפן דיוואן. דאָס הארץ האָט בא אים גענאָגט, ווי קיינ־מאָל.

— זיך דערפרייט!.. א הונדערטער... — האָט ער א קרעכץ געטאָן, — יענער וועט עפשער א טויזנטער ארײַנכאפן...

— זע, וואָס האָסטו זיך מיטאמאָל צוגעלייגט? — האָט א באומרויִקטע געפרעגט ערנעסטינא סאמוילאָוונא.

— אך, לאָז מיך צורו, — האָט ער פארשטיקט ארויסגערעדט, — דאָס הארץ, דאָס הארץ שטשימעט מיך.

— גאָט מײַנער!.. עפשער ארויסרופן א דאָקטער?..

— נאָך א דאָקטער פעלט מיר איצט! מע דארף ניט, — האָט יעפים אר־נאָלדאָוויטש אופגערעגט אויסגערופן. — קיין שום דאָקטער דארף איך ניט...

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פאָנעם צו דער וואנט, ארומגענומען דאָס קישעלע און שטארק צוגעדריקט צום הארצן, ווי ער וואָלט וועלן שטילן דעם נאָגנדיקן ווייטעק.

— וואָס האָט מיר געפעלט פריִער, — האָט ער פארומערט געטראכט, — ווי גוט ס׳איז געווען. איז נא דיר אזא צאָרע!..

יעפים ארנאָלדאָוויטש האָט זיך אופגעכאפט מיט עפעס אן אומקלאָרער האָפענונג, זיך גיך אָנגעטאָן און אוועקגעײַלט אף דער ארבעט.

— נישקאָשע, — האָט ער זיך געטרייסט, — ניטאָ וואָס זיך אויסעסן דאָס

הארץ. ס׳איז נאָך א פּראגע, צי בא אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן וועט זיך עפּעס באַקומען...

א גאנצן טאָג האָט ער געווארט, אז עמעצער פון די מיטארבעטער זאָל פארפירן א רייד וועגן זײַן פּרעמיע. נאָר קיינער האָט, ווי אָף צולאָכעס, ניט דערמאָנט וועגן אים. יעדערער איז געווען פארנומען מיט זײַנס. יעפים ארנאָלדאָוויטש איז א פארזאָרגטער געזעסן בא זײַן קאָנסטרוקטאָר־טיש, געפּרוווט עפּעס טאָן, נאָר זײַנע געדאנקען זײַנען פארנומען געווען איצט מיט איינס — מיט זײַן כאוועריס דערפינדונג. אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטש וועט ווערן אָפּגעגילדט, — האָט ער מיט פארביטערונג געטראכט, — ער וועט שוין ניט וועלן זיך כאווערן אפילע.

און ארום האָבן אלע, ווי שטענדיק, רויק געארבעט.

„מאָדנע מענטשן!” — האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש געקנייטשט מיט די ביינערדיקע, דארע אקסלען.

צום סאָף טאָג האָט זײַן געדולד זיך אויסגעשעפּט. ער איז מער ניט בעקויעך געווען צו שווײַגן.

— נו, וואָס זאָגט איר? — האָט ער מיט א פריילעך־געמאכטן פּאָנעם זיך געווענדט צו זײַנע קאָלעגן. — אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטש איז שוין, קאָנטיק, אפן פערד... דער ווערקשטאט איז דאָך בא אים שוין אָט־אָט פארטיק!..

יעפים ארנאָלדאָוויטש האָט געווארט, אז מע וועט אים דערווידערן, דערווײַזן, אז ס׳איז נאָך ווײַט צום געלעכטער, נאָר זײַנע ווערטער האָבן גאָר דערפרייט די כאוויירים. דאָס האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש לאַכלוטן ניט געקענט פארשטיין. צי דען קימערט זיי עס ניט? נו, אויב אזוי, וועט ער צושיטן א ביסל זאלץ, וועלן זיי, דאכט זיך, אופהערן זיך פרייען...

— און וויפל ער וועט באַקומען פאר דעם, האָט איר געהערט? ניט ווייניקער פון עטלעכע טויזנט... וואָס זאָג איך עטלעכע? ער וועט ארײַנכאפּן א סאך מער... געוויס! זיכער!.. וואָסי, איר וועט עפּשער זאָגן, אז ער האָט עס ניט פארדינט? אזא ווערקשטאט! עפּעס א קלייניקײַט?! — האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש מיט היץ פאָרגעזעצט. זאָל זיי אויך קרענקען.

נאָר די מיטארבעטער האָבן זיך גאָר דערפרייט.

— ער האָט ניט ווייניק געהאָרעוועט. ערלעך פארדינט!

— איז לאָמיר, אויב אזוי, ארײַן צו אים...

— קומט, וועלן מיר אים באַגריסן, — האָבן זיי א רוף געטאָן יעפים ארנאָלדאָוויטשן.

— איך... איך קאָן איצט ניט... — האָט ער פארלוירן א שטאמל געטאָן.

— אָן אײַך איז פּאָשעט ניט באַקוועם. איר זײַנט דאָך נאָענטע פרײַנט...

— נו יאָ, אוודע. נאָר איצט קען איך ניט... איך דארף ארײַנגיין צום בוכהאלטער. ער ליגט צו בעט שוין, נעבעך, דעם צווייטן טאָג. צו אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן האָט איר איצט ניט וואָס צו גיין, איר וועט אים אין דער היים ניט טרעפן.

דאָך זײַנען די אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָרן אוועק צו אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן. יעפים איז א ווײַלע געשטאנען, ניט קענענדיק באַשטימען, וואָס צו טאָן, און זיך געלאָזט גיין אראָפּ־גאס, צום בוכהאלטער.

נאָך קיינמאָל האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש ניט געהאט אזא פארגעניגן,

ווי דעמלט, ווען אים איז אויסגעקומען עמעצן מעוואקער־כוילע זײַן, טרייסטן בעשאס אָן אומגליק. ווען יענעם איז געווען שלעכט, איז אים דערפון געווען גרינגער, ער איז דעמלט אופגעלעבט געוואָרן און פאַרגעסן אָן זײַנע אייגענע צאָרעס. נאָר ניט אויף לאַנג. ווי נאָר ער איז פאַרבליבן מיט זיך אַליין, האָט אים ווידער אָנגעהויבן טאָטשען דער וואָרעם.

שפּעט אין אָוונט האָט יעפים ארנאָלדאָוויטש זיך אומגעקערט אַהיים. ער האָט זיך פאַרוקט אין ווינקל פונעם העל־באַלויכטענעם טראַמווײַ, געקוקט אין פענצטער, און געטראַכט האָט ער וועגן איינס און דאָס זעלבע:

„עפּשער אויך א פּרווו טאָן? נאָר פון וואָס אָנהייבן? פאַר וואָס זיך נעמען? ניין, איצט איז שוין שפּעט. ווען אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש פאַרלויפט אים ניט דעם וועג, וואָלט ער מיסטאָמע עפּעס צוגעטראַכט. עפּשער נאָך א בעסערן ווערקשטאַט... נאָר גיי טו איצט, אַז יענער האָט שוין אויסגעכאַפּט. פאַרפאַלן! דער בוכהאַלטער האָט געזאָגט, אַז מע האָט שוין אַפילע אויסגעטיילט א קאָמיסיע אויף אויספּרוּוון דעם ווערקשטאַט...”

יעפים ארנאָלדאָוויטשן איז מיטאַמאָל ענג געוואָרן דער קאָלנער. ער האָט א דריי געטאָן דעם קאָפּ און אומגעריכט דערזען אין צווייטן עק פונעם וואַגאָן אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן. יעפים ארנאָלדאָוויטש האָט זיך האַסטיק אופגעהויבן און גענומען זיך דורכשטופּן צום הינטערשטן אַרויסגאַנג. שטייענדיק שוין בא דער טיר, האָט ער פון דער זײַט געכאַפּט א קוק און באַמערקט, אַז אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש איז שטאַרק פאַרזאָרגט. דאָס פּאָנעם איז בא אים אויסגעבלייכט, די באַקן אײַנגעפאַלן, ניט געגאָלט.

„עפּעס האָט מיט אים שוין געטראָפן”, — איז בא יעפים ארנאָלדאָוויטשן דורכגעלאָפן א געדאַנק, און ס'איז אים גלײַך ליכטיקער געוואָרן אויפן האַרצן. ער איז שוין פון טראַמווײַ ניט אַרויס, זיך גענומען דורכשטופּן צוריק, צו זײַן כאַווער.

— און איך האָב זיך שוין געקליבן אַרײַנגיין צו דיר, — האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטשן, — נו, וואָס? מע זאָגט, אַז בא דיר איז אַלץ אין אָרדענונג, — האָט ער מיט ניט קיין זיכערער שטים א פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט מוירע האָבן פאַרן ענטפער.

— איך הייב שוין אַליין ניט אָן צו וויסן, — האָט מיד געענטפערט אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש.

יעפים ארנאָלדאָוויטש האָט דערפילט, אַז עפּעס איז געשען, עס באַקומט זיך, קאָנטיק, בא אים ניט.

— נו, נו!.. זײַ ניט אַזוי באַשיידן, — האָט ער א פּאַטש געטאָן יענעם איבערן אַקסל, — איך באַגריס דיך.

— באַגריסן איז דערווײַל נאָך ניטאָ מיט וואָס, — האָט טרויעריק א שמייכל געטאָן אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש.

— וואָס הייסט, ניטאָ מיט וואָס? — האָט אים צעשטרייט אָנגעקוקט יעפים ארנאָלדאָוויטש.

— דער ווערקשטאַט אַרבעט ניט.

— ער אַרבעט ניט?! — האָט אויסגעשרײַען יעפים ארנאָלדאָוויטש. — וואָס רעדסטו? ווי קאָן עס זײַן?.. דו האָסט דאָך אַלץ פּינקטלעך אויסגערעכנט...

— אויסגערעכנט איז אלץ ריכטיק, און אָט... איך הייב ניט אָן צו פֿאַר־שטיין... פֿון די קויכעס זיך ארויסגעשלאָגן...

— אָט האָסטו דיר!..— יעפֿים ארנאָלדאָוויטש האָט מיטאמאָל דערפֿילט א הארציקע צוגעבונדנקייט צו זײַן אלטן פֿרײַנט. ער איז אים, דוכט זיך, נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי טײַער, אזוי ליב, ווי איצט.

— אזא פֿארדראָס! אזא הארצווייטעק! — האָט זיך ניט געקענט בארויקן יעפֿים ארנאָלדאָוויטש.— נאָר וואָס קאָן מען טאָן? פֿארפֿאלן. עס טרעפֿן גרעסערע אומגליקן און נישקאָשע, מע בלײַבט אויך לעבן. הער אויף טראכטן וועגן דעם. עפּשער בייטיקסטו זיך אין עפּעס? שעם זיך ניט!.. דו האָסט דאָך מיר ניט איין מאָל ארויסגעהאָלפֿן.

אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן זײַנען אָט די רייד געווען ניט צום הארצן. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער זיך אָפּטשעפּען פֿון דעם צופֿיל געטרײַען כאַווער.

— ס'איז גאָרנישט ניט נייטיק,— האָט ער טרוקן געענטפֿערט.

— נו, דאָס איז שוין מײַן זאך,— האָט זיך אָנגערופֿן יעפֿים ארנאָלדאָ־וויטש,— און דאָס ווײַב, וואָס? זי ווייסט נאָך ניט? מע דארף איר דערווײַל ניט זאָגן... צוליב וואָס זי מעצאער זײַן? און דו ערגער זיך ניט. דארפֿסט זיך אויסרוען. קומען צו־זיך. איך וועל זיך צו דיר ארײַנכאַפּן.

דער טראַמוויי האָט זיך נאָך ניט באוויזן אָפּשטעלן, איז יעפֿים ארנאָל־דאָוויטש ארויפֿגעשפּרונגען און א צופֿרידענער אוועקגעשפּאַנט.

אהיים איז ער געקומען שטארק אופֿגעלעבט, ערנעסטינא סאמוילאָוונא האָט זיך פּאַשעט פֿארוווּנדערט. זי האָט אים שוין לאנג ניט געזען אין אזא גוטער שטימונג.

— וואָס איז געשען?

— גאָרניט... אַך, סארא ווונדערלעכער אָוונט! שוין לאנג ניט געווען אזוי גוט אין דרויסן, ווי הײַנט...— יעפֿים ארנאָלדאָוויטש איז צעשטרייט זיך דורכגעגאנגען איבערן צימער, א נעם געטאָן א צײַטונג, פֿאנאנדערגע־נומען זי, נאָר גלײַך זי אוועקגעלייגט אָן א זײַט. ער האָט געכאַפּט א בליק אין שפּיגל, א גלעט געטאָן זיך דעם נאקעטן קאָפּ און געבליבן זייער צו־פֿרידן מיט זיך. אלץ איז אין דעם אָוונט געווען גוט. די קווארטיר האָט שוין לאנג ניט אויסגעזען אים אזוי געמיטלעך, ווי איצט. אפֿילע דאָס פּולב־לעכע ווײַב האָט אים אויסגעזען שענער, שלאנקער.

צום אָוונטברויט האָט יעפֿים ארנאָלדאָוויטש, אופֿהייבנדיק זיך אַף די שפּיץ פֿינגער, ארויסגעקראָגן פֿון דעם אלטמאָדישן בופֿעט א פֿארשטויבטן בוטל היימישן ווישניק, צו וועלכן ער האָט זיך לאנג ניט צוגערירט, און מיט א ברייטער האנט אָנגעגאָסן זיך און דעם ווײַב צו פֿולע קעלישעקלעך.

— וואָס פֿאר א יאָמטעוו איז הײַנט? — האָט ערנעסטינא סאמוילאָוונא זיך פֿארוווּנדערט.— מע האָט דיך עפּשער פּרעמירט? צי דו האָסט באקומען א העכערע שטעלע?

יעפֿים ארנאָלדאָוויטש האָט מיט פֿארגעניגן אויסגעטרונקען דאָס קעלי־שעקל און צוגערוקט נעענטער צו זיך דעם טעלער מיט קנישעס. ער האָט שוין לאנג ניט געגעסן מיט אזא אפּעטיט.

— נו, און וועגן אונדזער דערפֿינדער האָסטו שוין געהערט? — האָט ניט

געפֿילט זיך אָנגערופֿן יעפֿים ארנאָלדאָוויטש, נעמענדיק זיך פֿאַר דער יויך.— אבי דו האלטסט אין איין טײַנען, אז איך טויג צו גאָרנישט, אז אלע שטײַגן, אלע, אויסער מיר... וואָס וועסטו איצטער זאָגן,— האָט ער א בליץ געטאָן מיט די ברילן.

— וואָסי? צי דען איז מיט אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן עפּעס גע־שען?— האָט דערשראָקן געפֿרעגט דאָס ווײַב.

— איך האָב פֿריִער געוווּסט, אז אזוי וועט זײַן. א ראכמאָנעס אף אים. א גרויסער ראכמאָנעס,— האָט א זיפֿץ געטאָן יעפֿים ארנאָלדאָוויטש.

— דערצייל שוין. וואָס איז געשען?

— גאָרניט. אויס דערפֿינדונג. אויס גליקן. דער ווערקשטאט ארבעט ניט. איך האָב אים ערשט געזען. שווארץ, ווי די ערד. מעגסט שוין זײַן ווײַב ניט מעקאַנע זײַן. געמיינט, אז שוין, אָט־אָט כאַפּט מען אָפּ די גרויס־ארטיקע פּרעמיע. נאָר פֿון דער פּרעמיע זײַנען געבליבן נאָר קײַלעכדיקע נולן. נולן און מער גאָרניט. מע דאַרף אים אומבאַדינגט אײַנלאַדן אף מיטיק. זאָל ער זיך א ביסל צעשטרייען. אלעקסאנדער איז דאָך א גאָלדענער מענטש, ער וועט די נעשאָמע יענעם אוועקגעבן. ס׳טוט מיר פֿאַשעט ווייי דאָס הארץ פֿאַר אים...

יעפֿים ארנאָלדאָוויטש האָט מיט אופֿגערעגטע טריט גענומען ארומשפּאַ־נען איבערן צימער. אים האָט זיך פֿארוואָלט ארויסגיין אין דרויסן, באַגע־גענען באקענטע, זיך דורכריידן וועגן אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשעס דורכפֿאל. א כאַפּ געטאָן די שליאַפּע, האָט ער זי ארופֿגערוקט אַפֿן פֿלי־כעוואטן קאָפּ און אוועק.

ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער, ניט מיד ווערנדיק, ארומגעשמײַעט איבער די גאסן פֿון דער גרויסער רוישיקער שטאָט. ער האָט זיך געהויבן אף די עטאזשן, געקלונגען, האָט ניט דורכגעלאָזט קיינעם פֿון זײַנע באקענטע, געווען אפֿילע בא יענע, מיט וועלכע ער איז געווען אין ניט איבעריקס גוטע באַציִונגען, און יעדן מיט א טרויעריקער מינע דערציילט וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט אומגעריכט געטראָפֿן זײַן נאָענטסטן פֿרײַנט, זײַן בעסטן כאַווער פֿון די סטודענטישע יאָרן אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן.

אף מאָרגן, אינעם אָפּרו־טאָג, האָט יעפֿים ארנאָלדאָוויטש זיך ריין ארומ־געראזירט, אָנגעטאָן דעם נײַעם אָנצוג, געהייסן דעם ווײַב צוגרייטן קיבעד פֿאַר די געסט און אין א געהויבענער שטימונג אוועק צו אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן. „עפּשער נאָך עמעצן א רוף טאָן״,— ער איז א ווײַלע גע־בליבן שטיין. נאָר באלד איבערגעטראכט. זאָל אלעקסאנדער זיך איבער־צײַגן, ווער ס׳איז אים אן עמעסער פֿרײַנט... ווען בא אים איז אלץ געגאנ־גען, ווי אף פּוטער, האָבן אלע געטאנצט ארום אים, און אז עס האָט גע־טראָפֿן א צאָרע, ווער איז געקומען טרייסטן אים? נאָר ער, יעפֿים.

אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשן האָט ער אין דער היים ניט געטראָפֿן. אין שטוב איז געווען אן אומאָרדענונג. אלעקסאנדער סעמיאָנאָוויטשעס פֿרוי, אָלגע באָריסאָוונא — שטענדיק א געמיטלעך־אופֿגעלייגטע, א גאסט־פֿרײַנטלעכע, איז איצט געווען פֿארומערט.

— א ליכטיקן גוטמאָרגן אײַך,— האָט שטיל זיך אָנגערופֿן יעפֿים אר־נאָלדאָוויטש. ער האָט פֿאָרזיכטיק געמאכט עטלעכע קליינינקע טריט און,

ווי ער וואָלט מוירע האָבן צעשטערן די שטילקייט, מיט א פאַרטויבטער שטים א פרעג געטאָן,— ווו איז אלעקסאנדער?

— איך הייב ניט אָן צו וויסן,— האָט זי פאַרזאָרגט געענטפערט,— אוועק פאַרטאָג און אָט... ביז איצט ניטאָ...

— וווהין זשע איז ער אוועק?

— איך ווייס? הײַנט איז דאָך אָן אָפּרו־טאָג, איז ער, הייסט עס, ניט אױף דער אַרבעט. א גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן, און ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן שאַרױען, ניט געפרישטיקט, קיין גלאָז טיי ניט אויסגעטרונקען, אַנטלאָפן און ניטאָ... איך ווייס שוין ניט וואָס איבערצוטראַכטן...

— ער וועט באַלד מיסטאמע קומען,— האָט יעפים אַרנאָלדאָוויטש זיך געסטאַרעט זי באַרויקן,— ווען ער האָט גאָר געקענט קומען אָפּן זינען, אַז דער וועַרקשטאַט וועט ניט אַרבעטן,— האָט ער א זיפץ געטאָן,— וואָס האָט אײַך פּריער געפעלט? צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט א דערפינדונג?

— וואָס איז איצט שײַעך צו ריידן,— האָט מיט אומצופרידנקייט א זאָג געטאָן אַלגע באַריסאָוונא.

— נו, יאָ, אוודאי... דעם עמעס געזאָגט, האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, אַז אזוי וועט זיך באַקומען. איך האָב אים נאָך דעמלט געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז ניט קעדײַ זיך נעמען פאַר דעם. אזויפיל צײַט געפאַטערט, אזויפיל קוי̆כעס אוועקגעלייגט...

— נאָר ווו זשע קען ער זײַן?— האָט אָלגע באַריסאָוונא צעטראָגן א קוק געטאָן אין פענצטער.

— באַרויקט זיך ניט. ס׳האָט מיט אים גאָרנישט ניט געטראָפן. זיך פאַרהאַלטן מיסטאמע בא באַקאַנטע. אז אָפן האַרצן איז ניט וואונשנע, זיצט זיך ניט אין דער היים... ס׳איז, פאַרשטייט זיך, א גרויסער האַרצווייטעק, נאָר וואָס קאָן מען טאָן. ווייסט איר וואָס, איך וועל אַרויסגיין דערוויסן זיך, ווו ער איז,— האָט ער געזאָגט, און ס׳האָט אים האַנאָע געטאָן, וואָס ער קאָן מיט עפּעס באַהילפיק זײַן, ווען יענעם איז שלעכט.

יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט אַרופגערוקט אָפן קאָפּ די שליאַפּע און זיך געלאָזט צו דער טיר, נאָר מיטאמאָל האָט ער דערהערט באַקאַנטע טריט.

— ער!— האָט אויסגערופן יעפים אַרנאָלדאָוויטש.— איר זעט, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט?.. טשעפּעט אים איצט ניט... איך וועל אים באַ־רויקן. עס טרעפן גרעסערע אומגליקן און מע בלײַבט אויך לעבן. מיילע, איז ניט קיין וועַרקשטאַט...

עס האָט זיך האַסטיק געעפנט די טיר, און אָן אופגערודערטער, א פריי־לעכער איז אַרײַן אלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש.

— איר קענט מיך באַגריסן,— האָט ער א צופרידענער געזאָגט,— דער וועַרקשטאַט אַרבעט אויסגעצייכנט!..

יעפים אַרנאָלדאָוויטש האָט דערפילט, ווי מע וואָלט אים געגעבן מיט עפּעס איבערן קאָפּ. די פּיס האָבן בא אים זיך אונטערגעבראָכן, ער האָט אָנמעכטיק זיך אַראָפּגעלאָזט אָפן בענקל, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם און ער איז ניט בעקויעך געווען אַרויסברענגען קיין וואָרט...

די שילער האָבן געשפּילט א מארש...

מײַן ליבן אייניקל סאשען

אין וואגאָן איז געווען טומלדיק. העכער פון אלעמען האָבן גערעדט, זיך איבערגערופן, געוויצלט, געלאכט די שילער, צוזיפּלייגנדיק אַף די אייבערשטע פּאָלקעס זייערע מוזיקאלע אינסטרומענטן. בישכיינעס מיט זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט סטודענטן, סטודענטקעס און אויך עטלעכע מאטראָסן. אייניקע פון זיי האָבן פון מאָל צו מאָל זיך אומגעקוקט אַף די אופגעלעבט־פריילעכע כעוורע, האָפנדיק, קאָנטיק, אז באלד וועלן די שילער זיי פארווײַלן מיט מוזיק.

נאָר די שילער האָבן אפילע ניט געטראכט שפּילן. אויסער דער שווארצ־כיינעווודיקער פּיאָנער־אָנפירערן אנקען איז קיינער פון זיי נאָך ניט געווען אין דער גרויסער שטאָט באם דניעפּער, וווהין עס פירט זיי איצט מיט אזא פריילעכן געקלאנג דער צוג. און אופגערודערטע פון דער רײַזע איז זיי איצט ניט אָנגעגאנגען איבעריקס ניט די ענגשאפט אין וואגאָן, ניט די אָנגעגליטע פון די פלאמיקע זון־שטראלן, הייסע, דושנע לופט.

צו די שילער איז, אין א מינוט פופצן ארום, צוגעגאנגען א בלאָנדער מאטראָס אין א נײַנקער בעזקאָזירקע.

— כעוורע, אנו, ווײַזט אָקאָרשט, וואָס איר קאָנט, — האָט ער א ווונק געטאָן מיט די העל־בלויע אויגן אַף די מוזיקאלע אינסטרומענטן. — איצט איז דאָך פונקט די צײַט. מיט מוזיק וועט זײַן פריילעכער צו פאָרן...

אנקע האָט דערקלערט דעם מאטראָס, אז די שילער האָבן צוגעזאָגט דעם דירעקטאָר פון שול ניט שפּילן אין וואגאָן.

דער צוג האָט זיך געטראָגן געשווינד. דער מאשיניסט האָט אים, קאָנטיק, געפירט אַף דער העכסטער גיכקײַט, ווי ער וואָלט געײַלט וואָס שנעלער אנטרונען ווערן פון דער סארפּענדיקער זון. די זונען־שטראלן זײַנען אָבער ניט אָפּגעשטאנען, זיך ארײַנגעריסן דורכן פענצטער, אָנגלײַענדיק אלץ מער די אזוי אויך שוין דושנע לופט אינעם פול־אָנגעפּאקטן וואגאָן. ערשט דעמלט, ווען ס'האָט זיך באוויזן א קילבלעכער שאָטן אַף דער ארומגעזוימטער מיט זילבערנע טאָפּאָלן קליינינקער שטילער סטאנציע, האָט דער צוג פארלאנגזאמט דעם גאנג.

די שילער האָבן מיט א געפּילדער זיך געלאָזט צום טאמבור.

באַלד ווי דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַנטקעגן, אויף דער אָפּענער פּלאַטפאָרמע, זיך באַוויזן אַ נידעריטשקער, עטוואָס סטולעוואַטער פּולבלעכער פאַרשוין אין אַ שטרויענער אַלטמאָדישער שליאַפּע מיט צוויי גרויסע דיקטענע טשעמאָדאַנעס אין די הענט. צעטומלט אומקוקנדיק זיך אין דער ריכטונג צום לאָקאָמאָטיוו, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אַז דער צוג וועט אַוועק, איידער ער וועט באַוויַיזן זיך זעצן אין אים, האָט ער, שלעפּנדיק די שווערע מאַסע, געאיַילט מיט די קורצע קרומלעכע פיס צום טאַמבור, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעקוקט די נײַגעריקע שילער.

שוין גאָר נאָענט, אַ טראָט פינף פונעם וואַגאָן, האָט דער פאַרשוין זיך פּלוצלינג ספּאָטיקעט, איין שווערער טשעמאָדאַן האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זײַנע הענט און, אַ זעץ געבנדיק מיט אַ טראַסק איבער דער פּלאַטפאָרמע, זיך פאַנאַנדערגעעפנט. איבערן אַספאַלט האָבן זיך אַ שאָט געטאָן גרויסע פּריצײַטיקע דופטיקע עפּל. דער פאַרשוין אין דער שטרויענער שליאַפּע האָט מיט אַ פאַרצווייפלטער שטים עפּעס אויסגעשריִען אַזוי, ווי עס וואָלט אים געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. ער האָט זיך געלאָזט לויפן איבער דער פּלאַטפאָרמע און אײַליק גענומען צונויפקלײַבן די ערשטע פּרוכט פון דער נײַער גערעטעניש.

די שילער זײַנען, איינס נאָכן אַנדערן, פּלינק אַראָפּגעשפּרונגען פונעם טאַמבור און מיט פלײַס גענומען העלפן אים צונויפקלײַבן די צעשאָטענע עפּל.

— לאַנג לעבן זאָלט איר, קינדערלעך ליבינקע, אוי, אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק אײַך. אַזאַ אָנשיקעניש... אַזויפיל שאָדן... אָן... אָן דאַרטן... דאָרטן... זעט, וווהין ס'האָט זיך פאַרקײַקלט, — האָט ער, קרעכצנדיק און אויקענדיק, אַ ווײַז געטאָן אונטערן וואַגאָן, — גיכער, גיכער, טײַערינקע, — שווער איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער אונטערגעיאָגט די שילער, און אין דער זעלבער צײַט מיט אַ צעשטרייטן בליק אין די פאַרלאָפענע באָלעכע וואַטע אייגעלעך נאָכגעשפּירט נאָך זייערע הענט, מוירע האָבנדיק, קאָנטיק, אַז עמעצער פון זיי קאָן אינעם טומל צולאַקכענען בײַ אים אַן עפּל.

די שילער, סטאַרענדיק זיך אַריבעריאָגן איינער דעם אַנדערן, האָבן געשווינד צונויפגעקליבן אַלע עפּל און געהאָלפן דעם פּאַסאַזשיר אַרופהייבן זיך צו זיי אין וואַגאָן. זײַן געשטופּלט פּאָנעם איז געדיכט באַדעקט געווען מיט טראָפּנס שוויס. ניט אַרויסלאָזנדיק פון די הענט די טשעמאָדאַנען, האָט ער גענומען צוזוכן זיך אָן אָרט.

אַלע אונטערשטע ערטער זײַנען געווען פאַרנומען.

אַ פּאַרסאָפּעטער האָט ער זיך געטוּיטשעט מיט דער שווערער מאַסע אינעם דורכגאַנג און אומצופרידן געבורטשעט.

אַנקע האָט זיך אומגעקוקט אויף אים מיט מיטגעפיל, זיך אויפגעהויבן און אַ ווונק געטאָן צו די שילער, זיי זאָלן זיך אַ ביסל אַ רוק טאָן, מאַכן אַן אָרט פאַר דעם מידן פּאַסאַזשיר.

די שילער האָבן ענגער זיך צוגערוקט איינער צום אַנדערן. אין דער זעלבער רעגע האָט דער פּאַסאַזשיר אײַליק פאַרנומען דאָס אָרט, באַקוועם זיך אײַנגעאָרדנט אין סאַמע ווינקל, לעבן פענצטער.

— ווילע כעוורעניקעס זײַנט איר! — האָט ער א לויב געטאָן די קינ־דער, צורוקנדיק נעענטער צו זיך די שווערע טשעמאָדאנען. — ווען ניט איר, וואָלט איך א קײַלעכדיקן מעסלעס זיך געדארפט אָפּוואלגערן אין אזא היץ אף דער וויסטער סטאנציע.

ער האָט לויזער געמאכט דעם שווארצן קוטעס, מיט וועלכן ס׳איז גע־ווען ארומגעגארטלט דאָס אָפּגעבליאקעוועטע ברייטע העמד, זיך צוגעשפּארט מיט דער סוטולעוואטער פלייצע צום וועגטל און שווער אָפּגעאָטעמט.

— סארא ענגשאפט!.. כ׳פארשטיי ניט, פארוואס לאָזט מען עס ארײַן אזויפיל מענטשן אין וואגאָן?.. ס׳איז אזוי אויך שוין ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען... — האָט ער זיך באקלאָגט פאר די קינדער און בעשאסמײַסע געפּרוווט ארופלייגן א פוס אף דער פּאָלקע.

— זיצט, ליבינקע, זיצט. אָן סאקאָנעס. מיר וועלן צווישן זיך ווי־ניט־איז אויסקומען... נישקאָשע, זיצט, זיצט... — האָט ער שלאבעריק געמורמלט און צוביסלעך אוועקגעלייגט אף דער פּאָלקע אויך דעם אנדערן פוס.

א ווײַלע איז ער געלעגן צונויפגעדרייט, און נאָכדעם, א קרעכץ געבנ־דיק, גענומען פרײַער אויסציִען דעם גאנצן קערפּער.

דערפילנדיק נאָענט לעבן זיך זײַנע שטויביקע קאמאשן, האָבן די שי־לער זיך שווײַגנדיק אופגעהויבן און אָפּגעגאנגען צו דעם אנטקעגנדיקן האלב־אָפענעם וואגאָן־פענצטער.

דער צוג האָט זיך געטראָגן פארבײַ גרעאָטענע פעלדער. פארגאפטע האָבן די שילער געקוקט אף דער אויסטערלישער שיינקײַט פון דעם צײַ־טיק געוואָרענעם געדיכט־באגילדעטן ווייץ, וואָס האָט, שפּילנדיק מיט די פולע שווערלעכע זאנגען, זיך שטיל געכוואליעט אזש ביזן סאמע האָרי־זאָנט.

קוויקנדיק זיך צוזאמען מיט די פּיִאָנערן מיטן אָנענדלעכן פעלד, האָט די שווארצכיינעוודיקע אנקע דערקלערט זיי, וואָס באטײַט עס מילכיקע רײַפקײַט, געשאצט, וויפל צענטנער, אָן ערעך, וועט געבן דאָ א העקטאר, און וויפל אומגעפער העקטאר וועט זײַן פון דער באָן־ליניע ביז אָט יענעם ווײַטן וועלדל.

און דער פארשויץ, באנוצנדיק זיך מיט דעם, וואָס די קינדער זײַנען אָפּגעגאנגען צום פענצטער, האָט אונטערגערוקט עפעס צוקאָפּנס, איבער־געדעקט דאָס פּאָנעם מיט דער ערטערווײַז צעדריבלטער שטרויענער שליאפּע און, אויסציִענדיק פרײַ די פיס, פארנומען די גאנצע פּאָלקע.

„דעם שטויב ניט אָפּגעווישט אפילע פון די שיך, — האָט אנקע מיט אומצופרידנקײַט א טראכט געטאָן, — די קינדער שטייען, און ער האָט זיך צעלייגט, ווי באם טאטן אין ווײַנגאָרטן...״ נאָר אין דער זעלבער רעגע געפונען א זכוס אף אים: „זייער מיד, קאָנטיק, נו יאָ. זאָל ער זיך אָפּרוען״.

ענדגילטיק זיך איבערצײַגט, אז די פּיִאָנערן וועלן ניט שפּילן, האָט דער מאטראָס א נעם געטאָן זײַן גיטארע, וועלכע ער האָט געפירט מיט זיך, און מיט די געניטע פינגער זיך דורכגעלאָפן איבער די מורמלענדיקע סטרונעס.

דעם נײַעם פּאַסאַזשיר האָט עס אופגעבראַכט. דער אימפּעטפּולער, פּריי־לעכער מאָטיוו פון דער יאַם־ליד האָט אים נערווירט, געשטערט אײַנדרעמ־לען.

— אומדערהערט! — האָט ער אַן אופגעקאָכטער זיך אופגעזעצט. — ניט לאָזן אַ מענטשן אָפּרוען. מיט וואָס פאַר אַ רעכט? ערגער נאָך פון דעם קליינוואַרג. אַפילע זיי, אָט, רימפּלען ניט. פאַרמאָגן מער סאַוועסט אין האַרצן.

ער האָט זיך אויסגעצויגן צוריק אָף דער פּאָלקע, נאָר באַלד זיך ווידער אופגעזעצט, ניט געקאָנט זיך באַרויקן.

— אַ האָזע! אים ווילט זיך דרימפּלען, באַצווינגט ער מיך הערן. איך נייטיק זיך ניט אין קיין מוזיק. איך פאַרלײַד ניט... איך האָב פּײַנט. ס'איז מיר עפּשער גאָרניט אַזוי פריילעך, אַז מוזיק זאָל מיר איצט דאָ שפּילן...

וואָס ווײַטער, האָט ער געוואָרטשעט אַלץ העכער.

עטלעכע שילער זײַנען צוגעגאַנגען צום מאַטראָס און שטילערהייט געבעטן אים, אויב ס'איז מעגלעך, ניט שפּילן. זיי האָבן דאָפּקע זייער ליב מוזיק. זיי פאָרן אָף דער געגנטלעכער אָלימפּיאַדע פון די זעלבסטעטיקע אינסטרומענטאַלע אָרקעסטערס פון דאָרפישע שולן און האָפן אַפילע פאַר־נעמען דאָס ערשטע אָרט, נאָר דער פּאַסאַזשיר, וועלכן זיי האָבן אָפּגעטראָטן די פּאָלקע, נערווירט זיך, עס שטערט אים.

— נו, אויב מוזיק שטערט אים, וועל איך ניט שפּילן, — האָט מיט ניט פאַרבאָרגענער אומצופרידנקײַט אַ זאָג געטאָן דער מאַטראָס און אָן איבע־ריקן כיישעק אוועקגעלייגט די גיטאַרע צו זיך אָף דער אייבערשטער פּאָלקע.

נאָך האַלבן טאָג האָבן די שילער אַרויסגעלייגט אַלץ, וואָס מע האָט יעדן פון זיי מיטגעגעבן, און, מעכאַבעד זײַענדיק איינער דעם אַנדערן, אופגעלעבט גערעדט וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי אָף דער פאָרשטיי־ענדיקער געגנטלעכער אָלימפּיאַדע.

דערשפּירנדיק, קאָנטיק, דעם רייצנדיקן גערוך פון געבראָטענעם פלייש, גערייכערטן וווּרשט און אַנדערע באַטאַמטע מײַכאָלים, האָט דער פאַרשוין זיך אופגעכאַפּט. מיט די קורצלעכע פינגער האָט ער אַ שאַר געטאָן פונעם פאַרשוויצטן פּאָנעם די שטרויענע שליאַפּע, זיך עטוואָס אויסגעדרייט צו די שילער, וועלכע האָבן, וויצלענדיק זיך, מיט אַן אַפּעטיט, אָף נאָר מע־קאָנע צו זײַן, געשמאַק געקײַט אָף ביידע באַקן. ס'האָט אים מיטאַמאָל שטאַרק אַ צי געטאָן אונטערן לעפעלע, און, ניט זײַענדיק בעקויעך אָפּרײַסן די אויגן פון דער שפּײַז, וואָס די קינדער האָבן אַרויסגעלייגט אָף דער אַנטקעגנדיקער פּאָלקע, שלאַבעריק אַ קרעכץ געטאָן.

אַ קלײַנדיקער קורנאָסער פּיאָנער האָט מיט מיטגעפיל זיך אומגעקוקט אָף אים.

— פּעטער, קומט עסן מיט אונדז, — האָט ער פאָרגעלייגט.

— אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק, — האָט דער פאַרשוין אַ מורמל געטאָן. — עסט, קינדערלעך, עסט. איך וועל שוין ווי־ניט־איז צולײַדן.

— איז זעצט זיך צו צו אונדז, ביטע, — האָבן אים אײַנגעלאַדן די שילער.

טשאמענדיק מיט די ליפּן, האָט דער פּאַרשוין געכאַפּט אַ קוק מיט איין אויג אויף דער פיאָנערן־אָנפירערן, ווי ער וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס זי וועט זאָגן.

— די פּיאָנערן לאָדן אײַן, איז זעצט זיך צו, עסט, — האָט אנקע עטוואָס אײַנגעהאַלטן זיך אָנגערופן.

— לעמײַ... ניט קעדײַ באַרויבן אײַך, — האָט ער, אופזעצנדיק זיך, גע־פרווט זיך אָפּזאָגן, — ניט קעדײַ. נאָר אָט, אַן אוגערקעלע, וויבאַלד איר זײַנט אַזעלכע ווילע כעוורע, וועל איך באַ אײַך, אויב אַזוי, לאָמיר זאָגן, פאַרזוכן...

ער האָט אויסגעקליבן די סאַמע בעסטע, פריש־שמעקנדיקע אוגערקע, זאָרגזאַם זי אַרומגעשיילט, מיט פאַרגעניגן, ניט געײַלט, זי אופגעגעסן, אַ נעם געטאָן זיך פאַר אַ צווייטער שטײַפער אוגערקע, און נאָכדעם פון נײַגעריקײַט וועגן שוין פאַרזוכט אויך אַ שטיקל געבראָטן פליישׁ, אַ פּאָר רינגלעך גערייכערטן ווורשט, און דעמלט האָט זיך אין אים ערשט דער־וועקט אַ וואָלפישער אַפּעטיט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צום טשעמאָדאַן, ווו ס׳איז געלעגן דאָס פּעקל פּראָוויזיע, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט מיט זיך אין וועג, געוואָלט שוין עס אפילע אַרויסנעמען, נאָר אין דער זעלבער רעגע איבערגעטראַכט. „ס׳קאָן נאָך אויסקומען דעמלט עפּשער זיי מעכאַבעד זײַן מיט עפּל, און יעדעס עפּעלע איז דאָך איצט צו גאָלד גלײַך... שוין בעסער צולײַדן...״

— נו, אַ היץ. נו, אַ שטויב. אַ דערשטיקעניש... — אויקענדיק האָט ער זיך אופגעהויבן און מיט דריבנע טריט צוגעגאַנגען צום האַלב־אָפּענעם וואַגאָן־פענצטער.

אומגעריכט האָט פון סטעפּ אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט איבערן וועלדל זיך באַוויזן אַ וואָלקנדל.

דער פּאַרשוין האָט פריידיק אָפּגעאָטעמט.

די שילער זײַנען באַלד אויך צוגעגאַנגען צום פענצטער.

— עך, אַ רעגנדל איצט! — האָט דער פּאַרשוין אויסגערופן, פאַרײַסנדיק דעם קאָפּ צום הימל.

דער ווינט האָט פון מינוט צו מינוט זיך געשטאַרקט. דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן באַדעקן מיט נידעריקע פײַכטע כמאַרעס.

— אהער, ליבינקע, אהער, — האָט דער פּאַרשוין געשעפּטשעט צו די וואָלקנס, וועלכע האָבן, באַוועגנדיק זיך, פאַרשפּרייט איבער דעם אומרויִק־צעכוואַליעטן ווייץ־פעלד אַן אַלץ מער טונקעלן שאָטן, — אהער, אהער. עך, קינדערלעך, וועט עס באַלד אַ פּליוכע טאָן, עך, וועלן מיר זיך עס באַלד מעכײַע זײַן...

— דער סטעפּ דאַרף איצט קיין רעגן ניט, — האָט שטיל אַ זאָג געטאָן דער קלײַנדיקער פּיאָנער, — ער קאָן אָנטאָן שאָדן דער גערעטעניש...

— אַ מאָשל־קאַפּאָשל. אַזאַ שטויב! אַזאַ דערשטיקעניש! מיר וועלן זיך דאָך ראַטעווען, מעכײַע זײַן... זאָל שוין כאָטש וואָס גיכער אַ פּליוכע טאָן.

— קיין רעגן דאַרפן מיר איצט ניט! — האָט אופגערעגט זיך אָנגערופן אנקע, ווײַזנדיק אויף די רײַפגעוואָרענע זאַנגען, וועלכע דער ווינט האָט כוואַליענדיק געבויגן צו דער ערד.

— קוקט זי נאָר אָן. זי דאַרף ניט, — האָט דער פֿאַרשוין אַ כיכיקע געטאָן, — אין וואַגאָן קאָן מען דערשטיקט ווערן. ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען, און זי, זי דאַרף קיין רעגן ניט...

אַרויסגערוקט דעם פּליכעוואַטן קאָפּ דורכן פֿענצטער, האָט ער ברייט צעעפֿנט דאָס מויל, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפֿכאַפּן מיט די זשעדנע ליפּן די ערשטע רעגן־טראָפּנס.

ערגעץ גאָר נאָענט האָט אָפּגעהילכט אַ דונער.

— אײַ, גוט... אײַ, גוט... — איז דער פֿאַרשוין זיך אַזש פֿאַרגאַנגען פֿון פֿאַרגעניגן.

— בירגער! — האָט מיט אַן אונטערציטערנדיקער שטים אויסגערופֿן אַנקע, ניט זײַענדיק בעקויעך צאַמען אין זיך דעם גרימצאָרן. — איר פֿאַרנעמט אָט דאָ די שילערס ערטער. באַפֿרײַט! שוין! די מינוט!

אַ שטאַרקער דונער האָט באַגלייט אירע ווערטער. קיין רעגן איז ניט אַוועק. פֿאַרקערט, אַפֿן סטעפּ האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיקער.

אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער, האָט אַנקע פֿריילעך זיך איבערגעוווּנקען מיט די פּיאָנערן.

דער ווינט האָט געיאָגט, געטריבן די וואָלקנס, צעפֿליקנדיק און צעזייענדיק זיי אין קלייניקע גרויע אינדזעלעך איבער דעם זיך אויסלײַטערנדיקן הימל.

אַנקע האָט זיך אויסגעדרייט צום פּאַסאַזשיר, איר געזיכט איז ווידער געוואָרן אָנגעשטרענגט.

— באַפֿרײַט דאָס אָרט! — האָט זי הויך איבערגעכאַזערט.

דער פֿאַרשוין אין דער שטרויענער שליאַפּע האָט אַפֿילו ניט אַ בליק געטאָן אין איר זײַט, ער האָט צוגערוקט נעענטער די טשעמאָדאַנען און ניט געאײַלט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אויף דער פּאָלקע און עטוואָס צוגעמאַכט די באָלעכעוואַטע אויגן.

אַן אויפֿגעבראַכטע האָט אַנקע נאָכגעקוקט נאָך זײַן יעדער באַוועגונג. מיטאַמאָל איז איר בליק געפֿאַלן אויף די מוזיקאַלע אינסטרומענטן, וועלכע זײַנען געלעגן אויף דער אייבערשטער פּאָלקע, און זי האָט פֿלינק אַ נעם געטאָן דעם טרומייט.

— כעוורע, אָט דער פֿאַרשוין האָט, דאַכט זיך, זייער ליב מוזיק, — האָט זי פֿאַרשײַט אויסגערופֿן, — איז לאָמיר אים, אויב אַזוי, צוליב טאָן...

די שילער האָבן צופֿרידענע זיך אַ לאָז געטאָן צו די אינסטרומענטן. ווער ס'האָט גענומען אַ פֿאַגאָט, ווער אַ פֿלייט, ווער אַ פּײַפּיאַל, ווער די טאַצן, ווער דעם פּויק. אַנקע האָט צוגעטראָגן צו די פּולבלעכע ליפּן דעם טרומייט. ס'האָבן זיך צעקלונגען די טאַצן, און אַ פֿריילעך־ראַשיקע מוזיק האָט זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגן איבערן וואַגאָן.

די שילער האָבן געשפּילט אַ מאַרש.

— ווערט אַנשטומט! — האָט אַ שיפּע געטאָן דער פּאַסאַזשיר. — היי, האָלאָפּופּניקעס. איך פֿאַרלײַד עס ניט...

קיינער האָט אים ניט געהערט. די מוזיק האָט געקלונגען אַלץ שטאַרקער, מעכטיקער. דער צוג האָט זיך האַסטיק געטראָגן, לײַכט אונטערוויגנדיק דעם וואַגאָן.

— הערט אוף! איך קאָן עס ניט אריבערטראָגן...— האָט אָן אופגעבראכטער געשריִען דער פּאסאזשיר.

נאָר די טרומייטן האָבן פּיַערלעך געהילכט, די טאצן האָבן געדזשימזשעט, די פּיַפּיאַלן זיַינען זיך פארגאנגען אף די העכסטע אָקטאַוועס. אין טאקט מיט דער מוזיק האָבן זיך צעזונגען די סטודענטן און סטודענטקעס, די איבעריקע פּאסאזשירן.

צו אנקען איז צוגעגאנגען דער בלאָנדער מאטראָס מיט דער גיטארע אין האנט.

— איך וועל דערציילן אײַער דירעקטאָר, — האָט ער, א שמייכל געבנדיק, געזאָגט, — איר האָט דאָך אים געגעבן דאָס וואָרט, אז איר וועט אין וואגאָן ניט שפּילן.

— דערציילט! איר מעגט דערציילן!..— האָט אנקע פארשײַט געענטפערט. — מיר וועלן שפּילן, ביז אָט דער נעפּעש וועט זיך ניט פארנעמען פונדאנען.

דער פארשוין האָט מיט קאָס ארופגערוקט אפן קאָפּ די שטרויענע שליאפּע, א כאַפּ געטאָן די טשעמאָדאנען און זיך געלאָזט צום דורכגאנג.

— פּײַנע פּיאָנערן, — האָט ער א בורטשע געטאָן מיט די דינע ליפּן, — א שיינע דערציִונג...

דער פארשמאָלצוועטער שטרויענער הוט איז אראָפּגעפאָרן בא אים אָן א זײַט, ער האָט זיך ספּאַטיקעט, קוים זיך אײַנגעהאלטן אף די קרומלעכע פיס און, וואָרטשענדיק, געשטופּט זיך מיט די טשעמאָדאנען צום טאמבור...

יאַם און הימל, הימל און יאַם

װען ער גייט זיך אַמאָל דורך, אַפילו ניט אין זײַן יאַם־אוניפֿאָרם, איבער דער באַרימטער אָדעסער דעריבאַסאָווסקאַיאַ צי איבער אַ װעלכער־ס׳איז אַנדער באַליבטער גאַס, קוקן זיך פֿיל פֿאַרבײַגייער אום אויף אים. ער איז פּאַשעט זייער שלאַנק, עלעגאַנט. שיין. און עפּשער ניט אויף אַזויפֿיל שיין, װי כיינעװדיק. פֿון זײַן פֿאַרברױנטן, גוטמוטיקן פּנים מיט דעם זאָרגזאַם אונטערגעשאָרענעם שנירעלע פֿעכיק־שװאַרצע װאָנצן גיט אָפּ מיט יאַם, מיט זון, מיט פֿרישע װינטן. די גרויסע זייער לעבעדיקע קאַרע אויגן שמייכלען קלוג, לױכטן מיט מענטשלעכער גוטסקײַט. אין זײַן לײַכט־געמאָסטענעם טראָט פֿילט זיך די זיכערקײַט, אַז ער װייסט, צוליב װאָס ער לעבט אויף דער װעלט. ער רייכערט אָפֿט סיגאַרעטן. און יעדעס מאָל, װען ער פֿאַררייכערט, טראָגט ער מיט זיך דאָס פֿאַרלאָשענע שװעבעלע, ביז ער טרעפֿט ניט אָן אויף אַן אורנע. ער איז ביז גאָר העפֿלעך. טרעט אָפּ אַ פֿרוי אָדער אַן עלטערן מענטשן דעם װעג. אים אַליין איז שוין באַלד פֿופֿציק. נאָר ער זעט אויס פֿיל ייִנגער. מעגלעך דערפֿאַר, װאָס ער קוקט אויף דער װעלט מיט ליכטיקע אויגן, דערפֿאַר, װײַל ער איז מיט זײַן גאַנצן װעזן פֿאַרליבט אינעם לעבן. מיר זײַנען צום האַרצן אַזעלכע מענטשן. באַקאַנט זיך אויך מיט אים: דאָס איז לעאָניד סאַמוילאָװיטש װײַניצקי. אַן אָדעסיט, אַ קאַפּיטאַן פֿון װײַטע יאַם־רייזן. איבער די אָדעסער גאַסן שפּאַצירט ער, אַגעװ, זייער זעלטן. ער איז זעלטן אויף דער יאַבאָשע. שוין העכער דרײַ צענדליק יאָר, װי ער האָט פֿאַרבונדן זײַן לעבן מיטן יאַם. געשװוּמען אויף זעגל־שיפֿן און אויף לײַנערס, אויף אונטערװאַסער־שיפֿן און אויף קרייסערס, אויף סוכאָגרוזן און טאַנקערס. ער האָט דורכגעשניטן אַלע יאַמען, אויסגעפּרוּװט געװאָרן דורך די שטאָרמס פֿון אַלע אָקעאַנען, אויסגעװען װוּ די װעלט האָט אַן עק. געװען אין די האַפֿנס פֿון קובאַ און אַרגענטינע, יאַפּאָניע און אינדיע, בראַזיליע און אורוגװײַ, װענעסועלע און נײַ־זעלאַנד, קאַנאַדע און פֿראַנקרײַך, טערקײַ און עגיפּטן, ציילאָן און אינדאָנעזיע, בירמע און אַלזשיר, איטאַליע און פּערו, פּאַקיסטאַן און סיריע, נאָרװעגיע און האָלאַנד, שװעדן און בעלגיע, פּאַנאַמע און טוניס, גריכנלאַנד און קוװייט, ליבאַן און איראַק, אין אַלע האַפֿנס פֿונעם פּערסישן אײַנגוס, פֿון דעם רויטן יאַם. פֿיר מאָל האָט ער אין ביז גאָר שװערע באַדינגונגען, דורך דעם דורכגעבראָכענעם דיקן שיכט אײַז, דורכגעשניטן

דעם פארפאָרענעם צאָפן־יאם — פון װלאדיװאָסטאָק קיין מורמאנסק. העכער פופציק מאָל האָט ער אף פארשיידענע שיפן איבערגעשניטן די טראָפּיקעס, דעם עקוואטאָר. אכט מאָל דורך די געפערלעכע שקוואלן און אנטיציקלאָנען, צװישן גרויזאם־דראָענדיקע אײַזבערג, געשװוּמען צום דאָרעם־פּאָליוס, צום זעקסטן קאָנטינענט, קיין אנטארקטיקע. צוויי מאָל אף דער שיף „כערסאָן" ארומגערײַזט דעם ערדקײַלעך. און אין דער שװערער צײַט, װען דער װעג קיין קובא איז נאָך געװען ביז גאָר געפערלעך, איז ער געשװוּמען אהין אף א טאנקער, געפירט נאפט, אין װעלכן עס האָט זיך דעמלט באזונדערס גענייטיקט דאָס פרײַהײַט־אינדזל. און פריִער נאָך, אין די פערציקער יאָרן, דינענדיק אינעם מיליטערישן יאם־פלאָט — זעקס יאָר געשװוּמען אין אן אונטערוואסער־שיפל, דרײַ יאָר פון זיי ניט געזען די ליכטיקע זונען־שײַן, געפונען זיך אף פארשיידענע טיפן אין דער אונטערוואסער־װעלט...

אין 1965, אפן װעג קיין בראזיליע, אין מיט פונעם אטלאנטישן אָקעאן, האָט די קאָמאנדע פון דער שיף אָפּגעמערקט לעאָניד סאמוילאָוויטשעס פערציקסטן געבורטסטאָג, און מע האָט דעמלט אונטערגערעכעזשבנט, אז ער האָט צו אָט דעם טאָג דורכגעמאכט איבער די יאמען און אָקעאנען פון דער װעלט א שטרעקע פון העכער 3.000.000 קילאָמעטער. דאָס איז געװען מיט נײַן יאָר צוריק. און אויב מע זאָל איצט פאררייניקן אלע װעגן, איבער װעלכע ער איז געשװוּמען, אין איין ליניע, װאָלט מען געקענט מיט איר הונדערט און צוואנציק מאָל ארומגארטלען אונדזער פלאנעטע ארום עקװאטאָר.

אין אונדזער צײַט, װען ניט נאָר קאָסמאָס־שיפן, נאָר קאָלערליי לופטלײַנערס טראָגן זיך מיט א בליץ־שנעלער גיכקײַט, קאָנען עפשער די הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען קילאָמעטערס אויסזען גאָרניט אזוי פיל. נאָר דורכמאכן אזא מעהאלעך איבער די שטורמישע װאסערן פונעם װעלט־אָקעאן אין מעשעך פון העכער צען טויזנט טעג און נעכט, אָפט אין אומדערטרעגלעכע היצן, אין שרעקלעכע פרעסט, אין זאווייען און נעפּלען, איז גאָרניט אזוי פּאָשעט. צוליב דעם פּאָדערט זיך געוואגטקײַט, פארהארטעוועטקײַט, באהאוונטקײַט און גוואלדיקע פארליבטקײַט אינעם אומגעהייער ראכוועסדיקן אָקעאן, אין זײַן שטענדיק זיך ענדערנדיקער, אומרוִיקער סטיכיי.

אף פיל שיפן איז לעאָניד סאמוילאָוויטש געשװוּמען. איך בין געװען ניט לאנג צוריק בא אים צוגאסט אף דער שיף, אף װעלכער ער שװימט איצט, — אפן טאנקער „מעכאניק אפאנאסיעוו". דער טאנקער איז אײנער פון די גרעסטע אין לאנד. זײַן לענג איז א פערטל קילאָמעטער, די ברייט — עטלעכע און דרײַסיק מעטער. לויט דער הייך שטײַגט ער איבער א פינפשטאָקיק הויז. א גראנדיִעזע שיף מיט א מעכטיקײַט פון 1.700 פערדקראפט.

„מעכאניק אפאנאסיעוו", װי ס'איז שוין באמערקט געװען, איז א טאנקער, דאָס באטײַט, אז זײַן פונקציע איז טראנספּאָרטירן אין גרונט פליסיקן ברענשטאָף. די פילצאָליקע טיפע באקן־ציסטערנעס, װעלכע פארפילן זײַן קאָלאָסאלן אינגעווייד, נעמען אין זיך ארײַן העכער פופציק טויזנט טאָן נאפט, מאזוט, בענזין.

אף די אַקעאַן־וועגן זײַנען, ווי באַוווּסט, אפילו פאר די געניטע און דערפאַרנסטע יאַמלײַט פאַרבאַרגן פיל געפאַרן. נאָר שווימען אַף א שיף, וועלכע איז אָנגעלאָדן מיט צענדליקער טויזנטער טאָן ברענשטאָף, איז א סאך מאָל געפערלעכער. איין שוועבעלע, א ניט גוט פאַרדרייטע הײַקע, וואָס איז צופעליק אַראָפּגעפאַלן, א ניט פאָרזיכטיקער קלאַפּ מיט א האַמער קאָן אַרויסרופן א פונק, א סרייפע און אופרײַסן די שיף. א טאַנקער — „די פאס מיט דינאַמיט", ווי עס רופן אים געוויינלעך די יאַמלײַט, האָט א באַזונדערס שטרענגן רעזשים. מע דאַרף דאָ זײַן זייער געניט און פאָר־זיכטיק, ניט אָנווערנדיק דערבײַ די גיכקייט באַם פירן די שיף. אפילו א מינדסטער צוזאַמענשטויס מיט אַן אונטערוואַסער־ריף אָדער מיט עפּעס אַנדערש קאָן ברענגען צו א שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע. דאָ פאָדערט זיך די פולסטע וואַכזאַמקייט, א פעסטע דיסציפּלין. יעדער איינער פון דער קאָמאַנדע, געפינענדיק זיך אַף זײַן וואַכטע, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון אַלעמען, און אַלע — פאַר דעם, אַז דער רייס זאָל דורכגיין דער־פאָלגרײַך, דער אָנגעלאָדענער טאַנקער זאָל קומען פּינקטלעך צו דער באַשטימטער צײַט בעשאָלעם מיט זײַן ווערטפולן פראַכט אהין, אין יענעם האַפן, וווהין דער לאַנגער און גאָר ניט גרינגער וועג געדויערט אָפטמאָל פיל וואָכן.

זײַן איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן דער אַלגעמיינער זאַך קאָן מען ניט צווינגען. אָט דאָס געפיל דאַרף מען טאָגטעגלעך דערציִען בא יעדן איינעם פונעם עקיפּאַזש. אַף דעם דאַרף מען האָבן טאַלאַנט, גרויס דער־פאַרונג און פריִער פאַר אַלץ אַליין זײַן איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן דער זאַך, וואָס ס'איז אים אָנגעטרויט. און מיט דעם אַלעמען איז באַשאָנ־קען דער קאַפּיטאַן פון ווײַטע יאַם־רייסן לעאָניד וויניצקי.

אַזאַ מיינונג האָבן וועגן אים די יאַמלײַט. אַזאַ מיינונג איז מען וועגן אים אין דער פאַרוואַלטונג פונעם שיפן־פלאָט.

מיט טיפער אַכטונג באַציט זיך צו אים די קאָמאַנדע פונעם טאַנקער, וועלכע באַשטייט פון עטלעכע און פופציק אויסגעפרוּווטע, פאַרהאַרטעוועטע, דרייסטע יאַמלײַט פון פאַרשיידענעם עלטער און נאַציאָנאַליטעט, — שטורמאַנס און געהילפס־קאַפּיטאַנען, מאַשיניסטן און מעכאַניקער, מאַטאָ־ריסטן און עלעקטריקער, טעכניקער און ראַדיסטן, מאַטראָסן פון קאָלערליי יאַם־ספּעציאַליטעטן, זיי אַלע, וועלכע שווימען מיט אים צוזאַמען שוין היפּשע יאָרן.

אַנומלטן, ווען איך האָב פאַרבראַכט מיט איניקע פון די דאָזיקע מענטשן אַפן אָנגעדרײַעטן פאַלשבאָרט פונעם טאַנקער, האָב איך פון זיי פיל זיך אָנגעהערט וועגן זייער קאַפּיטאַן.

— ניט לאַנג צוריק, ווען מיר זײַנען געשטאַנען אין ווענעציער האַפן, — האָט דערציילט דער באָצמאַן לעאָניד רודענקאָ, — האָט אונדז באַזוכט א גרופּע איטאַליענישע יאַמלײַט. און אָט, פאַרברענגענדיק בא אונדז אין דער קאַיוט־קאָמפּאַניע, האָט איינער פון די געסט פאַרגעבן אַזאַ מין אַרט פראַגע: וואָס וואָלט יעדערער געטאָן, געפינענדיק זיך אינמיטן פונעם שטורמישן אָקעאַן, ווען מע מעלדעט, אַז אין צען מינוט אַרום וועט אונטערגיין די שיף. ענטפערס זײַנען געווען פאַרשיידענע. איין איטאַליע־

נישער מאטראָס האָט געזאָגט, אז ער וואָלט אין די צען מינוט זיך געזעגנט כאָטש דורך ראדיאָ מיט זײַן געליבט מיידל, וועלכע וואַרט שוין א יאָר אַף אים. א צווייטער, — אז ער וואָלט זיך געווענדט צו דער האַפן־אדמיניסטראציע מיט א ביטע אריבערפירן די סומע געלט, וואָס עס קומט אים, דער מישפּאָכע זײַנער, זי זאָל האָבן כאָטש די ערשטע צײַט פון וואָס צו לעבן. א דריטער האָט געזאָגט, אז ער וואָלט אין די לעצטע מינוטן זיך גוט אָנגעזשליאָקעט מיטן בעסטן ווײַן. און אזוי ווײַטער און ווײַטער... און איר ווייסט, וואָס האָט אַף דער פראגע געענטפערט אונדזער קאפיטאַן? „איך וואָלט אויסגענוצט די צען מינוט, — האָט ער געזאָגט, — קעדיי געפינען א מיטל אַף ראטעווען די שיף פון דער קאטאסטראָפע”. און איר מעגט גלייבן, אז ער וואָלט אזוי געטאָן, — האָט צוגעגעבן דער באָצמאַן. — אין די שווערסטע מינוטן, ווען די צעבושעוועטע כוואליעס פון העכער דרײַסיק מעטער די הייך שלײַדערן מיט א גוואלדיקער קראפט דעם טאַנקער, פארפלייצן מיט הונדערטער טאָן וואסער דעם אויבערדעק, שטייט אונדזער קאפיטאַן רויִק און זיכער באַם רודער, נעמט בליץ־שנעל אָן די נייטיקסטע באשלוסן, גיט קורצע, פינקטלעכע פאַראָרדענונגען.

— מיט אים איז אונדז אין קיין שום סטיכייע ניט שרעקלעך, — גיט צו דער עלטערער מאטראָס מיכאיִל אלעקסאנדראָוויטש מאקאראָוו, — די הונדערטער טויזנטער דורכגעגאנגענע מײַלן האָבן באוואָפנט אונדזער קאפיטאַן מיט זייער א רײַכער דערפארונג, נו, און דערצו פארמאָגט ער טיפן וויסן, אן אײַזערנעם ווילן, ער איז דרייסט, שטרענג און גוטמוטיק. זייער מענטשלעך...

פונוואנען נעמט זיך בא א מענטשן גוטסקײַט, דרייסטקײַט, ערלעכקײַט און אנדערע גוטע זײַטן? פון געבוירן? אין א געוויסער מאָס האָט דאָס אויך וואָס צו זאָגן. א גרויסע ראָליע אָבער שפּילט דאָ די סוויווע.

לעאָניד סאמוילאָוויטש איז דערצויגן געוואָרן בא הויך־געבילדעטע עלטערן. די מאמע זײַנע, ראָזע, האָט פון קינדווײַז אוף געלעבט אין באָיארקע — בויבעריק, ווי שאָלעם־אלייכעם רופט אָן אָט דעם בײַ־קיִעווער יִשעוו אין זײַן בארימטן ווערק „טעוויע דער מילכיקער”. דער מוטערס מיידלשע פאמיליע איז געווען ראבינאָוויטש. די זעלבע פאמיליע, ווי בא שאָלעם־אלייכעמען. און ניט צופעליק. זיי זײַנען געווען קרויווים, און די מישפּאָכע האָט, נאטירלעך, זיך געגרויסט מיט דעם און גרויסט זיך ביז איצט.

נאָך אין דער פריִער יוגנט האָט לעאָניד שוין געהאט איבערגעלייענט שאָלעם־אלייכעמען און שטארק באווירקט געוואָרן פון זײַנע הערלעכע פאָלקס־געשטאלטן און באזונדערס פון טעוויעס טיפער מענטשלעכקײַט, הארציקײַט, גוטמוטיקײַט און ריינער ערלעכקײַט.

פון קינדווײַז אָן האָט לעאָניד פיל געלייענט. אין זײַן ביבליאָטעק, וועלכע פארנעמט היפּש אָרט בא אים אין דער דירע, זײַנען אונטערגעקליבן די בעסטע ווערק פון די הײַנטצײַטיקע שרײַבער, פון דער רוסישער און אלוועלטלעכער קלאסיק. א בעקאָוועדיק אָרט פארנעמען דאָרט שאָלעם־אלייכעם און מענדעלע מויכער־ספאָרים.

וועגן מענדעלען האָט אים נאָך קינדווײַז פיל דערציילט דער טאַטע — שמועל וויניצקי, אַ גרויסער קענער פון דער ייִדישער, העברעיִשער ליטעראַטור און ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער.

שמועל וויניצקי, אַ געוועזן אָרעם באָכערל פונעם שטעטעלע טעטיִעוו, האָט פון ייִנגלווײַז זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג. צו זעכצן יאָר האָט ער שוין געהאַט איבערגעלייענט מענדעלען, שאָלעם־עליכעמען, פּערעצן, ספּעקטאָרן, אַנדערע ייִדישע שרײַבער פון יענער צײַט, און אין העברעיִש — ביאַליקן, טשערניכאָווסקין, ראַווניצקין, פיל ווערק פון דער רוסישער און אוקראַיִנישער ליטעראַטור.

ווען די אָדעסער געזעלשאַפטלעכקייט האָט אָפּגעמערקט דאָס פינף־און־דרײַסיקסטע יאָר פון מענדעלעס פאַרוואַלטן מיט דער טאַלמעטוירע, איז שמועל וויניצקי, — אים איז געגאַנגען דאָס זיבעצעטע יאָר און ער האָט שוין געוווינט אין אָדעס, — געווען אויף דער פײַערונג, און אים איז אויסגעפאַלן דאָס גליק אין דער אָנוועזנהייט פון ביאַליקן, ראַווניצקין, ספּעקטאָרן און פרישמאַנען באַגריסן אין נאָמען פון די יוגנטלעכע לייענער דעם זיידן פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אויף מענדעלען האָט דאָס דאָס באַגאַבטע באָכערל געמאַכט אַ אײַנדרוק, און ער האָט אים פאַרבעטן אין דער פרײַער צײַט אַרײַנקומען. פון דעמלט אָן פלעגט שמועל וויניצקי אָפּט קומען צום זיידן, געהאָלפן אים פאַנאַנדער־קלײַבן די פּילצאָליקע בריוו, פאַרגעלייענט זיי פאַר אים און לויט דעם זיידנס אָנווײַזונג אויף אייניקע געענטפערט. דעמלט האָט זיך אין אים דערוועקט אַ פאַרלאַנג אָנשרײַבן עפּעס אייגנס. פאַרווירקלעכט איז אָט דער פאַרלאַנג געוואָרן שוין אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, וווהין שמועל וויניצקי איז נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע פרײַוויליק אַרײַנגעטראָטן. שלאָגנדיק זיך מיט אַ ביקס אין האַנט קעגן די סאָנים פון דער יונגער סאָוועטן־מעלוכע, האָט ער זיך אָנגעהויבן דרוקן אין רויטאַרמייִשע צײַטונגען, און נאָך דער אַרמיי אין „פּראַוודאַ‟, „קאָמוניסט‟, „ראַדיאַנסקאַ אוקראַיִנאַ‟ און אַנדערע.

צו וויניצקין, דעם מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג „קאָמוניסט‟, — ער האָט מיט דער מישפּאָכע דעמלט געוווינט אין קיִעוו, — פלעגן אַרײַנקומען זײַנע שלאַכט־כאַווײרים, צווישן זיי די שרײַבער נויעך לוריע, וולאַדימיר סאָסיורע, הערשל אָרלאַנד, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים געדינט אין פאַרשיידענע רויטאַרמייִשע טיילן און אויך אין דער באַרימטער רײַטער־בריגאַדע אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פונעם לעגענדאַרן אַרמייענפירער גריגאָרי קאָטאָווסקי. לעאָניד, אין יענער צײַט שוין אַ שילער פונעם פינפטן קלאַס, פלעגט מיט אַ פאַרטײַפטן אָטעם זיך צוהערן צו די קאָלערליי העלדישע געשיכטעס, וואָס זיי, די געוועזענע רויטאַרמייער, פלעגן דער־ציילן וועגן יענער שטורמישער, זייער שווערער און העראָיִשער צײַט, ווען זיי האָבן זיך געשלאָגן קעגן דער הידרע, דער קאָנטררעוואָליוציע. דאָס אײַנדרוקספולע דרײַצניאָריקע ייִנגל איז פאַרכאַפּט געווען פון זייער דרייסטקייט. מיט זײַן יונגן האַרצן האָט לעאָניד אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם רעוואָליוציאָנערן גײַסט, די העראָיִשע ראָמאַנטיק, וועלכע האָט געהערשט אין שטוב פון זײַנע עלטערן.

ווען עס האָבן זיך צעפּלאַקערט די שלאַכטן אין שפּאַניע, האָבן די על־טערן זייער איבערגעלעבט. זיי האָבן געגאַרט דעם זיג פון די רעפּובלי־קאַנער, די מאַפּאַלע פון די פאַשיסטן. איבערגעלייענט אין דער פּיאָנערי־שער צײַטונג, אַז קינדער פון בילבאַאָ העלפן די רעפּובליקאַנער, טראָגן זיי קריגלעך וואַסער אין די בערג, די רעפּובליקאַנער זאָלן האָבן צו טרינ־קען און מיט וואָס אָפּקילן די קױלנוואַרפערס, האָט לעאָניד זיך צונויפ־גערעדט מיט נאָך אַ ייִנגל, זײַנעם אַ כאַווער, און זיי האָבן באַשטימט אויך העלפן די רעפּובליקאַנער. צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן, וויאַזוי זיך דערקלײַבן קיין אָדעס און פון דאָרט מיט אַ שיף קיין בילבאַאָ. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָבן זיי אָנגעטאָן די רויטע האַלדזטיכלעך, פאַרכאַפּט מיט זיך אַ טאָר־בעלע מיט סוכאַרעס און זיך געלאָזט אין וועג. נאָר ביז אָדעס האָבן זיי זיך ניט דערקליבן. מע האָט זיי אָף מאָרגן אומגעקערט אהיים צו די עלטערן.

קיין אָדעס האָבן די עלטערן מיט פאַרגעניגן ארויסבאַגלייט לעאָנידן אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען ער האָט אַלס אויסגעצייכנטער שילער באַ־קומען אַ פּוטיאָווקע אין אַ פּיאָנער־לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען אין איינעם פון די שענסטע ערטער באַם סאַמע ברעג פונעם שוואַרצן יאַם.

דער יאַם, וואָס איז לאַכלוטן ניט שוואַרץ און גיסט זיך איבער אין קאָלערליי גרינבלעכע און בלאָוולעכע פאַרבן, האָט מיט זײַן מעכטיקער ראַכוועסדיקײַט פון דער ערשטער מינוט פאַרקישעפט לעאָנידן. שאָענוויַז פלעגט ער אַ באַצויבערטער קוקן פונעם הויכן פּיאָנערן־טורעם אָף דער אומענדלעכער יאַם־ברייטקײַט, אָפּן טומלדיקן האַפּן מיט די פּילצאָליקע פריטשאַלן, פאַרפולטע מיט קאָלערליי זיך אויסלאָדנדיקע און אָנלאָדנדיקע שיפן, אָפּן געהיימניספולן ווײַסן לײַכטטורעם, וועלכער שטייט ווי אַ היטער פון די יאַם־טויערן. לעאָניד האָט געזען, ווי עס גייען אַוועק שיפן, שווימען פאַרבײַ דעם לײַכטטורעם און פאַרשווינדן אינגיכן הינטערן האָריזאָנט. וווהין שווימען זיי? איבער וועלכע יאַמען?.. ער האָט שוין פיל געהאַט געלייענט וועגן העלדישע רײַזנדער, וועלכע האָבן דורכגעלייגט נײַע וועגן, אַנטדעקט אינדזלען, קאָנטינענטן, אַרכיפּעלאַגן, געשווומען דורך די הייסע טראָפּיקעס און אין די גרעסטע שטורעמס אין די ווײַטסטע לענדער, ווו עס לעבן גאָר אָף אַן אַנדער אויפן פאַרשיידענע פעלקער, מיט דאָרשטיקן נײַגער אין די ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דער קוים־באַמערקבאַרער ליניע, וועלכע פאַרייניקט דעם הימל און יאַם. און עס האָט אים אָנגעהויבן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער ציִען אהין, הינטערן האָריזאָנט.

זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון פּיאָנער־לאַגער אהיים, האָט דער טרוים וועגן יאַם שוין ניט פאַרלאָזט אים. ווו ער איז ניט געווען און וואָס ער האָט ניט געטאָן, האָט ער געטראַכט וועגן יאַם. ער איז באַהערשט גע־וואָרן פון איין פאַרלאַנג — ווערן אַ מאַטראָס, שווימען איבער די ווײַטסטע ווײַטן הינטערן האָריזאָנט, איבער די קאָלערליי יאַמען און אָקעאַנען, זײַן אָף אַלע קאָנטינענטן, אין אַלע האַפנס פון דער וועלט.

פאַר די עלטערן איז דער פאַרלאַנג זײַנער געווען אינגאַנצן אומגעע־ריכט. ניט זיי, ניט קיינער פון זייערע מישפּאָכעס, ניט די זיידעס, ניט

די עלטערזיידעס זײַנען ניט געווען קיין יאַמלײַט און ביכלאַל קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיטן יאַם. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז לעאָניד וועט גיין גאָר אויף אַן אַנדער וועג, אין אַ קונסט־שול. פֿון קליינווײַז אָן האָט ער אַרויסגעוויזן גאָר היפּשע פֿייִקייטן צו מאָלערײַ. אייניקע זײַנע צייכענונגען זײַנען אַפֿילע געווען אָפּגעדרוקט אין קינדער־זשורנאַלן, און קינסטלער האָבן געלייגט אויף אים האָפֿענונגען. די עלטערן האָבן אָבער זיך געהאַלטן באַם קלאַל: לאָזן אים גיין מיטן וועג, וועלכער איז אים ליב, וועלכער איז אים צום האַרצן.

און לעאָניד איז אײַנעם זעלבן יאָר אָנגעקומען אין אַ מיליטערישער יאַם־שול.

אין שול האָט ער דערלערנט מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, אָקעאַנאָגראַפֿיע און יאַם־נאַוויגאַציע, די כאַראַקטעריסטיק פֿון קאָלערליי ווינטן און טײַפֿונען. אויף יעדן לימעד האָט ער זיך דערוווּסט עפּעס וויכטיקס, נײַס. געלערנט האָט ער זיך פֿלײַסיק און בעשאַס דער פּראַקטיק אויף דער לערנשיף אויסגעלערנט זיך ריכטיק אָריִענטירן לויטן קאָמפּאַס, לויט די שטערן, דערלאַנגען דעם שלייף פֿונעם קאַנאַט אויפֿן קנעכט, ביז גלאַנץ אָנדרײַען דעם אויבערדעק, פֿלינק אַראָפּלאָזן אויפֿן וואַסער אַ רעטונגס־שיפֿל, אָנציִען די זעגלען, שווימען מיט וועסלעס אויף אַ שליופּקע...

פֿון יענער צײַט האָט זיך פֿאַרהיט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע: לעאָניד שטייט בײַ דער פֿאַנאַנדערגעוויקלטער פֿאָן פֿון דער מיליטערישער יאַם־שול. לויטן באַפֿעל פֿון דער שול־קאָמאַנדשאַפֿט האָט מען אים פֿאָטאָגראַפֿירט. און פֿאַרדינט האָט ער עס אָט מיט וואָס: מיט אַ קורצער צײַט פֿאַר דעם איז ער, לעאָניד, פֿאַר אויסגעצייכנטער לער און דיסציפּלין פּרעמירט געוואָרן מיט אַ בילעט אין אָפּערע־טעאַטער אויף „איוואַן סוסאַנין”. פֿאַרפּוצט אין דער קורסאַנט־אוניפֿאָרם, איז ער, דעמלט שוין אַ ליבהאָבער פֿון אָפּערע, געקומען אין טעאַטער לאַנג פֿאַרן אָנהייב פֿונעם ספּעקטאַקל און פֿאַרנומען זײַן אָרט אין דער פֿינפֿטער ריי, אין סאַמע צענטער, אַנטקעגן דער בינע. צוביסלעך איז די ריי פֿאַרפֿולט געוואָרן, פֿאַרבליבן איז נאָר איין פֿרײַ אָרט, בײַשכיינעס מיט אים. און דעמלט איז אַראָפּגעקומען אַ פֿאָרפֿאָלק, שוין עלטערע מענטשן. בײַ זיי איז געווען איין בילעט אויף אָט דעם פֿרײַען אָרט, און אַ צווייטער — אין די הינטערשטע רייען פֿון בעלעטאַזש. זיי זײַנען אײַנגעגאַנגען אויף דעם, ווײַל קיין אַנדערע בילעטן זײַנען אין קאַסע שוין ביכלאַל ניט געווען. דער מאַנצבל, אַן עטוואָס אײַנגעבויגענער, מיט אַ גראָווער שעוועליורע, האָט פֿאָרגעלייגט איר, דער דאַרינקער פֿרוי זײַנער אין ברילן, פֿאַרנעמען דאָס אָרט דאָ, אין דער פֿינפֿטער ריי, און ער וועט גיין אַרויף אין בעלעטאַזש. זי האָט פֿאָרגעלייגט פֿאַרקערט: ער זאָל בלײַבן דאָ, ער הערט שוואַך, און זי וועט גיין אַהין. דעמלט האָט לעאָניד זיך אויפֿגעהויבן און פֿאָרגעלייגט זיך בײַטן מיט אים מיטן אָרט. זאָלן זיי, ביטע, בלײַבן דאָ צוזאַמען, און ער וועט גיין אויפֿן בעלעטאַזש. אים מאַכט עס ניט אויס. ער הערט גוט און זעט גוט. דאָס פֿאָרפֿאָלק האָט זיך פֿאַרלוירן, ניט געוואָלט נעמען זײַן בילעט. נאָר ער איז באַשטאַנען אויף דעם. זיי זײַנען געווען גערירט פֿון זײַן נאָבעלער אויפֿפֿירונג, ניט געוווּסט, ווי צו באַדאַנקען אים פֿאַר זײַן גוטסקײַט. לויט דער אוניפֿאָרם, וועלכע ער האָט געטראָגן,

איז צו זען געווען, אז ער איז פון דער מיליטערישער יאם־שול. האָבן זיי
ביידע, — ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אלטע באָלשעוויקעס, — אָנגעשריבן
א בריוו דעם שעף פון דער שול, דערציילט וועגן דער נאָבעלער אופי־
רונג פון זייערן א קורסאנט. דעם נאָמען און פאמיליע האָבן זיי ניט אָנ־
געוויזן. זיי האָבן פּאָשעט ניט געוווּסט.

דער שעף פון דער מיליטערישער יאם־שול האָט אפן אינדערפרי״קן
דורכקוק פעסטגעשטעלט, וועלכער קורסאנט איז אין יענעם אָוונט געווען
אין אָפּערע־טעאטער, און לויטן באפעל פון דער קאָמאנדשאפט איז פאר
גאלאנטער אופירונג לעאָניד וויניצקי פאָטאָגראפירט געוואָרן בא דער פא־
נאנדערגעוויקלטער פאָן.

העפלעכקײַט איז א כאראקטעריסטישער שטריך פון לעאָניד סאמוילאָ־
וויטשעס נאטור. ער וועט קיינמאָל ניט איבערשלאָגן יענעם אינמיטן די
רייד, אומבאדינגט אָפּטרעטן אן אָרט אן עלטערן מענטשן, און ווער רעדט —
א פרוי, זאָל זי זײַן אפילע א סאך יינגער פון אים. ער וועט אונטערהאלטן
א שוואכן, העלפן אים אריבערגיין א רוישיקע גאס. און אנומלטן, ווען ער
האָט פארבראכט אין דער היים און איז מיט זײַן פרוי געגאנגען, ווי געווייג־
לעך אין אזא פאל פארפוצטע, אין אָדעסער אָפּערע־טעאטער, האָט ער בא־
מערקט אין אן אָפענעם הויף, ווי אן אלטיטשקע מאטערט זיך באם צע־
האקן עטלעכע גראָבע שײַטלעך האָלץ. ניט לאנג געטראכט, האָט ער גענו־
מען בא דער אלטיטשקער די האק און ניט ארויסגעלאָזט זי פון די הענט,
ביז ער האָט ניט צעשפּאָלטן ווי געהעריק אלע שײַטלעך. זײַן פרוי האָט
אלע ווײַלע געקוקט אפן האנט־זייגערל, מוירע געהאט, אז זיי וועלן פאר־
שפּעטיקן צום אָנהייב פונעם ספּעקטאקל. נאָר זי האָט אים קיין וואָרט ניט
געזאָגט. זי ווייסט גוט זײַן כאראקטער. און זי שאצט עס. ס׳איז איר ליב
זײַן מענטשלעכע גוטסקײַט נאָך פון דעמלט, פון זייער ערשטער באגע־
געניש אין יאלטע. אים איז דעמלט געווען זיבן און צוואנציק. זי — עט־
וואָס יינגער. לעאָניד סאמוילאָוויטש האָט שוין געהאט דורכגעמאכט א
גרויסן וועג. ער האָט פארענדיקט א העכערע מיליטערישע שול און היינ־
טער־אויגיק דעם אינסטיטוט פאר יאמלײַט. זײַענדיק א קורסאנט, האָט ער
זיך באטייליקט בעשאס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אין די
יאם־אָפּעראציעס אף מיליטערישע קאטיערס און קרייסערס. ווי שטענדיק,
האָט ער געשטרעבט אהין, ווו ס׳איז שווערער, זיך אליין אָנגעבעטן, מע זאָל
אים אריבערפירן אין אן אונטערוואסער־שיפל, און ניט איין מאָל, ווען מע
האָט געדארפט אויספילן א דרינגענדע אופגאבע, האָט ער אין אן אָנצוג
פון א וואסער־טויכער זיך אראָפּגעלאָזט אפן יאם־דעק.

זומער און ווינטער, פרילינג און הארבסט, באטאָג און באנאכט ברומט
און רוישט דער אוראלטער און אייביק יונגער אָקעאן. שיפן פון פארשיי־
דענע לענדער האָבן נאָך אין דער ווײַטער פארגאנגענהײַט דורכגעלייגט
איבער זײַנע ראכוועסן פיל אומזעבארע וועגן. איבער אָט די וועגן, אָן
קיינע שום אויסערלעכע סימאָנים און צייכנס, אָן ווײַזערס און סוועטאָ־
פאָרן, שווימען איצט טאָגטעגלעך טויזנטער הײַנטצײַטיקע שיפן — פּאסא־

זשיר־לײַנערס, טאַנקערס, סוכאָגרוזן, רעפריזשעראַטאָרס, פראַכט־טראַנס־פּאָרטיאָרן פאַר ארץ און קוילן, ספּעציִעלע שיפן פאַר וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס אויף דערלערנען די פלאָרע און פאַונע, אויף דערלערנען די יאַם־טיפענישן, די אונטערוואַסער־בערג, שיפן, וועלכע לייגן דורך און רע־מאָנטירן יאַם־קאַבעלן. און אויסער דעם נאָך איבער פינף הונדערט טויזנט קלענערע שיפן־טראַולערס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פישפאַנג. די, וועלכע זײַנען אַליין קיינמאָל ניט געשווומען און געזען אַ שטאָרעם אויפן יאַם, ליגנדיק אויפן פּליאַזש, האָט דער שטאָרעם געקאָנט בײַ זיי אַרויסרופן באַגײַסטערונג, אפילו פרייד. אַ שטאָרעם האָט אָבער קיינמאָל ניט פאַרשאַפט קיין פרייד די יאַמלײַט, פּונקט ווי עס פאַרשאַפן זיי ניט קיין פרייד די געדיכטע נעפּ־לען, שווימענדיקע אײַזבערג, אונטערוואַסער־ריפן, וועלכע דראָען און שטעלן יעדע רעגע אין געפאַר זייערע לעבנס.

דער אָקעאַן באַלוינט ניט די יאַמלײַט. און ווי וועלנדיק אויספּרוּוון זייער דרייסטקײַט און געוואַגטקײַט, האָט נעפּטון — דער קיניג פון אַלע יאַמען און אָקעאַנען — צוגעגרייט אין זײַנע אונטערוואַסער־הערשאַפטן ניט ווייניק געפערלעכע ערטער. מע קאָן עס אָרטיילן לויט זייערע נעמען, ווי: „מיס בור", „מיס דיאַוואָלאַ", „מיס סמערטי", „מיס מוטשעניאַ", „מיס סטראַ־דאַניאַ"...

העכער הונדערט טויזנט שיפן ליגן אויפן דעק פונעם וועלט־אָקעאַן. פאַרן יאָר 1972 זײַנען, לויט די אָנגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניק־טע נאַציעס, בעשאַס צוזאַמענשטויסן און פון פאַרשיידענע אַנדערע סיבעס אומגעקומען נאָך 371 שיפן. אפילו די מעכטיקסטע שיפן, אויסגעשטאַטע לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק און געפירטע פון די דערפאַרנסטע און אויסגעפּרוּווטסטע קאַפּיטאַנען, ווערן צומאָל אויך קאָרבאָנעס פון דער בלינדער סטיכיי.

איך דאַרף איבעריקס ניט דערקלערן, פאַרוואָס מיר האָט זיך געוואָלט אין רויִקע אומשטענדן באַגעגענען זיך מיט לעאָניד סאַמוילאָוויטש וויניצ־קין. און דאָס איז, אַגעוו, גאָר ניט אַזוי לײַכט געווען. ער קומט אַראָפּ זייער זעלטן קיין אָדעס, אַהיים צו זיך. איין מאָל אין דרײַ אָדער זעקס כאָדאָשים. ס'טרעפט, אַז איין מאָל אין נײַן כאָדאָשים, אָדער אפילו איין מאָל אין יאָר. דערוווסט זיך אָנומלטן, אַז זײַן שיף איז אַרײַן אין אָדעסער האַפן אויף רע־מאָנט, האָב איך זיך פאַרבונדן מיט אים דורכן טעלעפאָן, און מיר האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפן בײַ מיר זעקס אַזייגער אין אָוונט. איך האָב באַצײַטנס צוגעגרייט אַ היפּשן צעטל מיט פראַגן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו אים אַלס קאַפּיטאַן: וועלכע אינטערעסאַנטע מאַרשרוטן האָט ער לעצטנס דורכגעמאַכט, וועלכע שוועריקײַטן און געפאַרן איז אים אויסגעקומען בײַ־קומען אַאַוו. פאַר די דרײַ און דרײַסיק יאָר, וואָס ער שווימט, האָט ער ניט ווייניק געזען און איבערגעלעבט. אָט דאָס האָט מיך אינטערעסירט.

געקומען איז ער פּינקטלעך צו דער צײַט. אַן ענערגישער, אַן אויפגע־לעבטער. ווי נאָר ער האָט זיך צוגעזעצט אין פאָטעל בײַ מײַן שרײַבטיש, האָט ער מיט אָפענער צופרידנקײַט מיר געוויזן שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע

דער מילכיקער״, וועלכן עס האָט אים אָפּגעגליקט צו קויפן אַקאָרשט בא א בוקיניסט אפן וועג צו מיר.

— ס׳איז איינס פון מייַנע באַליבטסטע ווערק, — האָט ער א זאָג געטאָן, א בלעטער געבנדיק דאָס בוך, — טשיקאווע, ווו ליגט דער סאָד, וואָס אָט דאָס ווערק ווירקט אזוי? לייענסט צומאָל א ראָמאן, ווו עס קומען פאָר שווידערלעכע געשיכטעס, מע שיסט, מע הארגעט, מע ברענט, און — גאָרניט. עס רירט ניט, ווי לעוו טאָלסטאָי האָט געזאָגט: „ער שרעקט מיך, און מיך קימערט עס ניט״... און אָט אין דעם ווערק, קיינער שיסט ניט, קיינעם הארגעט מען ניט. דעם אינהאלט ווייס איך פארפריער, שוין וויפל מאָל געלייענט. און יעדעס מאָל, ווען איך לייען ווידער, ווער איך מאמעש פארכאפט. עס נעמט מיך ווידער און ווידער באם הארצן. עס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. אין וואָס זשע ליגט דער סאָד? עס ווירקט די אויסערגעוויינלעכע גוטסקייַט פון אָט דעם ערלעכן האָרעפּאשניק. עס רירט טעוויעס הארציקייַט, זייַן טיפע מענטשלעכקייַט, אָט אין דעם ליגט, לויט מייַן מייַנונג, די קראפט פונעם ווערק. איר זייַט מאסקים מיט מיר? — האָט ער מיט נייַגער א פרעג געטאָן.

און ס׳איז אוועק א רייד וועגן טעוויען, וועגן „מאָטל פּייסי דעם כאזנס״, וועגן דער זייער הויכער אָפּשאצונג, וועלכע מאקסים גאָרקי האָט געגעבן שאָלעם־אַלייכעמס שאפונג אין זייַנע בריוו און אפן ערשטן צוזאמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייַבער, וועגן שאָלעם־אַלייכעמס פארבינדונג מיט לעוו טאָלסטאָי, מיט טשעכאָוון, קאָראָלענקאָן, וועגן דער גרויסער רוסישער ליטעראטור, וועגן דער פרייַנטשאפט פון טורגענעוון מיט פלאָבערן, און וועגן הוגאָ, און וועגן באלזאקן, און וועגן נאפּאָלעאָנען, וועגן שפּינאָזען, און וועגן די גרויסע שרייַבער און קינסטלער פון אונדזער צייַט — וועגן פּערעץ מארקישן און ראסול גאמזאטאָוון, יוליאַן טווימען און פּאבלאָ נערודא, וועגן מארק שאגאלן און פּאבלאָ פּיקאסאָ, און אגעוו אויך וועגן קאָסמאָס און עלעקטראָניק, וועגן וויעטנאם און נאָענטן מיזרעך... לעאָניד סאמוילאָוויטש איז פארכאפט געוואָרן פון אָט דעם געשפּרעך, און מיר האָבן זיך אזוי פארעדט, אז מיר האָבן לאכלוטן ניט באמערקט, ווי ס׳איז אדורך דער אָוונט. דער זייגער האָט שוין געוויזן אָנהייב צוועלף. לעאָניד סאמוילאָוויטש האָט נאָך באדארפט זייַן אף דער שיף. ער האָט אייַליק זיך געזעגנט. אוועק. און בא מיר אפן שרייַבטיש איז פארבליבן ליגן דער צעטל מיט די פּילצאָליקע פראגן, וועלכע איך האָב געדארפט אויסקלאָרן. און כאָטש ער האָט מיר פארן גאנצן אָוונט קיין איין וואָרט ניט דערציילט וועגן זיך, וועגן זייַנע רייסן, האָב איך פון אָט דער באגעגעניש מיט אים זיך דערוווּסט עפּשער מער, ווי איך האָב דערוואַרט. עס האָט זיך אנטפּלעקט פאר מיר אן אלזייַטיק געבילדעטער, הויך־אינטעלעקטועלער, ביז גאָר אינטערעסאנטער מענטש, וועמען עס גייט אָן ניט נאָר דאָס, וואָס האָט א שייַכעס צו זייַן באַליבטער פּראָפעסיע, נאָר אַלץ, וואָס רינגלט אים ארום, וואָס ס׳טוט זיך בא אונדז אין לאנד און אף דער גאָרער וועלט.

און דאָך... דאָך האָב איך צוליב דער פארצייכענונג געדארפט בא אים קריגן אן ענטפער אף מייַנע פראגן. מיר האָט זיך ניט געוואָלט אים מער באומרויִקן, צונעמען צייַט, נאָר קיין ברייַרע האָב איך ניט געהאט. איך

האָב זיך ווידער פארבונדן מיט אים דורכן טעלעפאָן און געזאָגט, אז איך מוז צוריבן בא אים כאָטש נאָך עטלעכע שאָ. ער האָט געענטפערט, אז ס׳איז מעגלעך נאָר זונטיק. זונטיק נאָך האלבן טאָג וועט ער זײַן אפן טאנקער און וועט ווארטן אף מיר.

ווען איך בין ארײַן אינעם גרויסארטיק־מעכאניזירטן האפן מיט די מעכטיקע הייב־קראנען און אווטאָמאטישע טראנספּאָרטיאָרן, האָב איך נאָך פונדערווײַטן צווישן די גרויסע אָקעאַן־שיפן, ווי „יורי גאגארין״, „אדמיראל נאכימאָוו״, „שאָטא רוסטאוועלי״ און אנדערע, דערזען דעם טאנקער, וועלכן איך האָב באדארפט. אף זײַן קאָלאָסאלן פריש־אָפּגעפארבטן טונקל־גרינעם קאָרפּוס איז מיט גרויסע מילך־ווײַסע בוכשטאבן געווען אָנגעצייכנט „מעכאניק אפאנאסיעוו״.

ווער איז געווען אפאנאסיעוו און פארוואָס טראָגט דער טאנקער אָט דעם נאָמען?

סערגיי איוואנאָוויטש אפאנאסיעוו איז נישט געווען ניט קיין אדמיראל, ניט קיין קאָסמאָנאווט, ניט קיין פּאָעט. ער איז געווען א מעכאניקער און אלס מעכאניקער פיל יאָרן געשווומען, באדינט פארשיידענע שיפן. אין די גרויזאמע טעג פון אָקטיאבער 1941, ווען אָדעס איז באלאגערט געוואָרן פון די פאשיסטישע האָרדעס, איז אפאנאסיעוו באשטאנען, אז מע זאָל אים שיקן אף די פּאָדערשטע פּאָזיציעס. ער האָט זיך מעסירעסנעפעשדיק געשלאָגן דאָרטן קעגן סוינע און העלדיש געפאלן אפן שלאכטפעלד. דער נאָמען זײַנער איז פארייביקט געוואָרן. איינער פון אונדזערע גרעסטע טאנקערס האָט באקומען דעם נאָמען „מעכאניק אפאנאסיעוו״, און די קאָמאנדע פון דער שיף האָט פארעכנט אפאנאסיעווס פרוי, די עטלעכע־און־פופציקיאָריקע אלמאָנע, אלס „מאמע פון דער שיף״. און מע באציט זיך צו איר טאקע, ווי צו א מאמע. מע זאָרגט זיך וועגן איר, מע שרײַבט זיך איבער מיט איר, און ווען דער טאנקער קומט אין האפן, לאדט מען זי אײַן, מע טראָגט איר אונטער מאטאָנעס. און יעדן כוידעש שיקט די קאָמאנדע איר א צוגאָב־סומע צו דער פענסיע, וועלכע זי באקומט.

פון קאפיטאן־בריקל, וואָס געפינט זיך אפן סאמע העכסטן, פינפטן שטאָק פון דער שיף, האָט דער יאם אויסגעזען נאָך גרויסארטיקער, מעכטיקער. איז עפשער דערפאר טאקע האָט זיך מיר דערמאָנט אזא געשיכטע: מיט א געוויסער צײַט צוריק איז קיין אָדעס געקומען צו פאָרן שוין א באיאָרטער גאנץ אָנגעזעענער קריטיקער, וועלכער האָט קיינמאָל קיין יאם ניט געזען. א גרופע אָדעסער שרײַבער האָט אים אײַנגעלאדן אף א שפאציר, אוועק מיט אים צום לאָנזשעראָן, און דער גאסט האָט פון דאָרט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען פאר זיך דעם יאם.

— נו, וואָס זאָגט איר אף דעם? — האָט מען בא אים א פרעג געטאָן, ווײַזנדיק אף דער אָנענדלעכער ראכוועסדיקער בלויקײַט.

— אר־וואו! — האָט ער באגײַסטערט אויסגערופן. — א סאך וואסער!

ווען איך האָב עס דערציילט לעאָניד סאמוילאָוויטשן, האָט ער זיך הויך צעלאכט.

— לעמײַ זאָל איך זאָגן, — האָט ער אין א ווײַלע ארום גוטמוטיק באמערקט, — דער קריטיקער איז אוואדע געווען גערעכט. ווירקלעך, א סאך וואסער. העכער צוויי דריטל פונעם ערדקײַלעך איז באדעקט מיט וואסער. פאר די עטלעכע און דרײַסיק יאָר, וואָס איך שווים, האָב איך פּערזענלעך געהאט די מעגלעכקײַט זיך איבערצײַגן אין דעם...

אזא כאראקטער שוין בא אים, בא לעאָניד סאמוילאָוויטשן, עס האָט אים שטענדיק געצויגן אהין, ווו ס'איז שווערער, ווו מע קאָן אנטדעקן עפּעס נײַס, בארײַכערן די דערפארונג, אופטאָן מער, ווי געוויינלעך. און דעריבער האָט ער מיט עכטער פרייד אופגענומען די יעדיִע, אז דער טאנקער „כערסאָן״, אף וועלכן ער איז דעמלט געשווומען אלס עלטסטער געהילפס־קאפּיטאן, האָט באקומען אן אופגאבע גיין אין דער אנטארקטיקע, צושטעלן דער קיטנבוינער־פלאָטיליע „סלאווא״ ברענשטאָף, דערנערונג, פּאָטשט, און איבערלאָדן פון דער הויפּט־באזע צו זיך אין טאנקער דעם שוין גרייטן קיטן־פּראָדוקט.

עס טרעפן זיך גאנץ אָפט רייסן, אין וועלכע עס כאזערן זיך איבער די שוין פון פריִער דורכגעגאנגענע מארשרוטן. דעמלט איז סײַ דעם קאפּיטאן, סײַ זײַנע געהילפן, דעם שטורמאן אין פיל הינזיכטן גרינגער. מע באנוצט זיך מיט די שוין גרייטע, גוט דורכגעקאָנטראָלירטע מאפּעס, אף וועלכע עס זײַנען פּינקטלעך אָנגעצייכנט די פאָרשטייענדיקע יאם־וועגן. גאָר אנדערש איז, ווען דער שיף שטייט פאָר גיין צום ערשטן מאָל אין א נײַעם מארשרוט. דעמלט דארף מען דורכלייגן אף דער מאפּע נײַע וועגן, פּינקטלעך אלץ אויסרעכענען, צוגרייטן ווי געהעריק צום נײַעם מארשרוט דעם טאנקער. צוזאמען מיטן קאפּיטאן און גאנצן עקיפּאזש האָט לעאָניד סאמוילאָוויטש העפטיק זיך געגרייט צו אָט דעם לאנגדויערנדיקן, זייער ווײַטן און גאָר ניט גרינגן רייס.

און אָט, אין א פראָסטיקן סאָף־דעקאבער־טאָג, האָט לעאָניד סאמוילאָוויטש זיך געזעגנט מיט זײַן מילדער פרוי, מיטן זון, מיט טאטע־מאמע, און אף דעם ניט איבעריקס גרויסן טאנקער פארלאָזט דעם היימישן אָדעסער האפן, פארשווונדן הינטער דעם פארנעפּלטן האָריזאָנט.

שווימענדיק בא ניט גאָר גינסטיקע וועטערן, איז דער טאנקער בעשאָלעם אדורך מיט דעם שוין פון לאנג באקאנטן וועג דעם באָספאָר, דעם מראמאָר־יאם, די דארדאנעלן, דעם עגעיִשן און מיטללענדישן יאמען, דעם גיבראלטאר, און פונדאנען שוין גענומען דעם קורס צו דעם סוידעספולן זעקסטן קאָנטינענט, קיין אנטארקטידע.

טראָגנדיק זיך טאָג־אויס, טאָג־אײַן איבערן אומרויִקן אטלאנטישן אָקעאן, האָט דער טאנקער איבערגעלאָזט הינטער זיך איין פּאראלעל נאָך דעם אנדערן און אלץ מער און מער זיך דערנעענטערט צו די טראָפּיקעס.

דער פרימאָרגן אין די טראָפּיקעס געדויערט ניט לאנג. אָט הייבט ערשט אָן שאריִען, מע באווײַזט זיך ניט ארומקוקן, און די זון, א גרויסע, א ווײַס־צעגליטע, פלאמט שוין הויך אין הימל. זי בלענדט די אויגן. דער שטאָלענער אויבערדעק איז אָנגעגליט. ס'איז ניט צורירן זיך מיט דער

האנט צו דער מעשענער פאָרענטש פונעם באָרט, ס׳בריט. ארום־און־ארום
איז וואסער, און ס׳איז סײַווי שרעקלעך הייס. און דער טאנקער גייט זיך
מיט זײַן קורס. יעדער איינער פון עקיפּאזש איז אף זײַן וואכטע. די מעכא־
ניקער און מאָטאָריסטן בא די הודענדיקע טורבינעס אונטן אין מאשין־
אָפּטיילונג, די עלעקטריקער בא די קנופּ־אײַנריכטונגען, דער ראדיסט אין
ראדיאָ־רובקע, דער פאָרויסקוקנדיקער מאטראָס אף דער נאָז פונעם טאנ־
קער, דער קאָך אין קאמבוז בא דער פּליטע, דער דאָקטער אין סאניטאר־
פּונקט, דער עלטסטער מאטראָס באם שטורוואל, לעאָניד סאמוילאָוויטש בא
דער נאוויגאציע־אפּאראטור. און מיטאמאָל האָט איבערן טאנקער זיך צע־
הילכט א פּײַערלעכע סירענע, און באלד נאָך דעם דורך די ראדיאָ־הויכ־
ריידערס א באפעל: זיך אויסשטעלן אף דער הויפּט־פּאלובע לענגויס דעם
לינקן באָרט.

לעאָניד סאמוילאָוויטש האָט שוין פון לאנג געוואַרט אף אָט דעם גע־
גארטן מאָמענט, ווען די שיף וועט דערגרייכן און ארײַן אין דער עקוואַ־
טאָר־ליניע און עס וועט זיך אָנהייבן דער טראדיציאָנעלער נעפּטון־יאָמ־
טעוו. ס׳איז אים טשיקאווע געווען זיך צו באטייליקן אין אָט דעם אלטן
יאם־מינהעג. א טייל פונעם עקיפּאזש איז שוין געהאט געשווומען איבערן
עקוואטאָר אף אנדערע שיפן און פאר זיי איז עס שוין קיין נײַס ניט גע־
ווען, אָבער פאר אים... און ער דערמאָנט זיך:

אין עטלעכע רעגעס נאָך דעם, ווי ס׳האָט אָפּגעהילכט דער באפעל,
זײַנען די יאמלײַט פונעם טאנקער שוין געשטאנען אין הילצערנע שליאָ־
פּענצעס לענגויס דעם לינקן באָרט אף דער אָנגעגליטער פּאלובע. לעאָניד
סאמוילאָוויטש האָט מיטאמאָל דערהערט א ווילדע קוויטשערײַ. מעשונע
שפּרינגענדיק, האָבן פון פאלשבאָרט זיך אָנגעטראָגן די „יאם־שיידים”. די
לענדן בא זיי — ארומגעוויקלט מיט שטיקער גרינער ראָגאָזשע, דאָס נאקע־
טע לײַב, די הענט און די פיס — אויסגעשמירט אין סאזשע. פון זייערע
שווארצע פּענעמער האָבן ארויסגעגלאנצט די אויגן־ווײַסלעך און די שטשי־
רענדיקע ציין. די „שיידים” האָבן ווילד געטאנצט, געשפּרונגען, זיך געקו־
ליעט, געמאכט פארשיידענע האווײַעס, געקוויטשעט, געקלאפּט מיט גרויסע
לעפל איבער די טאצן און, טאנצנדיק, באגעגנט דעם אלמעכטיקן הערשער
פון אלע יאמען און אָקעאנען. דער נעפּטון, א הויכער, א דארער, מיט
געדיכטע גראָווע ברעמען פון וואטע און מיט א ברייטער ווײַסער באָרד
ביז די קני, אין א שפּיציקן הימל־בלויען קאָלפּעק און אין א לופטיקער
מאנטיע פון יאם־קאָליר, מיט א לאנגן הילצערנעם גאָפּל אין איין האנט און
מיט א גרויסן פּאפּירענעם שליסל פונעם וועלט־אָקעאן אין דער אנדערער
האנט, איז געבליבן שטיין אף זײַן טראָן־בריקל און בייז א פּײַף געטאָן. די
שיידים זײַנען גלײַך שטיל געוואָרן. דער קאפּיטאן פונעם טאנקער וויליען
דמיטראָוויטש קאָזיאר האָט געמאכט עטלעכע טריט, זיך אויסגעצויגן פארן
נעפּטון, ווי עס וואָלט פאר אים געשטאנען דער מיניסטער פון יאם־פלאָט
און ניט דער פארגרימירטער באָצמאן, און הויך, מיט פולער ערנסטקײַט
אין דער שטים, אָפּגעגעבן אים א ראפּאָרט.

דער נעפּטון האָט, פרייליך איבערווינקענדיק זיך מיטן קאפּיטאן, אויס־
גערופן:

— ווּ איז מײַן הויכגעבילדעטער קלוגער שעד?

דער הויכגעבילדעטער קודלאטער „שעד", — דער דריטער געהילפס־מעכאַניקער, — האָט, אונטערקלינגענדיק מיט די בליאַסקענדיקע קאָרעלן אויפֿן שוואַרצן האַלדז און מיט די קופּערנע גלעקעלעך אויף די לענדן, זיך עטלעכע מאָל קונציק איבערגעקוליעט, פֿלינק צוגעשפּרונגען צום גרויזאַמען נעפּטון, פֿאַנאַנדערגעוויקלט דעם צונויפֿגעקנוילטן פּאַפּיר, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין האַנט, און, אונטערקרייענדיק, ווי אַ האָן, איבערגעלייענט דעם אורטייל: טויוולען אַלע נײַינקעס, וועלכע שווימען צום ערשטן מאָל דורך דעם עקוואַטאָר, אין אָקעאַן־וואַסער.

לעאָניד סאַמוילאָוויטש האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי עטלעכע „שיידים" האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן, אָנגעשעפּט מיט אַ גראָבער פּאַקליע־באַרשט מילינקעס פֿון אַן עמער, אָנגעזייפֿט אים דאָס פּאָנעם, מיט אַ גאָל־מעסער פֿון פֿאַניער אים אָפּגעראַזירט, און, צעהוידענדיק אים פֿאַר די הענט און די פֿיס, אַ שלײַדער געטאָן אים, עמעס, ניט אויסערן באָרט אין אָקעאַן, ווּ עס האָבן אַרום טאַנקער געבושעוועט הונגעריקע אַקולעס, נאָר אינעם גרויסן טשאַן, וועלכן מע האָט אויסגעבויט אויף דער פּאַלובע און אָנגעפֿילט מיט וואַסער פֿון אָקעאַן.

נאָך דעם זײַנען אין ברייטן און טיפֿן טשאַן געפֿלויגן איינס נאָכן אַנדערן די איבעריקע נײַינקעס, און צום סוף זײַנען אַהין אַרײַנגעשפּרונגען אויך די „שיידים" און ער אַליין, דער נעפּטון מיט לאַנגן דרײַצייניקן גאָפּל. לעאָניד סאַמוילאָוויטש האָט צוזאַמען מיט אַלעמען זיך געבאָדן אין אָפּפֿרישנדיקן וואַסער, פֿילנדיק אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן פֿון דעם, וואָס ער געפֿינט זיך אין אָט די מינוטן אין סאַמע צענטער פֿונעם ערדקײַלעך, ווּ דער טאָג איז שטענדיק פּונקט אַזוי גרויס, ווי די נאַכט, ווּ ס'איז קיינמאָל ניטאָ ניט קיין ווינטער, ניט קיין פֿרילינג, ניט קיין האַרבסט, — ווּ ס'איז שטענדיק זומער.

שוין צום סוף פֿון דער פֿײַערלעכער צערעמאָניע, באַם יאָמטעוודיקן מיטיק, האָט דער נעפּטון אַרויסגעגעבן דיפּלאָמען די נײַינקעס. אינעם פֿײַן אויסגעמאָלטן דיפּלאָם, וועלכן עס האָט באַקומען לעאָניד סאַמוילאָוויטש, איז מיט באַגילדעטע אותיות אָנגעשריבן: „אָט דער הויכגעשעצטער דיפּלאָם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם יאַם־שווימער פֿון דער סאָוועטישער מעלוכע וויניצקי, דעם זון פֿון שמועלן, און עס ווערט באַשטעטיקט מיט דעם, אַז דעם צווייטן טאָג פֿון דעם כוידעש פֿעוורואַל אינעם יאָר 1956 האָט ער אויפֿן טאַנקער „כערסאָן" איבערגעשניטן דעם צענטער פֿונעם ערדקײַלעך — דעם עקוואַטאָר — און איז הייליק געטויוולט געוואָרן אינעם וואַסער פֿון אָקעאַן. פֿון איצט אָן און אויף שטענדיק זײַנען אַלע יאַם־ און אָקעאַן־וועגן אָפֿן פֿאַר אים".

און דער טאַנקער האָט טאָג און נאַכט אָן אָפּרו זיך געטראָגן אַלץ ווײַטער פֿון די דאָרעם־טראָפּיקעס, פֿון דער סאַרפּענדיקער זון, און, זײַענדיק שוין העכער פֿיר טויזנט קילאָמעטער פֿונעם עקוואַטאָר, איז ער אין דער מיט פֿונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן אַדורך פֿאַרבײַ דעם קליינינקן באַרימטן אינדזל „הייליקע העלענע", ווּ נאַפּאָלעאָן איז אין פֿאַרשיקונג געווען און דאָרט געשטאָרבן. דער טאַנקער איז אויך דורכגעשווומען פֿאַרבײַ דעם

אינזדל טריסטאן דא־קוניא, ווו ענגלאנד האָט אָנהייבנדיק פון 1816 יאָר
געהאלטן א מיליטער־גארניזאָן, ווען אופגאבע ס׳איז געווען היטן, אז נאַ־
פּאָלעאָן זאָל ניט נעלעם ווערן פון זײַן פארשיקונג, און ווו ס׳האָט זיך
געפונען, ווי מע האָט דערציילט, אן איינזאמער פראנצויזישער בריגאדיר,
וועלכער היט דאָרט אָפּ דעם מאקעט פון דעם הויז, ווו עס האָט געלעבט
דער אימפּעראטאָר, און אויך דעם פּוסט־פארבליבענעם קײוער זײַנעם...
נאָך אָט די אינדזלען האָט זיך שוין ניט געפילט די טראָפּישע היץ. מיט
יעדן מעסלעס איז די טעמפּעראטור געפאלן אף איין גראדוס. דער הימל
האָט זיך אָנגעהויבן באדעקן מיט וואָלקנס, און מיטאמאָל איז שטארק קאלט
געוואָרן. מיט אן אָנוואקסנדיקער ברומערײַ האָט זיך אָנגעטראָגן א שטע־
כיקער ווינט. דער אָקעאן האָט זיך צעקאלעמוטיעט, זיך אָנגעכמורעט, גע־
וואָרן טונקל־גרוי. ס׳איז געקומען דער אומרו:קסטער מאָמענט פארן עקי־
פּאזש,—דער טאנקער איז ארײַן אין פערציקסטן פּאראלעל פון דער דאָ־
רעמדיקער העלפט פונעם ערדקײַלעך, ווו עס טראָגן זיך אָן אופהער בייזע
ווינטן. מיט א ווילדער פּײַפערײַ הוליען זיי פראנק־און־פרײַ איבער אָט
דעם פארקישעפטן אָפענעם קרײַז, וועלכער רינגלט ארום און פארייניקט
דעם אטלאנטישן, אינדישן און שטילן אָקעאנען, יאָגן מיט א ראש די צעבור־
שעוועטע, מיט שוים באדעקטע כוואליעס, וועלכע זײַנען מעסוגל מיט זייער
אומגעצוימטער קראפט אומברענגען אלץ, וואָס עס טרעפט זיך זיי אפן וועג.
אויסמײַדן אָט די שטאָרמס איז אומעגלעך. אויסבאהאלטן זיך איז ניטאָ ווו.
און אָט דעם געפערלעכן שעטעך פון די צען גראדוסן, וואָס שטעלן מיט זיך
פאָר זעקס הונדערט מײַל אָדער העכער טויזנט קילאָמעטער, מוז מען דורכ־
גיין. קיין אנדער וועג איז ניטאָ.
וויליען דמיטראָוויטש קאָזיאר—דער קאפּיטאן פונעם טאנקער—האָט
שוין געוווּסט פון דער מעטעאָראָלאָגישער סוואָדקע, וועלכע ער האָט
באקומען דורך ראדיאָ, אז אנטקעגן זיי טראָגט זיך א שטארקער הוראגאן,
און געוואָרפן אן אומצופרידענעם בליק אפן דאָקטער. די סוואָדקע וואָלט
עפשער ניט אזוי באומרו:קט, ווען דער שיף־דאָקטער וואָלט פּונקט איצט
ניט באמערקט דאָס, וואָס ער האָט אין מעשעך פון עטלעכע טעג אויסבא־
האלטן: שוין דעם דריטן מעסלעס האָט ער, קאָזיאר, געהאט טעמפּעראטור,
נאָר קיינעם וועגן דעם ניט געזאָגט, געשטאנען אף זײַן פּאָסטן. ער האָט
געפּרוווט איצט אויך לייקענען, נאָר דער טערמאָמעטער האָט אים ארויס־
געגעבן, געוויזן העכער 39, און דער דאָקטער האָט אים געצוווּנגען זיך
אראָפּלאָזן צו זיך אין דער קאיוטע און זיך לייגן אינעם ווארעמען בעט.
א בייזער אף זיך אליין, וואָס ער איז, ווי אפצולאָכעס פּונקט איצט פאר־
שלאפט געוואָרן, האָט ער ארויסגערופן דעם עלטסטן געהילף לעאָניד סא־
מוילאָוויטש וויניצקין און ארופגעלייגט אף אים די פולסטע פאראנטוואָרט־
לעכקײַט פארן טאנקער און זײַן עקיפּאזש. נאָר דעם „סטארפּאָם”—דעם
עלטסטן געהילף—האָט דער קאפּיטאן רעכט איבערגעבן דעם רודער פון
דער שיף. מער קיינעם ניט.
דער יאם האָט זיך זײַנע געזעצן. אף דער יאבאָשע איז דאָס לעבן אין
גרונט צעטיילט אף טאָג און נאכט. דער גרעסטער טייל מענטשן אר־
בעטן באטאָג און פארברענגען, רוען אָפּ באנאכט. אף דער שיף איז דאָס

לעבן אײַנגעטײלט אף וואכטעס. בא א נאָרמאלער לאגע, בעשאס עס זײַנען ניטאָ קײן אווראלן, שטײט יעדער אײנער פונעם עקיפּאזש, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי ס׳איז טאָג, צי נאכט, פיר שאָ אף דער וואכטע, רוט אָפּ אכט שאָ און שטעלט זיך ווידער אף פיר שאָ. אזוי מעסלעס נאָך מעסלעס. בלויז פארן קאפּיטאן איז ניטאָ קײן אײַנגעשטעלטע צײַט פארן אָפּרו. ער טראָגט שטענדיק, סײַ באטאָג, סײַ באנאכט — אומעטום, ווו מע זאָל זיך ניט געפינען, די פולסטע אכרײַעס פאר דער שיף און פארן לעבן פונעם עקיפּאזש.

ער רוט זעלטן, אמערסטן אין די פארטאָגיקע שאָען, און דעמלט פארטרויט ער די שיף דעם עלטסטן געהילף זײַנעם. לעאָניד סאמוילאָוויטש איז דעריבער שוין געוווינט געווען צו פארבײַטן דעם קאפּיטאן, אָבער נאָר אין זײַנע רו־שאָען און דערצו ניט בא אזא נײַעם פאר אים, זײער פאראנטוואָרטלעכן מארשרוט. מיט דער אײגנטימלעכער פאר אים ענערגיע האָט וויניצקי גלײַך מאָביליזירט דעם עקיפּאזש אף בײַשטײן די סטיכיי. עס זײַנען זאָרגזאם פארמאכט געוואָרן אלע אָפענע טירלעך אף דער פּאלובע. מע האָט פעסט צוגעשלאָסן די איליומינאטאָרס, פארקרעמפּעוועט אלץ, וואָס האָט זיך געפונען אפן אויבערדעק, די כוואליעס זאָלן ניט אראָפּשווענקען, ניט איבערקערן, ניט צעברעכן, באזאָרגט, אז דאָס וואסער זאָל בא די דורכגענג זיך ניט דורכרײַסן אינווייניק אין טאנקער, ניט פארגיסן די עלעקטרישע אײַנריכטונגען, די מאשין־אָפּטײלונג, די קאיוטעס...

קוים באוויזן דאָס אלץ אָפּטאָן, האָט אהער, צום שווימענדיקן טאנקער, זיך דערטראָגן אן אלץ אָנוואקסנדיק גערויש, א געוואָי און ברומערײַ, ווי טויזנטער שײדים וואָלטן געהוליעט איבער דעם צעבויטעטן אָקעאן. דער שטעכיק־קאלטער ווינט האָט אָנגעיאָגט אפן נידעריק־געוואָרענעם הימל צעלאָכמאטעטע שווערע וואָלקנס. א דראָענדיקע שווארצקײַט האָט באדעקט דעם ארום. פון רעגע צו רעגע האָט דער ווינט זיך געשטארקט. מיט צעבורשעוועטער רוגזע אופגעהויבן הויכע, גיגאנטישע כוואליעס און געיאָגט זײ איבער די גרענעצלאָזע ראכוועסן.

ווי ווילד־צערײצטע יאם־כײַעס האָבן די כוואליעס מיט א פארשטיקטן שיפען און ריטשערײַ זיך געוואָרפן אף דעם אײן־און־אײנציקן דאָ אײנזאמען טאנקער, געפליוכעט אפן באָרט, פארגאָסן די פּאלובע מיט הונדערטער טאָן וואסער, און אײדער דער שוימיקער שטראָם האָט באוויזן אראָפּרינען, האָט זיך שוין אָנגעטראָגן מיט א ראַש און געפילדער נאָך א שטארקערע, א נײַע כוואליע.

יעדער אײנער פון עקיפּאזש איז געווען אף זײַן אָרט, געטראָגן זײַן וואכטע, אויסגעפילט די קורצע און קלאָרע פאראָרדענונגען פונעם עלטסטן געהילפס־קאפּיטאן, וועלכער איז געשטאנען אפן בריקל.

און דער שטאָרם האָט זיך געשטארקט אלץ מער און מער. כוואליעס, די הײך פון פינפשטאָקיקע מויערן, האָבן זיך געטראָגן אײנע נאָך דער אנדערער, און מיט א ווילדער קראפט אָט א הײב אוף געטאָן דעם טאנקער, א טראָג געטאָן אים ארוף מיט דער נאָז צום הימל און אָט א שלײַדער געטאָן אים אראָפּ, ווי אין אָפּגרונט ארײַן. ס׳האָט זיך געדוכט, אז דער טאנקער וועט זיך אָט־אָט איבערקערן, אָט־אָט וועט ער אײַנגעזונקען ווערן אין דער פינצטערער אָקעאן־טיפעניש...

פאר די העכער פופצן יאָר, וואָס לעאָניד סאמוילאָוויטש ווינעצקי איז שוין געהאט געשווומען, איז אים שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך באגעגענען מיט קאָלערליי שטורעמס אין פארשיידענע יאמען, נאָר מיט אזא הוראגאַן, מיט אזא שקוואל — צום ערשטן מאָל. די שיף איז אָן אופהער געפלויגן ארוף און אראָפ, געהוידעט זיך מעשוגענערווײַז. און ער האָט זיך געהוידעט צוזאמען מיט איר, קוים זיך געהאלטן אף די פיס און געפירט דעם טאנקער איצט דאפקע אנטקעגן די כוואליעס, נאָר אנטקעגן. דער ווידערשטאנד איז, עמעס, געווען גרויס, די שיף האָט זיך באוועגט פאמעלעך, נאָר ער האָט גוט געוווסט, אז אזוי איז זיכערער. און ווי שווער ס'איז אים ניט געווען צו פירן די שיף, האָט לעאָניד סאמוילאָוויטש דאָך געפילט דערבײַ א קאָלאָסאלן פארגעניגן פון בײַקומען די סטיכיי. דעריקער עס זאָל גאָרנישט ניט טרעפן. דאָ איז ניטאָ, ווער עס זאָל אפילע קומען צוהילף. אף א ראדיוס פון טויזנטער קילאָמעטער — קיין איין שיף, און די טיף איז דאָ א גאנץ נישקאָשעדיקע — אכט קילאָמעטער און נאָך פיר הונדערט דרײַסיק מעטער... דאָס האָט ער אויך געוווסט. און שווימען שטייט נאָך פאָר היפש איבערן צעבושעוועטן אָקעאן.

מיט וואָס שיידט זיך אונטער אן אָקעאן פון א טײַך? — האָט מען געפרעגט בא א קינד. ס'האָט געענטפערט: „מיט דעם, וואָס א טײַך האָט צוויי ברעגן און אן אָקעאן איין ברעג". דער עקיפאזש פונעם טאנקער האָט שוין לאנג, זייער לאנג קיין איין ברעג אויך ניט געזען. אפילע קיין סימען פון אים. נאָר וואסער. ארום־און־ארום וואסער. כוואליעס — שוימיקע, רוישיקע, צעבושעוועטע כוואליעס...

אפן דריטן מעסלעס איז דער שטאָרם אײַנגעשטילט געוואָרן. דער טאנקער איז אוועק שנעלער, און אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן באווײַזן אײַזבערג. וואָס ווײַטער, אלץ מער. דער טאנקער איז ארײַן אין די וואסערן פון אנטארקטיקע. דאָ האָט אף שריט און טריט געדראָעט א נײַע געפאר: זיך ניט אָנשטויסן אף אן אײַזבארג. באזונדערס איז די געפאר געוואָרן גרויס, ווען דעם אָקעאן האָט באדעקט א געדיכטער נעפל. מע האָט ניט געזען אפילע לעבן באָרט די כוואליעס, וועלכע די שיף האָט אופגעהויבן. מע האָט נישט געזען ניט דעם הימל, ניט די בלאָנדזשענדיקע ערגעץ דערבײַ קאָלאָסאלע אײַזבערג, וועלכע זײַנען מעסוגל אין איין אויגנבליק צעקוועטשן דעם טאנקער, ווי אן איי־שאָלעכץ. שווימען בא אזא נעפל איז געפערלעך אפילע פאר די שיפן, וועלכע זײַנען אויסגעשטאט מיט ראדיאָלאָקאציע־אפאראטן. אין אזעלכע נעפלען האָבן געליטן שווערע אוואריעס און זײַנען אומגעקומען היפש שיפן פון פארשיידענע קלאסן. איצט האָט מען באדארפט באזונדערס געניט פירן די שיף. בא די אלע, וואָס האָבן געטראָגן די וואכטע אף דער פאלובע, איז דאָס געהער באזונדערס פארשארפט געוואָרן. מע האָט אופגעכאפט יעדן שאָרך, וואָס ס'האָט זיך דערבײַ דערטראָגן, און דער מאטראָס דער פאָרויסקוקער, וואָס האָט געטראָגן די וואכטע אף דער נאָז פון טאנקער, האָט ביז ווייטעק אָנגעשטרענגט די אויגן, זיך אײַנגעקוקט אינעם נעפל. ווי נאָר ער האָט באמערקט אן אײַזבארג, האָט ער גלײַך צו וויסן געגעבן אפן קאפיטאן־בריקל. אויב דער אײַזבארג איז געווען פון רעכטס — מיט איין קלונג אין גלאָק, אויב פון

לינקס — מיט צוויי קלונגען, אויב אנטקעגן — מיט דרײַ קלונגען. אָט אזוי, מאנעווורירנדיק צווישן די גיגאַנטישע אײַזבערג, פון וועלכע עס האָט געטראָגן מיט פּראָסטיקער קעלט, האָט דער טאנקער אינעם געדיכטן נעפּל דאָך פּאמעלעך זיך באוועגט אלץ נעענטער צום ציל. ענדלעך איז דער נעפּל צעזייט געוואָרן, דער טאנקער איז אוועק געשווינד, און אינגיכן האָט אף דער פּאלובע זיך צעטראָגן א פריידיקער „הוראו!”. עטוואָס רעכטס, הינטער דעם געדיכטן רויך, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבערן אָקעאַן, האָט די קאָמאַנדע דערזען די באזע פון דער קיטנבוינער־פלאָטיליע, די שיף „סלאַוואַ” מיט אירע נײַן הארפּון־שיפן.

סארא פרייד ס׳איז נאָך אזא לאנגן און שווערן וועג, זײַענדיק אף א מעהאלעך פון העכער פיר און צוואנציק טויזנט קילאָמעטער פונעם היימישן האפן, באגעגענען זיך דאָ, אין אנטארקטיקע, אפן סאמע עק וועלט, מיט די אייגענע, נאָענטע אָדעסער יאמלײַט.

און כאָטש ס׳איז שוין אדורך אכצן יאָר, האָט לעאָניד סאמוילאָוויטש אָט דאָס גליקלעכע געפיל פון יענע מינוטן ביז איצט פארהיט אינעם הארצן.

לעאָניד סאמוילאָוויטש האָט נאָך זיבן מאָל דורכגעמאכט אָט דעם וועג, געשווומען קיין אנטארקטיקע. פאר די אכט רייסן האָט ער זיך פיל אָנגעזען. איבערגעלעבט ניט ווייניק סײַ שווערע, סײַ ליכטיקע מינוטן. באזונדערס האָט זיך אים פארגעדענקט די זייער שטורמישע און ביז גאָר פריידיקע נאכט פון צווייטן מארט 1963. נאָר וועגן דעם וועט דערציילט ווערן עטוואָס שפּעטער, לאָמיר פריִער כאָטש אינקורצן באקאנט מאכן אונדזערע כאָשעווע לייענער מיט דעם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אנטארקטידע, די אנטארקטיק און די קיטנבוינער־פלאָטיליע.

די אנטארקטידע — דער זעקסטער קאָנטינענט פון אונדזער פּלאנעטע, וועלכער געפינט זיך הינטער דעם דאָרעמדיקן פּאָליאר־קרײַז און פארנעמט לויט דער טעריטאָריע קימאט אזא שטעך, ווי אייראָפּע און אויסטראליע צוזאמען גענומען, האָבן דעם 28 יאנואר 1820 אנטדעקט די רוסישע יאמלײַט אונטער דער אָנפירונג פון פ. פ. בעלינסגאוזען און מ. פ. לאזארעוו בעשאס זייער בארימטער רײַזע ארום ערדקײַלעך אף די זעגלשיפן „וואָסטאָק” און „מירני”. ביז אָט דעם דרייסטן רייס זייערן זײַנען שוין געווען פּרוּוון ארײַנצודרינגען אין דעם סוידעספּולן דאָרעמדיקן פּאָליאר־קרײַז, נאָר ניט קיין געלונגענע. אין 1773 האָבן די ענגלענדער אונטער דער קאָמאנדע פונעם קאפּיטאן דזשעמס קוק דורכגעשניטן אף זייערע שיפן עטלעכע מאָל דעם דאָרעמדיקן פּאָליאר־קרײַז, נאָר דעם מאטעריק ניט געפונען. אומקערנדיק זיך פון דער עקספּעדיציע, האָט קוק געמאָלדן: „קיין איין מענטש וועט קיינמאָל זיך ניט דערוועגן דורכדרינגען אף דאָרעם ווײַטער, ווי ס׳האָט זיך מיר אײַנגעגעבן”. נאָך קוקס קאטעגאָרישער מעלדונג האָט טאקע קיינער ניט געוואגט לאָזן זיך מיט אן עקספּעדיציע אהין, אויסער די רוסישע יאמלײַט. און כאָטש „וואָסטאָק” און „מירני”, אף וועלכע זיי האָבן זיך געלאָזט אין אָט דעם ווײַטן און שווערן וועג, זײַנען טעכניש געווען שוואכער אויסגעשטאט, ווי די שיפן פון קוקס עקספּעדיציע, זײַנען זיי ארײַנגעדרונגען ווײַטער, ווי קוק, און אנטדעקט דעם קאָלאָסאלן

מאטעריק, די אנטארקטידע, וועלכע איז באדעקט מיט אן אײַז־פאנצער פון צוויי הונדערט מעטער ביז צוויי קילאָמעטער די גרעב.

הײַנט־צו־טאָג געפינען זיך אויף דער אנטארקטידע שוין א ריי וויסנ־שאפטלעכע סטאנציעס מיט גוט אויסגעשטאטע לאבאראטאריעס און וואר־שטאטן, עלעקטראָסטאנציעס און וווינונגס־געבײַדעס. אויף דער ראדיאָ־מאטשטע פון דער אָבסערוואטאָריע אפן פונקט „מירני״ פלאטערט די מעלו־כישע פאָן פונעם סאָוועטנפארבאנד. ניט געקוקט אויף די שווערע באדינגונ־גען, — בייזע ווינטן, ווירבלענדיקע זאווייעס און פרעסט, וועלכע דערגרייכן ביז זעכציק גראדוס און העכער, — ווערט דאָרט געפירט א ברייטע און אינטענסיווע וויסנשאפטלעכע אויספאָרשונגס־ארבעט.

די אנטארקטידע רינגלען ארום די וואסערן פונעם אינדישן, שטילן און אטלאנטישן אָקעאנען און בילדן צוזאמען געגנומען די אנטארקטיק. דער קלימאט איז דאָ דער הארבסטער אין פארגלײַך מיט אלע אנדערע וואסערן פונעם וועלט־אָקעאן. די זון ווײַזט זיך זייער זעלטן. באנאכט איז שטאָק־פינצטער. דער הימל איז שווארץ, ווי סאזשע. מע זעט נישט ניט די לע־וואָנע, ניט קיין שטערן. לאכלוטן. אָפט ווילדעווען דאָ אנטארקטישע שנײַ־קע פוגעס. זייער זעלטן קאָן מען אויף אָט די ניט־היימלעכע ראכוועסן באגע־גענען א שיף. דערפאר איז דאָ פיל און פול מיט שווימענדיקע אײַזבערג, וועלכע טיילן זיך אויס אפן ארומיקן טונקל־גרויען פאָן מיט זייער קלאָרער ווײַסקײַט, זעען אויס, ווי אלטערטימלעכע זילבערנע פאלאצן מיט אויס־טערלישע טעראסעס, קאָלאָנעס, באלקאָנען. די הייך פון די אײַזבערג דער־גרייכט פון פערציק ביז פינף הונדערט מעטער, און דאָס שטעלט מיט זיך פאָר נאָר דער טייל, וועלכער געפינט זיך איבערן וואסער, — דאָס הייסט איין פינפטכיילעך פונעם אײַזבארג. די איבעריקע פיר כאלאָקים געפינען זיך אונטערן וואסער. די לענג פון די אײַזבערג דערגרייכט הונדערט אכציק קילאָמעטער און מער. ווי ס'האָבן אונטערגעכעזשבנט די געלערנטע, וועגט אן אײַזבארג, וואָס האָט די לענג איין קילאָמעטער און צוויי הונדערט מע־טער, — 62 מיליאָן טאָן. קעדיי אריבערפירן אזא אײַזבארג, וואָלט נייטיק געווען אן ערעך 4.200.000 גרויסע פראכט־וואגאָנעס.

אין דער אנטארקטיק איז ניט צו זען קיין גרינענדיקע בלעטער. דאָ וואקסט גאָרנישט ניט. עס קאָן מאכן אן אײַנדרוק, אז דאָ איז ניטאָ קיין לעבן. אינדערעמעסן איז דאָס ניט אזוי — דאָ לעבן א סאך פויגלען. דער גרעסטער טייל פון זיי — פינגווינען. פון פארשיידענע מינים. דער אימפע־ראטאָרישער פינגווין איז העכער פון א מעטער, וועגט פערציק קילאָגראם. בעשאס ער שטייט אָדער גייט, איז ער פונדערווײַטן זייער ענלעך אויף א מענטשן, וואָס איז אָנגעטאָן אין א שווארצן פראק מיט לאנגע פאלדן און אין א ווײַסער מאנישקע. די פינגווינען האָבן ניט קיין מורע פאר קיין קעלט. בא א פראָסט פון 50—60 גראדוס לייגט אָפּ א פינגוויניכע אן איי פון א האלבן קילאָ אפן אײַז, נעמט עס נאָכדעם צווישן די לאפעס און ווארעמט מיט איר קערפער. זיבן וואָכן שטייט זי איבערן איי, ביז עס פיקט זיך ניט אויס א קליין פינגווינדל. אין מעשעך פון די זיבן וואָכן עסט זי גאָרנישט, לעבט אפן כעזשבן פונעם אָנגעזאמלטן פעטס.

א צווייטן מין פויגל שטעלן מיט זיך פאָר די אלבאטראָסן. אפן ערד־

קיילעך זיינען פאראַן, ווי עס ווייַזן אָן די געלערנטע, אומגעפּער הונ־דערט מיליאַרד פויגלען. דריי מיליאַרד פון זיי זייַנען יאַם־פויגלען. און דער סאַמע גרעסטער פויגל, וואָס שוועבט איבער די אָקעאַן־ראַכוועסן, איז דער אַלבאַטראָס. ער איז זייער שיין. ער פאַרמאָגט א ווייַסע ברוסט, א לאַנגן שטאַרקן שנאָבל, מעכטיקע פליגלען. יעדער פליגל — פיר מעטער די לענג. די אַלבאַטראָסן טראָגן זיך אומדערמידלעך איבער די אומענדלעכע וואַסערן, און אין מעשעך פון א יאָר מאַכן זיי א קרייַז אַרום דעם ערדקייַלעך. נאָר ווי ווייַט זיי זאָלן ניט פאַרפליִען, קערן זיי זיך אום צוריק אַף יענע אינדז־לען, וווּ זיי זייַנען געבוירן געוואָרן, קעדיי דאָ, אַפן זעלבן אָרט, ברענגען און אויסכאַווען א נייַעם דאָר.

די אַנטאַרקטיק איז אויך רייַך מיט פיל מילך־שפּייַזנדיקע באַשעפעניש, מיט יאַם־העלפאַנדן, יאַם־לייבן, יאַם־לעמפערטן, יאַם־הינט, קראַבן־פרעסער און וואַלפישן.

וואַלפישן זייַנען די נוצלעכסטע באַשעפענישן. באַם איבעראַרבעטן באַ־קומט מען פון זיי אַרויס פיל ווערטפולע פּראָדוקטן. זייער פעטס גייט אַף מאַרגאַרין, ליאַרד, ווערט אויסגענוצט אין דער מעדיצין, אין דער אינדוס־סטריע. מיטן פליייש פון די וואַלפישן דערנערט מען זיך אין פיל לענדער, באַזונדערס אין נאָרוועגיע, ענגלאַנד, יאַפּאַניע. קיין שום פּראָדוקט פאַר־מאָגט ניט אַזויפיל וויטאַמינען, ווי די לעבער פון א קאַשאַלאָט. א לעבער, וואָס וועגט, צום בייַשפּיל, פיר הונדערט קילאָגראַם, אַנטהאַלט אין זיך אַזויפיל וויטאַמינען A, ווי הונדערט טאָן ערשטסאָרטיקע פּוטער אָדער ווי פינף מיליאָן אייער. דער וויטאַמין פון לעבער איז א ווערטפולע רעפּוּע פאַר אויגן־קראַנקייַט. ביז גאָר וויכטיקע רעפּועס באַקומט מען אַרויס פונעם מאַרך. די ציין האָבן די ווערט, ווי העלפאַנד־ביינער. דער זעלטענער פּראָ־דוקט — אַמבראַ, וואָס גייט פאַר דער פּאַרפומעריע, שאַצט זיך טייַערער פון גאָלד. און די פעל פון איין קאַשאַלאָט איז אַזוי גרויס, אַז זי פאַרבייַט טויזנט אָקסן־פעלן.

דעריבער טאַקע לאָזן זיך יאָר־אויס, יאָר־איין די קיטנבוינער־פלאָטי־ליעס אין דעם סאַמע אומרויִקסטן אָרט פונעם וועלט־אָקעאַן — קיין אַנטאַר־קטיק אַף יאַגד נאָך אָט די זייער ווערטפולע קאַלאָסאַלע יאַם־באַשעפע־נישן. די וואַלפישן שווימען גרופּעסווייַז. דער בלויער וואַלפיש איז דער גרעסטער צווישן זיי און ביכלאַל אַף דער וועלט. די לענג זייַנע דערגרייכט פינף און דרייַסיק מעטער. ער וועגט 150 טאָן, אַזויפיל, וויפל עס וועגן דרייַסיק העלפאַנדן אָדער הונדערט און פופציק אָקסן. אינעם אָפענעם פּיסק פון אַזא באַשעפעניש קאָנען פרייַ אַריינפאָרן און זיך באַהאַלטן צוויי לאַסט־מאַשינעס. אָט די קאַלאָסאַלע באַשעפענישן באַוועגן זיך גיך, פערציק קי־לאָמעטער א שאָ. זייערע מעכטיקע לונגען נעמען אַרייַן אין זיך אין איין אָטעם אַרום פופצן טויזנט ליטער לופט. אונטערן וואַסער געפינען זיי זיך ניט לאַנג, א מינוט זעכצן, נאָכדעם גיבן זיי א שווים אַרוף און לאָזן אַרויס די אָפּגעאַרבעטע הייסע לופט, אופהייבנדיק מיט דעם איינס נאָכן אַנדערן אַנדערהאַלבן צענדליק פאָנטאַנען פון אַכצן מעטער די הייך.

אָט די פאָנטאַנען גיבן זיי אַרויס. ווי נאָר דער מאַטראָס, וועלכער גע־פינט זיך אין דער אַזויגערופענער „וואָראָנע־נעסט" — אין פעסל, וואָס

איז צוגעפּעסטיקט צום סאַמע שפּיץ פונעם מאַסטבוים אויף דער שיף, — באַמערקט דעם פּאַנטאַן, גיט ער גלײַך צו וויסן דעם קאַפּיטאַן. דעמלט פירט דער האַרפּוניאַר צו אומבאַמערקט זײַן האַרפּון־שיף נאָענט צום אָרט, וווּ עס געפינט זיך דער וואַלפיש, און צילט אָן אויף אים דעם האַרמאַט. די דערשאָסענע וואַלפישן הייבט מען אויף מיט קראַנען אויף דער באַזע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ שווימענדיקן זאַוואָד. יעדן מעסלעס איז דער זאַוואָד אײַמשטאַנד איבעראַרבעטן דאָ אויפן אָרט, אין אָקעאַן, פינף און דרײַסיק גיגאַנטישע פּריידיקעס. אויף דער פּאַלובע, וועלכע איז אויסגעשטאַט מיט ספּעציעלער טעכניק, מיט גרויסע אויטאָמאַטישע זעגן און מעסערס, ווערט דער וואַלפיש גיך צעזעגט און צעשניטן אויף ניט קיין גרויסע שטיקער און מע פאַרפּולט מיט זיי די אָנגעגליטע קעסלען. אין דרײַסיק מינוט אַרום בלײַבט אויף דער פּאַלובע אַפילו קיין סימען ניט פונעם גיגאַנט, און די ציסטערנעס פון דער באַזע ווערן אָלץ פולער מיט פעטס און מיט אַנדערע ווערטפולע פּראָדוקטן.

און איצט ווען מיר זיך אומקערן צוריק אויפן טאַנקער „מעכאַניק אַפּאַנאַסיעוו", צו לעאָניד סאַמוילאָוויטשן, און זיך דערוויסן, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט אויפן צווייטן מאַרט 1963, ווען ער האָט זיך געפונען אין דער אַנטאַרקטיק.

די נאַכט, ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז געווען אַ שטורמישע. דער אָקעאַן האָט געוואָיעט, געקרעכצט, געברומט. אַרום־און־אַרום איז געווען שטאָקפינצטער. עס האָבן זיך אַפילו ניט געזען די פּראָזשעקטאָרליכט פון דער וואַלפיש־באַזע, וועלכע האָט זיך געפונען גאָר ניט ווײַט. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך צעבושעוועט דער שטורעם אינמיטן נאַכט. לעאָניד סאַמוילאָוויטש איז געשטאַנען שוין די פערטע שעה אויפן קאַפּיטאַן־בריקל (דער קאַפּיטאַן — וויליען דמיטראָוויטש קאָזיאַר — וויניצקיס נאָענטער פרײַנט — איז שוין געווען געזונט, ער האָט אָפּגערוט), די כוואַליעס האָבן אָן אויפהער געקלאַפּט איבערן באָרט פונעם טאַנקער, ס'האָט געפײַפט דער ווינט, און די ראַדיאָ האָט דעמלט אָנגעהויבן איבערגעבן פון דער באַזע אַהער די יאָמלײַט ראַדיאָ־טעלעגראַמעס פון דעם מאַטעריק, פון זייערע מישפּאָכעס. צום סאָף שוין האָט לעאָניד סאַמוילאָוויטש דערהערט, אַז מע בעט אַרויסרופן דעם עלטסטן געהילפס־קאַפּיטאַן וויניצקין, פאַראַן פאַר אים זייער אַ וויכטיקע טעלעגראַמע. אַ באַאומרויִקטער, צי ס'איז עפּעס ניט געשען אין דער היים, האָט ער אַ נעם געטאָן דאָס טרײַבל און, סטאַרענדיק זיך ניט אַרויסווײַזן זײַן אויפגערודערטקײַט, געבעטן איבערלייענען דעם טעקסט פון דער טעלעגראַמע. „מיר ווילן זי איבערגעבן פּערזענלעך דעם אַדרעסאַט, וויניצקין", — האָט מען אים געענטפערט. „איך בין וויניצקי, לייענט, איך בעט אײַך", — האָט ער, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, אַרויסגערעדט. „אָ, לעאָניד סאַמוילאָוויטש, — האָט ער דערהערט אַ פריילעכע שטים, — מיר באַגריסן אײַך, דער גאַנצער עקיפּאַזש פון דער פלאָטיליע באַגריסט אײַך. אײַער פרוי האָט געבוירן אַ זון. נעמט צו אונדזערע בעסטע ווינטשעוואַניעס, זאָל דער זון וואַקסן און זײַן אַזאַ, ווי דער טאַטע!"

אין דער זעלבער שטורמישער נאכט האָט לעאָניד סאמוילאָוויטש אוועקגעשיקט א באגריסונגס־טעלעגראמע דער פרוי און פאָרגעלייגט אָנרופן דאָס זונעלע מיטן נאָמען יורי, לעקאָוועד דעם ערשטן קאָסמאָנאווט יורי גאגארין. די נאכט האָט לעאָניד סאמוילאָוויטש שוין ניט גערוט, ער איז מיט זײַן גאנצן וועזן געווען דאָרט אין דער היים מיט דער מישפּאָכע. אזא גוירל שוין בא זײַן פרוי. ווען דער עלטערער זון — סאשע — איז געבוירן געוואָרן, איז ער, דער טאטע, אויך ניט געווען אין דער היים לעבן איר, געפונען זיך אין רייס.

אינדערפרי, ווען דער שטורעם איז שטילער געוואָרן, האָט לעאָניד סאמוילאָוויטש מיטאמאָל דערזען, אז אלע הארפּון־שיפן פון דער קיטנבוינער־פלאָטיליע האָבן ארומגערינגלט דעם טאנקער. און אין א ווײַלע ארום האָט זיך דערטראָגן א זאלפּ פון די הארמאטן. זיי האָבן פּײַערלעך סאליוטירט לעקאָוועד דעם געבורט פון זײַן זון. זײַענדיק גערירט פון דער אופמערקזאמקײַט, האָט ער געפרעגט בא די כאוויירים זײַנע פון פלאָטיליע, פארוואָס קומט אים אזא קאָוועד. זיי האָבן אים געענטפערט, ווײַל אין הײַנטיקן סעזאָן האָבן די קיטאָבאָיצעס שוין באקומען זעקס און דרײַסיק באגריסונגען און בא אלעמען זײַנען געבוירן געוואָרן מיידלעך. נאָר מיידלעך. מע זאָגט, עמעס, אז ס'איז א גוטער סימען, ס'וועט זײַן שאָלעם אף דער וועלט. נאָר אונדזער לאנד דארף אויך האָבן יינגלעך. דעם שאָלעם דארף מען אָפּהיטן. אָט דערפאר האָבן מיר סאליוטירט.

אין עטלעכע טעג ארום האָט דער טאנקער פארענדיקט איבערלאָדן צו זיך אין די באקן־ציסטערנעס דעם שוין איבערגעארבעטן פּראָדוקט פון דער קיטן־באזע. מיט עטלעכע לאנגע סירענעס זיך געזעגנט מיט דער פלאָטיליע און זיך געלאָזט צוריק צו די ליבע היימישע ברעגן.

די אנטארקטיק מיט אירע געפערלעכע שטורעמס, מיט די ברענענדיקע פרעסט, מיט די געדיכטע נעפלען און דראָענדיקע אײַזבערג האָבן נאָך מער פארהארטעוועט די יאמלײַט, צוגעגרייט זיי צו נײַע דרייסטע און געוואגטע רייסן.

פאר די לעצטע צען יאָר האָט לעאָניד סאמוילאָוויטש וויניצקי מיטן עקיפּאזש, שווימענדיק שוין אפן טאנקער „מעכאניק אפאנאסיעוו", ניט איין מאָל איבערגעשניטן סײַ דעם שטילן, סײַ דעם אינדישן, סײַ דעם אטלאנטישן אָקעאן, געווען אין די האפנס פון זייער פיל לענדער, א סאך מאָל דורכגעמאכט דעם לאנגן און ניט גרינגן, אָבער פריידיקן וועג קיין קובא.

— יעדעס מאָל, ווען אונדזער טאנקער האָט זיך דערנעענטערט צו דעם אינדזל פון פרײַהײַט, — דערציילט לעאָניד סאמוילאָוויטש, — האָט מען איבער דעם האוואנער האפן אופגעהויבן אונדזער סאָוועטישן פלאג. מיר האָבן עס אופגענומען, ווי די הארציקסטע באגריסונג. אין האפן, אין שטאָט, ווו מיר זײַנען נאָר געווען, האָבן די קובינער אונדז שטענדיק באגעגנט, ווי ברידער. זיי שעצן זייער הויך אונדזער פרײַנטשאפט. יעדעס מאָל, ווען מיר קומען, טרעפן מיר פריידיקע ענדערונגען. אין 1960, ווען מיר זײַנען דאָרט געווען צום ערשטן מאָל, האָט דער פריטשאל געהערט

דער ענגליש־האָלענדישער קאָמפּאַניע „שעל״. אַף די נאַפט־טורעמס און אַף די קרעקינג־זאַוואָדן האָבן מיט אָראַנזשעווע נעאָן־ליכט געפינקלט זייערע עמבלעמעס. דאָס צווייטע מאָל, ווען מיר זײַנען געקומען אַהין, האָט אָנשטאָט די דאָזיקע עמבלעמעס שוין געפלאַטערט דער נאַציאָנאַלער פלאַג פונעם פרײַהײַטס־אינדזל. פון יאָר צו יאָר איז ניט צו דערקענען דעם האַפן. די פּריטשאַלן זײַנען פאַרברייטערט און מעכאַניזירט געוואָרן, זיי זײַנען איצט אויסגעשטאַט מיט די נײַסטע, מעכטיקסטע הייב־קראַנען. ביז דער רעוואָליוציע האָט מען וועגן קובאַ געזאָגט, אַז ס׳איז אַ לאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום יאַם. איצט וועט אַזוינס קיינער ניט זאָגן. קובאַ האָט שוין איצט אויסגעצייכנטע ווערפן, בויט אַליין שיפן, האָט גרויסאַרטיקע, ערשטקלאַסיקע האַפנס. ס׳איז אַ ווונדערלעך שיין און רײַך לאַנד. ניט אומזיסט האָט מען פון לאַנגאָן עס אָנגערופן מיט אַזעלכע נעמען, ווי: „דער פּערל פונעם קאַראַיבישן יאַם״, „די קיניגן פון די אַנטילישע אינדזלען״, „דער צוקער־אויצער״, „דער שמאַראַגד פון אָקעאַן״. קובאַ פאַרמאָגט גרויסע רײַכטימער פון אַרץ און ניקל, מאַרגאַנעץ און וואָלפראַם, קופּער און כראָם און פיל אַנדערע ווערטפולע מינעראַלן. קובאַ ווייסט ניט פון קיין שנייען און פראָסט. די ערד אירע, איבער וועלכער עס שײַנט שטענדיק די זון און עס גייען אָפטע וואַרעמע רעגנס, איז זייער פּרוכטבאַר, גיט צוויי מאָל אַ יאָר גרויסע גערעטענישן פון צוקער־טראָסטניק, ווײַנטרויבן, מאַראַנצן, באַנאַנען, קאַפע, קאַקאַאָ, טאַבאַק, רײַז, קאָקאָס־ניס, קוקורוזע, קאַרטאָפל און אַנדערע קולטורן, עס בליִען דאָ אַ קײַלעכדיק יאָר די לאָנקעס, וואָס גיט אַ מעגלעכקײַט ברייט אַנטוויקלען די פיצוכט. און די וואַרעמע יאַם־וואַסערן, וועלכע רינגלען אַרום דעם פרײַהײַט־אינדזל, זײַנען רײַך מיט פיש, מיט טשערעפּאַכעס, מיט פּערל־מוטער־מושלען... שיין זײַנען די שטעט. באַזונדערס די הויפּטשטאָט האַוואַנאַ מיט אירע בלענדנדיק־ווײַסע, ווי פון צוקער אויסגעבויטע, פּילשטאָקיקע מויערן, מיט אירע שטענדיק גרינע סעדער, מיט אירע דענקמעלער.

אין יעדן האַפן, וווּ לעאָניד סאַמוילאָוויטש איז געווען, האָט ער אויסגענוצט די פרײַע צײַט אַף באַקאַנען זיך מיטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, מיט דער קולטור, מיט דער קונסט פונעם לאַנד. אין האַוואַנאַ האָט ער פאַרנייגט דעם קאָפּ בײַ דעם גראַנדיעזן דענקמאָל, פון וועלכן כאָסע מאַרטי — דער דיכטער און פירער פונעם קובינישן פאָלק — קוקט מיט פאַרליבטע אויגן אַף דער פרײַער הויפּטשטאָט. ער האָט אויך באַזוכט דאָס הויז, וווּ עס האָט געלעבט העמינגוויי, געווען אינעם באַשיידענעם אַרבעטס־קאַבינעט, וווּ דער שרײַבער האָט געשאַפן זײַנע באַרימטע ווערק.

בכלל איז לעאָניד סאַמוילאָוויטש פול מיט אײַנדרוקן. ער האָט פיל געזען. אין קאַלקוטע איז ער געווען בײַם פּרעכטיקן דענקמאָל, וועלכן דאָס אינדישע פאָלק האָט אוועקגעשטעלט אַף איינער פון די שענסטע גאַסן פון שטאָט דעם פרײַנט און פירער פון אַלע פעלקער — לענינען. אין דעלי האָט ער באַזוכט דעם רויטן פאָרט, וווּ דזשאַוואַכאַרלאַל נערו האָט אין 1947 פּראָקלאַמירט די זעלבשטענדיקײַט פונעם לאַנד, געווען אויך אַף דעם הייליקן אָרט, וווּ מע האָט קרעמירט גאַנדין. אינעם שפּאַנישן האַפן אועלפּאַ, פונוואַנען קאָלומב האָט זיך געלאָזט אַף דער שיף אין זײַן באַרימטער־

וואָרענער וועלט־רײַזע, האָט ער באַזוכט קאָלומבס דענקמאָל. אין נעאַפּאָל — דעם דענקמאָל האַריבאַלדין. אין ריאָ־דע־זשאַנײראָ איז ער געווען אויף דער קאַנאַקאַבאַן־גאַס, בײַ דעם אַרומגערינגלטן מיט הויכע פּאַלמעס ווײַסינקן הויז, אין וועלכן עס איז אין 1942, ווען עס האָט געבושעוועט דער פאַשיזם, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דער גרויסער וואָרט־מײַסטער סטעפאַן צווייג. ניט ווײַט פונעם אַרײַנגאַנג אין עגעיִשן יאַם איז ער געווען אויפן הויכן באַרג בײַם גיגאַנטישן דענקמאָל אַטאַטיורקן — דעם טערקישן פירער, וועלכער האָט געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון זײַן לאַנד און אײַנגעשטעלט פרײַנטלעכע באַציִונגען מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. אין אַמסטערדאַם האָט ער באַזוכט רעמבראַנדטס גאַלעריי, אין פּאַריזש — זיך אויפגעהויבן אויף דעם אייפעל־טורעם, געווען בײַ דער וואַנט פון די קאָמונאַרן, באַזוכט די קינסטלערישע מוזייען. ער איז געווען אויפן אינדזל קאַפּרי, דאָרט, וווּ עס האָט געלעבט און געשאַפן מאַקסים גאָרקי. אָט די אײַנדרוקן איז דאָס טײַערסטע, וואָס ער ברענגט מיט זיך פון די לאַנגדויערנדיקע רייסן, קומענדיק אַהיים.

וויניצקי געהערט צו די מענטשן פון אונדזער צײַט, וועלכע לעבן טאָג־אויס, טאָג־אײַן מיט די אינטערעסן פון זײַן פאָלק, פון זײַן לאַנד. עס גייט אים אָן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. אַלץ רירט אים, סײַ די געשעענישן אין טשילי, סײַ אין קאַמבאָדזשע, אויפן נאָענטן מיזרעך, צי אין אירלאַנד אָדער ראָדעזיע. ער האָט צו אָט די געשעענישן זײַן פּרינציפּיעלע באַציִונג, אַ באַציִונג פון אַ סאָוועטישן מענטשן, וועלכער אַכטעט יעדעס פאָלק, יעדע קולטור, וועלכער פאַרטראָגט ניט קיין שום דיסקרימינאַציע, אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע, ווען מען ס'איז דערווידער ראַסיזם, שאָוויניזם, אַנטיסעמיטיזם. פאַר די יאָרן, וואָס ער שווימט, איז ער געווען אין פיל קאַפּיטאַליסטישע לענדער, געזען דאָרט שיינע פּאַלאַצן, פּרעכטיקע מאַגאַזינען, קאָמפאָרטאַבעלע האָטעלן, אויסטערלישע קאַפעס און רעסטאָראַנען און גלײַכצײַטיק גוואַלדיקע נויט און אָרעמקײַט.

— אויף אַ סאָוועטישן מענטשן דריקן זייער אָט די קאָנטראַסטן, וווּ אייניקע לעבן אין לוקסוס און אַנדערע אין דאַכקעס, — זאָגט לעאָניד סאַמוילאָוויטש. — אין איטאַליע האָט אַן אַרבעטער, וועלכער האָט פאַריכט דעם שאָסיי, זיך געקלאָגט פאַר אונדז, אַז ער באַקומט פאַר אַ טאָג אַרבעט עטלעכע הונדערט ליר, וואָס ס'איז פיל ווייניקער, ווי דער אײַנגעשטעלטער מינימום. און די טעגלעכע האַכנאָסע פון באַלעבאָס דערגרייכט אַ מיליאָן ליר. דעם אַרבעטערס מישפּאָכע שפּײַזט זיך מיט קאַשטאַנען, וווינט אין אַ כאַלופּע, און דער באַלעבאָס — אין אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ. אין בירמער האַפנשטאָט ראַנגון האָב איך געזען הונדערטער ריקשעס מיט וועגעלעך אויף צוויי רעדער. זיי זײַנען צוגעשטאַנען צו די פאַרבײַגייער, פאָרגעלייגט צופירן פאַר גראָשנס וווּהין מע וועט נאָר הייסן, געבעטן זיך פאָשעט. אונדז האָבן זיי ניט פאָרגעלייגט, זיי ווייסן, אַז סאָוועטישע מענטשן וועלן זיך ניט זעצן אין אַ וועגעלע, אין וועלכן עס איז אײַנגעשפּאַנט אַ מענטש. דער גרעסטער טייל ריקשעס, האָט מען אונדז געזאָגט, לעבן דורכשניטלעך ניט מער פון דרײַסיק יאָר. לויפנדיק איבער די גאַסן פון שטאָט אײַנגעשפּאַנט אין די וועגעלעך, פאַלן זיי טויט פון האַרץ־שלאָגן. די הויפּטשטאָט פון בראַ־

זיליע גרויסט זיך מיט אירע פּאַלאַצן און קאָלערליי פאַרביקע וואָלקנ־קראַצערס, וועלכע באַשיינען דעם צענטער. און ניט ווײַט פון צענטער האָב איך געזען גאַסן און געסלעך, וועלכע באַשטייען דורכויס פון כור־וועס. מע לעבט דאָרט אין קאָנורעס, צונויפגעקלאַפּטע פון שטיקער פּאַניער, קאַרטאָן און פאַרזשאַווערטן בלעך. בראַזיליע פאַרמאָגט רײַכע רעסורסן פון נאַפט, גאָלד, קופּער, אײַזן, צינק. זי פאַרמאָגט קאָלאָסאַלע פּיטער־לאַנקעס, און דאָס פאָלק לעבט אָרעם, אין נויט. א גרויסער טייל הונגערט. ניט אומ־זיסט זאָגט די אָרעמקייט, אַז זייער לאַנד איז געגליכן צו א גאָלדענעם בעכער, וואָס איז אָנגעפילט מיט טרערן.

די האָרעפּאַשניקעס פון פאַרשיידענע לענדער ווײַזן ארויס א גרויסן אינטערעס צו אונדזער לאַנד, צום לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק. קימאַט אין יעדן האַפן קומען הונדערטער מענטשן צוגאַסט צו אונדז אויף דער שיף. מיר דערציילן זיי וועגן אונדזער לאַנד, ענטפערן אויף זייערע פראַגן, באַקאַ־נען זיי מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע עס ארבעטן און לעבן די סאָוועט־טישע יאַמלײַט. זיי טיילן זיך געדרן מיט זייערע אײַנדרוקן. אין מעלבורנער האַפן האָט אַן אויסטראַלישער מאַטראָס אונדז געזאָגט: „איך בין פיל יאָרן געשווומען אויף שיפן, נאָר אויף קיין איין שיף זײַנען ניט געווען אַזעלכע באַקוועמלעכקײַטן פאַרן עקיפּאַזש, ווי אויף אײַער שיף. ס'איז נאָר מעקאַנע צו זײַן". א לערער פון טאָקיאָ האָט געזאָגט: „ס'איז מיר געווען זייער אינטערעסאַנט צו באַזוכן און פאַרברענגען עטלעכע שעה אויף א טיילכעלע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. איך האָב געמאַכט זייער א סך פריידיקע אַנטדע־קונגען פאַר זיך וועגן אײַער גרויס לאַנד און וועגן אײַערע פּרעכטיקע מענטשן". אַן אָנגעשטעלטער פון סינגאַפּור: „איך בין געבליבן פּאַשעט איבעראַשט, ווען איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז איר זײַנט פונקט אַזעלכע מענטשן, ווי מיר. דערצו נאָך א סך בעסערע". אַזעלכע אָפּרופן קען מען ברענגען זייער א סאַך. אונדזערע יאַמלײַט מאַכן אויף די געסט — מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן, נאַציאָנאַליטעטן, אָנשויונגען — א גוטן אײַנדרוק מיט דער העפלעכקײַט, באַשיידנקײַט, גוטברודערישקײַט, מיט דער אכטונג צו די מינהאָגים און צו דער קולטור פון יעדן לאַנד, וווהין מיר קומען. מיט יעדן רייס דעראָבערן מיר, ווי אַלע אונדזערע שיפן מיט זייערע עקיפּאַזשן, אַלץ מער און מער פרײַנט פאַר אונדזער סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע שליסן זיך אײַן אין קאַמף פאַר פאַרפעסטיקן די פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער, פאַר פאַרהיטן דעם שאָלעם אויף דער ערד.

ס'איז שוין געווען טונקל אין דרויסן, ווען מיר זײַנען ארויס אויף דער פּאַלובע פון לעאָניד סאַמוילאָוויטשעס גרעאַמער, שיין־אויסגעשטאַטער, זייער באַקוועמער קאַיוטע. עטוואָס רעכטס אין יאַם, גאַנץ ווײַטלעך פונעם ברעג, האָבן אין דער אָוונטיקער בלויקײַט שעמערירט, געפינקלט, אונ־טערגעפינטלט פײַערלעך פון א פינף־זעקס שיפן, וועלכע זײַנען געשטאַנען פאַראַנקערט אַפן רעיד.

— איר האָט געהאַט געפרעגט, וואָס איז דאָס שווערסטע פאַר א מענטשן פון יאַם, פאַר א מאַריאַק, — האָט זיך אָנגערופן לעאָניד סאַמוילאָוויטש, —

אָט דאָס... — האָט ער אַ וויַיז געטאָן אין דער ריכטונג צו די איינזאַמע פֿיַיערלעך, — שטיין לעבן דעם אייגענעם ברעג און וואַרטן, ביז עס וועט זיך באַפריַיען אַן אָרט אין האַפן, ביז מע וועט ענדלעך דערלויבן זיך צושוואַרטעווען צום פּריטשאַל. דעם צענטראַלן האַפן האָט מען פֿאַרברייטערט, אויסגעבויט נאָך אַ קאָלאָסאַלן האַפן דערביַי, אין איליטשאָווסק, און די פּריטשאַלן זיַינען סיַיווי איבערגעלאָדן. שיפֿן קומען אָן זייער אַ סאַך. פּונוואַנען איר ווילט. און די האַפֿנס קאָנען שוין אַזוי־פֿיל ניט אויפֿנעמען. עס טרעפֿט, אַז עס קומט אויס אָט ווי יענע, — האָט ער אַ וויַיז געטאָן אַפֿן רעיד, — שטיין אַ טאָג און צוויי און אַפֿילע דריַי, אויב ניט מער... איר שטעלט זיך פֿאָר די איבערלעבונגען? געפֿינענדיק זיך כאַ־דאָשימלאַנג אין רייס, האָט יעדערער געטרוימט וועגן אָט דער גליקלעכער מינוט. ווען מיר קערן זיך שוין אום און די שיף לאָזט איבער הינטער זיך דעם באָספֿאָר, שלאָפֿט שוין קיינער ניט. מע גרייט זיך צו דער באַגעגעניש מיט די ליבע און נאָענטע. מיט יעדער שאָ, וואָס מע דערנענטערט זיך צו דער היים־ערד, ווערט מען אַלץ אומרויִקער. און ווען אַפֿן האָריזאָנט באַוויַיזט זיך דער אייגענער ברעג, צאַפּלט שוין דאָס האַרץ. און אָט, מע איז עטלעכע מיַיל פֿונעם האַפֿן, פֿון דער היים, פֿון דער פֿרוי, פֿון די קינדער, פֿון די עלטערן, פֿון דער מישפּאָכע, וועלכע וואַרט, קוקט אַרויס אויף דיר, און דו מוזט זיך אָנעמען מיט אומענטשלעכן געדולד, שטיין אַפֿן רעיד, ביז מע וועט דערלויבן זיך צושוואַרטעווען צו אַ פּריטשאַל. עמעס, באַ דער באַגעגעניש נאָכדעם איז די פֿרייד נאָך גרעסער.

יעדע שטאָט האָט זיך איר קאָלאָריט, איר געשיכטע, איר ריטם, אירע פּראָפֿעסיעס. באַזונדערס טיילט זיך מיט דעם אויס די דאָרעם־שטאָט אָדעס, וועלכע האָט פֿאַר די הונדערט אַכציק יאָר פֿון איר עקזיסטענץ זיך פֿאַנאַנדערגעבויט אויף העכער פֿערציק קילאָמעטער לענגאויס די ברעגן פֿונעם שוואַרצן יאַם. יעדער דריטער איַינוווינער פֿון דער זוניקער האַפֿן־שטאָט מיט קימאַט אַ מיליאָניקער באַפֿעלקערונג איז פֿאַרבונדן מיטן יאַם.

דער צעניאָריקער יורי וויניצקי האָט אויך אַ שיַיכעס צום יאַם. און נאָך וואָס פֿאַר אַ שיַיכעס! ערשטנס, האָט דער טאַטע געדינט אויף אַ קרייסער, אויף אַן אונטערוואַסער־שיפֿל, געווען אי אַ מאַטראָס, אי אַ שטורמאַן, אי אַן עלטסטער געהילפֿס־קאַפּיטאַן, און איצט אַליין אַ קאַפּיטאַן פֿון וויַיטע יאַם־רייסן; צווייטנס, דינט דער עלטערער ברודער, סאַשע, שוין צוויי יאָר אויף אַ מיליטער־שיף, און ער אַליין, יורי, שווימט שוין אויך אַפֿילע זעלבשטענדיק אויף אַ קליין זעגל־שיפֿל אין דער בוכטע פֿונעם אָדעסער יאַכט־קלוב, טרענירט זיך דאָרטן, טרוימט צו זיַין אַ מאַטראָס.

יורי לערנט זיך אין דריטן קלאַס. מיטן איידעלן געזיכט און בלויע אויגן איז ער ענלעך אויף דער מאַמען. נאָר דער כאַראַקטער איז באַ אים דעם טאַטנס. ענערגיש, באַוועגלעך, וויל אַלץ וויסן, וויל אַלץ טאָן מיט די אייגענע הענט. לייענט אַ סאַך. דעריקער וועגן יאַם, וועגן דער אונטערוואַסער־וועלט, וועגן די פֿאַרשיידענע יאַם־כיַיעס. ער רייַזט אַרום אויף זיַין אויסגעטרוימטער שיף איבער די בלויע וואַסערן פֿון אַלע יאַמען און אָקעאַנען,

ווייסט קימאַט אַלע האַפּנס פון דער וועלט און דעם סאַמע נאָענטסטן וועג צו יעדערן פון זיי. יעדעס מאָל, ווען עס קומט אָן אַ ראַדיאָ־טעלעגראַמע פונעם טאַטן, געפינט ער באַלד לויט די אָנגעוויזענע קאָאָרדינאַטן אויף דער גרויסער יאַם־מאַפּע, וועלכע העגנט אינעם ליכטיקן צימער אויף דער וואַנט, דאָס אָרט, וווּ דער טאַנקער, אויף וועלכן דער טאַטע שווימט, האָט זיך געפונען אין דעם מאָמענט, ווען די ראַדיאָ־טעלעגראַמע איז געשיקט געוואָרן.

יורי ווייסט שוין פיל, האָט ליב צו פאַרגעבן פראַגן און אַליין ענטפערן, דערציילן.

אַנומלטן האָב איך געטראָפן אים איבער אַ בוך וועגן דעם לעבן פון די אָקעאַן־באַשעפענישן. ער איז זייער פאַרטאָן געווען אין לייענען. ערשט שפּעטער אַ ביסל, ווען ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער, ווי אַנטשולדיקנדיק זיך, אַ שמייכל געטאָן, זיך באַגריסט און, אַן אויפגעלעבטער, גלייך זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פראַגע:

— וויפל עס וועגט דאָס האַרץ פון אַ וואַלפיש, ווייסט איר?

אַוואַדע האָב איך געוווּסט. וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכעס צו וואַלפיש, האָבן מיר דערציילט די קיטאָבאָיצעס, בעשאַס איך בין געווען אויף דער שיף־באַזע פון זייער פלאָטיליע. נאָר איך האָב ניט געוואָלט פאַרשטערן יורין דעם פאַרגעניגן פון דערציילן און אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, וואָס האָט געדאַרפט באַטייטן, אַז איך ווייס ניט.

— זיבן הונדערט קילאָגראַם, — האָט ער צופרידן אויסגערופן, — און איך וועג פינף און דרייסיק. דאָס האַרץ פון איין וואַלפיש וועגט אין צוואַנציק מאָל מער פון מיר. אַהאַ, נישקאָשע פון אַ הערצעלע! און וויפל וועגט די צונג בא אַ וואַלפיש?

איך טו ווידער אַ קנייטש מיט די אַקסל.

— איר ווייסט טאַקע ניט? — קוקט ער מיך אָן מיט פאַרוווּנדערונג. — הונדערט און אַכציק פּוד. אַזאַ גרויסע צונג — און ריידן קאָן ער ניט, — צעלאַכט ער זיך. — און וויפל די לעבער? — און שוין ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, רופט ער אויס מיט היספּײַלעס: — דרייַ הונדערט זעכציק פּוד! אַזויפיל ווי די לעבערס פון צוויי טויזנט פינף הונדערט קי. און מיט וואָס שפּײַזט זיך אַ וואַלפיש? איר ווייסט ניט, ניין? מיט פיצינקע ראַטשקעלעך, שוואַרץ־אייגעלעך הייסן זיי, פאַר איין מאָל שלינגט ער אײַן הונדערט צוואַנציק פּוד ראַטשקעלעך, אָט וואָס פאַר אַ פרעסער דאָס איז, האַ? און בא וועמען, זאָגט, איז בעסער אַנטוויקלט דאָס געהער, בא אַ מענטשן, צי בא אַ וואַלפיש?

— מיסטאַמע בא אַ מענטשן, — גיב איך בעקיוון אַ זאָג.

— ניין, דאַפקע ניט! בא אַ וואַלפיש. אַ וואַלפיש הערט אויף אַ שטרעקע פון העכער זיבן קילאָמעטער, אַזוי ווי פון אונדזער שטוב ביז אַרקאַדיע. און אין וועלכן יאַם איז דורכזיכטיקער דאָס וואַסער — אין מיטללענדישן, צי אין אַזאָווער? — פאַרגיט ער מיר ווידער אַ פראַגע, אויף וועלכער איך קאָן טאַקע ניט ענטפערן. איך ווייס פאַשעט ניט.

— אין אַזאָווער יאַם איז דאָס וואַסער דורכזיכטיק אויף דרײַ מעטער, און אין מיטללענדישן — אויף נײַן און פופציק מעטער, — דערקלערט ער מיר.

ווער ווייסט, וויפל פראגן וואָלט יורי מיר נאָך פארגעבן, ווען עס קומט ניט אריַין זיַין מאמע.

— ער האָט איַיך שוין מיסטאמע פארמאטערט מיט זיַינע פראגן, — האָט וואלענטינא קאָנסטאנטינאָוונא שמייכלענדיק זיך אָנגערופן, צוזעצנדיק זיך אַף דער טאכטא לעבן יורין, — און איך האָב זיך פארהאלטן א ביסל צוליב דעם געבעקס, איך גרייט א פּאָסילקעלע סאשען.

סאשע איז דער עלטערער זון. זיַין פּאָטאָ הענגט אנטקעגן אַף דער וואנט. פון איר קוקט אראָפּ א שווארצכיינעוודיקער שיינער באָכער אין א טעלניאשקע. דעם טאטנס אויגן. דעם טאטנס שמייכל. דעם טאטנס באשיידנ־קיַיט. סאשע איז שוין לאנג פון דער היים. ווען ער האָט פארענדיקט די שול, האָט ער באשטימט גיין מיטן וועג פון זיַין טאטן. שוין צוויי יאָר, ווי ער דינט אַף א מיליטער־שיף אין שטילן אָקעאן. ס׳קומען פון אים אָן גוטע בריוו. ער האָט ליב באקומען דעם אָקעאן, טרוימט נאָכן פארענדיקן די דינסט אָנקומען אין אָדעסער אָדער לענינגראדער יאם־אינסטיטוט.

— סאשען אונדזערן ציט שוין פון לאנג צו די יאם־ראכוועסן, — רופט זיך אָן מיט צופרידנקיַיט וואלענטינא קאָנסטאנטינאָוונא, — דער יאם העלפט מיט אויספורעמען א שטארקן כאראקטער. א „מאָריאק״ איז א געטריַיער מאַן, א גוטער זון, אַן איבערגעגעבענער טאטע. א מענטש, וועלכער האָט ניט מוירע פאר שוועריקיַיטן.

וואלענטינא קאָנסטאנטינאָוונען, זע איך, געפעלט עס, ס׳איז איר צום הארצן. און מיך האָט עס, דעם עמעס געזאָגט, אפילע עטוואָס פאר־וואונדערט. ווער־ווער, נאָר זי ווייסט דאָך זייער וויל, וואָס הייסט זיַין א מאָריאק. וואָס פאר א ניט־גרינג לעבן ס׳איז ניט נאָר פאר אים, נאָר אויך פאר זיַינע ליבע און נאָענטע... פאר די העכער צוואנציק יאָר, וואָס זיי האָבן כאסענע געהאט, זיַינען זיי דאָך זייער ווייניק געווען צוזאמען. קורצע באגעגענישן און לאנגע, זייער לאנגע כאדאָשים פון צעשיידונג, פון אומ־רויקןווארטן אַף דעם געבענטשטן טאָג, ווען עס וועט זיך וויַיזן אפן האָ־ריזאָנט זיַין שיף, ווען ער וועט זיך אומקערן פונעם רייס אהיים כאָטש אַף עטלעכע טעג. און נאָך אָט די גליקלעכע טעג גייט זי דאָך ווידער מיט א פארקלעמט הארץ באגלייטן אים. און ווען זי קערט זיך נאָכדעם אום, — ווייס איך דאָך, — זעט איר אויס די שטוב אומהיימלעך, זי געפינט זיך קיין אָרט ניט. ער פעלט איר. יעדע מינוט, יעדע רעגע. ער, זיַין שטים, זיַינע וויצן, זיַין פריילעך געלעכטער, זיַין שוויַיגן, דער רויך פון זיַינע סיגאַ־רעטן... און יעדן אָוונט שוין, אין מעשעך פון זייער לאנגע כאדאָשים, ווען זי לייגט זיך שלאָפן, טראכט זי אין זיך, אינדערשטיל: „ווו איז איצט ליאָ־ניע?״ און יעדן פארטאָג כאפּט זי זיך אוף מיטן געדאנק: „ווו איז ער איצט?״ און עס טרעפט, עס גייט דורך א היפּשע ציַיט און ס׳איז פון אים קיין שום יעדיִע ניטאָ. יורי זוכט אים אַף דער גרויסער יאם־מאפּע, וועלכע הענגט אַף דער וואנט, און קאָן אים ניט געפינען. „פארוואָס ראדירט ניט דער טאטע, פארוואָס גיט ער ניט צו וויסן זיַינע קאָאָרדינאטן?״ — האָט ער טיַינעס צו איר, צו דער מאמען. און זי נעמט אריַין אין מויל אומבאמערקט א טאבלעטקע וואלידאָל און בארויִקט יורין, אז עס וועט אָנקומען „עפּשער נאָך היַינט, אויב ניט, איז מאָרגן, אָט וועסטו זען, טיַיערינקער מיַינער״. זי

סטארעט זיך אויך באַרויִקן דעם פאַרזאָרגטן זיידן — שמועל וויניצקין. נאָר זי אַליין שלאָפט שוין ניט די נעכט...

וויפל איז דער שיר זײַן צעשיידט, — גיב איך א טראַכט, — צי איז דען ניט לײַכטער לעבן צוזאַמען מיט דער מישפּאָכע בא זיך אין דער געמיטלעכער וווילאויסגעשטאַטער דירע, באַנוצן זיך מיט דעם אַלעמען, וואָס איז אין מעשעך פון פיל יאָרן דעראָבערט געוואָרן, באַגעגענען צוזאַמען נײַ־יאָר, פאַרברענגען אײנײנעם אין די יאָמטויווים־טעג, ווי דער גרעסטער טייל מענטשן אויף דער וועלט... קײנער צווינגט דאָך אים ניט, לעאָניד סאַמוילאָוויטשן, שווימען. ס׳איז דאָך לאַכלוטן א פרײַוויליקע זאַך. בא זײַן הויכער ספּעציאַליטעט און אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט וואָלט ער דאָך געקענט פאַרנעמען זייער א וויכטיקע שטעלע אין דער האַפן־אַדמיניסטראַציע. איך האָב געפּרוווט א פרעג טאָן בא איר, ווי קוקט זי אויף דעם.

— וואָס רעדט איר? ער קאָן דען לעבן אָן דעם יאַם?! — האָט זי פאַרווונדערט מיך אָנגעקוקט. — דער יאַם איז דאָך זײַן באַרוף, זײַן סטיכיי. ער קאָן ניט אָן דעם. איר וואָלט פאָרגעלייגט א בעזעמעס טאַלאַנטפולן אַקטיאָר, ער זאָל ניט שפּילן אויף דער בינע, ווײַל דאָס פאָדערט פיל געזונט, ענערגיע, און אָנשטאָט דעם זאָל ער פאַרנעמען א שטעלע פון א טעאַטראַלן אַדמיניסטראַטאָר און זיצן אין א געמיטלעכן קאַבינעט? דער, וואָס האָט פאַרבונדן זײַן לעבן מיטן יאַם, קאָן שוין ניט רויִק זיצן אויף דער יאַבאָשע. דער יאַם ציט אים, רופט. אוואַדע איז צעשיידט זײַן כאַדאָשימלאַנג ניט גרינג. זייער ניט גרינג. נאָר דערפאַר, — לויכט זי אויף, — זײַנען באַזונדערס פריידיק און פאַרגעניגנדיק די גליקלעכע טעג, ווען מיר זײַנען צוזאַמען. דאָס זײַנען די טײַערסטע טעג בא מיר, בא אים, בא דער מישפּאָכע...

אויף אָט די רייד איז, אָן אויפגעלעבטער, מיט א גרויסן בוקעט פון ווײַסע און רויטע כריזאַנטעמעס אין האַנט, אַרײַנגעקומען לעאָניד סאַמוילאָוויטש. די פריש־שמעקנדיקע קווייטן האָט ער אונטערגעטראָגן דער עטוואָס בלאַס־געוואָרענער פרוי, און א קוש געבנדיק זי, געמאָלדן, אַז איבערמאָרגן, דעם אַכצעטן נאָיאַבער, זעקס אַזייגער אָוונט פאַרלאָזט דער טאַנקער „מעכאַניק אַפאַנאַסיעוו" דעם אָדעסער האַפן. זיי גייען אוועק אין רייס.

דעם אַכצעטן נאָיאַבער, צוזאַמען מיט וואַלענטינאַ קאָנסטאַנטינאָוונען, יורין און שמועל וויניצקין, בין איך געקומען אין האַפן באַגלייטן לעאָניד סאַמוילאָוויטשן. געזעגענען זיך מיט אים זײַנען געקומען פיל כאַווײרים. יאַמלײַט, אינזשעניערן, געוועזענע מיליטער־לײַט — ייִדן, רוסן, אוקראַיִנער, גוטעפרײַנט זײַנע. ווי עס טרעפט אָפט אין אָדעס אין אָט דער צײַט, איז געשטאַנען א שיינער, וואַרעמער טאָג. אָפּשפּיגלענדיק זיך אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון, האָט דער יאַם שטיל זיך איבערגעגאָסן אין אָראַנזשעווע, גרינבלעכע, בלוילעכע, אין קאָלערליי דינסטע פאַרבן. אין האַפן איז, ווי שטענדיק, געווען טומלדיק. שיפן זײַנען געקומען, און שיפן זײַנען אוועקגעגאַנגען. עס איז שוין געשטאַנען גרייט צום אָפּשווימען אויך דער טאַנקער „מעכאַניק אַפאַנאַסיעוו". אין זײַן יאַם־אוניפאָרם האָט לײַכט זיך

אראָפּגעלאָזט מיטן טראַפּ לעאָניד סאַמוילאָוויטש, זיך געזעגנט מיטן טאַטן, מיטן זונעלע, מיט אַלע איבעריקע, וועלכע זײַנען אים געקומען באַגלייטן, און צום לעצטן מיט דער פרוי. „ליאָניע, אַף ווי לאַנג?״ — האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן. און ער האָט, ווי שטענדיק, אויך איצט ניט געקאָנט איר ענטפערן אַף איר פראַגע. ער האָט אַליין ניט געוווּסט. דאָס וועט שוין זײַן אָפּהענגיק פון פאַרשיידענע אומשטענדן, אָפּטמאָל לאַכלוטן ניט פאָרויסגעזעענע. איצט גייען זיי דערווײַל קיין נעאַפּאָל, פון דאָרט מיסטאָמע אין פערסישן אײַנגוס, נאָכדעם קיין קובאַ, עפּשער צוריק אין פערסישן אײַנגוס און עפּשער קיין אינדיע אָדער יאַפּאָניע און, מעגלעך, קיין וויעטנאַם... ער קען דאָך איר ניט זאָגן דערווײַל מער, ווי ער ווייסט. זי פאַרשטייט אים, סטאַרעט זיך האַלטן רויִק, שמייכלט אַפילע, און ביגנייווע, ער זאָל ניט באַמערקן, גיט זי אַ וויש אויס מיטן טיכעלע דאָס אויג...

לעאָניד סאַמוילאָוויטש וויניצקי הייבט זיך אויף צוריק אַפן טאַנקער, קוקט זיך אום, גיט אַ פאָכע מיט דער האַנט און פאַרשווינדט. אין עטלעכע מינוט אַרום דערטראָגט זיך אַ שטאַרק גערויש, ווי דאָס וואַסער אין יאַם וואָלט אופגעזאָדן. דער טאַנקער הייבט אָן פּאַמעלעך אָפּגיין פון פּריטשאַל. אַ שווער אָנגעלאָדענער, געפינט זיך זײַן קאָרפּוס אַף צוויי דריטל אין וואַסער, און דאָך זעט ער אויס זייער הויך. ניט געײַלט קלײַבט זיך דורך דער טאַנקער צווישן די דערבײַיִקע שיפן, נעמט צוביסלעך פאַרגיכערן דעם גאַנג. קלאָר־ווײַסע מעוועס, וועלכע שוועבן איבערן וואַסער, לאָזן זיך נאָך דער אָפּגייענדיקער שיף, פאָכען גרויסאַרטיק מיט די פליגלען, באַגלייטן זי.

מיר זײַנען נאָך היפּש געשטאַנען אין טומלדיקן האַפן, נאָכגעקוקט דעם אַלץ מער זיך דערווײַטערנדיקן טאַנקער, ביז ער איז ניט פאַרשוווּנדן הינטערן בלוילעכן האָריזאָנט.

— אַ גליקלעכן וועג דיר, קאַפּיטאַן! אַ גליקלעכן וועג אײַך, יאַמלײַט!
— צום ווידערזען אָט דאָ אַף דער היימישער ערד!

אינהאלט

די געשיכטע פון א ליבע (ראָמאן) 5
דערציילונגען און פארצייכענונגען . . . 111
באנאכט אף פאשע 113
דער לעצטער 126
אין דער זאווערוכע 134
אנטאָני, ביסענטי און ערינגאָ . 142
עסטער 149
כאנוקאס־האבאיס 157
באם יאם 163
געוועזן איז עס אין כוידעש יון . 169
ליִעס גוירל 194
אונטערן עפּלבוים 206
א באגעגעניש 215
איר זײַט דאָך שכיינים . . . 223
אָט וואָס ס׳איז נאָך פארבליבן פונעם אמאָל... 238
יעפים ארנאָלדאָוויטש 244
די שילער האָבן געשפּילט א מארש... 251
יאם און הימל, הימל און יאם . 258

נאָטע לוריע

יאם און הימל

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1978, 288 זײַטן. ארויסלאָז־פּלאַן פון 1978 י. נומ. 238. קינסטלער וו. לעווינסאָן. רעדאקטאָר ש. גאָרדאָן. קינסטלערישער רעדאקטאָר נ. לאוורענטיעוו. טעכנישער רעדאקטאָר אי. מינסקאיא. קאָרעקטאָר א. סטרעלניק.

אינפאָרמאציע־ביולעטען נומ. 1241

אָפּגעגעבן אין זאץ 16.12.77. אונטערגעשריבן צום דרוק 12.06.78. פאָרמאט 1/32 108×84. טיפּאָגראפיש פאפיר נומ. 1 הויכדרוק. באדינגלעכע דרוקבויגן 15,12. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 17,82. טיראזש 2 400 עקז. באשטעלונג נומ. 1943. פּרײַז 1 רוב. 40 קאָפּ. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״. מאָסקווע 69־Г, וואָראָווסקי־גאס, הויז נומ. 11. באלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוציִא״ פונעם „סאָיוזפּאָליגראפפּראָם״ באם מעלוכישן קאָמיטעט פונעם מיניסטאָרן־ראט פון פססר איבער די איניאָנים פונעם פארלאג־וועזן, פּאָליגראפיע און ביכער־האנדל. מאָסקווע 19־Г, אקסאקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.

Натан Михайлович Лурье

ЛИШЬ МОРЕ ДА НЕБО

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1978, 288 стр. План выпуска 1978 г. № 238. Художник В. И. Левинсон. Редактор С. В. Гордон. Худож. редактор Н. С. Лаврентьев. Техн. редактор И. М. Минская. Корректор А. Б. Стрельник

ИБ. № 1241

Сдано в набор 16.12.77. Подписано к печати 12.06.78. Формат 84×108 1/32. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 15,12. Уч.-изд. л. 17,82. Тираж 2400. Заказ № 1943. Цена 1 р. 40 к. Издательство «Советский писатель», Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.